STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06732

IN TOKH GENUMEN

Jacob Glatstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין תוך געגומען

אין תוך גענומען

עסייען 1956-1948

פון

יעקב גלאַטשטיין

אַרויסגעגעבן פון

פאַרלאַג פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

1956 ניו-יאָרק תשט״ז

IN TOKH GENUMEN

Sum and Substance

Essays 1948-1956

By JACOB GLATSTEIN

Copyright 1956 *by*
FARBAND BOOK PUBLISHING ASSOCIATION, INC.
45 East 17th Street, New York 3, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיט גרויס צופרידנהייט ברענגען מיר אַ ניי בוך צום אידישן לייענער — „אין תוך גענומען” פון אונזער ליבן דיכטער און עסייאיסט, יעקב גלאַטשטיין.

עס איז פאַר אונז אַ באַזונדערע באַפרידיקונג דאָס בוך צו קענען אַרויסגעבן לכבוד יעקב גלאַטשטיינ׳ס 60־יאָריקן יובל, וואָס די אידישע ליטעראַרישע וועלט פייערט היינטיקס יאָר.

דאָס ערשטע בוך „אין תוך גענומען”, עסייען וועגן ליטעראַטור און ליטעראַרישע ענינים, איז דערשינען אין יאָר 1947. דאָס איז געווען אַ זאַמלונג פון ליטעראַרישע אַרבעטן וואָס אונזער חשובער דיכטער האָט געשריבן אין משך פון צוויי יאָר (1945־47). די אַרבעטן זיינען געווען געדרוקט אין „אידישער קעמפער”.

די שאַפונגען וואָס גייען אַריין אין דעם איצטיקן בוך זיינען אַ פאַרזיכטיקער אָפקלייב פון עסייען, געשריבן פון יעקב גלאַטשטיין אין די יאָרן 1948־1956.

פון העכער 400 ליטעראַרישע עסייען האָט דער דיכטער אויסגעקליבן בלויז עטלעכע זעכציק, וועגן 57 אידיש־ליטעראַרישע פיגורן.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 4 אָפּטיילונגען. אין דער ערשטער און צווייטער אָפּטיילונג גייען אַריין אונזערע קלאַסיקער און נעאָ־קלאַסיקער, די וואָס זיינען שוין, ליידער, נישט מיט אונז, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ גרויסן אוצר פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

אין דער דריטער אָפּטיילונג קומען אונזערע לעבעדיקע פּאָעטן, וואָס באַרייכערן די אידישע ליטעראַטור מיט זייערע פּאָעטישע שאַפונגען.

אין דער פערטער אָפּטיילונג קומען אונזערע פּראָזע־קינסטלער.

דער „פאַרבאַנד ביכער פאַרלאַג” איז שטאָלץ וואָס ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו ברענגען פאַרן אידישן לייענער אַזאַ וויכטיק

ליטעראַריש ווערק, צו דער געלעגנהייט פון 60־יאָריקן יובל פון אונזער דיכטער.

דער „פאַרבאַנד ביכער פאַרלאַג״ דריקט אוים ביי דער געלעגנהייט די טיפסטע אָנערקענונג צו די חברים און פריינט, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם יובל־קאָמיטעט און מעגלעך געמאַכט אַז דאָס בוך זאָל קענען ארויסגעגעבן ווערן, אויף אַזאַ שיינעם אופן, צו דער וויכטיקער יובל־געלעגנהייט פון מחבר.

אויף אַ באַזונדער זייט פון בוך דערשיינט אַ רשימה פון די ערן־מיטגלידער פון יעקב גלאַטשטיין יובל־קאָמיטעט. זיי אַלעמען דריקן מיר אוים אונזער טיפסטן דאַנק און הארציקע אָנערקענונג פאַר זייער קאָאָפּעראַציע און מיטהילף.

דעם ליבן דיכטער און עסייאיסט יעקב גלאַטשטיין באַגריסן מיר הארציק, צו זיין 60־יאָריקן יובל, און מיר ווינטשן אים צו קענען נאָך פילע יאָרן פאָרזעצן זיינע גייסטרייכע שאַפונגען און באַרייכערן אונ־זער אידישע ליטעראַטור מיט גרוים כבוד, ווי ער האָט עס געטאָן אין פאַרלויף פון העכער 40 יאָר.

יעקב גלאַטשטיינ׳ס שאַפונגען האָבן אונזער חשובן דיכטער אוועקגעשטעלט צווישן די גייסטרייכסטע וואָס די אידישע ליטעראַ־טור פאַרמאָגט. ער איז אַ דיכטער צו וועמען ברייטע שיכטן פון אונ־זער פאָלק האָבן די טיפסטע געפילן פון שטאָלץ און ליבע.

פאַרלאַג פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו־יאָרק, יולי, 1956.

די פולע אידישע חושים מיינע,
וואָס טאַטע־מאַמע

יצחק און ייטע־רחל

האָבן אין מיר טאָג־טעגלעך גע־
שאַרפט און געאיידלט, דורך די
ערשטע זיבעצן יאָר פון מיין
לעבן, אין דער הייליקער שטאָט
לובלין — איז דאָס דאָזיקע בוך
געווידמעט.

1

מענדעלע מוכר ספרים

י. ל. פרץ

דוד עדעלשטאַט

א. ליעסין

אברהם רייזען

יהואש

פרץ הירשביין

לאַמעד שאַפּיראָ

בעל מחשבות

ש. גאָרעליק

ש. ניגער

מענדעלע מוכר־ספרים

צו מענדעלע'ס הונדערטסטן געבוירנטאָג האָט ש. ניגער פאַרעפֿנטלעכט זיינס אַן אַרטיקל מיטן פייערלעכן אויסרוף: „לאָמיר איצט לכבוד זיין 100סטן געבוירנטאָג לערנען אַ בלאַט מענדעלע מוכר ספרים". אַז מען דאַרף מענדעלע'ן נישט נאָר לייענען נאָר אויך לערנען, האָבן נאָך זיינע אייניקלעך געוואוסט און פאַרשטאַנען מיט יאָרן צוריק. זיי האָבן זיך גלייך באַצויגן צו זיינע ביכער ווי צו ספרים. נאָך אין 1910 האָט ח. טשעמערינסקי אויך פאַרעפֿנטלעכט זיינס אַן אַרטיקל וועגן „אידישע גראַמאַטיק ביי מענדעלע'ן", מיט די דאָזיקע ווערטער: „די אונטערשטע שורה איז, ר' מענדעלע'ן דאַרף מען כסדר לייענען, חזרן, לערנען, שטודירן. זיין תורה איז אָן אַ גרונט". מענדעלע'ן האָט מען, הייסט עס, נאָך אין 1910 ניט נאָר געלייענט, נאָר געלערנט. מ'האָט נאָך דעמאָלט אויפגעדעקט אין אים דעם סינטעז צווישן בוך און ספר. מ'האָט אין מענדעלע'ן געזען דעם גרויסן פשרה־מאַכער, ווייל ער האָט אויף אַ קינסטלעריש־באַוואוסטזיניקן אופן זיך אונטערגענומען דורכצוטראָגן אויף זיינע אייגענע פּלייצעס גאָר אַ סך פשרות און ער האָט עס דורכגעפירט מיט אַ זעלטענער שלימות. ס'איז כדאי צו געדענקען, אַז מענדעלע איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מענטש. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין דער דייטשער ליטעראַטור, און ער האָט אויך גוט געקענט די וועלט ליטעראַטור אין איבערזעצונגען. נישט געקומט אויף די התנצלות'דיקע אָנשטעלן וואָס ער האָט געמאַכט, ווען ער האָט זיך אַליין אַריינגעטריבן אין אַ משכיל'ישער שטימונג, בנוגע דער שפּל'ער ראָלע פון אַ אידישן שרייבער, האָט ער אויף זיך פונדעסטוועגן געקוקט ווי אויף אַ קינסטלער. אַז מ'לייענט מענדעלע'ן און מ'לייענט זכרונות וועגן מענדעלע'ן, פון שרייבער וואָס האָבן אים גוט געקענט און וואָס זייער האַרץ האָט געצויגן צום זיידן, זעט מען גלייך, אַז דער זיידע האָט געהאַט גאָר גרויסע קינסטלערישע אַמביציעס. אין זיין צווייטער פּעריאָדע, ווען ער איז איבערגעגאַנגען פון אויפקלערונג צו ריינע קינסטלערישע ווערק, האָט ער דערהויבן זיין ראָלע ווי אַ סופר בישראל. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון גערדאַנק דעם טראָפּ אויף דעם „בישראל": ער האָט געשפּירט אַז ער האָט אַ העכערע אחריות און אַז ער איז אייגנטלעך אַ רינג אין דער גרויסער קייט פון אונזער טראַדיציע.

אַ סך פון אונז זיינען געניגט אָנצוהויבן פון מענדעלע׳ן אָבער מענדעלע אַליין האָט ניט אָנגעהויבן פון מענדעלע׳ן. ער האָט אָנגעהויבן פון העט־פריער, און ער האָט געזוכט זיך אַריינצוגלידערן אין דעם גרויסן ספר אונזערן, וואָס שרייבט זיך שוין כמה וכמה יאָרן. אינטערעסאַנט איז אַז מענדעלע איז געווען זייער סענסיטיוו, ווען מ׳האָט אָנגערירט זיילן פון אונזער רייכער ירושה. ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס פאַרדאַכט צו ביבל קריטיק, און ער איז באַשטאַנען דערויף, אַז מען טאָר דעם גרויסן, גאַנצן אידישן בנין ניט טשעפּן. „טשעפּעט ניט די גמרא״, האָט ער אַמאָל געשריבן, ווען אַ שרייבער האָט געוואָגט זיך צו באַציען מיט אַביסל קריטיק צו אונזער ים התלמוד. מען טאָר די גמרא ניט אָנרירן, „מחמת מיט דעם אָטעמען די אידן״. אַזוי האָט ער געשריבן — און מיר דאַכט אַז ער האָט דעם גמרא־אָטעם אויפגעהיט אין זיינע ווערק. פאַראַן אַ גמרא׳דיקע צעוואָרפנקייט אין זיין אַרט שרייבן, אַן אַלט אידי־שער אַרט שרייב־דענקען, און דערפאַר האָבן זיינע אייניקלעך זיך גלייך גע־כאַפּט אַז דאָס איז שטאָף צום לערנען און שטודירן.

ביי מענדעלע׳ן איז זיין אייגענע ראָלע פון פּשרה־מאַכער צווישן אונזער טראַדיציע און נייע קונסט מעטאָדן נישט געווען קיין צופאַל, ווי ס׳איז קיין זאך ביי דעם דאָזיקן גרויסן, קינסטלערישן מעטאָדיקער ניט געווען קיין צופאַל. ער האָט זיין אייגענעם דרך קלאָר אויסגעקליבן און ער האָט געוואוסט אַז ער שפּינט ווייטער דעם פאָדעם פון אונזער שאַפן. ער האָט עס געוואָלט טאָן פאַר׳־עקשנ׳טערהייט אויף אַ טראַדיציאָנעלן אידישן שטייגער. ער האָט געזוכט אַ וועג צו דער וועלט־קונסט דורך דעם אייגנאַרטיקן אופן פון אידישן אויסדרוק.

זיין „קיצור מסעות בנימין השלישי״ האָט מען אַמאָל אָנגענומען ווי אַ פאַר־אידישונג פון דעם סערוואַנטעס טעקסט, אָבער דאָס איז געווען אַ בלבול אויף דעם קינסטלער מענדעלע, וואָס האָט זיך מיט דעם טעקסט באַנוצט ווי מיט אַן אויסטערלישן און אויסערלעכן לבוש, ווי מ׳באַניצט זיך מיט מיטאָלאָגיע, אָדער מיט אַ מעלאָדיע פאַר וואַריאַציעס. גראָד אַזאַ ווערק ווי די „מסעות״ ווייזט אונז, וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיין אידיש־וועלטלעכקייט. אָט, כלומרשט געבאָרגט ביי זיי אַ פאַרטיקע זאַך, אָבער ער האָט עס איבערגעבויט ווי שעקספּיר האָט איבערגעבויט פאַרטיקע זאַכן. כ׳האַלט אַז אין אַ העכערן זין האָט מענדעלע כסדר געהאַט פאַר די אויגן דעם בנין פון תלמוד, און ער האָט אים סטיליזירט און אים פּאָעטיזירט אויף אידיש, פּונקט ווי ער האָט שפּעטער גענומען אונזער אידיש און אים אַריינגעג׳גנב׳עט אין העברעאיש. ניט אומזיסט דערציילט אונז ספּעקטאָר, אַז ביי מענדעלע׳ן אויפן טיש זיינען שטענדיק געלעגן אַ מדרש, אַ ש״ס׳ל, אַ תנכ׳ל. דאָס אַלץ האָט ער נישט גע־האַלטן לשם דעקאָראַציע, און נישט אפילו פאַר אינספּיראַציע, נאָר ווי אַ באַ־

וואָרעניש, אַז פון דעם אידישן דרך טאָר ער זיך נישט לאָזן אַראָפּשלאָגן און אַז יעדער שורה וואָס ער שרייבט און לייטערט, דאַרף דורכגיין די לייטערונג־פּראָצעסן פון אַלץ וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין יוגנט. ער האָט געזוכט אַ ספּעציעלן אידישן סטיל פאַר אידישער וועלטלעכקייט, און ער האָט עס געפונען אין דער גמרא און אין דער גראַדליניקייט און כאַראַקטער שטאַרקייט פון די פעלזן־פעסטע פּערזענלעכקייטן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט.

זיין גאַנץ לעבן האָט ער געזוכט אַ וועג פאַר דעם איד צווישן פעלקער. ער האָט עס געזוכט ווי אַ משכיל, ווי אַ קינסטלער, אָבער ער האָט אויך קינסטלעריש פאַר זיך געזוכט דעם וועג צו אידעאַליזירן אויף דעם שענסטן און דערהויבנסטן אופן דעם גלות איד. מענדעלע איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלערישער גלות־איד אונזערער. גראָד ווען אין זיין צייט האָבן זיך שוין גענומען טראָגן די ערשטע חיבת־ציון שטימונגען און אַנדערע נייערע טענדענצן צו לייזן דאָס אידישע פּראָבלעם, האָט מענדעלע גענומען אויף אַ קינסטלערישן אופן פאַר־סך־הכל׳ען דעם גלות־איד, און אים דערהויבן דורך זיין אייגענער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער איד אין גלות? האָט מענדעלע זיך געפרעגט. איז דער גלות טאַקע געווען כולו חושך? דאַרף מען טאַקע אַלץ אויסמעקן וואָס אין גלות איז געשאַפן געוואָרן? איז עס געווען אַ צייט פון פאַרטונקלטער און פאַרשלאָפטער אידישער ענערגיע? האָט דער אידישער גייסט זיך אויפגעהערט רייסן צו העכערע ספערן? מענדעלע האָט זיך קינסטלעריש קלאָר געפרעגט די אַלע קשיות און ער האָט קודם כל אין זיין אייגענער פּערזענלעכקייט אויסגעקריסטאַליזירט דאָס געשטאַלט פון דעם גרויסן גלות־איד. ער, דער גלות־איד, האָט קיינמאָל אויף קיין איין מאָמענט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין דעם המשך. פון חורבן בית שני, דורך גלות בבל און דורך אַלע אַנדערע גלות׳ן אונזערע האָט דער גרויסער נאַציאָנאַלער אידישער זכרון כסדר געלעבט און פונקציאָנירט.

דער איד אין גלות איז ניט געווען קיין נייער טיפּ, נאָר אַ מענטש פון אַ גרויסער טראַדיציע וואָס אין זיין גלות־לעבן האָט ער ניט אויפגעהערט אויף קיין איין רגע צו זען דאָס ליכט פון זיין פאַרגאַנגענהייט. אָבער מיט בענקשאַפט און געדענקשאַפט אַליין איז ער נישט אָפּגעקומען, די פאַרגאַנגענהייט איז געווען אין אַ כסדר׳דיקן רירעווודיקן צושטאַנד. דער גלות האָט נאָך מער פאַרטיפט אונזערע עטישע לערעס און די רדיפות האָבן דעם קרבן קיינמאָל ניט דערנידעריקט, ניט פאַרגרעבט און ניט דעגענערירט, נאָר זיי האָבן אים געהאַלטן נאָענט צו דער שול, נאָענט צום בית־מדרש, נאָענט צום גרויסן אידישן זכרון וואָס האָט גאָר נישט געלאָזט פאַרגעסן.

יעדער גרויסער שרייבער איז דער זאַמלער פון זיין עפּאָכע, מ׳קען אין אַ

גרויסן קינסטלער זען די אָנגעזאַמלטע חכמה פון יאָרן, באַלויכטן מיט דער חכמה פון זיין דור. מען זאָגט אַז אַ גרויסער קינסטלער איז דאָס קינד פון זיין דור, אָבער מען מיינט געוויינלעך אַז ער איז דער דערוואַקסנסטער מענטש פון זיין דור, ער איז דער רעגיסטראַר פון אַלץ וואָס זיין דור האָט אָנגעזאַמלט. מענדעלע מוכר ספרים איז אין זיין פּערזענלעכקייט און אין זיין שרייבן געווען דער רעגיסטראַר פון עשירות, וואָס די אידישע גאונות האָט אָנגעזאַמלט, אויפגעהאַלטן און אויפגעהיט אין גלות. מענדעלע איז גרויס דערמיט, וואָס מען קען אים בלעטערן און זען, אַז ער פּאַסט זיך אויסגעצייכנט אַריין אין דער אידישער המשכ׳דיקייט, אַז ווער ס׳וויל קען ווייטער שפּינען נאָך אים; אָבער ער מוז אין זיך קולט זיין אַלץ וואָס מענדעלע האָט אין זיך געהאַט פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און וואָס ער האָט געוואָלט מיט גרויסן קינסטלערישן באַוואוסטזיין איבערגעבן צו דער צוקונפט. און דערפאַר האָבן אין מענדעלע׳ן אַליין געלעבט אָן שום ויתרוצצו גאָר אַ סך סתירות, וואָס האָבן בשעתם אַרויסגערופן אַ סך פּובליציסטיש היים בלוט. אין אים האָבן אויסגעצייכנט געלעבט אידיש און העברעאיש, טראַדיציע און מאָדערניזם, הומאָר מיט שטראָפּעריי, ליבע צו ארץ־ישראל און ליבע צום גלות — אפילו ליבע צו אידן און אָפּלאַכעריי פון אידן האָבן ביי אים אויך געפונען אַ גוט און באַקוועם צוזאַמענלעבן.

ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש׳ן איז ניט געווען בנמצא אַזאַ זאַך ווי צופאַל, אַלץ איז ביי אים געווען פּינקטלעך אויסגערעכנט און צוגעשניצט צום לעבן. פון זיין אָפּגעפּוצטן אויסזען, ביז זיין פּערלדיקן כתב איז ביי אים אַלץ געווען אין דער בעסטער און מעטאָדישסטער אָרדענונג. די כלומרשטע אומאָרדענונג פון זיין דערציילן, די זייטיקע באַריידעוודיקייט, דאָס אַריינפירן אגב אורחא׳דיקע באַמערקונגען, דאָס אָנפּיקעווען דעם מאַטעריאַל מיט גלייכווערטלעך און גלייך־ריידעלעך — אָט די אומאָרדענונג איז געווען אַ סטיליזירטע אומאָרדענונג פון זיין גמרא׳דיקן סטיל. ער האָט געוואָלט אין זיין שרייבן אַלץ אַריינפּיקעווען, אַלץ אַריינבויען, ער איז געווען דער ערשטער וועגווייזער פון אַ אידיש־קינסטלערישן דרך. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך די שלימות פון אַ געטע׳ן. מענדעלע האָט זיין גאַנץ אַלזייטיק וויסן געוואָלט אַריינשמעלצן אין זיינע ווערק, כדי זיי זאָלן ווערן די ספרים פון אונזער גלות און זיי זאָלן קענען שטיין אויף דער זעלביקער פּאָליצע, וואו ס׳שטייען די ספרים פון אונזער עבר.

פּרץ האָט אין זיין שרייבן געכאַפּט מענדעלע׳ס וואונק פון אַ אידיש־קינסטלערישן דרך, פון אָנצינדן אַ גרויסע אידישע פייערלעכקייט, אָבער ער האָט זיך פאַרקערעוועט אויף גאָר אַן אַנדער וועג. שלום עליכם האָט געכאַפּט

דעם זיידנס וואונק און ער האָט געגומען איבערשרייבן מענדעלע׳ס בייזקייטן אויף גוטסקייטן. ער האָט איבערגעזעצט זיין סאַטירע אויף הומאָר. מענדעלע מוכר ספרים איז געווען דער בוי־מייסטער פון אידישע ווערק, וואָס זיינען געוואָרן קאָמפּענדיומס און קליינע גמרא׳לעך פון אונזער אידישן גלות־לעבן. מיר קענען בלויז אָנוואַרפן דעם סאַמע אויבנאויפיקן פלאַן פון דער גאַנצער געביידע אָדער קאַרטינקע, ווי מענדעלע אַליין פלעגט עס רופן. „אַ קאַרטינקע באַדאַרף מיך אַ חוץ שיינע מליצה אויך טאַקע לאָזן עפּעס הערן״. מענדעלע׳ס אינספּיראַציע איז נישט געווען קיין העלזעערישע, נאָר די אינספּיראַציע פון אַ גרויס וויסן און אַ וואונדערלעכן שכל הישר, וואָס ער האָט אָנגעגליט מיט זיין אייגענער דערפאַרונג. די וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיטן זיידן האָבן הנאה געהאַט פון זיין שיחת חולין, אַזוי שטאַרק ווי פון זיינע ביכער. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אים און הערן פון אים אַ גלייכוואָרט. דער זיידע איז געווען אַן עגאָצענטריקער און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו הערן רעדן, אָבער עס איז געווען וואָס צו הערן. קיין מזג טוב איז מענדעלע זיכער ניט געווען, ער איז ניט געווען זיין אייגענער בנימין, אָדער סענדערל די אידענע פון די „מסעות בנימין השלישי״, נאָר ער איז געווען גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיין גאַנצן גרויסן קינסטלערישן וואוקס. אָבער טראָץ דער באַריידעוודיקער עגאָצענטרישקייט האָט געצויגן צו אים ווי מיט אַ מאַגנעט. פאַרוואָס? ווייל אַלע אַרומיקע האָבן אין אים געפילט אַ גרויסן יש, אַ יש וואָס גיט אַ בליץ אויף בלויז איינמאָל אַ יאָרהונדערט, און מען האָט געוואָלט זיין אין זיין מסיבה. וואָס האָט אַזוי געצויגן צו אים? וואָס האָט געצויגן דובנאָוו׳ן, דינעזאָנ׳ען, בערדיטשעווסקי׳ן, ביאַליק׳ן, טשערנאָוויצ׳ן, שלום עליכמ׳ען צו פאַרברענגען מיט אים און צו הערן זיינע וואָכעדיק־יום־טוב׳דיקע רייד, וואָס זיינען גאַנץ אָפט געווען געשטעלט צופיל אויף זיך? דערפאַר ווייל דאָס געשטאַלט מענדעלע איז געווען אַ געשטאַלט פון גייסטיקער גבורה, און דערפאַר ווייל ער איז געווען דער שיינער איד פון זיין צייט, וואָס ס׳האָט געגומען דורות אויסצו׳חלומ׳ען און אויסצוציייטיקן. מיט אים האָט זיך געענדיקט אַן עפּאָכע און פון אים האָט מען געקענט ווייטער פאַרזעצן. מיט אים איז עפּעס אונטערגעשטראָכן געוואָרן און נאָך דעם חשבון האָט מען געקענט גיין ווייטער. מיט אים איז עפּעס געשטאַלטיקט געוואָרן. אַלץ וואָס איז געווען צעוואָרפן אין אידישן לעבן האָט ער צוזאַמענגענומען אונטער זיינע פליגל און געוויזן די גרויסע, גייסטיקע רעזערוון פון אונזער לעבן.

ער אַליין איז געווען דער גרעסטער אָפּלאַכער פון דער שטעטלשער אָפּגעשטאַנענקייט און איז אַרויס אין קאַמף קעגן דעם, און קעמפנדיק האָט ער דערווייל אויפגעבויט אַ גרויסאַרטיקע געביידע. אידיש איז געווען צעשויבערט

און צעוואָרפן, אָבער ס׳האָט זיך שוין אַזוי טייער געלייגט אויף דער צונג, האָט ער דעם אידיש פון זיין דור און ביז זיין דור געגעבן אַן אכסניה אין זיינע ווערק. ער האָט אים אויפגעקליבן און אים אַרומגעפוצט, ער האָט אויפגעקליבן די מייד־נונגען, טענדענצן, וואַקלענישן, גלויבונגען, צווייפלען, קאַמפן, שמייכלען און גראַטעסקן פון זיין דור. אַ בלעטל מענדעלע פאַרמאָגט אָפט אַלע זיינע מעלות. ער האָט אָנגעהויבן פון דער פּאַרזיכטיקער שורה און זי פאַנאַנדערגעבויט אין זייטן, אין קאַפּיטלעך און אין ביכער.

אָנגעהויבן האָט ער ווי אַ משכיל, אַ סאַטיריקער און אַן אַפּלאַכער, אָבער דעמאָלט, אין זיין אָנהויב, איז ער שוין געווען עמבריאָניש אַלץ, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן. ער האָט אין זיין ערשטער פּעריאָדע אָנגעשריבן אַלע זיינע ווערק און אין זיין צווייטער האָט ער זיי געפּערלט און איבערגעשריבן. ער האָט זיי אַרויסגעשריבן פון זיך, ווייל אין אים, אין זיין ערשטן אָנהויב זיינען זיי אַלע געלעגן פאַרקלעמט, ווי מ׳ליגט אין דער מאַמע׳ס בויך פאַרן געבורט. קליינע פאַרזעענישלעך זיינען זיי געווען, וואָס ער האָט צופרי אָפּגענומען פון זיך אַליין, דערפאַר וואָס דער משכיל איז אים געשטאַנען איבערן קאַרק און אים געטריבן צו שטראָפן און צו זיין דעם פאָלק׳ס קאַזיאָנער ראַבינער. בעת ער האָט געאַרבעט אויף זיינע קליינע און איינגעשרומפּענע ווערק, האָט ער אייגנטלעך געאַרבעט אויף זיך אַליין. ער האָט אין זיי אַריינגעשריבן און אַריינגעבלאָזן לעבעדיקן קינסטלערישן אָטעם און זיי אויסגעשפּרייט — ניט פאַר־וואַסערט און פאַרלענגערט, נאָר ממש, ווי דער פויגל שפּרייט זיינע פליגל אויס אויף צו פליען.

און זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אַביסל אייגענע התנצלות באַנוצנדיק זיך מיט אַ מענדעלע אויסדרוק. לייענערס וועלן געדענקן, אַז איך האָב זיך באַצויגן מיט מידת הדין צו מענדעלע׳ס „פישקע דער קרומער״. ס׳וועט אפשר אַרויסרופן קשיות וואָס איך רעד אין אַזעלכע געהויבענע טערמינען פון מענדעלע׳ן, אָדער ווי מענדעלע אַליין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „אויף אַ הויכן גאַנג״. דעם טייערן אויסדרוק האָט ער באַנוצט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם אופן ווי ער האָט אָנגעשריבן „די קליאַטשע״. איטלעכער, האָט ער געזאָגט, וועט די „קליאַטשע״ פאַרשטיין כפי זיין פאַרשטאַנד, ווייל ס׳איז גע־שריבן אויף אַ הויכן גאַנג. די נישט־איבערגעשפּיצטע וועלן הנאה האָבן פון דער מעשה אַליין, די אַנדערע פון דער אַלעגאָריע און די דריטע פון גאַנצן בנין.

אמת, איך רעד איצט וועגן מענדעלע׳ן „אויף אַ הויכן גאַנג״ און דאָך האַלט איך אַז ס׳איז נישט שווער צו פאַרשטיין מיין צוגאַנג צום זיידן. מענ־דעלע איז אַן אויסדרוק פון דער גאונות פון אידישן פאָלק, ער איז אַ בליץ פון

אונזער געניאַליטעט, אָבער דאָס האָט אים נאָך אַלץ ניט געמאַכט וויכטיקער פון אידישן פאָלק. מענדעלע האָט אָפּגעקיילעכיקט אַן עפּאָכע. ער איז געקומען פון דער השכלה, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן אידישן פאָלק מיט אַ האַרטער שטראָפערישקייט. אידן האָבן קיינמאָל נישט פאַרדינט אַז מ׳זאָל זיי אַזוי האַרב שטראָפן, ווייל זיי זיינען חלילה נישט ערגער פון אַנדערע פעלקער. גאָר פאַרקערט, זייערע גרויסע ליידן און יסורים האָבן זיי אַזוי דערהויבן און אויסגעאיידלט, אַז אפילו ווען זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די בלאָטעס פון טונעיאַדעווקע, זיינען זיי אַלע מאָל געווען גאָט׳ס קינדער. אַנדערע פעלקער זיינען פאַר׳חזיר׳ט געוואָרן גייסטיק פון וואַלגערן זיך אין בלאָטעס. ערגעץ אַנדערש האָב איך זיך אויסגעדריקט אגב אורחא׳דיק (און אַ שרייבער ווען איך האָב באַשולדיקט אין רשעות האָט עס אויפגעכאַפּט אויף אַ דעמאַגאָגישן אופן) אַז אויך די נביאים האָבן גאַנץ אָפט אַריבערגעזאַלצן מיט זייערע שטראָף־רייד. כ׳בין זיכער אַז אין זייערע צייטן זיינען די דעמאָלטיקע גויים געווען נאָך ערגער פון די אידן. דער אויסרוף, גלייך אין ערשטן קאַפּיטל ישעיה — „הוי גוי חוטא עם כבד עון, זרע מרעים“, איז געווען אַ גוזמא׳דיקער געשריי, ווייל אויך דעמאָלט האָט מען געקענט ביי אידן געפינען מער ווי צען צדיקים. אהבת ישראל שטייט ביי מיר העכער ווי אהבת נביאים. די פּראָפעסיאָנעלע און כראָ־נישע שטראָפערס וואָס זיינען אַליין קנאָפּע צדיקים, פאַררופן זיך צופיל אויף די נביאים, און מ׳מוז זיי איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַזוי צעווייטיקט, אַז מ׳מעג זיך באַציען צו אים מיט טאַקט און איינזען. אפילו ביאַליק׳ס באַרימטע פּאָעמע „בעיר ההרגה“, וואו ער לאָזט אויס די גאַנ־צע תוכחה צו די פאַגראַמירטע קרבנות, האָט געהאַט גוטע כוונות, אָבער ס׳איז אויך געווען איבערגעלאָדן מיט צופיל נביאישער שטראָפערישקייט, און ס׳האָט אין איר, פאַר יענער צעבלוטיקטער צייט, געפעלט פּאָעטישער טאַקט. אונ־זער היינטיקער „נביאישער“ סטיל מעג אוודאי אויסגעאיידלט ווערן. מיר זעען איצט וואָס פאַר אַן אויפלעבונג דאָס ליכט פון אַ אידישער מדינה האָט אַרויסגערופן און וויפל פאַרשלאָפענע העלדישקייטן עס האָט אויפגעוועקט. „לא תעשון כן לד׳ אלהיכם“ — האָט דער סאַסאָווער רבי געטייטשט, אַז איר זאָלט דעם רבונו של עולם ניט „מאַכן“ פאַר געדעכט. ווען ס׳קומט צו אַ דין תורה צווישן גאָט און זיינע אידן, טאָר מען דעם רבונו של עולם נישט געבן גערעכט. דער נוסח פון דעם מלמד זכות פון בערדיטשעווער האָט גענומען די אויבערהאַנט אין דער אידישער ליטעראַטור און האָט אויף דעם וועג גע־פירט זינט פּרצ׳ן און שלום עליכם׳ען.

„פישקע דער קרומער“ איז זייער אַ פּרימיטיווו ווערק, און טאָמער איז עס וויניק האָט מענדעלע׳ס משכיל׳ישע סאַטירע אין דעם ווערק זיך צעשפּילט

אויף דעם האַרצלאָזסטן אופן. ס׳איז אַ נעבעכדיקע געשיכטע פון אַ הקדש, פון אונטערוועלט, פון שנאָרערס, פון וואולגאַריטעט, פון גראָבקייט, און ס׳איז נאָך ערגער וואָס דאָס ווערק איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ סימבאָל פאַר דער „גרויסער טאַרבע פון כנסת ישראל״, ווי דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וואָלט באַשטאַנען פון אַזעלכע פאַרשוינען. מיר ווייסן אַז מיט מענדעלע׳ס ווערק קען מען בכלל זייער שטאַרק געשטרויכלט ווערן. מען דאַרף צו אים אַריין אין פרדס מיט גרויס פאָרזיכט. מ׳טאָר די ווערק נישט געבן אין די הענט אַריין פון אונזער יוגנט אָן די נויטיקע אויפקלערונגען. אַן אָנגעזעענער העברעאישער שריפטשטעלער, האָט דאָ נישט לאַנג שטאַרק קריטיקירט די טענדענצן פון דער העברעאישער יוגנט, און אָנגעוויזן אַז אַ סך פון זיי האָבן אַנטוויקלט אַ פון אויבנאַראָפּיקן קוק אויפן גלות, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון לייענען מענדעלע׳ן און זען ווי מענדעלע׳ס אידן וואַלגערן זיך אין שטינקענדיקע קאַלוזשעס און אין עיפּוש׳דיקן מרחץ.

איך האָב קריטיקירט דאָס איינציקע ווערק, ווייל דאָ איז צום בולטסטן און שאַרפסטן געקומען צום אויסדרוק מענדעלע׳ס ערשטער פעריאָד פון משכילישע נאָזלעכער, וואָס מיט זיי האָט ער געשנאַפּט דאָס אידישע לעבן. אין דעם ווערק, ווי מיר פאַרשטייען עס היינט, זיינען דאָ אויסדרוקן, וואָס האָבן זיך דערקייקלט אַזש צו אַנטיסעמיטן. דער משכילישער טראָפּ פון ווערק ווערט קנאַפּ אויסגעלייזט, דורך דעם פרימיטיוון סיפור המעשה און די הילפלאָזע כאַראַקטער־שילדערונגען. דער זומפּ איז נישט מער ווי אַן עפּיזאָד פון מענדעלע׳ס ביאָגראַפיע, בעת ער איז אַרומגעפאָרן מיט אברהמ׳לע דעם קרומען אָדער אברהמעלע שנאָרער. ס׳איז אַ ביאָגראַפישער עפּיזאָד פון שנאָרערס, וואָס זיינען זיכער נישט כאַראַקטעריסטיש אידיש, און אַז מען שטעלט זיי אין צענטער ווי אידישע סימבאָלן ווערן זיי ערשט אמת געפערלעך.
איך האָב פאַרענדיקט מיין שאַרפע קריטיק וועגן דעם אומגעראָטענעם און געפערלעכן ווערק, מיט די ווערטער: „דאָס איז דאָס ערשטע טויטע צווייגל, וואָס פאַלט אַרונטער פון גרויסאַרטיקן בוים — ,כל כתבי מענדעלע מוכר ספרים׳ ״.
„פישקע דער קרומער״ איז געשריבן געוואָרן מיט קנאַפּע 80 יאָר צוריק. איז מה רעש, אויב איך האָב דערזען אין טויט צווייגל אויפן גרויסאַרטיקן בוים? ס׳איז קלאָר פון דעם אַז ס׳איז נישטאָ קיין סתירה צווישן מיין מיינונג פון „פישקע דער קרומער״, וואָס מענדעלע האָט גאַנצע פיר מאָל געשריבן און ניט דערשריבן, און מיין דרך־ארצ׳דיקן צוגאַנג צום גאַנצן מענדעלע. אפילו אין לעצטן וואַריאַנט פון „פישקע״ געפינען מיר אַזאַ משכיל׳ישן פּערל: „היינט איז טאַקע פון דרויסן גרינג צו דערקענען אַ אידנס הויז. דאָס בערגעלע מיסט, דאָס רינשטאָקל, די פענצטער, די ווענט,

דער דאָך, שרייען דאָס איז אַ אידיש הויז״. וואָלט איר דאָך געמאָגט שווערן אַז מענדעלע באַשרייבט דאָ דעם פּאַטאָס פון אידישער אָרעמקייט, אין אַ ווערק וואָס פאַרמאָגט בכלל זייער ווייניק פּאַטאָס? פאַרענדיקט ער אָבער זיינע בלו־מענדיקע באַמערקונגען מיט אַזאַ מין וואוילשמעקערישן אויסדרוק: „אין ריח אַליין דערקענט איר אַז דאָ זיצט אַ איד״.

כ׳האַלט אַז מיר טוען מענדעלע׳ן ממש אַ טובה, אויב מיר באַזייטיקן פון אים די פּסולת. אויב מיר הויבן אויף אַ געשריי, פון צייט צו צייט, אַז מיר ווילן באַשיצן אונזערע קינדער קעגן דעם „מוירטשענט אָוו ווענים״ פון אַ פרעמדן שעקספּיר, מעגן מיר דאָך זיי אוודאי און אוודאי ווען באַשיצן קעגן אַ כלומרשט אייגענער אַטמאָספערע פון הקדש, מרחץ און שטינקנדיקע מקוות, וואָס האָבן ביי אונז אַ לאַנגע צייט געגאָלטן ווי סימבאָליש פאַר כנסת ישראל. צו וואָס פאַרטיידיקן מענדעלע׳ס אַ ווערק, וואָס איז אַן איבערבלייבעכץ פון זיין טרוקענעם משכיליזם? אָבער צוריק צום גאַנצן מענדעלע — צום גרויס־אַרטיקן בוים.

מענדעלע איז געבוירן געוואָרן אין 1836. לויט אַן אַנדער דאַטע איז עס געווען אין 1835, און ס׳איז אַ סברא, אַז ער איז גאָר געבוירן געוואָרן, מיט גאַנצע 10 אָדער 11 יאָר פריער. לויט די דאַטעס וואָס מיר האָבן, איז ער אַלט געווען איבער 81 יאָר, ווען ער האָט דעם 8טן דעצעמבער 1917 אויסגע־הויכט זיין לעצטן אָטעם אין דער אידישער שטאָט אָדעס. ביים אָפענעם קבר האָט דער זון זיינער געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער, אַז אַ סך האָבן גאָר מענ־דעלע׳ן געהאַלטן פאַר אַ זקן מופלג פון 92 יאָר. ס׳איז כדאי צו ברענגען אַ לענגערן ציטאַט פון דעם קדוש שמעון דובנאָוו׳ס זכרונות וועגן מענדעלע אַבראַמאָוויטש, ווייל ער האָט אויף אַ קורצן און קאָמפּאַקטן אופן געגעבן די פּאַנאָראַמע פון מענדעלע׳ס לאַנג לעבן.

„ער איז געקומען אויף דער וועלט אין די פינסטערע צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און איז אַוועקגעגאַנגען אין די טעג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. ער איז געווען אַ חדר־אינגל, און דערנאָך אַ ישיבה־בחור אין דער ליטע, אין יענע יאָרן, ווען מען פלעגט זיינע חברים כאַפּן און אָפּגעבן פאַר קאַנטאָניסטן. ער איז אַרומגעפאָרן איבער וואָלי־נער שטעטלעך אין דעם ביידל פון אברהמ׳לע דעם הינקנדיקן. אין דער צייט פון ,ראַזריאַדן׳ און ,פּאַימאַניקעס׳, ווען נאָך זיין אייגענעם אויסדרוק אין ,ווינשפינגערל׳ — ,געפּאַטשטע האָבן געפּאַטשט זיך אַליין, צעדראַפּעטע האָבן געדראַפּעט איינער דעם אַנדערן׳. ער איז געוואָרן אַ לערער אין דער קאַזיאָנער אידישער שול אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. אין די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז אין דער קאַזיאָנער היטל מיט דער

קאָקאַרדע ליגט די גאַנצע ישועה פאַר אידן. אין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר האָט ער דורכגעמאַכט די תקופה פון השכלה און האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה צווישן די השכלה־קרייזלעך און חסידים־קרייזלעך, וואָס האָט געברענט אַרום אים. אין דעם אַסימילאַטאָרישן אָדעס האָט ער איבערגעלעבט די פּאָגראָמען פון אַלעקסאַנדער דעם 3טן און ניקאָלאַי דעם 2טן, די באַוועגונגען פון חיבת ציון, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם. ער האָט דערלעבט שוין האַלב פּאַראַליזירט צו דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר ער איז שוין געלעגן כמעט אָן באַוואוסטזיין אין די טעג ווען פינסטערע וואָלקנס פון אַנאַרכיע און טעראָר האָבן באַדעקט די זון פון דער רעוואָלוציע. מיט אים איז אָפּגעשטאָרבן כמעט אַ גאַנצער יאָרהונדערט פון אונזער געשיכטע.

„ער האָט אונז געלאָזן שטיין אויף דער שוועל פון גאָר אַ נייער היסטאָרישער עפּאָכע וואָס דאַרף קומען נאָך דעם היינטיקן מבול. דריי דורות זיינען דורכגעגאַנגען פאַר זיינע קלוגע אויגן, וועלכע פלעגן טיף אַריינדרינגען אין אַלץ, צו וואָס זיי האָבן זיך צוגעקוקט. געשטאַלטן פון דריי תקופות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַטור. זיין טאַלאַנט איז ווי באַוואוסט אויסגעוואָקסן אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן, אויף אַזוי פיל אַז ער האָט געמוזט איבערמאַכן פון דאָס ניי כמעט אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין דער יוגנט״.

עד כאן שמעון דובנאָוו. באַמערקט, אַז ער ניצט דעם אויסדרוק איבערמאַכן און נישט איבערשרייבן. דאָס איז זיינער אַ פּאַרזיכטיקער אויסדרוק, ווייל מענדעלע האָט טאַקע געדאַרפט איבערמאַכן אַלץ, פּשוט איבערבויען; און נישט נאָר איבערבויען נאָר אַריינבלאָזן אַ רוח חיים אין אַ סקעלעט. דובנאָוו'ס קורצע ביאָגראַפיע איז אַ גלענצנדיקער היסטאָרישער בליק אויף דעם גאַנצן מענדעלע — פון קאַפּולע, מינסקער גובערניע, סלוצקער אויעזד, אין ווייסרוסלאַנד, ביז די לעצטע טעג אין אָדעס, ווען ער איז געוואָרן זייער רעליגיעז און האָט, ווי ביאַליק דריקט זיך אַזוי וואונדערלעך אויס — „אַרונטערגעבויגן זיין גרויען קאָפּ אונטער גאָט'ס פליגלען״. ווי ביאַליק דערציילט האָט מענדעלע אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן דורכגעמאַכט אַ מין הירהור תשובה. ער האָט אָנגעהויבן דאַוונען, זיך וואַשן צום עסן און בענטשן. מ'פלעגט אים גאַנץ אָפט טרעפן זיצן אויף אַ שטול, די יאַרמולקע אויפן קאָפּ, סידור אין האַנט און זיינע ליפּן האָבן שטיל געדאַוונט. אפילו דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל וואו מענדעלע איז רואיק אויסגעגאַנגען, איז געוואָרן פּאַטעטיש ווען ער האָט גערעדט וועגן מענדעלע'ס לעצטע רגע'ס: „ער האָט אויסגעלעבט דאָס לעבן ביזן לעצטן טראָפּן״. (ש. ניגער — „מענדעלע מוכר ספרים״, ז. 255).

און אַז מען לייענט איבער דובנאָוו׳ס סקיצירטע, אָבער מיט דער ברייטער האַנט אָנגעוואָרפענע ביאָגראַפיע פון מענדעלע מוכר ספרים, זעט מען טאַקע אַז אַ מענטש האָט דאָ אויסגעטרונקען אַ רייך לעבן ביזן לעצטן טראָפּן. מ׳קען בלויז געפינען איין סתירה אין דער קורצער ביאָגראַפישער סקיצע. אויב מענדעלע האָט זיך פאַרנומען מיט איבערמאַכן זיינע ווערק פון דער ערשטער העלפט פון זיין לעבן, דורך דער גאַנצער צווייטער העלפט פון זיין לעבן, טאָ ווי שטימט עס מיט דובנאָוו׳ס דערקלערונג, אַז גאַנצע דריי דורות שטורעמען דורך אין זיינע ווערק? דער אמת איז אַז מענדעלע האָט דעם לעצטן דור נישט גאָר גוט געזען. ער האָט די גאַנצע צייט געשפּונען זיינע זכרונות, וואָס ער האָט מיט גמרא־סטיל געהאַלטן אין איין אויפלעבן און איבערמאַכן. דאָס איז אייגנטלעך וואָס יעדער גרויסער קינסטלער טוט, ער שרייבט זכרונות און שרייבט אַריין אין זיינע זכרונות זיינע געזעענע און געהערטע באַמערקונגען. ווען מענדעלע וואָלט נישט געווען אַזאַ מענטש פון גרויסן דראַנג נאָך פּערפעקציע, וואָלט ער אפשר נישט אַזוי פיל געאַרבעט אויף זיינע יוגנט־ווערק און ער וואָלט טאַקע מיט זיינע קלוגע אויגן און אויערן געזען און געהערט אויך דעם לעצטן דור, וואָס אין אים האָט ער געלעבט. ער וואָס האָט אין אָנהויב פאַראיבל געהאַט וואָס מ׳מאַכט אים פאַרן ליטעראַרישן זיידן, האָט זיך ביסלעכוויז אונטערגעגעבן און איז זייער ליב פאַרזיידעוועט געוואָרן. ווען מענדעלע האָט געקראָגן אַ קעניגלעכע אויפנאַמע אין אידישן פּוילן צו זיין 75טן געבוירנטאָג, זיינען אים די אידישע לייענערס און די אידישע שרייבערס אַנטקעגנגעקומען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, אַז דער זיידע אַליין איז ממש איבערראַשט געוואָרן פון דער אַריבערשוימנדיקער וואַרעמקייט. אָבער ס׳איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז שוין אין 1909 זיינען אפילו אַזעלכע על־טערע „אייניקלעך" ווי פּרץ געווען אַ סך, אַ סך אינגער פון אים, הן אין ניי געוואונענע קינסטלערישע טעריטאָריעס און אין ברייטערע קינסטלערישע השגות.

פּרץ האָט פּאָזיטיוויזירט דאָס לעבן, וואָס מענדעלע האָט אונז געגעבן אויף אַ סאַטירישן, לייצן — אויף אַ נעגאַטיוון אופן. אָבער זיינע ווערק זיינען פון אידישן לייענער אין 1909 און 1910 אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרויסער אָנערקענונג וואָס זיי האָבן פאַרדינט, נישט געקוקט אויף דער אָפּגעלעבטקייט פון אַ סך טעמאַטישן מאַטעריאַל, ווי, למשל, „די טאַקסע", אָדער דער „פריזיוו", וואָס האָבן שוין דעם אידישן לייענער גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן ווייל דער גאַנצער לעבן־שטייגער איז פאַרשוואונדן. ווייל אינסטינקטיוו האָט מען שוין דעמאָלט דערפילט דעם גמרא־ און מדרש־סטיל פון זיין אידיש, וואָס איז געווען אַן איינזאַמלונג פון דעם אידישן לעבן, ווי מענדעלע האָט עס

געקענט און ווי ער האָט עס געֿירשנ'ט. יעדער קינסטלער נעמט ביים פאָלק, און גיט עס אים צוריק — קינסטלעריש פאַרענדערט. דער נייער דור פון 1910 האָט אין מענדעלע'ס גרויסע ווערק באַשיינפערלעך דערזען דעם כינוס. מענדעלע איז נישט געווען קיין טיפער קינסטלער. זיינע אַלעגאָריעס און פּאַבולעס זיינען נישט געווען צו־דערפינדעריש, אָבער ער איז געווען אַ קינסט־לער פון בליציקן שכל.

און דאָ קומען מיר צו מענדעלע'ס וויכטיקן, אפשר וויכטיקסטן אויפטו — צו זיין שפּראַך־כישוף. זיין שלאַנקער, הויכער, אויסגעגלייכטער וואוקס איז ביי מיר שטענדיק געווען אַ סימבאָל פון דעם ערשטן אויסגעגלייכטן אידישן קינסטלער. פּונקט ווי דער אדם האָט זיך „דאַרוויניש" אויסגעגלייכט און אָנגעג־הויבן צו שטעלן מענטשלעכע טריט, אַזוי איז דער קינסטלערישער מענטש מענדעלע געווען אונזער ערשטער קינסטלער, וואָס האָט באַוואוסטזיניק גע־שטעלט אידיש־טריט.

אייזיק מאיר דיק האָט זיך נישט באַצויגן צו זיך אַליין ווי צו אַ קינסטלער. ער האָט זיך גאָרנישט דערוועגט זיך צו באַטראַכטן ווי אַ קינסטלער, ער האָט זיך באַנוגנט מיט דער ראָלע פון אַ זשאַרגאָנישן מעשה־דערציילער פאַר ווייבער, כאָטש ער האָט געניצט אַ זאַפטיקן ווילנער אידיש, און ער האָט אָנ־געשריבן עטלעכע קלענערע מייסטערווערק, וואָס גיבן אפילו אַן אָנדייט אויף מענדעלע'ס בראשית. אייזיק מאיר דיק'ס קליין־פאַרמאַטיקע קונסט האָט נאָך געהערט צו אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, ווען ביי אידן איז נאָך נישט רייף געווען שרייבערישער באַוואוסטזיין. איז געקומען דער הויכער, שלאַנקער מענדעלע, מיט די קלוגע און דורכבויערנדיקע אויגן, און געזאָגט: איך הויב אָן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון אידישער שרייב־קונסט, וואָס וועט זיין אַ פאַרגעניגן פאַרן לייענער, ווי ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן אויך פאַרן שרייבער. אַז מען לייענט מענדעלע'ן זעט מען באַשיינפערלעך, ווי מענדעלע האָט הנאה געהאַט פון שרייבן אַליין. ער האָט געגומען די געשמאַקע אידישע ווערטער און ער האָט זיי געלאָזט קינסטלעריש זיך אויסשפּילן. ער האָט זיי געריניקט, אָפּגעבאַרשט, אויפגעקליבן און צוגעקליבן. דער קדוש נח פּרילוצקי איז געווען פול מיט באַ־וואונדערונג פאַר מענדעלע'ס אומפעלבאַרן פילאָלאָגישן חוש און פאַר דעם אופן, ווי ס'איז אים געלונגען אָפּצוקלייבן אַלע עלעמענטן פון אידיש און אויסצוקלייבן בלויז אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבן אויף זיך שוין געטראָגן אַ בולט'ע אידישע חתימה, און „וואָס זיינען אַסימילירט געוואָרן פון דער אידי־שער פּסיכאָלאָגיע".

מיר מעגן געדענקען, אַז מענדעלע איז אין גלייכער מאָס געווען דער גאון פון צוויי אידישע שפּראַכן. אין דעם איז ער אויך געווען דער אויסגלייכער

פון סתירות. אַז ער האָט געשריבן אידיש האָט ער עס פאַר׳מדרש׳ט, און ווען ער האָט געשריבן העברעאיש האָט ער עס שפּראַכלעך פאַראידישט מיט אַן אמת׳ן מענדעלע־שמייכל. דובנאָוו דערציילט אונז אַ קוריאָז וואָס ווייזט מענ־דעלע׳ן ביי דער אַרבעט, בעת ער האָט געהאָרעוועט אויף דער איבערגיסונג פון זיינע ווערק אויף העברעאיש. דער אַמאָליקער מליצה׳ניק האָט מיט זיין געזונטן אידיש־קאָפּ, וואָלט איך געזאָגט, דערשפּירט ווי אַזוי מ׳דאַרף צוגיין צו העברעאיש. דער איצטיקער לעבעדיקער העברעאיש האָט זייער אַ סך גע־לערנט ביים אַלטן מענדעלע, וואָס האָט אַזוי געענטפערט זיינס אַן איניקל:

— וואָס שרייבט איר, זיידע?

— איך שרייב נישט, איך טרייב אָוועק פליגן, — ענטפערט מענדעלע.

— וואָס הייסט?

— זעט איר — ענטפערט מענדעלע — אז איך שרייב העברעאיש פאַלן אויף מיר אַן אַלע נביאים, ישעיה, ירמיה, די מחברים פון שיר השירים און תהלים און יעדער פון זיי לייגט מיר פאַר צו נעמען פאַר דעם אויסדרוק עפּעס אַ פאַרטיקן פסוק, אַ פאַרטיקע פראַזע נאָר ביי אים. כדי אַנצושרייבן עפּעס נישט לויט אַ פאַרטיקן שאַבלאָן מוז איך לכתחילה אָפּטרייבן אָט די אַלע פליגן.״

און דאָס איז דער שליסל צו מענדעלע׳ס מורא׳דיקער און אָפּגעהיטענער אָריגינאַליטעט. ער האָט, ווי איר זעט, אפילו נישט געטרויט און נישט גע־שאַנעוועט די נביאים. ער האָט זיך פון זיי נישט געלאָזט אַריינגנאַרן אין זאַק אַריין און ער האָט ליבערשט פאַראידישט העברעאיש; ווי ער האָט אַריינ־געבלאָזן אַן אייגענע מוזיק אין יעדער גערעדטן אידיש וואָרט, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקייטלט אין פאַרזיכטיק־אויפגעציילטע זאַצן.

אָנגעהויבן ווי אַ העברעאישער שרייבער מיט זיין „משפט שלום״ און מיט מליצה, איז ער שפּעטער איבערגעגאַנגען צו אידיש. ער האָט נישט געדאַרפט ווערן קיין שפּראַך־פאַנאַטיקער. ער איז געווען צופיל שפּראַך־ליבהאָבער, אַז ער זאָל קענען ווערן אַן „איסט״ פון שפּראַכן, און ווען ער האָט דערשפּירט דעם כוח פון אידיש און דערפילט וויפל כוחות ער פאַרמאָגט אין זיך, איז ער אַריבער צו דער שפּראַך פון פאָלק.

זיין ערשטע אידישע דערציילונג, „דאָס קליינע מענטשעלע״, איז נישט געווען קיין דעמאָנסטראַציע פאַר אידיש, נאָר אַ נאַטירלעכער צוגאַנג פון אַ קינסטלער, וואָס האָט זיך געוואָלט פאַרקניפּן מיט דעם לעבעדיקן פאָלק. פאַר אים זיינען ביידע שפּראַכן געווען ירושה, און ער האָט זיי ביידע געלעבט, מיט ביידע געאָטעמט. ער האָט פאַר ביידן געפונען פלאַץ און ער האָט מיט דעם געוויזן, ווי לייכט ס׳איז איבערצובעטן סתירות אין אידיש לעבן, ווייל פאַר אידן זיינען סתירות נאַטירלעך, ווייל אַ איד דאַרף לעבן מיט סתירות און נישט

פרעגן קיין קשיות. דערפאַר האָט ער זייער רירנדיק געענטפערט אויף אַ העברעאיסטישער אויפנאַמע, וואָס ער האָט געקראָגן צו זיין 75טן יובל. ער האָט דערקלערט אַז אים זיינען גלייך הייליק ביידע שפּראַכן „וואָס האָבן מיך אויפגעהאָדעוועט פון מיין קינדהייט ביז היינט". אַ איד, האָט ער געזאָגט, האָט צוויי נשמות, אַ וואָכעדיקע נשמה און אַ נשמה יתירה. צו העברעאיש האָט ער טאַקע געגעבן די קרוין פון דער נשמה יתירה, אָבער אידיש „איז די נשמה פון וואָך, אידיש איז אַן אָפּשפּיגלונג פון פּיין און ליידן, אידיש איז טרויעריק ווי די אידישע נשמה אין דער וואָכן."

אויב מענדעלע איז געווען אַ העברעאיסט, איז ער דאָס געווען אין דעם טראַדיציאָנעלן זין. ער איז געווען אַ שבת׳דיקער העברעאיסט, ווען מען באַ־פליגלט זיך מיט אַ נשמה יתירה און מ׳וואַרט אויך מיט גרויס בענקשאַפט, ברומענדיק אַ ניגון, אויפן ערשטן וואָכעדיקן שטערן, צו זאָגן אַ אידישן גוט־וואָך.

יעדער גרויסער קינסטלער איז אין תוך אַ פּובליציסט, דאָס הייסט ער איז פאַראינטערעסירט אין די פּראָבלעמען פון זיין דור, ער לעבט מיט זיי, אָטעמט מיט זיי, גיט זיי אויסדרוק. אַ קינסטלער וואָס קערט זיך אָפּ פון די פּראָבלעמען פון זיין דור, מוז פאַרקנאַפּן זיין ווערט. ער מוז ווערן בלוטלאָז און אַנאַכראָניסטיש. דווקא דער פּובליציסטישער אָדער פון קינסטלער איז דער פּראָביר־שטיין פון זיין אַרבעט. אַזוי ווי ער מוז זיין דער מענטש פון זיין דור, טאָר ער אָבער נישט געשטרויכלט ווערן און פאַלן איבער זיין אייגענער פּובלי־ציסטיק. ער דאַרף די פּובליציסטישע פּראָבלעמען אויסלייזן, דערהויבן און באַשיידן זיי אויף אַ קינסטלערישן אופן. אויך מענדעלע האָט געענטפערט אויף דעם רוף פון זיין דור. אויך ער האָט זיך געמאָטערט מיט די פּראָבלעמען פון זיין דור. ער האָט געשטרויכלט, זיך אויפגעהויבן, ווידער געפאַלן און די גאַנצע צייט געזוכט קינסטלערישן באַשייד פאַר די טראַגישע, עקאָנאָמישע פּראָבלע־מען פון דער אידישער קהילה, ווי ער האָט זיי אָפּגעשפּיגלט אין זיין ערשטן קינסטלערישן פּאַמפלעט „די טאַקסע", מיט איר ווייס־און־שוואַרץ, מיט אירע הויטשינדערס און קרבנות.

גלייך נאָך זיין ערשטער דערציילונג, „דאָס קליינע מענטשעלע", האָט מענדעלע געגומען שרייבן זיין „ווינשפינגערל". אין דעם ערשטן אויפשרייבן, אין 1865, איז עס געווען נישט מער ווי אַ מעשה־ביכל פון 42 זייטן, וואָס איז אין זיין צווייטער פּעריאָדע פון איבערמאַכן געוואָרן מענדעלעס גרעסט ווערק, אין כמות, און ווי אַ סך אַנדערע האַלטן — אויך אין איכות. ש. דובנאָוו, אונ־טערן פּסעוודאָנים „קריטיקוס", האָט דאָס ווערק פאַרגליכן מיט גאָגאָל׳ס „טויטע נפשות", און ער האָט עס אָנגערופן „די מערקווירדיקע עפּאָפּייע פון אָב־

ראַמאָוויטש... וואָס איז אַ געמיש פון עפּאָס און ליריק". שפּעטער האָט מענ־דעלע דאָס ווערק איבערגעזעצט אויף העברעאיש אונטערן נאָמען — „בעמק הבכא".

אויב אין דער „טאַקסע" האָט ער געזוכט אויסצוגלייכן אומרעכט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט, האָט ער אין דער „קליאַטשע", אונטער אַ דינעם שיכט פון אַלעגאָריע, באַהאַלטן גאַנץ געוואַגטע פּובליציסטישע געדאַנקען וועגן ישראל בין האומות.

אָבער דעם אמת׳ן איבערגאַנג צו נישט־געשטרויכלטער פּובליציסטיק אין דער קונסט האָט מענדעלע געמאַכט מיט זיין „קיצור מסעות בנימין השלישי", וואָס איז געשריבן געוואָרן ביים סוף פון די זיבעציקער יאָרן. שוין נאָך „פישקע דער קרומער" האָט מענדעלע פאַרטראַכט די גרויסע פּאַראָדיע אויף זיין טונעיאדעווקע, און ער האָט זיין שאַרזש געגעבן די לייכטע ענלעכקייט צו דאָן קיכאָט. ער האָט עס אָבער, ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, גיכער געניצט ווי אַ מעלאָדיע וואָס ער האָט וואַריאירט אויף א אידישן אופן. אין „קיצור מסעות בנימין השלישי" פאַלט ער נאָך אויך איבער זיינע שטרויכלונגען. אויך דאָ איז ער אומבאַרמהערציק צו זיינע שטעטלשע קרבנות. אָבער דאָס ווערק איז אַ געזאַנג פון אידישער אומבאַהאָלפנקייט. דער מוסר־זאָגער איז אויך אין דעם ווערק דאָ אין זיין גאַנצער פּראַכט, אָבער דער מוסר ווערט צעגאַנגען, ווי אַ מעלאָדיע וואָס עכאָס פון איר הערן זיך דורכן גאַנצן ווערק, אָבער זיי טיילן זיך נישט אויס פון ווערק אַליין. די אַלעגאָריע, דאָס מוסר־זאָגעריי, דעם קינסטלערס פּובליציסטיק, אַלץ ווערט דאָ האַרמאָנירט און אָר־קעסטרירט אויף אַ קינסטלערישן אופן. אין „מסעות בנימין השלישי" איז דאָ מער אידישע פּאָעזיע, ווי אין זיין אַזוי גערופענער פּאָעמע „אידל", וואו די גראַמען מאַרשירן אין סאָלדאַטסקער אָרדענונג און מיט סאָלדאַטסקע געשרייען. אין זיינע מסעות האָט אונז מענדעלע מיט דער „קאַרטינקע" זיינער אויך עפּעס געלאָזט הערן. די פּובליציסטישע טענדענץ איז דאָ ווייניקער קענטיק ווי אין זיין „פּריזיוו", וואָס איז אויך געווען אַ שטיק פון דעם זיידנס גרויסן און רייכן זכרונות־אַרסענאַל, צעאַרבעט אויף דעם זיידנס שטייגער מיט אַ סך לשון און אַ סך אַריינגעוועבטער גמרא׳דיקייט.

דער גרויסער מענדעלע וואָס איז געווען גאַנץ שאַרף און גאַנץ באַוואוסט־זיניק קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין און וואָס איז פונדעסטוועגן געווען אַזוי באַליבט ביי די אַלע, וואָס זיינען געקומען צו אים כאַפּן קינסטלערישע שיריים און הערן זיין תורה שבעל פה — אַז ער איז געקומען שרייבן זיין אויטאָביאָ־גראַפיע, איז ער געוואָרן אַ באַשיידענער מענטש. ער האָט עס געמאַכט פאַר אַ

קאָלעקטיווע אויטאָביאָגראַפיע, און נישט געוואָלט שטעלן דעם טראָפּ אויף זיין אייגן לעבן.

אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״, האָט זיך מענדעלע געשטעלט זיין גרעסטן אויפגאַב, דאָס האָט געזאָלט זיין (און ווען עס וואָלט פאַרענדיקט געוואָרן וואָלט עס אפשר געוואָרן), זיין קרוין־ווערק. זיין געפיל פאַר כינוס האָט אים אין דעם ווערק דיקטירט, אַז מען טאָר נישט זיין קיין אויטאָביאָגראַפיקער, נאָר אַ כלל־ביאָגראַפיקער. אין דעם ווערק האָבן ווידעראַמאָל אויפגעטויכט די זכרונות פון זיין קינדהייט און ער האָט אונז געגעבן שילדערונגען פון דעם אידישן שטעטל און אַ גאַנץ לעבעדיקע גאַלעריע פון טיפּן, וואָס זיינען באַהויכט מיט טרויער. אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״ אַקאָמפּאַנירט זיך מענדעלע פון צייט צו צייט מיט אַ קוים באַמערקלעכער טרויער־באַגלייטונג, וואָס איז אַ גאַנץ אָפּטע דערשיינונג ביי גרויסע הומאָריסטן, אָבער אַ זעלטענע ביי סאַטיריקער. „שלמה ר׳ חיים׳ס״ איז געבליבן זיין נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע, וואָס איז פאַר זיך אַליין פונדעסטוועגן אַ פאַרענדיקטע פּאַנאָראַמע פון אונזער אַלטן אידישן לעבן־שטייגער, אַ שטייגער וואָס האָט כסדר געמאָנט ביים זיידן, אַז ער זאָל אים אַרכיוויזירן. אַ סך שטיקער אַרכיוו האָט ער באַלעבט מיט דעם כוח פון זיין פריילעכן שמועס און אויפגעלעבטע רייד.

וועגן דעם גאון פון אונזער צווי שפּראַכיקייט, וועגן דעם גרויסן אויסגלייכער פון אידישע סתירות, וועגן דעם ערשטן באַוואוסטזיניקן אידיש־קינסטלער אונזערן, וויל איך פאַרענדיקן מיט ווערטער פון אָנערקענונג, וואָס זיינען אים אונטערגעטראָגן געוואָרן אין אָדעס, אין יאָר 1910, ווען מ׳האָט געפייערט דעם 50־יאָריקן יובל פון זיין קינסטלערישן שאַפן. דאָס איז געווען אַן אומפּראָקלאַמירטע מענדעלע־וואָך און די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן אין מענדעלע׳ס הויז. דער פיינער שריפטשטעלער ב. עפּעלבוים, וואָס איז אַזוי פרי פאַרשניטן געוואָרן, איז דעמאָלט געווען אַ יוצא ונכנס ביי מענדעלע׳ן, און אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, איז ער אפילו געווען מענדעלע׳ס סעקרעטאַר. אין זיין קינסטלעריש בוך וועגן מענדעלע מוכר ספרים ברענגט אונז ש. ניגער אַן אויסצוג פון עפּעלבוים׳ס שילדערונג איבער יענער היסטאָרישער מענדעלע־פייערונג. ביאַליק האָט דעמאָלט, ביי דער פייערונג, ווידעראַמאָל זייער טרעפלעך געזאָגט וועגן דעם זיידן, אַז „אין די שווערסטע, ערגסטע יאָרן האָבן מיר געשאַפן איינע פון אונזערע בעסטע שאַפונגען, מענדעלע מוכר ספרים״. דעמאָלט איז פון אַ סך אידישע שרייבער, דערציילט עפּעלבוים (נישט דערמאָנענדיק זייערע נעמען) אונטערגעטראָגן געוואָרן דעם זיידן דער דאָזיקער ווערטער־בוקעט:

„דו ביזט דער ערשטער וואָס דו האָסט קאָנצענטרירט אין די דאָזיקע ביי־

דע שפּראַכן אידיש און העברעאיש, דעם גאַנצן שאַפונגס־כוח פון אידישן פאָלק אין אַלע דורות און געמאַכט פוןביידע — שפּראַכן, וואָס זיי זיינען עס פריער קיינמאָל נישט געווען, און דו ביזט דער ערשטער, וואָס דו האָסט אונז אין ביידע לשונות געגעבן די קינסטלערישע דערציילונג און באַשרייבונג אייג־שטעלנדיק זייער נוסח, וואָס דאָס איז נוסח־מענדעלע ביזן היינטיקן טאָג. ס׳איז נישטאָ אַצינד כמעט קיין איין שרייבער וואָס זאָל זיין פריי פון דיין ווירקונג, קיין איין טאַלאַנט, וואָס זאָל נישט האָבן געגאַנגען צו דיר אין חדר״.

די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן מיט 38 יאָר צוריק. גליקלעך איז דער שרייבער וואָס קען הערן אַזאַ פולהאַרציקע אָנערקענונג, ביים לעבן, הערן פון אייגענע חברים אַז זיין אַרבעט איז נישט געגאַנגען לאיבוד. איצט, ווען מיר פייערן מענדעלע׳ס 30טן יאָרצייט בכל תפוצות ישראל, סיי אין די שטעט פון אונזער גרויסן חורבן, צי אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו מ׳האָט מסוכן ליב טויטע אידישע קלאַסיקערס, אָדער אין דער אידישער אַמעריקע, קען מען נישט צופיל אָפּדינגען פון דער דאָזיקער פאַרדינטער אָנערקענונג און מיר קענען נאָך איצט מיט אַן אָמן מיטזאָגן צום לעבעדיקן מענדעלע־געשטאַלט, צו דעם וואָס האָט אַזוי קלוג געטריבן די פליגן פון אונזערע ביידע לשונות:

„דו ביזט דער ערשטער וואָס דו האָסט קאָנצענטרירט אין די דאָזיקע ביידע שפּראַכן דעם שאַפונגס־כוח פון אידישן פאָלק״.

1948

י. ל. פּרץ

דער ערשטער פערטל יאָרהונדערט אָן י. ל. פּרצ'ן, איז אויסגעפאַלן אין אונזער גרויסער נאַציאָנאַלער עת צרה און דער יאָרצייט איז נישט געפּייערט געוואָרן, מיט דער יאָרצייטישער פרייד און מיט יענעם אימפּעט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. דערפאַר אָבער איז דער דרייסיקסטער יאָרצייט, וואָס איז שוין אויסגעפאַלן אין דעם יאָר פון באַפרייאונג, געי'ומטוב'ט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט און פון דעמאָלט אָן, קען מען זאָגן, האָט זיך אָנגעהויבן די רושם'דיקע אומ־שטערבלעכקייט פון דעם פאָטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור.

נישט ווייט נאָכדעם, בלויז פינף יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי ס'איז אָפּ־געקיילעכיקט געוואָרן נאָך אַ פינפער יאָר, און היות ס'איז גראָד צוזאַמענגע־פאַלן מיט דער אָפּגעצייכנטער ערשטער העלפט פון אונזער טראַגישן יאָר־הונדערט — איז פּרצ'ס יאָרצייט ווידער געפּייערט געוואָרן. פּרצ'ס שפּעפּרישע פופצן יאָר פון אונזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען געווען זיינע פּרוכט־באַרסטע. ס'האָט נאָך קיינער נישט געמאַכט אַזאַ גענייאַלן נוץ פון קאַרגע פופצן יאָר ווי פּרץ, דער שפּעט־אָנהויבער, האָט עס געטאָן. אין די פופצן יאָר האָט פּרץ אויפגעבויט זיין אייגענעם מאָנומענט, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט הינטער זיך אַרום דרייצן יאָר פון אַקטיווער שעפּרישקייט, אויב מען זאָל נעמען די דאַטע 1887, ווען „מאָניש" איז געשריבן געוואָרן, פאַר דער קלאָרער דאַטע פון זיין באַשטעטיקטן און טריאומפאַלן אָנקום, וואָס האָט גע־טראָגן בולט'ע סימנים פון אַ קרעפטיקן אָטעם אין דער אידישער ליטעראַטור. אגב, זיין „מאָניש" וואָס איז געווען אַ גרויסער אָנזאָג, איז אפשר די ביטער־סטע אַנטוישונג אין י. ל. פּרצ'ס פּאָעטישער קאַריערע. אַ דיכטער פון אַזאַ מדרגה, ווי פּרץ האָט זיך געוויזן אין „מאָניש", איז שפּעטער פאַרטונקלט גע־וואָרן אין זיינע אַנדערע לידער, וואָס זיינען מער נישט ווי פאַרבלייכטע בליצן פון יענעם כוח, וואָס האָט זיך צו אונז אַנטפּלעקט אין „מאָניש".

גלייך נאָך דעם 35טן יאָרצייט האָט זיך פּרץ צעטיילט אין צוויי קלוג־צור־געגרייטע געבוירן־דאַטעס. די געבורט־סערטיפיקאַטן פון דעם אָרעגנטלעכן און פעאיקן גמינע־מענטש זיינען נישט געווען אין דער בעסטער אָרדנונג, אָבער אין יענער געניאַלער אומאָרדנונג, וואָס האָט זיך גראָד אַרויסגעוויזן צו

זיין אַ טובה פאַר דעם פאַן־אידישן כאַראַקטער פון דער אוניוועדסאַלער פיגור. פרץ איז געוואָרן הונדערט יאָר אַלט צוויי מאָל, איינמאָל פאַר די לינקע און אַ צווייטמאָל פאַר כל ישראל. ער האָט זיך צוויי מאָל געיערט נאָכן טויט. זיין הונדערטסטער געבוירנטאָג איז געוואָרן אַן עלאַסטישע דאַטע, כדי צו געבן אַ געלעגנהייט צו פייערן זיין געבוירנטאָג אין באַזונדערע מנינים און אין באַזונדערע שטיבלעך.

אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין האָט י. ל. פרץ פאַראיבעריקט גאַנצע פינף יאָר־צייט־פייערונגען אין אַ קורצער צייט, אויב מ׳זאָל רעכענען דעם שטילן 25טן יאָרצייט און אויך די באַזונדערע, צעטיילטע לינק־און־רעכט יאָרצייטן, וואָס מען מוז זיי רעכענען, ווייל איינער פון זיי האָט דעם פאָטער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור צוגעטיילט דעם גראַטעסקן כבוד, פון אַ גאַס אין דער אידיש־חורבנ׳דיקער וואַרשע.

אַזויפיל יאָרצייטן, אין משך פון אַ קורצער צייט, זיינען נישט געזונט פאַר יענער פאַמעלעכדיקער אומשטערבלעכקייט, וואָס דאַרף געבן אַ געלעגנהייט פאַר דער בליענדיקייט צו בליען און פאַר דעם וואָס דאַרף פאַרבליען צו וועלקן. אין אַזעלכע כסדר׳דיקע און כמעט אומאויפהערלעכע פייערונגען איז פאַראַן די געפאַר, אַז דאָס וועלקנדיקע זאָל אַריינוועלקן אין דעם וואָס דאַרף זיך פאַנאַנדערבליען; און די אומשטערבלעכקייט, וואָס מוז אָנהויבן אַן אייגן, ריין און לויטער אייביק לעבן, ווערט מטושטש און לאָזט נישט דעם אומשטערבלעכן דערגרייכן יענע געשאַצטע רו וואָס וואָס איז אמת׳ער אָפּשפּאַר. ווען שעקספיר האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל צורו לאָזן זיינע אָרעמע ביינער, האָט ער גע־וואָלט אַז מען זאָל אים שאַצן מיט יענע ערלעכע מאָסן, וואָס מ׳זאָל נישט דאַרפן קומען צו אים אַלע יאָרצייטיקע מאַנטיק און דאָנערשטיקס און פון אים מינערן, אָדער אים צוגעבן אַ לויט אומשטערבלעכקייט. גראָד האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אַ הונדערט יאָר נאָכדעם, ווי שעקספיר׳ס ביינער האָבן פאַר־ענדיקט אַ הרף־עין פון יענער איבערצייט, וואָס איז ווי אַ טראָפּן אין ים פון צוקונפטיקייט, האָבן די ביינער פון דעם גרויסן פּאָעט אַנטוויקלט אַזאַ אויסהאַלטעוודיקייט, אַז וויפל לויב־מאָנומענטן מ׳האָט אויף זיי נישט געגומען אַרויפבויען, האָבן זיי אויסגעהאַלטן.

אָבער שעקספיר האָט בפרוש געקראָגן מער ווי קיילעכדיקע הונדערט יאָר פון סטאַטישער אומשטערבלעכקייט, פאַר פריוואַטער מעדיטאַציע און פאַר דעם נאָכטראַכטן פון די דורות, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. דאָס איז „געזונטע" אומשטערבלעכקייט, וואָס האָט צייט, וואָס האָט געדולד — אַן אָלימפּישע אומשטערבלעכקייט וואָס געטרויט די הענט פון צייט צו פליקן דאָס וואָס דאַרף געפליקט ווערן און צו היטן דאָס וואָס דאַרף קוליטיווירט ווערן.

מיר, דאָס אַלטע פאָלק, האָבן דווקא נישט קיין געדולד פאַר אַזאַ לאַנג־זאַמער אומשטערבלעכקייט. ס׳מאַכט זיך תמיד אַזוי, אַז מיר ווערן כסדר גע־שטעלט פאַר טראַגישע נסיונות. מיר מוזן כסדר לעבן אַן אימפּעטיק לעבן און מיר האָבן נישט קיין צייט צו ריזיקירן מיט יענער דויערעוודיקער אומ־שטערבלעכקייט, וואָס איז אין ליטעראַטור קיינמאָל נישט סענסאַציאָנעל, נאָר אַ באַשיידענע דאַטע. מיר מוזן נעמען אונזערע דאַטעס אויף כוח און די גרויסע יאָרצייטן פאַנאַנדערבלאָזן און פאַנאַנדערפּויקן אַזוי, אַז אין זייער זכות זאָלן מיר קענען לעבן. נישט פאַרקערט, אַז אין אונזער לעבעדיקן זכות זאָלן די חשוב׳ע אומשטערבלעכע קענען ווירדיק ממשיך זיין דעם פאָדעם פון זייער אומשטערבלעכקייט, אַז זיי זאָלן קאָנען שטיל און רואיק צעשטאַרבן אַלץ וואָס דאַרף צעשטאָרבן ווערן.

ס׳איז נישט מיין אויפגאַב איצט צוצוטראָגן עפּעס צום באַרג פון אָפּ־שאַצעריי אָדער איבערשאַצעריי, דאָס בין איך שוין באַגאַנגען ביי אַ סך פריער־דיקע געלעגנהייטן און וועל עס נאָך באַגיין, אויב גאָט וועט מיר שענקען יאָרן. כ׳וויל בלויז מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וואָס דאַרפן אונז העלפן סאַ־נירן, אַזוי צו זאָגן, אונזער גרויסן יאָרצייט, אַריינבלאָזן אַן אָטעם פון לעבן אין דער גרויסער נאַציאָנאַלער פייערונג, אויב מיר ווילן נישט אינגאַנצן אונטער־גיין מיט פּרץ׳ן און מיטשלעפּן רויע אומשטערבלעכקייט, וואָס וועט מוזן אַזוי־פיל מאָל געשאַצט און איבערשאַצט ווערן, אַז מ׳וועט כסדר האַלטן אין איין מטריח זיין די ביינער פון איינעם פון יענע נאַציאָנאַלע קינסטלער וואָס פאַרמאָגט, אויף וויפיל מיר קענען זען, אַלע פּאָטענצן צו קענען גראַדועל און געלאַסן מיטשטאַרבן, ביי דער זייט פון אַ לעבעדיקער ליטעראַטור.

וויפל דויערעוודיקן אומשטערבלעכקייט־אָטעם ס׳פאַרמאָגט י. ל. פּרץ פאַר אונזער צוקונפט קאָנען מיר נישט באַשטימען, מיר דאַרפן אָבער אַרומצוימען זיין קבר און נישט טאַפּטשען דאַרויף מיט צופיל דבקות. מיר ווילן פאַר־טומלען די קעפּ פון די צוקונפטיקע דורות, מיר ווילן זיי איבערגעבן אַ פאַר־זיגלטע קריטיק וואָס זאָל זיין אַ שטיק פּרץ־תורה, וואָס פון איר טאָר מען חלילה גאָרנישט מינערן. מיר מעגן זיך פאַרגינען צו אַנאַליזירן; ווען כ׳זאָג מיר, מיין איך די לעבעדיקע אידישע ליטעראַטור, דאָס אמת׳ע האָב און גוטס וואָס דער גרויסער אידישער קאָפּ און דאָס גרויסע אידישע האַרץ האָט אונז איבערגעלאָזט.

און אויך דאָס איז נישט מיין הויפּט־אינטערעס. אָנגענומען אַז אַ הונדערט יאָריקער געבוירנטאָג איז אַקוראַט די דאַטע, וואָס איז ווי געשאַפן געוואָרן פאַר גרויסע איבערטרייבונגען, אָנגענומען אַז די איבערטרייבונג טראָגט אַ נייטיקן פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער; אָנגענומען אַז מיר דאַרפן שלאָגן

פון אַזאַ דאָטע נויטיקע חיונה — דאַרף מען באמת לייגן דעם טראָפּ אויף חיונה, אויף לעבעדיקייט, און נישט דערלאָזן, אַז פּרץ זאָל אַריינפאַלן אין פּראָפּעסיאָנעלע מצבה־קריצערישע הענט, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין פונק ליבשאַפט און אפשר אויך נישט קיין פונק גלויבן.

פּרץ קען ווערן נאָסטאַלגיע. ס׳קען ווערן דער פאַרוויגנדיקער ניגון פון אַ דור, וואָס וויל זיך דערמאָנען, איידער ער הויבט אָן אײַנגאַנצן צו פאַרגעסן. ער קען ווערן אַ מין „בילי ליודי״, געוועזן אַמאָל צייטן, געווען אַמאָל מענטשן. אָבער גראָד פּרץ, און פּרץ מער ווי אַ סך אַנדערע שרייבערס, קאָן נישט און טאָר נישט געשטעלט ווערן אין דער יחידות פון פאַרגאַנגענהייט, אָן שום צו־בונד צום היינט און צום מאָרגן. פּרץ האָט געקענט בלייען בלויז אַרומגעצ־רינגלט מיט יונגשאַפט. ער האָט נישט געקענט זיין איינזאַם, כ׳מיין אויך ליטעראַריש איינזאַם. ער איז נישט געווען פון יענע מרוקישע טיטאַנען, וואָס גייען זייער באַזונדערן וועג און רעדן נישט צו קיין לעבעדיקן בן־אדם. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן אין דער אַרומגעגנומענער מסיבה פון אַ גרויסער לעבעדיקער און גלויביקער יוגנט, וואָס האָט אויך געגלויבט אין אייגענע כוחות. פּרץ האָט שטענדיק געשפּילט אין טריאָס, קוואַרטעטן, קווינ־טעטן און אפילו מיט גאַנצע אָרקעסטערס. ער האָט זיך געגנויטיקט אין דער באַוואונדערונג און באַקרעפטיקונג פון געדאַנק, אַז אויב אַלץ לעבט, לעבט ער, און אַז אָן לעבן ווערט אַלץ אַ תוהו, אַ „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק״.

ווען מען נעמט אַנאַליזירן פּרצ׳ן אָן דעם וואָס איז געווען, איז דאָ, אָדער וואָס דאַרף קומען, ווערט פּרץ אַליין אַ טראַגישער שאָטן אויפן אייגענעם אַלטן מאַרק.

אָבער נישט נאָר טאָר מען נישט אַריינשפּילן אין די הענט אַריין פון יע־נער זעטיקער און שלעפעריקער נאָסטאַלגיע, וואָס זעט אין פּרצ׳ן בלויז — אַוועק זיינען די יונגע יאָרן, און ס׳איז מער גאָרניט געבליבן, אַ חוץ איינדרימלען אין שויס פון מאַנישן אָדער לילית, אָדער פון אַ פאָלקסטימלעך מעשה׳לע; מיר טאָרן אויך נישט איבערגעבן פּרצ׳ן אין די הענט פון אַ גאַנצער גרופּע נעאָ־אַסימילאַנטן, וואָס זוכן צו הייליקן זייער אייגענעם ביטול צו אַלץ וואָס איז דאָ, צו אַלץ וואָס לעבט און זאַמלט זיך, מיט דעם נאָמען פון אַ פאַרגאַנ־גענעם פּרצ׳ן, וואָס איז נישט אַ טייל פון אַ לעבעדיק אידיש פאַרמעגן, נאָר אַ בליץ אין אידישן לעבן, וואָס האָט איבערראַשט דעם הימל און אים איבער־געלאָזט אין טאָטאַלער פינסטערניש.

מיר איז נישט לאַנג צוריק אויסגעקומען צו הערן אַ רעפעראַט איבער אידישער דערציאונג, וואָס האָט זיך געקלאַמערט — כ׳מיין דער רעפעראַט האָט זיך געקלאַמערט — אין פּרצ׳ס הונדערטסטן געבוירנטאָג. דער רעפעראַט איז צוגעגרייט געוואָרן אין אַ זינגענדיקן ענגליש, מיט אידישע ציטאַטן. ס׳איז

געווען אַ צוויי־שפּראַכיקער שידוך, נישט קיין גאַנץ געראָטענער, אָבער דאָך אַ שידוך, וואָס מיר וואָלטן באין ברירה געקענט בענטשן, ווען דער ווירדיקער רעפערענט וואָלט נישט אַליין, בידים, פאַרניכטעט די וואָרצלדיקע אויסזיכטן אויף אַזאַ גליק־שידוך.

אין פלוג איז עס אויסגעקומען גאַנץ שיין. אַט האָט י. ל. פּרץ דערלעבט, בלויז עטלעכע דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט — דער שרייבער וואָס האָט גע־לייגט דעם טראָפּ אויף אַ סטודענטישער יוגנט — אַז מ׳זאָל קומען רעדן אין נאָמען פון אַ סטודענטישער יוגנט און זוכן אַ שטיקל הסכם צווישן אידיש און ענגליש; אַ שטיקל שידוך, וואָס זאָל כאָטש געבן אידיש ציטאַטן־רעכט, ווי מען גיט פראַנצויזיש, אָדער אפשר גאָר לאַטיין. דאָס אַליין איז אויך נישט קיין קליי־ניקייט — לאָמיר זיין אַ קאַפּיטשקע דאַנקבאַר פאַר פאַראיבריקטע קליינקייטן.

אָבער דער רעפערענט האָט קודם־כל געמאַכט אַ תל פון דער מאָראַל פון אידישן שטעטל און אָנגעוויזן אַז דאָס שטעטל איז, אין שפּיגל פון רעאַ־ליסטישער באַטראַכטונג, געווען אַ נעסט פון אוממאָראַלישקייט, שמוץ, שלעכ־טער און מיאוסער דערציאונג; אַז חסידיזם איז געווען פאַנאַטיזם, פינסטערניש און זייער ווייט פון דעם וואָס ווערט לעצטנס גלאָריפיצירט; אַז די דאָזיקע פינסטערניש איז פונדעסטוועגן אויפגעלעבט געוואָרן דורך דער מאַגישער פי־גור פון י. ל. פּרצ׳ן, וואָס זיין זכות האָט אַזוי שטאַרק מגין געווען אויף דעם דור, ווייל ער האָט דעם דור געגעבן אַ אידייע. דער רעפערענט האָט טריאומפירט מיט אַ פאַרקערטן פאַרגלייך, אַז אונזערע אידישע שטעט און שטעטלעך, די אַמע־ריקאַנישע לאָמיר זאָגן, זיינען אָן אַן ערך מאָראַלישער, סאַניטאַרער, אונזער דערציאונג אַ בעסערע, אַ מער פּעדאַגאָגישע, דאָך האָבן מיר אַ בלינדע יוגנט, ווייל די הימלען אונזערע זיינען נישט אויפגעלויכטן געוואָרן דורך אַ פּרץ.

קיין איין שטיקל אידישע איצטיקייט, נישט קיין העברעאישע און נישט קיין אידישע, האָט דער רעפערענט, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרטרעטן די סטו־דענטישע יוגנט, נישט געזען אויפן האָריזאָנט. ער האָט געמאָלן אַ שוידערלעך בילד פון אַ פּרצ׳לאָזן דור המדבר. ער האָט גאָר אַליין נישט געשפּירט, אַז אויב ער נעמט ביי פּרצ׳ן צו זיין יום־טוב׳דיקן אויפזינג פון דער אידישער אַמאָליקייט, פון דער שטעטלדיקער אַמאָליקייט, אויב ער נעמט נאָך ביי אים צו דאָס רעכט צו גלאָריפיצירן חסידיזם, — וואָס בלייבט ביי פּרצ׳ן?

געבליבן איז וואָס ער האָט טאַקע ציטירט — פּובליציסטישע געדאַנקען, די אימפּולסיווע, פיל־פינטלדיקע זאָגן און אויסגעשרייען, וואָס מיט זיי איז פול פּרצ׳ס פּובליציסטיק. אַ סך ווערטפולע רייד, ווערטפול דערעיקרשט פאַר דער פּערזענלעכקייט פון פּרצ׳ן, אָבער וואָס האָבן בשעתם געהאַט זייער אַ קנאַפּן איינפלוס אויף דער אידייאישער וועלט פון דער יוגנט פון זיין אייגענער

צייט; און אויך אַ סך אָרימע און נישט דערזאָגטע רייד, אויסגעדראָשענע און דורכגעדראָשענע, וואָס זיינען דעמאָלט נישט געווען קיין גרויסע אַנט־פּלעקונג פאַר זיין דור און וואָס זיינען איצט דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פון צענטקלאַסיקע פּובליציסטן.

ס׳איז געווען נישט מער ווי אַן אַפּאָלאָגיע פאַר אַ גאַנצער גרופּע נעאָ־אַסי־מילאַנטן, וואָס הויבט זיך אָן אויסצוקריסטאַליזירן אין אידישן לעבן. אַ יוגנט, וואָס וויל נישט צוגיין נאָענט צום אידישן לעבן, וואָס האָט אַ קנאַפּע פּיעטעט פאַר אונזערע לעבעדיקע גייסטיקע אוצרות, וואָס קען נישט הנאה האָבן פון פּרץ׳ס פּרוכטבאַרע פאָלקסטימלעכע מעשות, ווייל זיי זיינען לויט זייער אויפ־פאסונג, נאָכאַלעמען נישט מער ווי גלאָריפיקאַציעס פון פאַנאַטיזם און פינס־טערניש; וואָס ווייסט גאָרנישט און וויל נישט וויסן פון דעם לעבעדיקן המשך אין אידיש און וואָס געפינט אַ גרייטע אַפּאָלאָגיע אין דער ווערסיע, אַז מפּרץ עד פּרץ לא קם כפּרץ, און געפינט באַקרעפטיקונג אין עטלעכע זאָגערישע ציטאַטן, וואָס דער מייסטער האָט געלאָזט פאַלן אין מינוטן, ווען דער רוח הקודש האָט אים בלויז טיילווייז באַשטראַלט.

פּרץ איז געקומען אין אַן עפּאָכע פון גייסטיקער אומרו, אַן אומרו, וואָס איז געווען די אומרו פון יאָרהונדערט און וואָס ער האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן איבערגעפלאַנצט אין אידישן לעבן; נישט אַזוי איבערגעפלאַנצט, ווי גע־שאַפן די גייסטיקע בריק, צווישן אומרו פון אונזער אידישקייט און פון דער גרויסער אייראָפּעאישער און געשפּאַנטער דערוואַרטונג אויפן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס ביז אים האָבן מיר זיך אין אים נישט אָנגעזען, מיט אונזער אידישן פּרצוף־פּנים. עסטעטיש און עטיש זיינען מיר געווען איינזאַם, ביז פּרץ האָט אונז פאַרבונדן מיט דער וועלט און געפאָדערט פון דער וועלט זיך איינצוהערן אין דעם אידישן קול, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן דעם יאָר־הונדערט פון גרויס דערוואַרטונג.

דאָס האַרץ איז אים צעבראָכן געוואָרן, ווען ער האָט דערזען דעם פינ־סטערן אָנזאָג, דעם אַדערויף אויף דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, די צאַפּלענישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָבער ווען פּרץ איז געקומען פאַרוועלטלעכן אידישקייט, אָפּטיילנדיק עס פון אַלץ וואָס די משכילים האָבן פאַרשטאַנען אונטער דעם וואָרט און וואָס ער אַליין האָט אַמאָל אַזוי פאַרשטאַנען, איז ער געקומען נישט אַליין, נאָר מיט אַ גרויס אידיש פאַרמעגן, פון פאַר אים, מיט אים, און מיט אַן אָנצינדנדיקן גלויבן אין אַ ליכטיקן נאָך־אים.

פּרץ פאַר אונזער דור מיינט דער דראַנג צו זוכן אידישע אָריענטאַציע, אין ליכט פון גרויסע אידישע געשעענישן, און אין פינסטערניש, אויב איר

ווילט, פון אַ מורא׳דיק געשעענער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער מענטשלעכער געשיכטע. פאַר אונז איז פּרץ אַ סימפּטאָם פון זוכן און טיילווייז געפינען אָנהאַלט, ווען אָנהאַלט איז באַזירט בלויז אויף ממשות׳דיקער רוחניות. פּרץ׳סביישפּיל איז פאַר אונז אַן אמת׳ער וועגווייזער, און אויף אַזויפיל לאָזט זיך זיין הונדערטסטער געבוירנטאָג אויסנוצן פאַר פּראָפּאַגאַנדיסטישע קיום׳דיקע צוועקן, אין אונזער דור פון אַזויפיל ליכטיקער געפונענקייט און אַזויפיל פינסטערער פאַרלוירנקייט.

אָבער מיר טאָרן נישט אונטערגיין מיט פּרצ׳ן און אין אים. פּרץ מוז געפייערט ווערן, בלויז אין דעם לעבעדיקן אָפּשפּיגל פון דעם אַנוואוקס, וואָס פּרץ האָט פאַראויסגעזען. פייערן פּרצ׳ן, אַ טויטן, אַ היפּערבאַליש־אומשטער־בלעכן, אַ פאַרגליווערטן און פאַרטאָפּטשעטן, מיט מאַרשירנדיקע פּיס, און אַן אויפסניי באַגראָבענעם, אונטער פאַרוואָרפענע אומקריטישע בלומען־קראַנצן, איז אַ קנאַפּע טובה פאַר דעם ריז, וועמענס אומשטערבלעכקייט האָט אַ רעכט זיך פאַנאַנדערצובליען, אויף אַ שטח פון אומגעצאַמטער פרייהייט.

פייערן פּרצ׳ן, אַן איינזאַמען, אַ פאַרמצבה׳טן, כדי צו באַדינען די זיפּץ־און־קרעכץ־עלטער, אַז אַמאָל איז געווען א אידישע ליטעראַטור און היינט איז נישטאָ, אַז אַמאָל זיינען געווען ריזן, היינט קאַרליקעס — איז אַ גראָטעסקער יאָרצייט, אַן איינזאַמע עלטער אויף יענער וועלט, פאַר דעם אייביק־יונגן, אייביק וויזיאָנערישן און אייביק גלויבנדיקן מייסטער.

פייערן פּרצ׳ן דורך אַ נייער, פון איי־אויסגעפּיקטער אַסימילאַציע וואָס זוכט אין אים אַ באַרעכטיקונג פאַר דער אייגענער אָפּפרעמדונג, וואָס האַלט אַז ביז אים און פון אים איז גאַרנישט געווען, איז אַ טראַגישער ליגן, אַ מורא׳־דיקער ליגן. דאָס איז אַ הילפלאָזע פּרץ־געטשקע, וואָס איז אי איבערגעטריבן אי שרעקלעך אונטערגעשאַצט; דאָס איז אַ פּרץ, וואָס מיט אים זוכט מען באַ־רעכטיקונג פאַר אונטערגאַנג, אין נאָמען פון אַ כלומרשטן, צוקונפטיקן, מעג־לעכן פאַסיוון אויפגאַנג.

אויב מיר קענען נישט איינשפּריצן לעבן, המשכ׳דיק לעבן, אין דער פייערונג פון פּרצ׳ס הונדערטסטן געבוירנטאָג — זיינען די אַלע לויב־געזאַנגען נישט נאָר אין סכנה צו ווערן הספּדים אויף פּרצ׳ן אַליין, נאָר אויך איין גרויסער קאָ־לעקטיווער הספּד אויף דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור און אידיש לעבן.

און דאָס האָב איך אייגנטלעך געוואָלט זאָגן: נעמט אַרויס פּרצ׳ן פון טויטע הענט. אויפגיין מיט פּרצ׳ן, אפילו ווען מען איז אָפּשאַצעריש־קריטיש, איז אַלץ גלייכער ווי אונטערגיין מיט אים, אפילו ווען מ׳לויבט פּרצ׳ן אין הימל אַריין, אין אַ חלל פון אַ טראַגישער אידישער און פאַרפינסטערטער איינזאַמקייט.

1951

דוד עדעלשטאַט

דוד עדעלשטאַט האָט ליב געהאַט צו שרייבן סאַטירעס. ער האָט זיך גע־קריגט מיט דיכטערס, מיט מאָלערס, מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן און זיי דערלאַנגט מיט זיין סאַטירישער פען. ער האָט זיך אפילו געווערטלט מיט זיין „צוקונפטיק" ווייב (עדעלשטאַט האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט) און ער האָט איר געוואָרפן דעם גט צו די פיס —

נאָר ווען זי וועט זיך דערלויבן
מיינע ווערק אַמאָל ניט לויבן,
מיך ניט קרוינען אַלס פּאָעט —
גיב איך תיכף איר אַ גט.

בין איך זיכער אַז ווען עדעלשטאַט וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און געזען ווי לוקסוסדיק מ'האָט אַרויסגעגעבן אַ „דוד עדעלשטאַט געדענק בוך" — דאָס פּאַפּיר, די דרוק־אַרבעט, דער איינבאַנד, די אָן אַ שיר רעפּראָ־דוצירטע פאָטאָגראַפיעס, די צייכענונגען, די באַצירונגען — בקיצור, דעם גאַנצן ראַסקאָש, וואָלט ער, דער אָרעמסטער פון די אָרעמסטע, זיכער אָנגע־שריבן אַ סאַטירע אויף דער עולם־הזה'דיקער עולם הבא, וואָס ער האָט גע־קראָגן, זעכציק יאָר נאָך זיין טויט.

ווען ער וואָלט נאָך דערצו געהאַט דאָס געדולד איבערצולייענען אַלע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן צו אים, וועגן אים און אַרום אים, וואָלט ער מסתמא רעווידירט דעם פערז פון זיין ליד — „מיין לעצטע האָפנונג", וואָס לייענט זיך אַזוי:

עס האָבן געלאַכט די אומוויסנדע שקלאַפן: —
משוגענער דיכטער, הער אויף דיין געשריי,
וואָס ווילסטו מיט פרייהייט, מיט קאַמף און מיט וואָפן ?
די רייכע זיינען מעכטיק, און די וועלט איז פאַר זיי!

ער וואָלט רעווידירט דעם פערז, ווייל ער וואָלט איינגעזען, אַז דער „משוגענער דיכטער" ווערט גענומען ערנסט, אַזויפיל צענדליק יאָרן נאָך זיין טויט; און אויב די רייכע זיינען נאָך אַלץ מעכטיק, האָט ער זוכה געווען צו אַ רייך־אַרויסגעגעבן בוך, וואָס איז אַ מעכטיקער מאָנומענט אַז קיין עושר קען עס פאַר קיין געלט נישט קויפן. דער בוך־דענקמאָל איז געשטעלט גע־

וואָרן דורך קלײנע און איבערגעגעבענע גרופּן עדעלשטאַט־קאָמיטעטן, אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ, וואָס האָבן אָפּגעהיט און טײער געהאַלטן זײַן נאָמען און גדעכעניש.

דאָס געדענק־בוך איז רעדאַקטירט געוואָרן פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי מיט פאַרנעם און פאַנטאַזיע. דאָס גאַנצע בוך איז געשאַפן געוואָרן מיט פּלאַן און מעטאָד. די אַכט אָפּטײלונגען גיבן אונז נישט נאָר דאָס געשטאַלט פון פּאָעט, נאָר זיי רעסטאַווירן אַן עפּאָכע. אָבער אין דער גרויסער עפּאָכע ווערט נישט פאַרלוירן דער שווינדזיכטיקער פּאָעט, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 26 יאָר און האָט בלויז צען יאָר געלעבט אין אַמעריקע און סך הכל דריי יאָר געשריבן אידישע לידער.

ס׳איז באמת כדאי דאָס צו געדענקען: אין די דאַזיקע דריי פאַרקרענקטע יאָר האָט עדעלשטאַט אָנגעשריבן אַ שלל לידער, הונדערטער הייסע קאַמף־אַרטיקלען, דערציילונגען און דערצו האָט ער נאָך רעדאַקטירט די „פרייע אַר־בעטער שטימע״. אַפילו די שאַצערס, וואָס גייען צו צו עדעלשטאַט׳ס לידער מיט אַ קאַרגן קאָמערטאָן, מעגן אויך אַ טראַכט טאָן וואָס דער וואולקאַנישער דיכטער וואָלט אונז געגעבן, ווען אים וואָלט באַשערט געווען צו לעבן כאָטש זיבעציק יאָר. ער וואָלט, לויט דעם חשבון, דערלעבט ביז 1936. מיט זיין גאַנצן ווידערשטאַנד צו די „פאַלשע״ באַצירונגען פון ליד, וואָלט ער זיכער, אונטער דער השפעה פון אַזויפיל נייע קרעפטיקע פּאָעטן, געשאָנקען מער אויפמערק־זאַמקייט צום אויסערלעכן לבוש פון זיין ליד, כדי ס׳זאָל נישט בלייבן הינ־טערשטעליק.

פאַר די פּאָעטן וואָס האָבן דערזען עדעלשטאַט׳ן אין ראַם פון זיין עפּאָכע און דערשפּירט זיין אויסגעציטערט און פאַר׳אמת׳ט וואָרט, איז עדעלשטאַט נישט קיין ווערדליק־פּאָעט. מ׳קען נאָך היינט לייענען זיינע לידער און אפילו זיינע אַרטיקלען און דערזען, אַז הגם ער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין ווערטער, האָט ער, פאַראַפּראַזירנדיק זיינס אַ ליד וועגן צוויי מאַלערס, נישט פאַרגאָסן אַ גאַנצן עמער „דאָרט וואו מען דאַרף איין טראָפּן האַרצנס־בלוט״. עדעלשטאַט איז געווען אַ גרויסער זאַגער און שטראָפער, אָבער אין זיינע שטראָף־רייד האָט מען געפונען מער ווי אַ טראָפּן פון דעם שטראָפערס אייגן „האַרצנס־בלוט״.

איך האָב שוין ערגעץ־אַנדערש זיך אָפּגעשטעלט אויף איינס פון זיינע געראָטנסטע לידער, וואָס מוז אויסנעמען אפילו ביי די שטרענגסטע קריטי־קערס. דאָס ליד הייסט — „צו אַ פריינט״, וועמען ער מונטערט —

זעסטו פון וויטן דאָרט רויטע סיגנאַלן?
דאָס קומט דיר צוהילף די הייליקע צייט.

אַט דאָס ליד איז אַן עדות, ווי דער אין תוך טיף־רעליגיעזער פּאָעט האָט פאַרהייליקט יעדער מינוט פון זיין לעבן, ווייל ער האָט יעדער מינוט געהייליקט צו מעשים טובים. דער בעסטער באַווייז דערויף איז אַ ליד, וואָס עדעלשטאַט האָט געשריבן דריי טעג פאַר זיין טויט. דער דיכטער שפּירט, אַז דער טויט וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן. ער אָנערקענט די אכזריותדיקע מאַיעסטעט זיינע און ער איז מתפּלל — „צום קעניג פון טויט". אָבער וויאַזוי איז ער מתפּלל? זוכט ער ביי אים אַ פּערזענלעך לעבן? ניין, אפילו אויפן טויטן־בעט זינגט ער —

איך בין נאָך יונג, איך וויל פּרובירן —
אין קאַמף זיך שטעלן אויף דאָסניי;
מיט נייע קרעפטן אַטאַקירן
אוממענטשלעכקייט און טיראַניי.

אויפן טויטן בעט ליגנדיק מען נישט און מען קאַקעטירט נישט. עדעל־שטאַט האָט זיכער נישט פאַזירט פאַר דער אומשטערבלעכקייט.

ניט רייס אַרויס פון האַנט מיין פּינדזל,
און לאָז מיך ענדיקן מיין בילד.

אַזוי האָט זיך דער דיכטער געבעטן ביים „קעניג טויט". ער וויל נאָך לעבן, ווייל —

איך זע נאָך פיל, פיל נאָבעלע טאָטן,
פאַר מיר אויף אונזער שקלאַפן־ערד.

עדעלשטאַטן מוז מען נעמען צוזאַמען מיט דער טעמפּעראַטור פון זיין גוואַלטיקן און פרומען אמת, וואָס קוועלט אַרויס פון זיין וואָרט. אַנדערע דיכ־טערס האָבן אין זיין צייט שוין געשריבן קרעפטיקערע רעוואָלוציאָנערע לי־דער, אַ בעסערן אידיש און אַ געמאָסטענעם מעטער, אָבער די לידער זיינען געווען גיכער דיכטערישע פּראָקלאַמאַציעס פאַר אַנדערע. עדעלשטאַט האָט געלעבט זיינע לידער, זיי זיינען געווען עטיש־ביאָגראַפישע אַנווייזונגען פאַר זיך. דער שפּרודל זיינער, די דריי יאָריקע שפּע, ווייזט ווי דער דיכטער האָט כסדר געוויטיקט מיט דעם צער פון דער וועלט:

אַ שטיקעלע ברויט, אַן סם און אַן קייטן,
ברידער! פאַרלאַנג איך דען פיל?

ער האָט פאַרלאַנגט נאָך ווייניקער. ער איז געווען דער אמת'ער מסתפּק במועט און כסדר גע'חלומ'ט פון טאָג, ווען —

יעדער שקלאַף איז אַ מענטש, יעדער מענטש איז אַ העלד
ווען זיין וואָפן איז — ליבע און וואַרהייט.

ער האָט געזאָגט און פאַראויסגעזאָגט. ער איז אין תוך געווען אַ זאָגער.

און פון זיינע פּראָזע־זאַכן זעט מען, אַז דער נאַאיווער און אומפּראַקטישער חלומ׳ער איז געווען קלוג און שאַרף. אין זיין פּאָלעמיק איז ער שוין אָפּט געווען אַביסל צו־מעסערדיק, אָבער תמיד האָט ער געקעמפט פאַר זיין וואָרהייט. און וואָרהייט, האָט ער דעפינירט פאַר זיך —

„ענטווידער די גאַנצע וואָרהייט — אָדער אומוואָרהייט. נישטאָ קיין „שטיקלעך״ וואָרהייט. צעטיילן און צעשניידן די וואָרהייט אויף שטיקלעך, הייסט: טויטן די וואָרהייט, גראַד אַזוי ווי צו צערייסן אַ לעבעדיקן קערפּער אויף שטיקלעך״.

וויפיל אמת און קלוגשאַפט איז געלעגן אין דעם יונגענמאַן, וואָס האָט געזען ווי מען באַפּרידיקט זיך מיט ברעקלעך אמת און ווי קאַניבאַלן רייסן פון אמת אבר מן החי און מאַכן אַ שיין לעבן פון די ברעקלעך. און אויף דער זעלביקער זייט, צווישן די פונקען פון עדעלשטאַט׳ס אַרטיקלען, געפינען מיר נאָך אַ פונק וואָס לויכט נאָך היינט מיט מער קלאָרקייט און פאַראויס־זען. „אַרום און אַרום: גאַנצע בערג פון פּאַרטיי־זומפּ — און נאָר אַ ברע־קעלע פאָלקס־ליבע״.

אפשר וואָלט מען היינט באַדאַרפט אויסמעקן אפילו דאָס ברעקעלע, וואָס איז אויך שווער צו געפינען.

דאָס „עדעלשטאַט געדענק־בוך״ גיט אונז דערפאַר אַ גאַנצערן עדעל־שטאַט, ווי מיר האָבן ביז איצט געזען. מיר זעען אַ קלוגן און שאַרפן איד, וואָס זיין הייליקייט האָט בלויז נאַאיוויזירט זיינע פּראַקטישע מיטלען צו קריגן ברויט מיט פוטער פאַר זיך, אָבער ס׳האָט אים נישט פאַרשמעלערט די ראיה, ווען דער יונגערמאַן האָט געקוקט אויף דער וועלט און געזען ווי דער לאַבן ברויט פאַרקנעכט אַ גאַנצע מענטשהייט.

אויף עדעלשטאַטן קען מען זאָגן: אויב איר ווילט — איז ער גאָר אַ לעגענדע. און ס׳איז גוט צו שפּינען די לעגענדע פון אַן עפּאָכע מיט זיין געשטאַלט. די לעגענדע עדעלשטאַט איז שוין אין זיין צייט געווען אַ טרייסט פאַר טויזנטער, וואָס האָבן געזונגען זיין ליד. אין די אינטערעסן פון דער איבערפּאַרטייאישער גאַנצקייט און פון אַלעמענס עדעלשטאַט האָט אפשר דער רעדאַקטאָר, ב. י. ביאַליסטאָצקי, געמעגט אַרויסלאָזן פון בוך די אָפּן־פּאַרטייאישע צייכנס; עדעלשטאַט׳ס קאַמף מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן; זיינע שאַרפע פּאָלעמישע אַרטיקלען און לידער פון דעם זעלביקן מין, וואָס זיינען עלול אויפצולעבן אָפּגעלעבטע דיסקוסיעס. איך זאָג, אַז מען האָט עס אפשר באַדאַרפט אַרויסלאָזן און כ׳בין פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן זיכער, אויב די היינטיקע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן קענען נישט אָננעמען דעם גאַנצן

עדעלשטאַט און נישט דערזען, מיט אים צוזאַמען, דעם טיפערן פּאַראָויסזע פון אַ פערוועריזן סאָציאַליזם —

איך זע שוין די צוקונפט די גאָלדענע
וואו דער שטאַט וועט טראָגן די קרוין;
פּאָליציסטן סאָציאַליסטישע
וועלן אויף יעדן ווינקל שטיין.
פון פּרעזידענט וואָס זיצט אויפן טראָן
ביזן שעריף וואָס פאַרציט די שטריק,
אַלע וועלן זיין סאָציאַליסטישע —
וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ גליק.

דער „שעריף" וואָס האָט פאַרצויגן די שטריק אין פּראָג און וואָס האָט אָפּגערייניקט בעריאַ'ן, טוט עס אין נאָמען פון סאָציאַליזם, און דוד עדעל־שטאַט, „דער בלאַסער זינגער" האָט עס פּאַראָויסגעזען, מיט עטלעכע און זעכ־ציק יאָר צוריק. דער פאַרדינסט פון דעם מאָנומענטאַלן עדעלשטאַט־בוך באַ־שטייט טאָקע דער עיקר אין דעם, וואָס עס ווייזט אונז די פול־בלוטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט פון דעם דאָזיקן כלומרשטן „בלאַסן זינגער".

אָבער דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט סיווי געקירצט האָט זיך געמעגט פאַרגינען פונדעסטוועגן אָרויסצוואַרפן אַזאַ „פּולבלוטיק" אַרטיקל ווי — „אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַזאַ מין זאַץ:

„אויב אין ניו יאָרק געפינען זיך ערלעכע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דאַרפן זיי זיך באַגראָבן, לעזונדיק אַזוינס אין זייער אָפיציעלן אָרגאַן. די „אַרבייטער צייטונגניקעס", אין זייער משוגענעם האַס קעגן יעדן אַנאַרכיסט, באַמערקן גאָרנישט ווי העסלעך, ווי אָפּשטויסנד זיי זעען אויס אין דער שמור־ציקער ראָלע פון אַ מסור און אויפהעצער קעגן די אַנאַרכיסטן. אָבער די וואָס זיינען נאָך ניט געזונקען נידריק, די וואָס האָבן געזונטן מענטשן פאַרשטאַנד — ווארום פּראָטעסטירן זיי ניט קעגן דיזע נידערטרעכטיקייטן פון זייער פּרעסע? אָדער פיליכט זיינען די מענטשן מיט געזונטן מענטש־פאַרשטאַנד אימער אויסער די רייען פון די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

מ'האָט זיך אין אַזאַ געדענק־בוך געקענט באַגיין אָן אַזאַ דאָקומענט פון די אַמאָליקע קריגערייען וואָס פאַרשמעלערט, אָדער וואָס ברייטערט אפשר אויס אומנויטיקערהייט דאָס געשטאַלט פון דעם פאַרהייליקטן דיכטער, וואָס געהערט מער נישט צו קיין פּאַרטיי. זיינע פּאַרטייאישע קריגערייען האָבן גע־מעגט בלייבן מאַטעריאַלן בלויז פאַר דעם נייגעריקן אויפזוכער.

כ'וויל ניט געבן קיין עליות, אָבער די אַרטיקלען אין בוך, די לענגערע אָפּהאַנדלונגען, ווי די קירצערע עסייען, זיינען נישט נאָר אינטערעסאַנט, נאָר

זיי זיינען אויך געשמאַקפול אויסגעשטעלט און קאַטאַלאָגירט. מיט גרעסערע און וויכטיקע אַרבעטן זיינען פּאָרטראַטן אבא גאָרדין, דער פרי־פּאַרשטאָר־בענער דר. הערמאַן פראַנק, רודאָלף ראָקער, דר. י. ב. שטיינבערג, דר. אהרן שטיינבערג, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, און נ. ב. מינקאָוו מיט אַ גאַנצער קריטישער מאָנאָגראַפיע. אַ ספּעציעלן יישר־כוח פאַרדינט י. ישורין פאַר זיין עדעלשטאַט־ביבליאָגראַפיע. ער פאַרדינט נישט נאָר אַ יישר־כוח, נאָר אַז מען זאָל אים פשוט באַזינגען ווי דעם אמתן ל״ו־ניק פון אונזער ליטעראַטור, וואָס זוכט נישט קיין שכר פאַר זיינע קאָלאָסאַלע ליטע־ראַרישע מצוות.

צוואַנציק דיכטער באַזינגען עדעלשטאַטן. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע פאַר זיך. די ראָזשינקע פון דער אַנטאָלאָגיע איז מאָריס ראָזענפעלדס ליד. ער באַזינגט נישט נאָר באַזידלט. עדעלשטאַט האָט זיך אָפט געקריגט מיט דעם דיכטער, וואָס איז געווען דאָס וואָס פאַקטיש יעדער איד איז ביים היינטיקן טאָג — אַ שטיקל סאָציאַליסט, אַ ציוניסט, אַ נאַציאָנאַליסט, אַ פּאַטריאָט. ביי עדעלשטאַטן איז אַזאַ דיכטער געווען אַ פאַלשער און פּרינ־ציפּלאָזער.

היינט פאַר אַ געבראָטנס מיט אַ קאַרטאָפל
לעקט ער דעם רייכן לומפּס פּאַנטאָפל;
מאָרגן פאַר אַ גילדן לוין
שרייט ער: עס לעבע די פרייהייטס־פאָן!

מאָריס ראָזענפעלד האָט לויט גאַנץ גוט־אָנגעגעבענע סימנים, אָנגענומען אַז דאָס מיינט מען אים — האָט ער פּרייגעלאָזט זיינע פיילן און אַזוי געשאָסן:

פעלן דען ווירקלעכע קריטיקער דענקענדע
מיט בילדונג, מיט האַרץ און טאַקטיק?
וואָס נאַרישע קראַצערלעך, שמירערלעך קרענקנדע
דערלויבן זיך צו שרייבן קריטיק?

עדעלשטאַט האָט שטאַרק באַוואונדערט און ליב געהאַט מאָריס ווינטשעוו־סקי׳ן. ער האָט אים אָבער פיל מאָל געשטראָפט, און אויך ווינטשעווסקי האָט געהאַלטן, אַז עדעלשטאַט פירט זיך איבער מיט זיין פאַרטיי־קריטיק —

אָ, גלויב מיר — פריינט, דיין ערלעכער,
דיין זיסער לידער־קלאַנג,
וואָלט קלינגען שענער, הערלעכער
אָן קנאה אין געזאַנג.

די צוויי פּאָלעמישע לידער זיינען נישט די איינציקע שטעכעלקעס אין דעם לידער־קראַנץ, לכבוד עדעלשטאַטן. אין דער מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע

ווערט אויך געבראַכט אַ ליד פון מאָריס הילקוויט, פון דער פעריאָדע ווען דער באַרימטער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פירער איז נאָך געווען אַן אונזע־ריקער און האָט נאָך אפילו געשריבן אידיש.

איך האָב געזען אַ פּאָר פּאָעטן
אָן טאַלאַנט און אָן דיכטער'גאַב,
וואָס מאַכן דערנאָך אומגעבעטן
פּאַר איר, אויף יעדער וואָך אַ דזשאַב.

דאָס האָט ער אָנגעגריפן עדעלשטאַטן פאַר שרייבן אין דער „פרייער אַר־בעטער שטימע", וואָס הילקוויט, אונטער זיין פסעוודאָנים „המנגן" האָט אָנגערופן — „אַ שמוציקעס זשאַרגאָניש בלאַט". אין דעם געבראַכטן פערז דאַרף זיך „גאַב" מיסתמא לייענען „גאַב", כדי ס'זאָל זיך גראַמען מיט „דזשאַב".

דאָס געדענק־בוך לכבוד עדעלשטאַטן פון איבער 600 זייטן, לעבט אויף פאַר אונז יענע צייט, ווען להכעיס אַלע פּאַרטיי־קריגערייען, האָבן אידישע אַרבעטער, איבער דער גאַנצער וועלט געזונגען — „

אַ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן.

וויל איך זאָגן, אַז ביאַלאָסטאָצקי האָט געטאָן אַ גרויסאַרטיקע אַרבעט, צוזאַמענשטעלנדיק דאָס בוך, און זיין אָפּהאַנדלונג „פיר זיינען זיי געווען", איז באמת אַ פיינער עסיי, וועגן מאָריס ראָזענפעלדן, דוד עדעלשטאַטן, מאָריס ווינטשעווסקי'ן און יוסף באָוושאָווער—מיט דעם אויסנאַם פון סוף־וואָרט, ווען ב. י. ביאַלאָסטאָצקי מאַכט פון אַלע אידישע דיכטערס סאָציאַלע זינגער: ס'קומט אויס ווי ביאַלאָסטאָצקי וואָלט ביים סיום פון בוך געמאַכט אַ באַנקעט פאַר דער גאַנצער אידישער פּאָעזיע.

א. ליעסין

א. ליעסינ׳ס מאָגערסטע יאָרן זיינען געווען פון 1910 ביז 1920. ער האָט אין יענע יאָרן געדרוקט עטלעכע איבערזעצונגען פון טיו־טשעוו׳ן, היינע׳ן, וויטמאַנען און אַנדערע. די אייגענע לידער זיינע זיינען גע־ווען בלאַסע, האַרטע געגראַמטע פערזן. די „יונגע״ וואָס זיינען דורך יענע יאָרן געווען שטאַרק אַקטיוו און קעמפעריש, האָבן אויף אים נישט אָנגעשטעלט זייערע קאַנאָנען. זיי האָבן אים לחלוטין נישט געהאַלטן פאַר קיין שטאַרקן כוח אין דער פּאָעזיע. געקעמפט האָבן זיי קעגן ראָזענפעלד׳ן, יהואָש׳ן, איינ־האָרנען, אָבער ליעסין, האָבן זיי געשפּירט, באַקעמפט זיך אַליין מיט זיינע אייגענע לידער.

פון 1910 ביז 1920 האָט ליעסין אָנגעשריבן אַ טוץ אָריגינעלע לידער, נישט אַן ערך אַ טוץ, נאָר טאַקע ממש אַפּגעציילטע צוועלף לידער, וואָס האָבן נישט געקענט אַרויסרופן קיין גרויס לויב און קיין קנאת משוררים. אין 1917 איז געווען זייער פּאָפּולער זיינס אַ סאַטירע „ישראליק״, וואָס האָט געקלונ־גען ווי אַ פּרוגישע איבערדיכטונג —

פאַרזאָרגער רעכטס, פאַרזאָרגער לינקס,
ישראליק איז אינמיטן;
דער רייסט אַהער, דער רייסט אַהין —
דער אויבערשטער זאָל היטן!

דאָס ליד פאַרמאָגט עלף פערזן און איין פערז שלעפּט מיט דעם צווייטן —

ישובים רעכטס, ישובים לינקס,
ישראליק איז אינמיטן;
פּראָיעקטן, טשאַרטער׳ס, ברייט און גרויס,
זיי שיטן זיך און שיטן.

מען האָט זיכער נישט געקענט פאַראיבל האָבן אויף די „יונגע״, וואָס האָבן אין אַזעלכע שורות נישט געשפּירט קיין פּאָעזיע; וואָס זיי זענען אפילו נישט נתפעל געוואָרן פון דעם אופן ווי ליעסין האָט שפּעטער, אין 1919, גע־זוכט אויפצואוועקן אין זיך זיין אייגענעם פּאַטאָס, זיין וואַרעמען נאַציאָנאַלן טאָן, אין זיין ליד וועגן משיח׳ן, וואָס זיצט — „ביים טויער פון רוים״.

עס זיצט און ער קראַצט זיך די קרעץ מיט אַ שערבל
און וואַרט, פון יסורים געקוועלט,
צי קען ער אַוועקגיין שוין הויך מיט די וואָלקנס
און ברענגען די גאולה דער וועלט.

דאָס איז געווען ווי אַ פּאַראָדיע אויף זיינע אַמאָליקע נאַציאָנאַלע לידער, וואָס ער האָט געשריבן מיט יאָרן פריער, אין די ניינציקער יאָרן, אָדער נאָך שפּעטער, אין 1907, ווען זיין ברייטער דעקלאַמאַטאָרישער פערז האָט פאַרמאָגט אָטעם און ער האָט מיט אידישע ווערטער געפאַנגען דעם העראָאישן ריטם פון נאַציאָנאַלע רוסישע באַלאַדעס, ווי אין זיין ליד — „רבי עקיבא" —

דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט, בר כוכבא איז שוין טויט.
דער לעצטער שטראַל יהודה׳ס טונקלט און פאַרגייט.

די פּאָעמע האָט דערגרייכט הויכע טענער —

דאָך האָב איך טיף געפילט, ווי שענדלעך איז דער מוט
צו בלייבן לעבעדיק אין ים פון קדושים־בלוט.

די „יונגע" האָבן נישט אויפגעמישט זיינע אַמאָליקע לידער; און א. ליעסין האָט דורך די מאָגערע, אומשעפערישע יאָרן זיינע נישט אַרויסגערופן ביי זיי דעם נייגער צוריקצורופן זיינע קרעפטיקע, זאַגערישע פּאָעמען, פון יענע יאָרן, ווען א. ליעסין האָט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט די בעסטע פּיאָנערן פון אידישן ליד און אָפט באַוויזן זיי נאָך אַריבערצושטייגן אין פּאַטאָס.

איך האָב ניט, אָ, עלנדע אומה מיט וואָס דיר צו דינען,
אַרום אין דעם אָרימען, וואָכיקן לעבן.
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן!

אַזוי האָט א. ליעסין געזונגען אין 1894. אין יענע יאָרן האָט ער פאַרמאָגט אַן איבערצייגנדיקע, עקשנות׳דיקע מוזיק, וואָס האָט דורכגעציטערט זיינע ווערטער מיט דער קראַפט פון דורכלעבונג:

אָ פינצטערער, גרויסער, העראָאישער עבר,
ווי טייער, ווי ליב דו ביסט מיר.

די דאָזיקע ווערטער, בעסער געזאָגט, דעם תוכן פון די ווערטער האָט ליעסין דורכגעבענקט אין אַ סך לידער זיינע —

עס ווערט מיין צימער פול מיט בלוטנדע געשפּענסטער,
זיי ציען זיך צו מיר, זיי רינגלען מיך אַרום,
אין בלייכן שיין פון קדושים מיט טויט־שמערץ־אויסדרוק —
אָ, זיידעס הייליקע, קערט איער גאָט מיר אום.

דאָס זענען שורות פון זיין ליד „געשפּענסטער", געשריבן אין יאָר 1910,

אויף דער שוועל פון זיין מאָגערער עפּאָכע, ווען דער דיכטער א. ליעסין האָט דעם גאַנצן פּאַטאָס זיינעם אַריינגעזונגען אין זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט צו יענער צייט געשריבן אין „פאָרווערטס", און שפּעטער אין דעם חודש־זשורנאַל „צוקונפט", וואָס ער האָט אָנגעהויבן רעדאַקטירן אין 1913. ביז ער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון „צוקונפט" האָט א. ליעסין שוין געהאָט הינטער זיך אַ דיכטערישע קאַריערע פון אַ פערטל יאָרהונדערט.

די אידישע פּאָעזיע וואָס האָט אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון רייפקייט אין די נײַנציקער יאָרן און אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט צו פאַרדאַנקען א. לעסינען פאַר גאָר אַ סך לידער. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם טיפן באַטייט פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער פּאָע־זיע. ער איז אויך געווען פון די אָריגינעלע אידישע סאַטיריקער. זיין סאַטירע האָט פאַרמאָגט אַ סך מער געשניצטע איידלקייט פון פרוג'ן. זיין ליד „דער קרעמער", וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט 58 יאָר צוריק, קען נאָך היינט געלייענט ווערן מיט פאַרגעניגן. דער קרעמער איז אַ חקרן, וואָס לייענט די „הצפירה" און חלומט פון —

אַ אידישע מלוכה, רבותים,
צי קענט איר דאָס גרינטלעך פאַרשטיין?
דאָס הייסט דאָך אַ מלוכה פון גאונים,
אַ מלוכה פון מלכים אַליין.

אָבער דעם קרעמערס חלומות ווערן איבערגעשלאָגן פון מסחר —

נאָר פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ קונה,
אַזוי ווי אַן אַרבעס די גרויס,
און בעט פאַר אַ קאָפּיקע הערינג,
און שלאָגט אים פון ענין אַרויס.

נישט געגוג וואָס דעם קרעמערס רעיונות ווערן צעשלאָגן און ער ווערט ביי אַזאַ פּדיון כולו מסחר און כולו וואָך, ווערט מען נאָך אין שטעטל דער קרבן פון קנאה־שנאה —

עס זעען פון וויטן די לייזונג
די הונדערטער קרעמער אין גאַס,
און פרעסן עס אויף מיט די אויגן,
מיט אויגן פון קנאה און האַס.

אָבער די „יונגע" האָבן נישט אויסגעזוכט זיינע אַמאָליקע לידער און א. ליעסין, וואָס איז פון 1913 אָן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר דער נייער גרופּע פּאָעטן און אַריינגעדרייט דעם לאָמפּ פון זיין ליד. ווען מיר, די נאָך אינגערע דיכטער, זענען געקומען אין

1919, האָבן מיר אים שוין געהאַלטן פאַר אַ געוועזענעם פּאָעט. מיר האָבן אוודאי נישט צוריקגעמישט זיינע לידער, און הגם פאַר אונז זענען נאָך דע־מאָלט געווען לעבעדיק אַזעלכע געשטאַלטן, ווי אברהם רייזען, יהואש און מאָריס ראָזענפעלד, האָט א. ליעסין, דער דיכטער, אינגאַנצן געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, און מיט אַ שמייכל האָבן מיר געלייענט זיינע שורות —

שפּילן זיך קינדערלעך, טענעמענט־קינדערלעך —
קויטיק און קרענקלעך און קליין,
העמדלעך צעריסענע, בעקלעך פאַרמורזעטע,
דאָך אַזאַ ריר, אַזאַ חן.

אונז איז דערווידער געווען דער ריטם. די ווערטער זענען געווען טויטע. ס'האָט אונז אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן עפּיגאָניש־פאַרוואָסערטער ראָזענ־פעלד. מיר האָבן זיך אַפילו נישט גענומען די מי אויסצוגעפינען, אַז דאָס איז גאָר אַ פאַרוואָסערטער — א. ליעסין.

מיר דאַכט זיך, אַז זייער ווייניק מענטשן האָבן פאַרזיכטיק געלייענט א. ליעסינ'ס דריי בענד לידער, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן באַלד נאָך זיין טויט, אין 1938. א. ליעסין האָט נישט זוכה געווען צו זען זיינע אייגענע לידער אין בוך־פאָרם. שוין אין 1938 איז געווען קלאָר, אַז אַ פּרוכטבאַרער נאַציאָ־נאַלער פערזון־שרייבער איז אונז אינגאַנצן פאַרבייגעגאַנגען, אין די יאָרן, ווען מיר זענען געווען פאַרטאָן אין דער באַנייאונג פון אידישן ליד. ליעסין איז געווען זייער אַ שווערער מענטש, אַ ביטערער עקשן און אַ מוראדיקער נישט־פאַרגינער. ער איז געווען אַ ווייס־און־שוואַרץ־זעער, אָדער ס'איז געווען גרויס און הימליש, אָדער ס'האָט געטויגט אין דר'ערד. ער איז געווען אַ גרויסער עגאָצענטריקער און אַ מתנגדישער פאַנאַטיקער, וואָס האָט ליב גע־האַט... פיינט צו האָבן. אַ שטיק צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי פיינט־לעך באַצויגן צו דער נייער אידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, האָבן מיר אינגאַנצן פאַרזען זיין געוואַלטיקע שפע פון גוטע און שלעכטע לידער. אין די אַכצן יאָר, פון 1920 אָן, ווען דער פּאָעט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף — ביז ממש געציילטע טעג פאַר זיין טויט, האָט דער דיכטער געשריבן דריימאָל אַזויפיל, ווי אין די ערשטע 32 יאָר פון זיין רייכער, דיכטערישער קאַריערע. א. ליעסינס ערשט ליד איז געשריבן געוואָרן אין 1888. פינף טעג פאַר זיין טויט, אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, האָט ער דיכטעריש באַזונגט עדגאַר עלען פּאָוס שטיבל און פאַרנומען דעם ראָב'ס אויסגעקראָקעטן „קיינ־מאָל־מער":

האָט געוואַכט דאָרט שטילקייט, ווי איך בין אַהין
מיט אַ האַרץ אַ קלאַפּנדיקס — צו אים געקומען;

פון דעם דיכטערישן אומזין פון זיין זין,
פון זיין שיינקייט, פון זיין פּראַקטיקער באַנומען.

א. ליעסין איז געווען אַ פּאָעט פון אַ סך אינספּיראַציע, וואָס איז אָפט דערשטיקט געוואָרן אין רייד. ער איז נישט געווען פון די פּאָעטן, וואָס מיט זייערע אייגענע לידער שאַפן זיי פאַר זיך אַליין אַ שטרענגע מאָס. ער האָט געקענט פליען הויך און ער האָט זיך נישט געשעמט צו קריכן. ער איז געווען אַ קנאַפּער מפונק אויף לשון. ער האָט גוואַלטיק געטרויט דער באַגייסטערונג זיינער, וואָס האָט זיך געוויינלעך אויסגעזונגען אין די ערשטע עטלעכע שורות. נאָך די ערשטע שורות פון הייסער באַגייסטערונג מוז יעדער פּאָעט ערשט זיין אויף דער וואַך און בלייבן ניכטער, כדי ער זאָל דערשפּירן צי ער שטעפּט נאָך די ווייטערדיקע שורות מיט וואונדער, אָדער דער גאַנצער פאָדעם איז אים אויסגעגאַנגען.

א. ליעסין האָט געהאַט אַ חוש פאַר דראַמאַטישקייט. מיר איז אַ וואונדער פאַרוואָס ער האָט נישט געשריבן קיין דראַמעס אָדער דראַמאַטישע פּאָעמעס. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן זיין ליד. ער האָט אָפט געשריבן זיין ליד, נישט אַזוי פאַרן געמיט, ווי פאַר אַ מויל, וואָס זאָל עס דעקלאַמירן. אין 1921 האָט דער דיכטער אויסגעזונגען זיין ליד „אידיש", וואָס גיט אונזער לשון היסטאָרישע חשיבות און בירגער רעכט אין אידישן לעבן, אין אַלע לענ־דער. דאָס ליד וואָלט אַ סך געוואונען, ווען דער דיכטער וואָלט זיך געווען פּאַרזיכטיק צוגעהערט צו זיינע אייגענע ווערטער און זיך אויסגעהיט פון אַזעלכע שטרויכלונגען —

ווען ווייס פלעגן געבן אַ שימער
צוויי פליגלען פון הינטן ביי איר,

אָדער ווען ער וואָלט עס נישט אַזוי צעצויגן און פאַרשיינפּערלעכט מיט רעטאָריק —

טאָ האָב איך דעם שימער פון שטערן־לעגענדן,
די ליבע לבנה־באַלייכטונג פון גייסט.

אָבער דאָס ליד פאַרמאָגט הערזאַישע מוזיק און עס איז פון די קרעפּ־טיקסטע לידער אין דער אידישער דעקלאַמאַציע־ליטעראַטור. אַזאַ ליד וואָלט מען געמעגט אָפטער דעקלאַמירן אויף דער ראַדיאָ.

פון וואָרמס, פון מיינץ און פון שפּייער,
דורך פּראַג און לובלין, ביז אָדעס,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס.

א. ליעסינ׳ס לידער פון אידישע ימים טובים זענען עכטע יום־טוב׳דיקע

איבערלעבונגען. מען קען פון זיינע לידער צונויפֿשטעלן אַ גאַנץ מחזור פון אידישע מאָדערנע תפילות און יוצר. ער האָט אין די יום־טוב לידער גע־בליצט מיט אמת'ער נאָסטאַלגיע. ער האָט געהאַט די באַגאַבונג צו זען דעם שיין פון אידישן יום־טוב אויף ניו־יאָרקער גאַסן.

זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, ליעסין איז ניט געווען קיין גרויסער פּאָעט. ער איז געווען דער קלענסטער פון די ריזן. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט עטלעכע גרויסע לידער, וואָס מ'קען נאָך היינט פון זיי הנאה האָבן. ער איז אפשר דער גרעסטער כרעסטאָמאַטיע־דיכטער אונזערער. אויף זיינע לידער, אויף זיין עכטער אידישער פייערלעכקייט, מעג מען דערציען אידישע קינ־דער. זאָלן זיי, איידער זיי הויבן אָן פרעגן ליטעראַרישע קשיות, איינזאַפּן אין זיך אַזעלכע רייד און אַזוי זיך דורכטענה'ן מיט דעם משה־געשטאַלט.

אָ, האַר פון די גייסטער! האָסט דורות באַגייסטערט,
און וואו איז דיין קבר ווייס קיינער דאָך ניט
בעת הונדערטער טויזנטער האָבן געמייסטערט
דעם האַר פון די שטיינער אַ גרוב־פּיראַמיד.
און וואו איז ער איצט, דער טיראַן טויט־אַנכאמען?
אַן עלנדע מומיע, פּאַרטריקנט, פּאַרגעלט!
און דו נאָך, ווי דעמאָלט, דו צינדסט מיך מיט פלאַמען,
אָ, משה רבנו, אַ ליכט פון דער וועלט!

אין דעם זעלביקן ליד, וואָס איז אגב פון זיינע לעצטע לידער, זענען דאָ שרעקלעכע שורות —

אַט גרינט אַ גראַניט־וואַנט, אַט שלעפּט מען דאָרט אויבן
אַ שוים־ווייסן פעלז, אַ געזימס קאָלאָסאַל,
אַט נעמען אים טויזנטער בראָנזן־הענט הויבן,
אַט גיט ער פּאַטאַל אויף די הויבער אַ פאַל.

אָבער די כרעסטאָמאַטיע־קינדער, ווי מיר ווייסן, פרעגן נאָך נישט קיין קשיות. זיי שמייכלען אַפילו נישט פון דער „עלענדער מומיע". זיי וועלן דע־קלאַמירן און געדענקען די אינספּירירנדיקע שורות —

און דו נאָך, ווי דעמאָלט, דו צינדסט מיך מיט פלאַמען,
אָ, משה רבנו! אָ, ליכט פון דער וועלט!

ווי זיי וועלן געדענקען שורות פון זיינע אַנדערע היסטאָרישע פּאָעמעס, וועגן רבי עקיבא, מהר"ם מרוטענבערג, אליהו, יהודה המכבי און אַנדערע גרויסע געשטאַלטן, וואָס ליעסין האָט זיי געוואָלט געבן דיכטערישער תיקון.

1954

מאַי קאָ משמע לן — אידיש

א.

די איבער אַכט הונדערט לידער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד אברהם רייזענ׳ס 75טן געבוירנטאָג, הויבן זיך אָן מיט אַלף, מיט דעם סאַמע ערשטן ליד, וואָס דער מחבר האָט געשיקט צו י. ל. פּרצ׳ן, מיט 61 יאָר צוריק. דאָס ליד האָט דער פּאָעט געשריבן ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר, געדרוקט געוואָרן איז עס אין פּרצ׳ס ערשטן באַנד — „די אידישע ביבליאָטעק״, ווען דער יונגער פּאָעט איז שוין געווען אַ רייפער, פּופצן יאָריקער בחור.

כ׳האָב אַמאָל ערגעץ געזאָגט, אַז רייזען איז געווען דער ערשטער נאָר־מאַלער דיכטער אין דער אידישער פּאָעזיע און געמיינט האָב איך דערמיט צו זאָגן, אַז ער איז געקומען צום אידישן ליד דירעקט, נישט דורך קרומע וועגן פון השכלה. ער האָט אויך נישט באַדאַרפט קומען צו אידיש מיט מורא, אַז ער באַגייט חלילה אַן עולה, וואָס ער שרייבט לידער פאַר אידן און נישט פאַר גויים. ער האָט געוואוסט אַז ווען ער וואָלט זיינע לידער געזונגען פאַר גויים וואָלט עס אפשר אַנדערש געקלונגען, אָבער ער אַליין וואָלט פון דעם קיין הנאָה נישט געהאַט.

ער איז געווען דער ערשטער נאַטירלעכער אידישער שרייבער און זיין ערשט רוי ליד איז גלייך געווען אַ פּראָפעסיאָנעל ליד און האָט אפילו אָנגע־שלאָגן אַ פּושקין־טאָן.

וועו דאָס לעבן איז פאַרביטערט,
און דאָס האַרץ הויבט אָן צו קלעמען,
און אַ טרער אין די אויגן ציטערט,
און דערציילן האָסט ניט וועמען.

אין די לעצטע צוויי שורות פון דעם אַכט־שורות׳דיקן ליד, שווערט דער יונגער פּאָעט אומדירעקט געטריישאַפט צו אידיש און צום אידישן ליד, און דער יונגער אויפגייענדיקער פּושקין נעמט אויף זיך די באַוואוסטזיניקע ראָלע און אויך די טיפע אחריות צו זיין אַ אידישער דיכטער.

אָ, מיין אָרעם־אידיש לידל —
בלייב מיר דו כאָטש וואָרעם דו.

פרץ האָט די צווייטע סטראָפע שטאַרק געענדערט, אָבער דעם יונגן אַנהויבערס פּאַרוואונדיקטע אייגנליבע, וואָס אַ פרעמדע האַנט, זאָל זיין אפילו די פּירערישע, פאַטערלעכע האַנט פון פּרצ'ן, האָט זיך צוגערירט צו זיין ערשט־לינג, האָט אים געצוואונגען צוריקצושטעלן די צווייטע סטראָפע „לויטן זכרון" און געבן זיין אָנפאַנגעריש ליד דעם תיקון פון אייגנס. דאָס איז אַן אינטערע־סאַנטער פסיכאָלאָגישער שטריך פון טיפער דיכטערישער אויפריכטיקייט. דער דיכטער האָט צו זיין 75טן יובל געזאַמלט זיינע לידער, האָט ער געוואָלט קומען מיט אַלע זיינע אייגענע פגם'ען, אָבער אָן דעם פגם פון די עטלעכע שורות, וואָס דער גרויסער מדריך האָט אים אונטערגעשטעלט.

די לעצטע צוויי שורות זיינען דערפאַר טאָפּלט אינטערעסאַנט און זיי ווערן טאָפּל־אייגן, אי דעם יונגן פּאָעט, אי דער אידישער פּאָעזיע, ווייל מיר ווייסן, אַז ער האָט גלייך אין אָנהויב מיט אינגלשער באַוואוסטזיניקייט, גע־וואָלט שאַפן דעם סינטעז פון דער ברייטער, צעזונגענער וועלטלעך־דיכ־טערישער שורה, וואָס האָט דערציילט פון אַ פּריוואַטן זעלבסט־שמערץ — מיט דעם געפיל אַז דער אידישער פּאָעט קען געפינען זיין טרייסט אין דעם „אָרעם אידיש לידל" וואָס דאַרף אים און קען אים משמעות אָנוואָרעמען.

דאָס איז שוין מער נישט קיין משכילישער צוגאַנג צום אידישן ליד, קיין אַפּאָלאָגיע פאַר אויסקלייבן דעם אָרעמען אינסטרומענט אידיש, נאָר פאַר־קערט, דער דיכטער וויל זיך גלייך צוטוליען צום „אָרעמען אידישן ליד"; און אָרעם ווערט דאָ געניצט נישט מיט פיינשמעקערישער קריטיק, נאָר מיט טיפער וואַרעמקייט.

פון דעם סינטעז — פון וועלטלעכקייט מיט מאי־קאָ משמע לב'יקער אידישקייט, האָט דער פּאָעט קיינמאָל נישט אָפּגעווייכט. אברהם רייזען איז גע־קומען מיט אַ נעאָ־משכילישן צוגאַנג, צו באַווייזן, אַז די גאַנצע אויסמענטש־לונג קען מען און דאַרף מען געפינען אין אידיש, און אַז אידיש פאַרמאָגט אין זיך די דערהויבנדיקע מעלות פון דעם לשון פון דער מדינה, אַז זיין אַ איד אויף אידיש אין דער גאַס, קען און דאַרף שוין ממילא מיינען — זיין אַ מענטש אויף דער גאַס. מ'קען אַרויספירן דעם איד פון געצעלט, רעדן און טראַכטן אויף אידיש און זיין אַ מיטגליד פון דער גרויסער מענטש־משפחה.

75 יאָר אברהם רייזען באַטייט פינף און זיבעציק יאָר ליבשאַפט צו אי־דיש — די גאַנצע פינף און זיבעציק יאָר, ווייל רייזען אַליין איז גלייך געבוירן געוואָרן אין אַ רייזעניסטיש הויז און אין אַ רייזעניסטישער אַטמאָספערע. דער טאַטע זיינער קלמן האָט געשריבן אידישע לידער און ליב געהאַט אידיש. דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט זיך צעשריבן אידיש, נישט נאָר דער בכור אַליין; און דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז דאָס הויז האָט געהאַט אַן השפעה, און דער

טערמין „רייזעניסטיש", וואָס דער גרויסער מיטגליד פון דער משפּחה האָט געהאָלפן אויסשמידן, איז נישט געווען אַ יש מאַין, נאָר אַ הויז־ליבשאַפט וואָס דער דיכטער האָט איינגעזאַפּט אין זיין קינדהייט. דערפאַר קען מען גאַנץ זיכער רעדן פון רייזענס אַלע פינף און זיבעציק יאָר, ווי פינף און זיבעציק אידיש־יאָרן, אַריינרעכענדיק די סאַמע ערשטע געהערטע פּלאַטרנדיקע ליבשאַפט.

אָבער די 75 יאָר אידיש־ליבשאַפט און אידיש־געטריישאַפט זיינען געווען ווייט פון בלינדער געטרייִשאַפט. רייזען האָט גלייך געוואוסט, אַז נישט נאָר טאָר ער נישט אַוועקגיין אויף אַ טריט פון זיין אָנגעצייכנטן וועג ווי אַ דיכ־טער, וואָס איז פאַרקנסט צום אידישן ליד, נאָר אַז דאָס לשון וועט דעמאָלט האָבן אַ האָפט, אויב ער וועט עס פאַרהאַפטיקן מיט אידישן מאי קאָ משמע לן אינהאַלט.

רייזען האָט פרי געוואוסט, אַז ער מוז איבערפּלאַנצן און אַריינפּלאַנצן אין אידיש אידישע ווערטן, און אויב אידיש איז באַשערט צו זיין אַ קליין־העברעאיש, וואָס זאָל ווערן אַ דערהאַלטונג־פעסטונג פאַרן אידישן פאָלק, דאַרף עס קומען מיט העברעאיזירטן תוכן.

אויב יהואָש האָט פרי אָנגעהויבן צו איבערזעצן תנ"ך, מיט דער זעלביקער כונה, אַז אידיש בויטיקט זיך אין דער באַקרעפטיקונג פון תנ"ך, כדי צו האָבן אַ פונדאַמענט אויף וואָס צו בויען, האָט אברהם רייזען נאָך פריער אָנגעהויבן צו איבערזעצן דעם גייסט פון תנ"ך אויף אידיש. ער האָט געוואוסט אַז אָן דער פאַרקניפּונג מיט דער טיפער אידישער ווערטיקייט, וועט אידיש פאַרבלייבן אַ דיאַלעקט, אָבער נישט קיין לשון. ער האָט בעסער פאַרשטאַנען דאָס אידישע לעבן ווי די משכילים, וואָס זיינען געקומען פאַר אים. ער האָט קודם־כל געגנו־מען אַריינבויען אין אידיש דאָס גאַנצע מענטשלעכקייט פון דער גאַס, פון דער גאַס וואָס פאַר איר האָט זיך דער משכיל געוואָלט אַזוי שטאַרק אויספּיינען און צו איר איז ער געקומען מיט אַזויפיל איינגעגעסענע אינהיביציעס; און גלייכ־צייטיק האָט רייזען געוואוסט, אַז די עסטעטישע מאַניערן פון דער גאַס וועלן אַלץ בלייבן אַסימילאַציע אפילו אויף אידיש, אויב אידיש אַליין וועט נישט ווערן אַ פול אידיש לשון, נישט אַ צייטווייליקע אומגאַנג־שפּראַך פאַר אידן.

אויב מיר קענען ביים היינטיקן טאָג קומען מאָנען חשיבות פאַר אידיש, אין אַ צייט ווען אידיש איז פאַקטיש פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט מיליאָנען אידישע מיילער, און ווען די אויפריכטונג איז אַזאַ אומדערוואַרט פאַן־אידישע, וואָס כאַפּט אַרום אַזויפיל עקזאָטישע גלות'ן; אויב מיר קומען באַוואָפנט מיט גערעכטע פאָדערונגען, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס די 75 יאָר אברהם רייזען, וואָס האָבן אויף אַ קלוגן, פּקחות'דיקן אופן אויפגעבויט אַ גרויסן, גערעכטן אידיש־טורעם, לויט אַלע כללים פון בוי־קונסט; מייסטעריש

און מיט חכמה און מיט אַ סך פּאַראַויסזען, אַז די געביידע מוז ווערן אַ הויז פון פאָלק און גאָט און נישט בלויז אַ הויז פון לשון.

דאָס איז דער שענסטער אויפטו פון דעם דיכטער אברהם רייזען, וואָס האָט כסדר געדענקט, אַז בעת ער בויט זיין אייגענע דיכטערישע קאַריערע, בויט ער אויך אויף אַ גרויסע אידיש־געביידע, אין דער שענסטער אידישער טראַדיציע. אויב ביי די פּאַראייניקטע פעלקער האָבן אידן זיך געקענט פאַר־רופן אויפן תנ״ך, כדי צו רעכטפערטיקן און באַקרעפטיקן זייערע תביעות אויף ארץ ישראל, קענען מיר קומען מיט אברהם רייזענ׳ס געזאַמלטע לידער ווי מיט אַ אידיש־תנ״כ׳ל און פאָדערן אָנערקענונג פאַר דעם לשון, וואָס אברהם רייזען האָט אויף אַ פרומען אופן תנ״כ׳יזירט; נישט אַפּטרעטנדיק קיינמאָל פון דער עסטעטיק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס ער האָט אויף אַ באַ־וואוסטזיניקן אופן געעפנט מיט אַ זשורנאַל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון יאָרהונדערט פון גרויסע האָפנונגען.

רייזענען איז טיף געגאַנגען אין איבערפלאַנצן אויף אידיש די העברעאישע ווערטן און נישט נאָר איבערפלאַנצן, נאָר אַריינקנעטן, אַז זיי זאָלן ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון אונזער לשון, אַז עס זאָל נאַטירלעך אַריינזינגען די טרייסט פון אַ וואונדערלעכן און ליכטיקן פירוש המלות, וואָס האָט דעם אידישן פאָלק־מענטש געעפנט די אויגן און אים אויסגעגלייכט דעם רוקן און אים געגעבן אַזויפיל שטאָלצע ספר־אידישקייט.

וועו דיין ברודער, אַ געדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן,
מיט אַ דאַרן, בלאַסן פּנים,
מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן,
קומט צו דיר אַן עפּעס לייען
פאַר זיין הויזגעזינד אויף ברויט —
זיי זשע, מלוה, נישט קיין אכזר,
שינד פון אים ניט אָפּ די הויט.

ס׳איז גענוג צו שטודירן די אַכט שורות, כדי צו זען ווי דאָס חומש׳ל פינקלט מיט אַ ניי ליכט און ווי אידיש האָט געקראָגן אַן אייגענע חומש׳דיקע באַרעכטיקונג, ווייל מ׳קען מיט אידיש אַזוי וואונדערלעך און וואַרעם טענה׳ן — „זיי זשע, מלוה, ניט קיין אכזר, שינד פון אים ניט אָפּ די הויט״.

ווען עס וועט די נויט אים צווינגען,
ווי עס טרעפט אין ביזן לעבן,
דיר, דו, מלוה, אַלס אַ משכן
ס׳לעצטע בגד אָוועקגעגעבן.

זאָלסט נאָר דאָס בגד האַלטן
ביז די זון וועט אונטערקומען,
דען דאָס בגד איז זיין קאָלדרע,
און דו האָסט זי צוגענומען.
אָ, זיין איינציק לעצטן בגד,
זאָלסטו מלוה, אים אומקערן,
ביינאַכט וועט ער צו מיר וויינען,
כ׳וועל נישט שוויגן זיינע טרערן.

דאָס איז נישט בלויז אַן איבערזעצונג נאָר אַ פּירוש־רייזען, אַ פּירוש וואָס וויינט מיט ביטערע טרערן, ווייל די חומש־ווערטער קריגן דאָ אַ נייע ווייענדיקע געזאַנגיקייט, וואָס רייסט נאָך מער אויס דאָס האַרץ. ווער קען זאָגן, אַז אין אידיש איז פאַראַן ווייניקער געטלעכע מאַנענדיקייט, ווי אין דעם אָריגינאַל? דעם גאַנצן פאַלקסטימלעך האָט אברהם רייזען אָרקעסטרירט. ער האָט אויפגעבויט זיין ליד פון „זיי זשע מלוה״, „דיין ברודער אַ געדריקטער״, „הויזגעזינד אויף ברויט״, „ס׳לעצטע בגד״, „ניט שוויגן זיינע טרערן״. צוזאַמען, אין סך־הכל, איז עס אַלץ נישט נאָר דערהויבן געוואָרן נאָר טאַקע געהייליקט געוואָרן. און ווער קאָן זאָגן אַז אין דעם ליד איז פאַראַן ווייניק סאָציאַליזם פון דעם מאַנענדיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס אַברהם רייזען האָט אַזוי אויסגעטייטשט און אויסגעוויינט אין זיין פאַרחומש׳ונג פון אידישן לשון?

דערפאַר איז פאַר אברהם רייזענען געווען לייכט צו געפינען אין אידיש די תנ״כ׳ישע יושר־פּאַראַלעלן —

דו האָסט פאַרגעסן דיין ברודער׳ס נויט,
זיין עלנט און זיין פּיין,
און ווען ער איז געזעסן אָן ברויט,
האָסטו געטרונקען וויין.

אָדער —

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך,
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירה׳טעס טאַטערלס שיך!

אין 1897, פּונקט מיט 55 יאָר צוריק, איז לייכט געווען פאַר אברהם רייזענען, אין דעם עטישן תוכן פון אונזער לשון צו געפינען קלאָרע, אידישע מאַרקסיסטישע רייד —

אַ, העמערל, העמערל קלאַפּ
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציקער שפּיזער ביזט דו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס.

אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, טאַקע אין יאָר 1900, האָט רייזען אָנגעשריבן זיין קרעפטיק ליד — „די וואַנט" און באַוויזן אַזויפיל מייסטערשאַפט, אַזויפיל גענישאַפט פון פערז און אַזויפיל מונטערנדיקן אימ־פעט, אַז דאָס סימבאָלישע ליד איז געווען דער שענסטער אַריינשפּאַן אין דעם יאָרהונדערט פון גרויסן צוזאָג. אין דעם ליד פאַרמאָגן מיר דעם גאַנצן רייזען וואָס פאַרטאַכלעוועט נישט קיין רייד, וואָס קומט כסדר פאַרהאַפטיקן דאָס לשון וואָס אויף אים שרייבט ער, וואָס קומט תמיד הייליקן נישט נאָר דעם נאָמען פון שרייבער, נאָר דעם כלל וועמענס אַרויסגעשטעלטער שליח ער איז; וואָס קומט אונז אויסגלייכן און גלייכווערטיקן און וואָס האָט כסדר אינ־זינען, אַז דאָס לשון מוז אָנגעלאָגלט ווערן מיט גערעכטיקייט, כדי עס זאָל ווערן אַ פעסטונג פון גערעכטיקייט.

די אויגן — פול־צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטייען ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט,
מיט העק און מיט האַמערס, און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט.

הערט די שאַלנדיקע פערז־גבורה, הערט זיך איין אין דעם טאָן פון מוט און אין דעם נאַטירלעכן קלאַנג פון יעדער אידיש וואָרט, וואָס איז מסוגל אויסצודריקן רעוואָלוציאָנערן טריאומף.

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע זון און די מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונז אַ פינצטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

הערט די העק און האַמערס פון דער פינפטער שורה — „מיר ברעכן די וואַנט!"

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל, טרעפט וועמען אין קאָפּ —
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

און דאָ קומט דער לעצטער פּערז מיט זיין רעוואָלוציאָנערער סימבאָליק.

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער —
פאַרזאַמלט זיך ברידער, קומט אַלע אַהער
זאָל יעדערער צוליגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט — צעברעכן,
צעברעכן די וואַנט.

די פינפטע שורה, איז אַ וואַריאַנט פון „מיר ברעכן די וואַנט". „צעברעכן, צעברעכן די וואַנט!" ווערט גלויביקער, מוטיקער, האָפענונגפולער.

דער דיכטער אברהם רייזען האָט אַמאָל אויך געקענט מאַכן אַן אַפּאָריזמישן קאָמענטאַר אויף דער רעוואָלוציע, איבעררייסן די שפּאַנונג פון זיין ליד און געבן אַ פינקל מיט אידישער עפּיגראַמאַטישער קלוגשאַפט. ער זינגט צו אַ סאָציאַליסטישער מיידל אַזוי:

דיינע אויגן לייכטן, פינקלען,
ווען דו רעדסט פון נייע צייטן;
אַלע מענטשן גלייך און גליקלעך,
ווען די אָרדנונג וועט זיך בייטן.
און איך גלויב אין דיין נביאות,
דאָך אין אויג מיינס שטייען טרערן;
ביי דער בעסטער אָרדנונג, ליבסטע,
וועסטו אַלץ נישט מיר געהערן.

אָבער בדרך כלל פאַרגינט זיך רייזען נישט קיין שמייכל, ווען ער קומט מאָנען אידישע גערעכטיקייט אויף אידיש.

עס וויל שוין נישט אַלעמען שפּייזן די ערד —
אַ, קום שוין, משיח, אויפן קלאָר־ווייסן פערד.

„עס וויל שוין נישט אַלעמען שפּייזן די ערד" איז דער פאַרראַט פון מאַמע־ערד. זי האָט אָפּגענאַרט, זי שפּייזט אַ וואָרעם אונטער דער ערד אָבער נישט די אויסדערוויילטע באַשעפעניש —

אַ קום שוין משיח עס דריקט אומעטום
די קייטן פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום:
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.

דאָס איז רייזענס טאָן פון פאַרחומש׳ונג, וואָס מיט אים האָט ער פאַרטייערט אונזער לשון און אים געגעבן דעם ניי־תנ״כ׳ישן ווערט. פאַראַן ביי רייזענען אַ ליד, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ

טיף־טראַגיש ליד, וואָס איז אָבער אָנגעלאָדן מיט אַ בטחון און מיט דער פרייד פון אידישן צוריקבוי און מיט אויפריכטונג.

זיינען פיל צעלאָפן, פיל האָט מען צעטריבן,
פון דער גאַנצער קהילה, ניינצן בלויז געבליבן.
אָבער מיט די ניינצן אידישע פאַמיליען
איז דער רב געבליבן, זייער צער צו שטילן.

אָט איז ווידער דער טרייסטנדיקער טאָן, דער טאָן וואָס האָט אַנגעוואָרעמט אונזער אידיש לשון און זעכציק יאָר פאַרפרומט דאָס אידישע ליד.

אָבער קליינע קינדער גייען אום אָן תורה,
דאָ באַפאַלט דער עדה טיפע אַנגסט און מורא.
גייען זיי און קלערן — ניט פון טרינקען, עסן —
אַז עס זאָלן קינדער גאָט׳ס וואָרט ניט פאַרגעסן.
הונגעריקע אידן הויבן אָן צו פרעגן:
וויפיל איז געבליבן יעדערנס פאַרמעגן?
לייגט מען זיך צוזאַמען אַ מלמד דינגען —
אין אַ וויסטער חורבה קינדער־קולכלעך קלינגען.

די זעלביקע רייזענישע אידישע מאי קאָ משמע לנ׳יקייט, וואָס מיט איר האָט ער אַזוי פאַרהאַפטיקט און פאַרגרונטיקט דאָס אידישע ליד און דערהויבן דאָס אידישע לשון.

אַך דער צער פון אורח — ס׳איז דער עדה׳ס ווייטאָג,
אָן הכנסת אורחים איז אַ־ין שטעטל נויטיק;
הויבן אָן די הערצער רירן זיך און רירן —
און די אָרעמע ניינצן ווערן אַלע גבירן.

ווערן זיי גבירן בפועל ממש, ווייל רייזען גיט זיי נשמה׳דיקע אידישע עשירות, און מיט דער פאַראידישונג פון דעם העברעאישן לשון רבים ווערן די אידיש־גבירן, כלומר, הייליקע גבירן.

לייגט מען צוזאַמען,׳ווערן היבשע סומען,
שטייט אַ הויז פאַר אורחים, יעדער איד מעג קומען!
דאַכט זיך, אַז אַ בת־קול לאָזט פון דאָרט זיך הערן.
יעקב׳ס וואוינונג קיינמאָל וועט ניט חרוב ווערן.

אַ חדר, אַ מלמד, קינדער קולכלעך, אַ הויז פאַר אורחים, דאָס איז אַלץ ניי־אידישקייט אַריינגעמויערט אין אונזער לשון, כדי דאָס לשון זאָל ווערן פאַראײנהאַלטלעכט און זאָל אַליין ווערן יעקב׳ס וואוינונג, וואָס טאָר קיינ־מאָל נישט חרוב ווערן.

און דער גרויסער אַרכיטעקט פון יעקב׳ס וואוינונג איז אברהם רייזען,

וואָס האָט די וואוינונג קלוג און אידיש־לומדיש אויפגעבויט, לויט אַלע אַלט־תנ״כ׳ישע מוסטערן. ער האָט אונזער לשון געגעבן מאָראַלישע עקזיסטענץ־רעכט און עקזיסטענץ־זיכערקייט. יעקב׳ס וואוינונג קיינמאָל וועט נישט חרוב ווערן. אַזוי לאַנג ווי אידיש וועט קומען צום טיש פון וועלט־לשונות און טענה׳ן אַזעלכע רייד — וועט יעקב׳ס געצעלט נישט אונטערגיין.

אָון ווער עס האַלט אַף די פרייד פון דער וועלט
איין מינוט, איין מינוט —
ווי קען ער אַליין — איך קען נישט פאַרשטיין —
דאַן לעבן באַרוט ?
און ווער עס פאַרהאַלט דעם שאַל און דעם רוף
צו לעבן אין גליק —
ווי קען ער אַליין אַ גליקלעכער זיין
מיט לויטערן בליק ?
און ווער עס דערלאָזט אין קעלט און אין פראָסט
זאָל אויסגיין די וועלט —
ווי קען ער אַליין ביים פייער דאַן שטיין
אין וואַרעמען געצעלט.

אברהם רייזענ׳ס 75 יאָר האָבן אַריינגעבויט אייביקייט אין אידישן לשון און מיר דאַרפן בענטשן די 75 יאָר פון דעם געבענטשטן און באַפליגלטן אידיש־בויער, וואָס האָט מיט זיין אייביק ליד געגעבן אונזער מאַמע־לשון אייביקע זכות־אָבות.

1952

ב

מיט אברהם רייזען איז אַוועק די יוגנט פון דער אידישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער אינגסטער און דער גלויביקסטער פון אַלע. מיט זיין אַוועקגיין איז זי באַרויבט געוואָרן פון דעם שענסטן געשטאַלט זייט פרצ׳ן. אים דאַרף עס געזאָגט ווערן לשבח, אַז אַ חוץ איד און שרייבער איז ער גאָרנישט געווען, גאָרנישט באַדאַרפט זיין. די גרעסטע וועלט־געשעענישן און געשעענישן אין זיין פערזענלעך לעבן האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום דעם איד און שרייבער אין אים. ווען ער איז געווען מיט אונז, איז אונזער בענקשאַפט צוריק, צו דער יונגשאַפט פון דער אידישער ליטעראַטור, געווען אַ לעבעדיקע. ס׳איז גענוג געווען ער זאָל זיך באַווייזן אַז ער זאָל אויפלעבן אונזערע ערשטע טריט וואָס ער האָט אונז געלערנט שטעלן, ווי לייענערס און שרייבערס. איז ער געווען מיט אונז, איז אונזער פאַרגאַנגענהייט געווען פאַר׳אוצר׳ט אין אים. ער האָט די פאַרגאַנגענהייט אונזערע געשעצט, געשאַצט און דערהויבן. ער איז קיינמאָל מיט אונזערע אַמאָליקע יאָרן פון באַוואונדערונג נישט צו־וויט אַוועק פון זיך, כדי ער זאָל זיי נישט פאַרשוועכן. ער איז געווען דער שענסטער סימבאָל פון אונזער ליטעראַטור און איר גאַנצקייט, אין איר וואונדער פון אַנטשטייאונג און ווערן.

ער איז געווען דורך און דורך פראָפעסיאָנעלער קינסטלער מיט אַ קינסטלערישער קרוין אויפן קאָפּ, וואָס ער האָט געטראָגן מיט אַ סך פאָלקישער זעלבסטווערדע. ער האָט געוואוסט ווי וויט נאָענט ער דאַרף צולאָזן דאָס פאָלק צו זיך איבערלאָזנדיק אַ קליינע מחיצה — דאָס אַכטל פון אַן אכטל שרייבערישע גאווה, וואָס ער האָט געהיט און געטראָגן, ווי קיינער פון אונז קען נישט אָפּהיטן און טראָגן.

די ערשטע קלאַסיקערס אונזערע, מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ, האָבן אין אָנהויב געשטעלט אומזיכערע טריט און געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור דורך אומוועגן און פאַרשידענע פרעג־צייכנס. פרוג איז זיך דערגאַנגען די יאָרן וואָס ער שרייבט יאַטקע־לשון. מענדעלע, דער גרויסער באַשאַפער פון אידיש, האָט אויך אָפט פאַראיבל געהאַט אויף דעם ניט־נאָכגעביקן אינסטרומענט. פרץ האָט אַוודאי זיך באַקלאָגט, ווי אַנדערש זיין ליד וואָלט געקלונגען פאַר גוים. אָבער דער פופצניאָריקער רייזען איז גלייך

אַריינגעוואָקסן אין זיין אידיש ליד און קיינמאָל נישט מתרעם געווען אויף קנאַפּע אויסדרוק־מעגלעכקייטן פון אונזער לשון. ער האָט אַריינגעשפּאַנט אין דער אידישער ליטעראַטור — אַ פּאַרטיקער שרייבער און געוואוסט, אַז ס'איז דער גורל פון יעדער קינסטלער צו מאַכן פון קנאַפּקייט רחבות און אָפטמאָל צו זוכן די קנאַפּקייט, כדי אין איר ענגשאַפט אַרויסצואווייזן קינסטלערישע בריה'שאַפטן.

און רייזען האָט גלייך גענומען ווייזן, וואָס מ'קען טאָן מיט דעם קליינעם ליד און מיט דער קליינער דערציילונג. ער האָט אין זיי בײדע אַריינגעטאָן אַזוי־פיל אינהאַלט, אַז די קליינע שאַפונגען זיינען געוואָרן ווי באַזונדערע ווערק, וואָס האָבן זיך גערעכנט און געציילט צווישן טויזנטער לידער און דערציי־לונגען. פּופּציק גוטע רייזען־לידער זיינען פּופּציק ווערק, וואָס אַז מ'לייענט זיי קען מען זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. פופציק גוטע רייזען־דערציילונגען זיינען אַוודאי פופציק באַזונדערע בנינים, ווי ס'זאָגט עדות די זאַמלונג פון זיינע פופציק געקליבענע דערציילונגען, וואָס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען.

אין זיין שאַפונג איז רייזען געווען אידיש־פּוריטאַניש. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרגעסן, אַז ער טאָר נישט געבן קיין קינסטלערישע שאַלעכץ, אַז ער איז אַ זון פון גרויסן המשך אונזערן, אַז ער טאָר זיך נישט צו־לאַנג פאַר־שפּילן. ס'איז איצט נישט די צייט צו שאַצן, וויפל ער פערזענלעך האָט דורך דער שטרענגער געטריישאַפט צו תוכ'יקן אידישן אינהאַלט פאַרלוירן, אָבער דער געווינס פאַר דעם גרויסן אידישן האָב און גוטס אונזערס איז אין לשער. ער האָט קודם כל פאַרהאַפּטיקט דאָס אידישע לשון. ער האָט אונזער אידיש געגעבן העברעאישע ווערדע. רייזענ'ס אידיש, דער עיקר פון די לידער זיינע, איז אוניווערסאַל־הומאַניסטיש. מ'קען אים איבערזעצן אין אַלע לשונות, און זיינע לידער, אויב זיי וועלן אפילו אָנווערן אין קינסטלערישן ווערט, וועלן זיי אָבער קיינמאָל נישט פאַרלירן דעם תנ"כ'ישן פּאַטאָס.

ער איז געווען דורכאויס אידיש אין זיין טעמאַטיק. אַלע ווייסן, אַז דער שרייבער דאַרף מאָגען גערעכטיקייט, אָבער ביי אַ סך שרייבערס קלינגט עס ווי אָנגעשטעלטע סטיליזאַציע. ער האָט עס טאַקע געמיינט ערנסט. אברהם רייזען האָט געבראַכט צום אידישן ליד און צו דער אידישער דערציילונג אַ גאַנצן תנ"ך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין מעביר־זיין און הפטורה'דיק אויסזינגען. זיין אידיש ליד קומט גלייך מיט גרויסע זכות'ן, וואָס וועט ווערן אַן אָנזעעוודי־קער טייל אין דעם גרויסן כינוס אונזערן. פון דער קנאַפּקייט פון זיין לשון האָט רייזען אַרויסגעשלאָגן געגוג חיונה און חיות, אַז ס'איז אים כמעט נישט נויטיק איבערצוזעצן אויף העברעאיש. אַפילו דער שטרענגסטער העברייער קען זיך אָנשטויסן, וויפל העברעאיש רייזענ'ס יעדער אידיש וואָרט מיינט.

רייזענ׳ס וואָרט האָט פּרי געקראָגן דעם חותם פון אַ פּערזענלעכקייט. די וואַרעמקייט זיינע איז נישט געווען קיין אַנאָנימע. דער אידישער לייענער האָט זיך גלייך אויסגעלערנט דערקענען און זוכן דאָס וואָרט, וואָס איז אים אַליין, דאַכט זיך, געלעגן אויף דער צונג. רייזען איז געווען דער כלל־שרייבער, אין שעפּסטן זין פון וואָרט. ער האָט מוציא געווען צענדליקער טויזנטער אידן, וואָס האָבן אין זיין וואָרט געהערט, ווי זייערע מחשבות ווערן פאַרפיינערט און באַפליגלט.

ווען רייזען איז קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט ער אין אַ פילאַדעלפיער צייטונג פאַרעפנטלעכט — „טרויעריקע מאָטיוון געווידמעט אָרעמע לייט״. מיט דעם אַרויספאָר האָט רייזען גלייך גע׳חתמ׳עט אַלע זיינע לידער, וואָס זיינען תמיד געווען געווידמעט אַלערליי אָרעמע לייט, אַלערליי באַרויבטע, דערנידעריקטע און צעטראָטענע. זיין סאָציאַליזם איז געווען אַ אידישער, אַ יושר׳דיקער, אַ גערעכטער, שטרענגער, דורכגעגילדיקט מיט אידישער גוטסקייט.

אָבער זייענדיק דער כלל־שרייבער, דער קאָלעקטיווער מאָנער און קלאָגער, האָט ער געשאַפן דאָס לירישע ליד, וואָס איז אויך געווען כלליש, מיט דער צוגעפּאַסטקייט צום אידישן פאַרבענקטן מענטש, מיט זיין באַשיידענער גאָמע פון ליבשאַפט און בענקשאַפט. זיין ליריש ליד איז געווען טיף־אידיש מיט דער צוגעשפּיצטער המצאה׳דיקייט און שאַרפקייט. ס׳האָט זיך שטענדיק געלוינט צו דערלייענען זיין ליד ביזן סוף, ווייל ביים סאַמע סוף איז געקומען אַ דערפינדערישע שורה, אַ בליציקער געדאַנק.

ער איז געווען איינער פון די גרויסע מייסטערס פון דער קורצער דערציילונג. זיין דערציילונג דערציילט זיך קיינמאָל נישט פון זיך אַליין, נאָר זי האָט שטענדיק אַ לכתחילה׳דיקן פּלאַן, וואָס אויף דעם דאַרף אַרויפגעבויט ווערן און אַריינגעבויט ווערן אַ גאַנץ געביי. עטלעכע זייטלעך דאַרפן אויפכאַפּן אַ מאָמענט אין אַ לעבן, וואָס זאָל פאַרמאָגן דעם הויך פון אייביקייט. די בעסערע דערציילונגען זיינע זיינען ווי גוטע קאַפּיטלעך תנ״ך. זייער אויסגעמאָגערטקייט אין פּרט פון שילדערונג פאַרמאָגט אַ ביבלישע מוזיקאַלישקייט. די שיינקייט זייערע באַשטייט דווקא אין נישט פּראָפּאַנירן, אין נישט מחלל זיין מיט איבערשילדערונג און מיט וועלטלעכע מיטלען, וואָס שרייבערס האָבן געפונען, כדי אויסצופילן אַ חלל — מיט ווערטער.

אברהם רייזען איז צו אונז, קיין אַמעריקע, געקומען אַ פולער, פאַרענדיקטער קינסטלער און מיט אידישער וועלט־באַרימטקייט. אָבער ער איז דאָ, ביי אונז, נישט פאַרגליווערט געוואָרן. ער איז אין אַמעריקע געוואָרן, אין זיינע לידער, מער ווי אין זיינע דערציילונגען, טיפער און קינסטלערישער. ער האָט

דאָ ביי אונז, אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט, ווען רייזען איז שוין אַלט געווען פופציק יאָר און האָט געהאַט הינטער זיך לידער, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון יעדער אידנס זכרון, דערהויבן זיין ליד, נאָך מער פאַר־קינסטלעריש זיין וואָרט און באַרייכערט זיין מוזיק. אין 1921 האָט אברהם רייזען, דער דיכטער פון „הוליעט, הוליעט", פון 1899, געפונען אַזעלכע נייע, רייכע אויסדרוק־מיטלען:

מיר ביי דער גרעניץ פון צייטן,
ווי שווער איז צו מאַכן אַ טריט.
פאַנטאַסטישע בילדער פון ווייטן,
און פעלזן און בערג פון גראַניט.
און מחנות פאַרצויבערטע רייטן,
פון קיינעם געפירט און געהיט.
און דאָ וואו מיר שטייען איז היימלעך
און אַלץ אַזוי נאָענט באַקאַנט;
די לאַנקעס, די הייזלעך, די ביימלעך,
די קליינינקע בלומען ביים וואַנט,
די נידריק געפלאָכטענע ציימלעך,
די רואיקע פירנדע האַנט.

אָט דאָס ליד, מיט דעם פּאַראַלעליזם פון שטימונג און געפיל, די „מחנות פאַרצויבערטע רייטן" און „די רואיקע פירנדע האַנט" איז אַ מוסטער פון שלימות, הן מוזיקאַליש און הן אין דעם קוים אָנגעדייטן אַלעגאָרישן אינהאַלט. ס'איז אַ נייער פאַרטיפטער רייזען. ס'איז אַ רייזען וואָס איז ווייט אַוועק, אַפילו פון זיינע אייגענע קלאַסישע לידער, וואָס אין זיי האָט ער תמיד אַזוי טיף־אידיש רעאַגירט אויף דעם מעמד פון איד אין דער וועלט.

מיר זענען פון וועלט די פּרושים,
מיר עסן ביי פעלקער בלויז טעג.
מיר זענען זיך עוסק אין תורה,
די פעלקער אין קריג, אין געשלעג.
מיר האָבן ביי רוסלאַנד אַ מאַנטיק,
אַ ביטערער טאָג וואָס ער גיט:
דאָס ברויט איז געזאַלצן פון טרערן,
ער ציילט יעדן ביסן און היט.

דער פאַרגלייך פון איד צום פּרוש פון דער וועלט, וואָס עסט טעג איז אַביסל צו־נאַקעט, אָבער דאָס קלוגע ליד איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּו־

לערסטע לידער אין דעם רייזען־רעפּערטואַר פון פאָלקס־זכרון. דער דיכטער אַליין האָט זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעשטעלט און זיך נישט אונטערגעגעבן זיין אייגענער פּאָפּולאַריטעט. ער איז אויסגעוואָקסן אין די שפּעטערדיקע יאָרן און ווייט אַריבערגעוואָקסן זיינע אייגענע פריערדיקע לידער.

ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מער ווי פריער צו אינטערעסירן מיט דעם געהיימען כוח פון וואָרט און קלאַנג.

כ׳האָב ליב דעם ווייסן רויש פון ווערטער
וואָס פון דעם ליד זיך טראָגט,
דעם אָפּקלאַנג פון די בלאַנקע ערטער,
דאָס וואָרט וואָס ניט דערזאָגט.
דאָס שטילע מורמלען, ווי פון קוואַלן,
וואָס דיר איז ניט באַקאַנט,
פון וואַנען קומען זיי און פאַלן,
אין וועמענס וואונדער לאַנד.

דאָס דאָזיקע ניט־זייער כאַראַקטעריסטישע רייזען־ליד ווערט געבראַכט, כדי צו ווייזן אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק ווען מען וויל רייזענען צו־שטאַרק איינוויגן אין שויס פון פאָלקישקייט. ער איז אוודאי דער שענסטער פּראָדוקט פון פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט ליטעראַרישע עברי, אָבער אין אַ סך לידער און דערציילונגען זיינע איז ער אַוועק ווייטער און העכער, און זיינע „ניט־רייזעניסטישע״ שאַפונגען זיינען געוואָרן פּונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, ווי זיינע אַמאָליקע פאָלק־אַרטיקע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַן אייגנאַרטיקן חן.

און דער חן זייגער איז געווען אַן עכטער, נישט קיין קינסטלעריש־צו־געטראַכטער און געשניטענער. ער האָט באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט אַ גרויסער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, וואָס איז געוואָרן די קינסט־לעריש־אָנגענומענע פיזיאָנאָמיע פון ערשט־שניט פון דער אידישער ליטע־ראַטור, פון ערשטן נאָך־קלאַסישן פּעריאָד אונזערן. אין זיין איין גוט ליד איז פאַראַן מער אידיש־קינסטלערישער אָטעם, ווי אין צענדליקער זייטן פון צע־צויגענער מעלאָדראַמאַטישער אידישקייט פון אַנדערע ראשונים.

איך הער דעם טרויער פון דער וועלט,
איך ווייס ניט ווער עס ליידט און וואו,
און שאָטנס רוקן זיך אַלץ אָן
און ס׳קלינגט און רופט אַ ווייטער טאָן.
איך הער דעם טרויער פון דער וועלט,

אַ גרוס פון אַלץ, וואָס לעבט און ליידט,
איך ווייס ניט, ווער און וואו עס ליידט,
איך הער אַ רופן פון דער ווייט...

רייזען איז געווען דער פּאָעט פון בטחונ׳דיקן אָפּטימיזם. גלייך נאָך דעם ערשטן פאַרשפּיל צום צווייטן וועלט־חורבן, האָט ער געשריבן אַ צאָל לידער, וועגן דער טראַגיק און האָפנונג פון אידישן עקשנות׳דיקן צוריקבוי, און וועגן זיין כסדר׳דיקער פאַרקניפּונג מיט זייער צער.

איך בין זיי מקנא די ברידער
און שוועסטער אויף יענער זייט ים;
איך בין, ווי אַ בלעטל וואָס האָט אים
דער ווינט אָפּגעריסן פון שטאָם.

דאָס וואַרעמע אידישע לשון זיינס איז בולט אין דעם דאָזיגן געזאַנג, וואָס איז אַ מוסטער פון אידישער אינהאַלטלעכקייט, פון דעם גרויסן מאי קאָ משמע לן, וואָס ער האָט תמיד געבראַכט אין טעמאַטיק, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך צו־געריררט צום אידישן וואָרט.

ווי וואָלט איך מיט זיי איצט געוואַנדערט
אין עלנט, אין שרעק און אין נויט;
און טיילן אינאיינעם די טרערן,
און טיילן די שרעקן פון טויט.
איך בין זיי מקנא דאָס אומגליק!
ווי וואָלט איך מיך גליקלעך געשעצט
צו ווערן מיט זיי גלייך געטריבן,
פון שונא געיאָגט און געהעצט!

זיין געשטאַלט איז געווען ווי זיינס אַ גוט ליד. האָט ער זיך באַוויזן, האָט מען אים גלייך אַפּלאָדירט, ווי מ׳וואָלט אים געלייענט פון פּנים, אָדער פון זכרון; ווי מ׳וואָלט אים געדענקט פון יענער צייט, ווען זיין בילד האָט צווישן די ערשטע פאָטאָגראַפישע קאַרטלעך פון אונזער צעלויכטענער שריפטשטע־לער־גאַלעריע באַשיינט אידישע הייזער. זיין פּנים איז געווען דער געדענקטער אויפגאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס איז אַמאָל געווען די טרייסט פון אַ פאָלק, וואָס האָט גענומען אַ יונג לשון און עס פּקחות׳דיק פאַרעלטערט, פאַר׳תנ״כ׳ט און פאַרחשוב׳ט. אברהם רייזען איז געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון דעם דאָזיקן אויפגאַנג וואָס האָט אונז תמיד באַגלייט. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ער דאַרף מיט אונז בלייבן ווי דער לעבעדי־קער מעמואַר פון אונזערע שענסטע קינדער־יאָרן, ווען מיר האָבן אויסגע־שטרעקט די הענט און געריסן רייפע, זעטיקע פרוכט פון דעם גרויסן מענ־

דעלע, שלום עליכם, פרץ, אַש און רייזען בוים. ער האָט עס פּאַר אונז אַלעמען כולל געווען מיט זיין — ז י י ן אין אידישן לעבן, אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען געווען אָנגעצייכנט צו זיין.

ער האָט געלעבט קרוב צו אַכציק יאָר, אָבער מיט אים איז אַוועקגעריסן געוואָרן דער לעבעדיקסטער דאָקומענט פון דער גלוביקער יונגשאַפט, פון דעם ליכטיקן באַרג־אַרויף אין דער אידישער ליטעראַטור.

יהואָש׳ס 25טער יאָרצייט

יהואָש געהערט צו די געציילטע פּאָעטן, וואָס די הנאה פון זייערע לידער דאַרף נישט פאַרוועלקט ווערן, אפילו אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך זייער טויט. אַ פערטל יאָרהונדערט אומשטערבלעכקייט מעג טאַקע זיין נישט מער ווי אַ הרף־עין, אָבער דער שטויב וואָס קען פאַלן אויף די לידער פון אַ דיכ־טער, אפילו פון אַ לעבעדיקן דיכטער, אין משך פון 25 יאָר, קען אַמאָל זיין אַ גאַנץ שווערער. אָבער בעת די לידער פון אַ לעבעדיקן פּאָעט ווערן געמאָסטן, ווי שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג, ווערן די לידער פון אַ דיכטער, וואָס איז שוין יאָרן אַוועק פון אונז, געוויינלעך געמאָסטן, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אי מיט אַכזריות, אי מיט ספּעציעלער איינזעעניש. די אכזריות באַ־שטייט אין דעם וואָס די לידער ווערן גענומען, ווי אַן אונטערגעצויגענער סך הכל, ווי אַ חשבון וואָס דער אַוועקגעגאַנגענער פּאָעט קאָן שוין מער נישט איבערשרייבן. די איינזעעניש קומט דערפון, וואָס אפילו בולטע חסרונות פון אַ לאַנג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט ווערן פאַרזען מיט אַ ווערדליק. אין דער הנאה גופא, וואָס מ׳האָט אַמאָל פון אַזאַ פּאָעט, גנב׳עט זיך אַריין אַ ווערדליק — ווערדליק פאַר דער צייט, ווערדליק די פּאָעטן פון זיין דור. אָן אַזאַ ווערדליק קען מען שוין איצטער נישט הנאה האָבן אפילו פון טייל מאָריס ראָזענפעלד׳ס גוטע לידער, אָפּגערעדט פון די אַכציק פּראָצענט וואָס מ׳דאַרף צו זיי צוגיין, נישט נאָר מיט דער מידה פון איינזעעניש, נאָר בפירוש מיט דער מידה פון רחמנות. פאַרבייגייענדיק, וויל איך דאָ בלויז זאָגן, אַז מאָריס ראָזענפעלד איז שטאַרק איבערגעשאַצט געוואָרן, סיי ביי זיין לעבן און סיי נאָך זיין טויט. ער האָט אונז איבערגעלאָזט בלויז עטלעכע לידער, מיט סימנים פון עכטער גרויסקייט.

ווען מיר לייענען איצט יהואָש׳ס לידער קענען מיר פון אַ גאַנץ באַשטימ־טער צאָל הנאה האָבן, אָן שום רעזערוואַציעס. ס׳איז נישט נייטיק צו מעסטן דעם פּאָעט מיט די פּאָעטישע פיגורן פון זיין צייט. נאָך 25 יאָר נאָך זיין טויט, מעג מען נאָך יהואָש׳ס לידער מעסטן מיט די לידער פון אונזער אייגענעם דור, ווי ער וואָלט זיי נאָך איצט געשריבן אין פאַרמעסט מיט לעבעדיקע פּאָעטן. אַלע אמת׳ע פּאָעטן שרייבן לידער אין אַ פאַרמעסט מיטן אייגענעם דור. אָן אַזאַ פאַרמעסט זיינען די לידער נישט קיין אַרויסוואוקס פון דער העכערער און

אינספּירירנדיקער קנאה וואָס פּאָעטן מוזן פאַרמאָגן, כדי צו פאַרמערן און פאַרגרעסערן דיכטערישע חכמה.

קיין ערגערע צייט צו שטאַרבן, ווי מיט 25 יאָר צוריק, האָט קיין פּאָעט נישט געקענט אויסקלייבן, ווען דער אויסוואַל וואָלט טאַקע געלעגן אין די אייגענע הענט. אָט דער פערטל יאָרהונדערט האָט אַזויפיל אָנגעשווידערט, אַזוי מעכאַניזירט דאָס לעבן און אַזוי קאַטעגאָריש אַוועקגעשטעלט די מענטש־הייט פאַר דער ברירה פון גוטס אָדער שלעכטס אָן שום וואַריאַציעס און צווישנשטופן, און אָן ניואַנסן, אַז מ'האָט אויף גיך פאַרביטן די יוצרות און געכאַפּט גוטס פאַר שלעכטס און שלעכטס פאַר גוטס.

דער איינפלוס וואָס אַזאַ זאָג־גלייך־יאָ־צוואַנג האָט געהאַט אויף אונזער גאַנץ לעבן איז אין לשער. פאַר דיכטערס איז פּשוט געווען אַן איינשטעלעניש צו שטאַרבן אין אַזאַ אומרואיקער צייט, ווען מ'האָט דעם פּאָעט נישט געלאָזט רואיק און געדולדיק דערבליען, אפילו צו דער ערשטער שטופּע פון אומ־שטערבלעכקייט. לעבעדיקע פּאָעטן קענען נאָך עפּעס זוכן מתקן צו זיין, זיי קענען זיך איבערשרייבן, אין ליכט פון דער אומגעדולד פון אונזער צייט. אָבער פּאָעטן וואָס זיינען געווען אומגליקלעך צו שטאַרבן אין אַזאַ צייט און שוין געשאַצט צו ווערן מיט דער מאָס פון אונזער צייט, זיינען געווען גרויסע ריזיקאַנטן, ווייל זיי האָבן איינגעשטעלט גאָר אַ סך, זיי האָבן געשטעלט אין קאָן אַ גאַנצע דיכטערישע קאַריערע, אויף אַ וואָגשאָל פון אַן אומגעדול־דיקער רעוויזיע.

מיר האָבן אַוודאי זייער אַ סך פאַרלוירן וואָס יהואש איז פריצייטיק געשטאָרבן, ס'איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער אידישער ליטעראַטור. יהואש האָט פאַרמאָגט זייער אַ פּרוכטבאַרן מוח און ער וואָלט נאָך מער געווען באַרייכערט די אידישע פּאָעזיע. די פריד מיט דעם סיום פון זיין קאָלאָסאַלער איבערזעצערישער אַרבעט, וואָלט אים געווען געשאָנקען די רו, וואָס נאָך איר האָט ער אַזוי שטאַרק געבענקט אין זיינע לידער. זיי זיינען דאָך געשריבן געוואָרן אין דעם ניט־טאָג־און־ניט־נאַכט. אין דעם ביסל צייט, וואָס ער האָט באַוויזן אַוועקצו'גנב'ענען פון זיין באמת איבערמענטשלעכער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

האָבן מיר, ווי געזאָגט, זייער אַ סך פאַרלוירן, וואָס יהואש איז אַזוי אומ־געריכט אַוועק פון אונז, אָבער יהואש אַליין האָט דערפון נישט שטאַרק פאַרלוירן. זיין גאַנצע אַרבעט וואָס ער האָט באַוויזן דורכצופירן, אין משך פון קאַרגע 37 יאָר פון זיין אָנגעשטרענגטער שעפערישקייט, קומט אָן שום התנצלות צו אונזער דור און זאָגט שטאָלץ: מעסט מיך מיט אַלע דיינע אימ־פּעטיקע מאָסן, ווענד נישט אָן אויף מיר די מאָס פון וועדליק, אָדער רחמנות.

משפט מיך מיט אַלע דיינע שטרענגשאַפטן. נעם קודם כל מיין אַרבעט און וועג עס און זע, אַז ס׳האָט וואָג. טו אָן דיינע האַרבסטע מבינישע שפּאָקולן און שאַץ די אַרבעט פון 37 יאָר.

ס׳איז נישט נייטיק צו דערציילן, ווי ממש געטראָפן אין פּינטל ס׳האָט יהואָש׳ס איבערזעצונג פון תנ״ך. דווקא אין אונזער דור קענען מיר ערשט אָפּשאַצן, וואָס יהואָש האָט אויפגעטאָן מיט זיין תנ״ך פּירוש. יהואָש האָט געשאַפן די גרעסטע באַוואָרעניש קעגן אונטערגאַנג פון אונזער לשון. ער האָט געראַטעוועט טויזנטער אידישער ווערטער פון פאַרגעסעניש און זיי געשאָנקען אייביקייט, אין קילן שאָטן פון אייביקן תנ״ך. יהואָש האָט מיר אַמאָל דערקלערט מיט דעם גאַנצן נאַאיוון ערנסט, וואָס בלויז גאָר־גאָר גרויסע מענטשן זיינען געבענטשט מיט אים, אַז אין פופצן טויזנט יאָר אַרום וועלן יענע דורות נישט געדענקען אפילו, אַז ס׳איז גאָר געווען אַ תנ״ך אויף דער וועלט. ער האָט פאַראויסגעזען, הייסט עס, אַזעלכע מוראדיקע קאַטאַסטראָפעס און אי־בערקערענישן, וואָס וועלן איינגאַנצן אָפּווישן די תנ״כ׳ישע ציוויליזאַציע.

פאַרטרויט האָט מיר יהואָש זיין מורא, אין דעם האַלב־טונקל פון דעם פּרוזדור, אין דער קאַפע „איראָפּע״, אין 1923, וואו ער פלעגט אַמאָל אַריינ־קומען אַ פרייטיק נאָכמיטיק. אין דעם קאַפע פּרוזדור האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענגען און כאַפּן אַ שמועס מיט אַ אינגערן שרייבער, כדי צו קענען מיט אים רעדן וועגן ענינים, וואָס פאַר זיי האָט דער קאָכעדיקער און טומל־דיקער קאַפע נישט געהאַט קיין אויערן.

דער אומרואיקער פּאָעט האָט דעמאָלט נישט געקענט פאַראויסזען, ווי גיך זיינע פופצן טויזנט יאָר זיינען שיר נישט אַנגעפלויגן און מקוים געוואָרן. ס׳האָט גענומען ווייניקער פון צוואַנציק יאָר און זיין גאַנצע אַרבעט איז שיר נישט געווען פאַר בייזע ווינטן.

ס׳איז קלאָר, אַז יהואָש האָט פונדעסטוועגן געשפּירט אַז ער טוט אַן איי־ביקע אַרבעט, איבערזעצנדיק דעם תנ״ך אויף אידיש. דער פאַקט וואָס ער האָט עס געמאָסטן מיט טויזנטער יאָר, ווייזט וואָס פאַר אַן אָפּטימיזם ער האָט פאַרמאָגט בנוגע אידיש. זיכער איז אַז דער וואָרעם פון זאָרג, אַרום דעם גורל פון אונזער לשון, איז ביי אים געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער שרעק־וויזיע פון דעם אונטערגאַנג פון אַ גאַנצער ציוויליזאַציע און נישט מיט דער מורא פון לשון־אונטערגאַנג. ער האָט מיט זיין איבערזעצונג פון תנ״ך אויפגע־הויבן אידיש איבער די וואַלוועלע שרעקן פון מאָמענטאַנעם און אָט־אָטיקן אונטערגאַנג און עס צוגעשמידט צו אייביקייט־פּראָבלעמען, צו אַ סקעפּטיק וואָס זעט פאַראויס קאַטאַקליזמען גאַנצע און איבעראַנדערשונגען, וואָס אידער

זיי ווילן אָפּווישן לשונות ווילן זיי פריער אָפּווישן און אָפּמעקן גאַנצע ציווי־ליזאַציעס.

דער פּועל־יוצא פון אַזעלכע געבענטשטע און ווייט־לויפיקע ספקות איז געווען זיין וואונדערלעך געשאַנק פון דער תנ״ך איבערזעצונג, מיט דער גייסטיקער באַפעסטיקונג, וואָס זיין תרגום טראָגט אין זיך אויף לאַנגע דורות.

די פּרעכטיקע האַרמאָניע פון מאָדערנעם און אַנטיקן אידיש און די אַר־קעסטראַציע פון גאַנצע זאַצן, וואָס ווייזן אונז אויף ווי ווייט און ווי טיף אַנ־געלאָגלט עס איז אונזער אידיש מיט תנ״כ׳ישן ריטם, איז דער סוד פון דער פרישקייט וואָס וועט דער איבערזעצונג געבן איר דויער. די תנ״ך־איבערזע־צונג פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פּאַטענצן, פאַר דער באַנייאונג און אויפפרישונג פון אונזער לשון. תרגום יהואש איז נישט נאָר אַ פאַרענדיקטע איבערזעצונג, נאָר אַ קלוגער אַנדייט אויף אַ נישט־פאַרענדיקטן עקספּערימענט אין לשון. דערפאַר, קען מען מיט זיכערקייט פאָראויסזאָגן, אַז אויב אפילו אונזער אידיש לשון וועט אין די קומענדיקע הונדערט יאָר דורכמאַכן פאַרשידענע ענדערונ־גען, וועט דער שפּיגל פאַר די דאָזיקע ענדערונגען אַלץ בלייבן תרגום־יהואש, וואָס וועט קיינמאָל נישט ווערן אַלטפרענקיש. און אויב ער וועט יאָ ווערן אַלטפרענקיש, לגבי צוקונפטיקע, נייע, מאָדערנע איבערזעצונגען פון תנ״ך אויף אידיש, וועט די אַלטפרענקישקייט פון יהואש׳ס איבערזעצונג ערשט קריגן נאָך מער אָנזען, מער אויטאָריטעט און מער חשיבות.

אַ היפּשן חלק פון אָט דער דערפרישנדיקייט געפינט מען אויך אין יהואש׳ס שפּעטערע לידער. דאָס לשון זייערס קען נישט פאַרעלטערט ווערן, און היינט, אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך דעם דיכטערס טויט, זיינען זיי נאָך ניי, מיט דער נייקייט פון איבעררעשונג. די נייע ווערטער, וואָס יהואש האָט אויסגעזוכט, די נייקייט פון די בילדער, די ריידעוודיקע מוזיקאַלישקייט, דאָס זיינען אַלץ מעלות, וואָס גיבן זיינע לידער די קוואַליטעט פון לעבעדיקער פאַראויסגייעוודיקייט. ס׳איז אין זיי אַריינגעטאָן געוואָרן מער ווי אַ פונק פון די שפּראַך־יסודות און שפּראַך־רעיונות, וואָס מיט זיי איז פול די תנ״ך־איבערזעצונג.

יהואָש׳ס לידער זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער גראַנדיעזקייט פון זיין תרגום — סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן. גראַנדיעזקייט איז נישט תמיד קיין מעלה פאַר לידער. אָבער די מעלות וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון דעם תנ״כ׳ישן געמיט, וואָס אין אים האָט זיך יהואש תמיד געפונען, זיי־נען אַזעלכע איבערוועגנדיקע, אַז די לידער זיינען נאָך איצט פריש און ביט־באַרירט פון צייט. יהואָש׳ס ליריק איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישע. אומזיסט וועט מען ביי אים זוכן טאָג־בוך שטימונגען. זיינע שטימונגען זיינען כסדר

געהויבן און געלייטערט. זיי זיינען נישט קיין דיכטערישע אויספלאַפּלונגען פון דער קאַטעגאָריע, וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג איז עס ביים ליריקער אויף דער צונג. יהואָש׳ס לידער זיינען געניכטערטע. די פאַרשיכורונג קומט פון זייער אינערלעכער שיינקייט, פון דער צוזאַמענשמעלצונג פון ווערטער, פון זייער צוזאַמענשפּיל מיט דער געדאַנקלעכקייט, וואָס איז ביי יהואָש׳ן די מעלאָדיע פון ליד.

דער תנ״ך לאַכט נישט און וויינט זייער זעלטן. די וויינענדיקע שטעלן, ווי יוסף׳ס דערקענען זיך צו זיינע ברידער אָדער יעקב׳ס טויט, זיינען אויך איבערגעגעבן מיט אַ זעלטענער געצאַמטקייט. דער תנ״ך זוכט אַלעמאָל ברייטע נאַציאָנאַלע קלימאַקסן, ווי בלעמ׳ס געצוואונגענער מה טובו אוהליך, וואָס רופט אַרויס אַ טיפן ציטער ווען מען דערלייענט עס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

אַ חוץ אין איין ליד — „תהלים״, וואָס פאַרמאָגט דירעקטע שורות פון געוויין, זיינען יהואָש׳ס לידער בדרך כלל נישט קיין פערזענלעך־וויינענדיקע. פאַראַן אין דעם אוצר פון זיינע לידער ווייניק אַזעלכע זעלבסט־אַנטפּלעקערישע לידער, ווי „דער וואַמפּיר״, וואָס ענדיקט זיך מיט די שורות — „די ליפּן איינגעזויגן אין מיין לייב, איך בין דיין ווייב״.

דעם הומאָר זיינעם האָט יהואָש אָוועקגעשאָנקען זיינע פּרעכטיקע קינדער־לידער. די קינדער־לידער זיינע פאַרמאָגן אַ סך פריילעכקייט און שפּילעוודיקייט, אָבער אויך זיי צעלאַכן זיך קיינמאָל נישט, ווייל דער מייסטער צאַמט זיי. זיינע וויינענדיקע לידער זיינען אויך געצאַמט און געפּרעסט און אפילו זיינע טויט־לידער, וואָס זיינען ביי יהואָש׳ן געוועזן שטיקער רעאַליטעט, זיינען ביי אים אוניווערסאַליזירט און ביבליש אין טאָן. די גאַנצע שרעק האָט יהואָש פון זיי אַרויסגעטריבן. אַז ער האָט געשריבן אויף דער טעמע פון תהלים, אויף דעם מאָטיוו פון גם כי אלך בגיא צלמות, האָט ער זיך פאַרגונען צו זאָגן — „איך האָב געוויינט, האָט מיין געוויין דאָס האַרץ מיר אויסגעוואַשן ריין״. אָבער ווען ער האָט געשריבן אויף דער טעמע פון אייגענער טויט־שרעק, ווי אין זיין ליד — „צווישן בוימער״, האָט ער באַזוגנען מיט תנ״כישער רואיקייט דעם פאַנטעאיסטישן אויסטייטש פון זיין אומפאַרגענגלעכקייט.

טיף אין וואַלד שטייט מיין געצעלט,
קיינער וועט מיך נישט געפינען.

און ווייטער —

טיף אין וואַלד שטייט מיין געצעלט,
קיינער וועט צו מיר ניט קומען,

ווי אַ וועל אָוועקגעשוואומען
איז די ווייטע, ווייטע וועלט.

צום סוף פון ליד קומט די דערלייזנדיקע טרייסט פון געזיכערטער אומ־שטערבלעכקייט, ביי אַ מענטשן, וואָס דער טויט האָט געלויערט אויף אים טאָג־איין טאָג־אויס. יהואש האָט אָבער דעם טויט נישט געלאָזט געוועלטיקן איבער זיין לעבן.

שלאָג איך וואָס אַ טאָג אַלץ מערער
טיפע וואָרצלען אין דער נידער,
ווערן וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער
מיט דעם זאָפט פון וואַלד די גלידער —
גרויסע שטערן מיינע הערער,
גרינע גראָזן מיינע לידער.

1952

פּרץ הירשביין און לאַמעד שאַפּיראָ

ס׳וואָלט זיכער קיינעם נישט איינגעפאַלן דורכצופירן אַ פּאַראַלעל צווישן די צוויי, אין תּוך פאַרשיידענע שרייבער, ווי פּרץ הירשביין און לאַמעד שאַפּיראָ, ווען דער מאָדנער געדאַנק וואָלט פריער נישט איינגעפאַלן דעם טויט, וואָס האָט זיי ביידע פון אונז צוגענומען אין איין וואָך. ער האָט ביידן איינגעזאַמלט און אונז איז פאַרבליבן איינצוזאַמלען זייער גייסטיקע ירושה. אויך דעם טויט איז עס נישט אָנגעקומען צו לייכט דורכצופירן זיין גראָטעסקן פאַרגלייך. ער האָט אויף זיי ביידע געהאָרעוועט שיינע עטלעכע יאָר ביז ער האָט זיי איינגעבראָכן. מערקווירדיק איז אויך וואָס אין דער אַרבעט האָט ער געהאַט צו טאָן מיט צוויי פאַרשיידענע מענטשן. הירשביין איז געווען אַ גיבור און ער האָט זיך באַרימט מיט זיינע שטאָלענע הענט, וואָס מיט זיי האָט ער געבויגן מטבעות ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון בלעך. ער איז געווען אַטלעטיש געבויט. אַ באַרג־קלעטערער, אַ גייער וואָס האָט אויסגעמאַטערט אַ סך אינגערע פון זיך; אַ וועלט־רייזנדער וואָס האָט מיטגעמאַכט די שווערסטע דערפאַרונגען. מיט אים איז דער טויט פאַרטיק געוואָרן אין צוויי־דריי יאָר. דער מלאך־המות איז געגאַנגען גלייך צום פונקט, ער האָט אים אָפּגעשוואַכט די אייזערנע הענט און זיי ביסלעכוויז פאַראומנוצלעכט. ער האָט אים פּאַראַליזירט זיינע אייזערנע נערוון און אָנגעגריפן זיין אויסדויער. חדשים־לאַנג האָט זיך דער אַריסטאָקראַטישער הירשביין אַרומגעטראָגן מיט זיין קראַנקהייט און זי געוואָלט טויט־שווייגן. ער האָט אַלץ געשטרעקט דעם שטאָלצן קאָפּ צו די הימלען און איגנאָרירט זיין אייגענע חולאת. שפּעטער האָט ער געצערטלט די דריי צעבויגענע און הילפלאָזע פינגער פון זיין קראַנקער האַנט און געשפּירט אַז דער טויט איז אים אויף אַן אמת אַריין אין די ביינער. ער האָט ביסלעכוויז זיך אונטערגעגעבן און דעם מחבל צוגעלאָזן נאָענט צו זיך, געמאַכט אים באַקוועם און אים געגעבן אַ רחבות׳דיקע דירה אין זיין מוסקולירטן גוף.

ער האָט שטיל געוואוינט מיט אים און מיר האָבן אַלע געזען הירשביינ׳ען אַ צווייאיקן — אים און זיין אינערלעכן באַגלייטער.

מיט לאַמעד שאַפּיראָ׳ן האָט דער טויט געהאַט אַ שווערערן אויפגאַב. נישט נאָר איז שאַפּיראָ נישט געווען קיין גיבור, נאָר אַ איד אַ חלוש — הויט

אוןביינער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען דורך אַ געהיימער, גייסטיקער גראַוויטאַציע. דעם מלאך־המות קומט אָן אַ סך שווערער צו אַרבעטן אויף אַזעלכע מענטשן, וואָס שטאַרבן־אונטער צוביסלעך סיי ווי אַ גאַנץ לעבן. ער האָט נישט געהאַט גענוג גוף אַז דער טויט זאָל זיך אין אים באַזעצן. אויף אים האָט דער גרויזאַמער שליח געאַרבעט צוויי צענדליק יאָר. ער האָט אים געמוזט אונטערשטעלן אַלערליי פּיסלעך, ער האָט אים באַדאַרפט איבערפּאָרן, ער האָט אים אַרונטערגעוואָרפן עטלעכע מאָל פון בעט און ממש געבראָכן רוק און לענד. ער האָט אים צעבראָכן די ריפּן, די פיס, ביז שאַפּיראָ האָט אויף אַן אמת אויסגעהויכט דעם אָטעם, ווייל מער ווי אָטעם האָט ער נישט געהאַט כל ימיו.

פּאַרטיק געוואָרן איז דער טויט מיטביידע אידישע שרייבער אין דער וואָך פון סוף אויגוסט, 1948. ער האָט זיין פּאַראַלעל פּאַרענדיקט, אַביסל אַ געקינצלטן פּאַראַלעל, אַן איראָנישן, אָבער ער, דער טויט, איז אַ פּאַר־ניכטנדיקער קריטיקער, וואָס איז אפילו נישט מחויב צו זיין לאָגיש. גוטע און פרומע לייט זאָגן אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ העכערע לאָגיק, וואָס מיר פאַרשטייען נישט. אָבער דאָס וואָס מיר פאַרשטייען יאָ, פאַרמאָגט סיוויי די טרויעריקע לאָגיק פון פאַרגאַנג. די עלטערע אידישע שרייבערס ווערן פון אונז אַוועקגע־נומען. הירשביין איז געשטאַנען אויפן שוועל פון 70 און דווקא דער שוואַ־כערער שאַפּיראָ האָט דערלעבט די גאַנצע 70. אַוודאי ווילן מענטשן לעבן און לעבן, אָבער קיין כרת האָבן זיי ביידע חלילה נישט געהאַט. עס איז נאַטיר־לעך אַז די שאַפערס פון דער עלטערער אידישער ליטעראַטור זאָלן פון אונז ביסלעכוויז צוגענומען ווערן.

דאָס וואָס ביידע זיינען אַוועק אין דער זעלביקער צייט, האָט בלויז אונ־טערגעשטראָכן דעם טיפן ווייטיק, דערעיקרשט דערפאַר, וואָס ביידע זיינען געווען שרייבערס וואָס האָבן געהערט צו דער גלאַנץ־פּעריאָדע פון דער אידי־שער ליטעראַטור. אינטערעסאַנט איז אַז דער אידישער לייענער האָט עס אָפּגעשאַצט און זיי אָנטקעגן געטראָגן גרויס דרך ארץ און אויפמערקזאַמקייט. אויב מ'זאָל צווישן זיי ווייטער ציען דעם שנור פון אומגלייכקייט, קען מען זאָגן, אַז פּרץ הירשביין האָט אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר זיך אָנגעשטרענגט, אַז עס זאָל נישט געמינערט ווערן דער אינטערעס אין זיין שרייבן. שאַפּיראָ האָט מיט דער זעלביקער ענערגיע געאַרבעט, אַז עס זאָל אָנ־געהאַלטן ווערן דער אינטערעס אין זיין נישט שרייבן. פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט פּרץ הירשביין זיך אַליין אַרומגעזוכט, געפּאָרשט זיין אייגענעם המשך, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויפגעקלעטערט צו די העכסטע הויכן פון דער אידישער ליטעראַטור און דערגרייכט זיינע אייגענע העכסטע מעגלעכקייטן. ער האָט גע־

האָט אַן אָפן אויג פאַר ענדערונגען אַרום זיך, אָבער ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם כוח צו פאַרשטיין די כסדר׳דיקע ענדערונגען. ער איז אויף זיי נישט געווען דער באַלעבאָס, ווי ער איז געווען איבער זיין קינדהייט־מאַטעריאַל, און איבער די גרויסע דראַמעס זיינע, וואָס זיינען אין עצם אויך פּאָעטישע דערמאָנונגען פון זיין קינדהייט. הירשביין האָט פאַרמאָגט אַ וויכטיקע מעלה וואָס יעדער גרויסער שרייבער דאַרף פאַרמאָגן — דאָס אייביקע וואונדער פון קינד, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט מעשה־בראשית׳דיקע אויגן; וואָס שאַפט איבער די אַלע וואונדער פאַר אונזערע אויגן, און רופט אין אונז אַרויס דעם עקסטאַז פון ערשט־געשען. און דאָרט וואו ער איז געווען דאָס פּאָעטישע קינד איז ער באמת געווען גרויס און וויכטיק. אָבער דאָרט וואו ער האָט דאָס קינד אַריינגעפירט אין דער טומלדיקער וועלט פון דערוואַקסענע, האָט אים געפעלט דער אַנאַליטישער חוש, די פעאיקייט פון דעם צוזאַמענשטעלער, פון דעם טראַכטנדיקן שרייבער וואָס קומט אויך צו קינסטלערישע אויספירן.

זיינע דראַמעס זיינען געווען דראַמאַטיזירטע מעמוארן, נישט וויניקער ווי די דירעקטע מעמואַרן פון זיין קינדהייט. אין דעם צוריקרוף האָט ער זיך געפונען, פון דעם כישוף האָט ער נישט געקענט אַרויס. ער האָט געהאַט די אונטערנעמונג־פעאיקייט פון דעם קינסטלער וואָס איז לכתחילה געבוירן געוואָרן צו שאַפן גרויסע זאַכן, אָבער ער איז נישט געווען דער אַנאַליטיקער פון דעם מאַטעריאַל וואָס ער האָט באַוואונדערט און וואָס ער האָט אונז געהאָלפן באַוואונדערן. דאָרט וואו ער האָט זיך באַדאַרפט טיילן מיט זיינע דירעקטע באַטראַכטונגען, איז ער געווען קינסטלעריש־וואָרעם. ער האָט געקענט באַטראַכטן מיט וואונדער. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט טיף אַריינטראַכטן אין דעם וואונדער, וואָס אים איז באַשערט געווען צו זען.

מיט צוויי יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיט אים עטלעכע מאָל. איך דערמאָן זיך אַז מיר זיינען געפאָרן עטלעכע שעה צייט, פון לאָס אַנדזשעלעס קיין פּאַלם ספּרינגס. דער וועג צום מדבר איז נישט געווען קיין צו־שיינער. מיר זיינען געפאָרן דורך עטלעכע קליינע קאַליפאָרנער שטעטלעך, וואָס זייער סוב־טראָפּישע לאַנדשאַפט האָט נישט צופיל פאַרכאַפּט דאָס אויג. הירשביין איז געזעסן געשפּאַנט און שטייף. זיין אַטלעטישע פיגור איז געווען סטאַטועסק און פעלזיק. פון צייט צו צייט האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט און אויסגעזונגען אויף זיין גוט־באַקאַנטן דעקלאַמאַטאָרישן שטייגער: איר זעט, גלאַטשטיין — אַ בוימעלע! איר זעט, גלאַטשטיין — אַ אינגעלע! איר זעט, גלאַטשטיין — אַ פערדעלע! ער איז אַזוי געזעסן און באַשיצט זיינע פאַראַליזירטע פינגער, אַז זיי זאָלן זיך נישט צופיל וואָרפן אין די אויגן, און געהאַלטן אין איין צוריקוואַנדערן צום סאַמע

בראשית פון זיינע עלעמענטאַרע זעאונגען, צו זיין ערשטן קינדערשן וואונדער, און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיינע פּרימיטיווע איבערראַשונגען גע־טיילט מיט מיר.

אָט די צאַרטע קינדישקייט האָט ער פאַרמאָגט אין זיינע בעסערע שאַ־פונגען. די וואַרעמקייט וואָס האָט געאָטעמט פון זיי איז געווען די וואַרעמקייט פון עכטן דערמאָנען זיך און צוריקקומען צום שורש. די עכטקייט האָט זיך אויך איבערגעגעבן צום לייענער און צום עולם, וואָס האָט הירשביינ׳ס דראַמאַטי־זירטע קינדער־זכרונות געזען אויף דער בינע, געהערט דאָס תמימות׳דיקע לשון פון זיינע האַרציקע העלדן, וואָס האָבן קליין און ענג געלעבט אין אַן אייגענעם כישוף, געזען און באַנומען דאָס וואונדער פון פערדעלע, פון איב־געלע און פון ביימעלע.

הירשביין האָט אויך שריפטשטעלעריש געלעבט אין אַן אייגענער וועלט פאַר זיך. ער האָט בלויז אויסערלעך געלעבט אין משפחה׳שאַפט און אין גוט־פריינטשאַפט מיט דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. ער איז נישט געווען אָפּגעריסן פון איר ווי שלום אַש, וואָס האָט זיך כל ימיו געשטעלט איבער דער ליטעראַטור. הירשביין איז געווען אַ גוטער פריינט און אַ גוטער חבר. אָבער ער איז געווען צוגעלאָזן צו אַלעמען, מיט דער גלייכגילטיקער צוגעלאָזנקייט פון איינעם, וואָס ס׳גייט אים שוין נישט אָן, וויפיל ליטעראַרישן לעקעך עמיצער וועט כאַפּן, ווייל ער אַליין האָט שוין געקראָגן דעם גרעסטן חלק. ער האָט מיט זיין שטאָלצן אַריסטאָקראַטישן קאָפּ אַרונטערגעקוקט אויף דער גאַנצער יונגער ליטעראַטור, ווען ער איז נאָך אַליין געווען אין די ערשטע דרייסיקער. אין יענער צייט זיינען ליטעראַרישע ביאָגראַפיעס געלאָפן מיט אימפּעט. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן אַז פרצ׳ס שעפערישע יאָרן האָבן פאַקטיש געדויערט נישט מער ווי צוויי צענדליק מיט עפּעס. שלום עליכם, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּעט צו שרייבן, איז געשטאָרבן זאָט מיט ווערק, ווען ס׳האָבן אים נאָך געפעלט עט־לעכע יאָר צו 60. ווען הירשביין איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, איז ער שוין געווען אַן אונטערנעמער, ער איז אַרומגעפאָרן מיט אַ וואַנדער־טרופּע און געזוכט אויסצובעסערן דאָס אידישע טעאַטער. די איינציקע דראַמע „די נבלה“ האָט אים באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. אין די פריע דרייסיקער איז ער שוין געווען דער רייפער און וועלט־באַרימטער פרץ הירשביין.

אַז הירשביין האָט זיך דערשלאָגן צו אונז קיין אַמעריקע, איז ער נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק, אָבער זיין קינסטלערישער פּאָרטרעט איז שוין געהאַנגען אויף דער מזרח־וואַנט. ער איז געווען אַ בוים, וואָס איז אויסגע־וואָקסן אין יענער גרויסער עפּאָכע, ווען אַ סך ליכטיקע נעמען האָבן אויפ־

געבליצט אויף דעם אידיש־קינסטלערישן הימל. זיין אויפטו איז אָבער דער־הויפט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז נישט איינגעשלאָפן אויף די גוט־פאַר־דינטע לאָרבער־קראַנצן, נאָר ער האָט כסדר געאַרבעט, געשריבן און געווען דער אַקטיווער שרייבער אין לעבן און מיט זיין פען, גאַנצע 24 שעה אַ טאָג. ווי מענטשן וואָס האָבן גוט געקענט הירשביינ׳ען גיבן איבער, איז ער גלייך געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור מיט זיין אימפּאָזאַנטער און מאַיעסטע־טישער האַלטונג, וואָס האָט אונז אָפט אויסגעזען ווי אַ פאַרגליווערטע פּאָזע, נאָר וואָס איז אין דער׳אמתן געווען די סינטעטישע פּאָזע פון דעם פּראָפּעסיאָ־נעלן קינסטלער פון זיין צייט.

מען דערציילט, אַז ווען וואָלט וויטמאַן, וואָס האָט אין זיינע יונגע יאָרן געשריבן וואָסערדיקע אַרטיקלען און שלעכטע לידער, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ראָמאַן פון דער דעמאָלט־פּאָפּולערער זשאָרזש סאַנד, האָט ער זיך גלייך פאַרליבט אין דעם העלד פון בוך, און באַשלאָסן אים צו אימיטירן. דער העלד איז געווען, וואָס מ׳האָט אין יענער צייט גערופן, אַ פריי־גייסט. ער האָט הויך דעקלאַמירט זיינע געפילן וועגן מענטשן־ליבע, אוניווערסאַליזם, פריי־הייט און באַהעפטונג מיט דער נאַטור. ווי זשאָרזש סאַנד האָט אים געשילדערט, איז ער געווען אַ צעכראַסטעטער, אַ באַבערדלטער, אַ קינד פון דער נאַטור און אַ מענטש וואָס האָט כסדר קאָקעטירט מיט זיין תמימות. וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז געווען, געדענק איך נישט אַקוראַט, אָבער עס ווערט איבערגעגעבן, אַז דאָס בוך איז ביי וויטמאַנ׳ען געפונען געוואָרן מיט אַ סך ראַנד־באַמערקונגען און עקסטאַטישע נאָטיצן. דעם זשאָרזש סאַנד העלד האָט זיך וויטמאַן באַשוואוירן צו אימיטירן, און ער, וויטמאַן, איז געוואָרן זשאָרזש סאַנד׳ס לעבעדיקער באַ־זינגער פון דעמאָקראַטיע און ס׳איז אים, דורך אַ קינסטלערישן מאַסקאַראַד, באַשערט געווען צו עפענען אַ ניי קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. וויטמאַנ׳ען איז שווער געווען צו שרייבן דירעקט דורך זיך אַליין, אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף זיינס אַן אַלטער־עגאָ זיינען אַלע זיינע קינסטלערישע אינהיביציעס באַזייטיקט געוואָרן, און ער האָט דורך זיין צווייטן איך גענומען זינגען די אָריגינעלסטע לידער אין דער מאָדערנער אַמעריקאַנער פּאָעזיע.

דאָס איז שוין מער ווי אויסזוכן אַ פּסעוודאָנים, דאָס איז אַ געפינס. ליטע־ראַטורן ווייסן פון אַזעלכע מערקווירדיקע איבעראַנדערשונגען. שרייבעריי בכלל איז אַ שטיק עקזיביציאָניזם, אָבער ניט אַלע שרייבער זיינען געוואַגט גענוג אויסצושטעלן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. ערשט ווען זיי דאַכט זיך אַז זיי באַהאַלטן זיך און אַז זיי רעדן פון באַהעלטעניש דורך אַן אַנדערן, ווערן זיי קינסטלעריש דערלייזט און גערעטעוועט, ווייל אין באַהעלטעניש אַנטפּלעקן זיי זיך אָפט אין

זייער גאַנצער, פיינער פּראַכט. ביי אַבראַמאָוויטש׳ן איז דאָס געשטאַלט מענ־דעלע געווען אַ סך מער ווי אַ געפונענענער פּסעוודאָנים. ס׳איז געווען אַ גע־שטאַלט וואָס דער משכיל אבראַמאָוויטש האָט זיך הינטער אים געקענט באַ־האַלטן. דורך מענדעלע׳ס מויל האָט ער פאַר אונז אויפגעוויקלט אַ גרויסע אי־דישע קינסטלערישע פּאַנאָראַמע. ביי ראַבינאָוויטש׳ן איז שלום עליכם אויך געווען מער ווי בלויז אַ פּסעוודאָנים. ס׳איז געווען אַ וועלט־אַנשויאונג, אַ מאַסקע וואָס הינטער איר האָט דער אַמאָליקער בירזשע־סוחר געקענט פריי זשעסטיקולירן, רעדן בהרחבה׳דיק און שאַפן די מייסטערישע, זאַפטיקע אידישע באַריידעוודיקייט. דער פּסעוודאָנים משה נאַדיר האָט פאַר דעם פלאַכן שרייבער יצחק רייז ממש געעפנט נייע וועלטן און אים געגעבן דעם שטויס זיך צו שפּילן מיט אידיש אויף אַ גרויסאַרטיקן שטייגער. יצחק רייז וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערוועגט צו רייטן אַזוי נאַשפּיץ און צו זיין אַזוי קינסטלעריש־הפקר׳דיק, אַזוי פאַרביק און אַזוי צעלאָזן.

אַקוראַט ווען הירשביין האָט אַנדעקט זיין באַפרייענדיק געשטאַלט איז נישט באַוואוסט, אָבער ס׳איז אים דורך דעם לייכטער געוואָרן צו לעבן און צו שרייבן; און הירשביין האָט געהערט צו דעם סאָרט שרייבער וואָס לעבן און שרייבן איז ביי אים איינס, וואָס לעבט בלויז בעת ער שרייבט.

הירשביין האָט נישט געלעבט נאָר געשוועבט, ער איז געווען דער גע־בענטשטער שרייבער וואָס האָט געוואוסט, אַז ער איז געקומען בענטשן און נישט שעלטן. ער איז נישט געווען דער אויסטראַכטער פון זיין אידילישער וועלט — ער איז בטבע געווען אַן אידילישער מענטש, וואָס האָט געלעבט נישט אין רעש נאָר אין דער דממה דקה. ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַר־יערע מיט געבאָרגטער סימבאָליק, וואָס איז געווען אָנגעהויכט פון פרעמדע ליטעראַטורן, האָט ער נאָך גערעדט מיט אַ פרעמד מויל. מיר וואָלטן געהאַט אַ סך, אַ סך אַ קלענערן הירשביין, אויב ער וואָלט געווען געגאַנגען אויפן בלאָנדזשענדיקן וועג פון פרעמדע איינפלוסן. ער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו דער געפאַר, אַז ער זאָל בלייבן אַן אייביקער בלאָנדזשער און פאַרבלאָנד־זשער. אין אים האָט געלעבט און גע׳חלומ׳ט אַ קינסטלערישער מושלם, וואָס האָט געהאַט געבענטשטע הענט, אַ געבענטשט קול און אַ געבענטשט אויג. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען פאַרליבט אין קונסט, און ער האָט אָפט פאַרבלאָנד־זשעט צום ליד, צו מאָלעריי, צו מוזיק און אפילו צו עפּעס אַזוינס, וואָס קען גערופן ווערן בעלעטריסטישע וויסנשאַפט. ער האָט דערפאַר געקענט לייכט דערטרונקען ווערן אין אַ ים פון דילעטאַנטישקייט. שוין דאָס געשטאַלט זיינס איז געווען דילעטאַנטיש. ווער ס׳האָט הירשביינ׳ען נישט געזען זיצן ביי זיין פּוס־האַרמאָניע און שפּילן אייגענע קאָמפּאָזיציעס, ווער ס׳האָט זיין פאַר־

חלומ'ט פּנים נישט געזען און נישט געכאַפּט דעם שטאָלצן הויב פון זיין אָדלער־קאָפּ, האָט מסתמא נישט געזען קיין אויסגע'חלומ'טן קאָמפּאָזיטאָר. אַזוי זיצט אפשר ביי דער פּיאַנאָ אַן אַקטיאָר וואָס שפּילט בעטהאָווען אָדער שאָפּען. (דער אמת'ער בעטהאָווען איז געווען אַ סך ערדישער און באַלמעלאַכישער). אַזוי איז הערכסטענס געזעסן ליסט אָדער אפשר פּאַדעראַווסקי. הירשביין האָט צופיל געקניט פאַר דער דערהויבנקייט פון קונסט און ער האָט דעם פאַר־געטערער געשפּילט מיט אַלע זיינע חושים. דערפאַר האָט ער זיך געפונען גאַנץ אָפט אויף דער געפאַר־בריק פון דילעטאַנטישקייט. אָבער וואָס ענגער ער איז צוזאַמענגעוואָקסן מיט זיין קינסטלעריש געשטאַלט, איז אין אים אויסגע־צייטיקט געוואָרן אַ בענקשאַפט נאָך פאַלקסטימלעכקייט. ער האָט זיך פאַר־בענקט נאָך דעם לשון פון זיין פריער קינדהייט, און ער האָט אונז גענומען דערציילן די דראַמאַטישע איינצלהייטן פון זיין יוגנט, אין די פיר גרעסטע דראַ־מעס פון דעם אידישן דראַמאַטישן רעפּערטואַר.

הירשביין האָט כסדר גע'חלומ'ט פון גרויס וועלטישקייט און גרויס־שרייבעריי. זיין גאַנץ וואַנדערן איז געווען אַ נאָכגיין אַן אויסגעטראַכטן חלום. זיינע וואַנדער־מעשיות זיינען אומאינטערעסאַנט, ווייל ער איז בטבע געווען דאָס קינד וואָס האָט געוואַנדערט מיט אַ קינדיש באַגאַזש פון גרייטער באַ־גייסטערונג. ער האָט זיינע דערפאַרונגען פאַרציכנט מיט ווערטער וואָס האָבן געקלונגען ווי זיין עקזאָטישע שטים, דערציילט וועגן אויסטערלישע מענטשן, פלאַנצן, חיות, אָבער ער האָט פאַרפעלט צו זען דאָס פאַרכאַפּנדיקע בילד פון דעם דורכשניט־מענטש, וואָס איז אויפן גאַנצן ערד־קיילעך די גרעסטע טראַ־געדיע פון באַשאַף. הירשביין איז אין די שפּעטערע יאָרן זיינע געוואָרן אַן אייגענע וואַנדער־טרופּע, פון איין קינסטלער, מיט אַ שיינעם געשניצטן קאָפּ. ער איז געפאָרן שפּילן דעם פאַרצייטיקן שרייבער, וואָס איז שוין מער אויף דער וועלט נישטאָ, — די ראָלע פון האָמאָ־אַרטיסטיקוס וואָס ער איז אַ גאַנץ לעבן נישט מיד געוואָרן צו שפּילן.

דערפאַר איז אים שווער געווען אויך צו זען יענעם, ווייל אויף זיינע וואַנ־דערונגען איז ער אַליין געווען אַ שטיק געשפּילטע עקזאָטיק. ער האָט געלעבט אין זיך אין אַן אייגענער וועלט און ער האָט דעם קינסטלערישן מענטש גע־פּירט איבער דער וועלט און אומעטום אַרויסגערופן דרך ארץ. ס'איז פּשוט געווען אַ נס, וואָס ער האָט זיך אַ קערעווע געטאָן צום סאַמע אומגע־קינצלטן מאַטעריאַל אין זיך, וואָס וואָלט זיכער אויסגערונען געוואָרן פון ג״יס פאַרנאַכלעסיקונג. אין זיינע אינטימע מאָמענטן מיט נאָענטע מענטשן האָט הירשביין גאַנץ אָפט געקענט זאָגן אַ גראָב וואָרט און דערציילן אַפילו אַ גראָבן וויץ. אמת, ער האָט עס אַלעמאָל דערציילט אויף זיין ליריש־דעקלאַ־

מאַטאָרישן שטייגער, אַזוי אַז אפילו דער גראָבסטער וויץ איז צעשוואומען געוואָרן אויף מעלאַנכאָלישע כוואַליעס. אָבער געזונט פאַלקישקייט איז אין אים געווען און עס האָט סוף כל סוף טריאומפירט און אים געצוואונגען צו עפענען דאָס מויל און רעדן דאָס לשון פון זיינע קינדהייט־העלדן, פון אַרום דער מיל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. כמעט אין אַלע זיינע אַנדערע זאַכן — אין זיינע אַרטיקלען, אין זיינע וואַנדער־פאַרצייכענונגען, אָדער אין זיינע שוואַכע לידער, צי אין זיינע צעצויגענע נאָוועלן, הערט זיך דאָס דעקלאַמאַטאָרישע קול פון הירשביינ׳ס קינסטלעריש געשטאַלט. אָבער איז זיינע דראַמעס „די פוסטע קרעטשמע״, „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל״, „דעם שמיד׳ס טעכטער״, „גרינע פעלדער״, הערט מען דאָס אויטענטישע קול פון אמת׳ע פאָלקס־מענטשן, און דער קינסטלערישער פוס־האַרמאָניע באַגלייטונג פון הירשביינ׳ס אייראָפּעאישן גרויס־קינסטלער. מיט די „גרינע פעלדער״ האָט ער אפילו אָנגעקלאַפּט אין היכל פון אידישער המשך־ליטעראַטור, דאָס ווערק געהערט צו דער גרויסער טראַדיציע אונזערער און איז אַ געזאַנג פון אידיש לשון, אידישער גוטמוטיקייט, אידישן דרך ארץ פאַר לערנען; פון אַ וואונדערלעכער שטילער ליבע וואָס אין איר הערן זיך די זמירות־טענער פון אַ פאַרבענקטן פרייטיק צונאַכטס. אין ערגעץ האָט הירשביין אַזוי עכט נישט געזונגען, אַזוי נישט פריי געלאָזט זיין פאַרבאָרגן קול, אין ערגעץ האָט ער זיך אַזוי דירעקט נישט פאַרבונדן מיט דעם אידישן עבר און נישט אַריינגעדרונגען אין דער טיפקייט פון דער אידישער נשמה.

אַז מען גיט אַ טראַכט פון דעם גרויסן ווערק — „די גרינע פעלדער״ — און פון זיינע אַנדערע דערמאָנטע דראַמאַטישע ווערק, וואָס מיט זיי האָט הירשביין דערהויבן דאָס אידישע טעאַטער צו די העכסטע הויכן, ווערט קלאָר אַז אין אים איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרעסערער קינסטלער, ווי מיר זעען עס פון זיינע צאָלרייכע ווערק. דאָס קינסטלערישע געשטאַלט וואָס פרץ הירשביין האָט זיך אויסגעקליבן און וואָס איז געווען זיין באַפרייענדיקער און שעפערישער פסעוודאָנים, איז אָפט געוואָרן אַ קלעם פאַר דעם פאָלקס קינסטלער וואָס האָט אין אים געבענקט נאָך דירעקטן אויסדרוק.

זיין אינספּיראַציע איז געווען דער שריפטשטעלער פון 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט — דער שרייבער וואָס האָט באַטראַכט זיין שרייבעריי ווי אַ שיר־נישט־נביא׳ישע שליחות צו דער וועלט. אַזעלכע שריפטשטעלערס האָבן געוויינלעך געשריבן צופיל און נישט־איבערקלייבעריש. אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבן ביי זיך באַשלאָסן אַז זיי זיינען די געזאַלבטע און אויסדערוויילטע, זיינען זיי שוין נישט געווען קיין גרויסע איבערקלייבערס. זיי האָבן באַטראַכט יעדער וואָרט וואָס האָט אַרונטערגעטריפט פון זייער פען ווי גאָט׳ס וואָרט.

זיי זיינען געוואָרן צושטעלער און פּראָדוצירער פון נבואה. אוודאי איז פאַלש ווען אַ שרייבער זעצט זיך אַוועק וואַרטן אויף אינספּיראַציע, ווייל אינספּיראַציע האָט אַ טבע, אַז מען דאַרף איר שטאַרק נאָכלויפן, מען מוז זיך צו איר אַרויפ־אַרבעטן דורך שווערער אַרבעט. מען מוז די אינספּיראַציע גוט אויסשוויצן און אויסזיצן. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך פאַלש צו באַטראַכטן יעדער אייגן געשריבן וואָרט ווי אַ פּראָדוקט פון העכערער באַגייסטערונג. הירשביין האָט געהערט צו די שרייבער וואָס זיינען אַלעמאָל געווען באַגייסטערט, שוין צוליב דער שליחות אַליין, וואָס ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז צו איר זיינען זיי געזאַלבט געוואָרן פון קינדהייט אָן. ביי די שריפטשטעלער פון דער קאַטעגאָריע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע פּראָדוקציע, אָפט מאָל איז פון דעם געוואָרן איבער־פּראָדוקציע, נישט נאָר אין עקאָנאָמישן זין, ווייל עס זיינען נישט געווען געניג אָפּנעמערס, נאָר אויך פאַר דעם קינסטלער אַליין, וואָס האָט זיין אייגענע פּראָדוקציע נישט געקענט קינסטלעריש פאַרדייען. דערצו זיינען הירשביינס שרייבערישע לערערס געווען דער אַבסאָלוטער היפּוך פון אַלץ, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך פון זיין פריער קינדהייט. זיינע רבי'ס זיינען געוואָרן מעטערלינק און אַנדרייעוו און פון זיי האָט ער זיך אַ לעבן לאַנג ניט געקענט באַפרייען. ביידע זיינען געווען סימבאָליקער און מיסטיקער. נו, סימבאָליק און מיסטיק זיינען נישט פרעמד דעם אידישן גייסט, און ווען אַ אידיש קינד קומט אַרויס פון דער ישיבה, זאַפּט אין זיך איין דעם קרעכץ פון שול, די מורא פאַר די יום־כיפּור'דיקע נשמה־ליכט, הערט דאָס געוויין פון אידישע מתים אויפן בית הקברות, גיט אַ לעק קבלה, הערט זיך אָן מיט חסידישע מעשיות, איז ער גרייט פאַר מיסטיק און סימבאָליק.

אונזער אייגענע אידישע טראַדיציע אין דער מיסטיק איז פאָרט אַ תכלית־דיקע, כ'וואָלט געזאָגט אַ מאָראַלישערע ווי ביי מעטערלינק'ען און אַנדרייעוו'ן. די אידישע מיסטיק איז אין איר פּלי — שכל'דיקער ווי מעטערלינק'ס „בלויער פויגל" און ליכטיקער ווי אַנדרייעוו'ס פינסטערער גאָרנישט פון „אימעצן אין גרויען". ווען פּרץ הירשביין האָט אַנגענומען די צווי רבי'ס, האָט ער אַ לאַנגע צייט געמוזט צוריקהאַלטן דעם שטראָם פון פאָלקישקייט, וואָס האָט זיך אין אים געריסן אַרויסצוקומען אויף גאָט'ס וועלט. דער זכרון פון זיין קינד־הייט איז געווען גרייט זיך צו בלעטערן און צו רעדן לייטישע אידישע רייד, אָבער הירשביין האָט זיי פאַרדעקט מיט אַ שלייער פון זיין געבאָרגטער און וועלטלעכער מיסטיק, וואָס האָט דעמאָלט פאַרכאַפּט נישט איין שריפטשטע־לערישן יונגנמאַן. און וואָלט הירשביין פאַרבליבן אַ צוגעדעקטער מיט דעם מעטערלינקישן שלייער און מיט אַנדרייעווס לייריקן פרעג־צייכן, וואָס איז צו פויל צו זוכן דעם ענטפער, וואָלט ער זיכער נישט געפונען דעם וועג צו זיך

און צו זיין גרויסן דראַמאַטישן פּאַרמעגן. איך זאָג — זוכן דעם ענטפער, ווייל ס׳גייט נישט בלויז אין געפינען דעם ענטפער. די מיסטיקערס פון מעטערלינק׳ס און אַנדרייעוו׳ס חדר האָבן זיך באַנוגנט מיט אַוועקשטעלן אַ פראַג־צייכן און אים אַרומצינדן מיט טעאַטער־לעמפּלעך. אמת׳ע געזונטע ליטעראַטור נוצט דעם קאָפּ, און זוכט און נישטערט, אַפילו ווען זי פּאַלט דורך. עכטע ליטעראַטור איז די אָפּשפּיגלונג פון אונזער גאַנצן שרייבעריש וואַרשטאַט, פון דער פּובליציסטיק פון אונזער דור, פון דער וויסנשאַפט, פון דער פילאָזאָפיע, פון דעם גאַנצן טראַכטן פון אַ דור. געזונטע ליטעראַטור שטעלט איין, ריזיקירט, טראַכט און פּאַלט דורך. זי ענטפערט נישט לכתחילה, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ענטפער, ווייל דאָס איז דער לייכטער וועג; זי קומט צום דורכפאַל, דורך מאַטערנישן און זוכענישן. זי וויל דעשיפרירן זאַכן, לייענען די באַהאַלטענע שריפט פון אונזער עקזיסטענץ, אָבער זי וויל אַבסאָלוט נישט טאָן דאָס פאַרקערטע, פאַרשלייערן זאַכן מיט אַ געהיימליכט פון באַהאַלטנקייט. אַזאַ שטייגער שרייבן מיינט פאַרקינדישן אונזער לעבן מיט אַ מעשה׳לע. אָבער אונזער לעבן איז ביטער און האַרט פון דעם אייז־פּעריאָד אָן, ביזן היינטיקן טאָג. לעבן איז נאָך אַלץ קריעת ים סוף, און מ׳קען עס נישט דורכזינגען און דורכטאַנצן מיט אַ מעשה׳לע.

אָבער הירשביין איז נישט געווען דער איינציקער וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם מעטערלינקישן רעצעפּט, ער איז געווען איינער פון אַ סך. ווען אייראָפּע האָט פון איין זייט אָנגעהויבן באַגרייפן דעם מאַרקסיזם, איז איר פון דער אַנדערער זייט גיך באַפאַלן דער מיסטיציזם און סימבאָליזם פון מעטערלינקען און געשלעפּט דעם מענטש צו דעקאָראַטיווע הימלען.

י. ל. פּרץ האָט זיך באַנוגנט מיט דער אויסערלעכער קינסטלער־פּעלערינע וואָס ער האָט געטראָגן, אָבער פּרץ הירשביין האָט געוואָלט אַריינטראָגן אין אידישן לעבן דאָס געשטאַלט פון דעם זעלבסט־פּאַרהיפּנאָטיזירטן וועלט קינסטלער פון יענער צייט. י. ל. פּרץ איז דורך וועלטלעכקייט געקומען דירעקט צום אידישן קוואַל, אָבער הירשביין איז אַ צייט לאַנג און אַפילו אַ שטיק צייט נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט געפונען, נאָך אַלץ געווען אַ געפאַנגענער ביי זיין אייגענער געבאָרגטער סימבאָליק.

ווען הירשביין איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1911, איז ער בלויז אַלט געווען 31 יאָר. פאַר אַ היינטיקן שרייבער איז עס כמעט די עלטער פון אָנפאַנגערישקייט, אָבער הירשביין האָט שוין, הינטער זיך געהאַט אַ רייכע און פאַרביקע קאַריערע; ער איז שוין געקומען צו אונז אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון דרך ארץ. און וואָלט ער אויף אַזאַ אופן פאַרגעזעצט זיין קאַריערע, וואָלט ער בלויז פאַרבליבן אַ זעלטן שיינע און סטיליזירטע דעקאָראַציע אין

אידישן לעבן, ער וואָלט געווען באַרימט בלויז ווי דער איבערפלאַנצער פון פרעמדע מאָטיוון אין אונזער יונגער ליטעראַטור, וואָס איז געווען בויגזאַם און נאָכגעביק, און וואָס האָט אַריינגענומען די אַלע פרעמדע זאַכן פון דרויסן, כדי צו ווערן פולער, וועלטלעכער און מיט לייטן גלייך. די שפּראַך אונזערע, די יונגע, האָט פאַרמאָגט מערקווירדיקע אויפנעם־פעאיקייטן. זי האָט עס אַלץ איינגעזאַפּט און פאַרהיימישט. הירשביין וואָלט סיי ווי פאַרנומען אַן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור, שוין מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט אונז געבראַכט ביז זיינע 31 יאָר.

אָבער גראָד אין יאָר 1911, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער געשריבן זיין „פוסטע קרעטשמע". ס'איז נישט קלאָר ווען דער וואונדערלעכער איבערברוך איז אין אים פאָרגעקומען — צי האָט ער שוין געבראַכט זיין פאָלקס דראַמע קיין אַמעריקע, אָדער ער האָט זי דאָ ביי אונז ערשט אָנגעשריבן. אָבער דאָס איז בלויז אַ ביאָגראַפישער דעטאַל. אפילו ווען ער זאָל די דראַמע יאָ האָבן אָנגעשריבן ביי אונז, איז עס זיכער אויסגעצייטיקט געוואָרן ביי אים ערב זיין פאָרן. ס'איז געווען גאָט'ס ברכה פאַר הירשביינען, ווען ס'איז אים באַשערט געווען צו קומען פנים אל פנים מיט זיין אייגענער זעאונג, אומגעשטערט פון פרעמדע איינפלוסן. ווען איך רעד וועגן הירשביינ'ס איינפלוסן, מיין איך עס אין אַ גרויס־שרייבערישן זין, אין זין פון פאַרלירן זיך אין אַ זשאַנר און ווערן איינס מיט דעם אַ לעבן לאַנג. מיט זיינע פאָלקס דראַמעס, וואָס זיינען די קרוין פון זיין שאַפונג, האָט ער זיך אָבער דערקליבן צו זיין אייגענעם אמת און צו דער ירושה פון זיינע עלטערן. אָט דער צענטראַלער טייל פון זיין קינסטלערישער אַרבעט איז דאָס עכטסטע, דאָס בלייבעוודיקסטע אין אים, ווייל דאָס ירושה'דיקע וואָרט, דאָס אינטימע, וואָס איז געווען באַגראָבן אין אים, איז באַפרייט געוואָרן אויף אַן אַנטפּלעקערישן אופן.

הירשביין איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ סצענישער מענטש. ער איז אַליין געווען דער וואַנדער־רעזשיסער פון דראַמעס און ער האָט געשעפּט זיין באַגייסטערונג פון דעם עולם וואָס ער האָט געזען קומען אין טעאַטער. דאָס איז נישט קיין מאַטעריעלע באַפרידיקונג, דאָס איז גאַנצקייט. דער דראַמאַטורג באַגעגענט זיין עולם, ער ווייסט פאַר וועמען ער צינדט אָן די בינע־לעמפלעך. דערפאַר איז דאָס געווען הירשביינ'ס פרוכטבאַרסטע צייט, ווען מ'האָט אין 1918 און אין די ערשטע 20קער יאָרן געשפּילט זיינע דראַמעס, און אַ גרויסער אידישער עולם איז זיך געקומען אָפּפרישן ביי זיין קוואַל און טרינקען קוואַליקוואַסער פון דער אייגענער קינדהייט. ער האָט באַגעגענט זיין עולם און ער האָט פאַר אים נישט נאָר געשריבן, נאָר געשפּילט טעאַטער. דעמאָלט האָט הירשביין דערגרייכט זיין קינסטלערישע שלמות. שפּעטער ווען די בינע־

לעמפלעך האָבן זיך פאַר אים אויסגלאַשן, איז ער צוריק אַוועק צו זיין איינזאַמען שרייבטיש. אַוודאי האָט ער נאָך אַלץ געהאַט צאָלרייכע לייענערס, אָבער ער האָט זיי נישט געזען. אפילו ווען ער איז אויפגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט, האָט הירשביין שוין געהאַט פאַרלוירן זיין גרעסטע באַגייסטערונג, דעם לעזערישן מיטשפּילער, וואָס ווערט דורכגעציטערט, אין די צוויי און האַלב שעה פון טעאַטראַלישן האַלב־טונקל.

ער האָט נישט פאַרמאָגט גענוג כוח צו געבן דעם אידישן טעאַטער אויך גוטע רעאַליסטישע ווערק פון זיין און אונזער אַלעמענס דערוואַקסנקייט. ער, וואָס האָט אַריינגעגאָסן פריש בלוט אין אידישן טעאַטער און אים דערהויבן צו זיין העכסטער קינסטלערישער מדרגה, האָט אים מער נישט געקענט העלפן, ווען דאָס אידישע טעאַטער איז געוואָרן אַ חולה מסוכן און וואָלט זיך געקענט ראַטעווען בלויז מיט דעם גערעדטן און ערנסטן שפּיל פון אונזער אייגענער צייט.

הירשביין איז ווידער אַוועק צו זיין פרוכטבאַרער צוריקגעצויגנקייט. ער האָט גענומען שרייבן נאָוועלעס, אָבער די נאָוועלע האָט זיך אים בלויז טיילוויז איינגעגעבן. ער האָט פאַרצייכנט, געשילדערט, דראַמאַטיזירט. נאָר ער איז נישט געוואָרן דער אַרכיטעקט פון דער נאָוועלע. ער, וואָס האָט בלויז געקענט זען און באַוואונדערן, האָט נישט געקענט קינסטלעריש סומירן, אונטערציען סך־הכל'ען, טראַכטן מיט דעם טעמפּ פון אונזער דור. ער האָט דערפאַר, אין די לעצטע יאָרן ערב זיין קראַנקהייט, ווי כ'האָב שוין באַמערקט, געזוכט אויפצוהאַלטן דעם אומזעבאַרן לייענער'ס אינטערעס אין זיין שרייבן. און דאָס איז אים געלונגען, ווייל ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט ער געהאַט זיין געטרייען לייענער, וואָס האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן יענע פרומע אָנערקענונג וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די שענסטע חלומות פון דער באַרג־אַרויפיקער אידישער ליטעראַטור, ווען ס'אידישע קינסטלערישע וואָרט איז נאָך געווען פול מיט זעטיקער צוקונפט; ווען די ליטעראַטור איז נאָך געווען אַ טייל פון אונזער גלויבן, אַז דאָס ניי און יונג־אידישקייט אונזערס וועלן מיר אויך אַמאָל איבערלאָזן בירושה צו אונזערע קינדער.

כ'בין נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער מספּיד. כ'קען גיכער פאַראַפראַזירן אַנטאָני'ס באַרימטע קלאָג־רעדע אויף יוליוס צעזאַרן און זאָגן: איי קאַם נידער טו בערי סיזער נאָר טו פּרעיז אים. איך בין נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער באַגרעבער און נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער לויבער. כ'האָב אָפּגעשאַצט דאָס בלייבעוודיקע פון אַ וויכטיקן שרייבער, וואָס האָט געהערט צו אַ פאַרביקער, פאַרגאַנגענער עפּאָכע. און גראָד הירשביין קען נישט אָפּגעשאַצט ווערן, אויב מ'טיילט אָפּ די ווערק זיינע פון אים אַליין. ער איז געווען צו־ליריש און סוב־

יעקטיוו, און מען מוז אים נעמען צוזאַמען מיט זיינע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין פאַרלויף פון זיין רייכער, 43־יאָריקער שעפערישקייט. פון דעם מאָמענט ווען ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין העברעאישער דראַמע „מרים", אין 1905, און דורך דער גאַנצער צייט פון זיין רייכער קאַריערע, האָט ער מיט אַ געהויבענעם קאָפּ געטראָגן דעם מאַנטל פון דעם שרייבער־נביא. דער מאַנטל וואָס האָט געוואַרעמט זיין גאַנצע פערזענלעכקייט, האָט אַמאָל געוואָרפן אויף אים אַ שיין פון גראָטעסק, אָבער מערסטנס אַ ליכט פון געהייליקטקייט צו זיין שרייב־קאַריערע.

ב.

לאַמעד שאַפּיראָ איז געווען דער אַבסאָלוטער היפּוך פון הירשביינ׳ען. אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט ער זיך געמאַטערט איפּצוהאַלטן אַ לעבעדיקן אינטערעס אין זיין נישט־שרייבן און ס׳איז אים טיילוויז געלונגען. ער האָט מער, ווי וואָסער ניט איז אַנדערער קנאַפּ־פּראָדוקטיווער שרייבער, באַוויזן צו לעבן אין זכרון פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט פון אים אַזוי זעלטן געהערט. די ליטעראַטור איז אַ גרויסער יאַריד, ס׳איז קודם כל אַ צוזאַמענשפּיל פון אַ סך שרייבערישע ליידנשאַפטן און קאָנקורענצן. מ׳מוז זיך ווייזן אויפן יאַריד מיט סחורה, אויב מ׳וויל כסדר פיגורירן ווי אַ סוחר. אויב מ׳קומט נישט ווערט מען געווײנלעך פאַרגעסן. אָבער שאַפּיראָ האָט זייער ווייניק געהאַט צו טאָן מיט אַ יאַריד אפילו אין זיינע פּרוכטבאַרסטע יאָרן, און שפּעטער, ווען ער האָט זיך גאָר זעלטן באַוויזן, האָט די ליטעראַטור אים אַלץ געדענקט, און אויך זיין לייענער איז אים געבליבן געטריי און אים אַרומגערינגלט מיט זאָרגעווודיקער ליבשאַפט.

זיין קינסטלערישער מאַנטל איז אפשר גאָר געווען אַ צעריסענע קאַפּאָטע, אָבער ווער ס׳האָט זיך צוגעקוקט נענטער האָט געקענט זען, אַז דאָס איז אויך געווען אַ שטאָלצער שרייבערישער מאַנטל, וואָס ער האָט בכיוון צוגעפּלעקט און שטאַרק אָפּגעטראָגן, כדי עס זאָל זיך אַזוי שטאַרק נישט וואַרפן אין די אויגן. ער איז געווען אַ פאָלקס־אַריסטאָקראַט און לויט זיין כאַראַקטער האָט אים גיכער געצויגן צו דער צוגעלאָזענער גדלות פון אַ רבי׳ן, איידער פון אַ שטאָלצן שריפטשטעלער כהן. ער האָט ליב געהאַט צו פּראַווען טיש און האָט אויך גע־שטעקט מיט זיין גאַנצן ווען אין יענער גאָלדענער עפּאָכע פון אידישער שרייב־קונסט, ווען זי איז געווען די תקופה פון גרויסע פיגורן און גרויסער האָפענונג.

אַ שרייבער מוז פאַרמאָגן זעלבסט־קריטיק אָבער מיט אַ מאָס. אויב דער קריטיקער אין אים וואַקסט אַריבער זיינע אייגענע שעפערישע מעגלעכקייטן, קען עס נאָך אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַרניכטנדיק געווער. דער קרי־טיקער טאָר בשום אופן נישט אַריבערוואַקסן דעם שרייבער. זיי דאַרפן גיך

מאַכן שלום צווישן זיך און זיך קודם־כל אייניקן אויף דעם מאַקסימום פון באַשערטע פעאיקייטן. אין די ראַמען פון אַט די צוגעטיילטע און באַשערטע מעגלעכקייטן מעג דער זעלבסט־קריטיקער בושעווען. אויב אָבער דער קריטי־קער וויל דאָס טעלערל פון הימל און די שרייבערישע האַנט קען עס ניט דערלאַנגען, באַקומט זיך אַ צרה׳דיקע לאַגע. מען ווערט אַ צעשפּאָלטענע פּער־זענלעכקייט און אָפּט מאָל ווערט מען אין גאַנצן פאַרשטומט. יעדער שרייבער דאַרף אַוודאי האָבן פאַר זיך אַ סטאַנדאַרד, ער מעג זיך זעצן צום שרייב־טיש און טראַכטן בדחילו ורחימו, אַז שעקספּיר האָט געשריבן, טאָלסטאָי האָט געשריבן, באַלזאַק האָט געשריבן, אָבער ער מוז שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז ער אַליין איז פּלוני בן פּלוני און בלויז אין געציילטע מאָמענטן קען אַ שרייבער פליען העכער פון זיינע מעגלעכקייטן. אַז ער מאַכט שלום מיט דעם געדאַנק, קען ער ערשט אַרויסברענגען פון זיך דאָס סאַמע שענסטע און בעסטע און לייגן זיין חותם אויף דער ליטעראַטור.

איך וואָלט בישט געווען דער ערשטער אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט אַז שאַפּיראָ האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, אָבער אַז ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן מוז איך זאָגן, אַז ווער ס׳האָט געקענט שאַפּיראָ׳ן האָט דערין געזען אַן אומגליקלעכן אַבסורד. אָט דער אַסקעט וואָס האָט געקענט לעבן אַ טאָג אויף אַ גערגעלע פון אַ הינדל, ממש אויף אַ גרוגרת, האָט זיך גענומען צו שיכור׳ן, ער האָט געזוכט צו דערטרינקען אין זיך דעם שאַרפן קריטיקער, דעם מלאך המות פון זיין אייגענעם טאַלאַנט, אָבער דערטרונקען האָט ער דעם איינגעבוירענעם גרויסן טאַלאַנט זיינעם. דער קריטיקער אין אים איז אַלץ אַרויפגעשוואומען און אים דערפירט צו פּרוכטלאָזיקייט. אויך ער איז אויף זיין שטייגער געווען צום גרויסן טייל אַן אַקטיאָר. ער האָט געוואָלט שפּילן דעם קינסטלער־באָהעם, פּונקט ווי הירשביין האָט געשפּילט דעם קינסטלער־אַריס־טאָקראַט. שאַפּיראָ האָט געוואָלט גילטן פאַר יונג, און אייביק זיין אַרומגערינגלט מיט יוגנט. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט יונגעלייט און זאָגן, פּראָווען טיש, ביז ער האָט זיך אויסגעשעפּט אין זיין טיש־תורה און זיך אויס־געליידיקט.

אויך ער האָט געהאַט אַ גיכע און אימפּעטיקע קאַריערע. ווען ער איז צו אונז געקומען קיין אַמעריקע, צום ערשטן מאָל אין 1906, איז ער שוין געווען לאַמעד שאַפּיראָ, כאָטש אָן דער פאַנטעטיזירטער אויסלייגעכץ פון דער לאַמעד, וואָס איז דעמאָלט געווען בלויז אַן איניציאַל. ער איז שוין געווען אַ שרייבער מיט אַ גרויסער רעפּוטאַציע, הגם ער איז אין גאַנצן אַלט געווען 28 יאָר. זיין רום איז געווען באַגרינדעט אויף זיין אַזוי גערופענער סקאַנדינאַווישקייט, ווי בעל מחשבות האָט עס אָנגערופן. דאָס האָט אַרומגענומען זיינע אימפּרעסיאָ־

ניסטישע זאַכן, ווי „אויפן ים״, „צווישן פעלדער״, „מירטעלע״ און אַנדערע. אַט די דערציילונגען זיינען אויך געווען פרעמדע פלאַנצן, אַזוי צו זאָגן, און ווי הירשביין האָט אים אויך גענומען אַביסל צייט ביז ער איז געקומען צוריק אַהיים. נאָר ניט געקוקט אויף דער פרעמדקייט פון טאָן, איז שאַפּיראָ׳ס באַ־רימטקייט געווען אַ גוט פאַרדינטע. ער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ מייסטערשאַפט פון שרייבן און אַן עקאָנאָמיע פון וואָרט, וואָס האָט צו יענער צייט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף אַלעמען. שאַפּיראָ האָט אָנגעהויבן שרייבן אין 1902 און ביז 1905 האָט ער שוין געהאַט באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט זיינע אימפּרעסיאָניסטישע און צמצומדיקע זאַכן. בערגעלסאָן איז ערשט געקומען מיט זיין ערשטער נאָוועלע, „אַרום וואָגזאַל״, אין 1909 און ער האָט שוין געהאַט ביי וועמען צו לערנען די קונסט פון שפּאָרעוודיקייט אין שרייבן. שאַפּיראָ איז דערשינען אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי אַ געזונטע רעאַק־ציע צו דער קינסטלערישער באַריידעוודיקייט און עקספּאַנסיוויקייט פון שלום עליכם׳ען. אין יעדער ליטעראַטור געשעט געוויינלעך אַזוי: אַ גרויסער קינסט־לער קומט און מאַכט אַ וואָרע פאַר זיך און פאַר זיין אופן פון אויסדרוק, ביז ס׳ווערט אָנגענומען און אַריינגענומען אין פאָלקס אוצר. שפּעטער, אַז דאָס ווערט נוסח, קומען אַנדערע און רעבעלירן געגן דעם, וואָס איז אַקאָרשט געווען ניי, אָבער וואָס הויבט שוין אָן ווערן שאַבלאָניזירט. שלום עליכם׳ס מחיה׳דיק פאָלקס לשון, טביה׳ס מאָנאָלאָגישע צעשפּרייטקייט, איז געווען די שענסטע מתנה פאַר דער אידישער ליטעראַטור אָבער ס׳האָט געגומען ווערן אַ סכנה, אַז די ליטעראַטור זאָל צופיל אָנהויבן אימיטירן דעם פאָלקס־מויל, אַז זי זאָל זיך נישט צופרידן שטעלן מיט דעם קינסטלערישן אויער. ביי שלום עליכם׳ען און ביי מענדעלען איז דער דרך געווען אַ נאַטירלעכער, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ סדר און אַ פּלאַן און זיי איז ניט נאָר געגאַנגען אין לאָזן הערן דעם פאָלקס לשון, נאָר אויך אין אַנטפּלעקן זיין נשמה. די סכעמע אָבער פון דער לויזער צונג האָט געגומען ווערן געפערלעך פאַר דער ליטעראַטור און ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז ס׳זאָל קומען אַזאַ קינסטלער ווי שאַפּיראָ און שפּעטער בערגעלסאָן, און זיי זאָלן אַרויסשטעלן די עקאָנאָמיע פון וואָרט, ווי אַ רעוואָלוציע קעגן שלום עליכם׳ס מעטאָד פון פּזרנות. שלום עליכם האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז ער פערזענלעך וועט זיך שוין צו עפּעס דעררעדן, אָבער אַ גאַנצע ליטעראַטור קען ניט זיין אַזוי פאַרשווענדעריש. שלום עליכם איז גע־ווען דאָס געניאַלע נאַטור־קינד און ער איז געווען אַקוראַט אַזוי פאַרשווענ־דעריש ווי די נאַטור, וואָס ווייסט אַז עפּעס לעבעדיקס וועט זיך שוין אָננעמען. דאָס איז ביאָלאָגיע, אָבער קונסט טאָר אַזוי נישט ריזיקירן און זי מוז זיין קאַרג אויפן וואָרט.

דערפֿאַר איז שאַפּיראָ׳ס ערשטע פּעריאָדע, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט פרעמדע טענער, שוין געווען אינטערעסאַנט מיט זיין צו־גאַנג צו יעדער באַזונדערן זאַץ. די אידישע ליטעראַטור האָט אים דעמאָלט גלייך אויפגענומען, ווי אַ קינסטלער פון וואָרט, אויב נאָך אַלץ נישט ווי אַ קינסטלער פון אידייען. אין 1905 איז אים באַשערט געווען אַרויסצוקריכן פון זיין צעשוואו־מענער אידייאישקייט. מיט אַ זעלטענער גבורה און מיט קינסטלערישער ציל־באַוואוסטקייט האָט ער דעמאָלט געמומען שרייבן זיינע פּאָגראָם־מעשיות ווי „דער צלם״, די „אידישע מלוכה״, „שפוך חמתך״ און דער „קוש״, די זעלביקע קראַפט האָט אים נאָך געדינט אַ סך שפּעטער, ווען ער האָט געשריבן זיין „ווייסע חלה״.

זיין איינגעבוירענע עקאָנאָמיע פון וואָרט האָט ער אָנגעווענדט אויף דער נייער טעמע זיינער און אים איז געלונגען צו שאַפן פון שוידער — דערהויבנקייט. די פּאָגראָמען האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין דער אידישער צעוואונדיקטער נשמה; ס׳האָט נישט נאָר ווי געטאָן דאָס אומשולדיקע אידישע בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן, נאָר דאָס וואָס דאָס שולדיקע חזרישע בלוט האָט זיך נישט געגאָסן, וואָס קיינער האָט ניט באַצאָלט דערפאַר. ביאַליק האָט אין זיין „בעיר ההרגה״ אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף דער אידישער פּחדנות, אָבער ער האָט אין זיין פּאָעמע אַריבערגעזאָלצן, און דערמיט באַזאָלצן די אידישע וואונדן. שאַפּיראָ האָט זיך דעמאָלט אויך פאַרנומען דירעקט מיט דעם פּראָבלעם פון אידישער שוצלאָזיקייט און ער האָט געוועקט צום קאַמף. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן זיין ליד „זעלבסט שוץ״, וואָס האָט גערופן די אידישע דערשראָקנ־קייט זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם שונא.

אָ גאָט מיר בעטן קיין נצחון,\
וויש אָפּ פון פאָלק זיין גרויסע שאַנד,\
ערלויב אונז זען דעם שונא׳ס פּנים\
און שטאַרבן מיט אַ שווערד אין האַנט.

ערלויב אונז פאַלן וואו מיר שטייען,\
דעם פּחד טרייב פון אונז אַוועק\
און שטאַרק דאָס האַרץ און גיב אונז צאָרן\
אין דיזער נאַכט פון ווילדן שרעק.\
און פילסטו שרעק\
פאַרבייס די ליפּן,\
פאַרקריץ די ציין\
און שוויג און שטום.

און רינט דיין בלוט
און פלאַצט דיין האַרץ
און שטאַרבסטו — שטאַרב,
און שוויג און שטום!

און שטרעקסטו דיין האַנט
און צילסטו — טרעף
און שלאָגסטו — טויט
און שטום! און שטום!

„און שטאַרק דאָס האַרץ און גיב אונז צאָרן"! אָט די שורה איז פאַר אים אַליין געווען דער קינסטלערישער וועגווייזער פאַר זיינע אומפאַרגלייכלעכע פאָגראָם מעשיות, וואָס האָבן געשמידט דאָס שטאַרקע האַרץ, וואָס האָבן געגעבן פאַרקלעמטן און פאַרשטומטן צאָרן אַן עדה, וואָס איז געלאָפן אין אַלע זייטן אין טויט־שרעק. און אַפילו ווען אונזער ווידערשטאַנד איז געווען אַ שוואַכער, האָט שאַפּיראָ דערלייזט דעם אידישן פּחד דערמיט וואָס ער האָט פאַרגליווערט און פאַרפראָרן דעם אידישן פאַרשטיקטן צאָרן אין וואונדערלעכע נאָוועלן, אַז דער צאָרן האָט געשריגן צו די הימלען. דאָס איז געווען לאַמעד שאַפּיראָ׳ס פּרוכטבאַרסטער פּעריאָד, וואָס האָט מיט קלענערע איבעררייסן אָנגעהאַלטן, ביזן סוף פון ערשטן וועלט־קריג. שפּעטער איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ קריזיס, וואָס אין אים האָט דער שאַרפער, צו־שאַרפער קריטיקער, גענומען די אויבערהאַנט און אים ביסלעכוויז פאַרניכטעט.

שאַפּיראָ איז געווען אַ מורא׳דיקער עקשן, ער האָט זיך פאַרעקשנ׳ט אַז ער מוז דערפינדן קאָלירטע מאַוויס, און ווען ער איז אַרויס פון זיין אַמאַטאָרישער לאַבאָראַטאָריע, האָט ער אויסגעפונען אַז דער טעכניקאָלאָר איז שוין דערפונדן. אפילו זיין נעמען זיך צום ביטערן טראָפּן האָט ער ראַציאָנאַליזירט. ער האָט זיך איינגעשמועסט אַז אַזוי ווי משקה האָט צוקער, קען ער דערויף אַליין לעבן. ער האָט געטרונקען און ניט געגעסן ביז ער איז ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער. זיין גוף האָט פּשוט מער נישט געקענט פאַרדייען קיין ביסל וואַרעמס. אַלע זיינע צעבראָכענע אברים און זיין גאַנצער סקעלעט האָבן באַדאַרפט פונקציאָנירן אויף דעם ביסל טערפּקע וויין, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין זופן. דער סוף איז געווען אַז ער איז איינגעשלאָפן פון חולשת הלב און הונגער. ער האָט זיך פאַרהונגערט צום טויט און ער האָט זיין שעפערישקייט עקשנותדיק אויך פאַרהונגערט צום טויט.

ער האָט ניט געוואוסט פון קיין גרענעצן. זיין עקאָנאָמיע פון וואָרט האָט ער דערפירט צו דער מדרגה פון וואָרטלאָזיקייט, זיין קנאַפּ־שרייבן האָט ער דער־

פירט צו גאָרניט שרייבן, און זיין שאַרפע זעלבסט קריטיק האָט אים געבראַכט צו זעלבסט פאַרניכטונג. ער האָט זייער זעלטן געוואָלט רעדן מיט אונז איג־גערע וועגן זיינע אַמאָליקע ליטעראַרישע דערפאָלגן, ווייל זיי זיינען געווען די רעזולטאַטן פון שוידער־טעמעס. אים, דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן אמת־זאָגער, האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט עמעצן אָפּגענאַרט, אַז די טעמע איז געווען דער גרויסער דערפאָלג פון זיינע קינסטלערישע זאַכן. ער האָט גע־מיינט אַז ער האָט בלויז אויסגעשריגן און דער צייט־געשריי אַליין, וואָס איז געווען מורא׳דיק ביז גאָר, איז אָנגענומען געוואָרן פאַר קונסט. ער האָט אין דער טעמע זיינער געזען זיין שאַרפסטע קאָנקורענץ און ער האָט זיך אַליין גע־טרייבערט די אָדערן. אין זיין ביכל פון קריטישע און זעלבסט־קריטישע פראַג־מענטן — „דער שרייבער גייט אין חדר״, דערציילט ער ווי ער איז אַ גאַנץ לעבן געלאָפן פון זיין צלם־טעמע, ווייל זי האָט אים געגרילצט אין די אויערן. ער האָט צוריק געזוכט די שטילקייט פון זיינע ערשטע ים־אימפּרעסיעס, ער האָט געוואָלט שאַפן עכטע אידישע קונסט פון שטילקייט און ניט דורך דעם פּאַטאָס פון דער גרויסער טעמע.

ער האָט אָבער ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן, אַז אַ טעמע קען אַמאָל ווערן די לאַמטערנע וואָס באַלייכט דעם קינסטלערס וועג און ווייזט אים דעם וועג צו זיך אַליין. ער האָט זיך אויך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז מיט זיינע פּאָגראָם־דערציילונגען האָט ער אפילו געטאָן זיין געזעלשאַפטלעכע פליכט ווי אַ מענטש און ווי אַ איד. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געפּייניקט ביז ער האָט זיך שטום געמאַכט. אָבער דאָס איז נישט געקומען מיט אַמאָל. ער האָט זיך פריער געגומען געבן אויפגאָבן, וואָס זיינען ניט געווען פאַר זיינע כוחות. זיין בוך „ניויאָרקיש״, וואָס איז דערשינען אין די ערשטע 30־קער יאָרן, איז אַ דורכפאַל, ווייל ער, דער חלוש, האָט זיך דווקא געוואָלט איינעסן אין דער גרוי־סער שטאָט און ווערן דער קינסטלער פון דער גרעסטער אידישער מעטראָפּאָ־ליע. ביי אים איז קינסטלערישקייט געווען אידענטיש מיט באַהעמיע און ער האָט דווקא געוואָלט זיין יונג־קינסטלעריש. ער האָט זיך אָנגעליינט מיט דער יונ־גער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און געזוכט אַריינצובריינגען זייער סטאַקאַטאָ־סטיל אין אידיש, ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן אין זיינע ערשטע שרייבערישע יאָרן מיט די סקאַנדינאַווער. ער האָט זיך פאַרלוירן און ער איז פון די שרעק־טעמעס געלאָפן צו קליינינקייטן. און נאָך זיין גרויסער מי זיינען פון די קליי־ניקייטן געוואָרן נאָך קלענערע קלייניקייטן.

שאַפּיראָ האָט פאַרמאָגט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש. ער האָט זיך אַ צייט לאַנג איינגערעדט, אַז אים וועט געלינגען צו רעפאָרמירן סטאַלינען. איך גע־דענק ווי ער האָט מיר אַמאָל מסביר געווען די מיסטיק פון וואָרט, אַז דאָס

וואָרט זיינס וועט זיך מוזן דערשלאָגן קיין מאָסקווע, און סוף כל סוף מאַכן די נייע נויטיקע גייסטיקע רעוואָלוציע. ער האָט ליב געהאַט קיילעכדיקע זאָגעכצן, וואָס האָבן געקלונגען אַפּאָריזמיש ווי חכמה. אים האָט אַוודאי געמאַטערט דער געדאַנק, אַז מ׳דאַרף דעם געזעלשאַפטלעכן חוש זיינעם אויך אַריינפירן אין דער בעלעטריסטיק און אין דעם ליכט זען דאָס אידישע ניו יאָרק. אים איז לחלוטין ניט געפעלן געוואָרן די ניו יאָרקער אידישע בעלעטריסטיק און ער האָט זי געוואָלט מתקן זיין. אָבער זיינע ניו יאָרקער טעמעס זיינען אַרויסגעקומען פלאַך, און אין זיין זאַמלונג וועגן ניו יאָרק איז נאָך אַלץ די בעסטע נאָוועלע, „געגעסענע טעג״, אַן עפּיזאָד פון זיין קינדהייט. אַלע ניו יאָרקער זאַכן זיינען אומגעראָטן. דאָס בוך וואָס איז דערשינען אין 1931, פאַרענדיקט זיך מיט אַ קרעשטשענדאָ־קוויטש, מיט אַ דערציילונג „דאַק״. דער העלד לאָדט דאָרט אויס דעם גאַנצן צאָרן זיינעם אויף דער אידישער ליטעראַטור, רופט אַן נעמען און בייטשט זיי מיט אייזערנע ריטער. ער נעמט שוין איינוועגס אויך אַריין בתוכם שאַפּיראָ׳ן און רייסט פון אים פּאַסן. אָט וואָס ער זאָגט וועגן זיך אַליין: „לאָמעד שאַפּיראָ לעבט אין זכות פון אַמאָליקן צלם וואָס איז פון אַלעמאָל געווען אַ פאַלשע באַבאַסטישע זאַך, געשריבן אויף אַ ביי־קול, אויף דעם סמך קוקט ער איצט אויף אַלעמען מיט גדלותדיקער עניוות, וואָס דאַרף אונז געבן צו פאַרשטיין אַז אין תוך איז ער שיר נישט דאָס געוויסן פון דער אידישער ליטעראַטור, נאָר מיר טפשים ווייסן נישט דערפון״.

דער דערפאָלג פון „צלם״ איז, ווי מיר זעען, אים דערגאַנגען די יאָרן, און ער איז געלאָפן פון יענעם דערפאָלג, צום דערפאָלג פון שטומקייט און הילפסלאָזיקייט. ער האָט געהאַט דערפאָלג ביז זיינע לעצטע טעג. ער איז אין לאָס אַנדזשעלעס געווען אַרומגערינגלט מיט טייערע מענטשן, וואָס האָבן ביז זיין לעצטן טאָג אים געגעבן וואַרעמקייט, אויפמערקזאַמקייט, אים טייער געהאַלטן און געזען אַז דער רוחניותדיקער גוף זיינער זאָל וואָס לייכטער טרעטן אויף דער האַרטער ערד. מ׳האָט זיך צוגעהערט צו זיינע שמועסן, ווי צו אַ קראַנקן רבין און אין זיין ניט־שרייבן נאָך אַלץ געפילט די עקשנות און דעם כח פון דעם אַמאָליקן קינסטלער וואָס האָט זיך אַליין פאַרפייניקט. ס׳איז געבליבן פון אים אַ קליינע ליטעראַרישע ירושה, עטלעכע דערציילונגען און אַ ניט־פאַרענדיקטער ראָמאַן. אפשר אויך אַנדערע ברעקלעך און שטיקלעך וואָס ער האָט מיט ווייטיק אַרויסגעוואָרפן פון זיך, אין די הילפלאָזע מינוטן, ווען זיין גוף און זיין נשמה זיינען ביידע געווען פאַרהונגערט.

קיינער האָט נאָך ניט געקראָגן אַזוי פיל אַנערקענונג פאַר דער פאַרגאַנגנהייט ווי ער. הירשביין האָט באַדאַרפט האַרעווען און שרייבן כדי אויפצוהאַלטן דעם אינטערעס אין דעם קינסטלעריש־דערפאָלגרייכן הירשביין פון

אַמאָל, אָבער שאַפּיראָ האָט פאַרמאָגט אַ כח אין זיין 80 פונטיקן גוף. ער האָט באַוויזן אויפצוהאַלטן דעם אינטערעס פון נאָענטע מענטשן און אפילו פון דער גאַנצער ליטעראַטור אין זיין אַנטשלאָסענעם ניט־שרייבן, וואָס אין דעם האָט ער אויך אַריינגעטאָן גייסט און באַוואוסטזיניקייט. ער האָט דערפון געמאַכט אַ קולט און די נאָענטע חסידים זיינע האָבן אין זיין שווייגן און זיין שיחת חולין געזען פונקן פון ליכטיקע רייד, וואָס האָבן פאַר זיי געבליצט מיט זיין אַמאָליקער קינסטלערישקייט. הירשביין האָט געמאָנט אַנערקענונג מיט זיין געזונטן גוף, שאַפּיראָ האָט עס געטאָן אַ ליגנדיקער אויפן בעט שוין כמה יאָרן. ער האָט געמאַכט חוזק פון טויט, מיט וועמען ער האָט געקעמפט און זיך געראַנגלט און געהאַלטן אין איין זופן צו אים לחיים׳ס.

ווען ער איז געשטאָרבן איז ער געקומען אַהיים. ער האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מ׳זאָל אים באַגראָבן לעבן זיין מאַמען, וואָס איז אויף איר אייגענעם שטייגער אויך געווען אַ מערקווירדיקער עקזעמפּלאַר. זי האָט קוים געוואויגן קיילעכדיקע 70 פונט און געלעבט מיט אַ כזית ברויט אַ גאַנצע וואָך. און פון דעסטוועגן האָט איר מומיפיצירטער קערפּער דערשלעפּט דעם עול לעבן ביז 77 יאָר. אין שאַפּיראָ׳ס אַ בוך האָט מען געפונען אַ בלעטל, וואו ס׳איז גענוי פאַרשריבן דאָס אָרט וואו זיין מאַמע ליגט באַגראָבן — אָפּגעמאָסטן אַקוראַט, דער ווייפלטער קבר און די ווייפלטע ריי. צום גליק האָט מען לעבן דעם פאַרלאָזענעם און מצבהלאָזן קבר פון דער מאַמען געפונען פּלאַץ גענוג פאַר נאָך אַ קברל, פאַר דעם איינגעשרומפּענעם גוף פון לאַמעד שאַפּיראָ. דער נאָרוועגער, דער פאַגראָם־פּראָטעסטירער, דער קינסטלער באָהעם פון ניו יאָרק, דער גרויסער עקשן, און זעלבסט פאַרניכטנדיקער קריטיקער איז געקומען צוריק צו דער מאַמען.

ביים לעבן האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט אויסזאָגן אַז ער איז אַ פאַרלוירן קינד, און אַז ער נויטיקט זיך אין דעם אָנשפּאַר פון אַ מאַמען. בלויז נאָכן טויט האָט ער אויסגעזאָגט דעם סוד און ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער הימישער, שטילער און האַרציקער טעמע — צו דער מאַמען.

וואָס־זשע בלייבט אונדז איבער פון דעם געצוואונגענעם טויט־פּאַראַלעל צווישן די צוויי נפטרים אונדזערע? ס׳וואָלט געווען אַ יושר צו קומען צו אַ שטיקל מוסר השכל, צו אַן אויספיר. און ס׳איז פאַראַן אַן אויספיר. מיר לייענען איצט מער ניט שאַפּיראָ׳ן, מיר לייענען אויך ניט הירשביינען, און מיר זעען אים ניט אויף דער לעבעדיקער בינע. פון דעסטוועגן פילן מיר, אַז זיי זיינען ביידע אין דער ליטעראַטור פאַרפלאַנצט ווי ביימער, אַנזעעוודיקע ביימער. אָבער דער אמת איז, אַז פאַרפלאַנצט זיינען זיי אין אונדזער זכרון. מיר זיינען מיט זיי דורכגעגאַנגען אונדזער לעבנס־וועג און זיי לעבן אין אונד־

זער זכרון, וואָס האָט פאָטאָגראַפירט די לעבעדיקע ליטעראַטור פון אונדזער צייט. ס׳איז זיכער ניט קיין גרויס אומגליק, וואָס מ׳לייענט איצטער ניט לאַמעד שאַפּיראָ צי הירשביינען. אַ סך וועלט־שרייבערס פאַלן אַריין אין אַ ברונעם פון פאַרגעסנהייט. מ׳לייענט איצט ניט קאָנראַד׳ן, דזשאָרדזש מור׳ן, אַנאַטאָל פראַנס׳ן, גאָלסוואָרטי׳ן; מ׳לייענט זייער ווייניק שעלין, און ווען מ׳וואָלט ניט געצוואונגען לייענען דיקענס׳ן אין די שולן, וואָלט מען אים איצט אויך ניט געלייענט. אָבער אין אַ לעבעדיקער ליטעראַטור איז אַ יאָר־הונדערט פון פאַרגעסנקייט ניט מער ווי אַ הרף עין. אָט האָט מען ערשט ניט לאַנג אויסגעגראָבן דעם פּאָעט דזשאָן דאָן פון קבר, אַזש פון 16טן יאָרהונדערט. זיין אומשטערבלעכקייט האָט זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט, ביז זי האָט זיך צעבליט. הענרי דזשיימס, דער אַמעריקאַנער נאָוועליסט, איז געשטאָרבן אין 1916 און איז געלעגן אין זיין רו אַ פאַרגעסענער און אַ ניט־געלייענטער, ביז מ׳האָט אים ערשט ניט לאַנג צוריק אויפגעגראָבן, אים אויפגעלעבט און אים צוריקגעגעבן זיין פאַרדינטן אָרט אין דער ליטעראַטור, ניט נאָר אַן אָרט אין געדעכעניש פון זיינע צייט־חברים, נאָר אין דער אייביקער ליטעראַטור.

אָט איז ערשט מיט אַ חודש צוריק געוואָרן 57 יאָר, זייט מעלוויל, דער געניאַלער קינסטלער פון „מאָבי דיק״ איז געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָט די „טיימס״ דערמאָנט פאַרצייכנט אין אַן עדיטאָריעל, אַז ס׳איז געשטאָרבן אַ פאַרגעסענער מענטש. די „טיימס״ האָט דערציילט, אַז עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט איז אַן ענגלישער ליטעראַט און פיינשמעקער געקומען קיין אַמעריקע און זיך נאָכגעפרעגט אויף מעלוויל׳ן ביי אַמעריקאַנער שרייבער, אָבער קיין איין שרייבער האָט ניט געהאַט געהערט דעם נאָמען פון הערמאַן מעלוויל. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אַ דעמאָלט יונגער אַמעריקאַנער שרייבער, לואיס מאַמפאָרד, אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וועגן אים, און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף אַ פאַרגעסענעם ריז. און איצט לאָזט מען אונדז וויסן אַז ניט ווייניקער ווי אַ צענדליק ביכער וועלן היינטיקס יאָר דערשיינען וועגן מעלווילן.

אַ יונגער אַמעריקאַנער שרייבער האָט עס אויפגעטאָן! דאָס דאַרף זיין אונדזער מוסר השכל. ווער גראָבט אויס און מאַכט לעבעדיק פאַרגעסענע שרייבערס? ווער דערמאָנט זיך אין פאַרנאַכלעסיקטע שלאָפנדיקע ריזן, אויב ניט די אומרואיקע, נייגעריקע יוגנט, וואָס זוכט, נישטערט און וועקט דעם זכרון פון דער וועלט? דזשיימס׳ן, דאָנען, מעלוויל׳ן האָבן יונגעלייט אויפגעוועקט פון שלאָף. אין אַ ליטעראַטור זענען מיר שטענדיק עולים ויורדים. ס׳קומט אַ צייט, ווען די צייט געפינט צוריק איר פאַרבינדונג מיט אַ שריפט־שטעלער, וואָס האָט געלעבט אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער וואָס זיין אויג

האָט געזען אונדזער קעגנוואַרט. ווער האָט אויפגעוועקט פון שלאָף דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם אידישן קינסטלער קאפקא, אויב ניט די יוגנט? די יוגנט איז רעוואָלוציאָנער און זי צווינגט אַרויף איר געשמאַק. קאפקא, וואָס איז ערשט געווען דאָס אייגנטום פון אַן ענגער אינטעליגענץ, געפינט זיך איצט אין די פעדערשטע רייען פון דער ליטעראַטור, ביים סאַמע מזרח. די יוגנט האָט וועגן אינם אָנגעשריבן הונדערטער ביכער, און געוואונען פאַר אים דעם קאַמף.

דאָס מוזן מיר אויך געדענקען, אונדזער ליטעראַטור איז גאַנץ כל זמן מיר לעבן, אָבער אונדזער ליטעראַטור וועט זיך צעפאַלן ווען מיר וועלן אַוועק, ווען ס'וועט פאַרהויכט ווערן דער יוגנט־שפּיגל אונדזערער — דער זכרון פון דער ליטעראַטור. מיר לייענען מער ניט מענדעלע'ן, ווייניק שלום עליכמ'ען, כמעט ניט ליעסינ'ען, אינגאַנצן ניט נאָמבערג'ן. אָבער מיט די ליפּן פון אונדזער זכרון לייענען מיר זיי, מיר לעבן מיט זיי ווייל זיי לעבן אין אונדז. פּרץ איז שוין געווען כמעט טויט, אָבער אינגערע שרייבער האָבן אים אָפּגעראַטעוועט און אויפגעלעבט. פּרץ איז בכלל ביים לעבן זיינעם געווען דער אָנשפּאַר פון דער דעמאָלטיקער יוגנט. בלויז אַ יוגנט אַליין קאָן ראַטעווען ליטעראַטור פון אמתן אונטערגאַנג. מיט אַ יוגנט איז ליטעראַטור לעבעדיק. אפילו ווען געציילטע גרויסע שרייבערס ווערן היינט ניט געלייענט. אַן אייביקע ליטעראַטור לאָזט זיך ניט איבערשרעקן פון פאַרגענגלעכקייט. יאָרן, די געציילטע יאָרן, וואָס מיר לעבעדיקע ציילן, מיינען גאָרניט. אַ לעבעדיקע ליטעראַטור האָט אַ מאָרגן, און דער מאָרגן קען אפילו זיין מיט הונדערט יאָר שפּעטער. ווילן מיר אַז אונדזער ליטעראַטור זאָל דערלעבן אַזאַ מאָרגן, מוזן מיר זאָרגן וועגן המשך, וואָס זאָל איבערנעמען פון אונדז די ירושה און זי ווייטער שפּינען. אַמאָל ווערט ירושה אַ צו־שווער פעקל פאַר יונגע מענטשן. די ירושה פאַרטונקלט אָפּט דאָס לעבעדיקע, דאָס היינטיקע, דאָס שפּעטערישע, אָבער לעבעדיקע ירושה גייט קיינמאָל ניט פאַרלוירן. אמתע גרויסע שרייבערס האָבן אַלעמאָל אַ מאָרגן, אַ צוקונפט, אויב די יוגנט אַליין איז מאָרגנדיק און צוקונפטדיק.

פּרץ הירשביין, לאַמעד שאַפּיראָ זיינען אונדזערע גרויסע שרייבערס, שרייבערס פון אונדזער צייט, פון אונדזער אייגענער לעבעדיקער געדענקעניש. אונדזערע גרויסע שרייבערס דאַרפן אויך איינגעקריצט ווערן אין זכרון פון אונדזער צוקונפטיק פאָלק, וואָס זאָל עולה רגל זיין צו זיי, און זיי אויפלעבן, ווען די צייט וועט קומען.

1948

בעל־מחשבות

אין 1923 האָט בעל מחשבות אַליין געפייערט זיין 25 יאָריקן ליטעראַרישן יובל, מיט אַן אַרטיקל — „25 יאָר ליטעראַטור" און אַ יאָר נאָכדעם איז ער געשטאָרבן. אָבער דעם אמת זאָגנדיק האָט בעל מחשבות'עס ליטעראַרישע הערשאַפט געדויערט אַ סך ווייניקער ווי 26 יאָר. זיינע ווירקנדיקע און אַקטיווע יאָרן האָבן זיך געענדיקט אין 1916, אָדער 1917. שפּעטער איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין רוסלאַנד, וואו ער איז אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער אידישער ליטעראַטור און די ליטעראַטור איז אָפּגעריסן געוואָרן פון אים. ערשט אין 1921־1922 האָט ער ווידער גענומען שרייבן פובליציסטישע אַרטיקלען און זיך צוריק אָנגעהויבן שוואַך אָריענטירן אין דער ליטעראַטור ווי אַ געוועזענער קריטיקער. אין 1921 האָט ער פאַרענדיקט זיין לענגערע עסיי, וועגן דעם איינפלוס פון דרום־רוסישן אידנטום אויף דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט דעמאָלט אויפגעבויט אַ „וויסענבערגישע" טעאָריע, אויסטיילנדיק אַ גאַנצן ראַיאָן ווי דעם שעפערישסטן אידישן שבט; להיפוך דעם „פּאָלאַניסט" איטשע מאיר וויסנבערג, איז ביי בעל מחשבות'ן אויסגעקומען, אַז בלויז וואָלין און פּאָדאָליע זיינען געווען די בעסטע שייערן פאַר דעם אידישן גייסט און די פּרוכטבאַרסטע שוואַרצערד פאַר דעם אידישן לשון.

כ'דערמאָן דאָס פאַרבייגייענדיק, ווייל מיר גייט בלויז אין אָנווייזן אַז די שעפערישע און אַקטיווע יאָרן פון דעם קריטיקער בעל מחשבות האָבן קוים דערגרייכט צוויי צענדליק יאָר. אַ סך אַקוראַטער וואָלט געווען, ווען מען זאָל זאָגן, אַז נאָך 1916 האָט שוין בעל מחשבות אויפגעהערט צו האָבן אַן השפּעה אויף דעם גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי איר דאָמינירנדיקער קריטיקער. דאָס זעט אויס צו זיין פּונקט אַזוי אומגלויבלעך ווי דער טרויעריקער פאַקט, אַז דער אַלטער אידישער קריטיקער האָט געלעבט סך הכל 53 יאָר. ס'איז כדאי אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם קורצן לעבן פון אַ בעל מחשבות, שלום עליכם און י. ל. פּרץ, און וועגן דער גוואַלטיקער פּרוכטבאַרקייט וואָס זיי האָבן געבראַכט אין משך פון געציילטע יאָרן, וואָס האָבן דעמאָלט, אין דער קינדהייט פון אונזער ליטעראַטור, אויסגעזען ווי אַ גאַנצע אייביקייט —

ווי אומענדלעך און אייביק עס לייכטן קינדער־יאָרן, סיי בעת מען לעבט מיט זיי און סיי ווען מען טראַכט פון זיי.

בעל מחשבות איז אַריין אין דער אידישער ליטעראַטור אין 1898, און דריי יאָר שפּעטער האָט ער שוין געשריבן זיין בר־סמכא׳דיקן ליובגעזאַנג צו — „ר׳ מענדעלעס וועגעלע״, וואָס האָט אים גלייך געמאַכט פאַר אַ טאָן־געבער אין דער יונגער ליטעראַטור אונזערער, וואו מען האָט געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד. בלתי ספק אַז ס׳האָבן געוואַרט אויף אים מענדעלע, שלום עליכם און פרץ, וועמען ער האָט געשוואוירן אייביקע געטריישאַפט און זיי באַגלייט ביזן קבר אַריין, מיט וואַרעמע הספדים. מיט דעם טויט פון די דאָזיקע קלאַסיקער איז אויך כמעט געשטאָרבן דער קריטיקער זייערער, וואָס האָט זיך אויף זיי דערצויגן. די ווייטערדיקע טעטיקייט זיינע איז שוין נישט געווען אַזאַ מזל ברכה׳דיקע ווי די אַרכיטעקטאָנישע אַרבעט, וואָס דער דאָזיקער „גויאישער גאַסט״, ווי ער אַליין האָט זיך אָנגערופן, האָט געשאַפן אויפן געביט פון קריטיק. זיין ערשטער פּסעוודאָנים, נאָך אײדער ס׳איז געבאָרן געוואָרן בעל מחשבות איז געווען „גר צדק״. עליאַשעוו איז שוין געווען אַ גאַנץ רייפער יונגערמאַן פון 27 יאָר, ווען ער איז געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור. אָבער ווי ער האָט עדות געזאָגט איז ער געווען אַ „מורא׳דיקער עם הארץ אין אידישקייט״. דאָס ביסל אידישקייט וואָס ער האָט געלערנט ביז זיינע פערצן יאָר „איז צעקראָכן״. נאָר אַזוי שטאַרק האָט זיך אונזער ליטעראַטור גענויטיקט אין אַזעלכע גרים, וואָס זיינען געקומען פון דער אייראָפּעאישער פרעמד, אַז אַ יאָר אָדער צוויי נאָך זיין אָנקומען ווי אַ גר, איז ער שוין געוואָרן אַ פּוסק. ער האָט גלייך גענומען פּסק׳נען שאלות, ווייל אַזוי האָט די יונגע ליטעראַטור באַפוילן און אויף אים גלייך אַרויפגעוואָרפן דאָס שטריימל. מענדעלע איז שוין געווען ביי זיך גאַנץ באַוואוסטזיניק, ווי אַ אידישער קינסטלער, הגם ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ נעבעכדיקן מחבר. ער האָט שוין אפילו געוואוסט וואָס ער טוט אויף פאַר דעם אידישן לעבן; אָבער ווען נישט בעל מחשבות, וואָלט מען מענדעלע׳ס און אפילו שלום עליכם׳ס קליין־מחברישע פּאָזעס, ווי זיי האָבן עס אויסגעדריקט אין זייערע פּסעוודאָנימען, גענומען בוכשטעבלעך, און ס׳וואָלט געדויערט זייער לאַנג, ביז מען וואָלט זיי אַרויסגעראַטעוועט און אויסגעטיילט פון די ערשטע „זשאַרגאָנישע״ טריט־שטעלערס. בעל מחשבות האָט זיי מיט גוואַלט אָפּגעריסן פון זייערע קליינע חברים, מיט די קלענערע השגות און פאַרטייטשט דעם אויפשטראַל פון אַ נייער עפּאָכע. ער האָט די ערשטע גרויסע שרייבערס אונזערע לעגיטימירט. ער האָט געשאַפן פאַר זיי דאָס גרויסצוגיקע לשון פון אָנערקענונג. ער האָט אַרויסגענומען די קלאַסיקערס אונזערע פון דער בטלנות־

דיקער בלאָטע און זיי אַריינגעפּלאָנצט אין דער וועלט־ליטעראַטור, אפילו ווען די וועלט־ליטעראַטור האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. ער האָט קרי־טיש איינגערעמט די קלאַסיקערס און אויסגעפּוצט פאַר זיי אַ מזרח־וואַנט. מיט זיין אַנערקענונג פאַר דעם לשון, וואָס אין אים האָבן מענדעלע און שלום עליכם געשאַפן, האָט ער, דער איראָפּעאישער יונגערמאַן, געהאָלפן שאַפן נויטיקן פּרעסטיזש פאַר מאַמע־לשון. אפילו מיט זיינע ציטאָטן און חשיבות־דיקע נעמען פון פרעמד־שפּראַכיקע קינסטלערס, וואָס ער האָט דערמאָנט אין איין אָטעם, אַן איבעריקער התנצלות, בעת ער האָט גערעדט וועגן די ראשונים, האָט ער געגעבן די שרייבערס די לופט, וואָס אין איר האָט די יונגע ליטע־ראַטור אונזערע זיך גענויטיקט.

דאָס זיינען די מעלות, וואָס בעל מחשבות האָט קולטיווירט. ער האָט זיך נישט געשעמט צו רעדן פון אונזער פאָלקס־ליטעראַטור מיט „לייטישע" טער־מינען, און ער האָט ווי אַן אָפּשאַצער אַנגעוויזן אויף דער צילבאַוואוסטזיני־קייט פון אונזער ראשונים'דיקער ליטעראַטור און אויף איר עוואָלוציאָנערער געשעענקייט. ס'איז נויטיק געווען אַז ס'זאָל קומען עמיצער וואָס זאָל אָנוויזן, אַז די דערשיינונג פון אַ מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ איז נישט גלאַט אַזוי אַ צופאַל פון דריי טאַלאַנטפולע אידישע ביכער־מחברים, אָדער פאַרפאַ־סערס פון מעשיות, נאָר אַז זיי זיינען אַן אַרויסוואוקס, אַן עקספּלאָזיע אין אידישן לעבן; אָבער אַן אויפרייס וואָס איז געקומען ווי אַ פּועל יוצא פון אָנגעזאַמלטע שעפערישע שטאָפן אין פאָלק גופא; און אַז דאָס פאָלק זוכט צו געבן ריכטונג צו אירע שרייבערס, בעת די שרייבערס זוכן, אויף זייער אייגענעם קינסטלערישן שטייגער, צו געבן ריכטונג דעם פאָלק.

אויף אָט דעם העכערן שכל הישר אין אידישע מעשה־ביכלעך האָט בעל מחשבות אָנגעוויזן. דאָס איז געווען אַ גרויסער אויפטו. ער האָט כמעט, ווי מאַליער'ס העלד, געוויזן אַז די אידישע מחברים שרייבן פּראָזע, און אַז זיי שרייבן לויט אַלע כללים פון פּראָזע־שרייבעריי ביי די אומות העולם, ביי וועמען ליטעראַטור איז אַ טייל פון זייער געשיכטע.

שרייב איך דאָס אַלץ בעת ס'ליגט פאַר מיר דאָס שיין־אַרויסגעגעבענע בוך — „געקליבענע ווערק פון דעם ערשטן וויסנשאַפטלעכן אידישן קריטי־קער, בעל מחשבות". דאָס בוך איז דערשינען אין דער סעריע פון דער ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק, ביים אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס. די זאַמלונג איז דערשינען צו בעל־מחשבות'עס 30טן יאָרצייט און ווי אַ געדענק־אויסגאַבע האָט זי געמעגט זיין אַ מער אָפּגעהיטע און מיט מער איינזעעניש צום מחבר. מען האָט, למשל, געמעגט פאַרריכטן זיין לשון אין דער קליינער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס גיט איבער די קינדערישע אינקוויזיציע־יאָרן צווישן

מוסר׳ניקעס. ס׳איז ממש אוממעגלעך צו לייענען די הילפלאָזע זאַצן. מ׳קען בלויז באַוואונדערן, ווי אַזוי בעל מחשבות האָט זיך אויסגעהיילט פון דעם קוידערוועלש, אָבער די דאָזיקע באַוואונדערונג איז נישט קיין גרויסע הילף, ווען מען וויל כאַפּן דעם פשוטן מיין פון אַ זאַץ, אָדער פון אַ צעדרייטן אידיאָם.

אַז מען ברענגט אַמאָל דאָס לשון פון אַ פאַרעלטערטן שרייבער און מען וויל דערמיט צוריקרופן דעם אַראָמאַט פון אַן עפּאָכע, אָדער וויזן דעם ספּעציעלן חן פון אַ באַזונדערן שרייבער, איז עס אַן אויפטו. אָבער בעל מחשבות׳עס אויטאָביאָגראַפישע בלעטלעך זיינען גלאַט שלעכט־געשריבענע זייטלעך פון אַ צייט ווען מען האָט שוין געשריבן בעסער, מיט מער זין און געפיל פאַר לשון. מען האָט דערפאַר יאָ געמעגט פאַרריכטן — „אויסדרוקן און סתם אַזוי שפּראַך־פאָרמען, וואָס אין הייַנטיקן אידיש נוצט מען זיי נישט מער״.

אַ חוץ די עטלעכע לענגערע עסייען איז דער צוזאַמענשטעל אַן אָרעמלעכער. דער עיקר ליידט טאַקע די אָפּטיילונג פון בעל מחשבות דער פּובליציסט. אין די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען בעל מחשבות האָט שוין געלעבט אויף דעם קרן פון זיין פאַרגאַנגענהייט, האָט ער געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען, פאַרן „מאָרגען־זשורנאַל״, וואָס האָבן בשעתם געמאַכט אַ רושם. אָבער אין דער זאַמלונג זעען מיר ווייניק דעם פּובליציסט בעל מחשבות, און מיר ווערן נישט אַריינגעפירט אין די שטימונגען, וואָס האָבן אים באַהערשט, נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען אין דער סאָוועטישער אַרקאַדיע און ווען ער האָט שוין געשפּירט אַז דער טויט האָט אים פאַרצאַמט אַלע וועגן.

אָבער מיר דאַרפן דאַנקען פאַר דעם וואָס ס׳איז יאָ דאָ אין דער זאַמלונג. מיר דאַרפן דאַנקען פאַר די לענגערע אָפּהאַנדלונגען איבער מענדעלען, שלום עליכמ׳ען, פּרצ׳ן, ביאַליקן, פאַר זיינע אַרטיקלען וועגן דער צוויי שפּראַכיקייט פון אונזער ליטעראַטור און פאַר די אויספירלעכע אַרבעטן — „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע״ און „דאָס דרום רוסישע אידנטום און די אידישע ליטעראַטור אין ניינצנטן יאָרהונדערט״.

אין דעם בוך געפינען מיר אויך צוויי קלענערע אַרטיקלען וועגן לייוויקן און צוויי קליינע אַרטיקלען וועגן בערגעלסאָנען. זיינע באַמערקונגען וועגן ביידע קינסטלערס זיינען בדרך כלל ריכטיקע; וועגן לייוויקן איז ער אפילו פאַראויסזעעריש, אָבער ס׳איז טשיקאַווע צו זען, ווי פאַרזיכטיק ער רעדט וועגן די דאָזיקע צוויי נייערע שרייבערס. ער רעדט אַן יענער זיכערקייט וואָס מיט איר איז ער מוטיק צוגעגאַנגען צו די ערשטע ליבלינגען זיינע.

בעל מחשבות האָט זייער פּרימיטיוו אויפגענומען פּאָעזיע. זיינע מיינונגען וועגן פּאָעזיע טיילן זיך מיט גאַרנישט אויס פון דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונגס־

ספּערע פון זיין דור. אוודאי האָט ער פאַרשטאַנען וואָס איז אַזוינס מאָס, משקל און מעטריק. ער האָט אויך געוואוסט אַז פרוג האָט אַריינגעבראַכט פּאָעטישע אָרדענונג אין אַ בדחנות־פּאָעזיע, אָבער זיין קריטיק אויף פּאָעזיע ווייזט אויף אַ זייער אָרעמען געשמאַק, אפילו ווען ער טרעפט מיט זיין מבינות, ווי ער האָט געטראָפן מיט לייוויקן. גרויס ליבשאַפט ווייזט ער אַרויס צו ביאַליק׳ן, אָבער די ליבשאַפט פירט אים צו איבערטרייבונג. ער מאַכט דעם ביאַליק אויף אידיש פאַר דעם שעפער פון דעם אידישן פּאָעטישן לשון, פאַר דעם פּאָעט, וואָס האָט באַאיינפלוסט די גאַנצע אידישע פּאָעזיע. ביידע אַקסיאָמאַטישע זאָגן זיינען נישט אמת. בעל מחשבות האָט אין זיין גאַנצן מהות געטראַכט צווייִשפּראַכיק — אידיש און העברעאיש — און ער האָט צוגעשריבן דעם אידיש־ביאַליקן אַלע מעלות, וואָס דער גרויסער פּאָעט האָט געהאַט אין העברעאיש.

דער כעס זיינער, ווען ער איז געקומען צו דער נייער פּאָעזיע, איז עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אין זיך באַהערשט, ווען ער האָט גערעדט פון פּראָזע. ער זאָגט אָפּ דאָס לעבן דעם יונגן מאַרקיש׳ן מיט אַזאַ רוגזה, וואָס רופט אַרויס פאַרדרוס ביי אַ היינטיקן לייענער.

„מאַרקיש איז ניט קיין צוזאָג. עס איז די יונגע ווּיבּרירנדיקע הויט פון איטלעכער יוגנט, וואָס טעכניש דריקט זי זיך אַמאָל אויס אין פערזן. מאַרקיש איז דורך און דורך באַנאַל, ווייל ער איז דער סימבאָל פון אַ זשערעבטשיק, וואָס רעדט אַלט־קלוג אין לשון פון אַ דענקער אַמאָל. זאָל מאַרקיש לויפן ׳באָרוועסערהייט׳ און ׳אָפּגעשפּילעט׳. נאָר אַזוי ווי ס׳איז ניט מיין אינגל, אינטערעסירט ער מיר נישט".

אפילו אין 1920, ווען די אויבנגעבראַכטע שורות זיינען געשריבן געוואָרן, אין קיעוו, איז שוין אויך מאַרקיש דווקא יאָ געווען „אַ צוזאָג". די רוגזה ווייזט די הילפלאָזיקייט פון בעל־מחשבותן, ווען ער איז געקומען צו אַ נייעם טאַלאַנט.

מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם זיינען נישט געווען קיין נייע טאַלאַנטן פאַר בעל־מחשבותן. זיי זיינען גיכער געווען אַלטע טאַלאַנטן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די טיפענישן פון פאָלק, וואָס צו זיי איז דער „גר צדק" צוריקגעקומען און אויף־צוריק אָפּגעפרישט זיין אידישקייט. זיי זיינען געווען זיכערער באָדן. דאָס נייע אין פּרצ׳ן האָט בעל־מחשבות אויך נישט צו־גוט געזען. ער האָט פאַרגעטערט פּרצ׳ן, אָבער ער האָט פאַרזען אַ סך אמת׳ע מעלות זיינע.

דערפאַר אָבער ווען ס׳איז געקומען צו מענדעלע׳ן און שלום־עליכמ׳ען,

ווען ער האָט נישט באַדאַרפֿט אַנטדעקן, נאָר פֿאַרטייטשן, איז ער געווען זייער בעסטער אַפּאָסטאָל און אויסטייטשער.

ער איז נישט געווען שאַרף, ער האָט נישט געבליצט מיט קיין איבער־צייגנדיקער קלוגשאַפֿט. ער איז נישט געווען קיין קינסטלער. דאָ און דאָרט געפֿינט מען ביי אים אַ געדענקלעכן זאָג, ווי זיין באַמערקונג וועגן בערגעל־סאָנ׳ען, אַז די גאַנצע באַוועגונג „אין בערגעלסאָנ׳ס נעפּל" ווירקט ווי די באַ־וועגונגען פֿון „אַ ניט־דערשאָסענעם פֿויגל, מען מאַכט מיט די פֿליגלען און דאָס בליי אין לייב ציט צו דער ערד". אָדער זיין טרעפֿלעכע דערקלערונג, אַז מענדעלע „האָט פֿאַראויסגעשיקט זיינע גאָט־געבענטשטע אויערן, אום צו דערהאָרכן די שטילע, פֿיינע גערוישן פֿון קאָלעקטיווער נשמה". אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס זיינען קפֿיצת־הדרכ׳דיק און שפּאָרן איין אַ סך אויסגעמור־טשעטע רייד, טרעפֿט מען ביי בעל־מחשבות׳ן זעלטן. ער נויטיקט זיך אין אַ סך פּאָפּולאַריזאַציע, צעקייעוודיקייט און משלים, וואָס מאַכן אָפֿט אַ קאָמישן איינדרוק, ווי זיין פּיל־איבערגע׳חזר׳טער משל מיט די בינען, וואָס „מיט ניט־גוטקייט ברעכן זיי אויס — האָניק. איך בין געווען אַזאַ בינעלע פֿאַר 25 יאָר".

בעל־מחשבות זאָגט אויף זיך, אַז ער איז גאָר אַ פּאָלקלאָריסט. ווען ס׳קומט צו אידיש לשון זעט מען, אַז ער פֿאַרכלינעט זיך פֿון גרויס ליב־שאַפֿט, הגם ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט שרייבן אַזוי, אַז מען זאָל אין אים אַליין זען סימנים פֿון דער דאָזיקער שפּראַך־פֿאַרליבטקייט. אָבער אין דער פּיאָנערישער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן, האָט מען געזען די ליב־שאַפֿט צום שעפֿערישן מענטשן. אָט די ליבשאַפֿט האָט ער אויסגעדריקט אויף אַן אידעאַלן אופֿן. אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי פֿרי אַוועק פֿון דער ליטעראַטור, נישט נאָר ווייל ער איז יונג געשטאָרבן, נאָר ווייל זיין קראַנקהייט האָט זיך אין אים איינגעגעסן און אים געמאַכט קרענקלעך און פֿאַרביטערט, אים צו־פֿרי דעזאָריענטירט און אים אַוועקגענומען פֿון זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט, נאָך איידער ער האָט אויף אייביק פֿאַרמאַכט די אויגן און אַוועקגעלייגט די פֿעדער, וואָס ער האָט שוין די לעצטע יאָרן פֿון זיין טראַגיש לעבן סיי ווי אומ־זיכער געהאַלטן אין די הענט.

1954

שמריהו גאָרעליק

מיט וואָס איז שרייבן אַן עסיי וועגן אַ הערינג וויכטיקער ווי, לאָמיר אָנ־כאַפּן, אַן עסיי וועגן זישא לאַנדוי׳ס לידער, אָדער ראַבאַי׳ס דערציילונ־גען? אַט די צודרינגלעכע פראַגע האָט זיך געהאַלטן אין איין טשעפּן צו מיר, בעת איך האָב געלייענט שמריהו גאָרעליק׳ס געקליבענע עסייען, וואָס זיין אַמעריקאַנער ברודער, מיכל האָרעליק, האָט אַרויסגעגעבן. דאָס בוך איז פאַרזאָרגט מיט אַ קליינער ביאָגראַפיע, וואָס איז ווייט נישט גענוג צו געבן אַ בילד פון דעם פאַרגעסענעם שרייבער, וואָס איז מיט זעקס יאָר צוריק געשטאָרבן אין תל־אביב.

ש. גאָרעליק איז געווען אַן איימפּעער. ער האָט געלעבט אַ צייט אין דער שווייץ און היפּשע עטלעכע יאָר אין בערלין. ער האָט אויך געלעבט אין וואַרשע און איך אַליין געדענק, ווי ער איז אַמאָל געקומען קיין לובלין צוזאַ־מען מיט מנחמ׳ן וויסענבערגן און דעם הומאָריסט יוסף טונקעל. זיין פיינע זיידענע באָרד איז געווען דאָס שריפטשטעלערישסטע פון דער גאַנצער גרו־פּע, וואָס האָט קאָנצערטירט ביי אונדז אין „הזמיר". איך האָב גאָרעליק׳ן דעמאָלט אפילו מוחל געווען, וואָס ער האָט שלעכט פאָרגעלייענט זיין אייגע־נעם רעפעראַט און געהאַלטן אין איין בלאַנדזשען איבער זיינע שווערע שורות און זיך פאַרטשעפּען אין די שפּיצן פון די ווערטער. כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר דרייצן־פערצן און כ׳האָב מער געזען די שרייבערס ווי געהערט. כאָטש מיר אין לובלין זיינען נישט זשעדנע געווען אין קיין בערד, איז אָבער גאָרעליק׳ס באָרד פאַר מיר געווען אַ סימן פון שרייבערישער אַריסטאָקראַ־טיע, אַן אמתער קאָנטראַסט צו וויסענבערגס פּראָסטקייט. וויסענבערגן האָט מען שוין באַדאַרפט אַביסל הערן, ווייל מיטן פּנים האָט ער קיין קאָנצערט נישט געקענט אָפּגעבן.

ווי רייזענס לעקסיקאָן זאָגט עדות איז גאָרעליק געווען אין אַמעריקע און האָט פאַרבראַכט ביי אונדז, צווישן 1923 און 1924, אַ קיילעכדיק יאָר. אָבער איך געדענק אים נישט פון יענער צייט. ער איז אונדז אַלעמען פאַר־בייגעגאַנגען, און אויב איך האָב קיין טעות נישט, זיינען מיר אים אויך פאַר־בייגעגאַנגען.

אָבער גאָרעליק האָט געוואוינט אין קיעוו, אין ווילנע, אין אָדעס, אין

וואַרשע, דאָס הייסט אין דער געדיכטקייט פון דער אידישער אייראָפּע, און דאָך האָט זיין בערלינערישקייט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ גרעסערן חותם ווי זיין אידיש־אייראָפּעאישקייט. אין 1933 האָט ער זיך באַזעצט אין תל־אביב. אָבער שוין דעמאָלט איז ער געווען אַ פאַרגעסענער און נישט געקוקט דערויף, וואָס אין 1937 איז דערשינען זיינס אַ בוך עסייען אין שלאָנסקי׳ס איבערזעצונג, און כאָטש ער האָט מיטגעאַרבעט אין „דבר״ און אין „הארץ״, איז זיין איינפלוס אויף דער העברעאישער פובליציסטיק נישט געווען קיין גרויסער.

נאָר אפילו ווען מיר זאָלן מיט גאָרעליקן מיטפאָרן בלויז ביז 1933, בלייבט אויך אַ קשיה, פאַרוואָס אים האָט מער פאַראינטערעסירט אַ געזאַל־צענער הערינג ווי די נייערע אָדער אפילו די עלטערע אידישע ליטעראַטור.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט דעם געזאַלצענעם הערינג נישט ווי אַ גראָטעסק רע־טעניש, נאָר גראָד דערפאַר וואָס דער עסיי וועגן הערינג איז זייער אַ געלונ־גענער און ער ווייזט אונז גאָרעליקן מיט זיין פיינער שפּילעוודיקער ליריש־קייט. דער הערינג רופט אין אים אַרויס אַ ריי אַסאָציאַטיווע געדאַנקען וועגן דער אידישער געפּוצטער אָרעמקייט. ער מאַכט אַ פיינעם מאַרשרוט און ער דערגייט אַזש העט־צוריק ביז שפּינאָזען און ער דערזעט „די בלינדע אייגע־לעך פון דעם שמאָלן הערינג״ אפילו אויף שפּינאָזעס אָרעמען טיש.

די געקליבענע עסייען אין דער זאַמלונג זיינען זייער געלונגענע און זיי זיינען באמת אַ ביישטייער צו אונדזער עסייאיסטיק. גאָרעליקס פען איז געווען אַ רירעוודיקע און האָט ער נאָר געקראָגן זיין טעמע, האָט ער שוין געוואוסט וואָס מיט איר צו טאָן, ווייל ער האָט געקענט פיין אַרומשמועסן אַן ענין. זיין שיחת חולין וועגן טיי, וועגן ריידנדיקע און שווייגנדיקע פעלקער, וועגן העפ־לעכקייט, איז אַן עלעגאַנטער שמועס, וואָס מ׳האָט גאַנץ געמיטלעך געקענט אויסהערן ביי אַ נאָכמיטאָג־טיי. ער איז בטבע נישט געווען קיין טראַכטער, נאָר ער האָט זיך געקענט פאַרטראַכטן און רעדן מיט האַלב־פאַרדרימלטע אויגן וועגן פאַרשידענערליי טעמעס, אויף אַן אופן, וואָס איז געווען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דעם אייראָפּעאישן שמועס, פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

די עסייאיסטן זיינען דעמאָלט געווען די פלאַטערלעך און בינען, וואָס האָבן געקליבן דעם אויבאויפיקן האָניק פון דער ליטעראַטור, דעם שיחת חולין פון דער שווערער אַרטילעריע. זיי האָבן געהאַט דרך ארץ פאַר אַלץ וואָס אייראָפּע האָט אָנגעזאַמלט, און אפילו זייער ציניזם איז געווען אַן עלע־גאַנטער און טרויעריקלעכער.

נאָר די פראַגע מיט דעם געזאַלצענעם הערינג איז נאָך אַלץ אַ צודרינג־לעכע קשיה. פאַרוואָס האָט גאָרעליק נישט אַזוי אַרומגעפלאַטערט אַרום דער

אידישער ליטעראַטור, לכל הפחות ביז 1933, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב, ווי ער האָט עסייאיסטיש געפּלאַטערט אַרום דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור? אין דער זאַמלונג עסייען ווערט בלויז איינמאָל דערמאָנט דער נאָמען לייוויק, און דאָס אויך אומדירעקט, אין אַן אימפּרעסיע וועגן בעל מחשבותן אויף דער עלטער. דער נאָמען גיט אַ שוואַכן בליץ־אויף, אָבער גאָרעליק בלייבט ווייטער דער גוטער, עלעגאַנטער בערלינער, וואָס זוכט זיינע טעמעס ווי עסטעטישע שיריים פון דעם פּרוכטבאַרן אייראָפּעאישן ליטעראַרישן טיש. ער מאַטערט זיך צו געבן אַן ענטפער, צי געטע איז געווען גליקלעך און ער איז מוראדיק באַאומרואיקט, וואָס מ׳האָט אויפגעהערט לייענען אַנאַטאָל פראַנסן.

אמת, אין דער זאַמלונג זיינען אויך דאָ עסייען וועגן אייגענע: ביאַליק, בעל מחשבות, שלום עליכם, דר. נתן בירנבוים, אָבער גאָרעליק פילט זיך נישט אַזוי היימיש מיט זיי, ווי מיט היינען, מאַרסעל פּרוסטן, וואַסערמאַנען, הערמאַן באהר, אונאַמונא. ס׳הייסט וועגן אונדזערע קען ער נישט אַזוי עלעגאַנט שמועסן ווי וועגן די אַנדערע. אונדזערע דערלויבן פּשוט נישט אַזאַ צוגאַנג. זיי דערלאָזן נישט אַז מען זאָל בלייבן שטיין חסידיש־פאַרנויגט פון־דרויסן, זיי זיינען צו היימישע מענטשן, אַז מ׳זאָל זיי באַרירן פון דער ווייטנס, מיט אַ געלאַנגווייליטער עלעגאַנץ.

דערפאַר זאָג איך, אַז מיר פעלט אַ לענגערע ביאָגראַפיע פון שמריהו גאָרעליקן, ווייל ער אַליין איז פאַר מיר פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, אויב נישט אינטערעסאַנטער פון זיינע עסייען. גאָרעליק האָט געהאַט געזונטע מיינונגען און אַ פיינעם, רייפן געשמאַק. ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט אַז עמיל לודוויג איז אַ פּוסטע כלי. ער האָט גוט און גערעכט אויפגעפּאַסט שיילאָקן און ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען פּרוסטן. זיינע שוואַך־געשריבענע צוועלף קאַפּיטלען פון זיינע ליטעראַרישע זכרונות, ווייזן אונדז אַ שרייבער, וואָס האָט חשק געהאַט אַריינצוּוואַקסן אין דער אידישער ליטעראַטור. אמת, די אידישע ליטעראַטור האָט אין יענער צייט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר דעם פאָדער־צימער ליטעראַט, פאַר דעם שרייבער וואָס רייצט זיך מיט דער ליטעראַטור און וואָס אַלע זיינע קאָמפּאָזיציעס זיינען בלויז אַן אָנזאָג, אַז אָט־אָט און ער וועט אַליין אויך געבן עפּעס אַ שרייב אַן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט מרעיש עולם זיין. קאָראַלניק איז שוין געווען גליקלעכער, ווייל ער איז גע־קומען שפּעטער און מיר האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צום טאָן פון דעם אויבנאויפיקן — אָט־זעט־ווען־איך־וואָלט־נאָר־געוואָלט. דוד פרישמאַן האָט ביי זיין פונאויבנאַראָפּיקייט געשליפן העברעאיש און איינגעשטעלט צו שרייבן שלעכטע לידער און מיטלמעסיקע דערציילונגען. אָבער ווען גאָרעליק

איז געקומען מיט זיין עסיי האָבן מיר נאָך אין אידיש נישט געהאַט די קלאַסי־פיקאַציע פאַר דעם שרייבער, וואָס פלאָטערט אַרום דער ליטעראַטור ווי אַרום אַ בליץ־לאָמפּ; וואָס האָט זיך מורא צורירן טאָמער וועט ער זיך פאַרברענען דעם טאַלאַנט. ס׳זיינען שוין געווען עטלעכע געמיטלעכע שמועסער, וואָס האָבן אָבער איבערגענומען דאָס ערגסטע פון דעמאָלטיקן העברעאישן לאַנגווייליקן פעליעטאָן. דאָס אום׳תכליתדיקע שיין־שרייבעריי האָט נאָך ביי אונדז נישט געהאַט געפונען קיין דירה.

אַז גאָרעליק איז געקומען האָט ער קודם כל געמוזט פון אונדז אַוועק־גיין, כדי ער זאָל צו אונדז קענען צוריקקומען מיט איבעררצשונגען פון דער פרעמד. אָט די מאָסקע פון פרעמדקייט האָט ער אָנגעהאַלטן זיין גאַנץ לעבן און דערפאַר האָט ער מורא געהאַט זיך צוצורירן פון דער נאָענט צו אַ היי־מישער טעמע.

שמריהו גאָרעליק איז נישט געווען קיין קריטיקער, אָבער ער איז גע־ווען אַ מענטש מיט געשמאַק און ווען ער האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור האָט ער געקענט רעדן ווי אַן אינעווייניקסטער. ער האָט געשריבן אַ ציכטיקן און אָפּגעהיטן אידיש, וואָס לייענט זיך נאָך היינט ווי ניי. זיינע אינטערעסן זיינען געווען ברייטע און זיין שפּאַציר איבער אַ טעמע איז געווען אַ גראַציע־זער, אָבער ער האָט נישט צופיל אַרויסגעקראָגן פון זיין טעמע. ער האָט אויס־געבאַקן אַ טעמע, ווי מען באַקט אויס אַ פיינעם לעקעך. ער האָט אין איר אַריינגעלייגט אַ סך וואוילע זאַכן און ווען ער האָט אַלץ צעמישט, האָט ער געקראָגן אַ גוט שטיקל צוקער־געבעקס. פאַרוואָס האָט אים ניט פאַראינטערע־סירט די אידישע ליטעראַטור פון זיין צייט? האָט ער נישט געקענט אַריינלייגן, לאָמיר אָנכאַפּן, אין דער טעמע יהואש פונקט אַזוי פיל גוטע זאַכן, ווי אין דער טעמע היינע?

פאַרוואָס האָט ער מורא געהאַט אויפצוגעבן זיין ראָלע פון דעם פּראָ־פעסיאָנעלן עסטעטיקער? האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט און זיינע אַלע אייראָפּעאישע אינטערעסן וועלן ווערן אַלעמענס און דערפאַר אייגנטלעך קיינעמס נישט?

אויף דעם וואָלט אונדז געקענט געבן אַ תשובה אַן אויספירלעכע ביאָ־גראַפיע פון שמריהו גאָרעליק. אַזאַ לעבנס־באַשרייבונג וואָלט געווען מער ווי אַ ביאָגראַפיע, ווייל זי וואָלט אונדז געגעבן דעם רוסיש־אידיש־דייטש־העב־ברעאישן שרייבער, וואָס האָט אַליין אַרומגעשוירן זיין טאַלאַנט מיט אַ גריי־טער ליבע פאַר אָנערקענטע גרויסקייטן, און וואָס האָט מורא געהאַט אַליין צו שאַפן די מאָסן פאַר גרויסקייט.

די אויסגעקליבענע אַרטיקלען זיינען אוודאי אַ סך, אַ סך מער ווי ציי־

טונג־אַרטיקלען. זיי געהערן צו אַ זשאַנר, וואָס האָט זיכער פאַרדינט, אַז מ׳זאָל זיי זאַמלען אין אַ בוך. אָבער ווייל זיי געהערן צו אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע און ווייל דער שרייבער אַליין ווערט אַרומגעוועבט מיט פאַרגעסנקייט, נויטיקן זיי זיך אין אַ באַלייכטונג, וואָס אַ מאָנאָגראַפיע וואָלט אונדז געקענט געבן. אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע וואָלט פאַר אונדז אפשר אויפגעדעקט דעם ברוגז זיינעם, וואָס ער האָט געפירט נישט נאָר מיט דער ליטעראַטור פון זיין צייט, נאָר אויך מיט פּראָבלעמען פון זיין צייט.

גערעכט איז זיכער מיכל האָרעליק, אין זיין פאָררעדע, אַז דאָס בוך איז „אַן אָנדענק דעם שיינעם איד און מענטשן, דעם גייסטרייכן שרייבער, וואָס איז פריציייטיק אַוועק פון דער וועלט".

אפילו אין די עסייען, וואָס פּלאָטערן איבער דעם געפּעפּערלעכן אָפּגרונט פון בלויז שיין־שרייבעריי און שיין־טראַכטעריי, קען מען זען דעם שיינעם איד און דעם שיינעם מענטש. ער איז געווען אַ מענטש פון פיינע שרייבערישע מידות. ער האָט באַוואוסטזיניק קולטיווירט גוטע שרייב־מאַניערן און ער האָט דורך ארץ געהאַט פאַר דער דערהויבנקייט פון מין מענטש. ער איז אפילו אָפט דערגאַנגען צו נאַאיוויטעטן, ווי אין זיין התפעלות, אַז זאַנגוויל האָט זיך אַמאָל פאַרגעסן און אָנשטאָט גיין אַרונטער די טרעפּ איז ער געגאַנגען אַרויף צום העכסטן גאָרן. „אפשר (שרייבט גאָרעליק) זאָלן מיר אָט דער צעשטרייט־קייט געבן אַ סימבאָלישע אויסטייטשונג: דער טרוימער קלעטערט אַלץ העכער און העכער, בעת דאָס פּראָזאַאישע, רעאַלע איז אַ סך איינפאַכער און פירט צום זייער נאַטירלעכן, אויב אפילו באַנאַלן אויסגאַנג, דעם אויסגאַנג צום טעגלעכן לעבן".

גאָרעליק האָט זיך נישט געקענט „אָפּגעוואוינען" פון דרך ארץ פאַר דעם גייסטיקן מענטש. זיין פּאָרטרעט פון נתן בירנבוימען איז געשריבן מיט אַ סך פּיעטעט. זיינע עטלעכע דערמאָנונגען וועגן בעל מחשבותן זיינען פול מיט ווייטיק, וואָס ער מוז אים צעטיילן אויף דעם שרייבער און דעם מענטש, פאַר וועמען ס׳איז שווער געווען דרך ארץ צו האָבן.

ס׳איז באמת אַ שאָד, וואָס גאָרעליק האָט נישט מיטגעלעבט מיט אונדז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און וואָס זיין בערלינערישקייט האָט גורם געווען, אַז זיין פיינער טאַלאַנט זאָל זיך נישט קענען געבנוג איינהיימישן אין דער אידישער ליטעראַטור.

1948

דער קינסטלער־קריטיקער שמואל ניגער

ווען שמואל ניגער האָט מיט איבער 46 יאָר צוריק פּאַרעפֿנטלעכט זיין אַרטיקל וועגן שלום אַש׳ס „משיח׳ס צייטן״, האָט ער ניט געקאָנט פֿאַר־אויסזען, אַז ער ווערט אַריינגעגאָרט אין אַ געביט, וואָס וועט אים אַ גאַנץ לעבן שווערער מאַכן דעם וועג צו אייגענעם קינסטלערישן אויסדרוק, דורך געבן אים כלומרשט־לייכטע טעמעס — יענעמס ווערק. הגם ניגער האָט מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אָנגעהויבן ווי אַ פּראָקלאַמאַציע־שרייבער, און צו ליטעראַטור איז ער אויך צוגעקומען מיט „געדאַנקען״ וועגן שלום אַש׳ס ווערק, אַרויסדרינגנדיק דערפֿון פֿאַרשידענע אויספֿירן — „וועגן דער טראַגעדיע פֿון גלות״, איז גלייך קענטיק געווען, אַז דער יונגער שרייבער איז געקומען מיט אַ קינסטלערישן טעמפּעראַמענט. זיין אַרטיקל אויפֿן געביט פֿון קריטיק האָט געמאַכט אַ רושם, נישט דערפֿאַר וואָס מען איז דעמאָלט שטאַרק זשעדנע געווען אין קריטיק. מען קען אויסרעכענען צום ווינציקסטנס אַ צען נעמען, מיט בעל מחשבות׳ן בראש וואָס האָבן דעמאָלט געשריבן וועגן ביכער און ליטעראַטור. ניגער׳ס אַרטיקל וועגן שלום אַש׳ן האָט גלייך פֿאַראינטערעסירט, ווייל ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז נישט נאָר האָט זיך באַוויזן נאָך אַ קריטיקער, נאָר אַ קריטי־קער מיט אַן אייגענער קינסטלערישער פֿיזיאָנאָמיע.

אין ניגער׳ס ערשטע אַרטיקלען האָט מען גיך דערזען אַ נייעם אָרדנונג־שאַפֿער, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ באַפֿעלערישן שטעל און די באַפֿעלערישקייט האָט זיך געלייגט אויפֿן שכל. ער איז געקומען איבערשטעלן דאָס מעבל און אַריינברענגען סדר און מעטאָדיזירן אונזער באַלעבאַטעשאַפֿט. ביז אים האָט מען ביי אידן באַנומען ליטעראַטור אינטואיטיוו, אָדער תקיפֿות׳דיק, און כסדר מיט אַן אויג אויף די פֿרעמדע ליטעראַטורן ווי וועגווייזערס.

קלענערע אָפּהאַנדלונגען זיינען געווען מבינות־זאָגעריי אָדער גלאַט התפּעלות׳דיקע בטלנות. בעל־מחשבות איז תמיד געווען אַ בלאָנדזשער און זיין ליטעראַטור־קריטיק איז געווען האַמלעטיש. אפֿילו אין זיינע שבחים איז ער פֿאַרבליבן דער קריטיקער וואָס האָט מגייר געווען דעם איראָפּעער אין זיך.

גלייך ביי זיין דערשיינען איז ניגער אַריין מיטביידע פֿיס אין אונזער ליטעראַטור. דער 25 יאָריקער יונגערמאַן האָט אין זיין שכל׳דיקייט פֿאַרמאָגט

א התלהבות, וואָס האָט אַרויסגעגליט פון טיפסטן אידישן אינווייניק און האָט זיך נישט באַדאַרפט אָנשפּאַרן אויפן דרויסן. דער לייענער האָט עס דערזען און ער האָט דערשפּירט אַז צו די מלשינים, אַפּאָלאָגעטן, קאַרגע מליצי־יושר אָדער הלל־זאָגערס איז צוגעקומען אַ נאַטירלעכער קריטיקער, וואָס איז געקו־מען זיך באַזעצן אין דער ליטעראַטור אונזערער; אַ יש פאַר זיך אַליין און נישט נאָר אַ שרייבער פון געפּשטלטער הסכמה־געבעריי.

ניגער׳ס כוח איז באַשטאַנען אין ווייזן אַז ער קאָן אַ פּלי טאָן מיט דעם שם המפורש פון אונזער ליטעראַטור. זיין שכלדיקייט און זיין לאָגיק אַרום אַ ווערק האָט פאַרמאָגט קינסטלערישן אָטעם און האָט נישט נאָר אויפגעבויט דעם שרייבער, נאָר אויך דעם באַשרייבער, דעם קריטיקער. ס׳איז געווען קלאָר אַז ס׳איז צוגעקומען אַ נייע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אויף דעם שאַרפשטיין פון אידישער ליטעראַטור געשאַרפט אַן אינטערעסאַנטע שרייבערישע פיגור.

דער קינסטלערישער אָנהויבער האָט אָבער נישט פאַרדעכטיקט, אַז וואָס מער מושלם ער ווייזט זיך אַרויס אויף דעם געביט, אַלץ מער וועט מען פאַר אים איבערלאָזן דאָס גאַנצע פעלד און זיבן ניט־באַקליידטע און נישט־באַשוכטע שרייבער וועלן אים אָנכאַפּן און אים קרוינען פאַר דעם קריטיקער, און זיבן הונדערט און זיבעציק ניט־געניטע לייענער וועלן אוודאי וועלן הערן פון אים שכל׳דיקע תורה וועגן אַ ווערק. ס׳האָט נישט געהאָלפן וואָס ער האָט זיך צעטיילט אין אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, אין אַ געזעלשאַפט־לעכן פּובליציסט און באַזונדער אין אַ קריטיקער. די אַרבעט פון אַ אידישן קריטיקער, ווי ער האָט זי גלענצנד גענומען דורכפירן, איז פאַר זיך אַליין געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט קאָלאָסאַלע התחייבות׳ן. דער עיקר מיט התחייבותן, וואָס ער אַליין האָט שוין קיין צייט נישט געהאַט אָפּצופרעגן, אָדער זיך פון זיי באַפרייען.

אינערלעך האָט זיך שמואל ניגער דער קינסטלער גראַנגלט קעגן די אַרויפגעוואָרפענע פליכטן און ער האָט אָפטמאָל מגזם געווען אַ ווערק, כדי ס׳זאָל אים פּערזענלעך געבן אַ געלעגנהייט אַ פלי צו טאָן איבער דעם ווערק. ער האָט אַריינגעלייענט און אַריינגעטייטשט אַזויפיל, אַז דאָס ווערק איז מער נישט געווען ווי שטאָף, ווי אַ טעמע פאַר אַ שעפער. ער איז בטבע געווען אַ רעבעל. ער האָט נישט איינמאָל געמאַכט אַ פאַרזוך צו גיין קעגן אַלגע־מיינעם געשמאַק. ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון שלום עליכמ׳ס הומאָר, האָט ער זיך באַצויגן צו אים פרעמדלעך און קאַלט. אין זיין בוך וועגן שלום עליכמ׳ען, וואָס איז דערשינען אין 1928, טוט ניגער תשובה אויף זיין נאַטירלעכן, רעבעלישן ווידערשטאַנד צום פּאָפּולערן שלום עליכם.

ער זאָגט אונז אין דער הקדמה צום ווערק, אַז „הומאָר איז אַ זאַך פאַר קינ־דער און רייפע מענטשן. דער יוגנט איז ער פרעמד. אויך דעם איידעלן פאָלקס־טאָן באַנעמט נאָר די תמימות און די געלייטערטע קלוגשאַפט."

דאָס זיינען טייערע חרטה־ווערטער, אָבער זיי שעפּן נישט אויס די סיבות פון ניגער׳ס גלייכגילטיקייט צו שלום עליכמ׳ען, אין 1908. אין 1908 האָט נאָך דער יונגער ניגער נישט געקענט אָריינשפּיגלען זיינע אייגענע גרויסע קינסט־לערישע אַמביציעס אין אַ פרעמד ווערק. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פון דרויסן ווי אַ יונגער רעבעל, ווי אַ מאַנער. שלום עליכם איז פאַר דער דעמאָלטיקער ערנסטער אינטעליגענץ געווען צו באַלעבעסלדיק ווי אַ קינסטלעריש געשטאַלט. דאָס פאָלק האָט פריער אויפגעכאַפּט דעם פאָלקס־גאון ; די אינטעליגענץ האָט געמוזט דורכמאַכן אַ היפּשן, טראַדיציאָנעלן השיבנו נאַזאַד, ביז זי איז גע־קומען צו שלום עליכמ׳ען.

און הגם ניגער איז געווען דער ערשטער, פולער אינוויינקסטער אידישער קריטיקער, איז ער עס געוואָרן בלויז, ווייל זיין אידישע קינסטלערישע פיזיאָ־נאָמיע האָט אימפּאָנירט, אָבער אויך ער איז געווען אַן אינטעליגענט, וואָס האָט נאָך נישט דערשפּירט די גרויסע טראַגיק, אין דעם לאַכנדיקן שלום עליכמ׳ען.

אָבער אין דעם עצם נישט אָננעמען שלום עליכמ׳ען, אין 1908, איז נישט געלעגן קיין שום טעות, נאָר פאַרקערט, אַ מוטיקער ווידערשטאַנד פון אַ יונגן שריפטשטעלער מיט אייגענע גרויסע אַמביציעס.

און אפילו די תשובה און חרטה, וואָס ניגער ווייזט אַרויס אין זיין פּרק־בוך בנוגע פּרצ׳ן, פירט אונז אויך צוריק — נישט אַזוי צו ניגער׳ס יונגן, נאָך נישט קולטיווירטן געשמאַק, ווי צו זיין מוטיקן קינסטלעריש־קריטישן ווידערשטאַנד ; צו יענער צייט, ווען דער ווידערשטאַנד איז געווען אַ שעפערי־שער, אַ פאָדערנדיקער. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דעם פירוש אויף פּרצ׳ס גרויסקייט האָבן געגעבן די שפּעטערדיקע אידישע יאָרן. פּרצ׳ס אידישע תלמידים, פּרצ׳ס יורשים און די וואַקסנדיקע צאָל פון פּרצ׳ס לייענער האָבן געמאַכט פון פּרצ׳ן דעם פאָטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. ווען די מאָדערנע ליטעראַטור און די נייע קריטיק, זיינען נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, איז פּרץ נאָך געווען דער פאָטער פון גאָרנישט — נישט מער ווי אַ טראַגישער אויב־נישט־נאָך־העכערדיקער קלעטערער, וואָס איז גאַנץ אָפט געפאַלן פון די קלעטער־הויכן.

אין זעלביקן יאָר 1908, ווען ניגער האָט זיך דערוועגט מורד צו זיין קעגן דעם פּאָפּולערן שלום עליכמ׳ען, האָט ער אויך זיך דערוועגט אויסצודריקן, צוזאַמען מיט זיין באַגייסטערונג פאַר פּרצ׳ן, „טיפע רעזערווירטקייט". פּרצ׳ס

פּאָפּולאַריטעט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, דערציילט אונז ש. ניגער, אָבער ער, דער יונגער קריטיקער, האָט אים גערופן „פּראָבן־מייסטער", „גייסטרייכער דילעטאַנט". נאָך מער, ער האָט אַזוי אויסגעדריקט זיינע ספיקות וועגן פּרצ'ן:

„איינער פון די טיף־טראַגישע, דיסהאַרמאָנישע נאַטורן, וואָס אין זיי לעבט די באַדערפעניש און גלויבן, נישט אָבער דער גלויבן גופא; איינער פון די נאַטורן וואָס זוכן אַ סינטעז און ענדיקן מיט אַנאַליז. דאָס זיינען סאָקראַטן אָן חכמה, מאָראַליסטן אָן מאָראַל. א. א. וו.".

אויף דער דאָזיקער אַפּיקורסות האָט ש. ניגער תשובה געטאָן מיט אַ גרויסן ספר וועגן פּרצ'ן, אַ בוך פון איבער 550 זייטן, אָבער די „חטאים" און רעזערוואַציעס פון 1908 אַנטפּלעקן נישט קיין שלעכטן געשמאַק, נאָר פאַרקערט, זיי ווייזן אונז אויסזעצונגען און ברענגען אַרויס בולט חסרונות, וואָס זיינען נאָך, ביים היינטיקן טאָג, פאַראַן אין פּרצ'ן. די דאָזיקע חסרונות האָט די צייט מוחל געווען און אַ סך פון זיי געמאַכט פאַר מעלות, אָבער דער יונגער מאָנערישער קריטיקער, האָט צו יענער צייט, אין 1908, אַרויסגעוויזן אַ סך קינסטלערישע אומאָפּהענגיקייט, און דער עיקר געטריישאַפט צו זיך אַליין, ווען ער האָט נישט אָנגענומען פּרצ'ס „גייסטרייכן דילעטאַנטיזם", וואָס איז נאָך איצטער דער גרעסטער חסרון פון י. ל. פּרצ'ס אומגעראָטענע זאַכן. ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דער וואַקסנדיקער פּאָפּולאַריטעט פון דעם מייסטער, און ס'קען זיין, אַז אַט דעם יונגן און מוטיקן קריטיקער'ס רעזערוואַציעס האָבן דעם מייסטער געגעבן אַ סך שטאָף אויף נאָכצוטראַכטן, ווייל ער האָט דערשפּירט, אַז דער ביס פון יונגן קריטיקער איז אַן עכטער און אפשר אויך אַ היילנדיקער.

ווען ניגער איז געקומען צו אונז, קיין אַמעריקע, איז ער געווען — ס'קלינגט ממש אומגלויבלעך — אַ קריטיקער מיט אַ יונגער, צוועלף יאָריקער קאַריערע, אָבער ער איז שוין פון אונז אויפגענומען געוואָרן ווי דער גרעסטער פאָרשטייער פון דער אייראָפּעאיש־אידישער ליטעראַטור. נאָך איצט, ווען ער איז שוין באַלד דריי מאָל אַזויפיל יאָרן אין אַמעריקע האָט מען זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעוואוינט פון ניגער'ס השפעות, אויף יענער זייט ים — און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך ביי אונז נישט אַקלימאַטיזירט, אָדער, חלילה, נישט געוואָרן אַ טייל פון אונזער אַמעריקאַניש־אידיש לעבן. פאַרקערט, ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן דאָס היגע אידישע לעבן אָן ניגער'ן. אָבער ניגער געהערט צו דעם שפּרודלדיקן פּעריאָד, ווען אידישע שריפטשטעלער האָבן אין די ערשטע צען יאָר פון זייער שאַפן אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעגן און גרויסע רעפּוטאַציע, ווי דעם פּראָצענט אויף זייער אוצר.

ווען ש. ניגער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען אַ יונגער מענטש פון 36 יאָר, אָבער ער איז שוין געווען באַלאָדן מיט דער גרויסער אחריות, נישט נאָר פון אַ קינסטלערישן קריטיקער, נאָר פון אַ ליטעראַטור פאַרטייטשער. אין אים האָט זיך נאָך כסדר געראַנגלט דער קינסטלער מיט אַן אייגענער פיזיאָנאָמיע, אייגענע געשמאַקן, און דעם ליטעראַטור־פאַרטייטשער. דערצו האָט ער דאָ ביי אונז געזוכט ליטעראַרישע פערזענלעכקייטן וואָס זאָלן אים געבן דאָס געפיל, אַז די אידישע ליטעראַטור איז עקספּאַנסיוו, אַז זי שטרעקט זיך אין דער ברייט, אַז זי פליט אין דער הויך, אַז זי גראָבט אין דער טיף, ווי ער פלעגט זען די געשטאַלטן פון די דריי אידישע קלאַסיקער אויף יענער זייט ים.

ער איז אָבער געוואָרן צו אידענטיש מיט די געוואַלטיקע פליכטן וואָס זיינען געפאַלן אויף אים, מחמת די גרויסע פאַרדינסטן וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער ליטעראַטור אונזערער, אין דער קורצער אייראָפּעאישער תקופה זיינער. ער האָט אָנגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלן סכום וויסן וועגן קריטיק און אירע מעטאָדן. ער איז געוואָרן דער קריטיקער, וואָס האָט מער און מער אויפגעגעבן אייגענע אַמביציעס, און וואָס איז מער און מער געוואָרן דער געזעצטער קריטישער לייענער, אָפּטמאָל פאַרלייענער און אויסטייטשער.

ווען מען איז יונג קען מען לייכט רעבעלירן קעגן יענעמס פּאָפּולאַריטעט, אָבער ווען מען ווערט אַביסל עלטער, פאַרלירט מען דעם חשק און דעם כוח צו רעבעלירן קעגן דער אייגענער אָנוואַקסנדיקער פּאָפּולאַריטעט, וואָס רינגלט אַרום מיט אַ סך פליכטן און בירגערלעכע אחריות׳ן, וואָס אין פּרט פון צייט־באַרויבטקייט אַליין זיינען זיי ממש אַ חלף פאַרן קינסטלער — שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס דער קריטיקער ווערט איבערגעוואַלט אָוועקגעזעצט אויף אַ כסא השופטים און מען איז געצוואונגען צו ווערן דער אַפּהיטער פון דעם וואָס איז שוין דאָ, אַנטקעגן דעם וואָס גרינט קוים, רייסט זיך און דאַרף ערשט ווערן. מען ווערט דער אַדוואָקאַט פון פאָלקס־אייגנטום און דער אפּוטרופּוס איבער דעם, מען פאַרנאַכלעסיקט אָפּט די אַפּוטרופּסות איבער זיך אַליין.

מיר פערזענלעך איז אַ שאָד, וואָס ניגער׳ס קינסטלערישער אָטעם פעלט שטאַרק אין זיינע לעצטע צוויי ביכער, וועגן ה. לייוויק׳ן און אפילו וועגן י. ל. פּרצ׳ן. דאָס פּרץ־בוך איז אַ סך געראָטענער ווי זיין ווערק איבער לייוויק׳ן, אָבער אויך אין דעם פּרץ־בוך זיינען פאַראַן צענדליקער זייטן וואָס גיבן בלויז צו כמות צום דיקן בוך. ס׳וועט אפשר זיין אפּיקורסות פון מיין זייט, ווען איך וועל זאָגן, אַז ניגער זעט זיך אַ סך בעסער אַרויס אין זיינע קלענערע אַר־טיקלען וועגן די שרייבער, וועמען ער האַלט פאַר די קלענערע שרייבער. ער איז פרייער, באַוועגלעכער, זיין לשון פינקלט און זיין צונג שאַפט פיינע וואָרט־

שפּילן. דאָס קלענערע אַרטיקל זיינס, ווי אומגערעכט עס זאָל נישט זיין צום מחבר פון קריטיקירטן ווערק, איז אַ סך גערעכטער צו זיך, צום קריטיקער. ער ווערט יוגנטלעכער און זיינע פיילן זיינען קינסטלערישע.

ווען ס׳קומט צו „שווערע״ מחברים, וואָס פון זיי האַלט ער שטאַרק, ווערט ניגער אַ געוואַלטיק־פּלייסיקער אַרבעטער. ער איז זיך מבטל, ער ווערט צו־אָביעקטיוו. ער איז אפשר גערעכט צו זיינע גרויסע שרייבער, אָבער ער איז אומגערעכט צו זיך. דווקא פון די צענדליקער ניט־התפּעלות׳דיקע קעג־נערישע און קריגערישע אַרטיקלען זיינע קען מען צוזאַמענשטעלן עטלעכע בענד, וואָס וואָלטן אונז געוויזן ניגער׳ן דעם שעפערישן להכעיס׳ניק, דעם שפּילעווודיקן, דעם אַפאָריזמישן; דעם וואָס האָט אַמאָל געהאַט כוח זיך צו ווערן קעגן פּרצ׳ן און שלום עליכמ׳ען.

אַמאָל האָט ער געקענט זיין אַזוי אויך בנוגע מחברים, וואָס ער האָט זיי אינערלעך טיף־ליב געהאַט און פאַר זיי גרויס דרך ארץ געהאַט. אָבער אין זיין דרך ארץ פאַר זיי איז נאָך מער געשטיגן דער דרך ארץ צו זיך, דעם פרישן קרעאַטיוון מענטשן.

מיט דער שווערער אַחריות פון צייט און פון פליכטן אויף די פּלייצעס איז די ליבשאַפט און געטריישאַפט זיינע צו עטלעכע מחברים געוואָרן אַ שווערער עול. אוודאי איז ליבשאַפט אַליין איר אייגענע טיפע באַרעכטיקונג, אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען זי טרייבט נישט צו גרייטע גוזמאות, ווען זי גיט דעם קריטיקער גענוג מעגלעכקייט זיך פריי צו באַוועגן.

פון אַלע זיינע ביכער וואָס זיינען דערשינען ביי אונז אין אַמעריקע, איז זיין בוך וועגן מענדעלע מוכר ספרים דאָס סאַמע בעסטע און שעפערישסטע. גראָד בין איך נישט מסכים מיט זיין אָפּשאַצונג פון מענדעלען און מיר האָבן זיך וועגן דעם מתווכח געווען. אָבער דאָס בוך איז באמת אַן אויפטו, אַ רעזול־טאַט פון שעפערישער ליבשאַפט, וואָס האָט זיך אַליין אויך קיין עוולה נישט געטאָן. הגם פאַר געוויסע קאַפּיטלעך אין בוך, ווי עס גיט אונז איבער דער מחבר, „זיינען גענוצט געוואָרן אַרבעטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און פאַרשידענע צייטן, צווישן 1910 און 1936״, איז דאָס בוך וועגן מענדעלען אַ גאַנץ ווערק און אַ טיף ווערק. מיין קעגנערישע מיינונג שלאָגט זיך אָן אין דעם ווערק, ווי אין אַ פעלז. כ׳לייען עס אַ סך מאָל מיט גרויס פאַרגעניגן. ס׳איז נישט קיין אויסגעזעסענע אַרבעט, נאָר אַן אויסגע־זונגענע, אפשר דערפאַר ווייל אין דעם בוך קריגט זיך ניגער מיט דער צייט וואָס וויל פון מענדעלען מאַכן אַ תל.

שוין די טעזע אין סאַמע אָנהויב פון בוך, אַז מענדעלע האָט אונטערן איינדרוק פון טרייקייט צו טראַדיציע „דורכגעשמוגלט״ אַ גרויסע רעפאָרם,

איז אַ רייכע היפּאָטעזע, וואָס דער מחבר צעשפּילט אין גרויסאַרטיקע און מייסטעריש־געבויטע קאַפּיטלען.

„זיין אַלטגעבאַקן אידיש איז נאַרהאַפטיק, עס איז געבויט פון ירושה־מאַטעריאַל, אָבער ס'איז ניי־געבויט״; „דאַרפן מיר זיך נישט שרעקן פאַר דער פאַרעלטערטקייט פון זיין נוסח, דאָס איז אַן אַלטקייט, וואָס ער האָט מיט אַ כיוון אויף זיך אַרויפגעצויגן״; „ער (מענדעלע — י. ג.) האָט גענומען שטיקלעך שפּיגל־גלאָז, וואָס דאָס פאָלק זעט זיך איבערימוויז, אומגעקערט צוריק האָט ער אַ שפּיגל, אין וועלכן עס זעט זיך אינגאַנצן, ווי עס שטייט און גייט״.

דאָ שאַפט ניגער זיין ווערק, דאָ שפּילט ער אויף זיינע טענות אויף אַן אייגנאַרטיקן, אומגעריכטן אופן און די שווערע אַרבעט דערפון, אויב זי איז ניגערן אָנגעקומען שווער, גיט אויך דעם קריטיקער אַ געלעגנהייט צו ווערן אַ פריער שעפער. דאָס האָט ש. ניגער תמיד געוואָלט, פון דעם ערשטן מאָ־מענט, ווען ער האָט זיך ביי אונז באַוויזן, און דאָס איז ער געווען כמעט אַלע ערשטע יאָרן זיינע, אין זיין אייראָפּעאישער תקופה; אַזוי איז ער אין זיין ווערק וועגן מענדעלע מוכר ספרים, און אַזוי איז ער אין זיינע קריטישע אַרטיקלען, קריטיש אין דעם נעגאַטיוון זין, ווען ניגער פאַרגינט זיך צו קריגן זיך מיט דעם שרייבער, און נישט ווען ער דערלאַנגט אים ס'טעלערל פון הימל, אויפגעבנדיק דעם ווידערשטאַנד צום שרייבער.

ש. ניגער איז ביים היינטיקן טאָג דער גרויסער נאָמען אין דער אידישער ליטעראַטור. זיין מיט־חתימה אויף אַ ווערק פאַרמאָגט באַגלויבטקייט און ראַיעלקייט, און וויפל אונזער ליטעראַטור קען אויסצאָלן אין רעפּוטאַציע און אין אומשטערבלעכקייט, סיי אין אונזערע אייגענע קרייזן, סיי אפילו אין אָפּ־געפרעמדטע אידישע קרייזן וואָס האַלטן נאָך אָן אַ שטיקל קאָנטאַקט מיט אונז, צאָלט מען אויס אויף זיין גוטהייסונג. ער איז דער גרעסטער מיט־שרייבער (זשיראַנט) אין אונזער ליטעראַטור.

ער איז אין תוך געבליבן געטריי צו זיך אַליין. זיינע גרעסטע (לייען — פאַרנעמיקסטע) ווערק זיינען געבליבן מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַש — די אָנגעשריבענע, צוגעשריבענע, איבערגעשריבענע, נאָסטאַלגישע ווערק פון זיינע ערשטע צוועלף יאָר אין דער ליטעראַטור. מיט אַלע זייערע חסרונות—און ווי געזאָגט, זיין מענדעלע בוך איז אַ פול־קינסטלעריש ווערק — זיינען זיי מאָנומענטאַלע ווערק. זיי זיינען ווערק — געבויט פאַר אונזערע נאָך־ניט גע־בויטע אוניווערזיטעטן.

די קלאַסיקער אונזערע זיינען שוין נישטאָ, אָבער אין אים און אין זיין נאָמען לעבט די חשיבות זייערע, און וואָס לענגער ער וועט זיין מיט אונז, אַלץ לענגער וועט אָט די חשיבות פאַרגעזעצט ווערן; און אפילו די קאָמפּראָמיסן

זיינע מיט דער אַזויגערופענער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, זעען אויס צו זיין די פּראַקטישע האַנדלונגען פון דער אידישער קלאַסישער ליטעראַטור, אויף דער עלטער — די שריט פון דעם אַפּראַטעווער, פון דעם רעקאַנסטרוקציאַ־ניסט, וואָס לאָזט פאַלן, כדי צו בויען ווייטערדיקע פאַרזיכערונג.

צו זיין 70טן יובל, וויל איך פונדעסטוועגן זאָגן, אַז מיר איז נאָך אַלץ ליב דער קינסטלער ש. ניגער, וואָס בליצט דורך און מאַניפעסטירט זיך, אין די קלע־נערע אַרבעטן וועגן ליטעראַטור און שרייבער. אין זיי, מייסטנס אין זיינע קרי־געריש אַרטיקלען, איז פאַראַן פייער, פאָרם, שעפערישקייט, קרעאַטיוו לשון, אייגנאַרטיקייט; פאַראַן דער שרייבער וואָס מאַכט אים נישט בלויז פאַר דעם אָנגעלייגטן עלפטן, צו אַ גוטן קינסטלערישן מנין, נאָר בפירוש פאַר איינעם פון די צען, וואָס אָן אים קען דער גוטער מנין נישט צושטאַנד קומען.

אין די אַרטיקלען וואו עס טריאומפירט דער קינסטלער און ניט נאָר דער שכל׳דיקער אַנאַליטיקער און באַרעכטיקער פון גרויסע רעפּוטאַציעס, ווערט ער מער ווי אַ נאָמען, ער ווערט אַ לעבעדיקע קינסטלערישע פערזענלעכקייט. ער גראַווירט אַריין אַלע זיינע שאַרפע פּאָראורטיילן אין גרויסאַרטיקע זאַצן, וואָס זיינען נישט נאָר אַ חתימה אויף יענעמס ווערק, נאָר אַן אייגענע לעבעדיקע אונטערשריפט, פון אַן אויטענטישן און אייגנאַרטיקן אידישן שעפערישן מענטש.

1953

2

מאַני לייב

משה-לייב האַלפּערן

ז. סעגאַלאָוויטש

יוסף ראָלניק

יוסף אָפּאַטאָשו

ב. לאַפּין

דוד בערגעלסאָן

דוד איגנאַטאָוו

ראובן אייזלאַנד

י. י. סיגאַל

נחום באָמזע

שמחה פּיעטרושקאַ

חיים גרינבערג

מאַני לייב

ווען מאַני לייב איז מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט צוריק געקומען צום אידישן ליד, האָט ער מיטגעבראַכט אַ פּערזענלעכע מוזיקאַלישקייט. דאָס איז געווען זיין ביסל אייגנס. דער מוח איז אים געווען פול מיט אַ סך לידער פון רוסישע פּאָעטן — און רוסישע פּאָעטן זיינען געווען גרויסע מנגנים. ס'איז אים שווער געווען צו באַפרייען דעם זכרון זיינעם פון דער דיכטערישער לאַסט, אָבער אים האָט געראַטעוועט אַן אייגענער מוזיקאַלישער פּרעפּל, אַ שטומער רעטשיטאַטיוו וואָס איז געווען אינגאַנצן זיינער.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אייגענע, די באַזונדערע ניגונדיקייט? דאָס איז געווען אַ פּאַרטונקלטער, אָונטיקער טרויער־ברום, אַ שאַנסאָן אָן ווערטער, וואָס האָט אין אים געמורמלט און וואָס ער האָט פּאַר דעם געזוכט דאָס געפּעס. אַז מ'האָט צייט, מען נעמט אויף און מען הערט זיך איין אין די רגע'ס פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן טאָג, ווערט מען געוויינלעך איינגעטונקן אין בין־השמשות'דיקן ליכט און מען ווערט דינער, דורכזיכטיקער און טרויעריקער. מאַני לייב האָט גוט געקאָנט דעם ניגון פון אָט דער פּאַרקלערטער, זיס־פּאַסיווער און פאַרשיכור'טער אָונטיקייט.

דאָס איז געווען זיינס. דערמיט איז ער געקומען צו דער אידישער פּאָעזיע. די רעוואָלוציע זיינע — און ער איז אויף זיין פּאַסיוו־זינגענדיקן שטייגער געווען אַ רעוואָלוציאָנער — איז באַשטאַנען אין צעזינגען אידישע ווערטער און מיט זיי אָניאָגן אַ געמיט, נאָך איידער ס'איז קלאָר געוואָרן זייער מיין, אַז זיי זיינען אויסן כמעט גאָרנישט צו מיינען. דאָס איז געווען אין שאַרפסטן ווידערשטאַנד צום אידישן וואָרט. ס'האָט קיינער ביז אים נישט געוואַגט אַזוי צערטלעך צו באַהאַנדלען אידישע ווערטער. אידישע ווערטער האָבן זיך געזאָגט, נאָך איידער זיי האָבן עפּעס דערציילט. אַ אידישע שורה האָט געטראָגן אויף זיך אַן עול ווי אַ קעמל. זי איז קיינמאָל נישט אַרויס אין גאַס אָן דער באַוואָרעניש פון אַ טיפן סוד, פון פּיקחות, פון אַ רמז, פון אַן אַריינזאָג.

אָט די געוואַלטיקע עקספּלואַטאַציע פון לשון, די אויסנוצעוודיקייט פון וואָרט, וואָס איז גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אין מיין, האָט מאַני לייב אָנגעטראָפן, ווען ער איז געקומען צו דער אידישער פּאָעזיע. ער האָט גענומען

באַהאַנדלען אידישע ווערטער ווי קליינע גלעקער. דין אַנגערירט אַ וואָרט און דאָס וואָרט האָט זיך צעקלונגען, נאָך איידער ס׳האָט גערעדט.

איז דאָס געווען אַ נייס אין דער אידישער פּאָעזיע. מ. באַסין אין זיין אַנטאָלאָגיע, האָט עס פאַרשטאַנען און פאַרצייכנט ווען ער האָט, נאָך אין 1917, אָנגעהויבן מיט מאַני לייבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער אידישער פּאָעזיע. די מאַני לייב עפּאָכע הויבט זיך אָן כמעט מיט זינגנדיקן שטום־לשון —

טויבן־שטילע, בלויע אָוונט־שטונדן!
שפרייט מיין אָוונט שטילן טרוים צעשפרייטער:
איצטער גליען גלוטיקער און רויטער
מיינע רויטע רויזן — מיינע וואונדן.

דאָ האָט איר נישט נאָר בלויז געזאַנג פון ווערטער, נאָר אפילו דעם געקלאַנג פון אותיות. ס׳זינגען די שינען, די גימלען. די ווערטער ווערן נישט קיין רייד. זיי גיבן איבער די אינערלעכע אינדיווידועלע ניגונדיקייט פון דעם נייעם פּאָעט. די ווערטער האָבן נישט די עובדה צו מיינען. פאַרקערט, זיי ווערן לופטיק און געזאַנגיק. מ׳דאַרף בלויז געבן אַ מיש אויף צוריק באַסינ׳ס אַנטאָלאָגיע פון „פינף הונדערט יאָר אידישע פּאָעזיע״, כדי מ׳זאָל דערהערן, וואָס עס מיינט אַזוינס געררייד פון ווערטער, פאַר מאַני לייבן —

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד,

אָדער —

דער בעל־תקיעה גיט אַ בלאָז;
עס פאַלט אַ טריבעס וועטער.

צי גאָר אַזעלכע איינגעשפּאַנטע און איינגעשפּאַרטע שטאַרקע ווערטער, וואָס סאָפּען אַזש פון גרויס אָנשטרענג צו זאָגן און אַריינזאָגן:

שניידער בין איך און וועל שניידן,
אימער מער און מער.
ווי דעם וואָס וועט מוזןליידן
פון מיין שאַרפער שער.

דאָס זיינען רייד פון מאָריס ראָזענפעלד, וואָס אויך ער האָט אָנגעהויבן אַ ניי און גרויס קאַפּיטל אין דער אידישער פּאָעזיע. אפילו זיינע נאַטור־שילדערונגען זיינען ווערטער, וואָס מוזן האָרעווען, ווייל זיי קענען נישט גלאַט פינזלען אָדער בלויז זינגען —

גראָע וואָלקן־טראַנטעס, שטיקער שימל
הענגען אין דער מוטנער לופט אַראָפּ.

וי אַן אַלטער בעטלער שלאָפט דער הימל:
צוגעדעקט מיט שמאַטעס איבערן קאָפּ.

דאָס איז געווען דער מעטאַד פון אַנבויגן דעם הימל צו דער ערד. איצט גיט גיך אַ מיש די בלעטער און פאַרענדיקט מאַני לייב׳ס ערשט ליד אין באַסינ׳ס אַנטאָלאָגיע —

איצטער, איצטער ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזן — מיינע וואונדן.

צוויי שורות וואָס פאַרמאָגן כמעט נישט קיין ווערטער און זיינען איינגעפּאַסט אין ליד בלויז בכדי צו געבן דאָס מוזיקאַליש געמיט פון דעם פּאָעט, אין דער אָוונטיקער שעה. אַ צווייט ליד ענדיקט זיך פּונקט מיט אַזאַ אָנווערטערדיקן געפּרעפּל —

דער טאָג פאַרגייט.
דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג פאַרגייט... ער מוז פאַרגיין...
און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען, וויינען — ווין...
דער טאָג פאַרגייט.

ס׳קען נישט געמאָלט זיין, אַז דער פּאָעט מאַני לייב איז דעמאָלט געווען אַזוי אָרעם אין ווערטער, אָדער אַזוי דלות׳דיק אין געדאַנקען, אַז ער זאָל נישט קענען מער ווי פעסטשטעלן, אַז „ער (דער טאָג) מוז פאַרגיין״, נאָך אַזאַ פּריימיטיווער, פאַר׳עקשנ׳טער איבער׳חזר׳ונג פון „וויינען״ און „פאַרגיין״. מאַני לייב איז דאָ געווען פאַראינטערעסירט דווקא אין באַוואוסטזיניק רעדוצירן אידישע ווערטער צו קלאַנגפולקייט. ער האָט פון זיי געוואָלט אָוועקנעמען די שווערע משא פון מאַי קאַ משמע־לנ׳יקייט, און ער איז דערגאַנגען צום צווייטן עקסטרעם — פון ווערטער צום עכאָ פון ווערטער, בעת זיי ענטפערן אָפּ, פאַרגעסנדיק אין דעם ווידערקול דעם פּירוש המלות.

מאַני לייב איז געווען דער וואָס האָט צום בעסטן מקיים געווען וואָס די „יונגע״ האָבן געזוכט. די „יונגע״ זיינען געווען מיד פון דער אָנגעלאָדנקייט פון אידישן ליד, פון דער איבערגעשפּיצטקייט פון אידישע ווערטער וואָס האָבן זיך ביים ערשטן צוריר גלייך געטייטשט. אָבער נישט זישאָ לאַנדוי, נישט ראובן אייזלאַנד האָבן זיך אין סאַמע אָנהויב געקאָנט אַזוי אויסהיטן פון זאָגעוודיקייט, בעת זיי האָבן געריסן די קאַפּאָטעס און די טלית־קטנס פון אידישע ווערטער. מאַני לייב האָט אין אָנהויב פון זיין פּאָעטישער קאַריערע גיך געפונען דעם ווערטער־קלימאַט פאַר זיין מוזיק און פאַר דער מוזיק פון די „יונגע״:

זי שפּילט. איך ווין. די לאַנגע ציטערדיקע פינגער
ווי ווייסע לאַנדישן, פאַרבענקטע אין דער פינסטער —

פאַרבענקטע זוכן זיי, און בלאָנדזשען און געפינען.
און מיינע קינדער ווינען, ווינען, מיינע קינדער.

מאַני לייב׳ס קאָפּ איז געווען פול מיט סלאַווישע מאָטיוון —
נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט.
דער ווינט — אַ היימלאָזער — אים איינעם שלאָפט זיך ניט.

דער „אים איינעם" וואָס שלאָפט זיך נישט, איז אַ באַקאַנטער סלאַווישער וואַגאַבונד, וואָס פייפט אין אַ סך רוסישע לידער. מאַני לייב האָט אין יענער צייט פון זיין אָנהויב, נאָך נישט געהאַט דערשפּירט די טיפע שיינקייט און אייגנאַרטיקייט פון אידישן וואָרט. ער האָט דאָס וואָרט בלויז געזען אין זיין סאַמע אויבערפלעכלעכער דינקייט, אויף וויפל ס׳האָט אים געדינט איבער־צוזעצן זיין געמיט אין געזאַנג.

טיר און פענסטער צוגעשלאָסן,
און דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן,
ליולינקע מיין אינגעלע.
שטיל און פינסטער איז אין חדר.
פאַ! ווער שאַרט עס דאָרט כסדר?
ליולינקע מיין אינגעלע.

דער מוזיקאַלישער הויך, דער אָטעם פון אידישן לשון האָט, ביי דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערישער דעראָבערונג, גלייך געטראָגן אין זיך די שטראָף פון סטעריליטעט און פון אַן אָרעמען באַזונדערן פּאָעטישן און באַגרעניצטן לעקסיקאָן, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון טאָג־טעגלעכקייט, און זיך פאַרלאָזט אויף אַ וואַסערדיק־בלויער, נאָקטורנער שטימונג. מאַני לייב איז נאָך דערצו געקומען אָן טיפע אידישע וואָרצלען. ס׳איז דערפאַר געשען, אַז דעמאָלט ווען ער איז געוואָרן שטאַרק באַרימט פאַר זיין מוזיקאַלישן צוגאַנג צום אידישן ליד, איז ער געווען אַ קלענערער פּאָעט, ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט געקראָגן לשון, ווען ער האָט געפונען און ריזיקירט מיט ווערטער, וואָס האָבן טאַקע געהאַט טייטשן און נישט נאָר קלאַנגען.

מאַני לייב׳ן האָט געראַטעוועט פאַר דער צוקונפט זיין אמת׳ע און עכטע פאָלקישקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אָבער וואָס ער האָט באַהאַלטן בלויז פאַר זיינע פאָלקס־לידער, קינדער־לידער און באַלאַדעס. אין זיי האָט ער גערעדט מיט אַן אָפן מויל, פול, געוואַגט. ער האָט זיך געשפּילט און גערעדט, אָבער ער האָט די לידער און דאָס לשון פון די פאָלקס־לידער געהאַלטן ווייט פון זיך. דערפאַר האָט ער שוין גלייך אין אָנהויב געזונגען אַזוי אידיש —

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזן אַ איד.
אונטערן אָרים אַ פּעקל, טויט־הונגעריק, מיד,

נאָר מיט בטחון אין האַרצן צום האַר פון דער וועלט,
שלעפט ער זיך עלנד אין אָפּענעם, שנייאיקן פעלד.

דאָס זיינען נישט נאָר ווערטער, נאָר דיבורים. ס'איז געווען אַ מין באַפרייענדיקער אַלטער־עגאָ. אין דעם זעלביקן ליד — „בלימעלעך, קרענצעלעך", האָט ער זיך פאַרגונען צו זינגען אין די וויטערדיקע שורות —

ווערט באַלד דער טיש מיט מאכלים און בראָנפן געגרייט,
וואַשט זיך צום עסן דער איד, מאַכט אַ המוציא אויף ברויט,
זאָגט צו די אידן, „לחיים", „לשלום ר' איד".
עסט און טרינקט און אַ וואַרימע, זאַטיקע פרייד
גיסט זיך, צעגייט אין זיין האַרץ, אַזש דאָס לייב ווערט אים הייס,
ווישט מיטן האַנט אַזש פון פנים דעם וואַרעמען שווייס.

מאכלים, לחיים, המוציא, שוויס. דאָס זיינען אַלץ ווערטער, וואָס אַזוי גיך ווי מען זאָגט זיי באַטייטן זיי אַזויפיל זאַכן מיטאַמאָל, אַז זיי שאַפן זייער אייגענע אַטמאָספערע, און נישט נאָר דעם דיכטער'ס פערזענלעכע מוזיקאַלישע שטימונגען. דערפאַר האָט מאַני לייב, דער ליריקער, מורא געהאַט פאַר אַזעלכע ווערטער, בעת ער האָט געזונגען פון זיך און פאַר זיך. ער האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן קוואַליקן פאָלקס־אידיש, אָבער ער האָט דאָס דאָזיקע לשון באַהאַלטן פאַר די לידער, וואָס זיי האָט ער געזונגען שפּילעוודיק פאַר אַנדערע און וועגן אַנדערע און זיי אויסגעמיטן אין דעם ערנסט פון זיינע אייגענע לידער.

מאַני לייב איז געוואָרן דער גרויסער פּאָעט ערשט, ווען דאָס לשון פון זיינע קינדער־לידער און פון זיינע פאָלקס־באַלאַדן איז געוואָרן אויך זיין לשון. ווען ער האָט שוין מער נישט מורא געהאַט איינצושטעלן מיט די דאָזיקע פול־באַטייטנדיקע ווערטער, און ווען אים איז געלונגען זיי צו געבן אַ סך מער ווי די מוזיק פון זיין אינערלעך געמיט. ער אַליין האָט, ווען אים איז קלאָרער געוואָרן זיין אייגענער באַנאַכטיקער פּרעפל, „אַדאַפּטירט" זיינע אייגענע קינדער־לידער און איז געוואָרן זייער פאָטער און נישט נאָר זייער זינגער. ער האָט פלוצים געקראָגן די העזה צו רעדן מיט זיי אויך אין זיין פערזענלעכער ליריק — און אַ גרויסער, אויסגעקלאָרטער פּאָעט האָט מיטאַמאָל געעפנט דאָס מויל:

איך בין מאַני לייב, וויט און ברייט אַ באַוואוסטער
פון בראָנזוויל ביז יעהופּעץ — העט:
מיט אַלע שוסטער — אַ גוטער שוסטער.
מיט אַלע פּאָעטן — אַ גוטער פּאָעט.

ער איז אַרויס פון זיין פּאַרטונקלטער און פאַרוואָלקנטער בלויקייט און ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסקומען מיט פאַר'חלש'טע ווערטער, וואָס

זייער עובדה איז די עובדה פון נאָטן פאַר זינגער. ער האָט געמוזט אָנקומען צום געזאַנגיקן רעדן.

דאָס איז גנעדיק די ערשטע מוזע געקומען
און געקושט די ליפּן ביים שוסטער־יונג,
און איך האָב יענעמס זיסן שוידער פאַרנומען,
וואָס גיט דאָס וואָרט צום דער שטומער צונג.

ס'האָט געמוזט זיין אַ סך מער ווי אַ „זיסער שוידער", ווען מאַני לייב האָט דערשפּירט דאָס וואָרט אויף דער „שטומער צונג", אויך אין זיין ליריק. ס'איז געווען אַ זעאונג, אַן אַנטפּלעקונג. אָבער אַז די אַנטפּלעקונג איז געקומען, איז שוין מאַני לייב'ס אינערלעכע וועלט געווען רייכער און ער האָט שוין אפילו געקאָנט אַוועקגיין שיינע עטלעכע טריט פון זיך און אַזוי זינגען —

אַף שווערע שלעסער שטייען צוגעשלאָסן די פאַבריקן,
אַף גאַסן גרילצט ניט דער האַמער און די זעג.
און אַף די טרעפּ און ראַגס און אַף בולוואַרן, פּאַרקס און בריקן,
די הונגעריקע וואַרעמען זיך אין די שיינע טעג.
און הונגעריק ווי זיי — פון אונטער שווערע ריגלען,
רירט שטום אין זיי דער האַס מיט זיינע שוואַרצע פליגלען.

אַזוי האָט געזונגען דער אויסגעלייטערטער, אויסגעקלאָרטער און דער־הויבענער מאַני לייב, וואָס האָט שוין מער נישט קיין מורא געהאַט צו רעדן, בעת ער האָט געזונגען, ווייל ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן און עס געוואָלט זאָגן. אים שרעקט מער נישט די גאַנצקייט זיינע, דער שידוך צווישן דעם געזאָגטן און געזונגענעם וואָרט. פאַרקערט, מאַני לייב ווערט דערהויבן אין דער שותפות מיט פּול־זאַנגיקע און נישט נאָר מיט געזאַנגיקע ווערטער. ער רעדט שוין מער נישט פּאָעטיש, דאָס הייסט אַ מין טעלעגראַף־לשון, וואָס דאַרף בלויז איבערגעבן אַ ציטער. ער וויל אונז עפּעס אויפקלערן און נישט נאָר פאַרשלייערן. אַזאַ גרויסע שורה ווי — „די הונגעריקע וואַרעמען זיך אין די שיינע טעג" איז סימבאָליש פאַר דער דערהויבונג פון דעם דיכטער.

אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזויפיל שיינקייט:
די הונגעריקע ליפּן איידלט דער בטחון.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין זיינע ערשטע „טויבן־שטילע" לידער וואָלט מאַני לייב זיך קיינמאָל נישט דערוועגט צו נוצן אַזאַ טראַדיציאָנעל אידיש וואָרט ווי בטחון. ער וואָלט עס געהאַלטן פאַר זיינע פאָלקס־לידער, בלויז אין זיינע „בלימעלעך, קרענצעלעך" האָט ער געקאָנט זאָגן מיט אַן אָפן מויל —

נאָר מיט בטחון אין האַרצן צום האַר פון דער וועלט.

אָבער מאַני לייב, דער ליריקער, האָט שוין אַדאַפּטירט די אַלע ווערטער פון זיינע פאָלקס־לידער און באַלאַדעס און ער ווייסט שוין ווי אומצוגיין מיט זיי. ער קאָמבינירט זיי און שענקט זיי אַ נייע שיינקייט. „די הונגעריקע ליפּן איידלט דער בטחון״. דאָס איז אַ פאַרטיפטע בילדלעכקייט, פול מיט דיכטערי־שער פאַרטייטשונג. ער שעמט זיך אַפילו נישט צו גראַמען צוויי העברעאישע ווערטער, בטחון — שכן. מאַני לייב׳ס פערזענלעכער מוזיקאַלישער טרויער האָט געקראָגן ווערטער צו די נאָטן און ער האָט די ווערטער באַמייסטערט. ער האָט זיי געגעבן אַרבעט און זיך מיט זיי געשאַפּט אַ גאַנג:

נייען מיידלעך און וואַרטן אין דער בלייכקייט פון טרויער,
אַפן פוילן סיגנאַל פון אָוונט־גלאָק.

דאָ האָט איר מאַני לייב׳ס אייגענע „בלייכקייט פון טרויער״. אָבער ווען זי איז אָנגעווענדט — די דאָזיקע בלייכקייט — אויף פאַבריק־מיידלעך, ווערט פון דער אַנעמישער בלייכקייט — פול־בלוטיקע פּאָעזיע. די קלוגע האַנט פון דיכטער וואָס ווייסט ווי צו פירן די שורות קען שוין דעם סוד פון בילדערישע אַדיעקטיוון. „פוילער סיגנאַל פון אָוונט־גלאָק״, איז אַקוראַט דאָס וואָס דער דיכטער וויל אונז זאָגן.

מען רופט אַזעלכע לידער סאָציאַלע לידער, אָבער דאָס איז נישט דער גאַנצער אמת. סאָציאַל ווערן זיי ערשט, נאָכדעם ווי זיי זיינען געלייטערט גע־וואָרן אין דעם טיגל פון פּאָעט׳ס ליריק.

נאָר דער גלאָק שלאָפט פויל אין אַ זומפּ פון שטונדן,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין דעם שטיין פון ווענט.
און די נאָדלען וויינען און באַוויינען וואונדן,
און דער זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט.

דאָס זיינען וואונדערלעכע שורות, וואָס וויינען און זאָגן זינגנדיק. דאָ האָט איר דעם ערשטן, יונגן מאַני לייב, דאָ האָט איר אפילו זיינע וואונדן, אָבער זיי זיינען שוין מער נישט קיין „רויטע רויזן״, נאָר וואונדן, וואָס טוען וויי אי דעם דיכטער, אי דעם לייענער פון אַזאַ פּרעכטיק ליד ווי „אָף פינפטער עוועניו״.

ווייכער זייד, ראָזער זייד, פיאָלעטער און בלויער,
און די נאָדלען וויינען דין, דין און טויב.
און די זון אָף די פענצטער, אין דער בלייכקייט פון טרויער
קריכט אין הייסע זיילן פון גרינעם שטויב.

דער מאַני לייב פון דער יוגנט האָט נישט אויפגעהערט זיין געטריי צו זיך. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין דער יוגנט איז אים גוט צונוץ געקומען. ער זינגט די אַליטעראַציעס פון אותיות, אָבער ער האָט פּשוט אומגעוואָרפן די

ווענטלעך צווישן זיך אַליין און זיינע פֿאָלקס־באַלאַדעס און ער האָט אָנגעצונדן זיינע לידער מיט אַ ליכט וואָס באַלייכט אויף אַן אמת, און נישט מיט פֿייער־ווערק. דער לעצטער פּערז פֿון ליד שפּילט זיך אויך ווי דער אַמאָליקער מאַני לייב מיט איבער׳חזר׳ונגען, אָבער יעדער איבערשפּיל איז אַ צוגאָב, אַ פֿאַרטיפֿונג, אי מוזיקאַליש, אי אין באַטייטונג.

און די נאָדלען ווייִנען און באַווייִנען וואונדן.
און דער זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט.
און דער טאָג ליגט קראַנק אין די וואונדן פֿון שטונדן,
איבער מיידלשע הענט, אינם שטייִן פֿון די ווענט.

די צוויי שורות פֿון אַ פֿריערדיקן פּערז קריגן אַ פֿרישע באַ׳טעמ׳ונג. די מיידלשע וואונדן ווערן וואונדן פֿון שטונדן, און די מיידלשע הענט, ווערן איינגעמויערט אינם שטייִן פֿון די ווענט.

ס׳איז אַ ספק צו די אַלע נעקראָלאָגן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אויפֿן טויט פֿון דעם פּאָעט, האָבן זיך באַצויגן אויף זיינע שפּעטערדיקע דיכטערישע דערהויבונגען. מאַני לייב׳ן געדענקט מען געוויינלעך פֿון זיינע יוגנטלעכע טריט און דאָס איבעריקע האָט מען אים געטרויט. ביי אונז אַז מען גיט נישט אַרויס קיין ביכער, איז מען נישט אויף דעם אַקטיוון שלאַכט־פֿראָנט און מען ווערט בלויז טאָלערירט.

ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך דערמאָנט מאַני לייב׳ס נאָמען צווישן די גרויסע דיכטער, וואָס עלטערן זיך ביי אונז, און נישט וואָס אינגלען זיך אויף דער עלטער.

מאַני לייב האָט אין זיינע לעצטע יאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט פּרעכטיקע סאָנעטן. ער איז צוריקגעקומען צו דער קאַרגשאַפֿט און ענגשאַפֿט פֿון וואָרט, נאָכדעם ווי ער האָט עס גוט אויסגעפּאָרשט. דער פּאָעט מאַני לייב האָט פֿאַרענדיקט זיין בוך פֿון לעבן מיט אַ סך קלוגשאַפֿט, מיט אַ סך אייביקע רייד, מיט אַ זעטיקן טרויער, אָדער מיט אַ „זעטיקער פֿרייד״, ווי ער זינגט אין זיינע „בלימעלעך, קרענצעלעך״.

אַז מאַני לייב איז אַריבער פֿון זיינע צאַפּל־לידער צו אַ געזעצטער ליריק, האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ ליד „ביים קאָרטן־טיש״, וועגן „נעכט ביים קאָרטן־טיש צעפּאַטערט״. דער אַזאַרט־שפּילער האָט זיך קיינמאָל נישט אויף אַזויפֿיל פֿאַרשפּילט, אַז ער זאָל נישט זען יעדער פֿלינקע באַוועגונג פֿון דער האַנט און פֿון מוח.

אין יענעמס אויג אַ וואונק — ווי גאָלד האָסטו געוואויגן,
גענומען ווי אַ חיה מעסט אַ צווייטערס טריט.

אין יענעמס הענט האָסטו מיט ניט־פאַרשעמטע אויגן,
ווי אין דער פינצטערניש גנבים׳לעך געהיט.

דאָס איז אַ טיף־פּסיכאָלאָגיש ליד, אַ טיף־מענטשלעך ליד. דאָס דאָזיקע לירישע ליד ווערט אַלעמענס, ס׳ווערט אַלעגאָריש ווען דער דיכטער זעט דעם קאָרטן־שפּיל אונזערן —

אין אַ ליידיקייט פון האַרץ, אין גייציקייט פאַרשטעלטער
אַ לעק צו טאָן די פוס פון כלומרשטדיקן גליק.

און דער פּאָעט מאַני לייב קען אַקוראַט דאָס ריכטיקע וואָרט, ער קען עס אַרויסטויכן פון די טיפענישן —

ווען דו האָסט דאָס געווינס אַהיים צו זיך געטראָגן
מיט קלעפּיקע, ווי שימל ווייניקע הענט.

אין דער לעצטער שורה זיינען אַריינגעשריבן זייטן גאַנצע פון אַ דאָסטאָ־יעווסקי. אָט די קלוגע שיינקייט איז פאַראַן לרוב אין מאַני לייב׳ס סאָנעטן.

מאַני לייב איז געשטאָרבן מיט פולן דיכטערישן ווידוי אויף די זינגענדיקע ליפּן, ערשט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט די שווערע אַרבעט איבער זיך אַליין.

1953

משה לייב האַלפּערנס ירושה

מיט זעקס און דרייסיק יאָר צוריק איז דערשינען מ. ל. האַלפּערנ׳ס ערשט בוך לידער — „אין ניו יאָרק", וואָס האָט גלייך פעסטגעשטעלט, אַז דער דיכטער וואָס האָט צען יאָר געשריבן לידער, וואָס זיינען געווען דערווידער אַ סך חברים פּאָעטן פון זיין צייט, איז אַן אָריגינעלער פּאָעט, מיט אַ שטאַרקער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט. דאָס בוך איז דערשינען אין 1919 און דעם דיכטער זיינען פון דעמאָלט אָן אינגאַנצן באַשערט געווען נאָך דרייצן יאָר פון פּאָעטישן אויסדרוק, אָבער דאָס ערשטע בוך זיינס האָט מיט דער צייט צוגעקראָגן אַלץ מער וואָג, און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט דעם בוך „אין ניו־יאָרק" איז צוגעקומען אַ גרויסער פּאָעט, אַ נאָמען וואָס האָט דער אידישער פּאָעזיע געבראַכט אַ סך כבוד.

פון 1919 אָן זיינען דערשינען זיינע נאָך דריי ביכער, אַ בוך „די גאָלדענע פּאַווע", אין 1923, און די צוויי בענד לידער וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „משה לייב האַלפּערן קאָמיטעט" אין 1934, צוויי יאָר נאָך האַלפּערנ׳ס פּריצייטיקן טויט. אָבער דאָס ערשטע בוך איז אַלץ געבליבן דער באַוויז פון האַלפּערנ׳ס גרויסקייט. האַלפּערן איז געווען אויסערגעוויינלעך פּראָדוקטיוו אין יענער צייט און זיין צווייט בוך לידער — „די גאָלדענע פּאַווע", אַ זאַמלונג פון 300 זייטן, איז דערשינען מיט פינף יאָר שפּעטער, אָבער דאָס צווייטע בוך האָט בלויז פעסטגעשטעלט, אַז די לידער פון דער ערשטער זאַמלונג זיינען געווען אַ נייער און אייגנאַרטיקער וועג אין דער אידישער פּאָעזיע, וואָס דער דיכטער האָט שפּעטער איבערגעזונגען מיט גרויס כוח.

אָט די ערשטע צוויי בענד לידער זיינען שוין לאַנג נישטאָ אויפן ביכער־מאַרק און דער פאַרלאַג „מתנות" פאַרדינט אַ וואַרעמען דאַנק, פאַר ווידער אַרויסגעבן די צוויי לידער־ביכער, וואָס מ׳קאָן מיט רעכט באַטראַכטן פאַר מ. ל. האַרפּערנס גרויסע ירושה. די צוויי בענד וואָס זיינען דערשינען נאָך זיין טויט, שטעלן מיט זיך פאַר אַן אינטערעסאַנטע שטודיע, פון אַ גרויסן דיכטער׳ס זיגזאַגן און שטרויכלונגען, אויף דעם אַנגעצייכנטן וועג וואָס זיין ערשט בוך האָט פאַר אים דורכגעשלאָגן. דער קלאַסישער האַלפּערן געפינט זיך אָבער אין זיינע ערשטע צוויי בענד לידער. ביים היינטיקן טאָג איז שוין קלאָר, אַז וואָס פאַראַ חשבונות די אידישע פּאָעזיע זאָל נישט פירן, און וואָס פאַראַ עקאָנאָמיעס

זי זאָל נישט איינפּירן, אין איר גרויסן אינוועטאַר, וועט זי מוזן איינשליסן האַלפּערנ׳ס ערשטן באַנד לידער און זי וועט אויך, נאָך אַ געוויסן איבערטראַכט, נישט אויסלאָזן „די גאָלדענע פּאַווע״. איך זאָג — איבערטראַכט, ווייל אין דעם צווייטן לידער באַנד איז שוין פאַראַן מער פסולת, אָבער אפילו אין דעם פסולת דערקענט מען נאָך, אַז ס׳קומט פון אַן עכטן פּאָעטישן שמעלץ.

משה לייב האַלפּערן האָט אַ סך מאָל באַוויזן, אַז ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די פּאָעטישע געדאַנקען פון די „יונגע״. די חברים פון זיין דור האָבן אָבער לאַנג קיין השפעה נישט געהאַט אויף אים. ער איז געווען צו אומ־געדולדיק מיט דער דיסציפּלין פון אַ פּאָעטישן אָטעם, וואָס זאָל קוים באַרירן דאָס וואָרט. ער האָט נישט מורא געהאַט אָנצוטרעטן אויפן וואָרט, ווען אים האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טאָן.

האַלפּערן האָט אויך נישט מורא געהאַט איבערצו׳חזר׳ן די „זינד״ פון זיינע פאָרגייערס, אין דער אידישער פּאָעזיע. ער האָט זיך נישט אויסגעהיט פון אַ פּראָזאַאישן אויסדרוק, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט עס שוין אַריינגליען אויפן ריכטיקן אָרט. ער איז געקומען צו דער אידישער פּאָעזיע מיט אַ סך קינדישן פּאָעטישן וואונדער, אָבער אויך מיט גאָר אַ סך קשיות, וואָס מען שטעלט זיי געוויינלעך אין פּראָזע. ער האָט בשום אופן נישט מורא געהאַט פאַר די קשיות, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז אויב אפילו ער איז נישט בכוח זיי צו פאַרענטפערן, וועלן די קשיות אַליין צוגעבן זיינע לידער און די לידער פון זיין דור אַ סך חן און האַפט.

אַן האַלפּערנען וואָלט שווער געווען צו באַנעמען דעם גאַנג פון דער גרופּע „יונגע״. ער האָט זיי, מיט זיין אָפּוויכן פון פּאָעטישן טאַקט, געמאַכט פאַר־שטענדלעכער און דערטרעגלעכער. די „יונגע״ האָבן גאָר אליין נישט געוואוסט, אויף וויפל זיי האָבן זיך געבויטיקט אין אַזאַ דערשיינונג ווי מ. ל. האַלפּערן, וואָס האָט מיט אַלע זיינע מיטלען געזינדיקט קעגן זייערע אַלע פּאָעטישע כללים. דאָס קול פון ווידערשפּעניקער האָט זיך גוט געהערט, און ס׳איז געווען קלאָר, אַז ער האָט געמוזט קומען, ווייל ער איז געווען אין דער טראַדיציע פון אידישן ליד, אין זיין ווייטער־גייענדיקייט — פון פרוגן און פרצן, דורך מאָריס ראָזענפעלדן און רייזענען.

האַלפּערנס דיכטעריש קול איז אַ צייט לאַנג געווען מער דאָס קול פון זיין דור, ווי דאָס ליד פון מאַני לייבן אָדער זישאָ לאַנדוין. די „יונגע״ זיינען גע־קומען מיט רוסישע איינפלוסן, און ווען אפילו זיי זיינען שוין אויך געווען באַ־קאַנט מיט די שפּעטערע לידער פון סאָלאָגובן, איז אָבער זייער גאַנצער צוגאַנג צום דיכטערישן וואָרט און בילד געווען אַ צוגאַנג פון אויפפרישערס פון אַן אַלט־געבאַקענעם פּאָעטישן סטיל. האַלפּערן איז געקומען מיט דעם

איינפלוס פון היינען, ליליענקראָנען און דעם גאַנצן ערב־עקספּרעסיאָניזם, וואָס נישט נאָר האָט ער זיך נישט געהיט פון אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ שאַרף, שטאַרק אָדער דיסאָנאַנטיש וואָרט, נאָר ער האָט געזוכט דעם דיסאָנאַנס ווי אַ נויטיקן צוגאָב, ווי אַ באַפרייאונג פון דעם דיכטערישן שאַ־שאַ.

אמת, אָט דאָס שטאַרקע וואָרט, אָדער בכלל דער טראָפּ אויפן מיינענדיקן וואָרט, מער ווי אויף דעם אָנענדיקן וואָרט, טראָגט אין זיך די גרויסע געפאַר פון אויפרייסן דאָס אייגענע ליד און אַרונטער פון די רעלסן, ווי מיר זעען עס בולט אין האַלפּערנ׳ס לעצטע לידער, ווען ער האָט זיך געפונען אונטער אַ גרויסן דרוק, וואָס אים איז שווער געווען אויסצוהאַלטן, אָדער בייצוקומען. דערפאַר אָבער ווען ס׳איז אים געלונגען צו האַלטן דעם באַלאַנס, ווען ער איז געווען דער פולשטענדיקער שר פון זיין ליד, איז ער געוואָרן דער עכטער אויסזינגער פון זיין דור, אפילו — און גראָד ווייל ער איז געווען דער אויס־שרייער פון זיין דור.

אין שייכות מיט די נאָר־וואָס דערשינענע לידער איז לייכטער צו שטו־דירן דעם גאַנצן האַלפּערן. ס׳איז גרינגער צו זוכן די שפּורן פון זיין דיכטע־רישער קראַפט אין די לעצטע לידער זיינע, און צו געפינען שפּורן פון זיינע שפּעטערדיקע חטאים אויך אין זיינע ערשטע לידער. יעדער דיכטער קומט גלייך מיט די חסרונות זיינע, וואָס ער פאַרוואַנדלט אין מעלות, אָבער די חסרונות וואָס ער קען נישט גובר זיין, בלייבן מיט אים און זוכן זיינע שוואַכסטע מאָמענטן. זיי זיינען ווי באַצילן וואָס דער געזונטער קערפּער טראָגט אין זיך, אָבער וואָס וואַרטן בלויז אויף אַ שוואַכן מאָמענט, כדי אונטערצוגראָבן דעם געזונטן באַלאַנס פון גוף.

אָט די גבורה פון אויסדרוק וואָס איז תמיד געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מ. ל. האַלפּערנען, האָט געפאָדערט אַ גרעסערן באַהערשונג־כוח ווי אַנדערע פּאָעטן, וואָס זיינען געגאַנגען אויף אַ גלייכער און זיכערער דיכטערישער בריק. ווען ער איז געווען ביי זיינע פולע כוחות, האָט ער געוויזן וואָס עס מיינט אַזוינס פּאָעטישער באַלאַנס. פון זיין ערשט ליד אין זיין ערשט בוך, דאָס ליד וועגן „אונזער גאָרטן״, מיט דעם צוזינג — „אוודאי אונזער גאָרטן. וואָס דען ניט אונזער גאָרטן״, ביז די לעצטע לידער פון „אַ נאַכט״, מיט דעם געוואַלטיקן אימפּעט פון נביאישער שרעק און שוידער־פאַראויסזעאונג, איז דער באַלאַנס צום גרעסטן טייל, אין דיכטערס האַנט. דאָרט וואו ער פאַרלירט מאָס, דעקט ער אויף זיינע חסרונות פון די שפּעטערדיקע לידער, ווען ער האָט אָנגעוואוירן דעם כוח זיך צו ווערן קעגן זיינע אייגענע שוואַכקייטן און שפּיצלעך, וואָס ער האָט געמיינט מיט זיי צו באַ׳חנ׳ען זיין ליד, אָבער וואָס ער האָט זיך מיט זיי אַליין אָפּגעטאָן.

עטלעכע שורות זיינען אין דעם נייעם אַרויסגאַב אויסגעמעקט אָדער רע־דאַקטירט געוואָרן. די סענטימענטאַלע האַלפּערניסטן וואָס ווילן דווקא אויסזוכן די אָריגינעלע שאַרפע שורות, וועלן עס געפינען אין די ערשטע אַרויסגעבן, פון 1919, 1924 און 1927; אָבער אפילו זיי וועלן איינזען, אַז די קליינע אויס־בעסערונגען זיינען מער אין גייסט פון האַלפּערנ׳ס באַלאַנסירטקייט. הלוואי וואָלט דער פאַרלאַג „מתנות" אויך געווען אויסגעמעקט די וואולגאַרע שורות פון „אַ נאַכט", וואָס מאַכן אַ תל פון האַלפּערנ׳ס עכטן פּאַטאָס, און וואָס דערלויבן אים צו געבן אַ גרילצנדיקן לאַך און פייף, אינמיטן דעם יאָמער. ס׳רעדט זיך וועגן די שורות וואָס שטעלן אויף אַ מאָמענט די גאַנצע אויפ־ריכטיקייט פון פּאָעט — אונטער אַ פרעג־צייכן. אָבער די שורות זיינען דאָך געווען נישט מער ווי אַן אויסגליטש, וואָס האָט געמעגט אויסגעלאָזט ווערן. —

אָנגעוואָרן האָט דיין ברודער
נעבעך ביידע הענט אין שלאַכט.
קאָן ער זיך שוין מער ניט קראַצן —
נעמט אים ניט קיין שלאָף ביינאַכט.
ווער וועט פאַר אים דאַוונען איצטער ?
ווער וועט תפילין לייגן — ווער ?
און מיט שיקסע־בריסט זיך שפּילן,
קאָן ער דאָך שוין אויך ניט מער.

דאָס ביסל גאַלגאַן־הומאָר, האָט אויך געמעגט פאַרטושט ווערן, ווייל דער פּאָעט וואָלט אויסגעהיילט געוואָרן פון זיינס אַן אייגענער, ערנסטער זינד, וואָס איז אין דעם בוך און אויך אין עטלעכע שטעלן פון זיין צווייט בוך — „די גאָלדענע פּאַווע", אַן אַדערויף, אויף אַ סך לידער פון די לעצטע צוויי בענד, וואָס זיינען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „פרייהייט" דורך דער טרויעריק באַרימטער עפּאָכע זיינער פון די אַזויגערופענע „גראָבע רייד". די רייד זיינען געווען נישט מער און נישט וויניקער ווי אומקאָנטראָלירטע רייד און שלעכט־באַלאַנסירטע און בייזע לידער, וואָס די בייזקייט איז אייגנט־לעך געווען אויף זיך אַליין, פאַר חטאים פון נאָכגעביקייט.

די חסרונות פון מ. ל. האַלפּערן, אויף וויפל זיי האָבן אים געשטערט אויפן וועג פון זיין אמת׳ער גרויסקייט, זיינען אַ שטודיע פאַר זיך אַליין. זיי זיינען גיכער אַ סאָציאַלע שטודיע ווי אַ פּאָעטישע, ווייל דער פּאָעטישער טאַלאַנט זיינער איז געווען אונטער אַ שטאַרקער פאַרטונקלונג דורך די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן בלויז עטלעכע מאָל דערהויבן און געוויזן, אַז ער איז גרייט זיך צו באַפרייען פון די פּענטעס, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אויף זיין ליד, אָבער אים האָט פאַרפעלט אָטעם, און אפשר גאָר פי־

זישער כוח, ווי ער האָט עס אַזוי טראַגיש באַוויזן, ווען ער איז פון אונז אַוועק־געריסן געוואָרן אין עלטער פון זעקס און פערציק יאָר, דעם 31טן אויגוסט 1932.

מ. ל. האַלפּערן וועט אָבער תמיד געמאָסטן ווערן מיט די לידער פון זיין עכטער דיכטערישער ירושה. אין יענע לידער קומט צום אויסדרוק זיין וויזיע, פּאַטאָס, זיין געוואַלטיקער ריס צו וועלן זיין דער דיכטער פון ביטערער שיינ־קייט און אמת׳ער פּאָעטישער סענטימענטאַליטעט, וואָס קוועלט אַרויס פון אַ קלאָר קינדיש געמיט; נישט אין די שורות וואָס ער וויל אונז מיט זיי איבער־ראַשן, נאָר אין די שורות וואָס ער אַליין זינגט זיי אויס ווי אַ פאַרוואונדערטער. האַלפּערן דער פּאָעט האָט געזוכט צו פאַרטרייסטן אין זיך די מורא פאַרן טויט און די שרעק־וויזיע פון אונטערגאַנג. דערפאַר מאָלט ער זייער אָפט זון־פאַרגאַנג, מיט די פאַרשידנסטע קאָלירן. אָבער אין די לידער וואו ער גנב׳עט אַריין זיין אייגענע שרעק, ווערט ערשט פאַרשטענדלעך דער בראַוואַדאַ־טאָן, וואָס ער שטעלט אָן אין אַנדערע לידער. דאָס זיינען אַנטלויף־מאָמענטן פון שרעק און צער. אָבער דער אמת זיינער ליגט סיי־ווי אומעטום, סיי אין די בראַוואַדאַ־רייד, וואָס לאָזן זיך לייכט אַרונטערשיילן, סיי אין זיינע רירנדיקע סענטימענטאַלע רייד:

וואָס ווייסטו נישט? איך גיי דאָך שוין אַוועק פון דיר.
זאָל זיין פון גאָט געבענטשט דאָס האַרץ וואָס וועט נאָך מיר
אַזוי דיך ליב האָבן, ווי איך האָב ליב געהאַט.
זאָל זיין פון גאָט געבענטשט דער מאַן וואָס האָט די ווערט
צו נויגן זיך פאַר דיר — דעם שטערן — ביז צו דר׳ערד,
ווי איך האָב דאָס געטאָן אין האַרצן שטילערהייט.

„אין האַרצן שטילערהייט" איז דער שליסל צו די מייסטע לידער האַל־פּערנ׳ס, ווי ער זאָל זיי נישט וויקלען אין „שטורם און אין דראַנג". אָבער דער „שטורם און דראַנג" זיינער איז אויך געווען דער בויטיקער אויסדרוק פון זיין צייט, וואָס האָט געזוכט צו פאַרפּאָעטישן די פּראָזע פון זיין דור, אָדער פון אַ דור פריער, און וואָס האָט געוואָלט געבן די מוזיק פון אונזער געמיט.

מען קאָן, אויב מען וויל, געפינען אין האַלפּערנ׳ס לידער אַ גרויסע שייכות מיט דער דזשאַז־מוזיק פון אַמעריקע, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די זיפצנדיקע „בלוס" און די אַמעריקאַנער טאַנץ ריטמען. אין האַלפּערנ׳ס לידער איז פאַראַן רייכער אַמעריקאַנער ריטם. דער דזשאַז איז נישט אַרונטער־געפאַלן פון מאַרס, נאָר האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט, ביז ער האָט אַרויס־געפּלאַצט אין אַ דזשאַז־עקסטאַז אין די צוואַנציקער יאָרן.

אין האַלפּערנ׳ס ערשטע לידער זעט מען די שטופנווייזע אַנטוויקלונג

פון דזשאַז־ריטמען, וואָס האַלפּערנ׳ס אויערן האָבן פאַרנומען. נישט אומזיסט האָט אים אינטערעסירט דער „גאַסן־פּויקער״, די פּויק שפּילט אַ גאַר וויכטיקע ראָלע אין דזשאַז־מוזיק. אפילו אין זיין פּאָעמע „אַ נאַכט״ זיינען פאַראַן אַ סך דזשאַז־מאָטיוון.

אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערע שטודיע, וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלן צוגאַנג צו דער מוזיק פון האַלפּערנ׳ס ליד. האַלפּערן איז געווען אַ סך מער אַמעריקאַניש, ווי ער האָט עס אפשר אַליין געוואוסט, אָדער געוואָלט מודה זיין. ער האָט געהאַט צו אָפענע אויגן און אויערן, אַז ער זאָל דאָס נישט ווערן. אַ צאָל פון זיינע לענגערע און אויסגעצויגענע לידער זיינען ווי די אימפּראָוויזאַציעס אין דזשאַז־מוזיק, וואָס ציט זיך ערגעץ צו אַן אומבאַוואוסטן פאַר־אויס, און וואָס דער עיקר איז דער טרויעריקער גאַנג אַליין און דאָס געוויין פון מענטש, וואָס גייט אָן אַ ציל און וואָס זיין אומבאַגרעניצטע פרייד קומט אויך פון אַ טרויעריקן מקור, וואו מענטש און חיה שפּיגלען זיך צוזאַמען.

הער איך אַרומגיין אין אַלקער ביי מיר,\
אַהין און אַהער, צווישן פענצטער און טיר —\
טראַכט איך, ווער האָט זיך די חוצפּה גענומען\
אין מיטן דער נאַכט אין מיין אַלקער צו קומען ?\
טראַכט איך און טראַכט, אפשר דער, אפשר דער,\
דאַכט זיך מיר אויס, אַז די טריט וואָס איך הער,\
אַז דאָס איז מיין זיידע, וואָס קומט מיך צו שטראָפן —\
צו פרעגן פאַרוואָס איך בין ווידער אַנטלאָפן.

אָט דער ריטם איז דזשאַז, און די מוזיק איז דער מוזיקאַלישער טעמפּ פון דער נייער אַמעריקע, וואָס מ. ל. האַלפּערן האָט אויפגעכאַפּט אויף די פליגל פון זיין אידיש ליד.

1955

ז. סעגאַלאָוויטש

דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן ז. סעגאַלאָוויטש, וואָס איז געוואָרן דער באַזינגער און באַקלאָגער פון פוילישן אידנטום, איז דורך ארץ ישראל געקומען צו אונז שטאַרבן אין ניו־יאָרק. אין דעם אַליין ליגט אין מיניאַטור די געשיכטע פון אַ גרויסן טייל פון אונזער פאָלק און די ביאָגראַפיע פון איינעם פון אונזערע וויכטיקסטע שרייבער. מיט זיין טויט איז אויף אונזער היגן בית עולם איינגעפלאַנצט געוואָרן פרומע, פויליש־אידישע ערד. דער אויסגעדאַר־טער, הויכער, סקעלעטישער איד מיט די וואָרעמע און פאַרשטייענדיקע אויגן האָט סימבאָליזירט די טויטע אידישע ערד, וואָס פון איר איז געבליבן נישט מער ווי געוויין.

ביאַליסטאָק איז פאַר אַ סך פוילישע אידן ממש געווען טיף־רוסלאַנד, אָבער ווער איז נאָך געוואָרן אַזאַ פוילישער איד, ווי דער „רוסישער" יונגער־מאַן, וואָס האָט אין פוילישן אידנטום געפונען זיין רעליגיע? ער האָט נישט נאָר געגלויבט אין פוילישן אידן, נאָר דאָס גאַנצע פוילישע אידנטום איז פאַר אים געוואָרן געפונענער גלויבן — ער האָט זיך באַקערט צום פוילישן אידנ־טום. בטבע, אַן אומרואיקער האָט דאָס אידישע פוילן אים געגעבן מאַנאַסטישע רו. ס'איז פאַר אים געווען דערהאַלונג, ווי פאַר אַ שווינדזיכטיקן געבענטשטע און היילנדיקע לופט. ער האָט געאָטעמט מיט דעם און געלעבט מיט דעם. ער האָט געזען אין פוילישן אידנטום אַ רמז אויף דער באַרואיקטער אייביקייט, וואָס ציט יניקה פון דעם גרויסן אידישן פאַרצייטנס.

ווען סעגאַלאָוויטש איז געקומען צום אידישן פוילן איז ער געווען דער געפינער פון ערד, פון ערד וואָס מ'לעבט שוין אויף איר דורות — און וואָס ניסים'דיקער דאָס לעבן אַלץ געזאַנגיקער און הייליקער איז עס. אַקוראַט אין אַזאַ ערד האָט זיך זיין געמיט געגויטיקט: אין אַ רואיקער, אַפּאַטישער אָבער פאַרוואָרצלט־גלויבנדיקער ערד פון משפחה־קייטן; אַן ערד וואו פרץ און נאָמבערג און וויסנבערג און אַש זיינען געווען נאַטירלעך פאַרבונדן מיט די פאַרשולטע און פאַרשטיבלטע אידן, מיט זייערע לעבעדיקע מיילער, מיט זייערע גרויסע בטחונ'ס און קליינע זינד. אַקוראַט אויף אַזאַ ערד האָט סע־גאַלאָוויטש געקענט זיצן און זיין אַ שריפטשטעלער, אַ רואיקער, געמיטלעכער, פלעגמאַטישער געקרוינט־און־געלויבטער שריפטשטעלער.

ווען דאָס אַלץ איז חרוב געוואָרן איז סעגאַלאָוויטש געלאָפן פון דאָרט א גוסס. ער איז נישט געווען קיין געראַטעוועטער פליט אין דעם געווייגלעכן זין. ער איז געבליבן בוכשטעבלעך אויפן שוועל פון טויט. דער פויליש־אידי־שער קינסטלער האָט זיך אַנגעטאָן אַ כוח, כדי צו לעבן און קלאָגן. דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס קיין ליטעראַטור האָט נאָך נישט געזען. ער האָט נישט געלעבט פאַרן לעבן, נאָר פאַרן הספד און קדיש. אַ הויכע, שלאַנקע נשמה, איבערגעצויגן מיט אַזויפיל ענלעכקייט אויף הויט־לעבן אויף וויפיל ס׳איז נויטיק, כדי נישט אינגאַנצן אַוועקצושרעקן די לעבעדיקע, איז ער געגאַנגען צווישן אונז און געקלאָגט און געשריגן.

דאָס פּוילישע אידנטום האָט דעם שליח ציבור אירן געשיקט אין דער וועלט, כדי ער זאָל אויסקלאָגן זיין איכה. די גאַנצע שעפערישע רו, וואָס האָט אין אים אַמאָל קינסטלעריש געגליווערט, איז אויפגעטרייסלט און אויפגע־שוידערט געוואָרן. דער אַמאָל־לעבעדיקער קינסטלער האָט דאָס פּוילישע אידנטום אַנגענומען ווי אַ געבענטשטן און איביקן המשך און ער האָט רואיק געשריבן, ווייל אויף אים איז נישט געלעגן דער גאַנצער עול לגמור. ער האָט געוואוסט אַז ער איז אַ רינג אין דער קייט. ער איז געזעסן צווישן זיין פאָלק פון שרייבערס און לייענערס און ער האָט געלאָזט הערן זיין אייגן, ליב און ליריש קול, זיין אייגענע אַביסל פאַרנאַרישטע קלוגשאַפט. ער איז געווען ביידע, דורכנעמענדיק־קלאָר און נאַריש־יוגנטלעך, ווי מ׳דאַרף זיין פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך מיידלעך און אינגלעך, וואָס ליבן זיך, לייענען ביכלעך און חלומ׳ען.

אָבער ווען ער האָט פּלוצים דערזען דעם טויט אַרום זיך אַזוי חורבנ׳דיק, האָט די גאַנצע קינסטלערישע גלויביקע און שעפערישע רו גענומען שרייען מיט קולות פון מיליאָנען און ער איז געוואָרן דאָס קול פון פאָלק, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער מוז זיך איצט אונטעראײלן, ווייל ער איז אַ פאַר־ענדיקער.

סעגאַלאָוויטש וואָס האָט פאַרמאָגט אַזויפיל גלויבן אין דעם לעבן און אין דער צוקונפט פון פּוילישן אידנטום, איז דערוויילט געוואָרן צו זיין דער וואָס האָט אונטערגעצויגן דעם טויט־סך־הכל. קיינער האָט אַזוי רואיק נישט גע־גלויבט ווי ער און דערפאַר האָט קיינער נישט געקענט אַזוי טיף און אויפ־טרייסלנדיק יאָמערן ווי ער. ס׳איז ווי די גאַנצע טויטע עדה וואָלט געשריגן צו אים: דו האָסט געגלויבט אין אונז, געגלויבט דורך אונז און איצט זע דעם חורבן, בן אדם, נעם און קלייב צוזאַמען אונזערע אַלע דערשטיקטע גע־שרייען, הער דעם געיאָמער פון קליינע קינדער וואָס זיינען געפירט געוואָרן צו פאַרטיליקונג, הער זיך איין אין אונזער געוויין, וואָס האָט קיין ערד נישט

און אפילו נישט קיין קברים און ווײַן עס אויס, כדי ס׳זאָל כאָטש נאָך אונז בלײַבן אַ זכר פון תּפֿילה און קלאָג. ווער דו דער קדיש־זאָגער.

דער רואיקער סעגאַלאָוויטש, דער מעשׂיות־שפּינער, דער פּאָעט פון קורצע לירישע געזאַנגען, דער זיכערער, דער פֿאַרגלויבטער אין זײַן אייגענעם גלויבן, איז קיינמאָל נישט געווען, האָט נישט געקענט זײַן אַזאַ גרויסער קינסטלער־שליח, ווי ער איז געוואָרן, ווען ער האָט געקראָגן די שליחות פון אַזויפיל טויט און אומבערענג.

אויף סעגאַלאָוויטשן איז תּמיד געלעגן דער חותם פון דעם שריפטשטעטער, וואָס האָט אַ באַזונדער לעבן און וואָס פֿאַרמאָגט אַן אייגענע געגנושאַפט. זײַנע אַלע קינסטלערישע אַמביציעס זײַנען באַפרידיקט געוואָרן דורך דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט מער, ווי ער האָט געקענט און ס׳האָט אים נאָר געוואונדערט און היפּש ווײ געטאָן, וואָס קאָלעגן באַאומרואיקן אים דורך זייער אומצופרידנקייט מיט זײַנע פֿאַררונדלטע דערגרייכונגען. אַזאַ אומצופרידנקייט איז פֿאַר אים געווען אַ רוף צו גרעסערע פֿאַרמעסטן, אָבער זײַן גאַנץ געמיט איז געווען קעגן דעם, אַז ער זאָל לייגן צופיל לאַסט אויף זיך. ער האָט געוואוסט אַז ער טוט זײַן פליכט לויט זײַנע כּוחות, וואָס זײַנען געווען גאַנץ באַדייטנדיקע. ער האָט פּשוט נישט געוואָלט לײַדן פון קיין טיפֿערער אומרו, ווי די וואָס איז אים באַשערט געווען און וואָס איז געווען די מאָס פון זײַן טאַלאַנט און פון זײַן לײַכטער, פֿאַלקישער באַטראַכטונג. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פּראַקטישע פּרוקטבאַרקייט, אַזאַ פּרוכטבאַרקייט ווי ס׳פֿאַרמאָגן אַ סך פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער, וואָס ווייסן אַז זיי האָבן לייענערס; אַז די לייענערס וואַרטן אויף זייערע ביכער און אַז די ביכער באַצאָלן זיך און גיבן זיי די געלעגנהייט אָנצוהאַלטן דעם פֿאַר׳כּישופֿ׳טן קרייז, וואָס אין אים ווערט אָפּט פֿאַרלוירן דער שרײַבער וואָס האָט קיינמאָל קיין צײַט נישט אָפּצוכאַפּן דעם קינסטלערישן אָטעם.

ביז ס׳איז געקומען די גרויסע אויפטרייסלונג וואָס האָט סעגאַלאָוויטשן אַרויסגעפירט פון אָט דעם פֿאַרכּישופֿ׳טן קרייז. ער האָט פּלוצים דערזען, אַז ער האָט שוין פֿאַר קיינעם נישט צו שרײַבן. ער האָט דערשפּירט אַז אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן איז אויסגערונען, אונטערגעגאַנגען. עס זײַנען אונטערגעגאַנגען אפילו די עדות, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט זײַן שרײַבן און זיך געגנויטיקט אין דעם. ער איז געווען אַליין מיט זיך, צום ערשטן מאָל אין אַ לאַנג ליטעראַריש לעבן. ער האָט נישט געהאָט פֿאַר וועמען צו שרײַבן און געוואוסט, אַז פון איצט אָן און ווײַטער מוז ער זיך אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין און אויף דער אומזיכערקייט פון יעדער טאָג, וואָס גיט אים מער ניט קיין קינסטלערישע באַשטעלונג, וואָס קען מער נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין

דעם איידעלן ברויט מיט האָניק, וואָס פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער קריגן אומ־דירעקט פון זייערע דאַנקבאַרע לייענערס.

ער האָט גענומען שרייען גוואַלד אויף דעם גרויסן אונטערגאַנג און ס׳איז אין דעם גוואַלד געלעגן דער כוח פון אַ פאַרשפּעטיקטן, אָבער שטאַרק קאָנצענטרירטן חשבון הנפש, וואָס די צייט האָט גורם געווען. ער איז גאָר נישט גרייט געווען פאַר אַזאַ פּלוצימדיקן איבערברוך. יעדער קינסטלער לייגט זיין נויטיקן איבערברוך אָפּ אויף מאָרגן און איבערמאָרגן, ווייל אים איז באַקוועם מיט זיין אָנגעזאַמלטן האָב און גוטס און מיט זיין נישט צו־ריזיקאַ־לישן, אויסגעטראָטענעם טאַלאַנט, וואָס ער האָט אויסגעשולט אין משך פון יאָרן און וואָס ער האָט געצוואונגען גיין אין שפּאַן.

פּלוצים האָט סעגאַלאָוויטש אומדערוואַרט דערשפּירט, ווי דער איבער־ברוך איז אויף אים אַרויפגעוואָרפן געוואָרן, און דווקא דורך אַ גרויסן, פינס־טערן, אומבאַצייכנטן בית הקברות. ער איז שוין גאָר נישט געווען זיכער אין זיין גאַנצער אָנגעזאַמלטער פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַרישער חכמה, ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט שרייען אני שלמה פאַר אַ וועלט, וואָס וועט זיך אויס־לאַכן פון זיין גאַנצער טאָג־טעגלעכער פּרנסה־ליטעראַטור.

ער האָט געשריגן גוואַלד און אפילו נישט געוואוסט, אויב דאָס וואָס ער שרייט איז שוין דער פּראָדוקט פון זיין גרויסער איינזאַמקייט, פון זיין קינסט־לערישער סיעסטאַ, מ׳שטיינס געזאָגט, אָדער ס׳איז בלויז די איינזאַמקייט אַליין, די גוסס׳דיקע מיטשטאַרבנדיקע איינזאַמקייט, וואָס איז ווי בענקשאַפט פון אַלטע, צעבראָכענע אינוואַלידן, נאָכדעם ווי עס שטאַרבן זייערע נאָענטע פריינט און זיי אַליין דערזעען זיך עלנט און הילפלאָז.

סעגאַלאָוויטש האָט אין זיין לאַנגער קאַריערע גענומען דעם לייענער זיי־נעם און באַטראַכט ווי אַן אָפּנעמער, אַ פאַרברויכער. ער האָט אויף אים אַרויפ־געצוואונגען זיין עלעגאַנטע, אין תוך זעלבסט־צופרידענע מעלאַנכאָליע, אָבער ער האָט אים נישט צופיל געפּאַרשט, ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף זיינע געשמאַקן, ער האָט אים געגעבן, אָבער ער האָט ביי אים ווייניק גענומען. ער האָט אים געזען אַרום זיך און געשעפּט יניקה בלויז פון דעם האַרציקן, לע־בעדיקן טומל, וואָס די פּוילישע אידן האָבן געמאַכט. ער האָט, מסתמא אין זעלטענע מינוטן פאַר זיך פאַרצייכנט, אַז מען דאַרף קומען נענטער צום פאָלק, מען דאַרף נידערן טיפער, אָבער ער האָט געלעבט אין אַזאַ שרייבערישער לייענער־זעטיקייט, וואָס איז געווען ווי אייביקע יוגנט. פאַר זיינע לייענערינס איז ער קיינמאָל נישט געווען אַלט, פאַר זיינע לייענערס האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין יוגנטלעך. גאָר אומגעריכט האָט ער זיך דערזען אַלט און איינזאַם. אומדערוואַרט און נישט־צוגעגרייטערהייט האָט אים דער

חורבן דערלאַנגט אַ בליישטיפט אין האַנט און אים געצוואונגען מאַכן דעם סך־הכל.

ס׳האָט געזאָלט זיין אַ נעגאַטיוועער סך הכל. נישטאָ! ס׳האָט אפשר געזאָלט זיין אַ פריוואַטער סך הכל, אָבער מיט דעם כוח פון דעם דאָזיקן באַשיינפּער־לעכן עלנט האָט ער דעם פריוואַטן אונטערשטריך פאַרוואַנדלט אין אַ הימל־שרייענדיקן, הימל־שפּאַלטנדיקן חשבון מיט זיך, וואָס איז געוואָרן דער חשבון פון אַ גאַנץ פאָלק און אויף אַלע אידישע דורות.

אין זיין „נישטאָ" איז אפשר פאַראַן מער דאָ־באַוואוסטזיין פון אַ לעבן, וואָס איז ערשט געווען, ווי אין דעם גאַנצן לעבעדיקן צושטייער זיינעם, וואָס איז געווען פלעגמאַטיש פאַרגליווערט. אין דעם גוואַלד ווערט אויפגעלעבט אַזויפיל פאָלקס־געוויין און צער, אַז דער קינסטלער ז. סעגאַלאָוויטש האָט אין זיין קול דערהערט דעם רעליגיעזן ציטער, וואָס ער האָט אַלעמאָל געוואָלט אַריינגיסן אין זיינע ווערק און וואָס ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין אָפּלייגן, אויף שפּעטער, ווי ער וואָלט זיכער געווען מיט אייגענער אריכת ימים און מיט דער אייביקייט פון פאָלק. אין זיין „נישטאָ" איז פאַראַן עפּעס פון דער אויפגע־פלאַמטער קינסטלערישער גבורה פון אַ שמשון אויף דער עלטער, וואָס האָט בלינדערהייט אַ טרייסל געטאָן די זיילן פון אידישן קלאָג־נוסח. ער האָט אַלעמאָל פאַרמאָגט אַ פשטות, אָבער זי איז געווען אַ רואיקע. דאָס מאָל איז זיין פשטות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם קאָלעקטיוון אויסגעשריי פון טויטע משפחות, וואָס האָבן געיאָמערט אין זיינע זאַגערישע פּסוקים.

ער האָט אויסגעוויינט אַלע זיינע, און אפשר אויך אונזערע טרערן, און אין זיין לעצטן בוך „איצטער" האָט ער דערפאַר שוין נישט מער ווי געזיפצט וואַריאַנטן אויף דער זעלביקער טעמע.

ווי בלייך געוואָרן זיינען אַלע פראַגן
פון ביכער פיל, פאַרשריבענע פאַפּיר:
אַ פופצניעריקער באַפרייט פון לאַגער
קען מערער איצט דערציילן ווי שעקספּיר.

(„איצטער", זייט 11).

אָבער צוזאַמען מיט די פראַגן זיינען אויך בלייכער געוואָרן די וואַר־יאַנטן אויף דער חורבן־טעמע. ער האָט כמעט ווי אויסגעליידיקט זיין גאַנצע גרויסקייט. ער האָט זיך אויסגעשריגן און ער איז געבליבן אַ הייזעריקער קלאָגער, הגם ס׳האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט זיינע פאַרשטיקטע זיפצן אויפן טויט פון „דריטן" איד.

ער איז נישטאָ, ער איז אַוועקגעקומען
ביי מאַן און פרוי, ביי ברודער און ביי קינד.

עס פעלט דער דריטער איד צו אַ מזומן,
ער פעלט, ער פעלט אין יעדער הויזגעזינד.

(„איצטער“, זייט 13).

אין דעם לעצטן באַקלאָגן האָט זיך שוין געפילט אַ רעזיגנאַציע צו אַ גרויס פינסטערניש. דער אויפגעוואַכטער גרויסער כוח האָט זיך אויך איינ־געבראָכן. וויפיל גרויסקייט אַזאַ קען אויסהאַלטן אַ שוואַכער גוף! וויפיל איכה׳ס קען איין מענטש, דאַרף איין מענטש אָנשרייבן? און ווי איראָניש און אפשר אכזריות׳דיק ס׳זאָל נישט קלינגען — סעגאַלאָוויטש האָט זיך אויך קינסטלעריש באַרואיקט. ער האָט געשפּירט אַז ער איז זיי דאָרטן געווען אַ גור־טער ווײנער — זיי וואָס האָבן אים געגעבן אַזויפיל אָנערקענונג. ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות און מיט מער פון זיינע כוחות, זיי אָפּגעצאָלט אַ חוב. ער האָט אוודאי געוואוסט אַז די טויטע זיינען נאָך צו־ווייניק באַקלאָגט:

צו ווייניק זיי, די הייליקע, באַקלאָגט.
פון גאָרער ערד די בלומען צונויפנעמען,
אַ קדושה־קראַנץ אַוועקלייגן פאַר זיי.

(זייט 59).

אָבער וואָס נאָך קען איין מענטש אין זיין העכסטער דערהויבנקייט זאָגן? וואָס נאָך קען אַ „ליד־מענטש“ אויפטאָן?

אַ ליד־מענטש איז ווי אַ בעל־תפילה אַ פרומער

(זייט 65).

אָבער דער בעל תפילה האָט געוואוסט, אַז די נשמה אין אים איז שוין געווען טויט. זי האָט זיך אָנגעצונדן, אויפגעפלאַמט, ווייל אַזוי האָט מען אויף דער נשמה גוזר געווען, אָבער אפילו זיצנדיק אין צפת, האָט ער געשפּירט, אַז זיין פאַרלאָשענע נשמה האָט שוין אַלץ אָפּגעטאָן אויף דער וועלט. ער האָט געפילט די הייליקייט פון נייעם לאַנד, געהערט די טריט פון אידישן עבר, אָבער ער האָט בלויז געוואָלט צעגיין אין דעם אַלעמען, אַריינזינקען, פאַר־שווינדן.

פאַרנעם מיך, כנרת! איך טונק מיינע בליקן
אין וואַסערן דיינע, אין בלויקייט דערקוויקן
איך וויל ווי דער וואָלקן זיך שפּיגלען פון אויבן
אין דיינע קאַלירן, אין דיר זיך צעשטויבן.
אַ מענטש קאָן ניט קריגן קיין נייע נשמה
און איך בין צעשמעטערט פון מאָרד און מלחמה.

(זייט 67).

און ניו יאָרק האָט אים אוודאי און אוודאי נישט געקענט געבן די נייע נשמה. דאָ איז דער פאַרלאָשענער קדיש־זאָגער געזעסן און צוריקגעוואַנדערט אין געדאַנק כאָטש צום פּראָפעסיאָנעלן שריפטשטעלער פון אַמאָל, וואָס האָט דערציילט וואונדיירים פון אייגענע ליטעראַרישע זיגן. ער האָט געזוכט צו שאַפן אַרום זיך אילוזיע פון שריפטשטעלערישער אַריסטאָקראַטיע, מיט אַלע קאַפּריזן פון אַ פּרינץ אין גלות; אָבער מיר דאָ זיינען אפילו אין די שענסטע צייטן קיינמאָל נישט צעפּיעסטשעט געוואָרן און ס׳איז אונז שווער געווען צו זיצן מיט אַן איינזאַמען און פאַרוואַגלטן פּרינץ, וועמענס איינזאַמקייט איז דערפאַר געוואָרן נאָך מורא׳דיקער.

כ׳האָב געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר אים. כ׳האָב געשפּירט, אַז ס׳איז צווישן אונז געזעסן אַ קינסטלער פון אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט פאַרענדיקט זיין לעבן, ווי אַ דיכטער, אַ קדיש־זאָגער.

אויב איך האָב געהאַלטן אין ערלעכן נדר,
אויב מיר איז אַ מצווה פאַרבליבן פון חדר,
אויב איינעם געהאָלפן מיט ריינע כוונות —
זאָל איצט מיר דאָס העלפן אין צער און רחמנות.
אַ קדיש פאַר זיי זאָל אונז ביישטיין און שוועבן,
פאַר די וועלכע האָבן געשאָלטן דאָס לעבן

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קדיש, יתגדל, פאַר אונזערע כלות,
פאַר אַלע עקידות, פאַר שטאַרבן אין טלית.

(זייט 111).

כ׳האָב געפילט, אַז אַריינפאַלנדיק אין טאָן פון אונזער טראַדיציאָנעלן געוויין איז ער אַליין געוואָרן אַ טייל פון אונזער סידור׳דיקער טראַדיציע.

איך בין באמת גליקלעך, וואָס כ׳האָב עס אים נישט איינמאָל געלאָזט דערשפּירן, כאָטש מיר האָבן זיך אַזוי ווייניק געזען און כ׳האָב אַזוי זעלטן געטיילט מיט אים טישלעך אין די קאַפייען, האָט ער געוואוסט אַז כ׳באַטראַכט אים פאַר איינעם פון די געטרייסטע יתומים פון פוילישן אידנטום.

פון אייערע צרות וועט אויסוואַקסן אַ טורעם
און אויפן טורעם וועט זיך באַווייזן גאָט.
מען ווייסט נאָך ניט אין וועלכער צייט, פון וועלכן שטורעם,
מען ווייסט נאָך ניט אין וועלכן לאַנד, אין וועלכער שטאָט.

מען וועט דאָרט ברענגען גרויסע פעק פון אַלע פיינען.
צוויי אַלטע שטולן וועלן שטיין פון אויבן־אָן —

אויף איינעם וועט זיך גאָט אַוועקזעצן און שיינען
און אויפן צווייטן אַ איד פון נאַלעווקער ראַיאָן.

(זייט 180).

דאָס ליד האָט ער געשריבן אין תל־אביב. דווקא אין ארץ ישראל האָט ער געשטעלט אַ מאָנומענט דעם נאַלעווקער איד. און נאָך עפּעס האָב איך גע־וואוסט, אַז אַן איינזאַמער, אין ניו יאָרק, איז געזעסן איינער פון די גע־טרייסטע נע־ונד שליחים פון אידיש.

מיין אידיש איז פון אידישקייט, פון פאָלק, פון פּראָצע־לייט,
פון וועבערס, וועלכע וועבן אונז טליתים אויס פון זייד,
פון בשמים קלייט, פון שניט־געוועלב, אין וואַלד־מסחר פּאַרטאָן —
אַ הייליקע נישט־הייליקייט וואָס קריכט נישט אויבן אָן.

דאָס דאַרף דאָך זיין אַ כבוד־זאַך צו רעדן אונזע שפּראַך —
מיט פּסוקים און מיט אויסדרוקן פון חומש און תנ״ך,
אַ שפּראַך פון שאלות פסק׳נען, פון היימישקייט אין מאַרק,
פון אויסדויער און אויסטראָגן אַ גלות אויפן קאַרק.

(זייט 255).

די שפּראַך האָט אים וואונדערלעך געדינט, ווען ער האָט געזאָגט קדיש נאָך די „נאַלעווקער" אידן פון גאַנץ פוילן. ער האָט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן אָנגעהאַלטן דעם וואַרעמען געמיש פון די אַלע נשמה׳דיקע טיילן, וואָס האָבן אונזער לשון צוזאַמען מיטן פאָלק געגעבן דעם אויסדויער צו טראָגן אַ גלות אויפן קאַרק. מיט די קלאָג־לידער האָט ז. סעגאַלאָוויטש געגעבן אידיש אַ גרויסן תיקון און אריינגעשריבן אידיש־איכה אין דעם אַלטן, אייביקן ספר אונזערן.

1949

יוסף ראָלניק

ווען ראָלניק איז שוין געווען אַ רייפער פּאָעט האָט ער נאָך אַלץ מער גע־טרויט זיינע דערמאָנונגען ווי מענטשן. זיין קינדהייט אין דער ליטע איז זיכער נישט געווען קיין מילך און האָניק, אָבער ער האָט צו איר אַרויס־געוויזן אַ סך צוגעבונדנקייט און ער האָט אַפילו אַנטוויקלט אַ מאָראַל פון רייזעניסטישער נייטראַליטעט.

ליטע מיין שטיביקע וויגל
ס'נעמט מיך אויף דיר אַ פאַרדראָס:
שילטן, — ווי טאָר מען, אַ מאַמען?
בענטשן — ניטאָ דיך פאַרוואָס...

אַט דאָס צווייאיקע געפיל, אַז ס'איז נישטאָ פאַרוואָס צו בענטשן, אָבער מ'טאָר די מאַמע־ליטע פון זיינע דערמאָנונגען נישט שעלטן, האָט יוסף ראָל־ניק פרי קולטיווירט און ער האָט איינגעראַיקט זיינע געדענקטע לאַנדשאַפטן אין זכרון. ווען נישט אַט די לאַנדשאַפטן, וואָלט ראָלניק זיכער אונטערגעגאַנ־גען. אמת, ער האָט זיך באַקלאָגט אין אַ צווייט ליד וועגן זיין ליטע:

פלאַכע פעלדער, צו פרי האָט איר
זיך געלאָזט צו מיר דערקאָנען;
ווערט מיר פוסט אין האַרצן — האָב איך
גאָרניט וואָס זיך צו דערמאָנען.

אָבער אַרום דעם גאָרניט האָט ראָלניק אויסגעשפּונען אַ לאַנגווייל, וואָס אין איר האָט זיך אים געלעבט אַ באַשיצט לעבן. ער האָט ניט געליטן דערפון, וואָס ער האָט גאָרנישט וואָס זיך צו דערמאָנען, נאָר גיכער דערפאַר, וואָס זיינע דערמאָנונגען זיינען נישט אויסגעלייזט געוואָרן, וואָס זיי זיינען אים אַליין ליב נישט געוואָרן און ער האָט זיי אונז ליב נישט געמאַכט. זיינע דערמאָנונגען זיינען נישט געווען קיין בענקשאַפטן, נאָר גלאַט אַזוי — שטיקער טריבע, אומ־געבענטשטע, אָבער אויך אומגעשאָלטענע פּייזאַזשן. זיי זיינען געווען אָן מענטשן — זיינע אויפגעטויכטע זכרונות —

פעלד און הימל, און קיין איינציק(ן)
איינציק(ן) מענטש צו זען.

וואָס (ווער?) וועט נאָכן טאָג דערמאָנען:
ס'איז אַ טאָג געווען?

דאָס איז אָבער געווען אַ רעטאָרישע פראַגע. אים האָט זיך נישט געבענקט נאָך קיין מענטשן, נאָר זיינע מענטשנלאָזע פּייזאַזשן האָבן אין אים נישט אויפֿגעשלאָגן קיין לעבעדיקע קוואַלן און זיי האָבן נישט צוגעבונדן דאָס שיפֿל פֿון זיינע זכרונות צו אַ לעבעדיק אינזעלע.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט זיינע דערמאָנונגען און זיך געוואַרעמט אין זייער קאַלט פֿייער. אים איז געווען בעסער אין זיין איינזאַמקייט, ווי מיט מענטשן. פֿאַר מענטשן האָט ער געציטערט און אפילו אָפּגעשפּאָט פֿון זייער גוטסקייט:

גוטע פריינט דאָ און דאָרט
גוטע פריינט אומעטום.
אַ, פֿאַרטיליק זיי, גאָט.
דאָ און דאָרט, אומעטום.

פֿאַרוואָס האָט ראָלניק אַזוי מורא געהאַט פֿאַר מענטשן? פֿאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי געשראָקן, ווען זיי האָבן געוואָלט באַלעבן זיין לאַנדשאַפֿט פֿון דער קעגנוואַרט? ראָלניק האָט מורא געהאַט פֿאַרן „געפֿעכט” פֿון לעבן.

איך האָב זיך פֿעכטן ניט געלערנט,
איך וויל נאָר דורכגיין אומגעשטערט
דעם וועג, וואָס איז מיר אָנגעוויזן.

ער האָט געוואָלט דאָס געפֿעכט אַרומגיין, פֿאַרבייגיין און עס אויסמיידן. ער האָט אין קאַמף פֿאַרן לעבן געזען טויזנטער שרעק־אויגן און ער האָט זיך נישט געקענט פֿון זיי אויסבאַהאַלטן.

די לאַנגע גאַס האָט טויזנט טירן,
עס שרייט אויף מיר אַ יעדער טיר,
און צען מאָל מער די גאַס האָט פֿענסטער
און יעדער פֿענסטער שפּאָט פֿון מיר.

איך ווייס ניט פֿיל און ווער זיי זיינען,
וואָס שטעקן הינטער וואַנט און טיר?
אַ, בלינדע, אומגערעכטע שונאים,
וואָס שיקט איר קריגס־שליחים מיר?

די וועלט, מענטשן, הייזער און פֿענסטער האָבן אים דערקלערט קריג און ער האָט זיך געראַטעוועט אין די פֿאַרגליווערטע, בענקשאַפֿטלאָזע דערמאָנונגען, פֿון זיין פֿאַרפֿאָלגונג־איינרעדעניש.

יוסף ראַלניק׳ס דריט בוך לידער „צום שטערן נויד״ איז זייער גוט אויפגענומען געוואָרן. אין 1926 זיינען דערשינען ראַלניק׳ס געזאַמלטע לידער, אונטער דעם באַשיידענעם נאָמען „לידער״, און אין דעם בוך האָט ראַלניק געמאַכט אַ סך־הכל פון זיין דיכטערישער אַרבעט. דאָ געפינען מיר די לידער פון „צום שטערן נויד״, פון זיינע צוויי לידער־ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין 1910 און אין 1915 און אויך אַ צאָל נייע לידער. ראַלניק איז דעמאָלט געווען נאָענט צו פופציק און פון זיינע געזאַמלטע לידער האָט עס אויסגעזען אַז זיין דיכטערישע קאַריערע איז פאַרענדיקט.

אין דער זאַמלונג „לידער״, וואָס האָט געהאַלטן קנאַפּע 250 זייטן איז פאַר אונז דערשינען אַ גאַנצער ראַלניק, ווייל דאָס בוך „לידער״ האָט געגעבן דעם איינדרוק פון פאַרגאַנצטקייט. דער ראַלניק פון 1910, אָדער אפילו פון 1908 האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין די לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין די צוואַנציקער יאָרן. דער קנאַפּ־וואָרטיקער פּאָעט האָט אונז נאָך אַלץ דערציילט פון זיין אומעט, פון זיין עלנט, פון זיינע אויסגעמאָגערטע לאַנדשאַפטן, פון זיין ביטערן אומצופרידנקייט צו מענטשן און אפילו צו גאָט, פון זיין אַנאַזייטיקן גיין ביי די ראַנדן פון לעבן. ער האָט אונז געגעבן זיינע קורצע און טערפּקע פּסוקים פון זיין פּערסיש־קוהלת׳דיקער ווייזהייט.

אין די לידער איז אפשר צוגעקומען איין טרייסט־מאָטיוו פון דעם שווייגנדיקן דיכטער אין קאַפּע, וואו ס׳איז אים געווען גוט צו זיצן, נישט מיט מענטשן, נאָר מיט אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע דיכטער, וואָס האָבן גערעדט וועגן ליד — און ראַלניק האָט מסוכן ליב געהאַט לידער. קיינער האָט אַזויפיל לידער נישט געשריבן וועגן לידער ווי ער. לידער זיינען ביי אים געווען די איינציקע טרייסט־טראָפּנס, וואָס ער האָט איינגענומען. ער האָט זיך קנאַפּ געזאָרגט, וואָס די טרייסט־טראָפּנס וואָס ער נעמט איין, דאַרף ער אונז אויך איינגעבן. ער האָט מיט אַ ביטרע שמייכעלע אונז איינגעגעבן זיינע ביטערטראָפּנס און הנאה געהאַט, ווען מיר האָבן זיך פאַרקרומט איינגעמענדיק די לייכטע פּערזן, וואָס ער האָט אויף אַ געשיקטן אופן דורכגעביטערט.

פאַרוואָס און פאַר ווען האָט ראַלניק זיך געשראָקן? האָט ער געליטן מער ווי יעדער אידישער אימיגראַנט פון יענע צייטן? ראַלניק איז צוויי מאָל געקומען קיין אַמעריקע. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1899, געפאָרן קיין ענגלאַנד, צוריק אַהיים און שפּעטער, אין 1908, איז ער ווידער געקומען קיין אַמעריקע. דעמאָלט, טאַקע אין 1908, האָט ער געשריבן אַזאַ ליד:

ניט דערפאַר קען איך ניט שלאָפן
וואָס צו נידעריק איז צוקאָפּן,
וואָס די קאָלדרע איז צעריסן,

און וואָס דורך די שויבן־שפּאַלטן
קומען ווינטן פריי און אָפן.

ניט דערפאַר, וואָס איך בין הונגעריק —
אַלטע, צוגעוואוינטע זאַכן;
נאָר דערפאַר וואָס טיף אין האַרצן
האָט שטיל אויפגעפלאַמט אַ ליכטל
און דאָס האַרץ וויל איצטער וואַכן.

ראָלניק האָט נישט געמאַכט קיין שטאַרקן וועזן פון זיין הונגער, פון זיין אָרעם בעט. ס׳האָט זיך אים נישט געשלאָפן, ווייל ס׳האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ ליכטל און דאָס ליכטל האָט געהאַלטן וואַך דאָס האַרץ. פון ליד איז נישט קלאָר צי ראָלניק האָט הנאה געהאַט פון דעם וואַכן ליכטל, אָדער דאָס ליכטל האָט אין אים אַרויסגערופן די זעלביקע נייטראַליטעט פון נישט קענען שעלטן און נישט קענען בענטשן, וואָס די פּייזאַזשן פון זיינע זכרונות האָבן אין אים אַרויסגערופן. ראָלניק באַמיט זיך אין זיינע ערשטע לידער אונז צו געבן ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, כדי צו דערציילן, וואָס אַזוינס האָט אים באַליידיקט אין זיין קינדהייט, אַז ער האָט אונז נישט געטרויט און אפילו נישט פאַרגונען זיינע ווערטער. ער האָט נישט נאָר זיך געטרייסט מיט זיינע קאַרגע, אויסגעמאָגערטע ליטווישע דערמאָנונגען, נאָר ער האָט אונז אפילו אויך געקאַרגט זיין וואָרט.

וואָס עס זאָגט אַרויס דאָס מויל
פאַלט אין גאָס אויף שטיינער,
מישט זיך אוים מיט שיך און קויט,
טרעט עס יעדער איינער.

דאָס וואָס ס׳בלייבט אין האַרצן — רוט
הינטער שלאָס און ריגל,
ווי אַ קעניג׳ס טעכטערל
אין אַ גאָלדן וויגל.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז דאָס נישט אַרויסגעזאָגטע, דאָס נישט אַרויסגערעדטע, איז בילכער ווי דאָס אַרויסגעזאָגטע.

ראָלניק איז געווען אַן אומהיילבאַרער ליריקער און ער האָט אויך געזוכט אַ לירישן צוהערער, אַן איינציקן, וואָס זאָל נישט מאַכן קיין טומל און נישט צוזאַמענברענגען קיין המון, וואָס ער, צוזאַמען מיט דעם פּאָעט, זאָלן נאָך אַליין זיין שטילע צווי.

אין גאַר דער וועלט
נאָר צוויי זייַנען פּאַראַנען:
איך — דער וואָס זאָגט,
און דער — וואָס האָט פאַרשטאַנען.

אין גאַר די וועלט,
זי מעג זיך איבערקערן,
נאָר פון די צוויי
זאָל ניט געמינערט ווערן.

די בענקשאַפט נאָך אַ צווייטן איז שוין געווען דאָס אויפגעפלאַמטע ליכטל אין יוסף ראָלניק׳ס איינזאַמקייט. ער היט זיינע ווערטער פאַר אַ צווייטן (צי צווייטער?) לירישן צוהערער און — די גאַנצע וועלט „מעג זיך איבערקערן״.

דאָס איז אַ שאַרפער, שוין צו־לירישער אויסדרוק, און ראָלניק האָט פון אַזאַ טרייסט אַליין קיין גרויסע הנאה נישט געקענט האָבן. נישט אַלע לייענערס זיינען אַזעלכע שטילע, לירישע צוהערערס. אַ סך לייענערס לויפן פאַרביי אין אימפעט און ס׳איז זיי גענוג, אַז זיי כאַפּן אַ שורה, אַ וואָרט. פאַר אָט די לע־בעדיקע און „פעכטנדיקע״ פאַרביילויפערס האָט ראָלניק גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט נאָך אַלץ צו זיי קיין גרויסן צוטרוי נישט געהאַט און ער האָט מורא געהאַט פאַר זייער לעבעדיקן טומל. ער האָט זיי נישט דערזען אין זייער לייד און פרייד. ער האָט זיך און זיי געקאַרגט אַ וואָרט, נישט דערפאַר וואָס דאָס נישט־אויסגעדריקטע וואָרט איז געוואָרן טיפער, נאָר ווייל דאָס נישט־אויסגעדריקטע וואָרט איז פאַרשראָקן געוואָרן אינמיטן וועג.

דער פּאָעט ראָלניק האָט עס געוואוסט בעסער פון זיינע בעסטע קריטי־קער. ער האָט געוואוסט אַז בעת ער קאַרגט אַנדערע זיין וואָרט, קאַרגט ער עס זיך אַליין; אַז ער אַליין גייט אַרום אַן אויסגעהונגערטער פון זיין מאָגערער סעודה.

ס׳געשעט זעלטן, אָבער עס געשעט. עפּעס איז פאַרגעקומען אין יוסף ראָלניק׳ס לעבן, וואָס האָט אים נאָך פּופציק פאָרט אויסגעהיילט פון זיין דער־שראָקענער איינזאַמקייט און פון זיין אומצוטרוי צו מענטשן. ער האָט זיך אויפגעהערט שרעקן פאַר די מויערן, טויערן און טירן און זיין וואָרט איז געוואָרן ווייכער און ליבשאַפטלעכער. זיינע „נייע לידער״, וואָס דער פּאָעט האָט אַרויסגעגעבן אין 1935, זיינען באמת געווען נייע לידער. ער איז שוין דעמאָלט געווען ווייטער אַוועקגעלעבט פון זיינע אַמאָליקע דערמאָנונגען און ער האָט שוין דערפאַר גענומען בענקען נאָך זיי. אפשר דערפאַר ווייל ער האָט זיי שוין גענומען פאַרגעסן, האָט ער זיי אָנגעהויבן דערמאָנען מיט מער ליבשאַפט.

און דאָס איז פון זיין נישט־שעלטן־נישט־בענטשן נייטראַליטעט איז געבראָכן געוואָרן. שוין דאָס ערשטע ליד זינגט אויף מיט אַן אויסגעצייטיקטער בענקשאַפט.

גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן.

אין דעם ליד וואַרפט זיך דורך אַזאַ נייער אַדיעקטיוו ווי —

זאָל איך דערשפירן, און זאָל זיך מיר דוכטן
דער צ ו פ י ק ע ר טעם פון האַלב־צייטיקע פרוכטן.

און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט אַן אמת בענקשאַפטלעכן אויסרוף:

דאָס זיפּצן פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן,
העלף גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון.

אפילו דער פאַרגעסענער און אויפדערמאָנטער פייזאַזש איז שוין מער נישט אַזוי קאַלט און נישט־לעבעדיק. די ערד האָט אַ ריח. דער טעם איז „צופּיק“, דער פליעסק איז וואַרעם די זאַנגען זיפצן און ס׳בענקט זיך נאָך דאָרפיש לשון.

אָט דער ווייכער טאָן אין ראָלניק׳ס נייע לידער, וואָס האָט נישט נאָר אויפגעלעבט, נאָר טאַקע באַלעבט זיינע פייזאַזשן, האָט באַזיגט זיין קאַלטקייט און אין אים אַרויסגערופן אַ צוטרוי צו מענטשן. קיין איינמאָל איז דער דיכטער מער נישט צוריקגעקומען צו זיינע האָס־און־פלוך לידער, צו זיינע איר־און־איך לידער (איר — דער המון, איך — דער פּאָעט), צו דער מורא פאַר מענטשן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער גרויסשטאָט און די בענקשאַפט נאָך דאָרפיש לשון איז געוואָרן פול מיט גרויסשטאָטישע באַטראַכטונגען און נאָכטראַכטונגען.

ווילט זיך מיר צונויפגאַרטלען זשוכאָוויץ־בראָדווי,
ווי אַ פּאַס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צוויי.

ער מאַכט שוין שלום צווישן זשוכאָוויץ און בראָדווי און ער מאַכט אפילו שלום צווישן לעבן און טויט.

גרינג און לופטיק איז דאָס לעבן
און דער טויט — אַן איבערשוועבן
פון אַ צווייג וואָס האָט פאַרדאַרט,
צו אַ נייעם בוים, וואָס וואַרט.

דאָס איז נישט נאָר אַן אָנקוועלן פון לעבן, נאָר אויך כמעט אַ גלויבן אין תחית המתים. וואָס איז דאָ געשען מיט ראָלניק׳ס אָנגעפּעלצטער שנאה צו מענטשן? ער האָט מיטאַמאָל דאָס פעלצל אַראָפּגעוואָרפן. ער זינגט שוין פון

זיין טאַטן, וואָס איז געשטאָרבן צו ניין און זעכציק. ער רופט אויס — „אויף מיר אַזאַ טויט געזאָגט געוואָרן“ — ער האָט שוין נישט אַזוי מורא פאַר דעם טויט, ווייל ער האָט שוין נישט אַזוי שטאַרק מורא פאַר דעם מרחק צו יענע ווייטע יאָרן. ער האָט זיי שוין באַלד אָנגעיאָגט און האָט געזומען פון זיך אַרויסקריגן די וואַרעמסטע ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל געמיינט אַז זיי זיינען בעסער, ווען זיי זיינען אויף דער לונג און נישט אויף דער צונג.

מיר ווערן געוואויר וועגן זיין מאַמען, וואָס האָט זיך פון בעט אויפגעהויבן אינמיטן דער נאַכט און הייס געמאַכט דעם אָפּגעקילטן אויוון. ראַלניק דערציילט אונז וועגן זיין הכנסת־אורחים׳דיק הויז, וואו בעטלערס פלעגן קומען — נישט בעטלען, נאָר מאָנען עסן און וואו זיי האָבן געקראָגן אַלץ צוגעטיילט מיט גוטסקייט.

די ליטווישע לאַנדשאַפטן ראַלניק׳ס זיינען געלעגן קאַלט און צעקריגט מיט זיינע וואַרעמע און אינטימע דערמאָנונגען, און פּלוצים האָט אין ראַלניק׳ן אויפגעוואַכט דער כוח זיי איבערצובעטן און זיי צו פאַרמענטשלעכן. נישט נאָר שעלט ער זיי נישט, נאָר ער געפינט שוין אויך עפּעס פאַר וואָס זיי צו בענטשן.

פאַראַן אין זיין בוך „נייע לידער“ אַ ליד — „אַ דערינערונג“. ער זיצט ביים פענסטער און ער זעט ווי צוויי מענטשן מיט באַרשטן אין די הענט גייען ערגעץ פאַרבן. דאָס דערמאָנט אים אין זיין טאַטנס הויז, זיין טאַטנס מיל. און —

> אַ מענטש גייט אַלץ אַרויף, אַראָפּ;
> ער האַלט אַ מעסטל אויף זיין קאָפּ,
> טראָגט ווייסע מעליקע קליידער.
> ער גייט און גייט, גאָר אָן אַ מאָס,
> טראָגט מעסטלעך ווייץ צום הויכן קאָס —
> די שטיינער רודערן כסדר.

אַ מענטש גייט און שטיינער נעמען רודערן. ראַלניק זעט מענטשן און דערמאָנט זיך אין מענטשן און שטיינער נעמען רודערן. זיין גאַנצער סטאַטישער אוצר פון דערמאָנונגען הויבט אָן צו רודערן און ווערט פאַרמענטשט, און אַלץ ווייל אין ראַלניק׳ן האָט זיך עפּעס איבערגעבראָכן און ער איז פּטור געוואָרן פון זיין פאַרפאַלגונג־מעלאַנכאָליע פון זיינע ערשטע לידער, פון זייער טערפּקער און בייסיקער חכמה. אַלץ דערפאַר ווייל זיין איינציקער אַבסטראַקטער הערער, נאָך וועמען ער האָט געבענקט, איז קאָנקרעטיזירט געוואָרן, איז געקומען צו אים אין הויז, אויפגענומען זיין וואָרט מיט ליבשאַפט, און פאַרצווייאיקט זיין לעבן.

און דווקא דערפאַר וועט ראַלניק שוין מער נישט קענען זאָגן — „מעג

די וועלט זיך איבערקערן". דאָס לעבן זיינס האָט אים אויסגעלערנט אַרומ־צורינגלען די וועלט־איבערקערעניש מיט אַ זאָרגעוודיקייט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן. און אויב ער האָט נאָך ביז איצט אונז גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם לעבן, וואָס האַלט זיך אין איין איבערקערן, האָט ער אָבער אין זיינע נייע לידער, אין זיין בוך — „אַ פענצטער צו דרום" (דערשינען אין 1941) און אין זיינע נייסטע נישט געזאַמלטע לידער אונז געגעבן דעם צוטרוי זיינעם צום מענטש; און די וואַרעמע, אַנגעוואַרעמטע און פּאַרמענטש־לעכטע דערמאָנונגען האָבן אים צוריקגעבראַכט צו זיין אָנהויב, דורך אַן אַנדער וועג — נישט דורך אומעט און פאַרצווייפל, נאָר דורך דעם וועג פון לעבן.

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג
אָן אַ זייט פון ברייטן וועג;
און כאָטש איך גיי אום איינער אַליין —
איז מיר ניט אומעטיק צו גיין.

ווייל אין תוך גייט ער נישט איינער אַליין. ער גייט צוזאַמען מיט מענטשן און מיט לאַנדשאַפטן וואָס לעבן.

עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון
דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן,
וואויל־שמעקעדיקע קאָפּעס היי,
און טרוילעד־וואַרעמער שניי.

אפילו דעם שניי פון זיין יוגנט האָט ער אָנגעוואַרעמט און אים געגעבן אַזאַ אַדיעקטיוו ווי טרוילעד, ווייל ער האָט גענומען געטרויען דעם לעבן, ער האָט גענומען געפינען ווערטער פאַר דער געטרוישאַפט.

פאַראַן אַ ליד ביי ראָלניק׳ן, וואָס הייסט „אין אַ שבת פאַרטאָג". אין אַ הייסן שבת בייטאָג, ווען אַלץ רוט, טראָגט זיך מיטאַמאָל פאַרביי אַ רייטער מיט אַזאַ אימפעט, ווי ער וואָלט געברענט די ערד. וואָס איז דאָ געשען? וואָס יאָגט ער? וואָס לויפט ער? נישט אַנדערש, זאָגט דער פּאָעט, דעם רייטער איז איינ־געפאַלן —

צו פאַרקריצן אין מיין זכרון
זיין געשטאַלט אויף אַלע יאָרן.

דאָס, האָט ראָלניק אַלעמאָל פאַרשטאַנען, איז זיין דיכטערישער גאַנג — פאַרקריצן אין זכרון. ס׳איז די מיסטיק פון לעבן, דאָס אומפאַרשטענדלעכע. ס׳ברענט נישט, אָבער אַ רייטער יאָגט זיך מיט אימפּעט און אַלץ דערפאַר, כדי ער, דער פּאָעט, זאָל דאָס געדענקען.

אין זיינע ערשטע לידער האָט אונז ראָלניק בשום אופן נישט געקענט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער פאַרצייכנט און געדענקט. ער איז דערפאַר

געווען אין כעס אויף זיך און אויף מענטשן. מיט זיינע לעצטע לידער איז אים געלונגען אויך אונז מסביר צו זיין, אַז אין דעם אימפּעטיקן, אומפאַרשטענד־לעכן גאַלאָפּ פון מענטשן מוז שטעקן אַ גרויסער סוד. מיר האָבן אין זיינע לעצטע מענטשלעכע לידער און פאַרמענטשלעכטע פּייזאַזשן דערשפּירט, אַז אַזוי האָט באַדאַרפט זיין. יענער רייטער האָט געמוזט אַזוי גאַלאָפּירן. קיין אַנדער אויסוועג האָט ער נישט געהאַט, ווי צו פאַרקריצן אין ראָלניק׳ס זכרון — זיין געשטאַלט אויף אַלע יאָרן.

1948

יוסף אָפּאַטאָשו

רבי עקיבא

די אַכט און פערציק קאַפּיטלען פון י. אָפּאַטאָשו׳ס ראָמאַן „ר׳ עקיבא״ זיי־נען אַכט און פערציק באַזונדערע סקיצן, וואָס שאַפן דעם רואיקן הינ־טערגרונט פאַר דער אומרו וואָס האָט זיך דעמאָלט לאַנגזאַם געקליבן אין אידישן לעבן. דאָס בוך „ר׳ עקיבא״ איז בוך איינס פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן אין צוויי ביכער — „דער לעצטער אויפשטאַנד״. אין „רבי עקיבא״ זעען מיר בלויז די צוגרייטונג צו בר־כוכבא׳ס העלדישן אַנטקעגנשטעל. אין דעם בוך איז אויפשטאַנד אַליין די טעמע פאַר טיש־שמועסן, אָבער איז זיכער נישט דער צענטראַלער אינהאַלט פון ערשטן טייל פון ראָמאַן. ווי אַ ווערק פאַר זיך איז דער ערשטער טייל „רבי עקיבא״ אַ בוך פון עטלעכע און פערציק געלונגענע און ווייניקער געלונגענע סקיצן, אָדער, בעסער געזאָגט, לידער אין פראָזע, וועגן יענער לעגענדאַרישער צייט, וואָס איר פאַרזצונג אין אונזער לעגענדע־לעבן איז פאַר אונז אַ זעלטענע מאַניפעסטאַציע פון דער משיחישער אומרו, אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע.

אין דעם ראָמאַן „ר׳ עקיבא״ שפירט זיך נישט דער שווערער יאָך פון די רוימער. די באַצווינגונג און באַדריקונג איז מער אַ רעטאָרישע ווי אַ לעבע־דיקע. דאָ און דאָרט ווערן יאָ דערציילט אָפּגעזונדערטע עפּיזאָדן וועגן אַ פאַרגוואַלטיקונג פון אַ אידישער פרוי, פון אַן איבערפאַל, אָדער וועגן דעם פאַרבאָט צו „אידישן״ אַ קינד, נאָר ס׳זעט זיך נישט דורכן גאַנצן בוך אַז די הערשאַפט פון די רוימער זאָל צו שטאַרק פאַרוואָלקענען דאָס אידישע לעבן. אָפּאַטאָשו פאַרנעמט זיך מער מיט שילדערן די אַריסטאָקראַטישע און פאַר־מעגלעכע קלאַסן, און בלויז זייטיק דערמאָנט ער דאָס פּויערים־פאָלק און די באַלעמעלאָכעס. אין די אויבערשטע קלאַסן פליסט דאָס לעבן אַזוי רואיק און נאָענט צו מלכות און צו קרוב למלכות, אַז ס׳איז כמעט נישטאָ קיין גרונט פאַרן אויפשטאַנד. ס׳לעבט זיך קיין עין־הרע גוט די וואויל־געכאָוועטע משפחות, און אפילו ר׳ עקיבא איז אין זיין אומרו ווייט פון אַן איבערצייגנדיקן רעוואָ־לוציאָנער. דער רעוואָלט פליסט יאָ אַביסל אין בלוט פון אינגערן דור, אָבער ער איז אויך אַ רואיקער, אַ געצאַמטער, כאָטש ער ברעכט אַמאָל אויס אין צאָרן; און ווען כ׳וואָלט נישט מורא געהאַט דורכצולעכערן די היסטאָרישע לופט פון דעם דערווייטערטן דעמאָלט, וואָלט איך געזאָגט — אַ סאָציאַל־דע־

מאַקראַטישער. געוויינלעך כאַפּט מען זיך לערנען פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן אויך אַ מוסר השכל אויף אונזער היינט, אָבער אָפּאַטאָשו׳ס „ר׳ עקיבא“ איז נישט קיין וועג־ווייזער און אויך נישט קיין באַלייכטער פון אונזער היינט, וואָס איז ארומגעפלאָטערט מיט טויט און פאַרפייניקונג פון אַזוי פיל מיליאָנען נאָענטע קדושים. אין אָפּאַטאָשו׳ס בוך איז דאָס וואָרט „חורבן“ נישט מער ווי אַ דערמאָנונג פאַר עטלעכע פאַר׳עקשנ׳טע פּאַטריאָטן, און דער געדאַנק פון באַפרייאונג איז אויך נישט מער ווי דער ווילן צוריקצוקריגן אַ טייערע און אייגענע זאַך, וואָס מען האָט נאָר־וואָס אָנגעוואוירן.

פון די צוויי זיידענע יונגעלייט, פּאַפּיאַס און יהושע, איז פּאַפּיאַס דער אַקטיווער, דער רעדנער און יהושע דער פּאַסיווער און דער צוהערער. טעאָ־דאָטוס, אָדער שמעון בר כוכבא, וואָס דערשיינט ערשט, ווי אַ לעצטער אַקט, ביים אָפּשלוס פון בוך, איז נישט קיין לעבעדיק געשטאַלט און נישט געוועבט פון משיחישן שטאָף, וואָס האָט געיערט אין אידישן באַוואוסטזיין און וואָס האָט אונז גרינגער געמאַכט דאָס וואַרטן אויף זיין פאַרזאַמטקייט.

ניין, אין אָפּאַטאָשו׳ס נייעם ראָמאַן דאַרף מען נישט זוכן קיין געשטאַלטן, ווייל דאָס איז אפשר נישט געווען די כוונה פון שריפטשטעלער און מען דאַרף אויך נישט זוכן אין ווערק דעם גורל׳דיקן אימפּעט פון אַ גרויסער גע־שעעניש, נאָר דווקא דאָס זייטיקע, דאָס שטוביקע, דאָס רואיקע פון אומרו, דאָס איינגעזעסענע פון דעם וואָס האַלט ביי ווערן אויסגעוואָרצלט קעגן אייגענעם ווילן. אָפּאַטאָשו׳ס ראָמאַן איז פון אָנהויב ביזן סוף אַ צוזאַמענשטעל, אָדער אַ פּאָרזיכטיקער אויפשטעל, אַ רעסטאַוורירונג פון אונזער אַמאָליק לעבן, ערב גרויסע געשעענישן. אין דער קינסטלערישער אויפפאַסונג איז „ר׳ עקיבא“ גיכער ענלעך צו דער קאָנסטרוקציע פון זיין נאָוועלע „אַ טאָג אין רעגענס־בורג“, וואָס איז אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. אָפּאַטאָשו׳ן איז דעמאָלט ניט געגאַנגען אין באַלעבן די געשטאַלטן פון די מיטלאַלטער־אידן אָדער די גאַנצע עפּאָכע, נאָר ער האָט אויסגעשפּילט, אפשר גאָר אויפגעשפּילט אַ טאָג אין רעגענסבורג, אויף דער קאַנווע פון די ערשטע שפּורן פון אידיש. די מו־זיקאַלישע און חנ׳עוודיקע רייד האָט ער גוט איינגעקוואָרטירט. ער האָט זיי „באַזעצט“ אין פאַרשידענע מיילער און זיך מיט די מיילער באַנוצט ווי מיט אַן אָרקעסטער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקעלע און זיי האָבן גענומען רעדן דאָס פאַנטאַסטישע לשון פון אונזער פאַרגאַנגענהייט. ס׳איז געווען אַ פריילעך־טרויעריקער מאָמענט אין רעגענסבורג און ווען דאָס ווערק האָט זיך געענדיקט, האָט מען געקראָגן דעם איינדרוק, אַז מ׳האָט געהערט אַ קאָמפּאָזיציע וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויף אַ מייסטערשן אופן.

„אַ טאָג אין רעגענסבורג“ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1932, און

פראַגמענטן פון „ר׳ עקיבא״ זיינען געדרוקט געוואָרן אין 1940. ווי אַ ווערק איז „ר׳ עקיבא״ זיכער נענטער צו „אַ טאָג אין רעגענסבורג״, ווי צו זיינע „פוילישע וועלדער״, וואָס איז דערשינען אין 1921. די „פוילישע וועלדער״ איז געווען אַ ראָמאַן לויט אַלע כללים פון אַ ראָמאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סיפּור המעשה און האָט זיך געוויקלט אַרום מענטשן. דאָ אין זיין נייעם ראָמאַן זיינען די מענטשן און אפילו די געשעענישן אַ ביי־זאַך, דער עיקרשט איז אין דעם ראָמאַן די לופט פון יענער צייט, די פאַרב און קלאַנגפולקייט פון יענער צייט.

ס׳איז אַ קאָמפּאָזיציע אויף דער טעמע „ר׳ עקיבא״. דערפאַר האָט אָפּאַ־טאָשו׳ן נישט אינטערעסירט צו שילדערן מענטשן, זיי אויפוויקלען און אַנט־וויקלען, אָדער געבן זיין אייגענעם קינסטלערישן טייטש פון די דעמאָלטיקע געשעענישן. ער האָט גענומען אַ מוזיקאַלישן מאָמענט אין אונזער געשיכטע און אָנגענומען, אַז מיר אַלע וויסן און קענען גענוי די צייט, די מענטשן און דעם סיפור המעשה. אים האָט גיכער פאַראינטערעסירט דאָס שוין־באַקאַנטע אויפ־צושפּילן, ווי אַ ריי עפּיזאָדן און וואַריאַציעס אויף אַ טעמע. דאָס איז נישט קיין גרעסערע און ניט קיין קלענערע אַמביציע ווי צו שרייבן אַ ראָמאַן פון יענער צייט, נאָר אַ באַזונדערע, אייגנאַרטיקע אַמביציע, אַ זייטיקע, אַן אָפּאַ־טאָשו׳שע. ווי אַזוי האָבן מענטשן גערעדט, ווי אַזוי האָבן זיי געגעסן, וואָס האָבן זיי געגעסן, ווי אַזוי זיינען זיי געווען אָנגעטאָן, ווי זיינען זיי געריטן אויף אייזלען און אויף פערד, ווי אַזוי האָבן זיי געפירט ליבעס, ווי אויסגעפירט שידוכים? ער האָט גענומען אַ פאַרטיקע היסטאָרישע קאַנווע און זי פאַנאַנ־דערגעשפּילט, פאַנאַנדערגעפאַרביקט.

ס׳וואָלט פון אונז דערפאַר געווען נאַאיוו צו פאָדערן בולטע געשטאַלטן און טייטש פון געשעענישן, ווייל נישט דאָס איז אָפּאַטאָשו אויסן געווען. ער האָט גיכער געהאַט בדעה פאַר אונז צו רעפּראָדוצירן און אויפשמעקן די לופט, די אוירא פון יענער צייט. אין אַ געוויסן זין איז עס סיי ווי דער אויפגאַב פון יעדער היסטאָרישן ראָמאַן, אָבער אין יעדער ראָמאַן איז דאָס דער טפל און ס׳איז מער נישט ווי דער טייל פון אַלגעמיינער פאַרשטענדלעכונג פון גע־שעענישן. ביי אָפּאַטאָשון זיינען די שילדערונגען אויך וואַריאַציעס אויף דער טעמע „ר׳ עקיבא״. די פאַרטיקע טעמע איז ער מוחל דער געשיכטע און ער האָט קיין חשק ניט געהאַט זי אויסצובררייטערן אָדער זי צו פאַרטייטשן. אים האָט גיכער פאַראינטערעסירט צו טאָן די קינסטלעריש־אַרכעאָלאָגישע אַרבעט פון אויפשטעלן די גאַנצע ברייטע און גרויסע קאָנסטרוקציע, וואָס אין איר האָט זיך באַוועגט און אָפּגעשפּילט דער בר־כוכבא אויפשטאַנד.

און פונקט ווי אין „אַ טאָג אין רעגענסבורג״ האָט דער מחבר אָנגעהויבן מיט אַ צאָל אויפגעזוכטע, אַלט־אידישע ווערטער, וואָס זיינען געווען באַקאַנט,

און ער האָט זיי אויף אַן אייגענעם אופן אָרקעסטרירט און אויף די ווערטער אַרויפגעבויט אַ גאַנצן בנין, אַזוי האָט ער פאַר זיין ווערק „ר׳ עקיבא״ געטאָן אַ סך איבעררעשנדיקע פאַרשונג־אַרבעט, וואָס ער האָט אויף אַ קינסטלערישן אופן אויסגענוצט, כדי בלויז צו באַזינגען די אַטמאָספערע פון אַן עפּאָכע, אַז די אַטמאָספערע אַליין זאָל ווערן דאָס ווערק זיינס און די עקזיסטענץ און גאַנצקייט זאָל נישט זיין אָפּהענגיק אין אַ דראַמאַטישן סיפּור המעשה. ס׳איז ווי אָפּאַטאָשו וואָלט אונז געזאָגט: איר ווייסט אַלץ וואָס איך גיי אייך דאָ דערציילן, אָבער קענט איר דאָס אַלץ? און גלייך פון ערשטן קאַפּיטל „יריחו״, וואָס הויבט זיך אָן מיטן וואַרטן אויף ר׳ עקיבא׳ן, ביז צום לעצטן טעאַטראַלישן קאַפּיטל — „אונזער גואל״, לאָזט ער זיך אַוועק אויף אַן עקסקורסיע וואָס זוכט צוריקצוברענגען די טאָנאַליטעט פון אַ פאַרגאַנגענעם לעבן, וואָס איז געלעגן איינגעגראָבן און פאַרשטיינערט. ווערט עס ביי אָפּאַטאָשו׳ן לעבעדיקער? ס׳האַנדלט זיך נישט אין לעבעדיקייט, נאָר אין יענער קינסטלערישקייט, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון אַ גרויסער מייסטערישער נייגער; נישט פון אַ פאַר־טייטשערישן איינשטעל, נאָר פון אַ באַוואוסטזיניקן, זינגענדיקן צוזאַמענשטעל.

אַזוי זינגען אפשר צוזאַמענגעשטעלטע ביינער פון אַ דינאָסאָור און אַזוי מוזן פריידיקן די הענט פון דעם צוזאַמענשטעלער, וואָס בויט אויף פון אַ טויטער זאַך אַן איבערצייגנדיקע מוזעאישע לעבעדיקייט.

ווי כ׳האָב שוין אויבן געזאָגט, זיינען די 48 קאַפּיטלען לידער אין פּראָזע. אָפּאַטאָשו׳ס איינגעבוירן געפיל פאַר לשון איז אים דאָ גוט צוניץ געקומען. ער האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אַן איינהערעוודיקייט, וואָס איז צום באַ־וואונדערן. ער האָט זיינע „העלדן״ גיכער געקוקט אין די מיילער אַריין, ווי אין די פּנימער, אָדער ווי אין די הערצער. דאָס ווערק איז נישט טרויעריק און נישט פריילעך, נישט הויך און נישט נידריק, ווייל ס׳איז אַ ווערק אויפ־געפאַסט אין דער דימענסיע פון קינסטלערישער נייגעריקייט, און וואָס איר באַפרידיקטער רעזולטאַט איז ענלעך צו דער גליקזעליקייט פון אַ וויסנשאַפטלעכער ליזונג, אויף גאָר אַ הויכן שטאַפּל.

נישט אַלעמאָל געלינגט אָפּאַטאָשו׳ן צו פּאַרווישן די שפּורן פון דער באַ־פרידיקטער ערודיציע. אַמאָל בלייבן זיי הענגען ווי צויטן פון ווערטער, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַרויסגעגראָבן געוואָרן פון קוואַלן, וואָס יעדער איינער האָט צו זיי געקענט האָבן אַ צוטריט. דאָס געשעט דעמאָלט ווען אָפּאַטאָשו פאַר־געסט, אַז דאָס אויסזוכן, געפינען און אויסלערנען איז נישט דער ציל, נאָר אַז דאָס אַלץ דאַרף ערשט אויפגעשפּילט ווערן. ער פאַרמאָגט אָפטמאָל אַ באַרימערישע וואוילגעלערנטקייט, וואָס שטעקט אַרויס ס׳קעפּל אין דעם ווערק און איז שטענדיק אַ שטער צו זעלטענער און זעטיקער הנאה פון דער קינסט־

לערישער אַרבעט. אָבער דאָ וואו אַפּאַטאָשו פאַרגעסט מיט וויפל מאַטערנישן ס'איז אים אָנגעקומען צו געפינען דעם מאַטעריאַל פאַר זיין אַרבעט, און ער פאַרגעסט אויך צו פאָדערן שכר פון אָנערקענונג פאַר זיין שווערער פאַרשע־רישער אַרבעט, ווערט ער באַלוינט מיט דעם העכערן לוין — דער לייענער פאַרגעסט צו באַמערקן דעם קינסטלערס מאַטערנישן און ער נעמט־אויף דעם קאָנצערט מיט אַלע זיינע חושים.

כ'האָב דאָ געפּרוּווט געבן אַ שליסל צו אַפּאַטאָשו'ס ווערק און מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ נויטיקער שליסל. כ'וואָלט געוואָלט איינבערענגען דעם לייענער די אומנויטיקע אַנטוישונג, וואָס ער וועט האָבן, אויב ער זאָל לייענען „ר' עקיבא", מיט דער דערוואַרטונג צו ווערן פאַרכאַפּט פון אַן אינטערעסאַנטער עפּאָכע, צו זען גראַנדיעזע מענטשן און הערן זייערע וואונדערלעכע און טיפע רייד. די טעמע פון אויפשטאַנד ווערט ביי אַפּאַטאָשו'ן אַ ביי־זאַך און די מענטשן, מיט דעם אויסנאַם פון שמעון בן עזאי, וואָס אַפּאַטאָשו פאַרלירט ער־געץ אין מיטן וועג, זיינען נישט מער ווי אָנגעשאָטנס. וואָלט דער לייענער גענומען פאָדערן דעם צענטראַלן העלד — ר' עקיבא'ן, ווי ער וואָלט אַ רעכט געהאַט צו פאָדערן פון אַ געוויינלעך ווערק מיט דעם זעלביקן נאָמען, וואָלט ער געמוזט בלייבן אַ נישט געזעטיקטער. אַ סך שמועסן אין בוך זיינען נאַאיווע און אַפּטמאָל פּלאָנטערן זיך די „העלדן" אין אַ פּלאָנטער פון נישט קלוגע און נישט טיפע פּסוקים, וואָס ווערן גאַנץ לאַנגווייליק. דאָ וואו דער דיאַלאָג וויל זיין אַ לעבעדיקער, טאָקע אויף אַן אמת אַ דערציילערישער, ווערט ער פאַרפּלאָכטן.

אין די שטעלן, וואו אַפּאַטאָשו פאַרגעסט זיך, אַז זיין אויפגאַבּ איז נישט לעבעדיקייט און גלייכגילטיקע דערציילערישקייט, נאָר אויפלעבונג, שלאָגט ער זיך אַליין אַרונטער פון טאָן און פון קינסטלערישן וועג. אָבער דאָרט וואו ער געדענקט, אַז זיינע קאַפּיטלען זיינען מוזיקאַלישע אימפּראָוויזאַציעס אויף אַ טעמע, ווערט ער דער אייגנאַרטיקער קינסטלער, וואָס איבערראַשט אונז מיט אַ שרייב־קונסט, וואָס האָט אים דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ קלאַסיקער.

יעדער קאַפּיטל פאַרמאָגט ביי אַפּאַטאָשו'ן אַן אייגן לעבן, מיט אייגענע צוזאַמענשטויסן און אייגענע אינערלעכע קאָנפליקטן, און דאָס קאַפּיטל איז שטענדיק אָנגעסטראַיעט אַזוי, אַז ס'זאָל זיין אַ באַזונדער מייסטערווערק, אַז ס'זאָל זיין עפּעס צו זען און צו הערן. זיינען טאָקע אַ סך קאַפּיטלען אַרויסגע־קומען אַזוי, אַז מ'קען זיי אַרויסנעמען פון טעקסט און זיי גלייך אַריינגעבן אין די שענסטע און געקליבנסטע כרעסטאָמאַטיעס און אַנטאָלאָגיעס. צו אַפּאַ־טאָשו'ס שילדערונגען פון יענעם אויפגעלעבטן לעבן־שטייגער, צו די קנעכט, „מינים", סעודה־טישן, מאכלים, חתונות, לויות, וועט מען אַזוי צוגעוואוינט

ווערן, אַז דאָס וועט אַנגענומען ווערן ווי גרונטאָוונע אינפאָרמאַציע. מ׳וועט אפשר נישט דאַרפן אָנקומען צו די אָריגינעלע קוואַלן, ווייל די אַלע שטעלן אין אָפּאַטאָשו׳ס ווערק אַטעמען מיט אַ באַגלויבטקייט, וואָס קיינער וועט נישט אָפּפרעגן, אפילו ווען דער קינסטלער האָט אַ סך פון זיי אַליין אויסגע־טראַכט. ווען מ׳זאָל קענען פון דעם ווערק אָפּטיילן די ריזיקע אַרבעט, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן, וואָלט די טרוקענע אַרבעט אַליין פאַר זיך אויך געווען אַ ווערק צום באַוואונדערן.

נאָר אָפּאַטאָשו׳ן איז צום גרעסטן טייל געלונגען דאָס אַלץ אַריינצואוועבן און אַריינצובויען אין זיין ווערק, אַזוי, אַז דאָס בוך ווערט ווי אַ זאַמלונג פון קלענערע אָדער גרעסערע לידער אין פּראָזע וועגן דער גרויסער ר׳ עקיבא עפּאָכע. נישט די העלדן זיינען דער עיקר, נאָר די לופט וואָס די העלדן האָבן גע־אָטעמט, נישט זייערע מעשים, נאָר זייערע טאָג־טעגלעכע טואונגען, נישט זייערע וויזיעס און זעאונגען, נאָר דאָס פּשוטע וואָס זיי האָבן געזען; נישט זייערע רייד, נאָר זייערע ווערטער און נישט דער טיפער מיין, נאָר דער קלאַנג פון די רייד; אונטער דער באַגלייטונג פון פערדישע קאָפּיטעס, לאַנגזאַמע אייזלשע טריט, אָפּפריש פון גראָז און וואַסער, און גוטמוטיקער גע־געשמועס פון באַדינער, וואָס רעדן מיט אַ מוזיקאַלישער דעמאָלטקייט אַ אי־דיש, וואָס איז באַפּעפּערט מיט דעם חן פון אַראַמיש.

1948

די שליחות פון יוסף אָפּאַטאָשו

יוסף אָפּאַטאָשו איז ניט נאָר געווען דער כראָנאָלאָגישער יורש פון די קלאַסי־קערס אונזערע, נאָר אויך דער לאָגישער. ער איז געווען פון די נאַטירלעכע גלויבערס אין דעם כוח פון אידישן וואָרט. פאַראַן ביי אונז אַ סך, וואָס גלויבן אפשר מיסטיש אין דער צוקונפט פון אידיש, אָבער זיי זיינען ניט אַזעלכע פּאָזיטיווירערס פון דעם געדאַנק, אַז אידיש איז אַ טייל פון אונזער הייגט, אַ רינג אין דער קייט פון אונזער היסטאָרישער פּאַרזעצלעכקייט, ווי ער איז געווען. מיט אָפּאַטאָשון איז געווען לייכטער צו זען אַ אידישע ליטעראַטור אין איר נאַטירלעכער ווירקנדיקייט. זיין נאָמען איז געווען גרויס און איז געווען די פאַרבינדונג צווישן אידישן וואָרט און אידישן לייענער. אפילו דער לייענער מיט דעם ענגסטן זיכרון און עקשנותדיקן ווידערשטאַנד צו נייע שעפערישע נעמען אין אידיש, האָט אויפגענומען און באַהאַלטן אין זיכרון דעם נאָמען — אָפּאַטאָשו.

ער האָט געהאַט מזל, דווקא דער אומגעוויינלעכער נאָמען, די מאָדנע פאַרענדערונג פון דעם אמתן נאָמען אָפּאַטאָווסקי — אויף אָפּאַטאָשו, האָט זיך געלייגט אויף דער צונג; פונקט ווי זיין טשיקאַווע און איינציקאַרטיק אויס־געשאַרפט און צוגעשפיצט פנים האָט זיך פּערזענלעך און פאָטאָגראַפיש געלייגט אויף דעם זיכרון פון אידישן לייענער, וואָס האָט אים אידענטיפיצירט מיט אַ דערציילונג, אַ לענגערער נאָוועלע, אַ היסטאָרישן ראָמאַן, אָדער אפילו מיט אַן אויסטייטש פון אונזער געשיכטלעכן גאַנג אין אָפּאַטאָשוס אַ מאמר. דער עיקר האָט ער זיך געדענקט פאַר זיין — „אין פוילישע וועלדער", וואָס איז דערשינען אין 1921; און אַ סך פלעגמאַטישע לייענערס האָבן נאָך אָפּאַטאָשון געדענקט דעם זכות פון דעם ערשטן אַמביציעזן היסטאָרישן ראָמאַן זיינעם, וואָס האָט גרויס געמאַכט זיין נאָמען צווישן אידישע לייענערס אומעטום, און האָט אים אַוועקגעשטעלט ווי דעם גרעסטן, אפשר איינציקן קאָנקורענט פון שלום אַש'ן, אין דער אידישער ברייטקאָנטוועדיקער קינסטלערישער פּראָזע.

אָפּאַטאָשו איז געוואָרן אַ טייל פון שטאָט, אפשר ווי קיין אַנדער שרייבער פון זיין דור. זיין דור האָט אַרויסגעגעבן גרעסערע קינסטלערס פון אים, אָבער נישט קיין ניצלעכערע, קיין נאַטירלעך־אידישערע, קיין באַוואוסטזיניקערע טרעגערס פון אַ גרויסן עול — סיי דעם עול פון וואָרט, סיי פון אידישן אינ־

האַלט. אָפּאַטאָשו האָט נישט נאָר געשריבן אידיש, נאָר גע׳סופר׳ט, געהייליקט די אותיות, און געקומען צו זיי מיט די איינגעגלויבטע הכנות, אַז נאָך איידער מען שרייבט דאַרף מען שעפּן כוחות פון אַ גרויסער מסורה.

אַנגעהויבן האָט ער ווי אַ יונגער בעטהאָווען; ווי ער וואָס האָט געמאַכט אייגענע וואַריאַציעס אויף מאָצאַרט׳ס מעלאָדישער וועלט, האָט אָפּאַטאָשו געאַרבעט מיט די שטימונגען פון אַש׳ן און וויסנבערג׳ן. אים האָט אימפּאָנירט זייער גופיקייט, די עכטקייט פון אַ אידישער צונג, וואָס קען נישט נאָר דאַוונען און לויבן דעם באַשעפער, נאָר אויך רעדן דיבורים און לעבן אַן בושה אַ לעבן פון חושים. ביי שלום עליכמען לעבן אַזוי בלויז זיינע אַקטיאָרן, די בלאָנדזשענדיקע שטערן, אָבער אמתדיקע אידן האָבן אַנדערע טיפערע דאגות. שלום אַש און וויסנבערג זיינען געקומען געבן אַ צונג צום גרעבערן מענטשן און אים שענקען אַ געהויבן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור. אָפּאַטאָשו האָט דערמיט אָנגעהויבן זיין קינסטלערישע קאַריערע, און נישט געקוקט דערויף וואָס ס׳איז געווען אַ וואַריאַציע אויף אַ טעמע, איז ער באַלד געקומען מיט אַן אייגענעם כוח און מיט קינסטלערישער איבערצייגונג. אָפּאַטאָשו איז נישט געווען קיין אָנהויבער, אויך נישט קיין יונגער עלוי. ער איז אַריין אין דער אידישער ליטעראַטור אין עלטער פון 25 יאָר, און איז גלייך געווען אַ פּאַרטיקער טאַלאַנט, וואָס האָט פּאַראינטערעסירט די ערנסטע שאַפערס. ווען ער האָט נאָך געשטעלט די ערשטע טריט, האָט אים שלום עליכם געגעבן סמיכה — דווקא שלום עליכם, הגם אָפּאַטאָשו האָט זיך גלייך פון אָנהויב אָפּגעקערט פון זיין דרך אין דער ליטעראַטור.

אָפּאַטאָשו האָט פּרי גענומען אויף זיך די מיסיע פון אַן אַמעריקאַנער אידישן שרייבער. ער האָט זיך נישט געשטעלט קיין שווערע קשיות, ווי אַזוי קאָן ער, אַ גרינער, שוין אויפכאַפּן דאָס אַמעריקאַנער לעבן. ער האָט זיך דערפאַר פאַרשפּאָרט די טירחה צו געבן שווערע תירוצים, און ער האָט ווי אַ יונגער פעכטער, מיט אַ גוט־געצילטער פען, גענומען באַשרייבן וואָס ער האָט געקענט באַנעמען און קינסטלעריש אויסטייטשן. ער האָט זיך אין אָנהויב געשניטן אויף אַ נעגאַטיוויסט, אויף אַ שאַרפן קריטיקער, ווייל דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אַ פרעמדן אין די אויגן זיינען — חסרונות. פאַר די מעלות דאַרף מען שוין האָבן אַ געניטער און וואַרעמער אויג.

אָבער גלייך מיט די ערשטע טריט איז קאָנטיק געווען אָפּאַטאָשו׳ס גבורה און זיין קרעפטיק לשון, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ טיפער אינערלעכער וואָרט־איינהערעוודיקייט. ער האָט געשאַפן אָנאָמאַטאָפּעאיש, ווי ער וואָלט מיט יעדן וואָרט געזוכט צו אימיטירן דעם פיזישן קלאַנג פון דעם וואָס ער האָט מיט דעם וואָרט געוואָלט איבערגעבן. דאָס איז גיך געוואָרן אַ

טייל פון זיין שרייב־סוד. ער האָט נישט נאָר געשריבן מיט ווערטער, נאָר די ווערטער אַליין זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיין־געשאַפענער מעלאָ־דישקייט, און זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם כוח, אַ חוץ דעם כוח איבערצוזעצן און שילדערן.

דאָס איינהערן זיך אין דער רעזאָנאַנץ פון אידישן וואָרט, האָט אים געפירט אויפן וועג, פריער פון הייליקן דעם באַזונדערן קלאַנג פון וואָרט, דורך אָנ־קניפּן זיין שייכות מיט דער ערשטער אור־חנ׳עוודיקייט פון די טייטש־אידישע מיילער, אין די דייטשע און איטאַליענישע געטאָס; און שפּעטער דורך געפינען די שייכות מיט דעם נאָך טיפערן אינהאַלט פון דורות, דורך אָנקניפּן די משפחה׳שאַפט פון אידישן וואָרט, מיט די היסטאָרישע אינהאַלטן פון יאָר־טויזנטער.

און דאָס איז דער גאַנג פון יוסף אָפּאַטאָשו: נישט געקוקט אויף דעם גרויסן שילדערונג־כוח, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, גליך ביים אַריינשפּאַן אין דער אידישער ליטעראַטור, איז אין אָנהויב געווען — דאָס וואָרט, דער נייגע־ריקער אינטערעס אין דער מעכאַניק און קלאַנגישקייט פון אידישן וואָרט. דאָס האָט אים געפירט דירעקט פון נעגאַטיוויזם, פון נאַקעטער חוש׳יקייט, צו די העכערע ספערן פון פאַרטיפטן און געהויבענעם אינהאַלט, צו דער היס־טאָרישער מיסיע פון דער אידישער ליטעראַטור. דאָס האָט אים אַרויפגעשלאָגן אויפן וועג פון י. ל. פּרצ׳ן, אפילו ווען ער האָט מיט זיינע „פּוילישע וועלדער״ אָנגעהויבן ווי אַ מורד אין פּרצ׳ן, ווי אַ ווידערשפּעניקער אין פּרצ׳ס פייער־לעכן טאָן, אין זיין באַזינגען דעם חסידיזם. אָפּאַטאָשו איז געקומען נענטער צו דער טעמע און אָנגעהויבן אַרונטעררייסן, שילדערן ירידה, אָבער אין דער ירידה איז ער אַליין געבליבן געפאַנגען, ערגעץ אין די ווינקלען פון פאַר־לאַשענעם מזבח פון חסידיזם. ער איז געקומען אויפברעכן און אויפשטעכן אַ בלאָטער, אָבער ער האָט עס געטאָן מיט פאַרזיכטיקע הענט, מיט אַן אינער־לעכן פּאַטאָס, וואָס האָט דעם ווערק געגעבן דעם טעמפּאָ פון דעם קינסט־לערישן קריטיקער, וואָס באַהאַלט די טרער פון באַוויינער און באַקלאָגער.

ווען „אין פּוילישע וועלדער״ איז דערשינען, האָט נאָך געלעבט אַ גרויס פּויליש חסידנטום, וואָס האָט מיט צאָרן, צער און האַס אויפגענומען די קינסטלערישע קריטיק און דעם אומצניעות׳דיקן אַריינבליק אין דעם אינער־לעכן געביי. מען האָט אפילו גערעדט פון חרם, און אָט דער ברויזנדיקער צאָרן פון אַ שטאַרק־געטראָפענעם און לעבעדיקן צד, האָט אויך געהאָלפן געבן דעם ווערק אַ סך פּירסום. „אין פּוילישע וועלדער״ איז געוואָרן די זעל־טענע קאָמבינאַציע פון אַ קעמפעריש קונסט־ווערק, וואָס באַנט זיך דורך אַ וועג צום אמת, מיטן כוח פון קינסטלערישער איבערצייגונג.

אָבער די קראַפט פון ווידערשטאַנד צום ווערק האָט אויך דעם קינסטלער אַפּאַטאָשו׳ן גוט פאַרטשעפּעט, און ער האָט זיין גאַנץ שפּעטערדיק לעבן תשובה געטאָן אויף זיין אומ׳רחמנות׳דיקן, נעגאַטיוון אָנריר פון חסידישן לעבן. לאַנגזאַם איז אין אים אויפגעגאַנגען דאָס געפיל, אַז אפילו אין איר ירידה האָט די קדושה פון אַלערלייאיקן אידישן לעבן געהאַט אַ סך מער הערלאישן באַטייט ווי דאָס וואָס אים איז געלונגען אַרונטערצוקראַצן. ער האָט זיך גע־נומען דערגראָבן צו תוך און צו תוכן און די צייט, די ביטערע אידישע צייט, איז געוואָרן די בעסטע לערערין אַפּאַטאָשו׳ס און ער איז געוואָרן איינער פון אירע געהאָרכיקסטע תלמידים.

אין שרייבערישע קרייזן — ס׳איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד — איז מען געווען געוואוינט צו קוקן פון אויבנאַראָפּ אויף אַפּאַטאָשו׳ס קורצער דער־ציילונג, אויף זיין „מי און פורעם״, ווי ער האָט אַמאָל אָנגערופן זיינס אַ זאַמלונג דערציילונגען, אויף זיין וועכנטלעכן צושטעל צו דער צייטונג. אָבער אין די ראַמען פון דער קורצער דערציילונג, אַרונטעררעכנענדיק דעם פסולת, וואָס האָט זיך געמוזט אַריינכאַפּן אין אַזאַ וועכנטלעכן עול־פרנסה, איז צו זוכן דעם וואוקס און דעם אַרויפשטייג פון אַפּאַטאָשו׳ן, אויפן וועג צום ערנסט פון אידישן וואָרט.

אין „אַ טאָג אין רעגנסבורג און אליהו בחור״ האָט אונז אַפּאַטאָשו געגעבן די קאַמער־מוזיק קוואַליטעט פון אידיש און עס אויסגעשפּילט מיט די שענסטע אַלטע אינסטרומענטן פון יענער צייט, ווען אידיש האָט זיך געשאַפן אין דעם קיינעמס לאַנד, צווישן הייליקייט און חול, צווישן שול און דעם האַנדל־וואַנדל פון מאַרק, און דעם איינגעפונדעוועטן פחד פון אידישן, באַ׳מזוזה׳טן געסלדיקן לעבן.

אָט די קאַמער־מוזיק קוואַליטעט איז צו געפינען אין אַ גאַנץ היפּשן טייל פון זיינע קורצע דערציילונגען, וואָס אויף זיי איז אַפּאַטאָשו געווען אַ גוטער מבין, יעדער מאָל ווען ער האָט אין זאַמלונגען באַוויזן אָפּצוקלייבן געגנוג גוטע ביישפּילן, וואָס האָבן אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן באַוויזן, אַז אין דער מי פון וועכנטלעכן פרנסה־שרייבן איז פון דעסטוועגן פאַראַן געגנוג פורעם, געגנוג קינסטלעריש־אידישע גאַנצקייט.

די גאַנצקייט האָט מען געזען אין זיין זאַמלונג — „ווען פוילן איז געפאַלן״, און דער עיקר אין זיין „אידן־לעגענדע״, וואָס איז דערשינען אין 1951 און וואָס איז אַן אָפּקלייב פון אַ 15 יאָר אַפּאַטאָשו׳ס דערציילונג־קונסט, אָדער אין זיין נישט־לאַנג דערשינענער זאַמלונג „מלאווער דערציילונגען״. אין די דאָזיקע זאַמלונגען קען מען געפינען דעם קינסטלערישן גוראַנגל פון יוסף אַפּאַטאָשו, גראָד דערפאַר ווייל מען האָט אַ צוטריט צו דער וועכנטלעכער

לאַבאָראַטאָריע זיינער. אין אַט די קורצע דערציילונגען איז אָפּאַטאָשו נאָך אַ סך פריער, ווי אין זיינע שפּעטערדיקע היסטאָרישע ראָמאַנען, דער „לעצטער אויפשטאַנד״, אָדער „בר כוכבא״, געוואָרן דער אָפּאַטאָשו וואָס מיר אַלע קענען, ווי דעם פאַרענדיקטן פּראָדוקט דורך אַלע זיינע ווערק. אין זיי, אין די בעסערע קורצע דערציילונגען, איז אָפּאַטאָשו אַרויף אויף דעם היסטאָרישן וועג פון אידישער נוצלעכער און מעשים׳דיקער שרייבערישקייט, אויף דעם איבערצייגטן אָפּטימיזם פון אונזער זיין, אויף דער נאַטירלעכער ראָלע פון היינטצייטיקן אידיש ווי אַ יש אין אידישן גייסטיקן לעבן, און אויף דער אָנגע־לאָגלטקייט פון אידישע ווערטער, מיט אַלטן היסטאָרישן תוכן.

מען רעדט פון אָפּאַטאָשו׳ס למדנות אָדער אידישער ערודיציע — פאַראַן גרעסערע למדנים פון אים, ער האָט אַוודאי געקענט אַ סך מער ווי ער ווייזט עס אין זיינע שפּעטערדיקע היסטאָרישע ראָמאַנען, ווייל ער האָט געמוזט קענען אַ סך, כדי גענוג צו עלימינירן. אגב, דער חסרון פון זיינע לעצטע ווערק באַ־שטייט טאַקע אין דער פאַרליבטקייט אין טיילן פון אומנויטיקן צוגרייט־מאַטעריאַל, וואָס ער האָט פאַרגעסן צו באַזייטיקן. אָבער ס׳גייט נישט אין גרויסער למדנות, ס׳האַנדלט זיך אין קינסטלעריש פאַרבינדן אונזער אידיש לעבן, מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און אין געפינען אַ פּירוש אויף אונזער עקזיסטענץ, וואָס דער פּירוש אַליין זאָל שוין ממילא זיין אַ טרייסט. דעם געזוכטן און געפונענעם פּירוש אַליין זעט מען קלאָר אין זיינע געלונגענע קורצע דערציילונגען, פון די לעצטע פופצן יאָר. אין זיי שניידט זיך אַרויס דער אָפּאַטאָשו, וואָס איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער שרייבער, מיט אַ שליחות, וואָס האָט אים געטריבן די לעצטע יאָרן פון זיין שאַפן און וואָס האָט אים געגעבן גענוג אָנגעצייכנטע כוחות פאַר אַ ווייטערדיק קינסטלעריש לעבן, וואָס איז פּלוצים אַזוי אומגעריכט איבערגעריסן געוואָרן.

מעגן אַנדערע מפונקים בענקען נאָך אָפּאַטאָשו׳ן פון זיין „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב״, „אונטערוועלט״, אָדער „אין פּוילישע וועלדער״. אין די ווערק איז אוודאי דאָ גענוג קינסטלערישער כוח, אָבער נישט דער פאַרענדיקטער אידי־שער קינסטלער, וואָס פאַרנעמט אַן אויבנאָן אין דער אידישער ליטעראַטור פון אונזער צייט, וואָס האָט באַנומען די אידישע ניסימדיקע צייט און אויף איר געגעבן זיין קינסטלערישן „נחמו, נחמו עמי״. ס׳קען זיין אַז אין זיין ווייטער־דיקן שאַפן האָט ער אַביסל אָנגעוואוירן עטלעכע לויט עכטע קינסטלעריש־קייט, אָבער אָן די לעצטע ווערק זיינע, און אָן זיינע בעסערע קורצע דערציי־לונגען, וואָלטן די אַרטיקלען, וואָס ווערן געשריבן נאָך זיין טויט, נישט געהאַט דעם כוח צו איבערצייגן, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט אָנגעוואוירן אַ גרויסע שעפערישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט מיט זיין וואָרט געזוכט

צו געבן האַפּט דער אידישער עקשנות׳דיקער אויסטײלעוודיקייט און דעם ווילן צו געפינען האָפענונג אין אידישן אינהאַלט, אין דער טאָג־טעגלעכער פאַרוואַנדלונג און צופאַסיקייט, פון אונזער היסטאָרישער עקזיסטענץ.

פאַראַן ביי אָפּאַטאָשו׳ן אַ דערציילונג — „דער חומש בחור", געשריבן אין 1930, וואָס איז אַריין אין זיין זאַמלונג „אידן־לעגענדע". אין דער מעשה סטי־ליזירט אָפּאַטאָשו דעם יום טוב אין אַ אידיש הויז, ווען דער פינף יאָריקער יאָסעלע ווערט אַ חומש־בחור, ווען די לשון קודש׳דיקע ווערטער הויבן זיך אָן טייטשן אין קינדישן מוח, וואָס ווערט אויס איינגעלע און ווערט אַ „חשוב בחורל", וואָס האָט שוין צו מזל חומש אָנגעהויבן.

אָפּאַטאָשו׳ס גאַנג אין דער אידישער ליטעראַטור האָט נישט פאַרזען דאָס קליינע, חשובע אידישע אינגעלע און אים געצערטלט און אים אויפגעצויגן און אים צוגעגרייט צו פאַרשטיין די רזין דרזין פון קבלה; ביז צו דער „חבריא קדישא", פון זיינס אַן אַנדער דערציילונג וואָס טיילט איין דעם טאָג אין זעקס משמורות, אַזוי אַז „ס׳לערנען דעם הייליקן זוהר, זאָל נישט איבערגעריסן ווערן אויף קיין איין רגע".

אָפּאַטאָשו׳ס טאָג איז געווען בפירוש איינגעטיילט אין אַזעלכע משמורת׳ן. די שטייגערונג־אַרבעט פון דעם אידישן קינסטלער, אין אונזער שווערער צייט, איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן. דעם דאָזיקן איינגעשפּאַרטן המשך געפינט מען אין אַלע זיינע ווערק, אפילו אין די וואָס פאַרמאָגן קינסטלערישע פגמ׳ען.

1954

ב. לאַפּין

אין אַ ליד וואָס ב. לאַפּין האָט געשריבן אין 1915, האָט ער זיך אַליין אָפּגעשאַצט אין צוויי שורות:

נישט איך שריי, און נישט איך וויין;
נאָר איך שטוין.

פֿאַראַן דיכטער וואָס דערקענען זיך גלייך, ווי זיי נעמען שטעלן די ערשטע טריט אויפֿן פּאַפּיר. לאַפּינ׳ס ערשטע לידער זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין 1908 און זיבן יאָר שפּעטער האָט שוין דער פּאָעט געוואוסט, אַז אים איז נישט באַשערט צו וויינען אָדער צו שרייען. אַפֿילו ווען וויינען און שרייען זועט ווערן אַ דיכטערישער הכרח.

דורך דער צייט זענען געווען אַ סך יאָרן אין אידישן לעבן, וואָס דיכטערס האָבן געמוזט אויפֿהויבן זייער קול און וויינען אָדער שרייען, לויט זייערע כוחות. זיי האָבן זיך דיכטעריש געראַנגלט מיט דעם געוויין און געשריי אין זיך, אָבער ב. לאַפּין האָט נישט געהאַט פֿאַר זיך דעם נסיון גובר צו זיין דעם נאַקעטן אויסגעשריי. נאָר יעדער מאָל ווען ער האָט אָפּגעווייכט פֿון זיין אויס־געפֿונענער זעלבסטשאַצונג, און אויך מיטגעשריגן, איז זיין געוויין און געשריי נישט געוואָרן קיין יחידישער. ווען ער איז אָבער געווען געטריי צו זיך און געזען מיט אויגן פֿון דערשטוינטן פּאָעט, פֿון פּאָעט וואָס זעט כסדר וואונ־דערס און ברענגט אונז די דערשטוינונג, וואָס אין איר האָט ער געשפּיגלט זיינע פּשוטע טעג און נעכט, האָט זיין ליד געקראָגן אַן איבערציינגדיקע אַנ־דערשקייט — איבערציינגדיק אַפֿילו, ווען דער דיכטער האָט אויסגעקינצלט זיין דערשטוינונג און דערמיט באַזוימט אַ סך לידער זיינע, און זיי געזוכט אַרויסצוראַטעווען פֿון דעם טרויעריקן געוויינלעך.

כ׳וויל זיך נישט וואָרפֿן מיטן וואָרט מיסטיק, בפֿרט ווען דער פּאָעט אַליין האָט דערפֿאַר געפֿונען דאָס פּאַסיקערע וואָרט — שטוינונג, אָבער ב. לאַפּין פֿאַרמאָגט אַ נייגונג צו מיסטיק, אָפּט אַ טעמאַטישע נייגונג, ווי ער וואָלט בכיוון געזוכט צו שרייבן ספּעציעלע לידער און פֿון זיי נישט נאָר אַרויס־שלאָגן שטוינונג, נאָר אויך אַרויסשוידערן שטוינונג. קיינער וואָלט ביי אונז נישט געווען בכוח צו שרייבן אַ ליד פֿון גאַנצע דרייצן פֿערזן, און די טעמע

זאָל זיין אַ נאַקעטע ווי אַ „באַלאַדע פונם ריטל“. דער דיכטער ניצט דאָ דאָס וואָרט באַלאַדע נישט נאָכלאָזיק, נאָר מיט פולער פאַרענטפערלעכקייט. דאָס פון־טויט־אָפגעשריגענע ריטל ווערט דער העלד פון דער באַלאַדע און פלאָנ־טערט זיך צוזאַמען מיטן געשטאַלט פון אַ פרי־פאַרגאַנגען קינד. קיינער ביי אונז וואָלט נישט אַרויסגעשווידערט פון דער טעמע אַזויפיל בילדער פון וועלק, און אַרויסגעכשופ׳ט אַזויפיל צוזאָג אויף בליאונג. דאָרט וואו מאָריס ראָזענפעלד האָט אויסגעשריגן און אויסגעוויינט זיין „פאַרדאַמטע פרעסערקע, דו ערד“, האָט דער דיכטער ב. לאַפּין אויסגעשטוינט און פאַרצייכנט דאָס שווידערלעך־ווייטאָקדיקע וואונדער, אַז אַפילו אַ נאַקעט ריטל קען זיך תנ״כיש צעמאַנדלען,

נאָר פון מיר וויכט דער יום־טוב פון בליאונג,
פאַר מיין קוויט קיין צעבלי נישט געבראַכט.

אויב איר ווילט, האָט דער דיכטער דאָ אַרומגעזוימט אַ געוויינלעכע טעמע פון לעבן און טויט, וואָס ער האָט געראַטעוועט פאַר זיך אַליין. דאָס ליד וואָס איז זיינס אַ פולע, טראַגישע איבערלעבונג, איז געוואָרן זיינס איינגאַנצן דורך צוקוקן זיך צו די געוויינלעכע און אומגעוויינלעכע זאַכן מיט שטוינען. נישט נאָר וועט דאָס נאַקעטע ריטל בליען, נאָר ער האָט פון נאַקעטן ריטל געפונען אַ סך וואָס צו דערציילן,

די צערונצלטע קאָרע ווערט גלאַטער,
און דאָס גרין — פריש און גלאַנציק שפּילט אויף,
אין מיין האַנט האָט אַ לעבן געפלאַטערט,
ס׳האָט דאָס ריטל באַוועגט זיך ווי גוף.

לאַפּין פאַרמאָגט אַן עדגאַר־אַלען־פּאָו ניגונג צו קענען און צו וועלן פאַרטייטשן יעדער שאָרך; און אָט די ניגונג דערהויבט, אָדער ווי ער זאָגט עס בעסער, טאַקע אין דער זעלביקער באַלאַדע, „באַגליט“ זיין ליד און הויבט עס אַרויס פון די לידער, וואָס דער הוילער אינהאַלט וואָלט זיי אַרונטערגעדריקט. ער איז דער פּאָעט, וואָס שרייבט פּאַקטיש איבער געוויינלעכע לידער, די לידער פון אַ גאַנץ יאָר, די לידער פון אַרבעט, די לידער פון שאָפּ, די לידער פון פריינט און אַפילו סאַטירישע, בייזלעכע לידער, און ער גיט זיי חשיבות דורך אַרומשווידערן זיי און זיי אַרומפלאַטערן מיט די שרעק־פליגל פון ראָב. אָט דער אופן אָדער דער מעטאָד זוכט אָפּ פאַר לאַפּינ׳ס לידער אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער אידישער פּאָעזיע. זיי פאַרנעמען ביי אונז אַ באַזונדער אָרט און זיי פאַרדינען עס, ווייל דער פּאָעט האָט באַוויזן אַרויסצושלאָגן חיות פון גאָר אַ סך טרוקענע רייד, טרוקענע שורות און טרוקענע טעמעס. ער האָט קראַפט

צו פאַראומגעווייַנלעכן אַ געוויינלעכע טעמע, דורך אויסזינגען זיין דערשטוי־נונג. דאָס וואָס אַ סך דיכטער וואָלטן נישט דערזען, באַמערקט ער און ער שטעלט זיך אָפּ. אַ הויז ברענט און אין דער שרפה דערזעט לאַפּין —

אין ליכט האָבן וויטן זיך אויפגערוקט,
ווי דאָרט וואָלט אויך געברענט.

אַ שרפה פאַרהאַלט אַ סך נייגעריקע. אין יעדן איינעם פון אונז איז פאַראַן אַ פונק פייער־משוגעת, אָבער קיינער וואָלט נישט געקענט אַזוי שילדערן דעם ווילדן טאַנץ פון די פייער־צונגען און אָנווייזן אויף דעם פּראָצעס פון דעם בלענדיקן און ליכטיקן חורבן, ווי דער פּאָעט לאַפּין, וואָס קומט גלייך צו צום פייער־ספּעקטאַקל — אַ דערשטוינטער. ער וויינט נישט און שרייט נישט, נאָר ער צינדט אָן מיט וואונדער די שורות.

און ס׳קלינגט אַ געזשום פון פאַרברענט געהילץ,
אַ שטאַרבנדיק געוויין,
דאָס לעבן פון זאַכן — נאָך מער דערפילסט
ביים פיינלעכן פאַרגיין.
דו הויבסט עפּעס אויף, פון דעם פלאָם פאַרלענדט,
און צערטלסט אין דיין האַנט,
דו קוקסט — ס׳ווערן וויטן נישט מער דערנענט
אין אויסגעלאָשן לאַנד.

דאָס פייער איז פאַרלאָשן און די וויטן, וואָס זענען צוזאַמענגעליכטיקט געוואָרן דורך אַ שרפה׳דיקן קפיצת הדרך, זענען איצט אויף־אַן־אמת טויט און דורך פינסטערניש דערווייטערט. אָט דאָס האָט אונז געקענט ווייזן בלויז ב. לאַפּין, ווייל אַזוי גיך ווי ער איז אַ נייגעריקער צוגעקומען צום פייער, איז ער גלייך געבליבן שטיין מיט דערשטוינטע אויגן פון אַ זעער, וואָס הערט זיך איין אין אַלץ וואָס מ׳זעט. אויב ס׳איז כדאי צו זען, דאַכט זיך אונז, אַז דער דיכטער וויל אונז זאָגן, איז זיך אויך כדאי איינצוהערן אין דעם געזעענעם וואונדער.

אין דעם אָקאָרשט דערשינענעם בוך לידער — „דער פּולער קרוג״, וואָס דער אייגנאַרטיקער פּאָעט האָט אַרויסגעגעבן, צו זיינע רייפע זעכציק יאָר, איז אויפגעזאַמלט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון עטלעכע פערציק יאָר. דער דיכטער איז גלייך געקומען צו דער אידישער פּאָעזיע מיט זיין אָקולטיסטישן מעטאָד. שוין אין 1916 האָט ער זיך פאַרקוקט ביינאַכט אין שפּיגל און אונז אַרומגענומען מיט אַזעלכע פּאָ׳עסקע שרעקן:

מאָדנע ביינאַכט אין שפּיגל צו קוקן,
ווי אין א שטייאיקן וואַסער אַן אַלטן;
אַלץ אַרום דיר נעמט זיך שאָטנדיק צוקן,
קאָנסט נישט דיין שטייגיקן אומרו באַהאַלטן.
ס׳דוכט זיך, דו האָסט אַ נשמה געגומען,
זי אין פאַרבאַפּטן זילבער פאַרזיגלט,
וועסט זי צוריק אַזוי ריין נישט באַקומען
איידער זי האָט זיך אין שפּיגל געשפּיגלט.

אַן איינפאַל? ניין, אַ סך מער ווי אַן איינפאַל. קודם כל איז דער איינפאַל פאַרבילדלעכט און פינקטלעך פאַרבילדלעכט, אַפילו ביזן זילבערן אַמאַלגאַם פון דער פאַרשפּיגלונג. אָבער ס׳איז אין דעם אויך פאַראַן אַן אור־שרעק פאַר דער אָפּשפּיגלונג. דו קריגסט צוריק דיין פּנים מאַט אָפּגעטויט, נישט נאָר געשטאַלטיק, נאָר אויך אינהאַלטלעך. די נשמה ווערט עפּעס אַן פון איר האָפט.

ווער אַ חוץ לאַפּינ׳ען וואָלט דאָס אַלץ געקענט אַרויסוואונדערן פון אַזאַ טעמע? ווייל אין די ענגסטע שורות זיינע איז פאַראַן אַ בהרחבה׳דיקער הינ־טערגרונט, וואָס עפנט אויף פאַר אונז אַ ברייטע שרעק־פּאַנאָראַמע. ער האָט אפשר בכיוון אויסגעקליבן די ענגשאַפט פון זיינע שורות כדי די ווערטער אַליין זאָלן צו אונז דערגיין ווי אַ שטאַמל, וואָס זאָל ווערן אַן אומפאַרשטענד־לעכער געפּליסטער, און הינטער אים זאָל די גרעל־באַליכטענע אומפאַר־שטענדלעכקייט נאָך מער וואַרזאָגן; אַז יעדער באַזונדער וואָרט זאָל קריגן אַ מיסטישן מיין, וואָס ס׳איז גלייכער צו אים זיך נישט צורירן און עס אויפקלאָרן.

ב. לאַפּינ׳ס לידער האָבן אַ טיף־עטישן באָדן. אויך די פאַרשטענדעניש איז צו אים געקומען פרי, און פון 1915, זינט ער האָט געזונגען — „ניט באַזיגט זיך נאָך אין גאַנצן, ניט באַזיגט, נאָך ניט אַלע ווילדע פלאַנצן אויסגעפּליקט״, ביז אַ ליד פון די פערציקער יאָרן, ווען ער האָט נאָך אַלץ געשפּירט, אַז ער איז „מיט חוב נאָך אָנגעלאָדן״, איז אָפּגעלאָפן אַ שטיק וויסטע צייט, אָבער דער פּאָעט איז אַלץ זיכער, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט צאָלן חובות, וואָס וועלן קיינמאָל נישט אויסגעצאָלט ווערן.

עס וואָרט אויף אויסליז יעדער וואָרט פון מיר,
ביי זיך אַליין געליען גמילות חסדים.
און ס׳איז פאַר׳חוב׳ט אויך די שוועל פון מיין טיר.

אַפילו אין אַזעלכע עטישע לידער גייט אים קודם כל אין דיכטעריש „פאַר׳חוב׳ן די שוועל״ וואָס אַ סך פּאָעטן שפּרייזן אַריבער. זיין עטיק איז אויך,

וואָלט איך געזאָגט, אַ מעטאַפיזישע, פּונקט ווי זיינע רעליגיעזע לידער זענען אויך נישט קיין גאָט־לידער, פון געוויינלעכן גאָט־זוכערישן שטייגער. אַפילו זיין וואָרט־זוכעניש „הונגערט אויך נאָך לאַסט פון נדר", און נדר איז, ווי מיר ווייסן, פאַרבונדן מיט אַלע שרעקן פון שבועה און אַלע שווערע שטראָפן פון געבראָכענעם וואָרט.

די דאָזיקע דערשטוינונג זיינע פירט לאַפּינ'ען פון נאַאיוויטעט צו דער־גרייכטער רייפקייט, אָבער אומעטום, אין יעדער ליד זיינס, איז פאַראַן אַ שורה, וואָס טראָגט לאַפּינ'ס אייגנאַרטיקן חותם.

לאַפּין האָט גענומען זוכן דאָס וואָרט. דער דיכטער איז געוואָרן שטאַרק זעלבסטזיניק, ווען מ'האָט אים אָנגעהויבן פאַרוואַרפן זיין טונקעלע צוזאַמענ־פּרעסונג פון רייד. ער האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אינטערעסירן מיטן וואָרט, און הגם ער האָט אין עטלעכע לידער געזוכט אַפּאָלאָגיעס און תירוצים פאַר זיך, האָט אים אָבער דאָס זוכעניש געבראַכט גוטע פּרוכט. ער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער געפונען די ווערטער, וואָס פּאָלגן אים און וואָס אין זייער האַרטקייט איז פאַראַן אַ באַזונדערע שיינקייט, אפשר דאָס וואָס דער פּאָעט אַליין זוכט אָנצורופן אַ הונגער, אַן אַסקעטישע נישט־דערזעטיקייט. זיינע ווער־טער זענען הונגעריק און אויסגעצערט, זיי פאַרמאָגן ווייניק פליש אויף זיך, אָבער ס'איז אין דער אויסגעמאָגערטקייט זייערע פאַראַן די סאָלידקייט פון קוים־באַהויטיקטן, באַטייטונגפולן ביין.

די דאָזיקע אויסגעמאָגערטקייט פאַרפירט אָפט לאַפּינ'ען צו אַ מין יוצר'־דיקן אָך־קוצץ פערז, אַ שטייגער —

ווען תוך באַגופטער רעדט —
מיט נייקייט גיט אַ בליץ
מיטן פרישן טראָט ער טרעט,
פריש וואָרט אויף צונג־געשפּיץ.

אַמאָל פאַרפירט אים זיין נאַקעט און „הונגעריק" וואָרט צוריק צום פּרי־מיטיוון ליד, ווי צום ביישפּיל —

פיל מאָל, איך זיך אַליין
פון אַלץ אַרויסגעטאָן,
כ'לאָז די געדאַנקען גיין,
ווי ס'גייט מיך גאָרניט אָן.

אָבער מייסטנס איז אים געלונגען אויסצושמידן אַ וואָרט און אַ שורה, וואָס האָרכט אים און פאָלגט אים כסדר — אַ דיכטערישן גאַנג. אים האָט זיך איינגע־געבן זיך אַרויסצופירן פון פשוטער דיכטערישער שטומקייט און עס פאַר־

וואַנדלען אין אַ לערנערישער אומפאַרשטענדלעכקייט. אפילו ווען ס׳וואָרט איז פאַרטונקלט, דאַכט זיך אונז, אַז פאַר זיינע אַלכעמישע, מיסטישע צוועקן זיינען די ווערטער די בעסטע, ווייל ווען זיי וואָלטן געווען אַביסל קלערער, וואָלטן זיי פאַרקלאָרט דאָס, וואָס ער וויל אַרומטונקלען.

דאָרט וואו לאַפּינ׳ס רייד ווערן קלאָר און ער פאַרגעסט, אַז ער איז נישט קיין שרייער, קיין ווינער און אפילו נישט קיין זאָגער, ווערט ער אָן זיין גאַנצע וואָרט־חשיבות, ווי, למשל, אין זיין — „שענסטער חלום״.

כ׳בין מודה, כ׳האָב דעם שענסטן חלום
אין מיין האַרצן נישט געטראָגן,
מיין דמיון האָט נישט אויסגעמאָלן
ציונ׳ס וואונדערלעכסטע טאָגן.
ס׳האָט מיט געגאַר פאַר ציונ׳ס טאָלן
אידיש האַרץ מיינס ניט געשלאָגן,
ווי יעדער איד מיט אידנס עולן
איבער לענדער כ׳האָב געוואָגלט.

נאָר ווען ער געדענקט, אַז ער איז דער דערשטווינטער פּאָעט, דינען אים אויסגעצייכנט אומקלאָרע, פאַרטונקלטע און אַריינגעדרייטע רייד.

ביינאַכט ווען פּוטער הענגט
אויף שלאַנקער מאַנעקען
די חיות־בייז און שטרענג־ווילד לויפן קען מען זען.
נאָר אויף פרוי׳ס גוף צעלענגט
צעקעמט מיט האַרטע קעם,
אין פּוטער־נעט צעשלענגט —
הענגט חיה אין איר קלעם.

אויף דעם פרויען־קערפּער ווערט געצאַמט די ווילדע פּוטער־חיה.

זי טוליעט פרויען־גוף
מיט צאַרטער האַריקייט.
זי גיט איר ווילדקייט אויף
אַן חלום פון אַ שטרייט.
כאָטש לעבעדיק עס רופט
איר האָר־גלאַנץ פון דער ווייט
צו פרוי׳ס פאַרפומטן דופט
איר חיה־הויך אַנטלייט.

אַנטלייט וואָס ? אָבער אפילו אין דער נישט פאַרענדיקטקייט פון ליד אָנען

מיר די דערשטוינונג פון פּאָעט, אַליין אַ פוטער־אַרבעטער. אַרבעטנדיק דער־שפּירט ער די ווילדע עראָטיק פון שטיק חיה, וואָס ווערט ערשט באַזיגט אויפן רופנדיקן פרויען־קערפּער.

אָט די אומקלאָרע ווערטער, וואָס זיינען אַמאָל געווען, ווי געזאָגט, זיינע ערגסטע שטרויכל־שטיינער, העלפן אים שרייבן זעלטן־אָריגינעלע פריינט־שאַפט־לידער און אַ סך געזאַנגען צו מי און אַרבעט, נישט קיין געשרייען, נאָר טאַקע געזאַנגען פול מיט לאַפּינישער דערשטוינונג —

איך האָב פון דער שטענדיקער מי
אַ פעסטונג פאַר זיך אויסגעבויט,
פון טונקעלן מאָרגן־פאַרפרי,
ביז אָוונט אויף נאַכטיקייט גרויט,
מיין פאָן אויף מיין פעסטונג כ׳פאַרצי.
מיין גלויבן אויף פאָן מיינער בלויט,
מיין מי שפּראָצט אַרויס אין געבלי,
פון מיאונג געבענטשט איז מיין ברויט.

דער פאַרטונקלטער פּאָעט האָט גראָד צוגעגעבן אַ פּינטעלע ליכט צו די אַמאָל־שרייעוודיקע, פינסטערע פּראָלעטאַרישע לידער.

1951

דוד בערגעלסאָן

די „נייע דערציילונגען‟ פֿון דוד בערגעלסאָן, וואָס זיינען אָנגעקומען פֿון מאָסקווע, פֿאַרדינען גאָר אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל זיי ווייזן אונז אַ מידן מייסטער ביי דער אַרבעט. די מידקייט איז אָפּט אַזאַ פֿאַטעטישע, אַז אויב מ׳געדענקט דעם אַמאָליקן בערגעלסאָן און אויב מען האָט געהאַט צו אים אַ באַציאונג, וויל מען דווקא אויסשלאָגן אַביסל מידת הרחמים, בעת מען לייענט די קורצע און לענגערע דערציילונגען פֿון נייעם בוך. אָבער אַז מען כאַפּט זיך בעת׳ן לייענען און מען זעט איין מיט וואָס פֿאַר אַ געפֿיל פֿון צדקה׳דיקער גוטסקייט, מען וויל אויפֿזוכן די מעלות פֿון די דערציילונגען, ווערט ערשט אויף אַן אמת ביטער אויפֿן האַרצן.

ס׳מוז גלייך געזאָגט ווערן אַז אין פֿרט פֿון אָנשרייבן אַ דערציילונג מעגן נאָך אַלץ אַ סך אינגערע שרייבער גיין ביי אים אין חדר. ס׳איז אפֿשר נישט ריכטיק צו ניצן דעם אויסדרוק — אָנשרייבן, ווייל דאָס איז נאָכאַלעמען אַ באַגריף וואָס איז כולל אַלע רמח איברים פֿון שרייבן, שוין צוזאַמען מיט דער פֿערזענלעכקייט וואָס שטייט הינטער דער דערציילונג און מיט דער ריכטונג וואָס דער שרייבער גיט זיינע ווערטער. כ׳ניץ דאָ דאָס וואָרט אָנשרייבן אין זין פֿון אַ דין הייטל, פֿון אַ קינסטלערישער אויסגעלערנטקייט וואָס איז בולט אין די שורות, אין די פֿאַראַגראַפֿן, אין די שילדערונגען און אין זייער באַטעמ׳טן און מחיה׳דיקן לשון. אָט די אויסגעלערנטע טעכניק קען קיין אַנדערער ניט נאָכמאַכן, אָבער ס׳איז עס פֿונדעסטוועגן כדאי צו לערנען, כדי צו זען וואָס יעדער שרייבער דאַרף זיך אַליין אויסלערנען, איידער ער קומט צום פּסוק. דאָס איז דאָס בלויזע קענען אָרגאַניזירן די דערציילונג, אַז זי זאָל קודם כל דערגיין צו די חושים, איידער זי דערגייט צום מוח און איידער די דערציילונג ווערט אַ יש.

אין פֿרט פֿון ריינעם רעדן, פֿון דעם מויל וואָס דערציילט די מעשה, איז זיכער ווערט צו קומען צום מייסטער און נישט נאָר הערן, נאָר זען ווי ער מאַכט מיט די ליפּן. ס׳וועט אַוודאי קלאָר ווערן אַז דער שרייבער בערגעלסאָן פֿאַרמאָגט נישט נאָר חן, נאָר אַ סך חנ׳דלעך, וואָס ווערן אַמאָל דערווידער, אָבער צוליבן חן און דעם אופֿן פֿון זיין דערציילן, מעג מען אים הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

כ׳וועל עס נאָך קלערער מאַכן, אויב כ׳וועל צוגעבן, אַז יעדער שרייבער איז אַ סינטעז פון אַ קאָמפּאָזיטאָר מיט אַ ווירטואָז. ער איז דער פאַרטראַכטער און דער דורכפירער פון דער פאַרטראַכטונג. אין פּרט פון דער ווירטואָזיטעט איז זיכער צו באַוואונדערן בערגעלסאָנען. מ׳מעג באמת שטיין און זיך צוקוקן צו זיינע פינגער און זיי באַוואונדערן ווי זיי לויפן איבער די ביינדלעך פון דער פּיאַנאָ, און ווי זיי הויבן זיך און לייגן זיך אַוועק און ווי זיי קרייצן זיך איבער; ווי זיי לאָזן זיך ווידער אַראָפּ ווי גראַציעזע פייגל, וואָס שפּילן אין דער לופט, נאָך איידער מ׳הערט אַ טאָן!

אָבער דער שרייבערישער ווירטואָז פאַרטייטשט זיך אַליין. ער קריגט דעם קרעדיט און ווערט קריטיקירט אי פאַרן שפּילן, אי פאַר דער קאָמפּאָזיציע. דאָס מיינט מען אייגנטלעך, ווען מען זאָגט אַמאָל אויף אַ שרייבער, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן, אָבער דער אופן פון זיין זאָגן איז נישט באַ׳טעמ׳ט.

בערגעלסאָן איז אַלעמאָל דער ווירטואָז און ס׳איז ממש אַ דערפאַרונג אים צו קוקן אויף די פינגער. אָבער ער איז אַזוי קינסטלעריש־גנביש, אַז מ׳מעג אים בפירוש קוקן אויף די פינגער אין אַלערליי אויסטייטשונגען.

אָבער אַפילו אין פּרט פון בלויזן שרייבן, זעט זיך שוין בפירוש אַ מיד־קייט אין דעם מייסטער׳ס הענט. די פאָרמולע איז אַ צו קלאָרע. די חנ׳עוודי־קייט חנ׳דלט זיך צו אָפט. אַמאָל פּיעסטשעט זיך די חנ׳עוודיקייט, ווי דער שריי־בער וואָלט געוועזן אַ יוגנטלעכע קאָקעטקע. ער ווייסט אַקוראַט, ווי אַזוי צו דיריגירן דעם דיאַלאָג, ווי אַזוי אַריינצופּאַלן מיט דעם ביסל נאַטור־שילדע־רונג, ווען צו שילדערן דעם מענטשן און ווי אַזוי אים אַקטיאַריש נאָכגריי־מאַסעווען. בערגעלסאָן שילדערט און אימיטירט זיינע העלדן אויפן קול. ער טאַפּט ביי זיי די בראָדעווקעס אויפן פּנים און נעמט זיי אַ מאָס אויף די נעזער, גאָמבעס און אויגן. ער פאַרנעמט זיך אָפט מיט צופּיל דעטאַלן און פאַרלייגט וועג, כדי אַרויסצוברענגען אַ גרימאַסע. די גרויסע מעלה פון זיין דערציילן איז אָבער אַלעמאָל דער אייגנאַרטיקער שטייגער פון האַלטן דעם לייענער געשפּאַנט. נאָר אַפילו אין די ראַמען פון זיין אייגענער פאָרמולע איז ער אַ גרויסער קענער, ווייל אַלץ וואָס ער טוט קומט אַרויס גרויסאַרטיק און ס׳איז אינטערעסאַנט צו זען, וואָס אַ געבענטשטער קענער קען טאָן מיט אַלץ, וואָס וואָלט ביי אַן אַנדערן אַרויסגעקומען וואולגאַר.

די מידקייט פון דעם שרייבער׳ס פינגער זעט זיך דערהויפּט אין אַ שטיי־פער איינגעוואוינטקייט. זיי שפּילן שוין נישט אַזוי ספּאָנטאַן ווי אַמאָל — ס׳איז אָפטמאָל אַ רוטינע. דערפאַר זיינען זיינע פינגער אפשר איצט, מער ווי פריער, גוטער מאַטעריאַל פאַר דער אויסשולונג פון שרייבער. ווייל אַמאָל האָט מען אים בלויז געקענט באַוואונדערן און זאָגן צו זיך, אַז זיין שאַרם וועט מען

קיינמאָל נישט קענען אימיטירן. איצט אָבער זעט מען שוין כמעט ווי אַזוי ער טוט עס. דעם מאַגיקער׳ס הענט זיינען מיד געוואָרן און ער וויזט אונז, נישט־ווילנדיק, ווי אַזוי ער מאַכט זיינע קונצן.

אָבער די מידקייט פון זיינע הענט איז נישט אַזוי פּאַטעטיש, ווי דעם מייסטער׳ס קאָמפּאָזיציאָנעלע מידקייט. ס׳איז מער ווי אַ פיזישע מידקייט. ס׳איז אַ מאָראַלישע מידקייט און נאָכלאָזיקייט. דער שרייבער בערגעלסאָן איז אונז געווען וויכטיק, ווייל ער איז געווען אַ דורכאויס נאַציאָנאַלער שרייבער, אָבער אין זיינע לעצטע דערציילונגען פילט זיך אַ באַוואוסטזיניקער איבער־ברוך אין בערגעלסאָנ׳ס אַרבעט. ער אוניווערסאַליזירט זיך אויף אַן אומגע־לומפּערטן אופן און אויף אַן אויסגערעכנטן שטייגער וואָס פירט דירעקט צו דערפאָלג.

פאַראַן נישט נאָר אַ האָליוואוד אין קאַליפאָרניע, וואָס צו אים ציען זיך אַ סך אידישע קינסטלערישע הענט, נאָר ס׳איז אויך פאַראַן אַן אַלגעמיינער האָ־ליוואוד פון דערפאָלג, וואָס אַ סך שרייבער שפּאַנען אויף אים. אַש׳ס קריסט־לעך־רעליגיעזע טעמעס זיינען אַזאַ האָליוואוד אין בערגעלסאָנ׳ס אידיש־רוסישע טעמעס זיינען אויך אַ האָליוואוד.

בערגעלסאָן שרייבט דירעקט פאַר זיין איבערזעצער, וואָס דאַרף אים פאָרשטעלן פאַרן ברייטן עולם אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער שרייבט פאַרן גרעַ־סערן טיראַזש און ער בויט זיינע טעמעס און זיינע העלדן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך לייכטער אַרונטערשלינגען. ער טעסעט זיי גוט אַרום, אידער ער שטעלט זיי פאַר פאַרן ברייטן רוסישן עולם.

אין די „נייע דערציילונגען" איז שוין כמעט נישטאָ קיין שפּור פון בערגעלסאָנען דעם טיף־אידישן שרייבער; און דאָ וואו ער איז כלומרשט יאָ טיף־אידיש, דאַרף מען אים ערשט דעמאָלט קוקן אויף די פינגער, ווייל ער טוט עפּעס אָפּ, ווייל ער פירט באַוואוסטזיניק אַדורך אַן אידייע, וואָס זוכט זיך אַליין לייכטער צו מאַכן דאָס געוויסן.

קודם כל איז ביי אים בולט אַ טענדענץ פון שטענדיקער אויסמישעכץ. אין „פריינטשאַפט" ווערט דער רוסישער פּילאָט ביריוקאָוו דער אַפּוטרופּוס איבערן אידישן מיידעלע „זשאַנע־העניע". אין זיין „אין שיין פון שייטערס" ברענגט ער צוזאַמען מאיר שלייענ׳ען פון אַדעס מיט מאַקאַר יעמעליאַנ׳ען פון, לאָמיר זאָגן, ערגעץ אין בירא־בידזשאַן. אין „יאָרצייט־ליכט" פירט ער אויס אַ „שידוך" צווישן דעם יונגן דאָקטאָר סויפער פון ווילנע און דעם בלינדן פּאַציענט יעראָפעי סעמיאָנאָוויטש טראָפימאָוו. בערגעלסאָן דערשיינט כמעט אומעטום ווי דער אומדערמידלעכער שדכן פון „געמישטע חתונות". ווידער־אַמאָל זעען מיר דעם זעלביקן דראַנג וואָס ביי אַש׳ן. שאַפן סיטואַציעס, אַז אַ

איך זאָל נישט קענען זיין צופיל מיט זיך און נישט טראַכטן וועגן זיך, נאָר ער זאָל אייביק באַגלייט ווערן פון אַ שאָטן, וואָס לאָזט זיך לייכט איבערזעצן.

דער נאַטירלעכער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, צי פון רעליגיעזער נאָכגע־ביקייט אָדער אויפגעביקייט, איז נאָך אַלץ ביים אמת׳ן קינסטלער מאַטעריאַל פאַר טראַגעדיע. די דיסאינטעגראַציע רופט אַרויס טרויעריקע געדאַנקען ביים קינסטלער, ווייל ער זעט ווי זיין אייגענע קינדהייט קרישלט זיך פאַר די אויגן און ס׳ווערט פון איר גאָרנישט. אָבער אויב דער קינסטלער האָט זייטיקע כוונות, זעצט ער זיך אַוועק קלייבן נחת פון דער טראַגעדיע פון אויפלייזונג, איבערגאַנג און פאַנאַנדערפאַל. ער טרייבט אונטער דעם פּראָצעס פון דיסינ־טעגראַציע. שטאָט דער אַנאַליזירער ווערט ער גאָר אַן אָנטרייבער.

ס׳איז כדאי אָנצואווייזן אויף בערגעלסאָנ׳ס ראָלע פון אויפנעמען אַן שום קינסטלערישן באַדויער די פּראָצעסן פון אויפלייזונג אין סאָוועט־רוסלאַנד, פון זאָגן אמן אויף אַ דערשיינונג, וואָס וואָלט ביי אים באַדאַרפט אַרויסרופן אַ גאַמע פון נאָכטראַכטעניש און טרויעריקע מחשבות.

אוודאי איז דער פּראָצעס פון אויסמישונג אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ פאַקט. און אוודאי איז די יוגנט פריי פון אַלערליי סאָרטן אינערלעכע קאַמפן, ריסן און נאַציאָנאַלע חרטות, אָבער ס׳איז פריקרע צו זען די צו־גיכע אַקלימאַטיזירונג פון אַן אַמאָליקן נאַציאָנאַלן קינסטלער ביי אידן, ווי ער וואָלט גאָר געווען דער הויפּט־מחותן ביי דער חתונה פון נאַציאָנאַלער אָפּפרעמדונג.

אונזער ליטעראַטור האָט דאָך אַ רעכט צו פאָדערן פון אַ בערגעלסאָן, אַז ער זאָל געטריי היטן זיין אייגענע ירושה און אונזער דערוואָרבענע פאַרגאַנ־גענהייט, און ניט אַז ער, דער אַלטער קינסטלער, זאָל ווערן דער ממונה איבער דער האַפּערדיקער אָפּפרעמדונג.

נישטאָ קיין פּאַרטיפּטע אידן אין בערגעלסאָנ׳ס דערציילונגען, נאָר מידע העלדן, וואָס זיינען ווי לכתחילה געשריבן געוואָרן, אַז מען זאָל זיי גלייך אי־בערזעצן און זיי זאָלן זיך צעגיין און ווערן צונישט, אין דעם גרויסן שטח פון איבער אַ זעקסטל פון דער וועלט.

אַמאָל נעמט בערגעלסאָנ׳ען פּלאָגן דאָס געוויסן. אין זיין „יאָרצייט־ליכט“ לאָזט ער דעם דאָקטאָר סויפער זיך דערמאָנען אַ קאַפּעטשקע אין זיין ווילנער מאַמע און אפילו אין יאָרצייט־ליכט, אָבער בערגעלסאָן געפינט אַ שטיקל טייטש און טרייסט פאַר דער אידישער אויסגעהוילטקייט. ער אַנטדעקט פּלו־צים, אַז ווען דאָקטאָר סויפער הייבט אויס דעם בלינדן טראָפימאָוו׳ן און גיט אים צוריק דעם כוח צו זען, איז דאָס ליכט פון טראָפימאָוו׳ס אויגן דאָס יאָרצייט־ליכט נאָך דעם דאָקטאָר סויפער׳ס ווילנער מאַמע.

אָט דאָס האָב איך בפירוש געמיינט, ווען כ׳האָב געזאָגט, אַז מ׳דאַרף

אים כסדר קוקן אויף די פינגער, ווייל די כלומרשטע אידישע טרייסט איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ פאַררעדן די ציין דעם אייגענעם געוויסן, און נישט מער ווי אַ צוקערלעקעכל אויף צו פאַרקויפן דעם אַלגעמיינעם עולם אין סאָוועט־רוסלאַנד. בערגעלסאָן פטר׳ט דאָ צו לייכט אַ גרויסן ענין, פאַר זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט און אייגענעם קינסטלערישן וואוילזיין.

און אין דעם, מער ווי אין זיין ווירטואָזיטעט, זעט זיך דעם קינסטלער׳ס מידקייט. ס׳איז אַ מאָראַליש מיד ווערן פון זיך אַליין און ס׳איז אין דעם דאָ אַ נאָכגיביקייט, אַ רעזיגנאַציע פון אַ אידישן קינסטלער צו אומשטענדן וואָס ער פאַרשטייט, נאָר ער קען זיי אָדער וויל זיי מער נישט באַשיידן.

אין זיין „קאַרטאָפּוד״ שאַפט בערגעלסאָן אַ גולם, אַן אַלט הויז אין סאַמע מיטן פון אַ נייעם סטאַכאַנאָוו־סקוועה. דער גולם ווערט ביי אים דער סימבאָל פון אַרכיטעקטאָנישער קאָנטער־רעוואָלוציע און פאַרגאַנגענהייט און ער באָמבאַרדירט דעם גולם אומ׳ברחמנות׳דיק. ער טוט זיין מידע פליכט, בערגעלסאָן, אפילו ווען ס׳האַנדלט זיך מער נישט ווי אין אויפרייסן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער הויז. ס׳איז לייכטער אויף אַזאַ שטייגער פטור צו ווערן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי צו זען דעם טראַגיזם פון דעם הויז אינמיטן דעם גרויסן סקווער, וואָס איבער אים שיינט דאָס ליכט פון דער צוקונפט. אָבער דאָס ליכט אַליין איז אויך אַ צו ליכטיק ליכט, דאַכט זיך, אַ מאַווי־ליכט, וואָס איז דער סוד פון שטומען און רעזיגנירטן דערפּאָלג.

אין „שיין פון שייטערס״ — אַ גוט־געשריבענע, אָבער שרעקלעך־צע־צויגענע און ליידיקע דערציילונג — זעען מיר ווי מאיר שלייען ווערט אויס־געוואָרצלט צוזאַמען מיטן ווייב און קינד, פון אָדעס, און ווערט פאַרטראָגן ערגעץ צו די אוראַלער בערג. ער ווערט אַ פּיאָנער, אָבער שפּעטער הויבט זיך אָן אַרום אים בויען אַ אידישער ישוב.

ווער איז דער מאיר שלייען ? ווער איז זיין ווייב און ווער איז זיין פערצן־יאָריקע טאָכטער ? זיי זענען פּאַפּירענע העלדן פון אַ שטרויענער ביראָ־בידזשאַן אידיליע. ס׳איז אין דער דערציילונג נישטאָ קיין סימן פון אידישקייט. דער 55־יאָריקער רייפן־אָנשלאָגער איז נישט מער ווי אַן אילוסטראַציע פאַר בערגעלסאָנ׳ס אַ מעשה. און ווען מאַקאַר פרעגט ביי מאיר׳ן — „אַ טאָ וואַשיך טוט ראַנשע ניע בילאָ״, ווייסט איר נישט מיט וואָס איז דאָ מאיר שלייען פון די „נאַשיך״. וואָס איז אַזוי אין אים אייגנטלעך אידיש, וואָס איז אין אים אויסגע־וואָרצלט געוואָרן פון אָדעסער אידישקייט און וואָס קלייבט ער זיך צו פאַר־פלאַנצן ווי ביראָ־בידזשאַנער אידישקייט, בשכנות מיט מאַקאַר יעמעליאַנ׳ען ?

די קינסטלערישע מידקייט בערגעלסאָנ׳ס ווערט אמת פּאַטעטיש, ווען מען דערגייט צום מי שברך, וואָס מ׳האָט לכתחילה געוואוסט, אַז ער וועט זיך

אויפזוכן. אין דער זעלביקער דערציילונג פון אידישער איבערפלאַנצונג געפינט מאיר׳ס טאָכטער סטאַלינ׳ס פּאָרטרעט, „וואָס האָט באַשיצנדיק און צוזאָגנדיק, אַראָפּגעקוקט פון דער וואַנט״, און וואָס פון אים „איז אין שטיבל געוואָרן מיטאַמאָל פיל היימלעכער, ווי גלייך מען וואָלט אָקאָרשט איצט צום ערשטן מאָל האָבן אויסגעהייצט דעם אויוון און צום ערשטן מאָל דערפילט, ווי וואַרעמקייט באַרואיקט״.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן, אַז אין אַ פאַרוואָרפן שטיבל זאָל ווערן וואַרעמער פון אַ פּאָרטרעט אויף דער וואַנט, אָבער דאָס וואָס דער פּאָרטרעט איז גראָד דער זעלביקער, וואָס וואַרעמט אָן אַלע טויזנטער דערציילונגען איבער גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד איז אַביסל אַ חידוש. דערהויפּט איז אַ חידוש, וואָס פון בלויזן זען דעם פּאָרטרעט זאָל שוין ווערן אַזוי וואַרעם, „ווי מ׳וואָלט אָקאָרשט איצט צום ערשטן מאָל האָבן אויסגעהייצט דעם אויוון״.

אָבער אַז מיר געוואוינען זיך שוין צו צו דער אויוון־הייצערישער וואַ־רעמקייט, ווערן מיר אויפסניי איבעררעשט, מיט צוויי זייטלעך ווייטער, אַלץ אין דער זעלבער דערציילונג.

מאַקאַר דערזעט ביי מאיר׳ן אויפן וואַנט סטאַלינ׳ס בילד און ער גיט אַ טראַכט: „יאָ, דאָס איז ער!״

„טאַ־טאַ — האָט ער ענדלעך אַ מאַך געטאָן, ווי ביים אונטערפירן אַ סך־הכל.

„טאַ־טאַ! — האָט אים דאָסמאָל געערן נאָכגעזאָגט מאיר.

„און ביידע זיינען אין יענער רגע זיך צונויפגעגאַנגען סיי אין געדאַנק סיי אין הארצן. שווער איז צו זאָגן פּינקטלעך, וועגן וואָס אַזוינס האָבן זיי דערביי געטראַכט — יעדנפאַלס איז עס געוועזן אין שייכות מיט דעם וואָס ווען ניט דער מענטש אויף אָט דעם בילד, וואָלט מען ניט געזען די העלע שיין, ניט נאָר אין צייטן פון פינצטער מאַכענדיקע זאַווערוכעס און ס׳וואָלטן נישט געהאָלפן קיין שום זייגערס״.

סטאַלין אַליין האָט מיט אַ צייט צוריק געבעטן מ׳זאָל אָפּשטעלן די אַלע גוזמאות און חניפה׳ס. פון אונטערהייצן אַן אויוון ביז מער ווי אַ זון, איז פאָלג מיך אַ גאַנג. זאָל עס זיין, אַז בערגעלסאָן פאָלגט אַפילו נישט סטאַלינען, אָדער אַז זיין קינסטלערישער חוש טרייבט אים צו זאָגן דעם קינסטלערישן אמת, אפילו ווען עס פאַרוואונדעט סטאַלינ׳ס איינגעבוירענע באַשיידנקייט?

דוד בערגלסאָנ׳ס „ביים דערציילונגען״, וואָס זיינען דערשינען אין מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, ווייזן אונז אַ מידן מייסטער ביי דער אַרבעט. אַ קינסט־לער וואָס איז מיד געוואָרן ווי אַ ווירטואָז, אָבער נאָך מער ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר פון זיין אייגענער קינסטלערישער ערלעכקייט.

1947

דוד איגנאַטאָוו

דוד איגנאַטאָוו איז געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור מיט דעם שאַרפֿן ווילן איבערצומאַכן, איבערצושטעלן דאָס מעבל און מאַכן אַ גערודער. אָבער דער גערודער זאָל זיין לשמה, נישט גלאַט קיין טומל־מאַכעריי. די פאַר־גליווערונג וואָס האָט אין יענע יאָרן געהערשט אין דער אידישער ליטעראַטור, איז געקומען דערפֿאַר וואָס די צייטונג האָט באַרימט געמאַכט שרייבערס; און דער וואָס האָט זיך ניט אַריינגעריסן אין גבול פֿון דער טעגלעכער פּרעסע האָט געהאַט אַ שווערן און איינזאַמען וועג. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ ניט־דערפֿאַרענעם, ווי אויף אַ שלימזל, וואָס קען ניט פֿאַרקויפֿן זיין סחורה. אַ שרייבער האָט געמוזט האָבן, אויב נישט קיין עמוד, איז אַ ווינקל, אין דער טעג־לעכער פּרעסע; און טאָמער האָט ער אַזאַ ווינקל ניט געקראָגן, האָט מען אים באַטראַכט פֿאַר אַ לא יוצלח.

דערצו דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז די אַמעריקאַנער אידישע פּרעסע, ביים אָנהויב פֿון אונזער יאָרהונדערט, איז נישט געווען איבערגעלאָדן מיט שטאַרקן געשמאַק. די ליטעראַטור וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף דער פּרעסע, האָט געמוזט זיין צוגעפּאַסט צום געשמאַק פֿון די רעדאַקטאָרן, פֿון די זעלביקע רעדאַקטאָרן, וואָס זיינען געווען אירע טאָג־טעגלעכע טאָן־געבערס און שופֿטים, און וואָס זייער זין פֿאַר דעם, וואָס מען רופֿט אייביקייט, איז געווען וויפֿל פּונקט טאָג־טעגלעכקייט עס פֿאַרמאָגט. אַזאַ מאָס וואָלט אפשר אויך נישט געווען קיין שלעכטע, ווען דער געשמאַק פֿאַר דעם טאָג־טעגלעכן, וואָלט ביי דער דעמאָלטיקער אידישער פּרעסע געווען אויף אַ הויכער מדרגה.

די צייטונג־שרייבערס און צייטונג־טאַלאַנטן האָבן אַנטוויקלט אַ סך תקיפֿות, לגבי די ניט־צייטונג שרייבערס, וואָס האָבן זיך געריסן אין דער צייטונג. ביז ס'איז אויפֿגעשטאַנען אַ נייער סאָרט תקיף וואָס האָט געפּרעדיקט און פֿאַרשפּרייט דעם געדאַנק, אַז פּרעסע און צייטונג איז גאָר צווייטע אָדער דריטע קאַטעגאָריע, אַז צייטונג איז אַ חלף פֿאַר אַן אמת'ן שרייבער. ער האָט איבערגעדרייט דעם דעמאָלט־איינגעשטעלטן סדר און געשטעלט דעם דער־הויבענעם צייטונ־שרייבער און צייטונג־בעלעטריסט אויף דער דעפֿענסיווע.

דערצו איז איגנאַטאָוו נישט נאָר געווען אַ פּרעדיקער פֿון אַ נייער אָרדנונג, כ'האָב שיר נישט געזאָגט פֿון אַ נייעם „דיעל" אין דער ליטעראַטור אונזערער,

אין 1910־1911, נאָר איז טאַקע געווען אַ פּראַקטיצירער פון נייקייט און אַנ־דערשקייט אין דער אידישער ליטעראַטור. ס'האָט אים אָפּגעגליקט, אַז פון זיינע פאַרעפנטלעכטע זאַכן האָט מען אָנגעהויבן אָפּצולאַכן. דער עיקר האָבן געלאַכט די שרייבערס וואָס האָבן שוין געהאַט אַ מעמד. אַזעלכע ריטמישע און וויגנדיקע זאַצן, ווי איגנאַטאָוו האָט דעמאָלט געשריבן, וואָלטן אין דער טעג־לעכער פּרעסע נישט געקענט געדרוקט ווערן. די צייטונג וואָלט זיך געשטעלט צווישן איגנאַטאָוו'ן און דעם דורכשניטלעכן לייענער.

איגנאַטאָוו האָט מיט זיין אייגן שרייבן אילוסטרירט דעם אַבסאָלוטן ריס צווישן שרייבן פאַר דער טעגלעכער פּרעסע, און צווישן גיין אויף אינדיווי־דועלע וועגן און וואַרטן, ביז דער לייענער וועט צום שרייבער דערבלאָנדזשען.

ווען איך האָב אָנגעהויבן אַריינקומען אין קאַפע, סוף 1919, האָט נאָך גע־הערשט איגנאַטאָוו'ס איינשטעל, די פונאויבאַראָפּיקייט פון „אייביקייט־שריי־בער", לגבי דער פּרעסע. דער דערפאָלגרייכער שרייבער, דער זשורנאַליסט, אָדער קינסטלער וואָס האָט געפונען אַ באַקוועמע נעסט אין דער טעגלעכער פּרעסע, איז בלויז טאָלערירט געוואָרן. איגנאַטאָוו'ס רבי'שער טיש איז שוין נישט געווען קיין צענטער אין ליטעראַרישן לעבן, אָבער זיין פייערדיקע שנאה צו דער פּרעסע האָט נאָך דאָמינירט. לאָמיר זיי נאָך אַלץ רופן „אייביקייט שרייבער" — אָט די וואָס די האָבן געוואַרעמט עטלעכע לידער אין בוזעם־קעשענע, האָבן ממש געציטערט, אַז מען וועט זיי געבן אַ שטעלע אין אַ צייטונג. און טאָמער איז איינער יאָ דערנידעריקט געוואָרן מיט אַ מער־וויניק געזיכערטער פּרנסה, האָט ער זיך פּשוט געשעמט פאַר חברים. ער האָט אויף זייערע פּנים'ער קלאָר געלייענט דעם פּסק־דין, אַז ער האָט זיך אַליין אַ מעשה אָנגעטאָן, אַז ער איז באַאַנגען קינסטלערישן האַראַקירי.

אויב דאָס קלינגט היפּש פאַרצייטיש און נאַאיוו, מעג מען אָבער צוגעבן, אַז ווען איגנאַטאָוו איז געקומען אין 1910, מיטן סטאַזש פון זיין נאָוועלע „צוויי קרעפטן" און אָנגעהויבן דעם רעוואָלט קעגן דער צייטונג, איז דער ווידערשטאַנד געווען אַ געזונטער און, לאָמיר אויך צוגעבן, אַן אידעאַליס־טישער. דער וואָרעם פון ציניזם האָט זיך געהאַט אַריינגעכאַפּט אין דער פּרעסע און אָן איגנאַטאָוו'ס קינסטלערישן און אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד, וואָלט די יונגע אידישע ליטעראַטור נישט געהאַט קיין לופט צו אָטעמען. זי וואָלט גלייך דערשטיקט געוואָרן. איך האָב נישט געזאָגט די ליטעראַטור פון די „יונגע", ווייל איגנאַטאָוו איז געקומען ווי דער באַשיצער פון אַלע יונגע טאַלאַנטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט פרישקייט, ניי לשון, און זיך אויסגעצייכנט מיט אייגנאַרטיקייט.

די צרה מיט איגנאַטאָוו'ס קינסטלערישער רבי'שקייט איז געווען, וואָס ער

איז געווען אַ גרויסער קפדן. מיר געדענקען דאָך פון פּרק, אַז אַ קפּדן קען נישט זיין קיין מלמד. ער איז נישט געווען קיין געדולדיקער פּאַרטייטשער, נאָר אַ כעסן. מען האָט באַדאַרפט כאַפּן אויפן וואונק, און טאָמער האָט מען ביי אים געגומען מאָנען טיפערע און ברייטערע טייטשן, האָט איגנאַטאָוו אָנגעוואוירן דאָס געדולד און זיך גע'כעס'ט.

איגנאַטאָוו האָט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, געקראָגן „ברוח הקודש". ער איז באַשאָנקען געוואָרן מיט קינסטלערישער אינטואיציע, מיט אַ דראַנג נאָך שיינקייט, וואָס איז פאַר זיין צייט געווען אַ נייס. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צוגעצויגן מאָלערס און געפונען די שייכות צווישן זיי און דעם אידישן קינסטלערישן וואָרט. אָפּטמאָל איז דער אידישער מאָלער פאָראויסגעלאָפן דאָס אידישע וואָרט, אָבער איגנאַטאָוו אַליין, אפילו ווען זיינע אַלע חברים זיינען געבליבן הינטערשטעליק, איז נאָכגעלאָפן דעם מאָדערנעם אידישן מאָלער און אים נישט נאָר פאַרשטאַנען, נאָר אפילו אָנגערעגט און אים געגעבן קינסטלערישן אָנשפּאַר.

פון 1912 אָן האָט איגנאַטאָוו געשאַפן אַ קינסטלערישע סביבה, וואָס האָט אידישע מאָלערס און שרייבערס געגעבן דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען אַ טייל פון דער שטרענגער קינסטלערישער אימפּעריע, וואָס ביי דער גאַנצער ברייטקייט, איז עס אַ קליין אַריסטאָקראַטיש מדינה'לע, וואָס נעמט אַריין בלויז אויסדערוויילטע.

איגנאַטאָוו איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געגעבן אַ טוצן אידישע שרייבערס, וואָס זיינען געווען באַלעמעלאָכעס: שוסטערס, שניידערס, קאָמאַשןשטעפּערס און הויז-פּאַרבערס, דאָס געפיל, אַז זיי זיינען די אויסדערוויילטע זין פון אידישן פאָלק. אָט דער עגאָ איז געווען וויכטיק פאַר דעם וואוקס פון דער אידישער ליטעראַטור. דערביי האָט דער אידישער שרייבער געשפּירט אין דער ניי-געוואוינענער פריינטשאַפט מיט דעם אידישן מאָלער, אַז מען איז אַ בירגער פון דער קונסט-וועלט.

דער אויפגעהויבענער קאָפּ פון דער אידישער ליטעראַטור איז געווען אַ רעזולטאַט פון איגנאַטאָוו'ס עקשנות. ער האָט געפּראַוועט טיש און ער האָט שוין געזען, אַז יעדער איינער וואָס איז צוגעצויגן געוואָרן צום טיש, זאָל ווערן אַ תלמיד, וואָס זאָל אי האַלטן פון רבי'ן, אי פון זיך אַליין.

האַלטן פון רבי'ן איז אָבער געווען אַ וויכטיקער תנאי אויף צו קריגן אָרט ביים טיש. ווען די גאַנצע גרופּע אַרום די ערשטע „שריפטן", וואָס האָט געגעבן דעם יונגן אידישן שרייבער אויטאָנאָמיע, האָט געקראָגן זיכערקייט אין זיך און שאַרפע מיינונגען און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן דעם רבי'ן אַ דעה, האָט איגנאַטאָוו עס באַטראַכט ווי מרידה.

און וואָס ס׳איז באַשטאַנען די חילוקי־דעות צווישן אים און זיינע חברים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אייביק דינען ווי תלמידים, איז מיר נישט אינגאַנצן קלאָר. איך געדענק אפילו, אַז מאַני לייב האָט זיך אויסגעטענה׳ט מיט איג־נאַטאָוו׳ן און אים פאָרגעוואָרפן פאַרשידענע דיקטאַטאָרישע און זעלבסטהער־שערישע נייגונגען, אָבער די פאַקטן ווי פאַקטן ווערן בלייכער אין אַנבליק פון אָפּגעלאָפענע יאָרן. די „שריפטן״ זיינען זיך נישט צעפאַלן איבער די אויסער־לעכע מחלוקת׳ן, נאָר די צייט האָט די „שריפטן״ אומגעוואָרפן. איגנאַטאָוו האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אויפגעבן זיין ראָלע פון קינסטלערישן רבי׳ן און מדריך, אָבער זיינע תלמידים זיינען ביסלעכווייז אַוועק פון אים. אייזלאַנד איז געוואָרן רבי פאַר זיך, זישאָ לאַנדוי האָט אַוודאי געפּראַוועט רבי׳שע שטיק, געזאָגט תורה ביים טיש, און מאַני לייב האָט מיט זיין גראַציעזער, פאַנטאַמי־מישער, קינסטלערישער דיאַלעקטיק אויך געקראָגן אייגענע געשוואוירענע תלמידים. וועגן אָפּאַטאָשו׳ן איז אָפּגערעדט. יענער האָט זיך אַ ניכטערער פריער פון אַלעמען אַרויסגעכאַפּט פון דעם שטיבל און גענומען שטעלן אייגענע פּיס.

דאָס געהערט אַלץ צו דער געשיכטע פון דער נייער אידישער ליטעראַ־טור, און אַז זי וועט אַמאָל געשריבן ווערן, לאָמיר האָפן וועט מען שרייבן, נישט נאָר סוב ספּעציע — הומאָרלאָזער אייביקייט, נאָר מען וועט אויך פאַר־צייכענען די אַלע אינגלשע טריט און אינגלשע רעוואָלטן, וואָס זיינען פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי די רייסערייען און פאַרריסענע קריגערייען פון ענ־לעכע ליטעראַרישע שולעס, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד. כ׳ווייס נישט אויף וואָס מען וואַרט מיט אַזאַ געשיכטע. ס׳זיינען שוין באַלד נישט גע־בליבן די „דיאַדקעס״ פון יענע צייטן, וואָס זאָלן אָנשרייבן דעם „בילי ליודי״ פון יענער פאַרגאַנגענער עפּאָכע, די יאָרן פון 1910 ביז 1920.

ווייל דער היפּנאָטישער איינפלוס פון איגנאַטאָוו׳ס פּערזענלעכקייט און די הערשאַפט פון די „יונגע״ האָט געדויערט ניט מער ווי אַ דעקאַדע. אָבער דער יאָר צענדליק איז געווען אַ מזל־ברכה׳דיקער. ס׳איז דאָ נישט דאָס פּלאַץ ווידער אויסצורעכענען, וואָס די „יונגע״ האָבן געבראַכט דער אידישער לי־טעראַטור, אָבער פאַר די אַלע מתנות וואָס זיי האָבן געבראַכט, האָט מען אויך שטאַרק צו פאַרדאַנקען דעם פאַר׳עקשנ׳טן אויטאָדידאַקט — דוד איגנאַטאָוו.

ער האָט אַלץ געכאַפּט מיט אינטואיציע. ער האָט פאַרמאָגט זייער ווייניק סאָליד וויסן, אָבער מאָלערס האָבן זיך צוגעהערט צו זיין מבינות און יונגע שרייבערס האָבן געזוכט עמקות אין זיין אָנגעוואונקען וואָרט. ווייל דער פּונ־דאַמענט זיינער איז נישט געווען קיין זיכערער, האָט ער זיך געניטיקט אין אַבסאָלוטער געהאָרכיקייט. אַזוי גיך ווי מען האָט אָנגעוואוירן די יראה פאַר

דעם רבי'ן — און דער רבי איז געווען קפדן געגוג צו פֿאָדערן יראה — האָט זיך דעם רבינ'ס זעלבסטזיכערקייט געגומען קרישלען.

איגנאַטאָוו האָט זיך אַ לעבן לאַנג געראַנגלט אין זיינע אייגענע ווערק, צווישן קונסט און מאָראַל. זיין באַגריף פון אידישער מאָראַל איז געווען אַן אינ־טואיטיוו־אויפגעכאַפּטער פון פאַרשיידענע טייטשמערישע מעשה־ביכלעך. אָבער גראָד אים האָט זיך געוואָלט שרייבן אידישע ספרים, וואָס זאָלן אין זיך אויך כולל זיין אַלע לעצטע גרימאַסן פון וועלט־קונסט. די גרימאַסן פון וועלט־קונסט זיינען צו אים דערגאַנגען פון דערוויטערטע וויטן. ווען איגנאַטאָוו האָט פאַרלוירן זיין קנעלונג, איז ער פאַרבליבן מיט זיך אַליין און זיך אַליין געפירט אויף די וועגן פון אידישן מעשה־ביכל, און פון דעם ראָמאַן, וואָס האָט באַדאַרפט שאַפן דאָס נייע אידישע לעבן, מיט דעם נייעם אידישן העלד.

ווערליק דעם איינגעבוירענעם ריטם, וואָס זיין פּראָזע פאַרמאָגט, און וואָס באַרויבט זי אָפט פון אַ סך מענלעכער קראַפט, האָב איך תמיד געהאַט דעם איינדרוק, אַז איגנאַטאָוו איז גיכער אַ ניט־געוואָרענער פּאָעט, ווי אַ געוואָרענער פּראָזע־שרייבער. מיר דאַכט זיך, אַז דער גרעסטער חסרון איגנאַטאָוו'ס איז געווען זיין גדלות, וואָס שרייט אַרויס פון צווישן די שורות: מאַכט אַ וואָרע — ס'קומט אַ גרויסער געדאַנק, אַ גרויסער זאָג, אָדער אַ פאַרכאַפּנדיק בילד. אפילו אין זיין עטיק, וואָס ער איז ניט מיד געוואָרן צו פּרעדיקן אין זיינע מעשה'לעך, און אין די גרעסערע ווערק, איז עניוות געוויקלט אין גדלות.

מיר דאַכט זיך, אַז „פּיבי", זיין נאַאיווע נאָוועלע, וואָס געהערט צו די אָנהויבערישע טריט זיינע, און וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון האַמ־סונען, איז נאָך אַלץ דאָס גאַנצסטע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. אין יענעם ווערק איז פאַראַן דער ציטער פון יונגער און געוואַגטער ליבע, וואָס איז דע־מאָלט געווען אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. „פּיבי" איז דעם מחבר נישט געווען איבער די כוחות. פון אַלץ וואָס ער האָט שפּעטער געשריבן, האָט מען געקראָגן דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך שרייבנדיק אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. ער איז באַשאַפן געוואָרן צו טאָן קליינע פּרעציזע אַרבעט און אים האָט דווקא געצויגן צו גרויסע לייוונטן.

ער האָט זיינע חברים און אַמאָליקע תלמידים שטאַרק ליב געהאַט, אָבער ער האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט, שרייבעריש אָפּגעקערט. אין זיין שרייבן איז געווען אַ פאַרגליווערטע יחידישקייט. שרייבערס באַאיינפלוסן זיך איינע די אַנדערע, אומבאַוואוסט. ער האָט נאָענט נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין וואָרט פון אַ חבר, הגם ער האָט זיינע חברים געלייענט.

איך וואָלט אויך געקאָנט דערציילן אינטערעסאַנטע דערמאָנונגען וועגן צוזאַמענטרעפן מיט אים, אָבער כ'האָב גראָד געוואָלט שרייבן וועגן איגנאַטאָוו'ן

פון שטאַנדפּונקט פון זיינע אייגענע חברים פון יענער צייט, ווען מיר, די אינגערע, זענען נאָר וואָס געקומען פּאַרצווזעצן דעם אומברחמנות׳דיקן לי־טעראַרישן חד גדיא. אָבער כ׳וועל בלויז איבערגעבן אַן אײנציקן עפּיזאָד, וואָס וועט אַרויסברענגען איגנאַטאָװ׳ס פאַר׳עקשנ׳טע התבודדות, כ׳וועל עס מוזן אילוסטרירן דורך אַ בריוו.

מיין „ווען יאָש איז געפאָרן" איז דערשינען אין 1938. דעם זעקסטן דע־צעמבער, 1946, דאָס הייסט מיט אַכט, אָדער אפשר מיט ניין יאָר שפּעטער, האָב איך פון איגנאַטאָוו׳ן באַקומען דאָס דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע בריוול. איך ברענג עס זיכער ניט צוליב די וואַרעמע מיינונגען, נאָר כדי אַרויסצו־ברענגען דעם פונאויבנאַראָפּיקן פונדערווייטנס, וואָס דוד איגנאַטאָוו האָט אַזוי עקשנות׳דיק אָנגעהאַלטן. אָט איז דאָס קורצע בריוול:

גלאַטשטיין

אייער בוך „ווען יאָש איז געפאָרן" האָב איך דערהאַלטן פון אייך אין יאָר 1938. דורכגעלייענט האָב איך דאָס ערשט איצט. און קלאָר איז מיר געוואָרן אַז עס לוינט זיך אָנצושרייבן אַ בוך וואָס איז גוט. אַ גוט בוך האָט אַ סך געדולד און קען דערוויזן צו וואַרטן און אויפמאָנען וואָס עס קומט דעם. אָט די אַלע יאָרן וואָס דאָס בוך איז געשטאַנען ביי מיר אין ביכער שאַפע, האָבן פון דעם גאָרניט געמינערט. עס איז פריש און ווייברירט מיט לעבן. עס איז אַ קאַליידעסקאָפּ פון מענטשן און מענטשן. אַ דרויסנדיק, אָבער אַ פּערזענלעך אויג קוקט אויף אַלעמען און מישט און קנעט אַריין אין אַלץ און אַלעמען פּערזענלעכע רעפלעקסן, איבער־לעבונגען און אָפּשאַצונגען. איר פאָרט און עס פאָרט אַ גאַנצע וועלט מיט אייך. נעמט אָן מיין וואַרעמען האַנטדרוק, גלאַטשטיין,

אייער איגנאַטאָוו

אַוודאי האָבן ביכער געדולד צו וואַרטן, אָבער אַז שרייבער־קאָלעגן זאָלן האָבן געדולד צו וואַרטן אַכט־ניין יאָר ביז זיי נעמען אַרויס אַ צוגעשיקט בוך פון שאַפע, איז אַ גבורה, וואָס בלויז איגנאַטאָוו האָט געקאָנט באַווייזן. איך זאָג גבורה — אָן שום איראָניע. כ׳מיין קאָנטראָל איבער זיך און השגחה נישט נאָכצוגעבן דעם יצר און לייענען ווען אַלע לייענען, נאָר שיקן אַן אומדערוואַר־טן, שטאַרק פאַרשפּעטיקטן האַנט־דרוק, בכדי צו אילוסטרירן דעם געדאַנק פון אייביקייט.

אין דער געשיכטע פון דער נייער אידישער ליטעראַטור וועט דוד איגנאַ־טאָוו פאַרנעמען עטלעכע קאַפּיטלען. ער אַליין, ווי אַ קינסטלער וועט אויך ערשט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן מיט יאָרן שפּעטער. דאָס לעצטע בוך

זיינס „גדעון — אַ טראַגעדיע אין צוויי און צוואַנציק מגילות", איז אפשר דאָס כאַראַקטעריסטישע פון איגנאַטאָוו'ס פען. אַלע זיינע פּאָזיטיווע דערגריי־כונגען און אַלע זיינע איבערכוחות'דיקע פליענישן זענען פאַראַן אין דעם ווערק. אַ טייל ווערק זיינע וועלן זיכער אויסהאַלטן זיין אייגענע פּראָבע, צו קענען שטיין געדולדיק אין אַ שאַפע שיינע עטלעכע יאָר, און מען זאָל זיי שפּעטער קענען לויבן פאַר זייערע ניט־אָנגעוואוירענע קינסטלערישע מעלות.

1954

ראובן אייזלאַנד

ראובן אייזלאַנד׳ס בוך מיט דערמאָנונגען „פון אונזער פרילינג" איז ביי מיר געלעגן עטלעכע חדשים און איך האָב זיך דערצו נישט צוגערירט דערפאַר, ווייל דאָס בוך איז צו מיר דערגאַנגען מיט אַ סך פאַראויסלויפערישע רכילות׳לעך, אַז דאָרט „טוט זיך טאָן" מיט פאַרשידענע קלענערע און גרעסערע סקאַנדאַלעכלעך, מיט אַפדעקונגען און אויפדעקונגען און מיט ניט־געטאָרטע דערציילענישן פון פריוואַטע זאַכן, וואָס זיינען פיקאַנט ביז גאָר, דאָס הייסט, מען דאַרף אויף זיי אַנשרייען נאָכדעם ווי מען האָט אַליין הנאה פון זיי.

מיין לעצטער צוזאַמענשטויס — אויב מ׳קאָן עס אַזוי רופן — מיט דעם דיכטער אייזלאַנד, איז געווען וועגן „דאָס געזאַנג פון הירש", אַ פּאָעמע וואָס האָט געזאָלט אויפדעקן די פּאַגאַניסטישע שיינקייט פון אונזער שטרענגער אמונה. איך האָב זייער שאַרף געשריבן פון דעם דאָזיקן פּרואוו, און דער דיכטער אייזלאַנד האָט עס אויפגענומען מיט זיין געוויינלעכער עלעגאַנץ און אַמעריקאַנער טאָלעראַנץ, וואָס ער האָט תמיד פאַרמאָגט, נישט ווי אַן אָנשטעל, נאָר ממש ווייל ער האָט דערלאָזט יענעמס מיינונג; דערלאָזט, אָבער נישט רעספּעקטירט. דערלאָזן אַליין איז שוין געווען אַ זעלטנהייט, נישט נאָר ביי די „יונגע", נאָר בכלל ביי יונגע פּאָעטן. אייזלאַנד האָט די אויסערלעכע טאָלעראַנץ צו וויכוח און צו אַנדערע מיינונגען אויפגעהאַלטן אין זיך ביז זיינע רייפע יאָרן. אַ ליד איז ביי אים געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון שורות, וואָס איבער זיי דאַרפן געאַמפּערט ווערן אמת׳ע און נישט־אמת׳ע מיינונגען. פאַרשטייט זיך, אַז דעם אמת האָט ער געוואוסט און פאַרטיידיקט, אָבער דעם ניט־אמת האָט ער טאָלערירט, ווייל ס׳האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו טעאָרעטיזירן, ער האָט עס פּונקט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ווי שרייבן לידער.

נאָכדעם ווי איך האָב אומפריינדלעך אויפגענומען די רואיקע שניצערייען פון זיין „הירש־געזאַנג", דער עיקר דערפאַר ווייל זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין אונזערע ערגסטע שרעק־און־פּאַניק יאָרן, ווען מיר איז שווער געווען צו באַנעמען אַזאַ באַוויז פון שלווה און פרידן מיט זיך, אין אַן עת צרה פאַר כלל ישראל, האָט ער מיר געשריבן אַ שטיל בריוול, וואָס ס׳האָט אין אים נישט געבלאָזן אפילו דאָס מינדסטע ווינטל פון פאַראיבל. דער דיכטער האָט געבראַכט עטלעכע ראיות און זייער זייטיק און קיל דעבאַטירט מיט מיין

שטאַנדפּונקט, אין איינקלאַנג מיט זיינע מיינונגען וועגן דער גערעכטיקייט פון שיינקייט. אַזאַ קילקייט אַנטוואַפנט געוויינלעך בעת מען קעמפט, אָבער נאָכן קאַמף רופט עס אַרויס חרטה־געפילן, אויב מען האָט נישט אַביסל איבער־געכאַפּט די מאָס, און צי האָט מען נישט באַדאַרפט זאָגן וואָס מען האָט געזאָגט, מיט דער זעלביקער מאָס קילקייט, ווי דער געליטענער.

דערפאַר אַז ס'איז מיר אָנגעקומען ראובן אייזלאַנד'ס בוך מיט די אויטאָ־ביאָגראַפישע סקיצן וועגן דער גרופּע חברים, וואָס זייער יונגשאַפט איז כמעט געוואָרן דער נאָמען פון אַ גאַנצער באַוועגונג, האָב איך נישט געהאַט קיין גרויסן חשק זיך צוצורירן דערצו, ווייל כ'האָב פאַרשטאַנען פון די פאַרשידענע אונטערגעטראָגענע קאָמענטאַרן, וואָס איך האָב געהערט, אַז איך וועל אפשר זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס איך וואָלט שפּעטער אויף דעם חרטה געהאַט, ספּעציעל דערפאַר, ווייל דאָס וואָלט פאַרשעמט אָפּגעשפּרונגען, אין באַריר מיט אייזלאַנד'ס טאַלעראַנץ.

פונוואַנען איז צו דעם גרויס־ראַדאָמישלער פּאָעט געקומען אַזאַ אינער־לעכע נייגונג צו טעאָרעטיזירונגען? פונוואַנען האָט ער בכלל באַנומען לידער ווי אַ זייגער־מאַכער, וואָס צענעמט דאָס געוועריק און לייגט אָפּ אַלע קליינע שרייפלעך און לייגט זיי שפּעטער צוזאַמען? קיין גרויסן באַגאַזש וויסן האָט אייזלאַנד נישט געבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע, און דאָ איז אים אויך נישט אויסגעקומען צו לייענען צופיל ביכלעך וועגן קונסט, אָבער ס'איז אין אים איינגעבוירן געוואָרן אַן עכטע פאַרקניפּונג מיט ליד, וואָס איז ביי אים געווען ווי לופט פאַר די לונגען, מער נאָך ווי ביי אַלע „יונגע". ביי די אַנדערע „יונגע" האָט ליד קודם כל געמיינט — זייער ליד, און אַלע אַזוי־גערופענע טעאָרעטישע פּשט'לעך האָבן געפירט צום אייגענעם ליד. אָבער אייזלאַנד איז געווען ברייט און געזען יענעמס ליד. אפילו ווען ער האָט עס פיינט געהאַט, האָט ער עס אויפגענומען מיט דער ליבשאַפט פון אַ גוטן יעגער, וואָס זעט פאַר זיך אַ ציל.

ווען ער איז געזעסן ביים טישל אין קאַפע און גערעדט וועגן יענעמס ליד, אָפּטמאָל וועגן דעם ליד פון זיין מיטשמועסער, האָט ער געקאָנט זיין זייער שאַרף, מיט גרויס אידלקייט צום מענטש אַליין, ווענען ער האָט נאָכן אָנשרייבן דאָס ליד באַטראַכט בלויז ווי אַ דעבאַטאַנט, וועמען מען דאַרף אָוועק'הרג'ענען. ער האָט געקאָנט צעפּאַלמעסן דאָס ליד מיט אַכזריות, וואָס איז ביי אים געווען אַ לשם שמים'דיקע. ער האָט דערוואַרט אַז דער מיטשמועס־ער זאָל זיך אויך אָפּטיילן פון זיין אייגן ליד, און ווערן נישט מער ווי אַ צד אין אַ דעבאַטע, וועגן שלעכטע אָדער גוטע שורות.

אַלע וויסן ווי ליב ס'איז אַ דיכטער די באַזונדערע שורה, דאָס באַזונדערע וואָרט, אָבער די „יונגע" האָבן שטאַרק איבערגעטריבן. זיי האָבן צעשורה'ט

יעדער ליד און עס צעגלידערט אַזוי, אַז דער אינהאַלט האָט קיינמאָל קיין שליטה נישט געהאַט איבער דעם ליד גופא. דער צוזאַמענשטעל פון די גוטע שורות האָט באַדאַרפט מוזיקאַליש (אין דעם סאַמע ערגסטן מעטרישן זין פון וואָרט, ווייל מיטן אויסנאַם פון דילאָנען, זיינען די „יונגע" נישט געווען קיין ליבהאָבערס, אָפשאַצערס און פאַרשטייערס פון מוזיק) שאַפן אַ שטימונג, וואָס האָט נעפּלהאַפטיק געהאַלטן די שורות צוזאַמען.

ראובן אייזלאַנד האָט געקאָנט שיין רעדן וועגן די דאָזיקע שטימונג־שורות. ער האָט גערעדט מיט אַ טעכנישער פאַרשטענדיקייט, וואָס איז נאָך אין יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט. ווען ער האָט טעאָרעטיזירטביים טישל, האָט דער גרויס־ראַדאָמישלער איד געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ גרויסער פּאָעטישער טראַדיציע, פון אַ פּאָעטישן יחוס, וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין גאַנצער דערציאונג. לידער זיינען „זעלבסטפאַרשטענדלעך" געוואָרן דאָס איבערשטע פון שטייסל, און שורות — די דאָמינירנדיקסטע זאַך אין מענטשלעכן לעבן.

ער האָט בעסער גערעדט ווי געשריבן לידער. די „יונגע" האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער אויסקעמפער פון פּאָזיציעס, זיי האָבן דערפאַר אָפט פאַרזען זיין אייגענעם צושטייער צו דער אידישער פּאָעזיע, וואָס איז געווען גרעסער, ווי אייזלאַנד אַליין האָט אין זיין באַשיידנקייט און טעאָרעטיזירנדיקן אייפער באַמערקט. ער האָט זיך איינגעלעבט אין אַ ראָלע פון אַ דעמאָנסטראַטאָר פון לידער־שאַפעריי, און כסדר דעמאָנסטרירט, מיט גרויס ליבע און איבערגעבנקייט, די סחורה פון זיינע פריינט. קיינער האָט אַזוי נישט איבערגעגעבן דעם טעם פון אַ וועגנדיקער שורה, דעם פיזישן טעם, ווי ער, וואָס האָט די שורה געהוידעט אויף דעם צונג, און איר געגעבן די מוזיקאַלישע לופטיקייט, וואָס ער האָט געזען אין ליד, דער עיקר אין דער גוטער מוסטער־סחורה פון זיינע חברים.

ווי יעדער דיכטער האָט ער אַליין געזינדיקט קעגן זיינע אייגענע טעאָריעס. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס איז געקומען מיט אַ פולער אינהאַלטלעכקייט. די יוגנט־לידער זיינע זיינען באמת געווען רעוואָלוציאָנער, ווייל זיי זיינען געווען לידער פון אָרעמשאַפט, וואָס האָבן איבערגעגעבן די געגנעצדיקע אינהאַלטלאָזיקייט פון דעם מענטשן וועמענס שעה'ן זיינען נישט זיינע, נאָר פאַרדונגענע. אים איז געגאַנגען אין שאַפן פּאָעזיע פון דער גוואַלטיקער וואָכעדיקייט פון לעבן, פאַנגען די גרויע רגע'ס אין נעצן פון געמאָסטענעם און דיסציפּלינירטן אויסברוך. קיינעם פון זיינע חברים איז עס אין אָנהויב אַזוי נישט געלונגען ווי אים: בעת זישא לאַנדוי האָט „געשפּיגן אויף דער סטעליע", איז אייזלאַנד'ן, שוין אין זיינע ערשטע לידער, געלונגען צו שרייבן מיט שטילער פּאַטעטיק וועגן דעם מאַן און ווייב צעשייד אַלע אינדערפרי —

האָסטו דיר דיין פרישטיק, אין פּאַפּירן זעקל
ליגן ברויט און עפּל. נעם זיי מיט.
זיי נאָר שטילער. וועק די קינדער ניט
און אָט וואָרט. זע, מאַך צורעכט דיין רעקל.
אַ גוטן טאָג!
גיי געזונטערהייט און קום געזונטערהייט צוריק.

כמעט מיט כינעזישער רואיקייט (אײַזלאַנד האָט אגב געמאַכט איבערזע־צונגען פון כינעזישער פּאָעזיע) באַשרייבט ער דאָס געוויינלעכע שטיל לעבן פון אַ פרימאָרגן אין אַ הויז —

מיד נישט אויסגעשלאָפן גייט אַרום די פרוי.
די פּאַנטאָפל קלאַפּן וואָכעדיק און גרוי.

אָבער אין דעם שטילן לעבן רייסט זיך אַן אינהאַלט, אַן אינהאַלט וואָס די „יונגע" האָבן שפּעטער געזוכט צו אונטערדריקן, און וואָס צו אים זיינען זיי צוריקגעקומען אין די רייפערע יאָרן. די רעאַליסטישע און פּראָסטע „ברויט מיט עפּל" אין פּאַפּירענעם זעקל, וואָס זיינען געווען דעם אַרבעטערס מיטאָג, זיינען שפּעטער ביים פּאָעט אײַזלאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאָלערישן שטיל־לעבן. אַלע „יונגע" האָבן בכלל געזוכט קרובעשאַפט מיט דער רואיקער מאָלעריי, און זיי זיינען געווען גליקלעך, ווען זיי איז געלונגען צו דערגיין צום אמת'ן שטיל־לעבן פון אומאינהאַלטלעכקייט. כ'נוץ דעם אויסדרוק, ווייל ס'איז אפשר אַ סך גערעכטער צו די אָנהויבן פון דער גרופּע, ווי דאָס וואָרט — אינהאַלטלאָזיקייט.

ברויט און קעז און האָניק אָפן פּראָסטן טיש.
גאָלדיק רופט צו זיך דער טיי,
אין דינע גלעזער צוויי,
און גרינלעך קיל און פריש,
ווינקט דער וואַסער־קרוג באַצויגן מיט טוי.

דער אַמאָליקער שטילער אינהאַלט, הינטער דער שטילקייט פון אַ נייעם פּראָלעטאַרישן טאָן, אין דער דעמאָלטיקער אידישער פּאָעזיע, פון פּראָטעסט און צאָרן קעגן שאָפּ, איז דאָ ביי אײַזלאַנד'ן אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויטענטיש מאָלעריש שטיל־לעבן. די לידער פון שטיל־לעבן מיט דער פיזי־שע פאָרונג פון ברויט און קעז און פרוכט —

ווי קילע, פולע בריסט, מיט אַ באַהאַלטן פייער,
ליגן שווערע טרויבן לעבן ברוינע
מענלעך־לאַנגע באַרן.

— האָבן דעמאָלט אין זייער צייט געמאַכט אַ פוראָר, און זיי האָבן עס פאַרדינט.

דער דיכטער אייזלאַנד האָט דעמאָנסטרירט אויף זיין קינסטלעריש־טעאָרעטישן שטייגער, וואָס מען קאָן טאָן, לויט זיין מיינונג, וואָס מען דאַרף טאָן מיטן אידישן ליד.

אייזלאַנד האָט אַ סך דערגרייכט. ער וואָלט אָבער דערגרייכט נאָך מער, ווען ער וואָלט זיך נישט אויסגעשמועסט צופיל וועגן זיין פון ליד און שורה; ווען ער וואָלט געדענקט אין זיך אַליין און ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז אַ שורה פון אַ ליד איז נישט נאָר אַ ראיה, ווי אַ ליד דאַרף געשריבן ווערן, נאָר אַז אין תוך איז אַ שורה אַ פאַרצייכענונג פון דעם דיכטער׳ס אינטענסיוו לעבן. אייזלאַנד האָט זיך אַליין פאַרשאָטנט, ווייל זיין ליבשאַפט איז געווען גרויס פאַר די ווערטער פון זיינע חברים. זיין ליד ווי „זישא לאַנדוי לייענט אַ ליד" איז פול מיט באַוואונדערונג פאַרן חבר׳ס וואָרט —

די בלויע אויגן שמייכלען
און לייכטן שקאָציש אויף;
אַ וואָרט אַ שאַרפס פאַרלירט זיך
און חכמה הענגט דערויף.
אָט בייסט אַ שורה ציינער
זיך אין ליפּ אַריין;
די צונג פאַרזוכט די ווערטער
און פּרואווט זיי אויס ווי וויין.

„די צונג פאַרזוכט די ווערטער און פּרואווט זיי אויס ווי וויין" איז גיכער געווען דער אופן, ווי אייזלאַנד אַליין האָט טועם געווען אַ חבר׳ס אַ ליד, אָבער ער האָט עס צוגעשריבן לאַנדוי׳ן. נאָר אַפילו אין דעם ליד איז פאַראַן מער קאָנקרעטער אויסדרוק, ווי אין די דעמאָלטיקע לידער פון זיינע חברים, וואָס האָבן נישט געקאָנט קאָנקרעטיזירן, נאָר איבערגעבן די רויכיקייט פון אַ שטימונג.

געווען אַ מאָמענט אין אייזלאַנד׳ס שאַפונג, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין איינגעבוירענער אינהאַלטלעכקייט, וואָס ער האָט געוויינלעך אונטער־דריקט ווי אַ סתירה צו זיינע טעאָריעס וועגן פּאָעזיע — דאָס איז געווען ווען ער האָט באַרייכערט די אידישע פּאָעזיע מיט זיין גרויסצוגיקער פּאָעמע וועגן דער שטאָט טאַרנאָוו. אייזלאַנד האָט אין דעם ליד זיך דערהויבן איבער בלויזער שטימונגפולער נאָסטאַלגיע. ער האָט געגעבן דיכטערישע זכרונות. ער האָט זיך אין דעם ליד נישט געצאַמט אין גראַם, נאָר ער האָט זיינע שורות אויסגעצויגן אין ווייסן פערז. אויך דאָ איז ער געקומען מיט זיינע סענזועלע פאַרצייכענונגען פון ריחות און טעמ׳ן, אָבער אין דעם ליד „טאַרנאָוו"

זיינען די דאָזיקע דערמאָנונגען געווען פּרוסטיש, מילשטיינער פון אינהאַלט, אין ים פון כוואַליענדיקע שטימונגען.

עס שמעקט מיט זאַפּראַן, נעגעלעך און ענגלישן געווירץ,
מיט זיסן צוקערוואַרג און שאַרפן קימל,
מיט ריחות פון געוואַנטן און מיט ראָסט פון אייזן,
און מיט דער קעלט פון לאַנגע שטאַבעס שטאָל.

די ערשטע שורות האָבן גלייך אָנגעזאָגט אַ צוריקגיי אין אייזלאַנד׳ס דיכטערישער קאַריערע, ווייל דאָ איז דאָס שטיל לעבן נישט נאָר געפּאַרט פאַרן אויג, נאָר אויך פאַר דעם חוש־הזכרון, דעם צוריקרוף פון עכטער דערמאָנונג, פון שטייגער.

אייזלאַנד האָט עובר געווען אויף אַ סך פון זיינע אייגענע לאָר׳ן. ער איז אפילו אַריינגעפאַלן, נישטאָגעדאַכט, אין „פּראָזע״ —

און כאָטש דאָס אינגל שלאָפט שוין לאַנג —
זיין מאַמע האָט פון אים די שטיוול אָפּגעצויגן.
דאָס העמד אים אויסגעטאָן
אַ וואַרעמען געלייגט אין בעט,
און איז מיט ווייכע טריט פאַרשוואונדן,
דאָך הערט ער נאָך ווי ס׳טריפן שווער דעם זיידנס רייד
און אים איז גוט,
און אַלעס מישט אינאיינעם זיך צונויף:
דער אַלטער סאַנדזער, ווי זיין שטייגער שטאָלץ און בייז,
דער סאַדאַגורער מילד און איידל, מיט די ווייכע אויגן,
דער קלוגער בעלזער מיט אַ לאַנגע ליולקע אינם מויל,
די ראָפּשיצער אין קאַפּטאַנעס אָן קלאַפּן,
מיט אויפגעשטעלטע בלויע סאַמעט־קראַגנס,
מיט סאַמעטענע מאַנקעטן,
און ברייטע שוואַרצע אַטלאַס־גאַרטלען.

אייזלאַנד׳ס אמתע לידער פאַרמאָגן אַ סך אַזעלכע מאָמענטן, ווען אים האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע פון אַ טעאָרעטישן אויסקעמפער פון יענעמס לידער, און זיך באַהאַלטן אין זיין חדר מיוחד. דעמאָלט זיינען די שורות זיינע נישט בלויז שטימונג־בריקלעך, נאָר זיי זיינען אָנגעלאָדן מיט לעבעדיקן אינהאַלט.

י. י. סיגאַל

„ספר אידיש"

ווען י. י. סיגאַל וואָלט נישט געווען אַזאַ גוואַלטיקער עושר פון אידישער אַרעמקייט, ווען ער וואָלט געקענט זיך פאַרקליינען, כדי נישט צו בלענדן און פאַרבלענדן מיט זיין ברייטער נגידה'שאַפט פון אידיש האָב און גוטס, וואָלטן אַ סך מענטשן געקענט צוקומען צו אים נענטער אים בעסער דערזען און אים שאַצן. מיט זעקס יאָר צוריק האָט ער אַרויסגעגעבן זיין צענט בוך לידער, פון איבער 500 זייטן, און אָט האָט ער ווידער אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער פון קנאַפּע 600 זייטן. צען פּאָעטן, און גוטע פּאָעטן, וואָלטן געקענט מאַכן אַ שיין און רחבותדיק פּאָעטיש לעבן פון זיין ביי בוך, וואָס איז אייגנטלעך אַ דיכטערישער טאָג־בוך, אָן דעם מינדסטן איבערהיפּ — פון איין גרויסן דיכטער.

סיגאַל גיט זיך איבער טאָג־טעגלעך צום אידישן וואָרט, וואָס איז זיין מודה אני און זיין קריאת שמע. אין דער נישט־אויסגעוועפּטער פרומקייט פאַרלירט נישט זיין ליד די מאָס פון שיינקייט, וואָס מיט איר מעסטן אַלע גרויסע פּאָעטן די רייד וואָס זיינען זיי צוגעשפּאַרט געוואָרן. סיגאַל האָט נישט מורא פאַר דער פּאָעטישער טאָג־טעגלעכקייט און אוודאי נישט פאַר דער אידישער גרוי־וואָכעדיקייט. ער פאַרמאָגט די ווערטער צו דערהויבן יעדער אַריינגעשריבענע שורה פון זיינע מערקווירדיקע פאַרצייכענונגען, וואָס ציטערן אויף אַזוי גיך, ווי ער גיט אַ קלאַפּ אָן אין סאַמע ערשטן וואָרט פון דער ערשטער שורה. אַלץ, אפילו דאָס פשוט'סטע וואָרט, ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין דערהויבונג. ער פאַרמאָגט אַ טיפע איינהערעוודיקע זעעוודיקייט, וואָס ביי אַנדערע איז עס אַ קוים־געאָנטער גליקלעכער מאָמענט, אַ מאָמענט וואָס דאַרף ערשט וואַרטן, אַז טעג און וואָכן זאָלן שאַפן דערפון אַ ליד. ביי אים שאַפט יעדער מאָמענט זיין אייגענע גייסטיקע אָנשטימונג. ער ענטפּערט אָפּ אויף דער מוזיק פון יעדער שורה, וואָס קומט צו אים גוטוואָכן ביטן און ער גיט איר אַ אידישן תיקון.

די צופילקייט זיינע איז נישט קיין איבערשוים, נאָר טייערע געבענשטע שפע. מיר זיינען פשוט נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ ראָטשילד פון גרויסצוגיקן אויפגעזוגענעם און צוגעפּאַסטן אידישן דלות. מיר האָבן שוין לאַנג נישט פאַרמאָגט אַזאַ געבענשטן שרייבער, וואָס גיט אַזוי ברייט, ווייל ער פאַרמאָגט

אַזויפיל; מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ טייערע היילעוודיקע אידישע פּעדער, וואָס ווייסט אַזוי דעם הייליקן ווערט פון אונזער צעבראָכנקייט —

אוּן מען טרינקט פון אַ טשערעפּ וואַסער
אוּן מען האָט דערפון אַ גאַנצע הנאה.
אַזוי קען מען מיט ברכה און אהבה
בענטשן ערלעך די יאָרן די גראָע.

י. י. סיגאַל׳ס ניי בוך לידער — „ספר אידיש" איז אַ געשעעניש אין אונזער ליטעראַטור. ס׳איז אַ בוך וואָס גיט אונזער ליטעראַטור האַפט, אָנזען און באַטייטונג. גרויסע ביכער זענען פייערלעכע דאַטעס אין יעדער ליטעראַטור. זיי זענען נישט נאָר פּערזענלעכע ביאָגראַפישע מילשטיינער פאַר די שרייבער אַליין, נאָר זיי זענען אויך גרויסע צייכנס און שטאַפּלס אין דער ביאָגראַפיע פון אַ ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגן לעבן, מיט אירע ירידות און עליות. סיגאַל׳ס בוך איז נישט קיין ענג־פּערזענלעך בוך, נאָר אַ ברייט־האַרציק געשאַנק, ווייל ס׳גיט דער ליטעראַטור אונזערער אַ געלעגנהייט אויפצוהויבן דעם קאָפּ, ווי אין די צייטן, ווען מענדעלע איז געקומען מיט זיין שלמה ר׳ חיימס, שלום עליכם מיט זיין טביה אָדער מנחם מענדל; פּרץ מיט זיינע פאָלקסטימלעכע מעשות. גראָד איז סיגאַל׳ס בוך אויך אַ דראַמאַטישע איבעררּאַשונג. נישט דער קאָפּ, נאָר דאָס געמיט פון דער אידישער ליטעראַטור איז געוועזן שטאַרק געבויגן, ווען סיגאַל איז געקומען מיט זיינע פאַרטרויעריקטע טרייסט־רייד. אַלע זיינע לידער, פון אַלע זיינע וואָכעדיקע טעג, האָבן זיך צוזאַמענגעזונגען אין אַ בוך, וואָס איז געוואָרן ווי אַ פעסטונג קעגן אונטערגאַנג. מיר נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק אין אַזעלכע פעסטונגען. מיר האָבן אַזאַ ברייטע טבע צו פאַרטאַכליעווען פאָלקס־אוצרות, מיר זענען אַזעלכע גרויסע פאַרשווענדערס, כטוב לב המלך, מיר לויפן אַזוי אימפּעטיק צו ימים טובים, אַז מיר פאַרגעסן די תשעה באבס און אַ סך גוטע, פרומע און לייטזעליקע וואָכנטעג. סיגאַל וואָרנט אונז אַזוי גלענצנדיק און טיף קעגן פאַרשווענדעריי אין אַ ליד וועגן דעם איד, וואָס לאָזט זיך גיין צופוס קיין ארץ ישראל.

געוואָלט אויף זיין וועג זיך געזעגענען נעכטיקן,
מיט אַלעמען — דאָ — דאָרט — טאָגן
און קיינמאָל נישט געלאָזט זיך אונטערפירן
הינטערוועגס פון אַ פור, אַ וואָגן.
ווייל נישט גרינג איז אַ אידן פאַרלאָזן
דעם גלות וואו די שכינה האָט געוואָגלט,
און אויף איטלעך קליין שטעגל און וועגל

ליגט דער אידישער צער צוגענאָגלט.
און האָפענונגען פלאַטערן אין לופטן,
און האָבן זיך נישט קיינמאָל פאַרלאָשן,
און פול זענען אפילו די חורבות
מיטן מורמל פון אידישן לשון.
און די לופטן, די ביימער, די גראָזן
זענען פול אָנגעזאָפטע מיט ניגון
פון תהילים און טרויעריקע לידער,
זענען פול אָנגעזאָפט מיט ניגון
שיינע יאַנקעלעך איבער די וויגן.

מ׳דאַרף זיך גוט איינהערן אין דער מוזיק פון די שורות, אין דער ווייכ־קייט פון די ווערטער, ווי זיי פאַלן צוזאַמען מיט אַ פאַרדאַוונטער דבקות. ביי דער גאַנצער גרויסער און באמת איבערראַשנדיקער מוזיקאַלישקייט פון אונ־זער סוצקעווער, הערן מיר אין זיין ליד אָפטמאָל אַ דערווידערדיקע שפּילעוו־דיקייט, וואָס ווייזט אונז די קאָקעטישע פינגער פון דעם פיינעם מנגן. אין סיגאַל׳ס לידער איז פאַראַן אַ פאַרטיפטע, רעליגיעזע מוזיק, וואָס גיט אונז נישט קיין געלעגנהייט צו זען די לאַבאָראַטאָריע פון פּאָעט, ווי זי טיילט זיך אָפּ פון זיין וואָרט. אַלץ ווערט ביי אים הייס צוזאַמענגעשמאָלצן און זינגט פון די טיפן צו די הייכן. י. י. סיגאַל׳ס בוך — „ספר אידיש" איז אַ גרויסע באַוואָרעניש קעגן אונטערגאַנג פון אונזער לשון, ווייל אין דעם בוך האָט דער דיכטער געפאַנגען אַלע צאַרטן און וואונדערס פון אונזער שפּראַך, מיט דער גאַנצער פאַרהעברעאישטער אויסגעטייטשטקייט, מיט דער פאַרגעדענקטער תחינה׳דיקייט און טייטשחומש׳דיקייט, וואָס האָט זיך געפורעמט דורך שווערן עול און נאָך שווערערן בטחון; דורך מאַטער און פרייד, דורך גוזאַנג און גע־וויין, מיט דער אידישער פשטות, וואָס איז תמיד געווען אָנגעלאָגלט מיט אַלע אונזערע סתירות, מיט אַלע אונזערע צעריסנקייטן, וואָס פון זיי האָט זיך צע־גאַנצט איבער אַלע אידישע ישובים דער צעזונגענער וויטיק פון אידישן לעבן.

י. י. סיגאַל איז אַ מייסטער פון טראַגיק. ער קען אַזוי מיט אַ וואָרט, אַ שורה אַ שניט טאָן איבערן האַרץ און געבן דעם ניי־אידישן צוריקרוף פון דעם אַלט־אידישן קרעכץ. ער קען מיט זיין וואָרט אַרויספאָדערן אין אונז דאָס גע־פיל צו פאַרטייערן אַלץ, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייגט אין אונזערע שאַץ־קאַ־מערס, שפאַנענדיק אפילו אויף דער בריק צו אונזער צוקונפט. ער קריגט די קלאָרע אידישע משלים, וואָס פאַרטייטשן דעם נמשל און פאַרלאָגישן אים און וואָס מאַכן דעם נמשל פאַר אונזער חוב.

דערפיר אונזערע אידישע שיפן
צום היימברעג פון צפת און רחובות.
אָ, קרוין מיך פונדאַסניי, ירושלים
ווי אַן איניקל יהודה הלוים.
אפילו אויפן הויפן פון חורבן
וועל איך אויפהויבן מיינע הענט און לויבן
איטליך קינד, יעדער זאַנג אין דיין נחלה
וואָס גייט אויף ווי אַ זון אין דיין גלויבן.

שוין אין די אַכט שורות איז דאָ דער גאַנצער סיגאַל מיט זיין נאַטירלע־כער אָרגל־באַגלייטונג, מיט זיין פּאַרטיפּטער רעליגיעזער ליריק, מיט זיין טרעפלעך לשון, מיט זיינע שטילע צוגעפּאַסטע גראַמען, מיט זיין ביבלישן אידיש — „יעדער זאַנג איז דיין נחלה", מיט זיין אייגן וואָרט — „ווי אַ זון אין דיין גלויבן". אָבער ווייטער ווערט דאָס ליד (אויף זייט 367) גלויביק־דערהויבענער און צעזונגען, אין טאָן פון אַן אָדע.

כ׳פאַל אין קדושה, אין פאָרכט און אין כבוד
פאַרן נס פון דיין ווידערגעבוירן.
אויב איך האָב נישט קיין זכות זיין דיין שומר,
וועל איך בעטלערן ביי דיינע טויערן.
מיין לירע, כאָטש יונג און ניי־מאָדיש,
וועט אויסשפּילן דיין אַלט שיר השירים.
דיין אַלט שיר השירים איז אייביק —
אין שכרות דאָס האַרץ צו פאַרלירן.
און דאָס פאָלקס־ליד פון גלות וועט נאָכגיין
און מיט איידעלע הענט פון מיר מאָנען:
אָ, יעקב, נישט לאָז מיך און נעם נישט
אַוועק פון מיין גורל דיין פּנים.

מיטאַמאָל זינגט אויף אין דיכטער אַן אַלטע אידישע מעשה, אפשר די עלטסטע, וועגן דעם גרויסן אידישן מחוקק און בעל רחמן, וועגן דעם רחמנות, וואָס האָט דעם רבונו של עולם געוויזן, אַז דער פיטערער פון שאָף איז ראוי צו ווערן דער מנהיג פון באַפרייטע אידן.

אַ שאָף האָט פאַרבלאָנדזשעט אין מדבר,
און משה דער פאַסטוך דער ליבער,
בייגט אַן זיך און נעמט אויפן שויס איר,
און טראָגט זי די מדבר אַריבער.

אָט דער קרוין־פּערל פון ליד איז נישט קיין איינפאַל, נאָר דיכטערישע

וויזיע — נאָך מער, ס׳איז די פאַרקניפּונג מיט אונזער אייביקייט, און שטאָט אַ טענה — אַ בליציקער באַווייז, נישט קיין מאַנונג, נאָר אַ געשעענער פאַקט. משה — (יעקב־יצחק) בייגט זיך אָן, הויבט אויף די שאָף, דאָס פאַלקסליד פון גלות, נעמט זי אויפן שויס „און טראָגט זי די מדבר אַריבער."

און זאָל מען חס וחלילה נישט מיינען, אַז דאָס בוך „ספר אידיש" איז אַ ספר פון לויטער שפּראַכנקאַמף. חלילה, צענדליקער לידער אין סיגאַל׳ס בוך זענען געזאַנגען צו אידיש. צענדליקער לידער — געזאַנגען צום ליד, צענדליקער לידער וועגן אונזער גורל, צענדליקער לידער פון אונזער חורבן, צענדליקער לידער וועגן באַזיגונג נאָכן חורבן. כ׳האָב דאָס ליד „אַ שאָף" בלויז געבראַכט ווי אַ ביישפּיל פון סיגאַל׳ס דיכטעריש איבערצייגנדיקער אַרגומענטאַציע, וואָס דערגרייכט אַלץ מיט דעם כוח פון אידישער אַלעגאָריע. אַ נייער דובנער מגיד, אַ טרייסטנדיקער, נישט קיין באַלעמערדיקער, זייטיקער און שטראָפערישער שטייט ער פאַר אונז אין דעם „ספר אידיש". טאָמער קומט סיגאַל יאָ אַמאָל מיט שטראָף־רייד, וויקלט ער זיי באַלד איין אין אידישער גוטסקייט און ער, דער שטראָפער, טיילט גלייך דעם גורל פון דעם גע־שטראָפטן. ער ווערט איינס מיט דעם לייענער, וואָס כאַפּט די מוסר־שמיץ, ער בויגט אָן די אייגענע פּלייצע.

אַ וועלט מיט קינדער, און דו, בעל חסד,
צינדסט אָן די טונקעלע סודות, חידות.
דאָס וואָרט איז גאָלדשטאָל קאָוועסט, טעסעסט
און ס׳בלענדט און בלישטשעט — כלו חידוש.
אַ ליד איז חסידות, גענאָד און רחמים
צעזינגט דאָס האַרץ, צעלויכט די חושים
אונזער פאָטער־דיכטער איז ר׳ נחמן,
און דערפאַר בלייבט הייליק אונזער ירושה.
אויף פאַליצעס, און שטוביקע ווינקלען.
אַ נס וועט געשען — אני מאמין;
אַ נס האָט געשען — אני מאמין;
און קנויטן באַהעפטן זיך מיט פלאַמען.

דאָס איז יעקב יצחק סיגאַל׳ס באַשייד פון אידישן ליד — „גענאָד און רחמים". דאָס איז נישט — קיין נעבעכדיקע, קליינדיכטערישע השגה, נאָר אַ דורכגעפירטע, בטחונדיקע פילאָזאָפיע אין אַלע זיינע לידער. דאָס איז אַ גאַנג פול מיט עניוות אין וואָרט, אָבער אויך מיט זיכערקייט און טרייסט, מיט גלויבן, אַז מען קען זיך ראַטעווען אפשר אין חלום אין בלאָען —

מיט דיר וועל איך בלייבן שוין, יעקב יצחק, ברודער,
אויף אַ אינזעלע דאָ אין אַ ים פון נישטאָען.

אין בוך זענען געגעבן איבער 300 לידער, אַ טייל פון זיי גרעסערע פּאָע־מען, קען מען וועגן יעדער באַזונדער ליד, וואָס איז כלו אינהאַלט און קערן, שרייבן און ווייזן, ווי סיגאַל טרעט צו צו זיין וואָרט נישט נאָר אידיש־אינ־האַלטלעך, נאָר ווי דער אָפּגעהיטער מייסטער פון וואָרט, וואָס זוכט זיך, זיין אייגענע דערהערטקייט און אויסטיילעוודיקייט, און וואָס ווערט נישט פּאַרטיק מיטן ליד ביז ער צינדט עס נישט אָן מיט דערהויבונג און ביז ער איז נישט זיכער, אַז ס׳ליגט דערויף זיין חותם. ער אַליין איז זיין אייגענער שאַרפסטער קריטיקער און דערפאַר קומען זיינע לידער צו אונז נאָך אַ גרויסן געראַנגל מיטן וואָרט און דער מוזיק פון וואָרט. זיינע לידער זענען עפּאָכאַלע אין דעם זין וואָס אַז דו לייענסט זיי דערהערסטו אין זיי אַלע פיינלעכע דיסקוסיעס פון אונזער צייט, די טריט פון אונזער צייט; דו דערשפּירסט אין זיי דעם ביטערן טעם פון דער צייט און הערסט דאָס קול פון דעם רייפן קינסטלער, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אידישע לעגענדאַרישע וואָר און פון איר געשאַפן נייע גרויסאַרטיקע לעגענדעס, וואָס מיט זיי קען דער דיכטער ווייטער לעבן און גלויבן אין אונזער ניסימדיקער צייט.

דער פּאָעט י. י. סיגאַל איז זיין אייגענער שאַרפסטער קענער און פאַר־שטייער. ער איז נישט גלאַט אַזוי אַ פעל־און־טרעף פּאָעט פון שטימונג, נאָר אַ פּאָעט פון גוואַלדיקער רגילות מיטן וואָרט און פון גוטן אויער פאַר דער אידישער ריידעוודיקייט.

אַמאָל, אַ מאָל און איבער נאָכט
און אַלע דיינע ווערטער ווערן צייטיק.
קיין אות, קיין זילב איז נישט אויסגעטראַכט
און איטלעך וואָרט איז ליכט, איז ווייטיק.
און דאָס ליד דיינס שטייט אין זון,
צעבליט מיט אַלע זיינע רייפע פּירות.
בענטש און פליק אַרונטער דערפון
די זינגענדיקע מצווה׳ס און עברה׳ס.
פאַר יעדן קערנדל האָסטו געצאָלט,
מיט בלוט, מיט לעבן און מיט מיען,
ביז ס׳איז געוואָרן ווין און גאָלד.
און ס׳וויאַנען הויבט אָן בליען.

און דער פּאָעט וואָס ווייסט אַזוי גוט ווי צו בענטשן „די מצווה׳ס און עברה׳ס״, אפילו פון די רייפסטע לידער, ווייסט אויך, אַז דער אמת׳ער טעם

פון רייפן ליד פאַרמאָגט אין זיך די „מצוותס און עברהס" פון עראָטיק, און ער זינגט זיין ליד אַריין אין געזאַנג פון דערהויבנסטן סוד פון וועלט און באַשאַף.

נאָר דו אַליין ווייסט ווי אַזוי
דיין ליד איז ליד געוואָרן.
אין גאָר דער וועלט — דיין שיינע פרוי,
וואָס האָט עס דיר געבאָרן.
אין גאָר דער וועלט — דיין שיינע פרוי,
וואָס האָט עס דיר געוואונען.
און ס'שפּיגלט זיך אין ליד איר לייב
ווי אין אַ גאָלדענעם ברונעם.

י. י. סיגאַל'ס בוך איז אַ קלאָרער אָפענטפער אויף אידישער טאָג־טעג־לעכקייט און אַ פאַרהייליקונג פון דער אידישער וואָר. ס'איז נישט קיין צופע־ליקער צוזאַמענקלייב פון לידער, נאָר אַן איבער־דורכגעטראַכטע־לידערדיקער פּירוש אויף די פאַרגאַנגענע און אידישסטע פון אַלע יאָרן. סיגאַל איז נישט קיין פאַרצווייפלטער קלאָגער, נאָר דער איבערזיכגער אויפסניי פון אונזער פייערלעך בטחון־ליד. נאָך דעם ווי ער קלאָגט אויס זיין גאַנצן יאָמער אויף אונזער חורבן לאָזט ער אונז הערן אַזעלכע ליכטיקע טרייסט־ווערטער, וואָס אין זייער פּשטות פאַרמאָגן זיי אַ זעלטענע לויטערקייט. אַ לויטערקייט, וואָס אין איר ליגט פאַרקנוילט דער גאַנצער כישוף פון אידישן פאָלקס וואָרט, וואָס קען זיך צופּאַסן צום שענסטן היינטצייטיקסטן געזאַנג און עס דאָך באַרייכערן און פאַרטיפערן.

וועסט אונז צונויפקלייבן פון חורבן,
וועסט אונז צונויפנעמען פון אַש.
און ברענגען זון אין יונגען זומער
און פרייד פון קינדער אויף אונזער גאַס.
אַ נייע פרומקייט וועסטו שפּרייטן
אויף אונזער קאָפּ, אויף אונזער ברעם.
און ס'וועט אונז ווידער זינגען טרייסטן
אַ הייליק וואָרט פון דעם בעל שם.
האָסט אונז פאַרגרייט אי רו, אי היילונג,
אין טעג פון צער, אין טעג פון בלוט.
געבענטשטע האַנט פון אַ אידישער מאַמע
וואָס הויבט אויף הויך די זיידענע הוט
אַריבערן קאָפּ פון דער טאָכטער־כלה

און געבענטשט דער בדחן מיטן טרער אין בליק,
וואָס זינגט צוריק די אַלטע גראַמען,
פון אידיש ליידן און אידיש גליק.
פון ווין זשע כלה׳ניו און אַזוי ווייטער,
כ׳קוש איטלעך ערלעך וואָרט אין מויל.
הייליק, הייליק איז יעדער אידישע כלה
פונם ווייסן טיכל ביזן שיכל-זויל.
און הייליק איטלעך אידישער פסוק,
וואָס מיר דערמאָנען זיך ווען-ניט-ווען.
און איטלעך אידיש וואָרט וואָס איז אים
נאָך דאָ קיין אומגליק נישט געשען.

„אַ נייע פרומקייט ועסטו שפּרייטן" — י. י. סיגאַל׳ס ווערטער שפּרייטן פאַר אונז נייע פרומקייט, אַ צניעות׳דיקע פרומקייט, „פון ווייסן טיכל ביזן שיכל-זויל", און אויף אַן אייגענעם שטייגער ווערן אין זיינע לידער אַריינגעזונגען און פאַרהייליקט אַלטע אידישע פסוקים וואָס פאַרגרייטן באמת רו און היילונג. סיגאַל׳ס לידער זענען קלוגע אידישע לידער, זיי וויקלען זייער יאָמער אין שיינע, מוזיקאַלישע נחמור-נחמוס, וואָס פאַרטרייסטן דעם טרויער פון זיינע לידער מיט געזאַנג.

י. י. סיגאַל׳ס טרייסט איז נישט די לייכט-צוגעשניטענע, נאָר זי קומט צו אונז אַ דורכגעווייטיקטע, נאָך אַ לאַנגן וואָגל איבער אונזערע אידישע וועגן. דער דיכטער אַליין האָט פריער געטרונקען פון נישט-אויסשעפּלעכן לאָגל פון טרויער.

דער לאָגל פון טרויער ווערט פולער.
דער לאָגל פון גליק — אויפן דנאָ.

אָבער י. י. סיגאַל רירט זיך אויך צו צום לאָגל פון גליק און קריגט פון דאָרט אַרויס אַ טראָפּן דערפרישונג. דערפאַר זענען די טראָפּנס טרייסט אַזוי איבערצייגנדיק, ווייל זיי זענען שווער אַרויסגעלערנט פון אונזער רייכן אומגליק. אונזער אומגליק איז נישט קיין סדרה, נאָר ש״ס׳ען גאַנצע מיט אַזויפיל טרויעריקע און ביטערע מפרשים. פון דעם „ספר אידיש" זעט מען קלאָר, אַז אין סיגאַל׳ן איז פאַראַן די גאַנצע חריפות און בקיאות פון אַ גרויסן לערנער פון אונזער צעצווייגטן צער. ס׳איז נישט קיין לייכטע קאָמפּילאַציע און אויסשטעלונג פון אונזער אומגליק, נאָר אַליין דורכגעטראָגן און דורך די נעכט דורכגעלערנט מיט דעם גאַנצן גרויסן ווייטיק פון אונזערע אַלע מוסר השכל׳ס.

דערפאַר זענען די טראָפּנס טרייסט, וואָס קומען פאַרזיסן י. י. סיגאַל׳ס רייד אַזעלכע אָנגעלייגטע, ווייל זיי האָבן אין זיך סימנים פון פאַרטיפטער דורכגעטראַכטקייט — די טראָפּנס טרייסט זענען דעם דיכטער שווער אָנגעקומען.

פאַראַן אין י. י. סיגאַל׳ס זינגעוודיקע שורות אַזויפיל אידישע נעימות׳דיקע זאָגעוודיקייט. זיינע געזאַנגען זאָגן זיך געשמאַק. אַז מען זינגט זיי פאַרלירט מען קיינמאָל נישט דעם פאָדעם פון די רייד, וואָס דער דיכטער האָט אין זיין געזאַנג אַריינגעלייגט. אפילו ווען די רייד ווערן לייכט און זיי פליען, אותיות פורחות אין מוזיקאַלישער צעגליטקייט, הערט מען אַלץ דעם דיכטער׳ס זאָגעוודיקן נוסח און ס׳ווערט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דער טראָפּ אויף די רייד.

די זאָגעוודיקייט איז דורכאויס אַ אידישע, אַ באַשיצנדיקע, אַ מה קאָמשמע לב׳יקע, וואָס לאָזט דעם פּאָעט קיינמאָל נישט פאַרזינגען אַ גאַרנישטיקע שטימונג, נאָר ס׳איז אין מיגדסטן ליד פאַראַן תוכן. קענסט נעמען אַכט שורות פון יעדער ליד זיינס און גלייך האָבן וואָס איבערצודערציילן, איבערגעבן המצאה פון וואָרט, איינפאַל פון בילד. הערסט באַלד דאָס קול פון פּאָעט, הערסט ווי די ווערטער קייטלען זיך און דערשפּירסט גלייך, אַז זיי זענען אַ לעבעדיקער שטראָם פון אידיש. זעלטן ווען ס׳פאַרפעלט י. י. סיגאַל׳ן דיכטערישער אָטעם, אָבער אפילו אַז ער פאַרזינגט זיך און פאַררעדט זיך, איז כדאי דעם לייענערס טירחה. ווי זאָגט אונז דער פּאָעט:

רוף צונויף אַ מנין אידישע ווערטער
און דאַוון מיט זיי דיין מנחה־מעריב.

אומעטום וואו סיגאַל רופט צונויף אַ מנין פון ווערטער, ווערט גלייך עפּעס אויפגעדאַוונט און אויפגעלערנט און ס׳איז גוט זיך איינצוהערן אין דעם געמורמל פון די רייד, וואָס האָבן אונז שטענדיק עפּעס וואָס צו זאָגן דורך זייער געזאַנג. אין זיין זאָגעוודיקן געזאַנג איז פאַראַן דער כשר׳ער טעם און ניגון פון אידישער לערנעוודיקייט, פון קינדערשן טראָף און חדר, ביז דער סאַמע אַרויפגעקלעטערטער „אַליינע״; אַליין מיט זיך דורך טעג און נעכט פון אַ דיכטערישן מתמיד, וואָס האָט דורך זיין פולצאַליק אידיש ליד אונז געלאָזט הערן די גאַנצע קלאָג און זיפץ־אַראַטאָריע פון אונזער מאַמע לשון, וואָס האָט זיך אייביק געהאַלטן ביי דער וואָרעמקייט, טרייסטפולקייט און פאַרטייטשטקייט פון ספר.

אויף מיר וועט מען זאָגן — נו, וואָס וועט מען זאָגן,
אַבי מען זאָל נאָר נישט דעם אמת פאַרגעסן,

אַז אין מיר איז דאָס איידלסטע ליכט פון אַ שטייגער
ביז דער טונקלסטער שפּעט פונם דור זיך פאַרזעסן.

מ׳קען אָט דעם אמת נישט פאַרזען און פאַרגעסן, ווייל נישט נאָר זעט מען נאָר מען הערט ממש דאָס איידעלע ליכט פון דעם שטייגער, וואָס איז אין סיגאַל׳ן אויפגעהיט געוואָרן, פון „געזאַנג און אגדה און מידות אין אידיש אין מויל פונם פאָלק און מיט זיין רשות פאַרשריבן״.

אויף תחינה׳ס, אויף געלבלעכע בלעטלעך פון לעמבערג,
פון כתר של מלכות ביז מעורר הלבבות,
אפילו להבדיל ביז שמ״ר׳ס אַ קונטרס,
וואָס די אידישע רביצין חוה׳לע סלאָוועס
האָט געלערנט מיט מיידלעך על פּי ניגון התחינה,
און ריינער ווי גינגאָלד — די מיידלשע טרערן.
און נאָכדעם דער רביצינס טרייסט און הבטחה —
אויף אונזערע טעכטער אַזוינס נאָך צו הערן.

אָט דער שטייגער איז געבליבן אַן אַריינגעפּלאָנטערטער אין סיגאַל׳ס רייד און דערפאַר קומען זיי גלייך צו אונז מיט אַ זעלטענער טרייסט. שוין דאָס קול פון דערמאָנונג אַליין, שוין די זיכערקייט אַז אַלץ איז אויפגעקליבן, אַלע טראָפּנס אויפגעהיט, אַז אפילו ווען ס׳איז עפּעס אויסגעוועפּט געוואָרן, איז אין סיגאַל׳ס רייד פאַרבליבן דאָס עסענצהאַפּטיקע פון אונזערע אייביקע קלאָג־און־טרייסט ווערטער — שוין דאָס אַליין שטעלט מיט זיך פאָר פולע דיכטעי־רישע נחמה.

ווי פייגל זענען זיי אומגעפלויגן
ביי אונזערע פענסטער און שוועלן
די פאָלקסלידער מיט די בלאָע אויגן
און די לאַנגע שנורן קאַרעלן,
און געזונגען האָבן זיי פון אַלעמשענסטן
וואָס מ׳קען נאָר הערן און געדענקען,
די פאָלקסלידער אין אונזערע פענסטער
מיט הענט צעשטרעקט אין בענקען.

דערפאַר שפּילט אַזאַ ליבער חן אויף סיגאַל׳ס ווערטער, ווייל זיין וואָרט איז דער איינגעהערטער סך הכל פון דעם גאַנצן דורכגעציטערטן אידישן מעשה׳לע־געפליגל, וואָס איז ביי אים אויפגעהיט און אָפּגעהיט געוואָרן ווי

שטייגער. אפילו ווען ער דערלויבט זיך איבערצושטעלן די ווערטער פון אונזערע תפילות און שאַפן פון זיי נייע מזמורים, זינגט פון זיי אַרויס דער נוסח און שטייגער, וואָס איז אַ דערמאָנונג, אַ דערפרישונג און טרייסטונג — טרייסטונג פון נישט־איבערגעריסנקייט, פון המשך. דערפאַר איז גאָרנישט איבערגעטריבן, וואָס די איבער 300 לידער פון י. י. סיגאַל וואוינען אין אַ וואַרעמער אכסניה, וואָס הייסט „ספר אידיש“.

איך וויל דיר שפּילן, גאָט,
פון די אומעטיקסטע אותיות אַ מזמור.
איך בין צעוואָרפן, גאָט, אויף שברי אברים,
איך פיר צוריק דיר מיין נשמה, קראַנקער, מידער,
ווי מיין גוף — און פאַל קוים צום געלעגער.

פון די אומעטיקסטע אותיות אַ מזמור איז דער שענסטער זעלבסט־קאָמענטאַר אויף סיגאַל׳ס ליד. אפילו ווען דאָס ליד איז טרויעריק ווערט עס אָפט אַ מזמור, ווי אַן אַלטע טרויעריקע תפילה, וואָס דערפרייט שוין מיט דעם אַליין, ווייל זי לאָזט פון אונז אויסוויינען אַ סך געפּאַנגענעם געוויין. אַן אַלטע תפילה טרייסט שוין דערמיט אַליין, וואָס מיר דערשפּירן אַז מיר, די היינטיקע, רעדן ווערטער פון אונזערע זיידעס און באָבעס, וואָס האָבן דערלעבט דעם נחת צו רעדן אויך דורך אונזערע מיילער, נאָך אַזויפיל וואָגל און פאַרוואַנדלונג.

פאַראַן אין ווערטער אַזאַ ליכט,
דו דאַרפסט עס נאָר אַרויסבאַפרייען
און גאָר דאָס לשון ווערט אויפגעריכט,
תתחדש, אידיש, צו באַנייאונג.

ווי וואויל איז מיר, וואָס מיר איז גראָד
אָט די שליחות שוין איבערגעגעבן,
איך זאָל מיין חלק שיינגענאָד
דיר שענקען — זאָל דיר זיין צום לעבן,

וואָס וואָלט איך פאַר דיר נישט געטאָן,
דיך שטאַרקער מאַכן און געזינטער.
געשענקט דיר פון מיין גאָלד און זון,
געהאַלטן דרשה׳ס פאַר אידישע קינדער.

דאָס ליד הייסט — „אידיש לשמה", אָט דאָס איז דער זין פון יעדער ליד סיגאַל'ס, וואָס לעבט לשמה, ווייל ס'איז אין דעם פאַראַן אַ גלויביקער און פולער תוכן. אָט דער שטייגער פון אמונה אין וואָרט און פון ווערטער דורכ־געזאַפּט מיט אמונה איז דער שטייגער, וואָס איז ירושה'דיק פאַרוואָרצלט און פאַרשטאַמיקט אין סיגאַל'ס געזאַנגען. ער איז דער היטער זייערער, און אפילו ווען די ווערטער אַליין ווערן פאַרדרימלט, הערט מען ווי דער שומר וואַכט דרימלענדיקערהייט איבער אַ האָב און גוטס, איבער אַן אַרבונג, וואָס איז זיין שטיקל ערד — זיינע דלת אמות זינגען מיט אַ געזאַנג, וואָס קיינער קען ביי אים נישט צונעמען.

סיגאַל'ס ליד איז קלוג מיט אידישער חכמה און אַמאָל ווען ער מאַכט אפילו שטילע דיכטערישע „פּראָפּאַגאַנדע", איז זיין געזאַנג אַנגעמלעך פאַר אַלע צדדים אונזערע. ער זינגט פאַר און די קידער־ווידערדיקסטע פון אונז קענען בציבור נאָכזאָגן די ווערטער, ווי מ'קען אין אַ מענער־שול נאָכזאָגן די ליכט־טריפנדיקע רייד פון אַ צעוואָרעמטן מגיד.

כ'וועל עולה זיין קיין ארץ ישראל
און בענקען נאָך גלות השכינה,
נאָכן בעל שם טובס גאָלדענעם ברונעם,
נאָכן בראַצלאַווער'ס פּראָסטן קבר;
נאָכן גאַנצן פאָלק אין אַש־גרוב,
אָן אַ גאַנצן אבר,
נאָך יעדן אַלטן מצבה־שטיין
וואָס אַ דייטש האָט מיט אַ האַק צעבראָכן.
נאָך יעדער כאַטע אין עמק וואָלין
מיט די פענסטער אויסגעשטאָכן.

מען מוז איבערשלאָגן דעם שטראָם פון דעם טייערן ניגון, כדי אַנצו־ווייזן אויף דער דאָזיקער אומגעריכטער הייליקער צוזאַמענהעפטונג פון „עמק וואָלין" און אויף דעם אומדערוואַרטן און קפיצת הדרכ'דיקן בילד פון בלינד־קייט — „פענסטער אויסגעשטאָכן".

איך וועל אַלט ווערן אין ארץ ישראל
און זיך זעצן אַ ספר שרייבן.
אַ ספר גלות — אַ זכר זאָל כאָטש
נאָך מיר און נאָכן גלות פאַרבלייבן.
ווער וויס, צי ס'וועט מיר סטייען צייט
אָנצושרייבן די ערשטע דריי פרקים,
אַז ציטעריק זענען שוין אַזוי מיינע טעג

פאַרלאָרן און איבערגעשראָקן.
נו, וועט אַ צווייטער ממשיך זיין נאָך מיר,
אַ דריטער — מיט אייביקע המשכים,
אפשר לענגער ווי דער גלות איז געווען
פון קאָרעץ ביז צפת און בית לחם.

ס'איז גאָרנישטאָ אַזאַ קאָרגער לייענער, וואָס אין אים זאָל נישט אויפ־גיין „שיינגעגנאָד”, ווי סיגאַל זאָגט אַזוי טרעפלעך, און נישט דערזען און נישט דערהערן די זעלטענע אידישע צייט־בייקייט פון אַזאַ ליד, וואָס זאָל נישט דערשפּירן אין דעם צונויפגעציטערטן געזאַנג פון אַ מייסטער, דעם תמצית פון הונדערטער נישט פאַרענדיקטע ויכוחים. דאָ איז אַלץ פאַרענטפערט מיט טרויעריקער שיינקייט — דער ענטפער אויף אַ לאַנגער קשיה, „אפשר לענ־גער ווי דער גלות איז געווען פון קאָרעץ (סיגאַל'ס געבוירן אָרט) ביז צפת און בית לחם”.

זיינע טיף־אידישע רייד, זיין אָרקעסטראַלע פאַרשטייגערונג פון אידישן נוסח, איז גרויסוועלטיש. די שיינקייט זיינע, וואָס איר אורגעבורט איז אין די צוזאַמענגעפלויגענע פאָלקס־פייגל, די אידישע פאָלקס־לידער, און אין דעם תחינה־ניגון פון שמ"ר'ס פאַרגעלייענטע מעשה'לעך פאַר ווייבער, האָט אַרי־בערגעקלעטערט אַלע אָפּגעטיילטע ווענט און זיך צוזאַמענגעזונגען מיט דער שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט. פאַראַן ביי סיגאַל'ן אַ ליד רעמבראַנט (זייט 494). דער דיכטער דערציילט אונז, ווי דער געניאַלער מאָלער נעמט אַ שפּל'ען אָרימאַן, צעקעמט אים די צעפּאַטלטע באָרד און „קרוינט” אים פאַר אַ קעניג, קושט אים די פרומע, אויסגעדאַרטע אָרימע האַנט. איז אין דעם ליד דאָ אַזוי־פיל שאַפונג־פרייד, אַזויפיל דערהויבענע חברשאַפט צווישן דעם גאון און זיין הונגעריקן מאָדעל, אַז מ'זעט באַשיינפּערלעך, פאַרוואָס סיגאַל'ס אַלט־אידישע לידער מאַכן אַזאַ טיפן גרויסוועלטישן איינדרוק, ווייל די פאַרפרומונג זייערע ליגט אין די זיכערע הענט פון אַ גרויסן פּאָעט.

סיגאַל'ס ליד — „דער קעניג פון דער ערד” (אויף זייט 449) דאַרף גע־לייענט ווערן, כדי צו דערזען ווי רייך דער דיכטער איז אין מאָטיוון. דאָס איז אַן עראָטיש ליד, פון אַ גרויסן אוניווערסאַלן פאַרנעם, וואָס גיט אָפּ —

אַ לויב, אַ שבח צום גוטן גאָט דערפאַר
וואָס לאָזט דאָ איטלעכן זיין הערשער און האַר
איבער אַ שיינער זאַך, איבער אַ קליינער זאַך:
איבער אַן אַלטער שטוב מיט אַ פאַרשווון דאַך,
איבער אַ ירושה הויז מיט אַ פאַרברענטער וואַנט,

אַ געהויבענעם גרוב — אין טויטנלאַנד.
און דעם טרויעריקן מאַן בײַ דער גראָער שויב,
אים האָסטו, גאָט, גענאַלבט, אַ מלך איבער אַ ווייב,
מיטן זיסטן מויל און געשמאַקסטן לייב,
ווען דער הויכער לאָמפּ אויפן טיש לעשט זיך אויס
און איר ווייסער גוף שווימט פונם בעט אַרויס,
און די פּיס — צוויי ליכט אויפן נאַכטיקן פּאָן —
גייט אַרויף דער טרויעריקער מאַן אויף זיין טראָן
און הערשט אויף זיין גרויסער אומענדלעכער ערד —
אויף גאָרטן און טייך און גייסט און שווערד.

דאָס איז בלויז אַ העלפט פון ליד, אָבער ס'איז גענוג אויפצואווייזן, ווי סיגאַל דער פּאָעט באַשיידט די רעטענישן פון די אַלע קליינע, צוגעשפּאָרטע, קעניגלעכע פריידן, „פון דעם טרויעריקן מאַן בײַ דער גראָער שויב". די פריידן וואָס זענען אין תוך טרויעריק ביזן טויט אַריין.

סיגאַל'ס טרויעריקע פרייד איז געשטאַרקט מיט גאָר אַ סך שאַפונג־כח, וואָס בײַ זייער גאַנצער שפע ווערט דער כח זיינער נישט געמינערט. זיין ליד איז דאָס קול פון דעם נייעם איד, אין כאָר פון גרויסע וועלט־פּאָעטן, און זיין „ספר אידיש" איז אַ מאָנומענט וואָס מ'טאָר נישט פאַרבייגיין, אָן באַוואונדערונג.

אין אַ ליד זיינס — „חתונה אמאָליקא" צעשפּילט זיך און צעזינגט זיך דער דיכטער אויף אַ אידישלעכן שטייגער, מיט דער גאַנצער גבורה פון אַ געוועלטיקער איבער זיין וואָרט. דער דיכטער שילדערט אַן אַלטמאָדישע אידישע חתונה מיט אַ בדחן, זיידעס און באָבעס, — „אַ חתונה בײַ אַלע אידישע קינדער, ווער ס'האָט מיר גוטסטאָן און שיינטאָן געוואָלט". באַווייזט דאָס ליד (אויב אַ ליד קען באַווייזן!) סיגאַל'ס כשופדיקן כח צו דערהויבן און פאַרוואַנדלען.

דריי קלעזמער שפּילן טרויעריק פידל,
צוויי פייקלעך פייקלען אויפן שטילסטן קול.
די כלה אין ווייסן, אין בלוי־זילבערנע שיכלעך,
ווערט הייליקער און שענער וואָס־אמאָל.
די כלה וועט טאַנצן דעם טאַנץ פון דער יתומה,
אַליין אין איר שלאַנק און שיין־אידל געשטאַלט.
וועט זיך בייגן צום חתן און בעטן זיין ליבשאַפט
און דער חתן אין שוואַרצן וועט שווייגן קאַלט.
אַזוי טוט זיך פירן דער טאַנץ פון קדמונים.

אין די כלה גייט אָפּ און קומט ווידער צוגיין.
דער חתן פּאַרקוקט זיך אין זיין בעזימל קווייטן,
און זעט נישט ווי די כלה איז טרויעריק־שיין.
און זעט נישט ווי די כלה ווערט דינער, בלייכער,
און די אויסגעשטרעקטע הענט אין צער און געבעט.
די כלה טוט אויס אירע זילבערנע שיכלעך,
ער זאָל זען אירע ליכטיקע פיס — ער זעט.

אַ סך פּאָעטן, הונדערטער פּאָעטן, האָבן פון קדמונים געזונגען פון טרויע־ריקער שיינקייט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז בלויז געציילטע האָבן עס אַזוי טרויעריק־שיין געלאָזט הערן, ווי י. י. סיגאַל.

1950

ב.

אין נידריקסטן שטיבל

ס׳קאָן ניט זיין פּלוצימדיקער, ווי פּלוצים י. י. סיגאַל איז מיר געשטאָרבן. דריי טעג פאַר זיין טויט האָב איך פון אים געקראָגן דרייצן לידער פאַרן פּסח־זאַמלבוך פון „קעמפּער״, געשריבן אין זיין דינעם און פּערלדיקן כתב. אין דעם בייגעלייגטן קליינעם בריוול האָט ער מיר געשריבן —

„מיין טייערער יעקב. בין געזעסן לאַנגע שעה׳ן און איבערגעשריבן און אויסגעטאָקט און — אָט האָסטו אין ריינסטן בלוט און אין ריינסטן כתב אַ סעריע לידער פאַרן יום־טוב נומער ,קעמפּער׳. טו מיט זיי וואָס דו ווילסט. איך שרייב דיר בלויז די פאָר שורות ווייל איך אייל זיך דיר אָוועקשיקן דעם בריוו, איך קלייב זיך דיר שרייבן אַ לענגער בריוול בקרוב. זיי געזונט און שטאַרק און זאָלסט וויסן . . .״

נאָך די ברכות זיינען געקומען נאָך עטלעכע וואַרעמע ווערטער צו מיר פערזענלעך, ווי ס׳איז תמיד געווען זיין שטייגער, ווען ער האָט געשריבן צו נאָענטע פריינט. אָבער קיינמאָל האָט ער נישט געניצט אַזאַ אויסדרוק ווי — „אין ריינסטן בלוט״ וועגן זיינע אייגענע לידער. איך געדענק אַז דער דאָזיקער אויסדרוק האָט מיך פאַרטשעפּעט, אָבער כ׳האָב אים ערשט באַנומען ווען ס׳האָט מיך דערשלאָגן די וויסטע בשורה. נאָך דער פינסטערער בשורה האָב איך ווידער איבערגעלייענט די גאַנצע סעריע וואונדערלעכע לידער. כ׳האָב זיי געלייענט הויך אויפן קול, פאַר מיין חבר ב. אלקוויט, ווי מען זאָגט תהלים, און כ׳האָב ערשט געכומען טיפער פאַרשטיין די צוגעשיקטע לידער, די סאַמע לעצטע וואָס י. י. סיגאַל האָט אָנגעשריבן. אין עטלעכע פון זיי האָט דער דיכטער אויף זיין ציטערדיק־רעליגיעזן אופן זיך געזעגנט מיט דער וועלט, ווי אין דעם ליד — „ליכט״.

ווען קיינער איז שוין מיט דיר נישטאָ,
וועסטו גאָט׳ס אויג צו זיך דעררופן.
און נידערן וועט איבער דיר זיין רו,
ווי איבער אַלע מידע גופן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער האַלט דיך פאַר דיין דינער האַנט,
און פירט דיך איבערן גרעניץ אַריבער.
ער פירט דיך פאַטערלעך ביים האַנט
אַריין אין נידריקסטן שטיבל
און גייט אַוועק. האָט דיך געבראַכט
בשלום צו דער שוועל פון שלום,
אין לאַנד פון מילדקייט און פאַרנאַכט
וואו ס׳לאָזט זיך אויס דער לעצטער חלום.

דאַכט זיך ס׳קען נישט זיין קלאָרער און העלזעערישער. געוועזן אויג אויף אויג מיט דער אייגענער לעצטער רגע און געשריבן וועגן איר מיט דער פרומקייט פון דוד המלך. אַ סך אַזעלכע געזעגנערישע שורות זיינען צע־וואָרפן אין י. י. סיגאַל׳ס לעצטע לידער, אָבער כ׳האָב זיי ערשט באַנומען ווען כ׳האָב זיי מיט אַלקוויט׳ן געצונדן צוקאָפּנס פון גרויסן פאַרלוסט, גלייך נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט פון דער אבידה. די לידער סיגאַל׳ס זיינען געווען ווי צוגעגרייטע טרייסט־ליכט פאַר דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור.

מיר איז שווער צו שרייבן די דאָזיקע שורות. נישט חלילה דערפאַר, ווייל כ׳האָב מורא אַז אין די שבעה־טעג וועל איך איבערשאַצן דעם גרויסן דיכטער, מיט דער איבערשאַצונג וואָס כאַפּט זיך געוויינלעך אַריין אין הספדים־אַרטיקלען. ניין, איך האַלט אַז י. י. סיגאַל איז נאָך אַלץ ביי אונז נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן. איך קען זיך טרייסטן דערמיט, וואָס איך האָב ביי זיין לעבן נישט צוריקגעהאַלטן דעם שטראָם לויב, וואָס מען פאַרגינט ביי אונז געוויינלעך אַ געשטאָרבענעם חבר. אָבער אפילו איך האָב נאָך נישט דער־זאָגט און זיך נישט גענוג דערגראָבן צום גרויסן פאַרמעגן פון דעם לידער־מאַגנאַט, דעם גביר׳ישסטן וואָס די אידישע ליטעראַטור און אפשר די וועלט־ליטעראַטור האָט אַרויסגעגעבן. מיר האָבן אַלע באַוואונדערט זיין גוואַלטיקע שפע פון פיל טויזנטער לידער. אָבער ווער ס׳וועט זיך נעמען די מי ערנסט איבערצולייענען סיגאַל׳ס אַלע געזאַנגען, וועט מוזן קומען צום אויספיר, אַז נישט געקוקט אויף אַלע וואַריאַציעס פון דער טעמע — איד, אידיש און אידיש־קייט, נעכטן, היינט און מאָרגן, איז סיגאַל׳ן געלונגען צו שרייבן הונדערטער גרויסע לידער; אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע, ווי מ׳וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, ביי אַזאַ שפּרודלדיקער שעפערישקייט. דערביי מוז געזאָגט ווערן, אַז י. י. סיגאַל, אַ חוץ אין זיינע גאָר ערשטע ביכער, האָט בכלל נישט געשריבן קיין שלעכטע לידער. די ווייניקער געראָטענע לידער זיינע זיינען תמיד גוטע עברי, שורות וואָס זאָגן זיך געשמאַק, ווייל דער דיכטער האָט אַלע זיינע

לידער געזאָגט ממעמקים. דאָס סאַמע לעצטע בוך זיינס — „ספר אידיש״ איז ממש אַן אוצר פון וואונדערלעכע לידער, איינס ביי איינס. וואו מען זאָל נישט עפענען, ווערט ליכטיק יעדער זייטל מיט דעם ליכט, וואָס דער דיכטער האָט אַרומגערינגלט זיינע רייד, און מיט דעם ליכט וואָס ער האָט צוזאַמענגעפעדעמט די שורות.

כ׳ווייס אַז אַ סך חברים־פּאָעטן האָבן זיך געוואָרט קעגן סיגאַל׳ס באַזינגעווע־דיקייט. זיי זיינען דערפאַר מושווה געוואָרן מיט זיך אַליין, אַז סיגאַל חזר׳ט זיך איבער. אָבער ס׳איז נאָך קיינער נישט געווען אַזוי דערפינדעריש אין זיינע וואַריאַציעס ווי סיגאַל, הן מוזיקאַליש און פשוט ריין־ווערטערדיק. זיינע אַלע וואַריאַציעס זיינען געקומען פון אַ טיפן אָריגינעלן קוואַל. סיגאַל האָט גע־שריבן צענדליקער, אפשר גאָר הונדערטער לידער צו אידיש און וועגן אידיש. ס׳איז געווען מיין טיפסטע הנאה זיי צו לייענען, אין שווערע יאוש׳דיקע מינוטן, כדי צו קריגן שטאַרקונג און טרייסט. ווען מען לייענט זיי, זעט מען ערשט, ווי אַזוי דער גרויסער פּאָעט האָט וואַריאירט זיינע טעמעס, ווי ער האָט פאַר־שידנאַרטיקט זיינע אַלע איבערחזורונגען, ווי רייך זיין דיכטערישע טעמאַטיק איז געווען, ווען ער האָט כלומרשט איבערגעשפּילט אַ טעמע.

ס׳איז נישט ריכטיק, ווען מען וויל אָפּקומען מיט דעם קאַרגן לויב, אַז סיגאַל האָט געזונגען פון דעם קליינעם, אָרעמען אידעלע, פון דעם אידישן אביונ׳דל, פון אַ קליין בית מדרשל און אַ טריפנדיק ליכטל. ס׳איז אַן אַבסורד אַזוי צו זען דעם גרויסן פּאָעט פון אונזער לשון וואָס יעדער ליד זיינס איז געווען — הוילע דערפינדערישקייט, נישט קיין מאַגיק נאָר — נס.

איך האָב נישט געוואָרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט עס שוין מער ניט הערן, נאָר איך האָב געפּרואווט זאָגן אַ גרויסן טייל דערפון, ווען מיין חבר סיגאַל האָט נאָך געלעבט. ס׳איז מיר פשוט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מיר וועט באַשערט זיין דאָס אומגליק צו שרייבן אַ הספד־אַרטיקל איבער אים. איך האַלט בכלל נישט אַז מען דאַרף רעזערווירן דעם גאַנצן שבח פאַר נעקראָלאָגן. מען מעג זיך פאַרגינען אָפּצושאַצן גרויסקייט אפילו ווען דער חבר לעבט. אַ סך הספדים־אַרטיקלען אונזערע לייענען זיך היסטעריש און שרייענדיק, ווייל זיי זיינען אָפט זעלבסט־אַנקלאַגעס, פאַר פאַרשוויגן דעם לעבעדיקן אמת און אים אַנטפּלעקן בלויז נאָך דעם טויט פון דעם קינסטלער.

י. י. סיגאַל איז גראָד געווען זייער סענסיטיוו צו מיינונגען פון חברים, ווייל ער איז געווען אינגאַנצן ליד. ווי פענאָמענאַל זיין שפע איז נישט געווען, האָט עס ריין־טעכניש געמוזט געטאָן ווערן אויפן חשבון פון נישט־דערשלאָ־פענע שעה׳ן, פון נישט־דערלעבטקייט. זיין גאַנץ לעבן איז געווען זיין ליד. ער האָט אין ליד אריינגעלעבט און אַריינגעאָטעמט אַלע זיינע יסורים און טיפ־

קייטן. דערפאַר איז ער תמיד אין לעבן מיט חברים געווען לייכט און שפּילעוו־דיק, ווי ער וואָלט געזוכט עטלעכע שעה צעשפּאַנונג. ער האָט וויניק געלעבט מיטן לעבן און אַ סך געלעבט מיט זיינע לידער. דערפאַר האָט אים קאַרגשאַפט פון חברים ווי געטאָן ביזן ביין. ער איז פרי פאַרשניטן געוואָרן פון לעבעדיקן לעבן, אָבער דער אידישער ליטעראַטור איז ער גאַרנישט שולדיק געבליבן דורך די 57 יאָר, וואָס ער האָט צעזונגען, ווי ער וואָלט געלעבט משותלח׳ס יאָרן.

איך זאָג — צעזונגען און איך מיין עס אין דעם מוזיקאַלישסטן זין. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן. מ׳האָט קנאַפּ אָפּגעשאַצט ווי טיף־מוזיקאַליש י. י. סיגאַל איז געווען. שוין דאָס אַליין, דער כוח פון זיין נגינה איז געווען זיין גרעסטע באַוואָרעניש קעגן מאָנאָטאָנער איבערחזרונג. ער האָט נישט נאָר פאַרמאָגט די מוזיק פון געמאָסטענע שורות, נאָר פון צוזאַמענגעציטערטע שורות, פון איינגעבוירענער געזאַנגיקייט, וואָס קאָן פאָרן ווערטער, אַז זיי זאָלן צופאַלן פאַרבענקטע איינע צו די אַנדערע. ער איז געווען פון אונזערע גרעסטע אידיש־מייסטערס און זיין „ספר־אידיש״ איז אַ ספר פאַר דער אייביקער אָפּ־היטונג און פאַרפעסטיקונג פון אידישן לשון.

אויב, ווי כ׳האָב אויבן געזאָגט, ס׳איז מיר שווער צום שרייבן די שורות, איז עס פאַר דעם פּערזענלעכן אָנווער וואָס איך האָב געליטן. די אידישע שטאָט מאָנטרעאל איז פאַר מיר געוואָרן וויניקער גרויס־אידיש אויף אַ גאַנצן י. י. סיגאַל; וואָס דאָס מיינט, אַז אַ גרויסע שעפערישע ליכטיקייט האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן, אַ גרויסע אידישע אומרו, אַ פרומע געדעכעניש פון אונזער עבר און אַ טייערער מליץ יושר אויף אונזער איצט. ער איז אין זיינע לידער גע־ווען אַן אויסטייטשער פון אונזער איצטיקייט. ער האָט געזוכט פאַר איר האָפט, און ליכט פון אַלץ וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אונזער לעבן, סיי אין טרייסט און סיי אין ביטערקייט.

זיינע לידער זיינען געווען נישט נאָר שעפעריש, נאָר אפילו פּראַגראַמאַטיש, אורח־היימדיק. זיין שפע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אויפגעבויט אַ גאַנצקייט, צוזאַמענגעשלאָגן אַ גאַנצן לעבעדיקן גלות, מיט שינדלען, דאַך און ווענט, איידער מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען. ווען ס׳איז אויפגעקומען מדינת ישראל איז דער לידער־אַרכיטעקט נישט מיד געוואָרן איבערצובויען, געוואָרפן בריקן הין און צוריק, געגאַנגען פאָראויס, געוואָרפן פאַרבענקטע בליקן צום עבר, אויסגעשטרעקט די האַנט צום נייעם און נישט געוואָלט פאַרעלנדן דאָס נאָענט־אַלטע.

זיינע לידער שטעלן מיט זיך פאָר אידייאישע עטאַפּן פון אונזער תקופה, נאָך צו־יוירנדיק אַז די בעלעטריסטיק זאָל עס שוין קענען צעלייגן אויף

טעלערלעך. זיי זיינען טיף־דורכגעטראַכט — די שענסטע פּובליציסטיק פון אונזער אידישן דור, די צעוויטיקטע פּראָבלעמאַטיק פון יאָרן צער און טרייסט.

רוף צונויף אַ מנין אידישע ווערטער
און דאַוון מיט זיי דיין מנחה־מעריב
און הייליק דאָס אָרט ווי יענע ערטער:
מעזשבוש, קאָרעץ, לובלין, מיקאַרעוו.

ס׳רעדט דער טרייסטער אין דעם ליד און ער פּרוּווט איינהיימישן טרויער און געפינען פאַר אים אַ מקום־מנוחה.

דאָ קען נאָך ווערן היים און אייגן
אפילו דער גראָער שטיין פון מאַנהעטן.
די פרעמד גיט־נאָך און נעמט זיך בייגן
ווי יוספס גאַרבן — פאַר אונז פאַעטן.

דאָס איז אַ ליד פון זיין „ספר אידיש״, פון די יאָרן, ווען ס׳זיינען אונז חרוב געוואָרן מעזשבוש, קאָרעץ און לובלין, ווען מיר, דאָ, זיינען אונטער־געגאַנגען שעהנ׳וויַיז און ווען גוטע און פרומע לייט האָבן אונז אונזער אַלער־לייאיקן אונטערגאַנג אונטערגעטראָגן מיט שרייענדיקע באַוויַיזן און סטאַ־טיסטיק. דער טרייסטער ווייזט אונז אַז די פרעמד בייגט זיך פאַר אונז „ווי יוספ׳ס גאַרבן״.

אָבער גלייך דערזעט דער דיכטער, אין אַן אַנדער ליד, אויך דאָס אויפ־גייענדיקע ליכט פון אונזער דור און ער איז מתפּלל —

דערפיר אונזערע אידישע שיפן
צום היימברעג פון צפת און רחובות,
אָ, קרוין מיך פונדאָסניי, ירושלים,
ווי אַן אייניקל יהודה הלוי׳ס.

נאָר ווי די שיפן פאָרן אָפּ קיין צפת און רחובות, דערהערט שוין דאָס אייניקל יהודה הלוי׳ס דאָס געוויין פון אַלץ וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אויף פרעמדע און קאַלטע הענט —

און דאָס פאָלקסליד פון גלות וועט נאָכגיין
און מיט אײדעלע הענט פון מיר מאָנען:
אָ יעקב, נישט לאָז מיך און נעם נישט
אַוועק פון מיין גורל דיין פנים.

אויף אָט דער צווישן־גרעניץ, פון געטרייסטקייט און געבענקטקייט, שטייט דער פּאָעט וואָס זינגט אין אַ דריט ליד, אַלץ אין „ספר אידיש״, וואו מיר זיינען

אַריינגעשריבן מיט אַלע אונזערע פּאַרוויטיקטע און פאַרדביקה׳טע פּראָ־בלעמען. —

ווייל נישט גרינג איז אַ אידן פאַרלאָזן
דעם גלות וואו די שכינה האָט געוואָגלט,
און אויף איטלעך קליין שטעגל און וועגל
ליגט דער אידישער צער צוגענאָגלט.

אָט דעם הין און צוריק גיט אונז דער דיכטער־טרייסטער און מקונן אין צענדליקער לידער פון זיין לעצט בוך. די וועגן צו טרייסט מוזן זיין אויסגע־פלאַסטערט מיט בענקשאַפט, כדי די טרייסט אַליין זאָל האָבן אַ האַפט און ווערן פאַרטיפט מיט באַשטענדיקייט און יחוס׳דיקן המשך —

אין דעם הייליקן לאַנד: גלות
איז קיין איין וואַנט נישט גאַנץ געבליבן.
אַלע שטרעקעס זיינען מיט וויסטע אל־מלאס
פון רעגן איבער אַש פאַרשריבן,
אַמאָל, מיט דורות שפּעטער, אַמאָל,
וועט זיך אינמיטן אַ מיטוואָך דערמאָנען,
אַן אַלטער איד פון ארץ ישראל
אַראָפּקומען דאָרט אַ שפּור דערקאָנען
פון זיין זיידן אויף דער דאָזיקער ערד,
וואָס איז ביים שטענדער דערהרגעט געוואָרן,
זיך דערפרעגן ביי די טעג, ביי די נעכט,
ביי אַ בעטלער אַ בעל־זיכרון.

נישט קיין אָפּגעריסענער און נייער שבט. אַן איניקל, אַ צאַברע וועט אַמאָל פאָרן אויף קבר־זיידעס.

האָב איך געבראַכט ביישפּילן פון וואַריאַציעס אויף אַ טעמע, אָבער ווי דערפינדעריש און אַנדערש איז יעדער באַזונדערע „איבערחזורונג", ווי טיף די ווערטער, ווי אָפּגעציטערט די מוזיק. און נישט קיין דיכטער — אַ קליין אָרעם אידעלע, אַ שמח בחלקו׳לע, ווי מען האָט סיגאַל׳ן יאָרן לאַנג געוואָלט פאָרשטעלן אין דער קריטיק, נאָר אַ גרויסער דיכטער מיט אַ פאַרטיפטער, אי־דיש־באַזאָרגטער פּראָבלעמאַטיק, וואָס האָט אין זעערישע מינוטן געזען אי די טרייסט, אי דעם טרייסטלאָזן טרויער —

כ׳בין זיי מקנא דאָרט אין ניי־ישראל,
למאַי זאָל איך דערמיט זיך אויסבאַהאַלטן

כ׳בין זיי מקנא וואָס דורך זייערע פענסטער
אין די פּראָסטע היימען, נישט נאָר אין די שולן
קומט גאָט אַריין און נאָך מקנא בין איך זיי
וואָס גאָט פאַרטרויט זיך זייערע כוחות
— — — — — — — — — — — — — — — — —
ווייל ער זעט דעם ערדישן שטויב אויף זייערע פינגער,
זיי הויבן אויף אַנטקעגן הימל ווי אַ קרוין
די זילבערנע טראָפּנס שווייס אויף זייערע שטערנס.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
און מיר, פאַרגיט מיר ברידער־פּאָעטן און ניט־פּאָעטן,
מיר ווערן דאָ אַלץ שפּל׳ער און איבעריקער.

איז דאָס אַ סתירה צו זיינע אַנדערע לידער? ניין. אַ „וואַריאַציע" פון דער זעלביקער טעמע, וואָס סיגאַל האָט געפונען און כסדר געזוכט אין זיינע לידער, די טעמע פון אונזער אידישער עקזיסטענץ, אין איר צע׳ספּקטער און ניסימ׳דיקער אומרעאַלקייט. אָבער געשעפּט האָט תמיד סיגאַל זיין ליד, נישט פון ענגע דלד אמות, נאָר פון דער גרויסער וועלט —

נאָר דו אַליין ווייסט ווי אַזוי
דיין ליד איז ליד געוואָרן,
און גאָר די וועלט — דיין שיינע פרוי,
וואָס האָט עס דיר געבאָרן.
און גאָר די וועלט — דיין וואַרעם ווייב
וואָס האָט עס דיר געוואונען,
און ס׳שפּיגלט זיך אין ליד איר לייב
ווי אין אַ גאָלדענעם ברונעם.

י. י. סיגאַל האָט געוואוסט אַז ער איז געווען אַ וועלט־דיכטער. איז דאָס אונזער טרייסט אויף דעם שווערן פאַרלוסט, אַז דורך די שעה׳ן פון אָטעמען לעבן מיט לידער־שטויב, האָט דער פּאָעט געאָנט זיין גרויסן ווערט. —

גיב אָפּ דיינע לידער בנינים
דיינע גאָלדנסטע שעהן צייט.
דאָס וואָרט איז אַ געוועב פון מירמל —

טויזנט יאָריק פאַרשטיינערט זייד.
פאַרמויער זיך אין זייערע קאָנטורן
דיין אָטעם דורך די פאָרן פון שטיין.

דער וואָס טראָגט אין זיך אַלטשטאַמיק לעבן,
וועט דאָס שווייגן פון דיין ליד פאַרשטיין.

— — — — — — — — — — —

אין טויזנט און איין יאָר שפּעטער
וועלן דיינע לידער־בנינים שטיין פעסט.
און אַ פרעמדער דיכטער־פויגל וועט בויען
אונטער זייערע געזימסן זיין נעסט.

לייענט די דאָזיקע וואונדערלעכע שורות, וואָס האָבן זיך פאַר דעם דיכטער געבויגן ווי „יוסף׳ס גאַרבן״, הערט זיך איין אין דער פּאָעטישער דעפיניציע פון וואָרט — „טויזנטיאָריק פאַרשטיינערט זייד״, „אַלטשטאַמיק לעבן״; זעט ווי דער פּאָעט י. י. סיגאַל האָט פאַרפעסטיקט די געזימסן פון זיינע לידער־בנינים מיט אַלטשטאַמיקער חכמה און זאָגט — געבענטשט זאָל זיין זיין אָנדענק און זיין אייביקע לעבעדיקע ירושה.

1954

ג.

„לעצטע לידער"

פרי־פאַרשניטן איז י. י. סיגאַל געשטאָרבן — זאַט מיט לידער. פון הונדער־טער — אפשר טויזנטער — איבערגעלאָזטע לידער, (אָבער אַחוץ די לידער וואָס סיגאַל האָט צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און זיי, לויט זיין מנהג, קיינמאָל ניט געגעבן קיין היים אין זיינע צען געדיכט־באַוואוינטע ביכער) האָבן געטרייע חברים אָפּגעקליבן גענוג פאַר אַ לעצטן בוך. אין דער הקדמה זאָגט אונז די רעדאַקציע־קאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַנען פון שלמה ווייסמאַן און מרדכי חסיד, אַז ס׳וועט זיך אפשר צונויפקלייבן פון דעם איבערבלייב נאָך אַ פרישער באַנד „לעצטע לידער". מיט דער צייט וועט דערשיינען אויך אַן „אַנטאָלאָגיע" פון די עלף אָדער צוועלף אָנגעפּי־קעוועטע ביכער, וואָס וועט געבן אַ געלעגנהייט די אומגעדולדיקע צו האָבן פאַר זיך אַ מין קיצור־סיגאַל. אָבער ווי נייטיק אַזאַ אָפּקלייב זאָל ניט זיין, כדי צו קריגן אַן אָרעמע פאָרשטעלונג פון דער פענאָמענאַלער עשירות, מעג מען וויסן, אַז דער גאַנצער סיגאַל וועט תמיד וואוינען אין אַלע זיינע לידער פון די לעצטע דריי־פיר ביכער זיינע, שוין אַריינרעכענענדיק דאָס מצבה׳דיקע לעצטע בוך, וואָס איז שוין דערשינען אָן זיין השגחה און אפשר מיט אַ צאָל לידער, וואָס ער וואָלט נאָך אויף זיי געאַרבעט, אָדער אינגאַנצן פאַרוואָרפן.

אָבער גראָד דאָס סאַמע לעצטע בוך ווייזט אונז דאָס געמיט פון דעם גרויסן אידישן זאָגער, אין דער אַרומגעגרענעצטער אידישער רחבות זיינער. דווקא דערפאַר ווייל ס׳מעג זיך אפשר לייגן אויפן שכל, אַז י. י. סיגאַל האָט נאָך בדעה געהאַט צוריקצוקומען צו זיינע לידער און זיי מתקן זיין, דערהויבן, אָפּרייניקן, בודק זיין און נאָך מער פאַרפרומען דאָס לשון זיינס, גיט עס אונז אַ מעגלעכקייט צו זען ווי פאַרטיק און ווי צייטיק ס׳איז געווען אַלץ וואָס האָט זיך פון אים אַרונטערגערעדט.

אין אַ געוויסן פרט איז דאָס בוך זיינס „לעצטע לידער" דאָס דער־גרייכטסטע פון אַלע זיינע לידער, ווייל ער האָט זיך דערזונגען צום האַפטיקסטן קוואַל וואָס ער האָט תמיד געוואָלט דערגרייכן, צו דער דימענטיקייט פון אידישן ליד, וואָס זאָל פינקלען און ליכטיקן פון אַלע ווינקלעך. וואו מען

זאָל ניט עפענען דאָס בוך און וואָסערע שורה דאָס אויג זאָל ניט פאַנגען, איז עס גלייך אַ שפּרודל פון סיגאַל׳ס אוצר. דאָס ערשטע ליד אין בוך הויבט זיך באַלד אָן מיט אַזעלכע צוויי שורות:

כ׳מאַך זיך גרייט פאַרן לויטערסטן שווייגן,
מיט די רואיקע, שטילע פיר ווענט.

מען זעט פון אָנהויב אָן אַז מען איז אין גוטע, פירנדיקע הענט, און אַז מען זאָל אפילו הײַנט מער ניט לייענען, ווי די צוויי שורות, וועלן זיי זיך איינקריצן אויפן גאַנצן טאָג מיט אַ באַזונדערער לויטערקייט. דורך דעם גאַנצן האַרמידער פון אַ טאָג לעבן, לויגט זיך צו טראַכטן פון אַזאַ הכנה פאַר לויטערן שווייגן — מיטן אָנלען אויף ביידע, סיי אויפן שווייגן און סיי אויף דער אויסגעלויטערטקייט.

מ׳קען אוודאי דעם מיין פון די דאָזיקע צוויי שורות געפינען ביי גוטע אידישע פּאָעטן און יעדער פון זיי וועט אַזעלכע שורות געבן אַ באַזונדערן בלענד, אָבער ביי סיגאַל׳ן קריגן זיי אַ ספּעציעלע פּשטות׳דיקע געדענקלעכקייט. ביי אים איז יעדער שורה אַן אויפגלי, אַ פייער־צייכן. דאָס זעלביקע ערשטע ליד ענדיקט זיך מיט די צוויי שורות, וואָס דריקן אויס דעם פּאָעט׳ס אייגענע פאַרוואונדערטקייט —

ס׳פאַלט אַרונטער פון צונג אַ שורה —
אַ גאָלדענער פונק אויפן ווינט.

צענדליקער טויזנטער שורות זיינען ביי אים אַרונטערגעפאַלן פון צונג אויף פּאַפּיר, און אַלע שורות פאַרמאָגן אין זיך אַ אידישע פונקיקע און פינקלדיקע זאָגעוודיקייט. אָ, ער האָט געקענט שפּאַנען און שפּאַנען און קייטלען שורה מיט שורה, וואָס האָבן אין דעם „אַרונטערפאַל פון צונג״ גלייך געבוירן די לאָגיק פון גוטן שמועס און טרויעריקן אַרומרייד, ווי ס׳ווייזט אונז גיך די מאַגיק פון צווייטן ליד אין בוך —

לייג אַוועק די פען לעבן טינטער,
ווי אַ כּישוף׳דיק שטעקל. ביזט מיד,
דער זילבערנער פליגל פון ווינטער
פלאַטערט ליכטיק אַריבער דיין ליד.

דאָס זיינען פיר שורות וואָס זיינען דערוויל „גאָלדענע פונקען אויפן ווינט״, אָבער דער פּאָעט צעבלאָזט די פונקען און זיי הויבן זיך אָן טייטשן —

דאָס אויפהערן איז ניט אַזאַ עונש,
און מען מעג אויף זיך נעמען אַ שטראָף,
די ליכטיקסטע שענסטע גאונות
איז די וואָס דערגייט ניט צום סוף.

אָנגעהויבן מיט בילדלעכע שורות און גלייך זיי איינגעשפּאַנט אין קרעפּ־טיקער געזאָגטער פּראָזע; און אומעטום איז דאָ אַ גרויסער כוח, סיי אין זיין אויפגעזונגענקייט, סיי אין זיין גערעדטן וואָרט.

די „לעצטע לידער" איז י. י. סיגאַל'ס טרויעריקסטע בוך. אין זיין פריערדיק „ספר אידיש" געפינען מיר צענדליקער טויט־לידער, וואָס דער פּאָעט האָט זיך אַליין איינגעשמועסט, כדי ער זאָל זיין גרייט פאַר דעם אומגעריכטן רוף; ער האָט זיכער געשפּירט זיין גיכן, אומפאַרמיידלעכן אָנקום. אין זיינע „לעצטע לידער" געפינען מיר בלויז עטלעכע טויט־לידער, אָבער אויפן גאַנצן בוך ליגט אַ געקלעמטער טרויער. ס'איז אַ טיף־טרויעריק אידיש בוך — אַלע אידישע טעמעס קומען זיך צוזאַמען פאַר אַ לעצטן דורכשמועס. סיגאַל ניצט זיי אויס ביזן לעצטן טראָפּן. ס'איז ניט נאָר אַ טרויעריק בוך — ס'איז בפירוש אַ טראַגיש בוך. ביי קיין אומה ולשון זיינען די טרויעריקסטע לידער פון אונזער צייט ניט אַזוי טראַגיש ווי ביי סיגאַל'ן. מיט זיין פּסוקימ'־דיקייט האָט ער אַרויסגעבראַכט די ספּעציפישע שטימונגען פון היינטצייטיקן אידישן פּאָעט, וואָס זוכט דעם עונג און די נחמה פון אַ טיפערער פרומקייט אויף ברייטע, אָפענע וועגן, ווי ס'האָבן זיי געזוכט די ערשטע וועג־ווייזערס פון חסידות —

כ'מעסט זיך אָן דעם בעש"טס עניוות
ווי אָן אַלטן אָרעמען טלית,
און זי פּאַסט מיר.

סיגאַל קומט צו שיינקייט דורך זיינע אייגענע וועגן, מיט אַ פּשוט וואָרט אין מויל. די שיינקייט פון זיין שורה בריה'ט זיך נישט — זי איז אַ ממילא'דיקע, וואָס מ'דאַרף זי נישט אַרויפשניצן אויף דער שורה. זיין שיינקייט שטערט נישט די רעיונות, זי קען שווייגן שטילער נאָך ווי דאָס וואָרט. ס'איז אַן עניוות'דיקע שיינקייט, וואָס מאָנט נישט באַזונדער פאַר זיך קיין איין טראָפּן באַוואונדערונג, איידער זי ווערט איינגעקנאָטן אין דעם גאַנצן געמיט פון ליד.

דער פּאָעט י. י. סיגאַל לעבט אויף דעם „נשאר" פון זיין „טרויעריקער שפּראַך", אָבער ווי טרויעריק דאָס זאָל ניט זיין, וועט ער קיינמאָל זיך ניט לאָזן איינוויטאָקן אין אַבסאָלוטן אונטערגאַנג — ווי טרויעריק די דאָזיקע עקשנות זאָל נישט זיין, וועט ער שטענדיק איבערלאָזן אַ פּעניץ גלויבן. ער ווייסט אָבער אַז דער גוי האָט געמאַכט דעם אמת'ן מחק פון איד און זיין רציחה איז אונז, אידישע פּאָעטן, טיף אַריין אין די ביינער. ער זעט שוין די ערשטע סימנים פון אויפלייכט און ער קומט אָן אומזיכערער מיט זיין האָב און גוטס און ער ציטערט איבער דעם.

די נייע קיום־געהיימישטע פרעמד, פון אונזערע גלות'ן; די פאַרפרעמדטע

קינדער וואָס האַלטן אין איין אַנטלויפן; דאָס דערשראָקענע ווייב צווישן אַזויפיל פאַרריסענע מענערשע תאוות; דער זכרון פון דעם אַמאָליקן פאַר־גאַנצטן לעבן, און דער וואָגל צוריק אַהיים צו חורבות און בראָכוואַרג — דאָס אַלץ איז די טעמאַטיק פון די לעצטע געזאַנגען, געזונגען אין לשון פון גרויסן אייגנאַרטיקן פּאָעט, וואָס האָט זיינע ווערטער געגעבן דעם אַראָמאַט פון אמונה, אויב ער אַליין האָט נאָך ניט אויסגעשלאָגן קיין גענעזונג פאַר זיך.

סיגאַל׳ס גרויס געפינס איז געווען חסידות. אַלע אַנדערע זאַכן האָט ער געזוכט גלייך מיט אונז אַלעמען, אָבער חסידות האָט ער פאַר זיך געפונען אין זיין ליד און דערמיט באַשיינט זיין לשון.

איך, אַן איינגעשפּאַרטער חסיד מימי קדם,
קוק נישט אויף מיין הולך, מיין ניו יאָרקער,
מיט דער וואָנט וואָס אפילו האָב איך ליב צו רעדן,
פון דעם טריסקער, פון דעם לוצקער און דעם וואָרקער.

און אין אַן אַנדער ליד:

דאָס הויז פון חסידות איז פאַר מיר
דאָס לעצטע שולעכל געבליבן.
כ׳האָב אויף דעם לוח פון איר טיר
אויך מיין פסוק צוגעשריבן.

פאַראַן אַ וואונדערלעך ליד אין בוך, פון אַן אָרעם געסל, וואָס איבער איר לייכט די כהונה פון גרויסקייט. דאָס ליד הייסט „זעסט?״. דער פּאָעט האָט גענומען דריי אָרעמע, אָפּגעריסענע אינגלעך און זיי געשענקט נעמען —

וואָס איטלעך אינגלס נאָמען איז
אַן אייביק הייליק יאָרצייט־ליכט.
דער ערשטער הייסט טאַקע ישראל,
אַ נאָמען נאָכן הייליקן בעש״ט.
דער צווייטער — נחמנ׳דל אַ קינד
אַ בלייכס — אַ בלאָז און עס פאַרלעשט.
דער דריטער יעקב־יצחקל
הייסט נאָכן חוזה פון לובלין.

דער פּאָעט י. י. סיגאַל קרוינט די אָרעמקייט מיט דעם נס פון נייע אויפגייענדיקע גרויסע אידישע דינאַסטיעס. די באָרוויסע עלנטע אינגעלעך ווערן געזאַלבט אין זייער אָרעמקייט —

זיי בלייבן ביי מיין פאָלע שטיין,
און כ׳שווער אייך אַלע: ווי איך לעב,
ווען כ׳וואָלט געהאַט גאָטס גאָלדענעם אייל,

וואָלט איך געזאָלבט זייערע קעפּ.
געזאָגט: ברוב הימים וועל איך
זיך אומקערן צו זיי גאָר גיך,
און האָבן צייט און אויך אַ דראַטווע
פאַרריכטן זייערע ליבע שיך.

אָט דעם חלום פון באַנייטער, אַנהויבערישער אידישקייט כשופט אויס דער פּאָעט סיגאַל פילמאָל אין זיינע לידער, אָבער גאַנץ אָפט דערוואַכט ער פון זיין חלום און אַלץ וואָס בלייבט אים איז דער ניצוץ פון ר׳ לוי יצחק, וואָס לערנט אים מלמד זכות זיין —

איז נישט קיין נס צו זיין אַ איד דאָ
אויף אַזאַ גויאישן יאַריד?

אָט דעם נס פאַרצייכנט ער ניט איינמאָל. ס׳איז אין דעם בוך פון די „לעצטע לידער" ניט צו געפינען כמעט קיין איין טראָפּן פון סיגאַל׳ס פאַר־ביטערטקייט, אָדער פון פערזענלעכע תרעומות. אַלע זיינע ביטערקייטן זיינען אַנגעמאָסטן אויף אונז אַלעמען. זיינע פערזענלעכע טויט־לידער פאַרמאָגן שוין אויך אין זיך אַ באַרוטן שמייכל און דערגרייכטע רעזיגנאַציע.

אַז צו מיינע ברידערס קברים
וועט צוקומען מיין פינטעלע, מיין קבר —
אַ שמאָל, שמאָל בערגל
וועט אונזער לעבעדיקע נקודה — דער סגל
פון די דריי ברידער סיגאַל
זיין פאַרענדיקט.

דאָס עיקר׳דיקע אין בוך איז אָבער, וואָס מ׳קאָן טונקן דאָס אויג אומעטום און כאַפּן פליענדיקע שורות, אין זייער וואַרעמען פלי און פלאַטער, און אַלע צוזאַמען זיינען אַ געזעמל פון אידישע רייד וועגן אַלץ וואָס אידן רעדן אין אונזער צייט, אַלץ, וואָס טוט זיי וויי. די ניט־אויסגעהיילטע וואונד פון גרויסן חורבן וואָס מיט איר וועט יעדער איד שטאַרבן, זאָגט פאַר אונז סיגאַל מיט דעם אמת פון זיין פאַראויסגעשיקט און שליח־צבור׳דיק וואָרט.

קאָרעץ, מיין שטאָט, מאָן מיך אויף צוריק
פון דער נאַרישער פרעמד, אין מיין טויט.
און פיר מיך אַריבער דיין אַלטן בריק,
פאַרביי דער שול מיטן שטיינערנעם פּלויט.
און אויב ס׳איז אַ שמש׳ל דאָרט נאָך פאַראַן,
זאָל ער אַרויסגיין אויפן שוועל פון קלויז

און מאַכן אַ מלאַ נאָך אַ פאַרוואָגלטן מאַן
פון דער ווייטער וועלט־איין וועלט־אויס.

ווייל ערשט נאָכן חורבן האָבן מיר אַלע דערשפּירט ווי אויסגעהוילט ס׳האָט אונז די אבידה. „די נחלה גלות" ווי סיגאַל דריקט עס אויס אַזוי פּשוט, איז אונז ניט געווען אַזוי טייער, ווען מיר האָבן אַלע געהאַט אַ חלק אין איר, ווי איצטער. סיגאַל ווערט ניט מיד צו קלאָגן „לעצטע פּרקים אידיש", געשפּונען פון צויטן פון פאָלקס־לידער — אויף דעם חורבן.

אינמיטן וועג ליגט דער הייליקער בוים
שוין טויט — טויט אויסגעצויגן.
דער לעצטער פויגל — אַ ווייסער בליץ
איז אויף אים אָנגעפלויגן.

פאַראַן צענדליקער וואונדערלעכע לידער אין דעם איבערבלייב פון סי־גאַל׳ס לידער, אָבער מערער נאָך זיינען אין בוך דאָ הונדערטער שורות, וואָס קענען זייער אייגן שטעטל באַשטיין. זיי זיינען פאַר זיך אַליין דערהויבענע ירושות, ווייל מען קען זיי זאָגן טאָג־טעגלעך און הערן אַ ליב קול און געטרייע אידישע רייד, דורכן גאַנצן טאָג. אומעטום אין יעדער ליד זיינען די טייערע שורות אַריינגעשטאָכן, און זיי זיינען קלוג און ריין און זיי פאַרמאָגן אין זיך אַ לויטערע תפילה׳דיקייט. דורך ליד צו ליד גייט סיגאַל אַרום און איז עפּעס מתקן אין אונזער אידישער שטאָט, ווי זיין בראָדער יונה׳לע וואָס פלעגט „דריימאָל אין דער וואָך גיין איבערקוקן אַלע הייזער פון דער גאַס און זיין פאַרריכטן"

ברוכים הידים, געבענטשט זיינען די הענט
וואָס פאַרריכטן אַ וואַנט, שטעלן אַריין אַ שויב,
און גלייכן אויס דעם לאָמטערן־סלופּ.
— — — — — — — — — — —
און אפילו דאָס לשון פון די תושבי־בראָד,
האָט געהאַט אַזאַ מילד און ליב גענאָד.
און אַ נדבה איז געקומען מיט אַ ברכה׳דיק וואָרט.
ברוך המקום, געבענטשט איז אַזאַ אָרט.

דאָס איז די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פאַר סיגאַל׳ס לשון־אידיש — ס׳האָט „אַזאַ מילד און ליב גענאָד". אַזוי גיך ווי מען איז עס טועם, זאָגט עס זיך און ס׳ווערט אייגן, מיט סיגאַל׳ס אַלע גלויבנס און צווייפלען. דער טאַטע סיגאַל׳ס דאַנקט דעם זון, ווייל ער האָט ביים זון געפינען אַ ניצוץ פון זיין וועלט און אַן אָרט, אָבער ווי אַן אורח — „אַ געלעגער איבערשלאָפן". דער פּאָעט ווידער טענה׳ט זיך שוין אויס מיט דעם היינטצייטיקן קינד, אין

איינס פון די טראַגישסטע לידער פון אונזער דור. דער טאַטע בויגט זיך אויך, ווערט אַ גייסטיקער אורח ביים קינד, זיצט ביי אירע ביכלעך און וויל זיי נעענטערן, מחמת ליבשאַפט צום קינד,

און גאַרניט טראַכטנדיק, דערטראַג איך טרויעריק
דאָס פרעמדע ספר צו די ליפּן מיינע צו,
און ס'איז מיר אייגן ווי מיין טאַטנס מחזור,
ווייל דו געפינסט אין גרין פון זיינע צווייגן
פאַר זיך אין זיין שטיל־אומעטיקייט, רו.
און ווען דו קומסט אַריין אין טיר, לויף איך אַנטקעגן,
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט גענאַד,
און וויל דיר זאָגן, אַז דיין שפּראַך איז מיין שפּראַך,
דיין ראָבינסאָן, דיין שערוואוד אַנדערסאָן — אויך מיינע,
דיין וועלט איז מיין וועלט און דיין גאָט — מיין גאָט.

וויפיל פאָטערלעכע ליבשאַפט איז אויסגעדריקט אין דעם ליד, און וויפיל צער פון מוזן נאָכגיין, און זיך איינברעכן.

האָב איך דאָס אַלץ געשריבן כדי צו באַווייזן אַז ניט נאָר אין די גוט־געסדר'טע ביכער, נאָר אין דעם ניט־באַוואָרנטן נאָכלאַז פון דעם פרי־פאַר־שטאָרבענעם פּאָעט, איז פאַראַן אַזוי פיל האַפטיקע גרויסקייט, וואָס דערהויבט די שורות, ווי סיגאַל האָט דורך די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן, מיט אָנגעברייטע טריט אַנטקעגן דעם אָנלויף פון סוף, געהייליקט אונזער שטויב אויף אַלע וועגן. —

וויפיל קליין־ירושלימס זיינען חרוב?
הונדערט? טויזנט? אפשר מערער נאָך?
העלף מיר, גאָט, פאַרהייליקן אויף אייביק
אַ שטויב פון זייער וואונדערלעכער וואָך.

די תפילה זיינע איז מקוים געוואָרן. דער „שטויב פון זייער וואונדער־לעכער וואָך" רוט אויף דער גאַנצער רייכער ירושה וואָס יעקב יצחק סיגאַל האָט אונז פאַרזאָרגעריש איבערגעלאָזט.

נחום באַמזע

אין זיין אַריינפיר צו באַמזע׳ס לעצטן בוך לידער — „אייביק בליען וועט דער טרוים״, נוצט ה. לייוויק דעם אויסדרוק „טרויער־דורכגעלויכטנ־קייט״ פאַר דעם „דיכטער׳ס גאַנצן וועזן״. איז דאָס באמת כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געמיט פון באַמזע׳ס לעבן און שרייבן. דער פרי־פאַרשטאָרבענער דיכטער, וואָס האָט דורכגעלעבט די טראַגישע יאָרן פון ראַטעווען זיך, מ׳שטיינס געזאָגט, אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז געקומען צו אונז אַ ליכטיקער מיט טרויער, ווי מען קומט קלוג־אַנגעווייטיקט מיט אַ גרויסער דערפאַרונג. אָבער די טרויער־דורכגענומענקייט האָט נישט פאַרביטערט זיין וואָרט, וואָס איז ביי אים תמיד געווען איידל און צוגעקליבן, ווי אין זיינע פריערדיקע פינף ביכער לידער. די דאָזיקע לידער פון פינף ביכער מיט אַ צוגאָב פון נייע, האָט ער אין 1949 אַרויסגעגעבן אונטער דעם געזאַמלטן נאָמען — „אַ חתונה אין האַרבסט״. אין די פינף יאָר, וואָס זיינען אים נאָך פאַרבליבן, האָט ער דעם באַריר פון טויט געשפּירט מער ווי איינמאָל, אָבער די דאָזיקע דורכשווידערונג האָט זיין וואָרט נישט געטונקלט, נאָר נאָך רייפער געמאַכט, די „טרויער־דורכגעלויכטנקייט״״ איז געקומען צו אונז בולט׳ער און מיט מער צוזאָג.

איינגאַנצן זיינען אין זיין ניי בוך לידער פאַראַן 36 אָריגינעלע לידער, מייסטנס קלענערע און קנאַפּ־שורה׳דיקע. די אַנדערע לידער זיינען נייע אי־בערדיכטונגען פון כינעזישער פּאָעזיע, עטלעכע איבערגעזעצטע לידער פון פּוילישע פּאָעטן און אַ לענגערע דערציילונג „מיין פעטער דער לאַנדשטור־מיסט״ — קינדהייט־פאַרצייכענונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער דערציילונג עפנט פריי דער דיכטער די שליוזן פון זיין גאַליצישן דיאַ־לעקט, וואָס ער האָט געוויינלעך געהאַלטן אין צוים אין זיינע לידער.

די נייע איבערזינגונגען פון כינעזישע לידער קייטלען זיך מיט באַמזע׳ס ערשטער פּאָעטישער ליבע, ווען ער איז אין 1937, אין וואַרשע, געקומען מיט זיינע איבערדיכטונגען פון לי־טאַי־פּע. די דאָזיקע לידער זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין זיין בוך „אַ חתונה אין האַרבסט״. איך האָב דעמאָלט, אין 1949, שרייבנדיק וועגן דעם דיכטער׳ס געזאַמלטן פאַרמעגן, זיך אָפּגעשטעלט אויף די איבערדיכטונגען פון כינעזיש און געזוכט קלאָר צו מאַכן, אַז מיט איבער־דיכטונג מיין איך — „אי אַן אַרויסדריי פון דער התחייבות איבערצוזעצן

גרינטלעך, אי ס׳איז מער ווי אַ פרייע איבערזעצונג, ווייל ס׳איז ווי אַ מעלאָדיע, אָדער אַ מוזיקאַלישע טעמע, וואָס אַ קאָמפּאָזיטאָר אַנטלייט ביי אַ צווייטן און שפּילט זי פּאַנאַנדער אויף זיין שטייגער״. כ׳האָב צוגעגעבן, אַז דער „לי־טאַי־פּע אַראָמאַט לאָזט זיך נישט אויסוועפּן, אַפילו ווען מען צעלאָזט אים אין אַן אייגענער פרייער איבערדיכטונג״.

מיר איז נישט באַקאַנט באַמזע׳ס דיכטערישער אַנהויב, אָבער מיר דאַכט זיך אַז ס׳איז נישט קיין איינשטעלעניש צו זאָגן, אַז ער איז שטאַרק אַנגערעגט געוואָרן, אין אַנהויב פון זיין שרייבן, מיט די איבערדיכטונגען פון כינעזישע לידער, וואָס האָבן זיך אין די צוואַנציקער יאָרן אַנגעהויבן באַווייזן אין דייטש, פּויליש און ביי אונז אין ענגליש. די כינעזישע לידער האָבן שטאַרק אויסגענומען און אַפילו געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף די היגע אימאַזשיניסטן, וואָס האָבן אין דער עמאָציאָנעלער צניעות און געצאַמטקייט פון כינעזישן ליד, געזען אַ סך קרובישאַפט מיט דער נייער דיכטערישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך גענומען צו דער גראַוויר־קונסט פון וואָרט, צו דער אָפּגעשלאָסנקייט פון דיכטערישן געמיט, וואָס ווייזט אין אַ פּאַרשפּיגלונג, דורך אַ קליין טירל, די פאַרטרערטע אויגן פון פּאָעט.

דער דערוויטערטער צמצום פון וואָרט, וואָס פאַרמאָגט פונדעסטוועגן געניג וואָרעמקייט דורכצולויכטן דאָס קליינע ליד און ס׳זאָל דאָך ניט אָוועקשטעלן דעם דיכטער אין זיין גאַנצער לירישער „נאַקעטקייט״, האָט שטאַרק אַפּעלירט צו אַ סך מערב׳דיקע פּאָעטן, דאָס כינעזישע ליד האָט צו זיי גערעדט מיט אַן אַנגעוואוינקענער פאַרשטענדלעכקייט. דאָס כינעזישע ליד האָט כמעט איינצייטיק זיך גענומען באַווייזן אויך אין דער אידישער ליטעראַטור. איינער פון די צוגעצויגענע צו דער כינעזישער דיכטונג איז געווען נחום באַמזע, וואָס האָט מיט זיין אייגן ליד באַוויזן, אַז אים האָט באַדאַרפט שטאַרק נאָענט זיין דאָס כינעזישע ליד; אַז ס׳איז פאַראַן אַ טיפע קרובישאַפט צווישן דער כינעזישער געצאַמטער איינשוויגונג פון ווערטער, און זיין אייגענעם גאַנג אין דער אידישער פּאָעזיע.

האַרבסט־צייט קרייזט איבערן זומפּיקן פּליין\
אַן אַלטער בושל, באַזילבערט פון פראָסט, איינער אַליין.\
איך שטיי פאַרלאָזט ביי דעם זומפּן־ראַנד\
מיינע בליקן וואַנדערן איבערן האָריזאָנט.

אָט דאָס פיר־שורה׳דיקע כינעזישע ליד געפינען מיר אין דער לעצטער לידער־זאַמלונג פון פרי־אַוועקגעריסענעם דיכטער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַראַנונג פון זיין ענדלאָזער פאַראיינזאַמקייט. דאָס ליד פון פיר שורות האָט גע־

רעדט צו אים מיט טויזנטער טרויעריקע רייד, וואָס דער אַלטער בושל האָט פאַרגליווערט, אַ באַזילבערטער פון פראָסט.

ווען מען לייענט איבער די פיר שורות, פאַרשטייט מען פאַרוואָס ס׳האָט אים אַזוי געצויגן צו דער כינעזישער דיכטונג. ס׳איז אַן אַרויספאָדער צו יעדן פּאָעט, צו שאַפן דאָס פּערפעקטע קליינע ליד, צו פאַרענגען זיך אין אמת׳ע דלד אמות, און אין דער זעלביקער צייט ניט צו פאַרקלייענן דעם ווערט פון ליד, נאָר פאַרקערט — דערהויבן דעם לייענער איבער דעם געשוויג פון די געצאַמטע שורות.

צו באָמזע׳ן האָבן שטאַרק גערעדט אַזעלכע לידער. ער האָט זיך אויסגע־קליבן אַ טאָפּלט־שווערן וועג אין דער פּאָעזיע — דאָס לירישע ליד און דאָס קליינע פּערפעקטע ליד, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר סכנות פאַרן דיכטער, ווייל ס׳איז אים שווער אַרויפצולייגן אויף אַזאַ ליד דעם פּערזענלעכן חותם. מען דאַרף זיין אַ טיף־אָריגינעלער מענטש, אַז מען זאָל מיט אַ ליריש ליד און דערצו נאָך מיט אַ קליין קוים־געטאָעמט ליד זינגען אַזוי, אַז ס׳זאָל זיך גלייך אויסטיילן פון דעם גרויסן ים פון ליריק, וואָס איז אַלעמענס. געדאַנקען קענען גיכער זיין אָריגינעל ווי ליריק, ווייל דאָס מענטשלעכע געמיט איז אַ סך מער באַגרענעצט, ווי זיין געדאַנקען־גאַמע.

אָבער דווקא ווייל דאָס אָריגינעלע לירישע ליד איז שווער און דאָס קליינע ליד נאָך שווערער, האָט דעם פּאָעט פון אַלע דורות געצויגן צו דעם דאָזיקן פאַרמעסט מיט זיך אַליין, און מיט אַנדערע פּאָעטן. באָמזע האָט זיך געלאָזט אויף דעם שווערן וועג, און זיינע לידער דאַרפן געמאָסטן ווערן מיט דעם דאָ־זיקן פאַרמעסט און דראַנג אַרויסצוקומען דער זיגער און צו חתמ׳ענען זיינע לידער מיט דער אייגענער „טרויער־דורכגעלויכטנקייט״.

אין אַ צאָל לידער איז עס אים געלונגען, דער עיקר אין זיינע לעצטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין ניו־יאָרק און וואָס ער האָט אונז איבער־געלאָזט בירושה. די דיכטערישע ירושה זיינע שניידט נאָך טיפער איין דעם טרויער פון זיין פריצייטיקן טויט, ווייל ער האָט זיך אַלץ מער און מער גע־נומען דערקענען און באַקענען אונז אַלעמען מיט אַן אויסטיילעוודיק וואָרט.

אין זיין געיעג נאָך גוואַלטיקער געצאַמטקייט און צוזאַמענגעפּרעסטקייט, האָט באָמזע׳ן שטאַרק אַרויסגעהאָלפן אַ דינער סאַטירישער ציטער, אַ טרויע־ריקער שמייכל, וואָס מיט אים זיינען זיינע שורות געווען באַהויכט. ער האָט דעם ווייטאָג פון פאַראייגזאַמטן אידישן פּאָעט אין אַמעריקע גענומען אפשר שווערער ווי מיר אַלע, ווייל ער האָט גוט געדענקט, אַז אין וואַרשע, ווילנע און לעמבערג האָט די אידישע פּאָעזיע געהאַט אַ בעסערע מערכה, און דער אידישער פּאָעט איז דאָרט נישט געווען אַזוי עלנט.

אַט דער הויך פון דינער סאַטירישקייט האָט זיינע שפּעטערדיקע ניו־יאָרקישע לידער געגומען אַרויסהויבן פון זייער לירישער אַנאָנימיטעט. די עטלעכע און דרייסיק לידער אין בוך — „אייביק בליען וועט דער טרוים" זיינען פול מיט אַ סך „אונטערגעשריבענע" שורות און אַפילו גאַנצע לידער, וואָס פּראָקלאַמירן אַ ניי־געפונענעם פּאָעט. דער פּאָעט אַליין האָט זיך אָנגעהויבן וואָס מער און מער צו געפינען, און דערמיט צוגעטראָגן אַ געפינס צום בעסערן אידישן ליד.

טרויעריק ביז גאָר זיינען באַמזע׳ס לידער, נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער אַליין הויבט אָן זיין ליד „אייביק בליען וועט דער טרוים" (וואָס איז אגב געוואָרן דער נאָמען פון בוך) מיט די שורות —

ווי אין אַ שטאָם־בוך אויף אַ היימישן טיש
שרייב איך אַריין מיין ליד פון טרויער,

נאָר פּשוט ווייל אין די לעצטע לידער איז ער דערגאַנגען צום האַרץ פון נאַגנדיקן טרויער —

נאָר אויף מיין וועג פון פינצטערניש
צו פינצטערניש —
האָב איך נישט געזען און נישט געפילט
דאָס ליכט.

דער טרויער און דער פינסטער־מאָטיוו חזר׳ט זיך איבער כמעט אין אַלע זיינע לעצטע לידער —

איך טראָג שוין העלע הויזן, אַ טונקל רעקל
און אַ געשטרייפטן קראַוואַט.
נאָר אַלע מיינע קליידער זיינען אָנגעטאָן
אין טרויער.

דער דיכטער האָט אין זיינע שפּעטערדיקע לירישע לידער געקראָגן די געוואַגטקייט צו רעדן, ער האָט זיך געגומען שפּירן זיכערער אויף דעם גלאָז פון די געצאַמטע שורות, און ער האָט וויניקער מורא געהאַט, אַז ער וועט זיי איבערפירן מיט אַזעלכע קלאָרע רייד, וואָס מיט זיי באַקלאָגט ער דעם חורבן פון די אידישע שטעט —

מיינע עלטער־זיידעס אין גן־עדן
פון יענער וועלט, לויבן גאָט:
וואָס דו האָסט אונזער אָטעם פאַרשניטן אין צייט,
און מיר האָבן נאָך געהערט דאָס געוויין
פון קינדער, קינדס־קינדער און שכנים

און געדרוט אין אַן ערדישן קבר,
ווען די ערד איז געווען נאָך ערד.

ער האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַר אַזעלכע קלאָרע דיבורים: „ווען די ערד איז געווען נאָך ערד", ווייל ער האָט איינגעזען, אַז גראָד מיט אַזעלכע רייד „חתמ'עט" ער פּערזענלעך זיינע לירישע לידער, וואָס נעמען זיך קאָנטיקן און זיך אויסטיילן.

דער עיקר האָט אים דורכגענומען דער טרויער פון זיינע „יונגע פריינט מיט די גרויע קעפּ", די אידישע פּאָעטן, וואָס דער טרויער „קומט צו זיי דורך אַלע טרעפּ". ער האָט אָבער אין זיינע לעצטע יאָרן זיך אויך אַרויפגעשלאָגן, אַ דאַנק זיין אַרבעט אין אַ מושב־זקנים, אויף דעם עלנט פון דעם אידישן דורכשניט אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט דערשפּירט, אַז דער פּשוט'ער איד און דער דיכטער קענען זיך איינער דעם אַנדערן נישט געבן קיין פרייד, מחמת אַזוי האָט דאָס אידישע ניו־יאָרק אָנגעטומלט און נישט געהאַט קיין צייט פאַר דעם תענוג פון אידישן וואָרט.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן און באַערן
די לויה פון אַ מענטש
איציע קלמן —
דער עלטסטער פון אַ ברענטש,
אויפן וועג צום הר כרמל בית־עלמין.

אים האָט געשראָקן די נאָענטקייט פון טויט און ער האָט דעם שרעק גענומען אַוועקגראַמען. מענטש — ברענטש; קלמן — בית־עלמין. ער האָט געבראַכט נענטער דעם בית־עלמין צו דער שטאָט, כדי צו רעזשיסירן דעם איי־גענעם שרעק און אים אַביסל אויסגראַמען פון זיך און אויסמענטשלען.

אים איז עס בפירוש געלונגען אין זיינע לעצטע לידער. ס'איז אים געלונ־גען, ווידעראַמאָל ווי לייוויק האָט זיך אַזוי טרעפלעך אויסגעדריקט, צו דער־גיין צו טרויער־דורכגעליכטנקייט. באַגלייטנדיק חברים אויפן אייביקן וועג, האָט ער נישט נאָר דערזען די שרעקלעך־אָפּגעליידיקטע בענקלעך און די עלנ־טע בערגלעך, נאָר ער האָט בכלל גענומען שלום מאַכן מיט דעם פּריצייטיקן אָוונטיקן ליד אין זיין געמיט, און ס'איז דערפון אויפגעגאַנגען אַ רייפע און מעלאַנכאָלישע קלוגשאַפט —

לאָמיר פאַרלאָזן די שטאָט פון ליכט,
אַביסל חשכות צו געניסן,
איך וועל דעם טרויער פון מיין געזיכט
אַוועקלייגן דעם וואַלד צופיסנס,

אָדער אין די שורות צום אָנדענק פון מאַני לייב׳ן —

מיט אַ שמאָלער סטעזשקע דורך דעם אָוונט־ליכט
שפּאַן איך אַלץ נענטער צום נאַכטיקן טויער.
די שאָטנס קילן מיינע טריט, דורך דעם לבנה־האָרן
בלאָזט גאָט אין מיר אַריין זיין טרויער.

אין די שורות האָט איר דאָס כינעזישע געמיט פון זיין פּאָעטישן אָנהויב, און די בענקשאַפט נאָך אַ ליריק, וואָס זאָל ווערן אייגן מיט יעדן וואָרט. פאַראַן אויך דער איינשטעל פון דער אייגענער טויט־וויזיע — „דורך דעם אָוונט־ליכט שפּאַן איך אַלץ נענטער צום נאַכטיקן טויער״.

ער האָט אַ קילער געזונגען דאָס ליד „אויף לאַנג־איילענדער ערד״:

גאָט העלף מיר, אין דער ערד פון ליים,
לאַנדסלייט מיינע פון דער היים!

— — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט וועל איך צו אייך אין טאָל אָנקומען
און פון דער חלום־וועלט ברענגען אַלעמען גריסן.

ער האָט אויך קלאָר און טרויעריק געוואוסט, אַז דווקא ביים סוף ווערט ער אָנזעעוודיקער און זיין וואָרט מקום־געוואָרענער —

ביים סוף פון אַלע סופּ׳ן
ווערט יעדער חלום וואָר.
און אַלץ וואָס האָט געהאָנגען
ווי אויף אַ האָר
אויף דער שאַרף פון שווערד
ווערט ווידער וואָרצל אין דער ערד.
ביים סוף פון אַלע סופּ׳ן
ווערט מקח
פון אַלע אָנגעזאָגטע אַדעראַפּן.

דאָס איז דאָס סאַמע טרויעריקסטע אין באָמזע׳ס פרי־פאַרשניטנקייט. נחום באָמזע איז געווען אַ צווייג אויף אַ קראַנקן בוים. זיין יונגן ברודער האָט לייוויק באַגלייט צום דענוור בית־עולם. אַנדערע מיטגלידער פון זיין משפחה זיינען אויך יונג געשטאָרבן. באָמזע האָט דעם אומפאַרמיידלעכן יונגן סוף (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 48 יאָר) טיף געטראָגן אין זיך. אָבער גראָד אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער זיך דערהויבן און געקומען נענטער צום אויסגעקלאָרטן און אייגענעם וואָרט. דער דיכטער האָט געשפּירט ווי פון זיינע אַמאָליקע דיכטערישע „אַדעראַפּן״ ווערט „מקח״, און גראָד ווען ער האָט עס

דערשפּירט און מיר האָבן גענומען דערזען זיין „טרויער־דורכגעלויכטנקייט״ איז ער אַוועק פון אונז —

דעם שכנ׳ס הונט גריזשעט דעם פאַרנאַכט און אַ ביין,
פון זיין רויטן מויל עס רינט די סלונע.
די זון ווערט נעלם, דער טאָג — צערונען,
צום נאַכטיקן טויער גיי איך איינער אַליין.

אַזוי האָט ער גערעדט צו מאַני לייב׳ס אָנדענק און קורץ נאָכדעם איז ער אויך אַוועק „צום נאַכטיקן טויער״, איבערלאָזנדיק אַ ירושה — אַ צאָל לידער וואָס טראָגן אויף זיך זיין געשטאַלט.

1955

שמחה פּיעטרושקאַ

א

אין די דריי סדרים, מיט איבערזעצונגען און פּירושים אין אידיש, פון שמחה פּיעטרושקאַ, איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ סך אַרבעט, אָבער מער ווי אַרבעט האָט דער מחבר אַריינגעלייגט די פרייד פון זיין אַרבעט. די דאָזיקע פרייד אָדער נחת־רוח פון טאָן אַן אַרבעט, וואָס מען וויל שטאַרק טאָן, זעט זיך בולט, הן אין זיינע ווערטערלעכע איבערזעצונגען, הן אין די אויסריידעניש. און דאָס איז שוין אַ גרויסער שכר, ווייל אַזאַ מי קען פאַרוואַנדלען די אומ־נוצלעכסטע זאַך אין גרויס נוצלעכקייט. ווען משניות אין אידיש וואָלט איצט געווען איבעריק, וואָלט פּיעטרושקאַ׳ס אַרבעט עס דערהויבן צו גרויס וויכטי־קייט. דאָס איז דער איבערצייגנדיקער כוח פון שעפערישקייט.

כ׳בין נישט מסכים מיט די אַלע, וואָס האָבן געזען אין פּיעטרושקאַ׳ס פאַראידישטן משניות אַ פּאָפּולאַריזאַציע, אָדער אַ צעקייען פון אַן אַלטן טעקסט פאַר אַמעראַצים. דאָס וואָלט פאַרוואַנדלט פּיעטרושקאַ׳ן אין אַ מין אויבער־מלמד, וואָס ער איז בפירוש נישט. דער אידישער משניות מיט זיין ווערטלעכער איבערזעצונג, שוין צוזאַמען מיט דער הסברה, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי רעסטאַווראַציע. עס איז אַ חלום פון אַ מיטליאַריקן למדן צוריק־צוברענגען די טעג פון זיין יוגנט, ווען מען האָט געשמאַק געלערנט אַ פּרק משניות. און ווייל דאָס ברענגט צוריק נישט נאָר די יוגנט פון מחבר, נאָר די יונגע יאָרן פון צענדליקער טויזנטער אידן, איז עס אַן אַרבעט פון גרויס שעפערישקייט און העכערער נוצלעכקייט. ס׳האָט צו טאָן מיט אויפ־שטעלן דאָס וואָס איז ביי אונז חרוב געוואָרן.

ווען מיר זאָלן זיך אוועקלאָזן אויף די אומזיכערע וועגן אויסצוטייטשן פּיעטרושקאַ׳ס וויכטיקע אַרבעט, ווי בלויז אַ אידישע פאַרטייטשונג פון משניות פאַר גראָבע יונגען, וואָלטן מיר ערשט דעמאָלט געקענט אָפּפרעגן די נוצ־לעכקייט פון דעם מאָנומענטאַלן אויפטו. מיר ווייסן איצט נישט וואו הויבט זיך אָן אַמעראַצעס און ווען די אידישע אַמעראַצעס ווערט ליקווידירט אָדער געלאָשן. ווערט זי טאַקע געלאָשן מיט אַ פּרק משניות? וואָס הערט זיך מיט גמרא, מפרשים, יד החזקה, שולחן־ערוך? ס׳קען אונז פאַרפירן ווער ווייסט וואו, ווייל ס׳קענען קומען אַזעלכע ליידנשאַפטלעכע לומדים, וואָס זאָלן אונז

זאָגן, אַז ווען אפילו מ׳זאָל שוין דאָס אַלץ קענען אויף אידיש, איז מען דאָך אַן עם־הארץ, אויב מ׳קען נישט לערנען די אָריגינעלע מקורים. איז פאָלג מיך אַ גאַנג. ווען אַ איד זאָל שוין קענען אַריינזיפּן אונזער גאַנצע אַלטע ליטעראַטור אין גוטע אידישע איבערזעצונגען, וואָלטן למדנים אים פאַרט געשטעמפּלט פאַר אַן עם־הארץ און זיין גאַנצע וואוילגעלערנטקייט וואָלטן זיי געהאַלטן פאַר אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

און אויב ס׳האַלט שוין דערביי, וואָלטן אַ סך מענטשן גאָר אויפגעהויבן די קעפּ און דערקלערט, אַז ווי באַלד מ׳ווייסט בכלל נישט, ווען ס׳ווערט געלאָשן דער דורשט נאָך אידישער געלערנטקייט, ווען און ביי וואָסערן פונקט מען הערט אויף צו זיין אַן עם הארץ, אפשר איז משניות, פאַר זיך אַליין, אויך נישט בויטיק, ווי אַן עטאַפּ פון געלערנטקייט?

דאָ וואָלטן זיך אויך אַריינגעריסן אונזערע שפּראַך־קנאים און זיי וואָלטן באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז היות ווי אידיש גייט אונטער, אָדער מוז פאַלגן און זיך אַוועקלייגן שטאַרבן, איז אַן איבערזעצונג פון משניות אויף אידיש אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, ווייל ס׳איז בלויז פאַר אַ הייפעלע אַמעראַצים פון אונזער אייגענעם דור, און אַזאַ אָנגעשטרענגטע אַרבעט פאַר אַזאַ צייטווייליקייט איז פשוט׳ע פאַרשווענדעריי.

ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז פּיעטרושקאַ האָט זיך נישט געשטעלט די אַלע פראַגעס, ווען ער האָט זיך גענומען געשמאַק צו דער אַרבעט. וואָלט ער זיך אַליין גענומען פרעגן קשיות, וואָלט ער געקראָגן גענוג גוטע תירוצים, פאַרוואָס די אַרבעט נישט אָנצוהויבן. דער אמת איז, אַז אין זיין גרויסן אויפטו איז פאַראַן אַן עלעמענט פון שעפערישקייט. און דערפאַר גיט זיך איבער די פרייד פון דער שעפערישקייט, וואָס איז איר אייגענער שכר, צום לייענער אָדער לערנער פון משניות אויף אידיש.

דאָ גייט נישט אין אַ פיצזשעראַלד־איבערזעצונג פון אָמאַר כאַיאַם, וואָס האָט אויפגעפרישט אַן אַלטן טעקסט און האָט מיט דער איבערזעצונג, ווי מבינים זאָגן, ווייט אַריבערגעשטיגן דעם טעקסט. ניין, פּיעטרושקאַ האָט נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן אַזעלכע אַמביציעס, ווייל משניות איז נאָך אַלץ אַ לעבעדיקער טעקסט אין אידישן לעבן, און ס׳האָט זיך דאָ נישט געהאַנדלט אין מאַכן אַ קינסטלערישע איבערזעצונג, וואָס זאָל פאַרשאָטענען דעם אָריגינאַל.

פּיעטרושקאַ׳ס משניות איז אַ פאָעמע פון אונזער גאַנצקייט. דער אמת איז אַז אין אונזער לעבן איז גאָרנישט געווען קיין אַנדער משניות ווי „פּיעטרושקאַ׳ס". משניות אָן פּיעטרושקאַ׳ן איז היפּש פאַריתום׳ט און אָפּגעריסן פון דעם קלינגנדיקן פאַרטייטשערישן קול. וואָס משניות איז נישט

געווען אין יבנה (ווען רבי יהודה אָדער רבי האָט פאַרענדיקט די צוזאַמענשטעלונג פון די 63 מסכתות אַרום יאָר 200) — אין אונזער לעבן, אין משך פון הונדערטער יאָר, איז משניות כסדר פאַרטיפט געוואָרן דורך אַ ווידערקול פון לערנערס. דער לאַקאָנישער טעקסט פון משניות איז אַנגעוואוּנקען געוואָרן אין נאָך־ביבלישן העברעאיש. די גמרא איז געקומען ווי אַ דראַנג קלאָרער אַרומצורײדן דעם דאָזיקן לאַקאָנישן טעקסט. די גמרא איז געווען די גרויסע אַרומרעדעניש און אויסרעדעניש צום ערשטן נאָך־ביבלישן ווערק. מ׳קען אָננעמען, אַז די פרקים פון משניות זיינען מער נישט געווען ווי נאָטן צו דער גרויסער מוזיק פון דער גמרא. דער קורצער און צוזאַמענגעפּרעסטער משניות איז בלויז אַ וואונק, אַ רמז פאַר לערנערס. קיינער וואָלט קיין הנאה נישט געהאַט פון אַזאַ פּראַקטישער קאָנדענסירטקייט. דער משניות־סטיל איז געווען פּראַקטיש און נויטיק דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער עקספּערימענט פון אָפּשרייבן פון זכרון די תורה שבעל פה. די תנאים האָבן די סדרים נישט געוואָלט מאַכן צו ברייט און צו גרויס. דער סטיל איז אַ חיפּזונדיקער, ווי ער וואָלט געאיילט אויסצושעפּן דעם גאַנצן אַרכיוו פון זכרון אויס מורא אַז אַט־אַט און אַלץ וועט פאַרגעסן ווערן.

נישט געקוקט דערויף וואָס תלמוד בבלי איז ערשט פאַרענדיקט געוואָרן 300 יאָר נאָך משניות, איז עס אַ זיכערע זאַך אַז די גמרא פון די אמוראים, אָדער די זאָגערס, איז געווען דער כסדר׳דיקער באַגלייט־טייטש פון דעם צוזאַמענגעפּרעסטן משניות. די זאָגערס האָבן געזאָגט משניות און אים פאַנאַנדערגעבלאָזן אין פייערדיקע פירושים. זיי האָבן געזאָגט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, אַז זיי האָבן פאַנאַנדערגעזאָגט דעם קורצן טעקסט און אים געלערנט. די תנאים אָדער די לערנערס זיינען געווען נאָענט צום קוואַל פון דעם געדענקטן אַרכיוו, פון דער תורה שבעל פה, אָבער וואָס ווייטער מען איז אַוועק פון דעם זכרון, אַלץ מער זיינען געקומען די זאָגערס וואָס האָבן געטייטשט משניות. זיי האָבן אים פאַרפלאַנצט אויף לעבעדיקער ערד און ס׳איז אויפגעגאַנגען די גרויסע אידישע צוואָרפענע ענציקלאָפּעדיע.

די גמרא איז גליך געווען אַ אידישע פאַרטייטשונג. דער אַראַמישער טעקסט איז געווען דאָס אידישע ווידערקול פון יענער צייט, וואָס האָט געלערנט און געזאָגט משניות מיט ברען און התלהבות.

דער משניות פון אונזערע אייגענע טעג איז געווען אוממעגלעך אָן אידיש און אָן די אַלע פאַרטייטשונגען און אויסריידענישן. די גרעסטע למדנים האָבן נישט געזאָגט קיין טרוקענעם משניות, נאָר זיי האָבן אים פאַרביק געמאַכט מיט אַ אידישן גערעדטן פירוש. ווען אַ לערנער האָט געלערנט משניות מיט אַן עולם, האָט ער מיט זיין פאַרטייטשן בשום אופן זיך נישט אַרונטערגעלאָזט

צו דער פּאָפּולאַריזאַציע פון עם הארץ. פאַרקערט, ער האָט דעם משניות טעקסט אויפגעזונגען און אים צוזאַמענגעזונגען מיט אידיש.

שמחה פּיעטרושקאַ האָט דאָס קול פון דעם גאַנצן משניות פאַרגעדענקט און עס אונז צוריקגעבראַכט. זיין אַרבעט איז די אַרבעט פון אַ פּאָעט, וואָס האָט אונז צוריקגעגעבן דאָס ווידערקול פון אונזערע לערנערישע טעג. פאַר־שטייט זיך, ווי אַ געשריבענער טעקסט, איז פּיעטרושקאַ׳ס פּירוש אַ ראַפינירטער אָפּשרייב פון יענעם לומדישן שמועס. ער האָט צוזאַמענגעבראַכט אַלע פּירושים און זיי הארמאָניזירט, און דערצו נאָך אַריינגעגעבן זיינע אייגענע חידושים און אויפטועך. זיין אַרבעט איז די סטיליזאַציע פון יענע ווינטערדיקע נעכט, ווען מ׳איז געזעסן אין בית מדרש און געלערנט משניות.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פאַרזוכן איבערצוזעצן משניות אויף אידיש, אָבער אַלע איבערזעצונגען זיינען געווען אַרונטערעדעניש. זיי האָבן אַרונטערגערעדט צום עולם און נישט מיטגעלערנט מיט אים, נישט געזוכט צוריקצוברענגען די גאַנצקייט פון משניות. ווי יעדער סטיליזאַציע איז אויך די סטיליזירונג פון אונזער פאַרגאַנגענהייט מער פאַלירט, ווי דאָס אָרי־גינעלע לשון פון די אַמאָליקע משניות־זאָגערס, אָדער לערנערס. פּיעטרושקאַ האָט אַריינגעבראַכט סדר אין דער צעשויבערטקייט פון לערנען, ווייל ער האָט אויך געטאָן אַ סך פאַרשערישע אַרבעט. אומצאָליקע אומפאַרשטענדלעכע פּרקים, וואָס מ׳האָט גלאַט געשלונגען, זיינען געוואָרן קלערער. זיין ווערטלעכע איבערזעצונג ווערט אויך אויפגעקלאָרט דורך איינשטעלן אין טעקסט אַ וואָרט, אָדער אפילו אַ פראַזע, וואָס העלפט אַרויס דעם פלינקן און קאַלטן רמז׳דיקן טעקסט. נאָך דער ווערטלעכער איבערזעצונג קומט ערשט אין אַן אַנדער שריפט דער פּירוש, וואָס פאַרטייטשט דעם טעקסט און גיט אים היינטיק לעבן. ווען מען נעמט פּיעטרושקאַ׳ס משניות אין האַנט אַריין און מ׳זעט, ווי פון צוויי אָדער דריי שורות אָריגינאַל ווערט אַ גאַנץ בלעטל מיט פּירושים, דערמאָנט מען זיך ערשט נאָכאַמאָל, אין יענע נעכט, ווען מ׳האָט געלערנט אַ משנה; וואָס דאָס איז נישט מער ווי אַ פּאַראַגראַף פון אַ פּרק און ס׳האָט זיך בשום אופן נישט גערירט פון אָרט. פונדעסטוועגן האָט מען אַזוי אָנגעלערנט אויף אַ משנה אָדער צוויי, אַז מען איז אַוועק צופרידן און מ׳האָט געפילט, אַז מען האָט עוקר הרים געווען.

ביז איצט זיינען שוין אַרויס סדר זרעים, סדר מועד, סדר נשים. אַ סך יורידישע אינפאָרמאַציע אין משניות קלינגט גאַנץ פאַרצייטיש, ווי למשל ווען מ׳כאַפּט אַ קוק אויף סדר נשים און מען לייענט, למשל, אַזאַ משנה: בן תשע שנים ויום אחד שבא על יבמתו, ואחר כך בא עליה אחיו שהוא בן תשע שנים ויום אחד, פסל על ידו. ר׳ שמעון אומר, לא פסל.

אָדער ווען מען פאַרטיפט זיך אין אַזאַ משנה: מי שנדר בנזיר, והלך והביא את בהמתו ומצאה שנגנבה אם עד שלא נגנבה בהמתו נזר, הרי זה נזיר.

צי מען לערנט אַ משנה וועגן דער סוטה, וואָס דאַרף נעבעך טרינקען דאָס ביטער־וואַסער: עד אומר נטמאת, ועד אומר לא נטמאת, אשה אומרת נטמאת, ואשה אומרת לא נטמאת היתה שותה.

מיט גרויסע טײלן פון משניות קען מען שוין איצט נישט אויסבילדן קיין אַמעראַצים, סײדן מיר זאָלן שאַפן אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע פאַר אומויסנ־הייט. נישט יעדער געלערנטער מענטש איז מחויב צו לערנען בלעקסטאָנ׳ס „קאָמענטאַרן“ וועגן ענגלישער יוריספּרודענץ, און דער וואָס לערנט נישט בלעקסטאָנ׳ס קאָדיפיצירונג פון ענגלישער קאָמען־לאָו קען זיכער נישט אָנגע־רופן ווערן עם־הארץ.

פּיעטרושקאַ׳ס אַרבעט איז גיכער פאַר לומדים, ווייל משניות מיט אַ אי־דישן פּירוש איז ערשט דער גאַנצער משניות, ווי מיר אַלע האָבן אים געקענט. פּיעטרושקאַ׳ס משניות איז נישט נאָר אַן אַרבעט פון רעסטאַווירן אַ טייל פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך די שטימונג פון יענער פאַרגאַנגעהייט.

די שפּראַך פון זיין איבערזעצונג און פון זיין פּירוש איז דאָס אַרומגעפּוצטע לשון פון דעם לערנער. ס׳פּליט נישט אַרויס פון טעקסט און פּליט נישט אַוועק פון בית מדרש. ס׳וואָלט נישט געווען קיין ריכטיקער עכאָ פון טעקסט, ווען פּיעטרושקאַ וואָלט די איבערזעצונג צופיל געפּליגלט. אַזוי ווי ער האָט אונז געגעבן דעם פּירוש איז דער משניות, ווי ער האָט זיך געלערנט אין דער הויך, אפשר אַ האָרעלע „משכילישער“ — אָבער דער טעם פון אַלטער וואויל־גע־לערנטקייט איז פון אים נישט אויסגעוועפּט געוואָרן. ס׳איז אַן אַרבעט פון גרויס בענקשאַפט. פּיעטרושקאַ האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין אייגענער יוגנט, אָדער, ווייל ער האָט פּרי גע׳שמ׳ט ווי דער פראַגער עילוי, מעגן מיר אפשר זאָגן — קינדהייט. די בענקשאַפט האָט אים צוריקגעבראַכט צום גאַנצן משניות. דער טעקסט אָן דעם אידישן ווידערקול איז געווען עלנט און וואָלט, איצט ביי אונזער גרויסן חורבן, פאַרבליבן נאָך עלנטער. פּיעטרושקאַ האָט אויפגעלעבט דאָס אידישע קול פון דעם נאָך־ביבלישן העברעאיש און ער האָט דעם משניות געגעבן, ווי ער האָט געשיינט אין אונזער לעבן, אַרום 700 יאָר.

ווען די קאָלאָסאַלע אַרבעט וואָלט באַזירט געווען בלויז אויף נוצלעכקייט, וואָלט פּיעטרושקאַ אפשר שוין לאַנג געבליבן שטעקן אינמיטן, אָבער אַזוי וועט די אַרבעט זיכער פאַרענדיקט ווערן, ווייל משניות אויף אידיש איז נישט ניצלעך, נאָר באַטירלעך.

אין דעטראָיט איז עס דאָכט זיך געווען. אַ פאָרזיצער האָט זיך צעהיצט אין זיין ווענדונג צום עולם. ער האָט אַרויפגעקלעטערט צו דער געפערלעכ־

סטער הויך און אויסגערופן, אַז אויב, חלילה, מ׳וועט נישט העלפן אין דער אַנגעשטרענגטער אַרבעט אַרויסצוגעבן די ששה סדרי משנה מיט פּיעטרושקאַ׳ס פּירוש, וועט די גאַנצע אַרבעט איבערגעריסן ווערן.

דער אײדעלער שמחה פּיעטרושקאַ, מיט דעם „אַפּוועזנדיקן״ בליק, ווי די אויגן וואָלטן כסדר געפּרעפּלט און געקייקלט אַ פּסוק הין און צוריק, האָט זיך, ביים לעצטן קרעשטשענדאָ פון פּאַרזיצער, אויפגעכאַפּט און אים אָפּגעשטעלט מיט אַ ציטערדיקער האַנט:

„ניין, דאָס נישט! אויב אפילו מ׳וועט נישט העלפן, וועט די אַרבעט אַלץ פאַרענדיקט ווערן״.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזויפיל אַנטשלאָסנקייט און מיט אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו דער געשעפטלעכער זייט פון דער קאָלאָסאַלער אונטערנעמונג, אַז אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

דער אַלטער טעקסט פון משניות האָט נישט געקענט פאַרבלייבן עלנט. שמחה פּיעטרושקאַ האָט געמוזט אויפלעבן דאָס אידישע קול פון דעם משניות־לערנער, כדי דאָס קול זאָל אייביק לעבן צווישן אונז.

1948

ב

גאַנצע פיר יאָר זיינען אַוועק צווישן סדר זרעים און סדר טהרות, צווישן ערשטן באַנד פון שמחה פּיעטרושקאַ׳ס איבערזעצונג פון משניות און פּירוש אין אידיש, און דעם לעצטן באַנד, אָדער סדר, וואָס איז דערשינען אין 1949. פּיעטרושקאַ׳ן איז באַשערט געווען הנאה צו האָבן בלויז איין יאָר פון זיין פאַרענדיקטער אַרבעט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ סך פּלענער. ער האָט בדעה געהאַט אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם פּירוש פון משניות אין העברעיש, אפילו געוואָלט איבערזעצן משניות אויף ענגליש. ער איז געפאָרן קיין מדינת ישראל, כדי צו זיצן אויף תורה און עבודה, אָבער ער איז צוריק געפאָרן אַ טויט־קראַנקער קיין מאָנטרעאל, וואו ער איז אויסגעגאַנגען אין שווערע יסורים אין עלטער פון 57 יאָר. ווי עס ווייזט אויס איז ער שוין געווען חרוב מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע. ער איז פון דער אָפּעראַציע אַרויסגעקומען מיט אַ געלער מראה און מיט אַ גוואַלטיקער עקשנות צו פאַרענדיקן זיין משניות אויף אידיש. אויף מער אַרבעט איז אים נישט געלונגען אָפּצונאַרן דעם מלאך המות, וואָס איז אים געשטאַנען צוקאָפּנס און אים אונטערגעיאָגט.

אין דער הקדמה צו סדר זרעים, זאָגט אונז פּיעטרושקאַ, אַז ס׳איז נישט נויטיק צו שרייבן באריכות וועגן דער וויכטיקייט פון משניות מיט אַן איבער־

זעצונג אין אידיש. משניות, דערציילט ער אונז, איז נאָכן תנ״ך דער יסוד פון גאַנצן אידישקייט, רעליגיע, עטיק, לעבנס־פאָרמען, געשיכטע פון אַלטע צייטן.

בלייבט אַלץ די קשיה צו וואָס אינמיטן דערינען, משניות אויף אידיש? ס׳איז אַ שאָד וואָס פיעטרושקאַ פטר׳ט אָפּ די פראַגע מיט אַ לייכטן תירוץ און ער זאָגט אונז על רגל אחת, אַז „די נויטקייט אַז אַ איד זאָל קענען לערנען משניות צוזאַמען מיט אַן איבערזעצונג און פירוש אין אידיש, איז דעריבער קלאָר פאַר יעדן״.

ווען ער וואָלט דאָס אונז בעסער אויפגעקלערט, וואָלטן מיר אפשר געהאַט נאָך אַ בעסערן צוגאַנג צום פראַגער עילוי, וואָס האָט זיך גענומען איבער־זעצן משניות און וואָס איז אויך אַליין אַרויס איבער די מדינות שאַפן אַן עולם פאַר אַזאַ איבערזעצונג.

מיר ווייסן נישט, למשל, צי אים האָט געטריבן דערצו אַ גרויסע ליבשאַפט צו אידיש. פון דעם אַלט־פרענקישן אופן ווי ער האָט אָפּט איבערגעזעצט, גלייב איך קוים, צי אים איז געגאַנגען בלויז אין געבן אַ לעבעדיקן בייטראַג צו אידיש, דורך באַרייכערן דאָס אידישע לשון מיט אַ מאָנומענטאַל ווערק. ער איז אוודאי נישט געווען קיין אידישיסט אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט, און ס׳לייגט זיך אויך נישט אויפן שכל, אַז ער האָט געהאַט אָדער באַ־דאַרפט האָבן דעם זעלביקן קינסטלערישן צוגאַנג צו זיין אַרבעט, ווי יהואש האָט געהאַט צו זיין איבערזעצונג פון תנ״ך. אויך יהואש האָט אוודאי נישט געהאַט פאַר זיך קיין קלאָר בילד פון אַ גרייטן עולם, וואָס האָט געוואַרט אויף דער געלייטערטער איבערזעצונג פון תנ״ך, אָבער ער האָט אויף זיך גענומען דעם קלאָרן אויפגאַב צו לייטערן דאָס אידישע לשון. ער האָט געוואָלט מאַכן אידיש מיט לייטן גלייך און געבן דער שפראַך, אַ ביבלישן שטיץ־פונקט. ער האָט אידיש צוריקגעשלעפּט צו אַ מקור און איז דווקא באַשטאַנען, אַז עס זאָל גיין אין די דרכים פון אַ סך אַנדערע לשונות און אָנהויבן מיט תנ״ך. אידיש האָט שוין געהאַט ווייט אַוועקגאַלאָפּירט פון אַזאַ סטאַטישן אָנהויב, און איז איר שטעטל באַשטאַנען אָן אַ קינסטלערישער און קינסטלעכער תנ״ך איבערזעצונג.

אָבער יהואש׳ס תנ״ך איבערזעצונג פאַרבלייבט אַ וויכטיקע אַרבעט. ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אַנטיקישקייט, איז יהואש׳ס אַרבעט נאָך אַלץ די־רעקט איבערצייגנדיקער פאַר אונזער דור ווי פיעטרושקאַ׳ס: די פילצאָליקע מאָמענטן פון דערהויבונג, פון קוואַליקער שיינקייט, פון אייגנאַרטיקער דער־ציילערישקייט, וואו די בהרחבה׳דיקייט פון סטיל ליידט גאָרנישט פון דעם לאַקאָנישן און בליץ־אַרטיקן זאַץ, וואָס גיט איבער דעם גאַנצן תוכן אָן שאַ־לעכץ און פאַנגט פונדעסטוועגן אין ערנסטן און כמעט סקעלעטישן תוכן אַלע שרייבערישע שיינקייטן, וואָס זיינען געווינלעך די באַצירונגען און באַפּו־

צונגען פון שרייבעריי. דער גייסט פון תנ״ך פאַרמאָגט גלייך אַן אינערלעכע פיזישע, גופיקע שיינקייט. יהואָש האָט נישט באַדאַרפט פאַרלירן קיין סך טענות, כדי צו קומען מיט זיין פאַראידישונג פון תנ״ך.

שווערער איז געווען דער אויפגאַב, וואָס ס׳האָט זיך געשטעלט שמחה פּיעטרושקאַ. ער האָט נישט געלייגט דעם טראָפּ אויף שיינקייט, צי אויף ניצלעכקייט און אים איז נישט געגאַנגען דירעקט אין באַרייכערן די אידישע ליטעראַטור, מיט אַ שפּאַגל־נייער, אויסטערלישער אָדער קינסטלערישער איבערזעצונג. ער האָט נישט געהאַט די כוונה צו אַנטיקיזירן אונזער לשון, צו פירוש, וואָס זאָל זיין אַ פאַרטייטשונג פון מיין און אינהאַלט. ער האָט אין זיינע נאָכלאָזיק אין פרט פון שפּראַך, ער האָט אַ סך מקריב געווען לשם קלאָרקייט און טייטשלעכקייט. ער האָט טאַקע גענומען ערנסט דעם געדאַנק פון מאַכן אַ פרוש, וואָס זאָל זיין אַ פאַרטייטשונג פון מיין און אינהאַלט. ער האָט אין זיינע צווי פירושים צום טעקסט, סיי אין דעם ווערטערלעכן און סיי אין דעם לענגערן און אויסריידעווודיקן, אַלעמאָל געהאַט אין זינען די קלאָרקייט פון אינהאַלט. זיין אידיש איז ניט קיין קאָלירפולער, נאָר אַ למדנישער; נישט אַזעלכער, וואָס לאָזט אויף זיך רוען, ווי אויף אַן אַרבעט פאַר זיך אַליין, נאָר זיין פירוש איז ענג צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אָריגינאַל, ווי מ׳וואָלט אים געלערנט ביי אַ גוטער חברה משניות.

דערפאַר ווען פּיעטרושקאַ׳ן איז איינגעפאַלן דער געדאַנק איבערצוזעצן און פאַרטייטשן דעם משניות אויף אידיש, האָט ער נישט געהאַט קיין עסטע־טישע טעמים. ער איז געקומען מיט אַזעלכע שווערע אַרטילעריע, ווי פאה, דמאי, תרומות, חלה, ערלה; פון דער ערשטן סדר, וואָס קאָן נאָך אפשר אויפ־געלעבט ווערן פאַר היינטצייטיקע מיט דעם וואָרט — הלכה — ביז צום סדר טהרות, פון לעצטן באַנד, מיט אַזעלכע מסכתות ווי מקואות, נדה, מכשירין, זבים, טבול יום און עוקצין, וואָס אפילו דער באַגריף פון הלכה וועט זיי אויך נישט היימישער מאַכן, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן.

„מען קען מאַכן טהור אַן אויבערשטע מקוה דורך אַן אונטערשטער מקוה און אַ ווייטער מקוה דורך אַ נאָענטער מקוה. אויב אין דער אויבערשטער צי אין דער ווייטער איז געווען געשעפּט וואַסער און מען האָט זי פאַראייניקט דורך אַ רער מיט דער אונטערשטער, צי מיט דער נאָענטער מקוה, וועלכע האָט 40 סאה כשר׳ע וואַסער, ווערט אויך די אויבערשטע צי ווייטע מקוה כשר, און מ׳מעג זיך אין איר טובל זיין, און מען האָט ניט קיין מורא טאָמער האָט ווער דערווייל איבערגעהאַקט די רער״.

אָט דער געמיש פון סאַניטאַציע מיט „פלאַמינג״ ווערט אין דער איבער־זעצונג נאָך אַ ווייטערע מקוה; און פונדעסטוועגן האָט שמחה פּיעטרושקאַ

גענומען אויף זיך מיטן גרעסטן ערנסט דאָס איבערצוזעצן אין דעם אַלט־פרענקישן, הגם אַביסל געריניקטן בית מדרש אידיש פון זיין צייט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט פרעגן, צי וויל ער דערמיט באַרייכערן די אידישע ליטעראַטור און צי נויטיקט זיך די אידישע ליטעראַטור אין אַזאַ פירוש? כ׳בין איבערצייגט אַז ער האָט זיך געשטעלט וואָס וויניקער אַזעלכע קשיות, ווייל ער וואָלט אפשר פון אַזאַ שמועס מיט זיך אַליין אַרויסגעקומען מיט מאָדנע, מעלאַנכאָלישע אויספירן, וואָס וואָלטן גאַנץ היפש איבערגעפירט דעם חשק זיינעם אַריינצוּלייגן אַזוי פיל מי און אַרבעט אין זיין צווייפאַכן פירוש.

ערגעצוואו האָט ביי אים געמוזט פאָרט טליען די האָפנונג, אַז אַ לאַנגע צייט וועט אידיש נאָך מוזן און דאַרפן פירן אַ באַזונדערע באַלעבאַטעשאַפט, אַז איר באַלעבאַטעשאַפט וועט זיך פונדעסטוועגן דאַרפן אָנלענען אויף אונזער אַלטע העברעאישע אוצר׳שאַפטן; אַז אונזער אידיש־לייענער מוז אויך ווערן אַ אידיש־לערנער, אַז ער דאַרף אין זיך וועקן דעם חשק זיך אַביסל צו פאַרמעסטן מיט דער למדנות פון אַן אַלטן למדן, וואָס האָט געהאַט אַ דירעקטן צוטריט צו די מקורים; אַז אידיש מוז אין זיך אַריינגעמען די אַלטע ווערטן, כדי אידיש זאָל ווערן פולער און אוצר׳דיקער און זיך אָנגורטן מיט עקזיסטענץ־פעאיקייט און אויך עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג; אַז אַ אידיש־לייענער פון אונזער צייט מוז אין זיך קולטיווירן דעם חשק צו וועלן וויסן, וואָס זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געמוזט וויסן ווי אַ תנאי, צו קענען זיך, אין זייער צייט, אונטערשיידן פון עם הארץ.

די וואָס האָבן גוט געקענט שמחה פיעטרושקאַ׳ן רעדן פון אים, ווי פון אַ גרויסן תלמיד חכם. אָבער משניות אַליין איז ביים פאָלק געשטאַנען אויף אַ גאַנץ שיינער, כאָטש נישט זייער געהויבענער מדרגה פון גרויסער למדנות. משניות איז געווען אַ שטאַפּל, אָבער אין לערנען משניות איז געלעגן אַ סך פאָלקסטימלעכקייט. ס׳איז געווען אַ שטאַרקער פונדאַמענט. אַ סך זענען נישט געגאַנגען ווייטער און העכער פון פונדאַמענט, זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט דער ראָלע פון משניות־לערנערס און זיי האָבן פאַר זיך נישט געפאָדערט קיין צו גרויסן אָפּשיי און אָנערקענונג. בלויז גאָר גרויסע תלמידי חכמים האָבן געוואוסט, וויפל אַלערלייאיקע ידיעות עס ליגן אין אַ סדר משניות. מיט משניות איז אָבער געווען, ווי מיט אַ סך קלאַסישע ירושות. מען האָט עס געקענט לערנען אין דער טיף, אין דער פלאַך און גאַנץ אויבנאויפיק. עס זיינען צווישן אידן געווען אַ סך קנאַפּע לערנערס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביים משניות און נישט געקלעטערט העכער און נישט געשוואומען טיפער.

ווען פיעטרושקאַ׳ן וואָלט חלילה איינגעפאַלן דער טראַציקער געדאַנק, אַז אידיש איז בלויז פאַר אונזער דור, בין איך שטאַרק מסופק, צי ער וואָלט

זיך אָוועקגעזעצט טאָן אַזאַ גרינטלעכע און בשלימותדיקע אַרבעט אויף אידיש. דער פּראַקטישער, פאַרניכטנדיקער אַרגומענט קעגן אידיש — און אַלע פאַרניכטנדיקע אַרגומענטן קעגן אידיש צייכענען זיך אויס, קודם כל, מיט וואָלוועלער פּראַקטישקייט — וואָלט אים דיקטירט, אַז פאַר איין דור לוינט זיך נישט אָנשטרענגען. ער וועט שוין, אויס אַלטער געוואוינהייט אַליין, זיך דערשלאָגן צו דער משנה, אָדער ער וועט אויף דער עלטער פאַרוויגן זיין אייגענע אַמעראַצעס.

עס האָט דערפאַר פּיעטרושקאַ'ן געמעגט קומען אויפן געדאַנק, אַז ער באַמיט זיך לכל הפחות, אויך פאַר אַ צוקונפטיקן דור. מער ווי איין צוקונפטיקן דור איז קיינער נישט מחויב צו פאַרזאָרגן. בלויז ציניקער, וואָס ווילן לכתחילה אונטערגראָבן אַ וויכטיקע זאַך, נעמען גלייך סטראַשען מיט דער אייביקייט. דאָס איז אים קלאָר געווען שוין דערפאַר אַליין, ווייל ער האָט זיך נישט געשטעלט קיין האַרבע קשיות, וואָס די צייט שטייט גרייט צו פאַרענטפערן מיט אַ סקעפּטיש שמייכעלע. ער האָט באַשלאָסן, אַז דער זיווג פון העברעאיש מיט אידיש וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטן און לעבן בשלום. ווי לאַנג — איז ער נישט מחויב צו טרעפן. ער האָט בלויז געוואוסט, אַז אין דעם איד פון אונזער צייט וועט נאָך אַ לאַנגע צייט לעבן אַ צוויי שפּראַכיק משניות־געמיט. ער האָט דערפאַר געוואָלט ביישטייערן זיין אייגענע אַרבעט, אַז דאָס געמיט זאָל בלייבן אַזוי לויטער, ווי ס'איז אַמאָל געווען. פּיעטרושקאַ האָט מיט זיין איבערזעצונג פון משניות געהאָלפן רעסטאַווירן דאָס משניות־געמיט, ווי ער האָט דאָס געדענקט.

מען דערציילט, אַז ער איז געווען אַ פרומער, אָבער בעת ער האָט פאַרטייטשט אַ פּרק משניות, איז ער געווען אַן אַקאַדעמיקער, וואָס האָט אין יעדער פּרק אויסגעשפּילט זיין קענטשאַפט, אַז עס געלינגט אים אויפצוקלאָרן אַ פאַרהוילענעם טייטש, זעט מען ממש, ווי די איבערזעצונג לויכט מיט זיין אינדיווידועלן שמייכל, וואָס האָט גערוט אויף זיינע פאַרגלייזטע און דערווייטערטע אויגן, בעת ער האָט זיך פאַרלערנט, אפילו אין פּריוואַטן שמועס. ער האָט ליב געהאַט משניות, נישט נאָר טעקסטועל, נאָר ווי אַ וואונדערלעכן צייט־פאַרטרייב. ער האָט הנאה געהאַט צוזאַמענצוברענגען אויף איין אָרט אַלע פּירושים, וואָס זיינען ביי אים אָנגעפלויגן אין קאָפּ, בעת ער האָט געטייטשט משנה. אין דעם טייטשן פון אַ משנה איז ער געווען אַ סך ענציקלאָפּעדישער, ווי אין דער אַזוי־גערופענער פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע זיינער. ערשט ווען מען לייענט די משנה, צוזאַמען מיט זיינע פּירושים דערפילט מען אָפּט, אַז מען האָט געגרייזט אין דער אויבנאַראָפּיקער גרינגשעצונג, וואָס מיט איר האָט מען זיך ביים פאָלק באַצויגן צום משניות־לערנער. שמחה פּיעטרושקאַ ווייזט ערשט,

ווי שווער ס'איז לייכט צו מאַכן אַ פּרק משניות.

און פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ער זיך אויסגעלעבט אין זיין איבערזעצונג. ער האָט פון איר הנאה געהאַט און געהאַט אַן עסטעטישן פאַרגעניגן. נישט נאָר האָט ער געטאָן נוצלעכע אַרבעט, נאָר ער האָט אויך הנאה געהאַט פון דער אומנוצלעכקייט, פון דער באַהעמיש־קינסטלערישער קאַבינעטישקייט פון זיין אַרבעט. דאָס איז מסתמא געווען זיין גלייכסטער און בעסטער ענטפער, אויב ס'האָבן אים ווען עס איז יאָ גענומען מוטשען — למי אני עמל פראגן.

אין דער איבערזעצונג פון משניות, אין דער האַרמאָנישער באַהעפטונג פון טעקסט מיט זיינע צוויי־פּירושים, איז געלעגן אַ סך יוגנט־בענקשאַפט. ער האָט דאָס קול פון אַמאָליקן משניות־לערנער בלויז אַביסל קולטיווירט, אָבער אין תוך קלינגט אין זיין משניות־איבערזעצונג דאָס אויטענטישע פאַרדווייקעטע קול פון אַמאָליקן בית המדרש. זיין איבערזעצונג איז פאַר אים געווען אַ מתמידיש געזאַנג וואָס האָט צוריקגערופן די פאַרגאַנגענהייט. אין יעדער אַריינפיר צו אַ באַזונדערן סדר פאַרגעסט ער אויך נישט צו דערמאָנען דעם גרויסן כליון, די שרעקלעכע פאַרטיליקונג פון אונזערע ברידער און שוועסטער. אויף דעם געוויין, קומט ווי אַן ענטפער און דערמאָנונג דער געזאַנגיקער ניגון פון דעם פּראָגער עילוי, ווי ער האָט גערעדט, ווען ער האָט געטייטשט, ווי ער האָט געזאָגט און געלערנט. זיין משניות אין אידיש איז, צוזאַמען מיטן טעקסט, אַ גאַנצער אידישער לעבנס־בליק, גראָד דערפאַר, ווייל אין זיין פּירוש הערט זיך דער טרייסטנדיקער ניגון פון אַמאָל. אָט דער ניגון איז עפּעס אַזוינס, וואָס שמחה פּיעטרושקאַ האָט איבערגעזונגען אויף זיין שטייגער און זיין אַרבייט איז דערפאַר אויף אַ האָר נישט ווייניקער אינדיווידועל, ווי אַ גרויס קינסט־לעריש ווערק. אַ סך פון די דאָזיקע אַנאַכראָניסטישע סדרים האָט פּיעטרושקאַ באַלויכטן מיט זיין אייגנאַרטיקן, דערווייטערטן און אידיש־האַפטיקן שמייכל.

אידיש וועט אים דאַנקבאַר זיין פאַר זיין באַוואָרעניש־אַרבעט און אים אייביק געדענקען, און דאַנקען פאַר שאַפן אויף זיין שטייגער אַ דאָמבע קעגן אונטערגאַנג, דורך פאַרפעסטיקן אונזער לשון אין דער פאַרוועבונג מיט דעם לשון קודש טעקסט פון דער משנה.

1950

חיים גרינבערג

געזאַמלטע עסייען

א.

צווישן חיים גרינבערג׳ס בעסטע פּריינט קען מען גאַנץ אָפּט אויך הערן אַ מיינונג, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט מיט גרויס באַדויערן, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס די כלל און פּאַרטיי־אַרבעט האָט גרינבערג׳ן אַזוי פֿאַרשלונגען, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט פאַר מער ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס זאָל אים געבן פולערן אויסדרוק. אָט די מיינונג, מחמת זי ווערט אַרויסגעזאָגט גראָד פון פריינט, האַלט זיך ביי איינבירגערן, אַז גרינבערג׳ס ליטעראַרישע ירושה איז נישט מער ווי אַ קליינער פונק פון זיין גרויסער פּערזענלעכקייט. די דאָזיקע אָנגענומענע מיינונג איז ניט קיין ריכטיקע. אין די צוויי בענד עסייען, וואָס זיינען דערשינען קורץ נאָך זיין טויט, איז פאַראַן דער גאַנצער חיים גרינבערג און נישט בלויז אַ קליינער אָפּשיין פון אים. כ׳בין נישט צו־גוט באַקאַנט מיט דעם אופן ווי אַזוי גרינבערג האָט אויסגעפירט און דורכגעפירט זיין וויכטיקע און אַחריות׳דיקע כלל־אַרבעט. כ׳בין זיך משער אַז ער האָט עס געטאָן מיט דעם גרעסטן אָפּשיי פאַר די פליכטן וואָס זיינען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן. ווען ער האָט גענומען די פּען אין האַנט, האָט ער אוודאי אַרויסגעוויזן די העכסטע מאָס קינסטלערישע אַחריות. אויב ער האָט באַדאַרפט זוכן און אָפּשפּאָרן צייט פאַר דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן ווי אַ שרייבער, איז אָבער אין זיין שרייבן גופא נישט פאַראַן דער מינסטער סימן פון דחק, פון געיאָגטקייט. פאַרקערט, אין זיינע קינסטלערישע עסייען איז פאַראַן אַ סך הרחבת הדעת, ווי ער וואָלט געלאָזט אַלץ וואַרטן אויף זיך, אויף יענער זייט פון שרייבקאַבינעט. ערשט דאָ, אין זיין שרייבן, איז פאַראַן אַ סך געדולד און געמיט. ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע עול׳ן און פאַר יעדער עסיי האָט ער געהאַט אַקוראַט די צייט, וואָס איז נויטיק פאַר דעם אויסשעפּלעכסטן אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט. אין די מייסטע עסייען איז גרינבערג געווען קלאַסיש, אין דער טראַדיציע פון דעם פאָטער פון דער עסיי — מאָנטעין, דער לירישער פילאָזאָף, דער חקרן, וואָס וועגט און מעסט אַ טעמע, אין ליכט פון זיין אַנ־

געזאַמלט וויסן און אָנגעווענדטער דערפאַרונג; וואָס צעשמועסט אַ טעמע, ווי ס׳וואָלט געווען אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, וואָס גיט דעם הערער, דעם לייענער, פּונקט אַזויפיל פאַרגעניגן, ווי ס׳האָט געגעבן דעם צעשפּילער פון די געדאַנקען.

חיים גרינבערג האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט און גע׳סדר׳ט זיינע צוויי ביכער. ער האָט געגעבן די אָרדנונג פון די אָפּהאַנדלונגען, אַפילו ווען די דאַטעס זיינען נישט געווען כראָנאָלאָגיש. ער האָט געמוזט האָבן אַביסל נחת רוח דערפון, וואָס פון זיינע עסייען זיינען געוואָרן ביכער. נישט אַלע באַזונדערע אַרטיקלען, לידער, אָדער דערציילונגען קענען באַקוועם וואוינען אין ביכער. די האַרטסטע און שווערסטע איינבאַנד קען נישט צוזאַמענהאַלטן באַזונדערע געשריבענע זאַכן, אויב זיי גיבן ניט דעם איינדרוק פון גאַנצקייט, פון רוען אונטער איין דאַך, אויב זיי ברוגזן זיך און ווילן צעפליען.

די עסייען וואָס חיים גרינבערג האָט געשריבן אין פאַרשידענע צייטן, האָבן זיך צוזאַמענגעשטעלט אין צוויי ביכער, און דער מחבר וואָס האָט געהאַט אַ שאַרף אויג און וואָס האָט עס אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, האָט זיכער, ביי דער שטרענגסטער זעלבסט־קריטיק, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, געהאַט די צופרידנקייט צו זען, ווי גאַנץ זיינע ביכער זיינען, ווי אַלע עסייען זיינען צוזאַמען פאַקטיש דאָס ווערק פון זיין לעבן.

דאָס ערשטע בוך — „איד און וועלט״, וואָס האָט אויך געקענט הייסן „איד אין וועלט״, האָט 28 עסייען, קלענערע און גרעסערע (די גאָר גרויסע זיינען צוליב זייער לענג נישט שטרענג־עסייאיסטיש אין פאָרם). אין דעם צווייטן בוך — „מענטשן און ווערטן״ זיינען פאַראַן 21 עסייען. אין די 49 עסייען זיינען אָפט פאַראַן אַ סך איבערחזר׳ונגען, און ס׳איז גוט וואָס גרינבערג האָט איבערגעלאָזט די דאָזיקע איבערחזר׳ונגען, וואָס זיינען וואַריאַציעס פון אַ טעמע. אַזוי וויל שלאָגן אין פינטל יעדער גרויסער קינסטלער, וואָס איז שיכור מיט געדאַנקען און שטימונגען. ער האַלט זיי אין איין איבערחזר׳ן, ווייל ער וויל זיי פון זיך — אויסניכטערן.

אין חיים גרינבערג׳ן זיינען פאָרגעקומען עטלעכע געראַנגלען, וואָס ער האָט געוואָלט אויסגלייכן און זוכן דעם צד השווה שבהם. ער האָט טיף, מוראַ׳דיק־שאָוויניסטיש ליב געהאַט דאָס אידישע פאָלק, און ער האָט כסדר מורא געהאַט, אַז ער זינדיקט קעגן דעם אוניווערסאַליסט אין זיך. האָט ער געגלעט און געצערטלט און געליבט זיין כנסת ישראל און גלייך געוואָלט אַביסל אַראָפּדינגען פון דעם לויב, כדי יוצא צו זיין פאַר דער „וועלט״ — די צווייטע העלפט פון דעם נאָמען, וואָס ער האָט געגעבן זיין ערשט בוך.

דער צווייטער געראַנגל אין אים איז געווען אויפן שטח פון רעליגיע.

ער איז געווען אַ טיף־רעליגיעזער מענטש, ווידער אַמאָל אַ טיף־רעליגיעזער איד, וואָס האָט גוואַלטיק באַוואונדערט אידישע עטישע ווערטן, אָבער ער האָט כסדר זיך געראַנגלט מיטן געדאַנק, אַז ער איז עובר אויף אַ בפירושן וועלטלעכן לאָו. איז ער דערפֿאַר מיט דער גרעסטער אַפּיקורסות קריטיש צוגעגאַנגען צו דער אידישער רעליגיעזער ירושה אונזערער און געוויזן, אַז ס׳איז אונז זייער וויניק פֿאַרבליבן. אין זיין באַוואונדערונג פֿאַר דער אידישער אמונה איז ער גאַנץ אָפֿט געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אידישער רעליגיעזער מיסיאָנערישקייט, וואָס זאָל פֿאַרשפּרייטן די העכסטע און איינציקע אמונה, צווישן די צוריקגעשטאַנענע פעלקער פון קריסטנטום. אָבער אַרויסזאָגנדיק די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער האָט פֿאַרבראָכן קעגן דער גאַנצער גרויסער אָנגעזאַמלטער רעליגיעזער קולטור זיינער און ער האָט באַלד גענומען אַראָפּדינגען פון אונזער אייגן פֿאַרמעגן, כדי צו ווייזן, אַז מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען.

אָט די דואַליזמען, וואָס זיינען פּאַקטיש איין דואַליזם, דער קאַמף צווישן איד און וועלט, אָדער דער קאַמף צו געפינען אַ חשיבות׳דיק אָרט פֿאַר דעם איד אין דער וועלט, איז דער תוך פון חיים גרינבערג׳ס ליטעראַרישער אַרבעט. אין די געזאַמלטע עסייען, אין דעם חדר מיוחד, וואוהין דער כלל־מענטש האָט זיך צוריקגעצויגן פֿאַר זיין חשבון מיט זיך, קומט בולט צום אויסדרוק דער גאַנצער גרינבערג. מען הערט בוכשטעבלעך דעם רעדנער, מען זעט דעם טיף־מאָראַלישן מענטש, מען פֿאַרנעמט דעם מוזיקאַליש־דיסציפּלינירטן דענקער. מען האָט הנאה פון דעם פיינלעכן אויסגלייכער און האַרמאָניזירער פון סתירות, וואָס מיט זיי קומט אויס דעם איד פון היינט צו לעבן אין דער וועלט.

אָבער געדאַנקען זיינען סוף־כל־סוף נישט מער ווי געדאַנקען, ווי שיין זיי זאָלן נישט אַרויסגעזאָגט ווערן. ווערטפולער פון אַלץ איז דער מאָראַלישער קלימאַט וואָס גרינבערג׳ן געלינגט צו שאַפן פֿאַר אַלע זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, וואָס ווערן ווירקנדיקע מעשים. בעת מען לייענט גרינבערג׳ס אינספּירירטע עסייען, קריגט מען דעם איינדרוק, אַז די געדאַנקען זיינען רעזולטאַטן נישט נאָר פון דורכטראַכטונג, נאָר פון דורכטועדיקייט. גרינבערג׳ן גייט אַ סך מאָל אין אָנווייזן, אַז הלכה מוז גיין צוזאַמען מיט אגדה, אַז אָן אַ גרויסער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער באַגייסטערונג איז נישט פֿאַראַן קיין הלכה. אין דעם איז ער מחולק מיט ביאַליקן, וואָס האָט געוואָלט פֿאַנאַנדערטיילן דיביידע דרכים אין לעבן. דווקא ביאַליק דער פּאָעט האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף שטרענגער הלכה׳דיקייט, אָבער חיים גרינבערג האָט אָנגעוויזן, אַז דער פּאָעטישער מיטאָס פון אגדה מוז באַלעבן און באַטויען, אַזוי צו זאָגן, די הלכה.

אין זיינע עסייען שטויסט מען זיך אָן אויף אַ געדאַנקלעכקייט, וואָס ווירקט טאַקע דערפאַר, ווייל ס'איז דעם שרייבער געלונגען צו שאַפן פאַר זיי אַ קלימאַט פון איבערצייגנדיקייט, אַז די געדאַנקען זיינען די טאָג־טעגלעכע תפילות פון אַ מענטש, וואָס פּראַקטיצירט זיינע געדאַנקען ווי מעשים אין לעבן.

ס'וואָלט זיך אפשר געלוינט אַרויסצוגעבן אַ קליינע אַנטאָלאָגיע, אַ מין קיצור פון די צוויי בענד, וואָס וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין אַפּקלייב, אַ מין קיצור שולחן־ערוך פאַר דעם איד — נישט נאָר, ווי כ'האָב שוין אָנגעוויזן פאַר זיין טראַכטן, נאָר פאַר זיין הנהגה, זיין תפילה בלחש, זיין דאַוונען אָן אַ סידור, ווי חיים גרינבערג דריקט זיך אויס. אָבער אַזאַ, אין עצם, ניצלעכע אַנטאָלאָגיע פאַר אונזער יוגנט, וואָלט געטאָן דעם מחבר אַ גרויסע עוולה, ווייל ס'וואָלט נישט געוויזן דעם שרייבער, ווּעמען ס'איז תמיד געגאַנגען אין זוכן דעם סאַמע בעסטן אויסדרוק, דאָס בילדלעכע וואָרט, דעם שענסטן פאַר־גלייך, דעם בליציק־אויסגעדריקטן געדאַנק.

די שענסטע עסיי אין דעם גאַנצן באַנד „איד און וועלט", איז די קורצע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע וועגן שבת. די עסיי איז דורכאויס גאַנץ, ווייל דאָ האָט חיים גרינבערג נישט געשפּירט, אַז ער איז דער „וועלט" שולדיק אַ דער־קלערונג אָדער אַן אויפקלערונג פאַר זיין אייגענעם נשמה יתירה'דיקן שבת־געזאַנג. אָט די עסיי וואָלט מען באַדאַרפט איבערדרוקן אין אונזערע כרעסטאָ־מאַטיעס און בכלל פאַרשפּרייטן ווי איינע פון די שענסטע מוסטערן פון גע־דאַנקלעכער ליריק, וואָס איז אין דער טראַדיציע פון אונזער רייכער ירושה.

גוט האָט געטאָן י. י. שוואַרץ וואָס האָט די עסיי, אין ערשטן גילגול פון אַ רעדע אונטערן פּרייען הימל, איבערגעדרוקט אין זיין „ספר השבת".

אין דער עסיי האָט חיים גרינבערג דערגרייכט אַ זעלטענע פּערפעקציע, הן אין שפּראַך הן אין אַרויסברענגען די געדאַנקען. גרינבערג איז אין זיין גאַנצן מהות אַ גרויסער פּשטן. ער פאַרפליט קיינמאָל נישט צו אַ געדאַנקען־קנופּ, וואָס ער אַליין זאָל אים נישט קענען אויפקניפּן מיט אַ זעלטענער הסברה. אין דער עסיי וועגן שבת איז שווער אָפּצוטיילן געדאַנק פון געזאַנג. גרינבערג גיט אונז אַ פּאָעמע וועגן שבת, די קרוינונג פון אַ גאַנצער וואָך, וואָס טראָגט די אָנגעשטרענגטע מאַסקע פון פּרנסה'ווען און זוכן חיונה. דער רבונו־של־עולם האָט נישט גערוט אום שבת, נאָר דעם שבת האָט ער געשאַפן ווי אַ קינסטלער, אַנטקעגן דעם „בעל מלאכה" פון די זעקס וואָכן־טעג. דער געדאַנק פון שבת איז, ווי דער עסייאיסט דריקט זיך אויס, „אין אים אַריינצוטראָגן (און פון אים אַרויסצוציען) אַזעלכע מאָטיוון, וואָס זאָלן דעם טאָג דורכגייסטיקן". ער ווייזט אָן, אַז שבת קען נישט געמומען ווערן בלויז ווי אַ רעפאָרם, נאָר ווי אַ

מעטאַפיזישע רעוואָלוציע. אָבער לאָמיר לאָזן גרינבערג׳ן אַליין באַזינגען דעם שבת:

„דער כביכול האָט פלוצלינג דערזען פאַר זיך אַ בונט פון חומר, וואָס האָט געזוכט מיט זיך צו פאַרפלייצן דעם גאַנצן „זיין״; אומבאַגרעניצטע מאַסן פון נאָך־ניט־געשאַפענעם, בלויז פּאָטענציעלן חומר האָבן זיך מיט אַ ווילדער קראַפט געריסן צו עקזיסטענץ, געזוכט זיך אויסצופורעמען, זיך צו מאַניפעסטירן. יענעם בונט האָט דער בורא עולם אָפּגעשטעלט. „עד כאן״, גענוג, מער ווי דעם חומר וואָס ער האָט ביז אַ הער געשאַפן, וועט ער נישט דערלויבן צו עקזיסטירן, און כדי צו צאַמען דעם חומר׳ס צעיושעטן דראַנג, האָט ער אויף דער וועלט גוזר־שבת געווען. אויך דער באַגרעניצטער חומר, וואָס גאָט האָט אים דערלויבט אַריינצוגיין אין דער ספערע פון עקזיסטענץ, איז אומגעהייער מאַסיוו, און מיט זיין שווערן געוויכט זוכט ער איינצופירן אַ מין דעספּאָטישע הערשאַפט איבערן מענטשן. דער קעגנגעוויכט צו יענער דיקטאַטור פונם שטאָפּ־לעכן איז שבת — די ספערע פון פרייען גייסט וואָס וואַרפט זיך ניט אונטער דער ממשלה פון חומר. אויב מצרים זאָל זיין אַ סימבאָל פון אונטערטעניקייט צום שטאָפלעכן, דאַרף שבת באַטראַכט ווערן אַלס אַ מין קאָסמישע „יציאת מצרים״ — אַ פּעריאָדיש־ריטמישער אויס־צוג „מעבדות לחרות״, יעדע וואָך פון אַ גאַנץ יאָר, פון אייביקייט ביז אייביקייט״.

כ׳האָב זיך פאַרגונען צו געבן אַ לענגערן אויסצוג פון דער דאָזיקער עסיי, וואָס שטייט איין, אין דער זאַמלונג „איד און וועלט״ בשכנות מיט אַ צווייטער אָפּהאַנדלונג וועגן „ימים טובים״. דאָס איז אַ טראַגישער וידוי פון אונזער, אַזוי גערופן, וועלטלעך אידישקייט, וואָס קאָן מער נישט געפינען דעם וועג צום אמת׳ן יום טוב. גרינבערג וואָס האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שפּאַציר אין קעניגרייך פון פילאָלאָגיע געפינט, אַז דער מאָדערנער אידישער מענטש האָט פאַרלוירן דעם „הייליק״ פון דעם וואָס דאָס ענגלישע לשון האָט אָנגערופן „האָלידעי״ און האָט גיכער אָנגענומען דעם רוסישן באַגריף פאַר יום־טוב — „פּראַזדניק״, פון ליידיק גיין. דער יום טוב אונזערער האָט זיך „אויסגעליידיקט פון זיינע אינהאַלטן, געוואָרן סתם אַ טאָג פון ליידיקגיין און פון . . . ליידיק זיין״.

וואָס טוט מען צו דעם? איז עפּעס פאַראַן אַ רפואה דערפאַר? כ׳האָב אויף אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן אויף דעם מחבר׳ס טיפן אינטערעס אין דער רע־ליגיע פון אונזער דור. כ׳האָב באַמערקט, אַז ער איז געקומען גאָר נאָענט צום אויספיר, אַז אונזער וועלטלעך־אידישקייט מוז שאַפן אַ צערעמאָניאַל, וואָס זאָל מיט דער צייט אפשר ווערן טראַדיציע. ער האָט אָט־אָט געוואָלט אָנווייזן אויף

דעם צוגאַנג צו אַ לעבעדיק און טועוודיק אידישקייט. ער האָט עס אָבער קיינמאָל נישט קלאָר פאָרמולירט. ער האָט כסדר אונטערשטראָכן דעם חלל, די טראַגעדיע פון גאָרנישטיקייט און פון אויסגעליידיקטקייט, אָבער אים אַליין, ווי ער האָט עס אַ סך מאָל געזאָגט, האָט געפעלט דער קלאָרער צוגאַנג צו אַזאַ צוריקגעוואונענער אמונה פאַר פאַרלוירענע. ער האָט נישט געגלויבט אין די אַזוי גערופענע קאַלטע „פאַרוועלטלעכטע״ ימים טובים, וואָס מוזן זיין אַ פעלשונג, אַן אימיטאַציע.

„כדי נאָכאַמאָל צו קריגן ימים טובים, „פייערלעכקייטן״, מוז אַ ניי פייערל זיך אין אונז צעפלאַקערן, מוזן אין אונז אויפגעוועקט ווערן האַלב־אַטראָפירטע קינסטלערישע קרעפטן, מיטאָס־בילדנדיקע פּעאי־קייטן, דער טאַלאַנט פון סימבאַליזירן, זעערישקייט — אמונה. אַלץ איינס, צי נייע אמונה, אָדער באַנייטע אמונה, יעדנפאַלס יענע קראַפט, וואָס שטייט אין הינטערגרונט פון אַלע ביזאַהעריקע ימים טובים, פון יעדער יום־טוב׳דיקייט״.

אָבער ווי אַזוי קען מען דערפירן דערצו, אַז „אַ נייע פייערל זאָל זיך אין אונז צעפלאַקערן״? וואָס האָט גרינבערג געמיינט מיט אַ „נייער אמונה״, אָדער „באַנייטער אמונה״? דאָס האָט ער אונז נישט קלאָר אַרויסגעזאָגט, הגם, דאָ און דאָרט האָט ער אָנגעוואונקען וואָס ער מיינט און וואָס ער טראַכט בנוגע אַ וועג פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע פון אונזער דור.

אַביסל ווייטער וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן רעליגיעז־אַפּיקורסישן פּינטעלע, זאָל מען מיר מוחל זיין דעם פּאַראַדאָקס. איך וויל דאָ אָבער בקיצור אָנווייזן, אַז גרינבערג האָט געגעבן אויסדרוק צו דעם תועה, דעם בלאָנדזשער, אָבער ער האָט נישט געפונען דעם וועג צוריק אַהיים. אין אַ פּאָלעמיק וועגן רעליגיע און וועגן אמונה און מצוות מעשיות, ווערט ער אומגעדולדיק און ער קומט צום אויספיר אַז — „לאָמיר דערווייל נישט טראַכטן. דידאָזיקע פראַגן וועלן — ווער ווייסט — אפשר פאַרענטפערט ווערן ממילא, אומדירעקט, אַלס רעזולטאַט פון גייסטיקער באַנייאונג, וואָס האָט זיך גאָר אַזעלכע צילן ספּעציעל נישט געשטעלט״.

דאָס איז בלויז אַן אָנוואונק אויף מדינת ישראל, אַז די לייזונג וועט קומען ממילא. אָט די ממילא׳דיקייט איז אַן אומגעווינלעכער אויספיר פאַר דעם טיפן דורכטראַכטער פון געדאַנקען, אָבער אין דעם רמז ליגט אפשר אין גרונט די טראַגעדיע פון אונזער גאַנצן דור׳ס אומגעדולדיקייט, אַז האָבנדיק געטראָגן אויף די פּלייצעס אַזויפיל צער און אומגליק, זיינען מיר די פאַרבלאָנדזשעטע און די אַרונטערגעשלאָגענע פון דרך הישר נישט מחויב צו לייזן אַלע פראַ־

בלעמען פון אידישקייט, המשך און קיום; אַז די צוקונפטיקע אידישע דורות מעגן אויך קריגן בירושה עטלעכע קאַרדינאַלע אידישע דאגות.

גרינבערג האָט זיך נישט געקריגט מיט דער אידישער אָרטאָדאָקסיע, הגם ער האָט זי נישט איינמאָל קריטיקירט. ער האָט אַנגענומען אַז זי דאַרף נישט באַנייען דאָס אַלטע, ווייל יעדער באַנייאונג איז שוין אַ דורכברעך. דאָס אַלטע איז אייביק ניי פאַר דעם גלויביקן און וואָס עלטער אַלץ נייער. מיר האָט נישט לאַנג צוריק אַן אָרטאָדאָקסישער פירער פון מדינת ישראל אומגעדולדיק גע־ ענטפערט אויף אַ פראַגע, צי ס׳זעט זיך עפּעס אַ רעליגיעזע אויפלעבונג צווישן דער יוגנט אין מדינת ישראל. ר׳ איד, האָט ער אויסגערופן, דערשפּירנדיק אַ געפאַר־סיגנאַל אין מיין אויסדרוק „אויפלעבונג״, מיר האָבן נישט קיין נייע זאַכן צו פאַרקויפן. אידישקייט איז אַלט, מיר האָבן גאַרנישט וואָס אויפצולעבן אָדער אָפּצופרישן, אידישקייט לעבט און איז פריש.

מיט אָט דער אָרטאָדאָקסיע פון פרישער אַלטקייט האָט זיך גרינבערג נישט געקריגט. ער האָט זיך גיכער געקריגט מיט זיך אַליין. אין איין עסיי, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, רעדט ער קעגן געדאַנק פון סוראָגאַטן ימים־טובים. דאָס איז געווען אין 1937, אָבער מיט דריי יאָר שפּעטער, זאָגט ער שוין אַזאַ שיינעם געדאַנק, אַז „אפילו נישט־געבענטשטע ליכט, אויב מען צינדט זיי פּעריאָדיש אָן און מען שטעלט זיי אַוועק אויפן עס־טיש, שאַפן זיי אָפּטמאָל עפּעס פון אַ יום־טוב אַטמאָספערע. אין אונזער גרויען לעבן באַטראַכט איך דערפאַר יעדן פראַגמענט פון אַן אַלטן צערעמאָניאַל, אָדער יעדן שטיקל רמז אויף אַ נייעם צערעמאָניאַל פאַר אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג״.

חיים גרינבערג האָט זיין עסיי קעגן וועלטלעכע ימים טובים — געשריבן אין 1937 — געשטעלט גלייך לעבן דער עסיי „נעאָ־קלעריקאַלע געדאַנקען״, אין וועלכער ער באַגייסטערט זיך פאַר דעם (וועלטלעכן?) צערעמאָניאַל מיט ניט־ געבענטשטע ליכט. מיט דער בכיוונדיקער נאָענטשאַפט פון די צוויי פאַקטיש־ סתירה׳דיקע עסייען האָט גרינבערג געוואָלט וויזן, אַז שוין אין 1940 איז ער געצוואונגען געווען צו געבן טיילווייזע אָנערקענונג צו די שפּראַצנדיקע צע־ רעמאָניאַלן פון אונזער צייט, צו די נישט־געבענטשטע ליכט, וואָס שאַפן אָפּט־ מאָל „עפּעס פון אַ יום טוב אַטמאָספערע״.

פון זיינע עסייען געפעלן מיר צום בעסטן די געשריבענע, דאָרט וואו די פאַרטראַכטונג איז געמיינט פאַרן אויג און פאַר דעם מוזיקאַלישן אויער, און נישט פאַר דעם אויער וואָס הערט אַ רעדע. גרינבערג איז געווען אַ מייסטער־ האַפטער רעדנער, אָבער די קונסט פון רעדן אויף פאַפיר ווערט אָפּט אַ פאַפי־ רענע קונסט. גרינבערג׳ס רעדנער־קונסט איז באַשטאַנען אין צוגעגרייטע רע־ דעס, וואָס האָבן זיך געהערט ווי וואונדערלעכע אימפּראָוויזאַציעס. אָבער די

עסייען וואָס אין זיי הערט מען דעם אויסגעצייכנטן רעדנער זיינען נישט אַזוי פּערפעקט, ווי די עסייען וואָס אין זיי זעט מען דעם קינסטלערישן שרייבער, וואָס האָט געמוזט טראַכטן מיט אַנדערע קאַטעגאָריעס ווי אין זיין רעדן. דער אָראַטאָר האָט אויף דער פּלאַטפאָרמע געקאָנט גאַר אַ סך ממלא זיין מיט זיין מימיק און לעבעדיקער אַנוועזנהייט.

ווען דער שרייבער איז געבליבן מיט זיך אַליין און ער האָט אויפגעהערט רעדנערן, איז ער געוואָרן אַ מייסטער אויף דעם געביט פון געבן בליציקן און געשריבענעם וואָרט־אויסדרוק צו זיינע געדאַנקען. אין זיין שרייבן האָט ער אויף אַ קינסטלערישן אופן געוואוסט ווי אַזוי צו מישן נייעם אינטעלעקטואַליס־טישן טערמינאָלאָגישן אידיש, מיט אַזעלכע אייגנאַרטיקע פאָלקישע אויסדרוקן — אַז אליפז איז געקומען שיטן איובן „טרייסט־זאַלץ אויף די וואונדן"; אַ „קאָסמישער פּאָליציי־מאַגיסטראַט", אָדער אַזאַ אייגן־געשניצטער אויסדרוק ווי „פרומעוועןן"; „טוט אַ קראַץ דעם דורכשניטלעכן פרומען — אומעטום וואו מענטשן פרומעווען — און איר וועט באַלד אויפדעקן אין אים דעם פּאַר׳־איוב מענטש, מיט אַן אויפפאַסונג פון אַ וועלט־רעגירער, אַן אדון עולם, וואָס פירט די וועלט מיטן שכל פון אַ יושר׳דיקן מלך בשר ודם".

ב.

ווען חיים גרינבערג טענה׳ט זיך אויס מיט פרויד׳ן און וויזט אָן אויף וויפל ער האָט צוגענומען ביי אונז „אונזער" משה רבינו׳ן, בעת ס׳אַרט אים לחלוטין נישט וואָס פרויד מאַכט פון משה׳ן אַן עגיפּטער, רעכנט ער אויס אַ צעטל פון אידישע קאַטעגאָריעס וואָס דער עגיפּטער פאַרמאָגט נישט און וואָס אונזער משה האָט ביי אונז יאָ מיט זיין „רבינו׳דיקייט" געהאָלפן אַריינפירן. ער דערגייט אַזוי ווייט אַזש ביז דעם באַגריף פון אַ צוקונפט־משה, אַ מלך־המשיח, וואָס דאַרף דערלייזן די וועלט, אָדער ווי גרינבערג דריקט זיך אויס, „אַ מלך המשיח וואָס שטייט אָנגעגרייט פאַרן דערלייזונג־עפּילאָג פון דער וועלט־געשיכטע און שטרעקט אויס זיין האַנט צום פאַרגאַנגענהייט־משה, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען ביים דערלייזונג־פּראָלאָג פון דער אידישער געשיכטע".

און ווי זיין שטייגער איז, אין מאָמענטן פון אַזאַ נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, האַלט זיך גרינבערג צוריק און ער וואָרנט זיך אַליין: „איך פיל אַז איך פאַל אַליין אויך אַריין אין נאַציאָנאַליסטישער באַרימעריי".

אָט דעם קאָנפליקט, אַז אידישקייט איז מיסיאָנישקייט און מעסיאַנישקייט און שטייט גרייט צו פאַרשפּרייטן זיין ליכט אויף דער גאַנצער וועלט (און דאַרף אפשר מיסיאָנעריש זוכן צו פאַרשפּרייטן אידיש ליכט איבער דער

וועלט); אַז מחמת דעם אַלץ איז אידישקייט אַן אמונה מיט אוניווערסאַ־לער שליחות; און אויב זי איז אַזוי אינטערנאַציאָנאַל מוז זי דערפאַר אַרויס פון גדר פון ענגער נאַציאָנאַלישער אתה־בחרתנו׳דיקייט, — אָט דאָס בינטל קאָנפליקטן האָב איך בכיוון כאַראַקטעריזירט מיט דער שאַרפקייט, אַז „ער (גרינבערג) האָט טיף מורא׳דיק־שאָוויניסטיש ליב געהאַט דאָס אידישע פאָלק״, הגם ס׳האָט קיינער, ווי ער, זיך נישט געשראָקן אַזוי שטאַרק פאַרן שאָ־וויניזם. ווען איך זאָל נאָך ווייטער וועלן אַנטוויקלען גרינבערג׳ס קאָנפליקטן־געוועב מיט זיינע אייגענע טערמינען, וואָלט איך געזאָגט, אַז געקעמפט האָט ער קעגן אַ שאָוויניזם של מטה, בעת ער האָט באַזונגען אַ שאָוויניזם של מעלה. ער אַליין „באַשטראָפט״ דעם נביא יונה וואָס ער וויל נישט גיין קיין נינוה מיט זיין שליחות׳דיקער נבואה. יונה הנביא, זאָגט אונז גרינבערג, האָט געזינדיקט מיט „שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם״. אָבער אונזער נביא, פירט ער אויס, מוז געטריבן ווערן מיט גוואַלט קיין נינוה, כדי צו העלפן דערלייזן די נינוה׳ס פון דער גאַנצער וועלט — איז דאָס נישט דער העכערער „שאָוויניזם״ אונזערער, וואָס מיט אים האָט גרינבערג נישט נאָר שלום געמאַכט, נאָר אויך געהאָלפן קולטיווירן?

„די גוי׳אישע וועלט איז זינדיק, אַ סך זינדיקער פון דער אידישער, וועלכע איז אויך באַלאַסטעט מיט שווערע חטאים, אָבער זי קען און דאַרף דערלייזט ווערן, און עס איז דעם אידס חוב איר אַרויסצוהעלפן אין איר דערלייזונג״.

איד און גוי, נישט איד צווישן פעלקער, נאָר איד צווישן גויים. איד איז מחויב צו העלפן ראַטעווען דעם גוי. די גו׳אישע וועלט איז זינדיק, אַ סך זינדיקער פון דער אידישער. יעדער עשיו איז אַ פּאָטענציעלער יעקב. מיר דאַרפן העלפן דער וועלט זיך פאַר׳יעקב׳ן; אָבער יעקב אַליין איז, הייסט עס, אויך נישקשה׳דיק זינדיק, און מיר דאַרפן זיך רייניקן, כדי אונזער גייסטיקע בכורהשאַפט זאָל זיין עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ווערט זיין, אַז מ׳זאָל מיט איר קענען און מעגן באַלייכטן די וועלט.

ס׳איז חיים גרינבערג׳ן תמיד געגאַנגען אין אויסבולט׳ן אַזאַ אוניווערסאַל אידישקייט און אין פאַרדעקן די דאָזיקע צו קלאָרע אויסבולט׳ונג מיט שיינע עסייען, וואָס זאָלן אים אַליין אויף זיין געדאַנקען־קלעטער געבן דעם נחת רוח, אַז ווען ער דערקלעטערט אָט־אָט צום סאַמע שפּיץ איז אַלץ אָוונטיק־פאַרשלייערט און די קלאָרקייט איז קיין קלאָרקייט נישט, נאָר אַ געשפּיל פון געדאַנקען, וואָס צוליב דעם געשפּיל אַליין לוינט זיך צו קלעטערן און קיינמאָל נישט דערקלעטערן. ער האָט מיט דער גרעסטער מוטיקייט אָנגעצייכנט אונזער אַלט־באַקאַנטע שליחות צווישן די פעלקער, וואָס זיינען אין פאָלק — גוי, בעת

מיר, אויך נישקשה׳דיק זינדיקע זיינען איין פאָלק — איד. אויף וויפל דער גוי לייטערט זיך אויף אַזויפיל ווערט ער פאַראידישט, ווייל עשיו, זאָגט אונז חיים גרינבערג, איז אַ צושטאַנד, ניט קיין וועזן. „יעדער יעקב איז אַ געוועזענער עשיו, יעדער עשיו איז אַ פּאָטענציעלער יעקב״.

אין 1942 ווען די עסיי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן („בחירה און בכורה״) איז געווען אַ סך לייכטער צו זען עשיו׳ן אין זיין „צושטאַנדיקייט״, ווי צו געדענקען, אַז „יעקב איז אַ געוועזענער עשיו״. דעמאָלט איז יעקב געלעגן אַ צעמורשטער, אַ צעטראָטענער, און אין בעסטן פאַל אַן אויף טויט־דערשראָקע־נער. די עשיו׳דיקייט האָט געזיגט און זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אויב מיר זיינען אויך געווען זינדיק אין יאָר 1942 זיינען אונז די זינד אויסגעפאַלן באָקאָם. עשיו איז געפאָרן אין באַוואָפנטן נאַשפּיץ איבער אונזערע ביינער.

אָבער און גראָד אין דעם ביטערן יאָר האָט חיים גרינבערג דורך דעם געשפּיל פון זיינע געדאַנקען קלאָר געזאָגט, אַז מיר זיינען נישט קיין אויסדער־ווײלטע ראַסע (אָט די אויסדערוויילטקייט האָט די צייט געוויזן אין איר גאַנצער טריפה׳קייט!) נאָר מיר זיינען אויסדערווײלט אין זינען פון „האָבן אָנגענומען די אויסדערווײלטע אמונה, וואָס איז באַשערט צו ווערן די אמונה פון דער גאַנצער וועלט״. דאָס איז גאַנץ נישקשה פון אַ זאָג. אַביסל ווייטער מאַכט ער עס נאָך קלאָרער און מיסיאָנישער (כ׳ביץ דעם דאָזיקן דייטשמע־ריזם, כדי עס אָפּצוטיילן פון מיסיאָנערישקייט, פון דעם טעכנישן אָנשטרענג צו ווערן פאַרשפּרייטן אונזער אמונה): „אידן זיינען פאָרגעשריטן און די אומות העולם זיינען צוריקגעשטאַנען, ביי אידן האָבן זיך די אויגן שוין געעפנט, ביי גוים נאָך נישט״.

אין אַנדערע ווערטער גוים האָבן נאָך נישט דערזען דאָס ליכט פון אונזער „אויסדערווײלטער״ אמונה. אָבער וואָס אַזוינס האָבן מיר אויסדער־ווײלט, אין וואָס באַשטייט אונזער אמונה, וואָס מיט איר מעגן מיר רופן די פעלקער צו אַ נייעם אוניווערסאַלן סיני און ביי זיי פאָדערן אַז זיי זאָלן זי מקבל זיין?

אָט אויף דעם האָט חיים גרינבערג אַליין געזוכט אַ קלאָרן ענטפער און אויפן וועג צום קלאָרן ענטפער האָט ער אָנגעשריבן אַ סך שיינע עסייען, וואָס האָבן דעם געדאַנק באַלויכטן און אָט פאַרשלייערט און פאַרווישט די טריט פון דעם פיינלעכן זוכער און בלויז אויפגעצונדן קליינע פייערלעך אויפן וועג, וואָס האָבן נאָך טונקעלער געמאַכט דאָס זוכעניש, ווען די שיינע פייערלעך האָבן זיך געלאָשן.

ער האָט זיך געקריגט מיט איינשטיינען, ער האָט זיך געקריגט מיט

אַגנאָסטיקער, מיט סתם נישט־וויסערס און נישט־ווייסערס וואָס זיינען אַרויס־געקראָכן פון די טיפסטע טויכענישן, אָבער אמת׳דיק געקריגט האָט ער זיך מיט זיך אַליין. אין די עטלעכע צענדליק יאָר, דורך דעם גאַנצן שטח פון זיין טראַכטן, האָט ער געקעמפט מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגערופן „מאָנאָטעאיס־טישע געטשקע״, קעגן קלאָר־געדאַוונטע און שבחים־תפילות, אָבער ווען ער איז געקומען האַלטן זיין רעדע פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, דעם אַכצנטן אויגוסט 1951, האָט ער פשוט אידענטיפיצירט אידנטום מיט אידישער רעליגיע.

„עס האָט אַזוי ,פּאַסירט׳ אז אידנטום, אידישע קולטור, איז אין אירע וויכטיקסטע מאַניפעסטאַציעס געווען הויפּטזעכלעך רעליגיעז. אין אַנ־דערע ווערטער: די אור־קרעפטן פונם אידישן פאָלק, זיינע ראַנגלע־נישן מיט זיך אַליין, מיטן ,דעספּאָטיזם׳ פון דער נאַטור, מיט די סביבות פון די אומות העולם, האָבן זיך אויסגעווילט רעליגיעזע קאַנאַלן, רעלי־גיעזע וואָפן און רעליגיעזע פאָרמען. די הויפּט־שפּאַנונגען פון דער אידישער קאָלעקטיווער נשמה זיינען געווען רעליגיעזע, איר ענערגיע האָט געריידט צו זיך אַליין און צו דער וועלט אַ לשון פון אַן עטיש־רע־ליגיעזער דראַמע, אַ „לשון קודש״. נעמט אַוועק פון אונזער גורל דעם עלעמענט פון רעליגיעזער דראַמע, ספּעציעל אין אונזער לאַנגן און מאַרטירערישן גלות און עס ווערט זינלאָז יעדער פאַרזוך אויסצוטייטשן די אידישע געשיכטע״.

דאָס איז זייער שיין אויסגעדריקט אָבער דאָ ליגט די דראַמע פון גרינ־בערג׳ס און אונזער אַלעמענס געראַנגל מיט דעם ביסל וועלטלעכקייט וואָס ליגט אויף אונז: וועגן רעליגיע רעדן מיר זייער שיין, אַ סך פון אונז ראַטעווען זיך מיט דעם וואָרט רעליגיאָזיטעט, וואָס איז כמעט צו גאָרנישט מחייב און וואָס איז זיכער ניט „אויסדערוויילט״, אין חיים גרינבערג׳ס אויסטייטש פון אונזער בכורה׳דיקייט. רעדן רעדן מיר שיין ווען מיר דערגייען צו רעליגיע, ווייל מיר ווילן פאַרשלייערן און פאַרטונקלען די קלאָרקייט, וואָס רייסט זיך פאָרט אַרויס אין דער זעלביקער רעדע וועגן „קולטור און דערציאונג אין גלות״.

„עס איז דערפאַר גאָר נישט נויטיק צו זיין רעליגיעז אין אַ דאָגמאַ־טישן אָדער אינסטיטוציאָנעלן זינען פון וואָרט, אַן אָרטאָדאָקס — ווען איך וואָלט רעדן אַמעריקאַניש, וואָלט איך זאָגן, אַז ס׳איז נישט נויטיק צו זיין אַ פונדאַמענטאַליסט — כדי צו אָנערקענען, אין שייכות מיט אונזער וויטערער פאָלקס־דערציאונג, דעם אומפאַרגלייכלעכן ווערט פון די קולטור־פאַרקערפערונגען פונם אידישן רעליגיעזן געניוס״.

אָבער שטעקט אין אַזאַ דערהויבענעם, אפשר צו־הויך דערהויבענעם באַגריף פון אידנטום, ווי אַ רעליגיעזע מאַניפעסטאַציע, געגוג הסברה אויף צו באַגייסטערן דאָס פאָלק מיט „קולטור־פאַרקערפערונג״? אויב ס׳איז נישט נויטיק צו זיין רעליגיעז אין דעם דאָגמאַטישן אָדער אינסטיטוציאָנעלן זין פון וואָרט, נאָר מ׳קען שטיין פון ווייטנס און באַוואונדערן די דונערן און בליצן פון דעם אופן ווי אונזער געשיכטע האָט זיך געלייטערט דורך „רעליגיעזע קאַנאַלן״, אויף אונזערע טראָג־סיני׳ס, פון גלות צו גלות; אויב מ׳קען אָפּקומען בלויז מיט אַזאַ פאַרכאַפּנדיקער באַגייסטערונג, וויפל רעליגיע איז אין דעם פאַראַן אויף אָנצוצינדן די פאַרפינסטערטע אָדער פאַרטונקלטע וועלט פון די אומות העולם?

פרעג איך אַפּ חיים גרינבערג׳ן? גייט מיר אין אַרויסברענגען דאָס בינטל ספקות וואָס האָט אים געמאַטערט? ס׳איז קלאָר אַז איך בין גיכער אויסן אָנצואווייזן אויף די ספקות און סתירות, וואָס מאַטערן אונזער דור און וואָס זיינען אַזוי וואונדערלעך געקומען צום אויסדרוק אין גרינבערג׳ס עסייען. ס׳גייט מיר אין אָנווייזן אויף דעם רעליגיעז־אַפּיקורסישן פינטעלע וואָס איז דער צענטראַפּוגאַלער פונקט פון גרינבערג׳ס לעבנס־אַרבעט, פון זיינע עסייען.

פאַראַן אַ וואונדערלעכע עסיי אין בוך, אַן עסיי וואָס איז באַפּליגלט מיט בעלעטריסטישן חן און וואָס לאָזט אונז זען און הערן גרינבערג׳ן דעם פּי־קאַנטן שמועסער, בעסער געזאָגט, דעם מאָנאָלאָגיסט, וואָס אַז ער האָט גע־שמועסט האָט אים קיינער נישט געוואָלט איבערשלאָגן, כדי נישט צו שטערן די פאַרכאַפּנדיקייט און די געקייטלטע שפּאַנונג פון זיין דערציילן.

די עסיי הייסט — „אַ טאָג אין לייפּציק״ און איז אַ פאַרצייכענונג, אַ רעטראָ־דערמאָנונג, זאָל מען מיר מוחל זיין דעם מים־אחרונים־וואָסער אויס־דרוק, ווייל יעדע דערמאָנונג איז צוריקרוף. אָבער ביי גרינבערג׳ן איז דער־מאָנונג אַ בהדרגה׳דיק גיין אויף צוריק, דורך איבערשאַפּן דאָס דער־מאָנטע, איבערדיכטן עס, אַז דער אמת פון דעם דערציילן ווערט אויפגעלייזט אין אַ פּאָעטישן אמת, וואָס איז אמת׳דיקער ווי די גאַנצע מעשה וואָס גרינבערג האָט געהאַט בדעה צו דערציילן.

„דער טאָג אין לייפּציג״ איז אַ טאָג מיט ביאַליקן. ביאַליק רעדט דורך גרינבערגן. ביאַליק דער שיחת־חולין גאון ווערט געשילדערט אויף אַ מייס־טערהאַפטן אופן. ס׳איז אוממעגלעך, אַז גרינבערג זאָל האָבן געדענקט ווער־טערלעך די לאַנגע סימפּאַנישע דיאַלאָגן, וואָס ביאַליק האָט אָנגערעדט יענעם טאָג אין לייפּציג, אָבער גרינבערגס איבערגעבן דעם שמועס איז אַ פּאָעמע וועגן ביאַליקן, ווען דער רוח־הקודש פון אינטים רעדן האָט גערוט אויף אים. ס׳איז

דאָ מער וואָרהייט אין דעם „געדיכטעטן" טאָג אין לייפּציג, ווי אין די ראָ־יעלסטע רעאַליסטישע פאַרצייכענונגען.

אָבער כ'בין נישט אויסן געווען צו רעדן וועגן דער פאָרם פון דער פּראַכט־פולער בעלעטריסטישער עסיי, וואָס אין איר איז גרינבערג געווען אפשר נאָך אַ גרעסערער שרייבערישער מייסטער, ווי אין זיינע פילאָזאָפירנדיקע עסייען. כ'האָב בלויז געוואָלט ווייזן, אַז אין דער עסיי וואָס איז אַ דערמאָנונג פון 1924 איז גרינבערג שטאַרק אומצופרידן מיט אחד העמ'ס „עלעגאַנט־פאַר־מאַסקירטן אַטעאיזם", און ספּעציעל מיט זיין נישט גלויבן אין פּערזענלעכער השארת הנפש, וואָס ווערט ביי אחד העמ'ען פאַרוואַנדלט אין דער אומשטערב־לעכקייט פון קיום האומה.

גרינבערג האָט קיינמאָל נישט איבערצייגנדיק געגעבן פּאַרפעסטיקט זיין גלויבן אין השארת הנפש, בעסער געזאָגט, ער האָט עס נישט צוגעפעסטיקט צום אידישן גלויבן, וואָס איז ביי אים געווען גיכער אַ וואונש צו גלויבן, איידער גלויבן גופא. דערפאַר האָט ער אינטעלעקטועל אַ גאַנץ לעבן אַרומגעזוכט די שפּורן פון זיין גלויבן און זיי כסדר אַפּיקורסיש־עסייאיסטיש פּאַרווישט, אַזוי גיך ווי זיי זיינען אָט־אָט קלאָר פאָרמולירט געוואָרן און ס'האָט שוין געגומען האַלטן דערביי, אַז זיי זאָלן אים און אונז אַלעמען צו עפּעס מחייב זיין, מחייב זיין צו תרי"ג'ישע „מצוות מעשיות".

אין אויגוסט 1951, איז ער געשטאַנען אין ירושלים און גערעדט וועגן רעליגיע ווי פון גורל פון אונזער גאַנצער געשיכטע, ווי פון פונדאַמענט פון אונזער גאַנצער עקזיסטענץ; מיט עטלעכע חדשים פריער האָט ער פאַר דער קאָנפערענץ פון דער ניו־יאָרקער באָרד אָוו ראַביים, געפּרואווט דעפינירן זיין „אַפּיקורסישן" צוגאַנג צו דער רעליגיע פון אונזער דור. אין דער רעדע פאַר קאָנסערוואַטיווע, רעפאָרם־ראַביים און אויך פאַר אַ טייל אָרטאָדאָקסישע רבנים איז חיים גרינבערג צום נאָענטסטן צוגעקומען צו אַ דעפיניציע פון אמונה, אָבער אויך דאָרט איז ער צוריקגעטראָטן און פאַר־ענדיקט זיין אינטערעסאַנטן אַנאַליז פון דער פאַרבלאָנדזשעטקייט פון אונזער דור, מיט דעם ענטפער, אַז... ער האָט נישט דעם ענטפער. איך וויל האָפן, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט קומען פון אַנדערע, פון שטאַרקערע און פון מער באַרופענע.

אָבער וויפל ניט־פאַרענטפערטער ענטפער ס'איז פאַראַן אין דער רעדע, אָדער אין עסיי אַ „בליק אין דער צוקונפט", איז נאָך דאָרט פאַראַן אַ מער רע־ליגיעזער אָנשפּאַר און מער, אַזוי צו זאָגן, חיוב'דיק אידישקייט, ווי אין דעם וועלן פאַרוואַנדלען אידישע רעליגיע אין טראַדיציאָנעלער פאָלקס־דערציאונג.

גאולה, איז אונז גרינבערג מסביר, אין דער רעדע צו די רבנים און ראַ־

בייס, איז אַ רעליגיעזער באַגריף, מיר אידן זיינען אַ גרופּע „קאָנספּיראַטאָרן״ קעגן דער וועלטס חשכות און טומאה. אָבער אונזער אויסדערוויילטקייט איז שוין מער טראַדיציע ווי לעבעדיקער, באַפרוכפּערנדיקער גלויבן.

אָט די אַרויסגעזאָגטע ווערטער וואָס זיינען מחייב צו ווייטערדיקער דעפּי־נירונג פון אידישער אמונה, פאַר אונזער דור, וואָס זאָל אין זיך טראָגן זאָמען פון באַפרוכפּערונג, ווערן אָפּגעשוואַכט, ווען גרינבערג קומט מיט זיי און וויל דערפון מאַכן קולטור און דערציאונג. ווידעראַמאָל זאָל מען נישט אָננעמען אַז איך בין דאָ מחולק מיט גרינבערג׳ן, כ׳וויז אָן אויף דעם דור אונזערן וואָס האָט נישט דעם כוח אַרויסצופירן זיך אַליין פון דער דאָזיקער אומבאַפרידיקטער מיסטישער רעליגיאָזיטעט, וואָס איז געמישט מיט אַ סך ספקות און וואָס האָט נישט דעם כוח צו זאָגן — איך גלויב! איז צו שוואַך אויסצושרייען — איך גלויב נישט; און וואָס קען נישט, אין די אינטערעסן פון אונזער פאַריונגטער געשיכטע און פאַרעלטערטער סכנה פון אונטערגאַנג אומעטום, גלאָט ווערן אַגנאָסטיש און שעפּן כוחות פון פילאָזאָפירנדיקן ניט־וויסן.

דאָס איז אונזער דור ווי ער קומט צום לירישן אויסדרוק און די ווידער־שפּרוכן פון חיים גרינבערג׳ס מחלוקה מיט זיך. ער האָט מורא, אַז מיר ווערן בלויז אַן „עטנישע מינאָריטעט״, אויס „קהילה קדושה״, אויס „כנסת ישראל״, „אָן אַ רעליגיעזן אָנהאַלט און אָן אַ סטימולירנדיקן אינהאַלט״. מען דאַרף, האַלט גרינבערג, שיקן מיסיאָנערן צו אידן און זיי מגייר זיין. אָבער גוט, זאָל מען צו זיי קומען מיט אַלע תרי״ג מצוות? אויב ווידער מיר דאַרפן נעמען וואַרפן און אָפּטיילן, וואָס זאָלן מיר איבערלאָזן אַזוינס, אַז ס׳זאָל אין אונז שטאַרקן דאָס געפיל פון גייסטיקער אויסדערוויילטקייט?

אָט זיינען די אויסזעצונגען וואָס גרינבערג וואַרפט אָן לגבי אונזער שול אָדער סינאַגאָגאַלער דיפערענציאַציע: „רעפאָרם איז קאַלטע דיגניטעט״; קאָנסערוואַטיוו אידנטום — „רעספּעקטפולע (אָבער גאַנץ דיסטאַנצירטע) באַ־ציאונג צו טראַדיציע״; אָרטאָדאָקסיע — „פאַרשטיינערטע לאָיאַליטעט צו אַ געירשנטן נוסח פון רעליגיעזע פאָרמען, וואָס טראָגן מער ניט אין זיך יענעם טיפן, וואַרצלהאַפטיקן אינהאַלט, וואָס זיי האָבן נאָך ביז ניט לאַנג צוריק פאַרמאָגט״.

ווי אַזוי קען מען עס אַלץ אויסהיילן? דורך אַ נייעם מין חסידות, וואָס זאָל אויפסניי אויפלעבן אידישקייט. אָבער גרינבערג וואָרנט אונז, אַז ער פרעדיקט נישט קיין נייע „רעפאָרם״, פאַרקערט, חסידות האָט נישט אָפּגעשאַפט קיין איינע פון די תרי״ג מצוות. זי האָט בלויז אַריינגעהויכט ניי לעבן אין דעם עקזיס־טירנדיקן און דעם טראַדיציאָנעל־פאַרהייליקטן.

מען מוז דאָך אין פאַראויס אָננעמען, אָדער בעסער געזאָגט נעמען אויף

זיך דעם באַרג סיני פון אַלע חומרות און מצוות, אויב מען וויל אין זיי אַריינ־בלאָזן ניי לעבן. אָדער דאַרף מען זיי לכל הפּחות איבערקוקן ווי מען איז בודק מזוזות? גרינבערג זאָגט אונדז אָבער, אַז ער זוכט נישט קיין רעפאָרם. ער וויל בלויז אין רעליגיעזן לעבן אַריינטראָגן „כוונה און דבקות". כוונה און דבקות מיינט דאָך מער היץ, מער שטייגערונג, מער הייליק פייער אין דער דורכפירונג פון אַלטע מצוות. אין דעם גאַנצן קנויל פון איפכא׳ס ליגט ביי חיים גרינבערג׳ן געגוג קלאָרקייט, אַז ס׳איז שווער פאַר דעם דור אונדזערן צו צינדן די ליכט און צו בענטשן זיי, געגוג אפשר פאַר אונדז ניט־געבענטשטע ליכט, וואָס שאַפן אַטמאָספערע; שווער פאַר אונדז צו דאַוונען פון סידור, אפשר זיך בלויז באַגיין מיט תפילות אָן אַ סידור.

איז אין דעם פאַראַן געגוג מאַטעריאַל פאַר אויפלעבונג? קען אויף אַזעלכע טרוקענע ביינער אַ בלאָז טאָן דער חזיון פון אַ נייער אויפלעבנדיקער חסידות?

דאָס זיינען אַלץ פראַגן וואָס הערן אונדז נישט אויף צו מוטשען. ווען מיר לייענען די צוויי ביכער מיט די טראַגישע עסייען, די זוכענישן און די בלאָנד־זשענישן פון אַ פיל־געשטראָפטן און פאַרלוירענעם דור.

בלייבט אונדז נישט קיין ענטפער, סיידן דאָס זוכן מיט שיינע מאַגישע לאַמ־טערנעס, מיט דעם פייער־שפּיל פון ווערטער, וואָס מ׳קען לייענען און נאָכאַמאָל לייענען. אויב ס׳פעלט אונדז אמונה, לאָמיר כאָטש שיין זוכן אמונה, לאָמיר שיין רעדן וועגן אמונה, לאָמיר שיין שרייבן פון אמונה און אָנצינדן די ניט־גע־בענטשטע ליכט פון אונדזער דור מיט אַזעלכע ווערטער:

„איר ראָלע (די ראָלע פון רעליגיע — י. ג.) איז אַן אַנדערע: זי רופט אַרויס (און זוכט צו פאַרוואָרצלען) אַ באַשטימטע עטיש־לירישע אָריענ־טאַציע אויף וועלט, לעבן און שיקזאַל, און פלאַנצט איין אַ באַציאונג פון פאַרטרויען אין שורש פון זיין און אין זיינע „כוונות". די מיסטעריע פון לעבן קאָן און וויל רעליגיע ניט אויפקלערן; זי באַטאָנט נאָר — מיט אירע אייגענע, מייסטנס „קינסטלערישע", מיטלען — די עקזיסטענץ פון מיסטעריע, יראת הכבוד צו איר און פאַרטרויען אין איר. גאָט איז, ווי ישעיה הנביא דריקט זיך אויס, אַן „אל מסתתר".

1953

חיים גרינבערג׳ס „בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך"

אין דעם דריטן באַנד פון חיים גרינבערג׳ס עסייען, וואָס דער פאַרלאַג „אידישער קעמפער" האָט אַרויסגעגעבן, איז פאַראַן מער ווי איין רמז, אַז דער גרויסער עסייאיסט האָט געוואָלט שרייבן ריין־בעלעטריסטישע ווערק. די בעלעטריסטישע פּרוּוון זענען קינסטלעריש אויסגעהאַלטן און זיי זענען אפילו ניי אין דער אידישער ליטעראַטור. די עטלעכע דערציילערישע פאַר־זוכן זענען קינסטלערישע אילוסטראַציעס אויף פּרוידיאַנישע מאָטיוון. גרינ־בערג האָט פּרוידן שטאַרק ליב געהאַט און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער ברענגט ביאַליק׳ס אַ גלייכווערטל, אַז ביי פּרוידן איז נישט פאַראַן „קיין לידל אָן אַ מיידל", האָט גרינבערג באַטראַכט פּרוידן פאַר אַ גרויסן און ריינעם מענטשן. משמעות אַז ער האָט געהאַלטן דאָס „מיידל" אין פּרויד׳ס „לידל" פאַר אַן אומשולדיק און וויסנשאַפטלעך מיידל.

„דער מענטש וואָס האָט נישט געוואָלט הייסן יאָסל" איז געשריבן לויט אַלע דערציילערישע כללים. דער גייסטרייכער שמועסער איז דאָ אַ בעלע־טריסט אין פולן זין פון וואָרט. שרייבנדיק אַ פּרוידיאַנישע דערציילונג האָט גרינבערג זיך אַליין אויך באַפרייט פון אַ פּלאָנטער, און ער האָט אָן שום התנצלות פאַר זיך אַליין, אַריינגעשפּאַנט אין גבול פון קינסטלערישער שיל־דערונג. אין דער דערציילונג איז שוין דער שמועס אַ פולער אַריינבליק אין אַ מענטשלעך לעבן. יאָסל וואָס ווערט געבוירן אין אַן אידל הויז, ווערט אַזוי גראָב באַהאַנדלט פון זיין טאַטן, אַז ער ווערט ממילא די שוואַרצע שאָף פון הויזגעזינד. דער סימבאָל פון דעם אינגל׳ס איבעריקייט איז דער נאָמען זיי־נער, וואָס מען האָט אים אָנגעהאַנגען און וואָס ער האָט פיינט תכלית שנאה. דער נאָמען דריקט אויס דעם טאַטנס שנאה צום קינד און די צוריקגעצאָלטע שנאה פון קינד צום טאַטן.

דער איידעלער דערציילער קען אָבער ניט פועלן ביי זיך, אַז ער זאָל דאָס קינד אינגאַנצן מאַכן פאַר אַן אויסוואורף. ער פירט אים דורך גענוג פּרוידיאַ־נישע מדורי גיהנום, ער פרעמדט אים אָפּ פון טאַטע־מאַמע, ער פרעמדט אים אָפּ פון זיין פאָלק, ער גיט אים אַ פּראַוואָסלאַוונע ווייב אין אַמעריקע. אָבער יאָסל וואָס איז שוין פּטור געוואָרן פון זיין נאָמען, איז זיך נוקם אין זיינע נאָענטע מיט גוטסקייט. ער שיקט זיי געלט בסתר, אָבער אָן צוריק־אַדרעסן,

מען זאָל נישט וויסן פונוואַנען די גוטסקייט שטראָמט. די מעשה האָט אַ טראַ־גישע „העפּי ענדינג״. אויף דער פּראַוואָסלאַוונער מצבה איז, מיט דעם גלח׳ס דערלויבעניש אויך אויסגעקריצט — „פּה נטמן יוסף בן משה״. דער זון יאָסל איז נתעלה געוואָרן צו זיין באַגערטן — יוסף, און ער האָט אויף דער מצבה שלום געמאַכט מיט דעם טאַטן, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך האַרצווייטאָג.

כ׳שטעל זיך אָפּ אויף דער מעשה, ווייל אין איר האָט חיים גרינבערג אַרונטערגעוואָרפן אַלע פּענטעס און געוויזן, אַז דער געמיטלעכער שמועס זייענער, דער פאַרכישופ׳נדיקער, וואָס האָט זיך געקייטלט און געקייטלט און זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אויף אַ סך דעטאַלן, וואָס זענען געווען כלומרשט אגבֿ אורחה׳דיק אַריינגעוואָרפן, אָבער וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין די שטאַפּלען צום קלימאַקס פון דער מעשה, — אַט דער שמועס איז געווען בעתן דערציילן אַ שעפערישער, אָדער גאָר לכתחילה׳דיק פאַרזיכטיק אויסגעאַרבעט און צוגעגרייט, כדי ס׳זאָל גלעטן דאָס אויער, מיט אַלע קונץ און קונסט־שטיק פון דעם בעלעטריסט. דער אימפּראָוויזירטער טייל פון שמועס איז געווען אויף אַזויפיל אימפּראָוויזירט, אויף וויפיל ס׳האָט אָפּגע־מעקט אַלע שפּורן פון פאַרזיכטיקער צוגרייטונג.

אין דעם ליגט דער גרויסער טעם פון זיינע אַלע גרויסאַרטיקע עסייען. זיי זענען וואונדערלעכע שמועסן, וואָס פאַרמאָגן די מעלות פון דעם כמעט־געוואָרענעם בעלעטריסט. זיי זענען ווי אַנגעדרייט לויט אַ פיינעם מוזיקאַלישן זייגער. מעגן די שמועסן זיין ווי לאַנג, פאַרמאָגן זיי אָבער אַזויפיל שאַרם, אַז ווען זיי ענדיקן זיך, האָט מען קיינמאָל נישט דאָס געפיל, אַז דער שמועסער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. אדרבא, ס׳ענדיקט זיך דאָרט, וואו ס׳לאָזט נאָך איבער אַ נייגער און מען וואָלט נאָך געקאָנט הערן און הערן.

דער שמועסער איז אייגנטלעך אַ מאַנאַלאָגיסט, וואָס פאַרמאַטערט אָבער קיינמאָל נישט די אויערן פון זיינע צוהערערס. די מיילער פון די צוהערערס עפענען זיך נישט אפילו אויף אַריינצווואַרפן אַ וואָרט, ווייל זיי ווילן נישט איבעררייסן דעם גאַנג פון דער קינסטלערישער הסברה, וואָס חיים גרינבערג האָט פאַרמאָגט אין זיך. ער איז געווען אַ גרויסער קלאָר־מאַכער, אפילו זיין אַפּיקורסות און זיינע פאַרטיידיקונגען פון פּאַראַדאָקסאַלע אמתן זענען תמיד געווען קלאָר. בעת מען לייענט האָט מען נישט די העזה איבערצושלאָגן מיט טענות, ווייל דער קינסטלער גרינבערג לאָזט קיינמאָל נישט אַרויס זיין גע־דאַנק נאַקעט, נאָר ער רינגלט אים אַרום מיט אַזויפיל פאָרם, וואָרט־בריה׳־שאַפט, וואָרט־קענטשאַפט און מוזיק, אַז אפילו דער ערנסטער געדאַנק וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט, איז מער נישט ווי אַן אָפּשטראַל פון אַ העכערן געדאַנק, וואָס ס׳איז גאָר אַן עוולה מחלל צו זיין מיט לאָגישע אַנאַליזן. די גשמיות פון

שכל און לאָגיק איז ביי חיים גרינבערגן תמיד אַריינגעשטימט געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע פון רוחניות; נישט אין דעם באַלאַנס פון נשמה און גוף, נאָר אין צוזאַמענוועבונג און צוזאַמענשמעלצונג, וואו דער פיזישער „אַרגומענט" פון זיין לאָגיק איז גלייך געקומען פון אַ העכערער וועלט — ווייל ער האָט געהאַט אויסשטראַלונגען אין פאַרשידענע ריכטונגען.

דאָס איז געווען די קונסט פון זיין הסברה. ער האָט אַלע זיינע גרויסע בעלעטריסטישע מעלות מאָביליזירט, ווען ער האָט גערעדט צו מענטשן, סיי שריפטלעך סיי בעל־פה. דערפאַר האָט ער געקענט געווינען אַזויפיל צוהערערס, מיט די פאַרשידנסטע געשמאַקן, ווייל ער האָט, רעדוצירנדיק די קאָמפליצירטסטע געדאַנקען צו קלאָרער פאַרשטענדלעכקייט, זיי דערהויבן צו דער מדרגה, וואו דאָס קאָמפליצירטע לייזט זיך אויף און ווערט קינסטלערישע פשטות, וואָס יעדער לייענער קען משיג זיין, ווייל ס'איז אַרויס פון געביט פון פאַרשטיין און אַריין אין קעניגרייך פון באַנעמען.

אַ דאַנק די דאָזיקע אומגעהייערע מעלות פון אַ קינסטלער איז חיים גרינבערג'ן געלונגען צו שאַפן אַ נייע עסיי־פאָרם. מיר פאַרמאָגן אין דער אידישער ליטעראַטור אַ סך פיינע עסייאיסטן, אָבער חיים גרינבערג'ס עסייען האָבן אין זיך דעם כישוף פון געהויבענעם שמועס. דער שמועס איז ביי אונז זייער ווייניק קולטיווירט געוואָרן. מיר האָבן אַמאָל געהאַט גוטע שמועסערס, ווי למשל, מענדעלע און ביאַליק, אָבער לעצטנס איז שמועס ביי אונז געוואָרן וואָלוול, בחיפזונדיק, אָפּגעכאַפּט. ס'איז נישט נאָר אַזוי ביי אונז, נאָר אויך ביי די אומות העולם. דאָס געמיט פון גוטן שמועסער געהערט, ווי עס זעט אויס, צו אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, וואָס האָט נישט געליטן פון צייט־קאַרגשאַפט, צייט־שפּאָרעניש, אָדער פון צייט־פּחד.

די קאַמער־מוזיק קוואַליטעט פון גוטן שמועס איז געוואָרן אַ זעלטנהייט. פון די צוויי גוטע שמועסערס, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, האָט בלויז מענדעלע אָנגעהאַלטן אין זיין שרייבן די קוואַליטעט פון זיינע געמיטלעכע רייד, פון זיין באַריכות'דיקער צמצומדיקייט — זאָל מיר דערלויבט זיין דער דאָזיקער פּאַראַדאָקס.

ווייל דאָס איז אייגנטלעך די קוואַליטעט פון גוטן און גוט־געהערטן שמועס, די מעלה וואָס ביי זיין גאַנצער באַריידעוודיקייט, פאַרלירט נישט דער גוטער שמועסער די לייצן פון דער האַנט און דאָס פערדל פון זיין שמועס גאַלאָפּירט ריטמיש און אפילו היפּנאָטיש.

חיים גרינבערג האָט פיזיש און גייסטיק געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט נישט אינגאַנצן געהערט צו אונזער עפּאָכע. ער האָט ליב געהאַט אַ סך

מאָל צו באַנוצן דאָס וואָרט — „פאַר׳דיבוק׳ט״. אין אים אַליין זענען פאַר־דיבוקט געוואָרן אַ סך געשטאַלטן פון פאַרגאַנגענע תקופות. זיי אַלע האָבן געקענט גוט שמועסן. אפילו דער שותק אין אים האָט געקענט דורכציטערן זיין אינערלעכן געשוויג און געפינען די שטילסטע ווערטער דערפאַר.

חיים גרינבערג׳ס עסייען זענען אָבער ביי זייער גאַנצער קינסטלערישקייט און געמיטלעכקייט, טועוודיקע און ווירקנדיקע קאַפּיטלען פון אַן עקשנות׳דיק לעבן, וואָס איז געווען געווידמעט צו זיך־לייטערונג און דערהויבונג. ווען קאַלערידזשעס אַלטער מאַטראָז כאַפּט אָן אַ פאַרבייגייער ביים לאַץ און רעדט אין אים אַריין אַ לאַנגן מאָנאָלאָג, און האַלט אים פעסט, ווערט דער הערער צוגעשמידט נישט נאָר, ווייל ער הערט זיך איין אין דעם ריטם פון „ענשיענט מאַרינער״, אין די מוזיקאַלישע שורות, נאָר ווייל ער הערט די מוזיק פון אַ צעווייטיקטער נשמה.

די עטיק פון גרינבערג׳ס לייטערונג־עטאַפּן איז אפשר דער גרעסטער כוח המושך פון זיינע בעסערע עסייען. די שטראָפּרייד קומען פון אַ לויטערן קוואַל, פון אַ מענטש וואָס האָט זיך אַליין גענוג אָנגעשטראָפּט. דערפאַר הערט מען אים אויס ביז צום סוף, אפילו ווען ער קומט מיט אויפטרייסלנדיקע איבעראַשונגען.

זיין וואונדערלעכע עסיי, די ערשטע אין בוך, וועגן — „גלות איד״, וועט פאַרבלייבן קלאַסיש אין דער אידישער ליטעראַטור, ווייל ס׳איז אַ שטיק ליטורגישע מוזיק. ער וואַרפט אָפּ ביאַליק׳ס ווערטל, אַז „אַ פאָלק פאַרמאָגט אַזויפיל הימל איבערן קאָפּ, וויפיל ער פאַרמאָגט ערד אונטער די פיס״. ער וואַרפט עס אָפּ, אין שייכות צו אידן, ער ווייזט אונז וויפיל הימל און ערד ס׳איז געווען אין דעם גלות־לעבן, און וויפיל גרויס־העלדישקייט ס׳האָט וויב־רירט אין טאָג־טעגלעכן פּחדנות׳דיקן לעבן פון דעם גלות־איד, וואָס האָט מיט זיין מאָסקע פון פּחדנות מבטל געווען זיינע פאַרפאָלגערס. דער געדאַנק גרינ־בערג׳ס איז שוין אַ סך מאָל געזאָגט און געזונגען געוואָרן, אָבער ביי אים האָבן מיר עס אין אַ דעפיניטיווער און קאַטעגאָרישער פאָרם, וואָס קען נישט איבערגעשפּאַרט ווערן — אַ מין דעקלאַראַציע פון גלויבן.

פאַראַן בלויז איין פּגם אין דער עסיי. דאָס איז אַ ראיה פון שלום אַש׳ס הילפלאָזער און גע׳מלאכה׳טער דערציילונג — „יתגדל ויתקדש״. גרינבערג׳ס קינסטלערישע און מאָראַלישע פעסטשטעלונג האָט זיך נישט גענייטיגט אין קיין ראיות פון פאַלש־צוגעשניטענע דערציילונגען.

לאָמיר דאָ ברענגען אַ וויכטיקן אויסצוג פון דער עסיי, וואו גרינבערג איז מסביר אויף זיין שטייגער דעם ענין פריהייט און אומפרייהייט און ער ווייזט אונז אויף וואָס דער גלות־איד האָט געקענט מוותר זיין, כדי אָנצוהאַלטן וויכ־

טיקע ווערטן, וואָס זענען נייטיק געווען פאַר דעם גרויסן פיזישן און גייסטיקן המשך:

דער פּסעוודאָ־עמאַנציפּירטער איד (און דער ציוניזם איז אויך נישט קיין גאַראַנטיע אין אַלע אינדיווידועלע פאַלן קעגן אַ געוויסן מין פּסעוודאָ־אויטאָ־עמאַנציפּאַציע) מעג זיך טויזנט מאָל דערלויבן צו רעדן וועגן דעם „מה־יפית״־איד אויף דער אַמאָליקער פּוילישער לאַנדשאַפט ווי וועגן אַ מענטש אָן דרך־ארץ צו זיך אַליין. ער קאָן אָבער נישט אָפּווישן דעם פאַקט, אַז יענער איד איז נאָר געווען גרייט — צוליב פּרנסה, צוליב דעם ער זאָל קיין קלעפּ נישט קריגן, אָדער נישט אַרויס־געטריבן צו ווערן פון זיין וואוין־אָרט — זיך טויזנט מאָל מבזה צו זיין. דאָס זענען געווען זאַכן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אומוויכטיק, פאַר קליינקייטן וואָס געפינען זיך אין דער פּעריפעריע, נישט אין צענטער פון לעבן. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווילן, האַרטנעקיקייט און טאַלאַנט פאַר מאַרטירערטום, ווען מ׳האָט פון אים געפאָדערט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף דעם לייטער פון זיינע ווערטן.

כ׳האָב געבראַכט דעם דאָזיקן אויסצוג, ווייל דאָס איז דער מאָראַלישסטער אָפּשאַץ פון אונזער גלות־עקזיסטענץ. העלדישקייט, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן עיקר אָדער עיקרים. אָבער פּחדנות׳דיקער אויסדויער, כדי צו קענען ממשיך זיין די עיקרים און זיי איבערגעבן פון דור צו דור, אין צאַפּלדיקער אויסוואַרטעוודיקייט, עד ביאת המשיח, קלאַמערנדיק זיך אין שוץ פון — לעבן.

דער סוף פון דער עסיי איז אויך ווערט ציטירט צו ווערן — „אידעאַלי־זאַציע? ס׳קען זיין אָבער דאָס איז אַמאָל דער איינציקער ענטפער אויף וואול־גאַריזאַציע, דער ענטפער און דער תיקון״.

אידעאַליזאַציע ווערסוס וואולגאַריזאַציע. דאָס איז אפשר דער בעסטער שליסל צו גרינבערג׳ס קינסטלערישן שאַפן — אידעאַליזירן זאַכן, כדי זיי צו פאַרהיטן פון וואולגאַריזאַציע. אפילו ווען ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וויל אַרונטעררייסן די מענטשלעך פון אָנגענומענע קדושות, איז עס אויך געטאָן געוואָרן מיט מכשירים פון אידעאַליזאַציע. כ׳האָב שוין אין פריערדיקן אַר־טיקל וועגן גרינבערגן אָנגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ רעליגיעזער רעפאָר־מירער, וואָס האָט זיך נישט דערוועגט צו גיין ווייט גענוג, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז אים וועט נישט געלינגען צו פאַרטייטשן זיין „טעאָלאָגישן טראַק־טאַט״, מיט די זעלביקע מיטלען, וואָס מיט זיי האָט ער אַזוי קינסטלעריש אָפּערירט, ווען ער האָט געשריבן וועגן סעקולערע אמת׳ן. גאַנץ אָפט רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ געוואַגט־רעפאָרמיסטישער אויסגעשריי, אָבער ניט ווייל

ער וויל אַרונטעררייסן, נאָר ווייל ער שרייט אויס דעם וויטאָג, וואָס אים איז נישט געלונגען אָנצושרייבן דעם אומטראַדיציאָנעלן סידור, פון אַ טיף גלויביקן מאָדערנעם איד.

אויב דו ווילסט אויף זיך נעמען אַ רעליגיעזן דרך (בעסער וואָלט געווען, ווען דו לאָזט זיך אין אַזעלכע שטות׳עריי׳ען ניט אַריין), האָט דעם דרך פאַר דיר שוין אויסגעטראָטן מיין זיידע אין קאָלאָמיי, און קיין נייע אָדער אַנדערע וועגן טאָרסטו ניט זוכן. ביזט אַ כופר־בעיקר — מהיכי תיתי, האָב איך קעגן דיר גאָרנישט, אָבער טאָמער וועט זיך אַרויסווייזן אַז דו ביזט אַ כופר־בזיידע, וועט מען אין שול אָנצינדן שוואַרצע ליכט און מען וועט בלאָזן שופר און מען וועט דיך אַריינלייגן אין דער „ח״.

אָבער די צענטראַלע טעמע פון אַלע זיינע עסייען איז — די קדושה פון מענטשלעכן לעבן, די טעמע ווערט ביי אים וואַריאירט אין פאַרשידענע עסייען. אָט די טעמע ווערט אָפט אַקאָמפּאַנירט, דורך דער צווייטער באַגלייט־טעמע — די הייליקייט פון מענטשלעכן ווילן וואָס טאָר קיינמאָל נישט פאַר־גוואַלטיקט ווערן. אין די ערשטע צייטן פון די היטלער־גזירות האָט זיך דר. זשיטלאָווסקי דעררעדט צו אַן אַבסורד, אַז דאָס אַרויסשטויסן אידן פון פרעמדע שפּראַכלעכע פּאָזיציעס איז גוט פאַר אידן, ווייל ס׳וועט זיי צוריקטרייבן צו... אידיש. „דאָס רעכט אויף אַסימילאַציע״, איז געווען גרינבערג׳ס שאַרפזיניקער און פאַרניכטענדיקער ענטפער אויף אַזאַ מין טרייב צו „אידישקייט״, דורך ענויים און גזרות. ער ווייזט אַז ער קען אויך זיך באַנוצן מיט דעם געווער פון פּאַראַדאָקס, כדי אויפצואווייזן, וואוהין ס׳פירן אַזעלכע אַבסורדע טעאָריעס, און אין וואָס פאַר אַ מיטלאַלטערלעכער בלאָטע זיי שטעקן:

איך וויל זיך בשום אופן נישט אָפּזאָגן פון מיין רעכט אויף אַסימי־לאַציע — און איך האַלט, אַז עס איז אַ מצוה פאַר יעדן נאַציאָנאַלן איד, אויך פאַר יעדן ציוניסט, צו קעמפן אומעטום פאַר דעם רעכט צו באַגיין אָט־די האַרבע עבירה, וואָס הייסט אַסימילאַציע. דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע צווישן אידן וויל איך פירן מיט מיינע אייגענע מיטלען, מיט מיין אייגענעם גוטן ווילן, ניט מיט דער הלף פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. יעדע גזרה „קעגן אידישער אַסימילאַציע״ וואָס קומט פון אויבן און פון דרויסן, איז אין איר תוך אַ פאַרניכטונג פון מיין ברירה — זיך צו אַסימילירן אָדער זיך נישט צו אַסימילירן (כאָטש אין תוך איז אפשר די דאָזיקע ברירה אַ פיקטיווע, לעבט זי אָבער אינם באַ־וואוסטזיין פון הונדערטער טויזנטער אידן). איך וויל נישט זיין קיין מוז־איד; איך וויל זיין אַ וויל־איד. איך האָב ליב אידיש, איך האָב ליב

העברעאיש, איך האָב ליב אידנטום (אַלץ איינס, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט), אָבער נאָך מער פון אידיש און העברעאיש און אידנטום צוזאַמענגענומען האָב איך ליב — פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. אויך די פרייהייט נישט ליב צו האָבן אידיש, זיין גלייכגילטיק צו העברעאיש און ניט מאַכן קיין וועזן פון אידנטום. אויך קולטור־אַסימילאַציע געהערט צו מיינע עלעמענטאַרסטע, מענטשלעכע רעכט — און ווער עס נעמט צו ביי מיר דאָס דאָזיקע רעכט (אפילו ווען איך וויל זיך מיט איר נישט באַנוצן) הויבט אויף זיין מערדערישע האַנט אויף מיין גאַנצן וועזן.

אָט דער לענגערער ציטאַט איז אַ שליסל צו חיים גרינבערג'ס אופן פון פאַרטיידיקן אמת'ן. פאַרטיידיקנדיק ליידנשאַפטלעך די דאָזיקע אמת'ן, האָט ער תמיד ליב געהאַט צו דערגיין ביז געפערלעכע גרעניצן, ווייזן אַז אָט שפּרייזט ער אַריבער, אָבער ער איז תמיד געבליבן שטיין אויף אַ פעסטן באָדן. ער האָט בלויז געבראַכט ריזיקאַלישע ראיות, כדי צו ווייזן, אַז אפילו מיט אַזעלכע ראיות מעג מען ריזיקירן, ווען מען פאַרטיידיקט פרייהייט פון מענטשלעכן לעבן און מענטשלעכן פרייען אויסוואַל.

מ'וואָלט זיך נאָך באַדאַרפט אָפּשטעלן אויף חיים גרינבערג'ס שפּראַך־המצאות, ווערטלעך און איינפאַלן — ווי „שפּענגלערירן", ווען ער זאָגט אונז, אַז ער וויל ניט ספּעקולירן מיט נביאות; אָדער אַזעלכע חריפות'דיקע זאַצן — ווי — „אָפּפאָטאָגראַפירן מיט אַ מעטאַפיזישן ,קאָדאַק' נאַציאָנאַלע קולטורן". מ'וואָלט אפשר אויך געמעגט זוכן אויפצוקלערן גרינבערג'ס תשוקה צו קריסטלעכע אַלוזיעס, ווי למשל, אַזאַ אויסדרוק — „ווייל סיי פאַר דר. קאַראַלניק און סיי פאַר מיר איז קריסטנטום איינע פון די מאַניפעסטאַציעס פון אידנטום". און ס'וואָלט אונז זיכער פאַרפירט אויף זייטיקע וועגן, ווען מיר זאָלן ביי דער געלעגנהייט זוכן דעם טראַגישן ענטפער אויף זיין פראַגע — „אויך אין דייטשלאַנד גופא איז נאָך אַ שטיקל פראַגע, ווער עס איז טיפּישער פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק; אַזעלכע עקזאַלטירטע מקובלים, ווי מייסטער עקהאַרט און יעקב בעהמע, צי גראַף רעוווענטלאָוו, היטלער און ראָזענבערג?"

די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן אין 1934. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז נאָך חיים גרינבערג אַרויסגעטראָטן קעגן מיר, ווען איך האָב געשריבן — „שפוך חמתך אויף אַ געמיין פאָלק". גרינבערג וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זינדיקן „מיט אַנטי־גויאיזם, וועלכע איז ניט קיין העכערע מדרגה פון אַנטיסעמיטיזם" האָט אין יענע יאָרן נאָך ניט געזען, אַז דייטשלאַנד גרייט צו דעם קאַטאַסטראָפאַלסטן און שוידערלעכסטן יוצא מן הכלל, פאַר דער דאָזיקער ריינער באַציאונג צו ראַסן און פעלקער.

3

ה. רויזענבלאַט

י. י. שוואַרץ

יעקב פיכמאַן

דוד איינהאָרן

ה. לייוויק

א. לעיעלעס

א. לוצקי

נ. ב. מינקאָוו

איציק מאַנגער

רחל ה. קאָרן

אליעזר גרינבערג

ל. פיינבערג

רייזל זשיכלינסקי

יונג ווילנע

חיים גראַדע

מרדכי יאָפּע

א. סוצקעווער

יעקב פרידמאַן

אריה שמרי

משה יונגמאַן

ה. רויזענבלאַט

ווי קילער, געשמאַקער סאָטערן טרינקען זיך די נייסטע לידער פון ה. רויזנבלאַט. זיי זיינען אַלע געשריבן אונטערן צייכן פון האַרבער, פאַר־שטאַנדיקער האַרבסטיקייט און ס׳איז אין זיי ניט פאַראַן קיין טראָפּן זעלבסט־רחמנות. זיי זיינען קלוג און זיי נעמען אָן דעם פּסק־דין פון טעג, חדשים און יאָרן, וואָס רעכענען זיך און שניידן זיך אַריין אין זכרון.

דער זיידע פון דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע איז נאָר וואָס אַלט געוואָרן 75 יאָר און אין זיינע נייע לידער, וואָס זיינען געזאַמלט אין בוך, מיט דעם מחיה׳דיקן נאָמען — „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט" זיינען פאַראַן אַ סך נאָכדענקענדיקע לידער. אין די דאָזיגע לידער איז נישט פאַראַן קיין שמץ סענטימענטאַליטעט, אפילו די סענטימענטאַליטעט, וואָס מ׳וואָלט זיכער גע־קענט מוחל זיין דעם זקן פון דער היגער אידישער פּאָעזיע.

אויב רויזנבלאַט וויל אונז יאָ זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס אין דער נאָכדענק־שאַפט איז אויך פאַראַן אַ צוריק־בענקענדיקער טאָן, וויקלט ער עס איין אין משלים און אַלעגאָריעס און דער נמשל דערפון איז אַלץ אַ גוט, קלוג וואָרט, און דאָס וואָרט אַליין ווערט דער דערלייזנדיקער מאָמענט פון ליד.

יאָ, איידער מען קומט צום תוכן פון די לידער מעג מען פריער פון אַלץ באַוואונדערן די פּרוכטבאַרקייט, די זעטיקע פּרוכטבאַרקייט פון דעם דאָזיקן פּאָעט, וואָס האָט אין די רייפע יאָרן זיינע דערזען דאָס אידישע וואָרט אין דער גאַנצער צעלויכטענער פרייד פון געזאַנג און גערייד.

אויב אין בוך איז נישט פאַראַן קיין סענטימענטאַליטעט, נאָר פאַרקערט, אַ טאָן פון קלוגן באַנעמען און אָננעמען דעם נמשל פון משל, איז אָבער פאַר אונז, די לייענערס פון זיין פּאָעזיע, שווער ניט צו ווערן סענטימענטאַל, ווען מען הערט זיך צו צום קלוגן שמועס פון די לידער, צו זייערע טייטשן און אויסטייטשן. רויזנבלאַט׳ס כתב יד איז אַ פּערלדיקער און די פּערלדיקייט איז פאַראַן אין זיינע לידער, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין זייער גאַנצן, ציכטיקן, מ׳קען כמעט זאָגן, קאַליגראַפישן צוזאַמענשטעל.

ווען מען דערלייענט דאָס ערשטע הקדמה־ליד ביז צום סוף און מען לייענט דאָס וואוילע פּשט׳ל וועגן דעם עץ־הדעת און עץ־החיים, און מען איז שוין כמעט מסכים מיטן פּאָעט, אַז ס׳איז ממש געווען אַ גליק, וואָס חוה האָט

נישט געגעסן פון עץ־החיים, נאָר זי האָט טראַגיש פאַרבלאָנדזשעט צום עץ־הדעת, — ווען מען דערגייט צום אויספיר —

טאָ, פלאַטער ניט אַזוי! ניט שרעק זיך פאַר דער בשורה
אַז דו שטאַרבסט.
הויב אויף דיין קול און זינג אַ לויב צו גאָט, אין שענצטן
טאָג פון האַרבסט —

גלוסט זיך אויפצוהויבן אַ בעכער ווייַן און טרינקען אַ טאָסט צום פּאָעט און אים ווינשן אריכת ימים. וואָס אין זיי זאָל ער אונז נאָך לאַנג פאַר׳פּשט־לען און פאַרזינגען די אַלע טרויעריקע זאַכן, וואָס דער מענטש האָט זיך אויס־געלערנט צו דערוויַיטערן פון זיך דורך דערנענטערן זייער אומפאַרמיידלעכ־קייט און עס אַרומשלייפן מיט הומאָר, און עס באַטראַכטן פון אַלע זייטן און זיך צוגעוואוינען צו די שאַרפע, שפּיציקע ווינקלען.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג „געדענקשאַפטן" גיט אונז דער פּאָעט זיין אייגענעם צוגאַנג צו אַלץ, וואָס די צייט גראָבט אויס פון זכרון. דער אַראָמאַט איז האַרבסטיק, אָבער די געדענקשאַפטן אַליין בליען אויף, ווייל אין תוך זיי־נען זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן געוואָרן, ווי דער דיכטער זאָגט אונז אַזוי וואויל —

עס איז ניט שייך געדענקען דאָס, וואָס דו האָסט ניט פאַרגעסן,
וואָס ליכטיקער עס איז דער שניי — אַלץ גרינער די ציפּרעסן.

אין דער האַרבסטיקייט איז פאַראַן די גרינקייט פון די דערמאָנונגען און די בהדרגה׳דיקע צוגעוואוינטקייט צום בילד פון שניי אויף די ציפּרעסן, וואָס אין זיי ליכטיקן אויף די קיינמאָל־נישט־פאַרגעסענע דערמאָנונגען, אָדער „געדענקשאַפטן", ווי רויזנבלאַט זאָגט עס אין לשון פון אַלט־ניי אידיש.

און אָט מוז מען אין זיין נייעם בוך אויך באַוואונדערן די דאָזיקע אומ־געוויינלעכע און נאַטירלעכע יונגשאַפט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּאָעט רויזנבלאַט׳ס באַנייטע פופצן יאָר שעפערישקייט. אויף קיין איין שפּאַן בלייבט ער נישט הינטערשטעליק פון דער צייט. ער זינגט מיט אונז און זיינע טריט זיינען פּאַראַויסיק און מונטער. זיין לשון וואָס האָט נאָך אָנגע־שפּאַרט, ווען „הערשל איז נתגלה געוואָרן", אין די געזאַנגען פון ראָזענפעלד, ליעסין און דעם יונגן יהואש, ליידט נישט פון יענער אַמאָליקער אָפּגע־לאָזנקייט, נאָר זי טראָגט אין זיך אַלע חנ׳ען פון אייגענער קולטיווירטקייט און פון אויסגעיעטן אויפבלי. דער זיידע פון דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע רעדט אור־אייניקל אידיש, נאָר דאָס אויער פון אור־אייניקל איז נאָך נישטאָ עס אויפצונעמען.

די שפּראַכלעכע חידושים און גראַמען־דערפינדערישקייט פון פּאָעט זיי־

נען קיינמאָל נישט אויפן חשבון פון דעם געזונטן, געראַדן ריטם פון אידיש. רויזנבלאַט קען גוט די מוזיק פון געראַדן אידישן וואָרט, דאָס אַליין איז אויך וואונדערלעכע „געדענקשאַפט", ווייל „הערשל וואָס איז ערשט נתגלה געוואָרן" אין אַמעריקע, איז אינגאַנצן אַלט געווען דרייצן יאָר, ווען ער איז געקומען אין נייעם לאַנד, וואָס האָט פון אים נישט אַרויסגעטומלט קיין איין מחיה'דיק אידיש וואָרט. פאַרקערט, וואָס עלטער דער פּאָעט ווערט, אַלץ מער ווערט זיין לשון געדענקשאַפטלעך; דאָס איז אויך אַ דערמאָנונג אין זאַכן, וואָס דאָס מוזיקאַלישע אויער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ביים סאַמע שפּיץ פון באַרג, אין מיט פון שקיעה־פלאַם,
איז ווי פון העלער הויט אויף איינמאָל אויסגעוואַקסן —
אַ וואָגן פריש־געקאָסעטע היי, אַ פויער מיט אַ בייטש,
אַ ווידלע און צוויי קליינע, הערנערדיקע אָקסן.

דער טאָן איז דאָ אַ רואיקער און די רייד פאַלן אויך רואיק און געמיט־לעך. די שורות זיינען נישט געצוואונגען, נאָר זיי זיינען דערציילעריש, נישט אָנווערנדיק אויף קיין איין רגע די שפּאַנונג פון דער דראַמע פון יצירה, וואָס שאַפט זיך פאַר אונזערע אויגן. אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע איז דער מייס־טער פון אַזעלכע זאַכן, דער וואָס אַנטדעקט דראַמע אין די געוויינלעכסטע קלייניקייטן — ראָבערט פראָסט. די פיר אויבן־געבראַכטע שורות וואָס זיינען אַרויסגענומען פון ליד — „אַ וואָגן פריש־געקאָסעטע היי", אָטעמען אויך מיט דער דראַמע פון דעם גרויסן געוויינלעך, וואָס ציט זיך פאַרביי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אויגן און בלויז דער פּאָעט כאַפּט עס אויף און פאַר־צייכנט עס —

געציילטע רגעס און די זון פאַרגייט, בלויז דאָ און דאָרט
נאָך גלימערט אויף אַ גאָלדן קערנדל, און טוט אַ מינע —
אין וואָגן היי, אין אויג פון אָקס, אין האָרן־שאַרף,
אין סערפּ, אין ווידלע און אין פויערלס טשופּרינע.

דעם פויערלס טשופּרינע שפּילט זיך אויך מיטן זון־פאַרגאַנג און אַזאַ גוט וואָרט ווי „עס פּעלדלען זיך די סאַמעט ווייכע וועלן אויפן געלן זאַמד", שטערט אַוודאי נישט די פּשטות, נאָר פאַלט אַריין אין דער אַלגעמיינער דער־מאָנונג און שפּיגלט זיך אויך אין שאַרף פון די קליינע, הערנערדיקע אָקסן.

מיר דאַכט זיך, אַז די גרעסטע מעלה, וואָס איז בייגעשטאַנען דעם פּאָעט און האָט זיינע לידער און זיינע געדענקשאַפטן געראַטעוועט פון סענטימענ־טאַליטעט און צוגעזשאַווערטן און צוגעטערטן טרויער, איז דעם דיכטער'ס געזונטער הומאָר, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. דער הומאָר איז

בולט אין זיין פּאָעזיע ווי ער באַשרייבט זיין התגלות — דאָס ערשטע אָפּגע־דרוקטע ליד. אָבער אײדער ער ווערט אַנטפּלעקט קלײבט ער פריער די רע־דאַקטאָרן. ער האָט מורא פאַר זייער שטרענגשאַפט. ער האָט מורא זיי וועלן אים אָוועקקוילענען די לידער.

און הירשל ישובט זיך :
צו וועמען זאָל ער ווענדן זיך צוערשט ?
אַ וואָסער חלף האָט נישט קיין פּגימה׳לע ! ?
און וועלכער שוחט האָט אַ גרינגע האַנט ?
ער איז כמעט מיט אַלע רעדאַקטאָרן פון דער ווייטנס, שוין באַקאַנט.

און שפּעטער ווען ער דערוועגט זיך שוין דורכצוגיין די זעצעריי וואו אַ איד —

מיט גרין־פאַרזשאַווערטע שפּאַקולן אויף אַ באַקסער־דאַרער נאָז
פּיקט די דריבנע אותיות, ווי אַ הונגעריקע הון
אין מאַרק נאָך אַ יאַריד, די האָבער־קערנדלעך פון שטויב.
קומט ער אָן צום רעדאַקטאָר אַליין —
און קאַצמאַן, דער רעדאַקטאָר, נעמט פאַנאַנדערקלעקן זיך,
ווערט נעלם, ווי אַ זעגל אויפן ים, אין אַ באַנאַכטיקן טומאַן.
ער צעפּלעקט זיך און צעקלעקט זיך, ער פאַרמעקט זיך און — אַנטפּלעקט זיך
אויף קוים אַן אויגנבליק.
ער פאַרהאַלט זיך און צעשטראַלט זיך, ער צעפּאַלט זיך און באַהאַלט זיך
און טויכט באַלד אויף צוריק.

דער כמעט פאַר׳חלשטער יונגער פּאָעט איז אין די הענט פון דעם מעכ־טיקן רעדאַקטאָר, וואָס קען אים אָט אָוועקהרגענען, אָדער זאַלבן מיט דעם בוימאייל פון אָנערקענונג.

אָבער נישט אומעטום איז דער הומאָר אַזוי בולט ווי דאָ. אָפט בלאָנדזשעט דער הומאָר צווישן די שורות און איבער די שורות, ווי אַ פיינער מעלאָדישער שמייכל, וואָס איז פּאַקטיש אַ פאַקסימיליע פון פּאָעט׳ס האַנטשריפט, אָדער פון שמייכל אויף זיין פּנים, וואָס איז אַזוי פאַרעקשנט און פאַרגעדענקט — אוק־ראַיניש־אידיש.

אפילו אין די לידער וואו די טרער ווערט יאָ דערמאָנט, איז דאָס ליד אַליין צוגעטרוקנט, אַז די טרער זאָל נישט זיין קיין פּיכטע. די קורצע שורות דערלויבן נישט, אַז דאָס ליד זאָל זיך צעוויינען:

צומאָרגנס וועט אַ שכן
געפינען אויפן טיש
זיין ליד, דאָס איבערלייענען
און טאָן דאָס אויג אַ וויש:
וואו איז ער מיט זיין שאָטן
פאַרשוואונדן? און פאַרוואָס?
דער סוד, ער ליגט פאַרהוילן
אין טרער פון לעצטן אות.

אָט די טרער איז אָבער אַ געזונגענע טרער און זי איז אַקוראַט ווי אין ליד, וואָס קומט נאָכדעם — נישט קיין שרעקנדיקע און וויינענדיקע:

מיט גרינע רעגן־פינגער
קלאַפּט אָן דער געלער האַרבסט
ביי אים אין גרויען פענסטער:
דו שטאַרבסט, דו שטאַרבסט, דו שטאַרבסט!
נאָר ער, ווי ניט אים מיינט מען,
זיך נאָגט זיין פּאַפּיראָס:
געהערט, געהערט די בשורה,
אַ דאַנק. „נישטאָ פאַרוואָס".

אָט אין אַזעלכע שורות איז פאַראַן דער בלאָנדזשענדיקער שמייכל, וואָס וואָלקנט אַרום דעם שרעק מיט אַ דין הייטל פון הומאָר. די ווערטער זיינען פון אוצר פון אידישן רעדן — „געהערט, געהערט די בשורה!"

כל זמן דאָס פּאַפּיראָסל
נאָך טליעט — נאָג און צי...
צי קענסט מיר אפשר שענקען
אַ קאַפּ טוטין? מערסי!

אָבער פּונקט ווי דער פּאָעט קען אַזוי וואויל זיך איינהערן אין דעם פּשוטן גערייד פון אידישע ווערטער, קאָן ער אויך געבן דעם ביבלישן טעם פון אידישע ווערטער, אַז ס׳זאָל זיך אין דעם נישט שפּירן דער מינדסטער אָנ־שטרענג, אָדער די מי פון בכיוונדיקער סטיליזאַציע, ווי אין זיין ליד — „קינ׳ס לעצטע טעג".

אויף מיינע פעלדער האָט דער רעגן דיינער ווי אַ בענשונג ליב
געפּלייצט.
אויף מיינע גערטנער האָט חדוה'דיק דיין זון מיט
שפּאַרעוודיקער מאָס געפלאַמט.
פאַרוואָס האָסטו מיט קנאה קערנער מיר דאָס בלוט, די ביינער
מיר פאַר'סמט!?
און גאָט האָט קינ'ס צער פאַרנומען און דאָס מאָנונג זיינס
דערהערט.
געזען זיין איינאַליינקייט און זיין הפקר־וואָגלעניש אויף דר'ערד,
און זיך דערבאַרעמט איבער אים און אים זיין שאָטן אומגעקערט!

איינס פון די טרויעריקסטע לידער אין בוך איז דאָס ליד „איך וועל אַהיים ניט קומען", וואָס דער דיכטער האָט געשריבן „לזכרון פרץ הירשביין". אין דעם ליד איז פאַראַן דער פולער שרעק פון טרויער, אָבער אויך דאָ גע־וועלטיקט דאָס געזאַנג, וואָס איז דעם פּאָעט'ס שענסט פאַרמעגן.

כ'וועל היינט אַהיים ניט קומען.
ניט וואַרט מיט אָונטברויט.
און לאָז ביז שפּעט ניט ברענען
דעם לאָמפּ!... אַ שאָד דער קנויט.
און מאַך מיר ניט ס'געלעגער
אַ פּחד, אַז מען זעט
אַ נאַקעטע לבנה
אַליין... אין אַ ליידיק בעט.
דו מעגסט די טיר פאַרשליסן:
כ'האָב מיין שליסל סיי ווי סיי,
אַראָפּגעלאָזט אין ברונעם.
מיין שליסל איז פון בליי.
און פינסטער איז דער ברונעם,
דאָס וואַסער — סאַזשע־שוואַרץ...
דער שליסל איז מיין טרויער,
דער ברונעם איז מיין האַרץ!

אַזוי זינגט ה. רויזנבלאַט זיינע טרויעריקע לידער. ער לייטערט דעם טרויער מיט געזאַנג, הומאָר און טייערע אידישע רייד, און דערפאַר לויכט איבערן גאַנצן בוך די קלוגשאַפט פון אָננעמען און באַנעמען, אפילו אין טראַ־ציקייט און ווידערשטאַנד.

1953

י. י. שוואַרץ

י. י. שוואַרצ׳ס כוח ווי אַ שילדערער פון נאַטור איז גרויס — ער איז ◆ ◆ פון די געציילטע אין דער אידישער פּאָעזיע. זיין פּאָעמע — „יונגע יאָרן״ פאַרמאָגט אומפאַרגעסלעכע שטעלן, וואָס מ׳קען לייענען און איבערלייענען און זיי לערנען אין די שולן ווי קלאַסישע נאַטור־באַשרייבונגען. זיי דערמאָנען אין שילדערונגען פון די רוסישע מייסטערס, וואָס מיר האָבן געלערנט אין אונזערע שול־יאָרן. י. י. שוואַרצ׳ס נאַטור־מאַלערייען פאַרמאָגן נאָך דערצו אַ ביבלישן חן, ווייל ער איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט תנ״ך־לשון, אַז ס׳דאַכט זיך אַז ער טראַכט תנ״כ׳יש און ווי דער געניטער איבערזעצער זעצט ער עס גלייך איבער אויף אידיש.

י. י. שוואַרצ׳ס צוריקרוף פון קינדער־יאָרן אין דער ליטע איז אַ בוך פאַר לייענערס, וואָס ווילן זיך תמיד קוויקן דערמיט. טויזנטער אידן ווילן אין דעם אַריינלייענען זייער אייגענע קינדהייט, יוגנט, ישיבה־יאָרן און זיי ווילן דער־זען אַ וועלט מיט אידן, וואָס די אכזריות׳דיקע און פאַרטיליקערישע צייט האָט אָפּגעמעקט און אויסגעוואָרצלט.

דער פּאָעט י. י. שוואַרץ האָט אַ צייט לאַנג געהערט צו דער גרופּע „יונ־גע״. ער איז געווען זייער אידישקייט־פּאָעט און זייער העברעאישער אָנהאַלט. מאני לייב, זישא לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד, מ. ל. האַלפּערן, האָבן געבראַכט ניי־סלאַווישע און ניי־גערמאַנישע טענער אין דער אידישער פּאָעזיע. אָבער י. י. שוואַרץ איז פאַרבליבן געטריי דעם העברעאישן און דעם אידישן ליד, וואָס האָבן אין אים געקראָגן אַ גוטן כעמישן צוזאַמענמיש און זיינען געוואָרן דער ריטם פון זיין בלוט און פון זיינע מחשבות.

אין י. י. שוואַרצ׳ס ערשטע לידער האָט מען שוין געזען די קאָנטורן פון אַ געשטאַלט, וואָס רייסט זיך — נישט אַזוי צו איבערזעצן דאָס העברע־אישע אין זיך, ווי צו העברעאיזירן דעם יונגן איד וואָס זיין לשון איז אידיש, אָבער וואָס זיין גאַנצעצער מהות איז העברעאישער און לומדישער אָפּשפּאָר.

דעם פּאָעט י. י. שוואַרצן איז געווען ענגלעך אין קלענערע לידער, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַ תנ״כ׳ישן אָטעם און ס׳איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז דווקא ער זאָל אונז געבן „קענטאַקי״, דאָס ערשטע גרויסע אידיש־אַמעריי־קאַנישע ליד אין אונזער פּאָעזיע. שוואַרץ האָט זיך גלייך מתיחס געווען מיט

דעם וויטמאַנישן געזאַנג, וואָס האָט געהאַט אַ סך ביבלישע וואָרצלען און מיט די נעגער קינדער פון אַמעריקע וואָס פאַרמאָגן ביבלישע תמימות און חן.

אַ צייט לאַנג האָט זיך דער דיכטער אויך איבערגעגעבן צו דער סיסטע־מאַטישער איבערזעצונג פון העברעאישער פּאָעזיע. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון העברעאישן ליד, איבערגעזעצט ביאַליקן און אַריינ־געבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע דאָס ליד פון דער שפּאַנישער עפּאָכע. „יונגע יאָרן" איז דעם פּאָעט'ס צווייטע גרויסע פּאָעמע.

ווער ס'איז געווען דער ערשטער אידישער דיכטער, וואָס האָט דאָס וואָרט פּאָעמע באַנוצט פאַר דעם גרעסערן ליד, פאַר אַ גרויס פּאָעטיש ווערק, אין דער עפּיק, אָדער אין דער ליריק איז מיר נישט באַקאַנט. מענדעלע מוכר ספרים רופט אָן זיין גרויס ליד „יודל" — „ספור המעשה אין שירים על משקל י"א תנועות". דער מאָטאָ פון דעם לענגערן נאַראַטיוון ליד איז — „אַך יודל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודל, דיין לעבן איז זייער, זייער אַ טרויעריק לידל". כ'בין מסופּק צי פּרץ האָט זיין גרעסער ליד „מאָניש" גערופן אַ פּאָע־מע, כאָטש ס'קען זיין, אַז אין זיין צייט האָט זיך שוין דער באַגריף אַריינגעגנב'ט אין דער אידישער פּאָעזיע, אַז לענגערע לידער זיינען פּאָעמעס.

אין זיין פּאָעמע „קענטאָקי" האָט דער פּאָעט, אין אַ סך שטעלן, גלייך פאַרוואָרפן די געצאַמטע שליאַכן פון ליד און זיך פאַרנומען צו רעדן און צו שרייבן פּראָזע, פאַרלאָזנדיק זיך אויף דעם אַלגעמיינעם וואַרעמען פּאָעטישן טאָן פון דער עפּישער דערציילונג.

אין דער פּאָעמע „יונגע יאָרן" איז י. י. שוואַרץ נאָך פרייער, און וואָלט ער געווען אַ יונגער פּאָעט, וואָלט ער זיכער מיט דער צייט איבערגעגאַנגען צו פּראָזע און אין דער פּראָזע געזוכט איר אייגענע דיסציפּלין פון כאַראַקטער־אויפבוי און אַנטוויקלונג. אין זיין ליד זעט מען, אַז ס'רייסט זיך צום אויס־דרוק אַ פּראָזע־מייסטער פון גאַנץ גרויסן פאַרנעם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט מער ווי ספּעקולאַציע. ס'איז שווער צו זאָגן, אויב ס'איז נישט פאַר־קערט די מעשה, אויב די פעאיקייטן פון אַ ניט רעאַליזירטן פּראָזע־מייסטער זיינען שוואַרצ'ן נישט בייגעשטאַנען, בעת ער האָט געשריבן זיינע צוויי לאַנגע פּאָעמעס.

פון שטאַנדפּונקט פון לשון און טעכניק איז „קענטאָקי" אַ גרעסערע דער־גרייכונג ווי די „קינדער־יאָרן", וואָס פאַרמאָגט פונדעסטוועגן אַ זעלבסט־באַ־רעכטיקטע וואַרעמקייט, וואָס האַלט די פּאָעמע אויף די פיס, ווען זי לעשט זיך און וויל אָט־אָט אויסגיין, אָדער אָפּן אַריבערגיין אין גבול פון פּראָזע, אָדער אפילו פּובליציסטיק.

אָבער דער כוח פון י. י. שוואַרצ'ן איז גרויס, אַז בעת מען לייענט די פּאָעמע קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, פרעגט מען נישט קיין קשיות, נאָר מען לאָזט זיך פירן פון פּאָעט און פון זיין שמועס, וואָס פאַרענדיקט זיך אפילו ווי אַ לאַנגע רעדע מיט אַן אַריינגעשטעלט ליד פון דעם דיכטער'ס ערשטן יאָרן אין ניו־יאָרק.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין דעם ברויזיקן ניו יאָרק,
ווען איך האָב ווידעראַמאָל דורכגעלעבט
אָט יענע פיינלעכע מאָמענטן פון צעשיידונג —
האָב איך געפּרופט פאַרקריצן יענע רגע
אין קורצע און בלחש'דיקע פערזן —
איך וועל מיט זיי פאַרענדיקן מיין ליד —

איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין בוך איז דאָס ערשטע — „די שטוב״. דער דיכטער באַשרייבט דאָס קינד, וואָס הויבט אָן אויפוואַכן צום אַרום. די נאָז, אויגן און באַריר הויבן אָן ווערן נייגעריק און זיי נעמען זיך אַריענטירן און געפינען אָרט פאַר זיך אין דעם קליינעם שטח פון שטיקל אייגנס, פון דער ליטווישער שטוב. דאָ, אין דעם קאַפּיטל, ווייזט דער פּאָעט זיין בריה'שאַפט ווי אַ נאַטור־באַזינגער. אים געלינגט אָנצוהאַלטן אַ פרייפערזיקן אָטעם, וואָס האָט דעם ריטם פון דערציילערישקייט. ער פאַרלירט קיינמאָל נישט דעם קנויל פון געזאַנגיקייט.

אַ גרויסע רויטע הון דרייט אום זיך ביים קאַטוכל,
פּיקט פויל און שלעפּערדיק די קערנדלעך פון גערשטן.
זי האָט נאָר וואָס דער וועלט געשאָנקען אַ מתנה.
אַ לעבעדיקע לענגלעך־פולע איי, וואָס ווייסלט זיך
מיט טויזנט חן'ען אונטן אין צעשפּנטן קאַטוך.
די זון האָט זיך אַריינגעריסן דורך די דובלט
און ס'שווענקט דאָס ליכט די ווייסע ברעטערנע פּאַדלאָגע;
עס ווערט פון יעדן ברוינעם גערשט אַ גאָלדן ברעקל,
און איטלעך פעדער פון דער הון — געשייערט קופּער.

דאָס צווייטע קאַפּיטל — „אַ ליטוויש שטעטל״ הויבט זיך אָן אפילו מיט אַכט־שוריקע געגראַמטע פערזן. די צווייטע און דריטע שורה און די ערשטע מיט דער פערטער גראַמען זיך, אָבער אין דעם קאַפּיטל ווערט דער פּאָעט פול מיט עמאָציאָנעלער דערמאָנונג, און דער געדאַנק אַז דאָס אַלץ איז חרוב ומוחרב, רייסט ביים פּאָעט אַרויס פון דער האַנט די דיסציפּלינירטע ווירע און ער גייט אַריבער, אין אַ סך שורות, צו דער געוויינלעכער פּובליציסטיק פון אונ־זער צעווייטאָגטן דור. דער אַלגעמיינער לייענער וועט דאָס נישט שפּירן, ווייל

ער וועט אַקוראַט אַזוי טראָגן דעם ווייטאָג ווי דער פּאָעט האָט עס אים איבער־געגעבן, און ער וועט אויפנעמען די פּאָעמע אפילו מיט איר פסולת —

נאָך ערגער פון אַלץ איז:
די שנאה וואָס דאָס גרויסע רשעות פון דער וועלט
האָט איינגעפלאַנצט אין אונז צו זיך אַליין
און אונז פּאַרסמט די בלוטן און געהירן.
פּאַראַכטונג, שפּאָט און גייסטיקע געפּאַלנקייט,
צו שפּייען זיך אַליין מיט גאַל אין פּרצוף־פּנים,
כדי צו באַרעכטיקן אויף זיך אַליין דעם דין
און בייזן גזר פון שונא. ס'איז אַ קללה
וואָס איז אין תוכחה אפילו ניט פאַראַנען.
דאָס איז די ברענענדיקע וואונד, וואָס אייטערט,
די בייזע קרעץ וואָס האָט זיך איינגעפרעסן
אין אונזער לייב און לעבן און נשמה.

בלויז דער כוח פון די בעסערע שטעלן קען מיטשלעפּן אַזעלכע שורות און איבערגיין נאָכדעם צו פּאָעטישער אָרדנונג.

אָ, קלאַנגען, ריחות און קאָליר פון פריער קינדהייט
פון זייער ערשטן טיפן איינקריץ אין באַוואוסטזיין
פון וואָקסנדיקן קינד. דער רוף פון דער קוקאַווקע
וואָס האָט געהאַט איר נעסט אין ווייַנענדיקע ווערבעס
וואָס אין דעם ווינקל פון דעם גוי'אישן בית עולם, דער
אויסגעצויגענער
העל־זינגעוודיקער קלאַנג פון אַ געעפנט טיר,
וואָס איז געשטאַנען צוגעמאַכט דעם גאַנצן ווינטער.

מוחל דעם „טיפן איינקריץ אין באַוואוסטזיין פון וואָקסנדיקן קינד", וואָס דער פּאָעט פאַרטייטשט, אָבער ס'איז אין די שורות דאָך פאַראַן דער פיזישער (און הגם נישט מיט דער זעלביקער שטאַרקייט) אויך דער פּסיכישער טעם פון דעם איינקריץ אין דעם באַוואוסטזיין פון וואָקסנדיקן קינד.

פאַראַן קינסטלערס וואָס קענען אַרומנעמען די וועלט אין דער ברייט און זי אויך באַנעמען אין דער טיף. י. י. שוואַרצ'ס כוח ליגט נישט אין דער טיף און ווען ער וויל געבן דיכטערישן אַנאַליז, ווען ער איז זיך מתקנא אין דער קראַפט פון אַ ביאַליק, וואָס האָט געקענט נעמען אַ ריין־פּובליציסטישן מאָ־טיוו און אים געבן אומגעווײנלעכע גבורה, ווערט ער שוואַך און זיינע רייד ווערן אָן דאָס גאָלד פון לאַנגיאָריקער דורכטראַכטונג. ס'דאַכט זיך אַז מ'האָט זיי נאָר־וואָס געלייענט אין דער בלאַט צייטונג.

די בריוו זיינען גאָר אייגנטלעך קיין בריוו נישט,
ווי מיר פאַרשטייען בריוו, באַלד נאָך די ערשטע שורות
פון „מיין געזונט און דיין געזונט" און דאַנק השם יתברך.
וואָס ס׳איז קיין נייס נישטאָ — גייט באַלד דערנאָך, למשל:
ווי מיר האָבן גערעדט פון דער און דער הלכה...

די פּאָעמע „יונגע יאָרן" וועט, ווי געזאָגט, געפינען דעם וועג און זי דאַרף געפינען דעם וועג צו אַ סך אידישע לייענערס, אָבער ווען מיר וואָלטן געהאַט צייט פאַר הייסע פּאָעטישע דיסקוסיעס, וואָלט מען געמעגט אַ רעד טאָן וועגן דער דאָזיקער וואָג און מאָס, ביים שרייבן אַ לאַנגע פּאָעמע. אַ סך פּראָזע־ווערק פאַרמאָגן בלתי ספק הונדערטער זייטן, וואָס מ׳וואָלט געקענט אויס־שטעלן אין דער פּאָעטיש־וויזועלער אָרדנונג, ווי י. י. שוואַרץ טוט עס מיט צענדליקער זייטלעך פון זיין פּאָעמע. דאַרפן מיר אפשר פאָדערן מער פּאָ־עטישע אחריות פון אַזאַ דיכטער ווי שוואַרץ, וואָס דערציילט זייער וואויל, לאמור, אַזוי צו זאָגן —

כ׳האָב אים דערקאַנט דעם טאַטן, אין די בעסטע יאָרן
פון פולער רייפקייט, צווישן מיר, דעם מזיק, דעם מיזינעק
און צווישן עלטסטן קינד, אַ טאָכטער, איז געלעגן
אַ מהלך פון אַזעלכע צוואַנציק יאָר, אין שטוב
זיינען אַרומגעגאַנגען בלויז צוויי קינדער.
אַ שוועסטער, שוין אַ האַלב־דערוואַקסענע און איך.
אַ ברודער האָט געלערנט ערגעץ אין דער פרעמד

אויב מ׳קען אַזעלכע שורות אויסשטעלן ווי פּאָעזיע, עפנט עס נישט טיר און טויער (און אפשר דאַרף עס עפענען) פאַר צענדליקער פּאָעטן — פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, אָפּאַטאָשו, ראַבאָי, איגנאַטאָוו, ביז די סאַמע לעצטע וואָס ווילן שרייבן גוטע, געזונטע פּראָזע און ווייסן אַליין נישט ווי פּאָעטיש זיי זיינען, און אויף וויפל פּאָעטישע זייטן מ׳וואָלט געקענט אויסשטרעקן זייערס אַ ראָמאַן אָדער אפילו אַ קורצע דערציילונג?

כ׳נעם אָן, אַז דאָס דאַרף נישט אָנגיין דעם לייענער, וואָס וועט באמת דורכלייענען י. י. שוואַרצ׳ס לענגער אויטאָביאָגראַפיש ווערק מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם און געפינען דאָרט זייטן פון אומגעווייינלעכער שיינקייט: אין די קאַפּיטלען פון דער מאַמע, פון ליטווישן רב, אפילו אין די פּראָזאַאישערע בלעטער פון די ישיבה־יאָרן. דאָס איז אַ זייטיקע דיסקוסיע וועגן פּאָעזיע־און־פּראָזע־לאַבאָראַטאָריעס. אין פּאָעזיע האָבן מיר דאָס בילד, די סוגעסטיע, די קאָנדענסאַציע, דעם צוזאַמענשפּיל פון געזאַנג און געדאַנק, דאָס שעפערי־שע וואָרט, וואָס איז קפיצת הדרכ׳דיק, דאָס שפּילעוודיקע, דאָס חנ׳עוודיקע

וואָס ווייזט דעם דיכטער׳ס באַשטראַלט געמיט. דאָס אַלץ זעט מען נישט אין אַזעלכע שורות ווי —

אַביסל שפּעטער —
ווי נאָכן טרויעריקן שבת פון „חזון״
קומט אָן שבת־נחמו מיט טרייסט פון גאולה
אַזוי האָט דורכגעשניטן, ווי אַ שטראַל פון ליכט,
די גרויסע הערלעכע געשטאַלט: טעאָדאָר הערצל,
דער ניט־געקרוינטער מלך פון ישראל,
ביי זיין התגלות אין פאַרשטיקטן תחום.
די אַלטע ווילנע האָט געברומט, געשטורעמט,
אויף אירע טויזנטער און צענער טויזנטער.
דער בנין פון דער ווילנער אידישער קהילה,
די „צדקה־גדולה״ איז געווען באַלאַגערט —
מ׳האָט באַגעגנט אים ווי מ׳באַגעגנט מלכות.

אין די אַלע שורות איז בלויז פאַראַן איין אינווערסיע „באַגעגנט אים״ אַנשטאָט אים באַגעגנט, וואָס דערמאָנט אין אַ פּאָעטיש וואַרשטאַט.

אָבער י. י. שוואַרצ׳ס פּאָעמע פאַרדינט לויב פאַר איר וואַרעמער און נאָסטאַלגישער גאַנצקייט און נישט פאַר אירע אַריינגעשריבענע שוואַכע טיילן; פאַר אירע בעסערע שטעלן, וואָס זיינען גוט צום גומען און וואָס מ׳קען לייענען און איבערלייענען מער ווי איינמאָל:

די צוויגן בויגן זיך אין אַ געשפּאַנטן בויג —
אין גרויסער לאַסט, אַן עפּל צו אַן עפּל אָנגעגרייט,
אין דיקע שווערע פלעכטן, לאַנגע עפּלקייט
געשנירלט רויט אין גרין, דערפרייט דאָס אויג.
און אויף דער ערד — אין פולן היקף פון דעם בוים,
ליגט אָנגעוואָרפן אינעם גראָז דער עפּל פאַל —
אַ רונדער גליענדיקער טעפּיך, בליץ און שטראַל,
און בוים נאָך בוים, ביז אין דעם וייטן בלויען רוים.

יעקב פיכמאַן

אויף דעם בוך — „רעגנבויגן״, „די געזאַמלטע זכרונות, עסייען און לי־דער״, פון יעקב פיכמאַן, וואָס איז דערשינען אין אַרגענטינע, פאַרלאַג „בעסאַראַבער אידן״, קען מען אפשר בלויז טיילווייז אָנווענדן מענדעלע׳ס קלוגן זאָג, אַז אידיש און העברעאיש זיינען ביי אים געווען נאַטירלעך, ווי אָטעמען דורךביידע נאָזלעכער. כ׳זאָג טיילווייז, ווייל די אידישע זאַמלונג פון דעם באַרימטן העברעאישן שרייבער ווייזט אונז, אַז דאָס אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכער, אין דער פעריאָדע, ווען דער דיכטער און עסייאיסט, יעקב פיכמאַן האָט נאָך געשריבן אויף אונזערע ביידע לשונות, איז די צייט ווען ער האָט געאָטעמט דורך איין נאָזלאָך העברעאיש, אָדער, זאָגן מיר, ווען ער האָט געאָטעמט העברעאיש מיט דער פולער נאָז.

די רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם אידיש־דיקן פיכמאַן — יעקב באַטאַשאַנסקי און י. ל. גרוזמאַן — דערציילן אונז אין זייער אַריינפיר צום היפשן בוך, וואָס האַלט אַרום 350 זייטן, אַז „כמעט אַלע זאַכן וואָס דערשיינען אין אָט דעם בוך זיינען געשריבן אויף אידיש פון מחבר גופא״, בלויז עטלעכע געציילטע עסייען זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פון העברעאיש. ווען נישט די עטלעכע עסייען וואָלט די זאַמלונג מיט זיך פאַר־געשטעלט די אָריגינעל־אידיש פרוכטן פון דעם דורכאויס העברעאישן שריי־בער, וואָס האָט, ווי ס׳זאָגן עדות, די רעדאַקטאָרן, שטאַרק געבענקט נאָך אַזאַ זאַמלונג פון זיינע אידישע שריפטן. אַז יעקב פיכמאַן בענקט אַביסל נאָך אידיש, קען מען זען דערפון וואָס ער האָט נישט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכט אַן עסיי וועגן אידיש און העברעאיש אין „די גאָלדענע קייט״; און טאָמער איז דאָס וויניק, האָט נאָך זיין איינגעשלאָפענע, אָדער איינגעוויגטע ליבשאַפט צו אי־דיש, אַרויסגעבענקט פון אים אָריגינעל געשריבענע לידער, וואָס זיינען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין „די גאָלדענע קייט״. כ׳זאָג אָריגינעל־געשריבענע, און איך מוז זיך צוריקכאַפּן, ווייל כ׳האָב עס נישט גענוג דורכקאָנטראָלירט, כדי פעסטצושטעלן, צי האָט ער נישט אַליין איבערגעזעצט עטלעכע פון זיינע העברעאישע לידער אויף אידיש. אַז ער טוט דאָס אַמאָל קען מען זען וויב־ציקסטנס פון איין ליד זיינס — „ירושלים״, וואָס ער האָט אַליין איבערגעגעבן אויף אידיש, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס ליד געפינט זיך אויך אין

מרדכי יאָפּע'ס „אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע". אַביסל ווייטער וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף די צוויי איבערזעצונגען — אויף דער פרעמדער און געניטער האַנט פון דעם אַנטאָלאָגיסט און אויף דער אייגענער אידיש־אָפּגעוואוינטער האַנט פון דעם מחבר אַליין.

הן אין די לידער, הן אין דער עסיי וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „די גאָלדענע קייט", האָט מען נישט באַמערקט קיין פאַרעלטערטקייט אין פּרט פון לשון. ווייזט אויס, אַז די בענקשאַפט נאָך אידיש ביי אַ טייל העברעאישע שרייבער, איז מסוגל אָפּצוהיטן דאָס לשון, אין אַ העברעאישער אַטמאָספערע, נישט אין זין פון פרעזערווירן, נאָר אָפּצוהיטן עס מיט אַן אויג אפילו אויף אַלע אויפפרישונגען, פון קינסטלערישן און לעבעדיקן אידיש. ס'האָט זיך אין פיכמאַנ'ס נייע אידישע לידער נישט געשפּירט קיין חוני המעגל'דיקייט, אַז דאָ איז אויפגעשטאַנען אַ דיכטער, פון דער 1903 תקופה. איך רייזען האָט געהערט צו יענער עפּאָכע, אָבער רייזען האָט געשפּילט דאָס לשון ביזן סוף פון זיינע טעג, בעת יעקב פיכמאַן האָט פון 1919 אָן זייער ווייניק געשריבן אידיש, און פון 1927 אָן, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, כמעט ווי גאָרנישט.

יעקב פיכמאַן האָט זיך אַ סך מאָל ליב צו באַקלאָגן, נישט אָן אַן איראָנישן שמייכל אויפן חשבון פון די „מאָדערניסטן", אַז ער איז אַן אַלטמאָדישער און אַן אַלטפרענקישער שרייבער. ער האָט אָבער אויסגעשלאָגן גאַנץ פיינע הוצאות פון זיין אַלטמאָדישקייט, און אין זיין באַקלאָגן זיך איז געווען קאָנטיק, אַז דער דיכטער און קריטיקער ווייסט זיין גאַנצן און פולן ווערט.

ער איז איינער פון די שלימות'דיקע העברעאישע ליריקער און שענסטע זינגער פון תנ"כ'ישע מאָטיוון; איינער פון די דערהויבערס פון דער העברעאישער קריטיק, וואָס איז אין זיינע הענט געוואָרן אַ מיטל פאַר קינסטלערישן זעלבסט־אויסדרוק.

ס'וועט, גלויב איך, נישט זיין קיין פחיתת הכבוד, פאַר דעם קינסטלער יעקב פיכמאַן, אויב איך וועל זאָגן, אַז ווען מ'וואָלט אים געמשפּט לויט דעם איינציקן בוך וואָס זיין לאַנדסמאַנשאַפטלעכער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, די אידישע געזאַמלטע ווערק זיינע, וואָלט עס אונז געוויזן אַ קלענערן קינסטלער, ווי ער איז אין דער אמת'ן, אָדער ווי ער איז אויסגעוואַקסן שפּעטער אויף דעם ארץ ישראל באָדן. מ'קען נישט האָבן קיין טענות צו פיכמאַנען, אַז זיינע אידישע ווערק קלינגען פאַרעלטערט. זיי זיינען נישט פאַרעלטערטער ווי אַ סך אַנדערע עסייען און דערציילונגען פון יענעם פעריאָד. פאַרקערט, די גרעסערע עסיי, וועגן דער אידישער ליריק, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין 1911, ווי אַן הקדמה צו אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער פּאָעזיע — „די

אידישע מוזע", וואָס פיכמאַן האָט רעדאַקטירט, צוזאַמען מיט זלמן רייזענ'ען, פאַרמאָגט נאָך היינט אַ געוויסע פרישקייט און אַן אינטערעס. זיינע מיינונגען וועגן פּרצ'ס ביטראַג צום אידישן ליד זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנט. ער זאָגט אונז, אַז פרץ „האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען אָפּצוגרעניצן דאָס פאָלקס־טימלעכע פון דעם המונישן". וועגן דעם יונגן יהואָש'ן האָט ער געזאָגט, אַז „ער ווייסט צו ליכטיק דאָס וואָס מען באַדאַרף פילן. עס איז אָבער אַ הויך־אינטע־ליגענטער פאַרשטאַנד און זייער אַן אַנטוויקלטער גייסט". אינטערעסאַנט איז אויך דעם דיכטערס אָפּשאַץ פון דעם אַמאָליקן רייזענען, אַז אין זיינע לידער פילן מיר דעם קרעכץ „נישט פון די איינציקע, נאָר פון די טויזנטער און צענ־טויזנטער, פון די אויף וועלכע דאָס לעבן האָט אָוועקגעלייגט זיין שווערע האַנט". אויב ער איז אַביסל אומגערעכט צו מאָריס ראָזענפעלד'ן, איז עס דערפאַר ווייל ראָזענפעלד האָט געקענט אָפּשטויסן, אויפן ערשטן בליק, מיט זיינע עקסקורסיעס אין זייטיקע געסלעך פון בטלנות'דיקן חוזק און כלומר'שטן הומאָר. פיכמאַן האָט אויך, שוין דעמאָלט, אין 1911, געזען אין ליעסינען דעם ליריקער. „זיינע רעוואָלוציאָנערע און געזעלשאַפטלעכע לידער מאַכן נישט אַזאַ טיפן רושם".

די לענגערע עסיי האָט בפירוש אַ ווערט אויך פאַר דעם היינטיקן לייענער, אָבער זי ווייזט אונז נאָך נישט דעם שפּעטערדיקן, העברעאישן פיכמאַנען, מיט דער הויכער קולטור פון וואָרט, מיט דעם שוואונג פון אינספּירירטן וואָרט.

פיכמאַנ'ס אידיש נאָסטאַלגיע ווערט גאַנץ גוט אויסגעלעבט אין דער זייער פיין־צוזאַמענגעשטעלטער, לעבעדיקער איינזאַמלונג, אין דער סעריע „בעסאַראַבער אידן". און מיר, די לייענער, לעבן אויך־מיט די נאָסטאַלגיע, אָבער מיר ווערן ווייניק געזעטיקט. פאַרקערט, אויב מיר געדענקען די גאַנצע צייט, אַז מיר האָבן פאַר זיך די שריפטן פון אַ יונגן אידיש־העברעאישן שרייבער, ווען ער איז נאָך געווען אין די צוואַנציקער, אָדער העכסטנס אין די ערשטע דרייסיקער, פאַרדריסט אונז וואָס פיכמאַן האָט פאַרלאָזט דאָס פעלד פון אידיש־שאַפן. ווען מיר טרעטן אָבער צו מיט דער נויטיקער ליבשאַפט צוביידע לשונות, זאָגן מיר, אַז היות דער פאַעט האָט זיך אַליין נישט געטאָן קיין רעה, מוזן מיר אָננעמען פאַר ליב די אידישע אָנהויבערישקייט זיינע און זי פאַרבינדן מיט דער רייכער שפע פון זיין העברעאישער קינסטלערישקייט.

און דאָ ווילט זיך צוריקקומען צום זיידנס ווערטל וועגן די צוויי נאָזלע־כער, מ'דאַרף אַמאָל אַ רעד טאָן וועגן דעם, צי מ'קען טאַקע אָטעמען מיט ביידע נאָזלעכער — אידיש און העברעאיש, כ'מיין קינסטלעריש אָטעמען. דער פאַקט וואָס מענדעלע האָט באַוויזן די בריה'שאַפט, וואָס אהרן צייטלין, צו נעמען אַ היינטיקן ביישפּיל, באַווייזט, איז אפשר נאָך ניט קיין ראיה. אפשר

זיינען זיי עס די אויסנאַמען, וואָס באַשטעטיקן דעם כלל, אַז אַ שפּראַך מוז מען פאַרט אָטעמען מיט דער פולער נאָז און נישט מאַכן קיין צוויי־שפּראַכיקע קונסט־איבונגען.

ס׳קען זיין אַז יעקב פיכמאַן האָט איינגעזען דעם קינסטלערישן אמת און ויך אַריינגעטאָן ראשו ורובו אין העברעאיש, בעת ער האָט געזוכט שלימות ווי אַ העברעאישער קינסטלער: און פון דעם שטאַנדפּונקט קען מען דערפאַר זאָגן, אַז די זאַמלונג „רעגנבויגן" האָט אַ ריין ביאָגראַפישן ווערט, אַן עטאַפּ אין דעם גאַנג פון דעם קינסטלער פיכמאַן, בעת ער איז נאָך נישט געווען אַזוי איין־ברירה׳דיק, נאָר ער האָט באין־ברירה נאָך געהאַט פאַר זיך צוויי ברירות.

אָבער לייענענדיק דעם אידיש, וואָס ער האָט געשריבן, אין יענער צייט, זיין אידיש פון היינט, זיין העברעאיש, וואָס ער האָט געשריבן און יענער צוויי־ברירה׳דיקער עפּאָכע זיינער, קען מען אפשר קומען צו דער מסקנא, אַז ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז די אידישע נאָז פון אַ אידישן קינסטלער קען זיך זייער וואויל ספּראַווען מיט אונזערעביידע לשונות, ווייל די לשונות האָבן דורכגעמאַכט אַ כמעט טויזנטיאָריקע התקרבות. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה ווען מיר מוזן אָננעמען פּרץ׳ן, מענדעלי׳ן, ביאַליק׳ן, זלמן שניאור׳ן, צייטלינען און אַזאַ אינגערן דערציילער ווי ב. רעסלער און יונגן פּובליציסט ווי משה שטאַרקמאַן, נישט ווי די אויסנאַמען נאָר ווי פעסטע באַווייזן, אַז מ׳קען טאַקע דערגרייכן אַ באַלאַנסירט אָטעמען, דורך ביידע נאָזלעכער, מיט העברעאיש און אידיש.

אויב מען זאָל אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, הויבט אָן פאַרדריסן, ווען מען לייענט דעם אידישן איבערלאָז פון דעם העברעאישן דיכטער און קריטיקער, יעקב פיכמאַן. ס׳פאַרדריסט, פאַרוואָס ער האָט וויטער נישט געאָטעמט, גלייכצייטיק — אידיש און העברעאיש, פאַרוואָס דער אידישער איבערלאָז איז געוואָרן אַ פאַרלאָז, בעת ער האָט געקלעטערט אַלץ העכער און העכער, אויף קינסטלערישע העברעאישע הויכן.

און דאָ קום איך צוריק צו דער איבערזעצונג פון זיין אייגן ליד — „ירושלים", וואָס יעקב פיכמאַן האָט אויסגעמייסטערט נאָכדעם, ווי מרדכי יאָפע האָט עס איבערגעזעצט פאַר זיין העברעאישער אַנטאָלאָגיע. מרדכי יאָפע איז אַ גוטער איבערזעצער, און מ׳קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, אַז ער וועט זיך באַמיען צו זיין אַזוי נאָענט צום אָריגינאַל ווי מעגלעך. פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט זיך אויך מוזן נעמען אַזויפיל איבערזעצערישע פרייהייטן ווי מעגלעך, אין פּראָצעס פון איבערגיסן איין שפּראַך אויף דער אַנדערער.

אויך פיכמאַן האָט עס געטאָן; אויך ער האָט זיך גענומען די פרייהייט פון אַן איבערזעצער, אפילו ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין זיין אייגן ליד. ס׳איז

בפירוש כדאי צו פאַרגלייכן שורות־ווייז יאָפּע׳ס איבערזעצונג מיט דעם מחבר׳ס. אין דער זאַמלונג „רעגנבויגן“ האָבן מיר, ווי געזאָגט, דאָס ליד „ירושלים“, וואָס דער מחבר אַליין האָט געגומען אין די הענט אַריין. דאָס פּרעכטיקע שטימונג־ליד פון דער שטאָט פון אונזער בענקשאַפט האָט פערצן צוזאַמענגעפּרעסטע שורות פון אַ סאָנעט. די ערשטע פיר אין יאָפּע׳ס איבערזעצונג לייענען זיך אַזוי:

וועז דאָס געזאַנג פון טאָג גייט אויס, שיינט אויף אַ יעדער שטיין
אין פורפורדיקן פלאַמענשפיל און טריפט מיט שיינקייט;
און אַל די שיינקייטן וואָס האָט געהאַט דער טאָג אַליין
אַטפלעקן איצטער זיך אין ברענענדיקער ריינקייט.

ס׳איז נישט נייטיק צו האָבן פאַר זיך דעם העברעאישן אָריגינאַל. ס׳איז בלויז אַ שטודיע פון צוויי באַזונדער־געוואָרענע לידער. פיכמאַן גיט איבער דעם דיכטערישן זין פון די פיר שורות אַזוי:

שטאַרבט אָפּ דעם טאָג׳ס געזאַנג, טריפט באַלד ווי אָנגעצונדן,
די אַלטע פּראַכט אַראָפּ פון אַלע גראָע שטיינער,
און גלאַנץ וואָס איז אין טאָג, אין רוישיקן פאַרשוואונדן,
אַנטפּלעקט אין שקיעה־פלאַם זיך געטלעכער און ריינער.

מ׳דאַרף נישט זיין קיין גרויסער מבין צו זאָגן, אַז די פשטות פון פיכמאַנ׳ס אידישן פערז שטייגט אַריבער די פּאָעטישקייט פון יאָפּע׳ס איבערזעצונג. לאָמיר געדענקען, אַזביידע האָבן איבערגעזעצט, אָבער ביי יאָפּע׳ן איז אינגאַנצן אויסגערונען אַזאַ שטיק ירושלים, ווי — „די אַלטע פּראַכט (אַראָפּ) פון אַלע גראָע שטיינער“. יאָפּע האָט געגעבן אַ גוטע איבערזעצונג. דער מחבר אַליין האָט אין זיין אייגענער איבערזעצונג נאָך אַלץ געשריבן אָריגינעלע אידישע פּאָעזיע. יאָפּע׳ס „ברענענדיקע ריינקייט“ איז אַ שיין בילד, אָבער ביים מחבר פאַרשטייען מיר דעם פירוש המילות און דערפאַר ווערט דער פערז דערהויבענער. ער דערציילט אונז אַז אַלץ וואָס דער רויש האָט פאַרטושט — „אַנטפּלעקט אין שקיעה פלאַם זיך געטלעכער און ריינער“.

דער צווייטער פערז איז אַביסל געקינצלט ביי יאָפּע׳ן —

ווען טאָג־געזאַנג גייט אויס איך גיי מיר ווי אַ קינסטלער אום
און קוק אויס אומעטום באַהאַלטענע אַנטיקן;
רואינען זופן דאָרשטיק זייער בלוט, און ווי אַ בלום
פאַרהילט אין סוד טוט יעדער זייל־קרוין מיך אַנטציקן.

ביים פּאָעט יעקב פיכמאַן קלינגט עס נאָך אַלץ פּשוטער, אָבער דער צווייטער פערז ליידט אַביסל פון צופיל געהאַמעוועטקייט:

שטאַרבט אָפּ דעם טאָג׳ס געזאַנג, און אין דעם ליכט דעם לינדן
בליען חורבות ניי פאַריונגט, ווי אויפגעלעבטע ביינער.
און רויטלען זיך די מויערן ווי רויזן און ווי וואונדן —
און אייביקער פון דיר, און מער געבענטשט ניט קיינער.

די אויפגעלעבטע ביינער זיינען נאָך אַלץ שענער ווי „באַהאַלטענע אַנטיקן״, אָבער די „רויזן״ און די „וואונדן״ קלינגען אַביסל צו מאַני לייב׳יש פאַר אַ ירושלים־ליד. דערפאַר זיינען די לעצטע זעקס שורות בפירוש שענער, ווידעראַמאָל מיט אַ פשטות׳דיקער שיינקייט ביים פּאָעט אַליין, אין זיין אייגענער איבערזעצונג. —

נאָר ווען אין גאַרבנטוי דאָס ליכט פון מאָרגן רייצט מיך
און ווי אַ גרינער בוים, דער נייער טאָג פאַרפלייצט מיך —
מיין שוימנדיקן בעכער הייב איך אים אַנטקעגן.
אוי בשורה־לידער, קלינגט אויף אַלע ווייסע וועגן!
גלי אויף דו רויטער טאָג, און שטייג אויף די בערג פאַרגרויטע —
און מיט געזאַנג גיי, האַרץ, פאַרביי דעם טאָל פון טויטע.

אין מרדכי יאַפּע׳ס הענט זיינען די לעצטע זעקס שורות געוואָרן איבערגעזעצטע, אָבער דערפאַר פאַרטושטע שיינקייט. —

נאָר ווען דאָס ליכט מיט טוי באַדעקטע סנאָפּעס
און ווי אַ בוים דער טאָג מיט צווייגן טריי פאַרדעקט מיך,
אַנטקעגן אים מיט געזאַנג איך הייב דעם בעכער;
גיי אויף, דו טאָג, פון בערג אַ רויטער, אַ דערפרישטער,
און נישט פאַרשפּעטיק זיך, ווי לאַנג מיין בלוט באַגריסט דיך, —
און לאָז דאָ, האַרץ, דעם טאָל פון טויט און הייב זיך העכער.

ס׳איז קלאָר, אַז מ׳קען זיך אויף יאַפּע׳ן פאַרלאָזן מיט אַן איבערזעצונג פון אַ העברעאיש ליד. די לעצטע זעקס שורות — די קרוין פון סאָנעט — זיינען פּרעכטיק. אָבער ס׳איז נישט פאַרשטענדלעך, ווי ס׳האָט זיך פּלוצים גענומען דער „טאָל פון טויט״, ווען יאַפּע׳ס סאָנעט האָט בלויז גערעדט פון „באַהאַלטענע אַנטיקן״. אָבער ביי פּיכמאַנען האָבן מיר, אין פריערדיקע שורות, דעם אָנווייז אויף די „אויפגעלעבטע ביינער״ און דערפאַר קלינגט דער פינאַל „פאַרביי דעם טאָל פון טויטע״ לאָגישער און פאַרשטענדלעכער. אַ ליד ווערט נישט תמיד געבויט אויף פאַרשטאַנדיקער לאָגיק, אָבער פּיכמאַן האָט נישט געוואָלט פאַרטושן דאָס בילד אויך אין זיין איבערזעצונג.

וואָס איז פון דעם געדרונגען? דער פאַרגלייך פון דעם איבערגעזעצטן ליד, איןביידע נוסחאות, איז אינטערעסאַנט פאַר אַ ספּעקולאַטיווער שטודיע, וואָס גרויסע פּאָעטן, לאָמיר זאָגן — שעקספּיר, בייראָן, קיטס וואָלטן געטאָן

מיט זייערע אייגענע איבערזעצונגען, ווען זיי וואָלטן אַליין געקענט די שפּראַכן פון די איבערזעצונגען. אין דעם פאַל אָבער פון העברעאיש און אידיש זעט זיך די געוואַלטיקע קרובה׳שאַפט פוןביידע שפּראַכן. פיכמאַן האָט פּאַקטיש איבערגעגאָסן פון איין אָריגינאַל זיינעם, אין אַ צווייטן אָריגינאַל. ביי פיכמאַנען קלינגט זיין אייגן ליד אין אידיש — העברעאישער ווי ביי יאָפּע׳ן.

ברענגט עס אונז צוריק צו דעם, וואָס איך האָב שוין געזאָגט, אַז די זעל־טענע זאַמלונג פון פיכמאַנ׳ס אידישע כתבים, אין דעם „רעגנבויגן" פון דער בעסאַראַבער סעריע, וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי און י. ל. גרוזמאַן האָבן רעדאַק־טירט, רופט אַרויס אַ סך בענקשאַפטלעכע געדאַנקען מכוח דעם, וואָס פיכמאַן וואָלט געקענט אויפטאָן ווי אַ אידישער שרייבער, ווען ער וואָלט טאַקע גע־פּאָלגט דעם זיידן און געאָטעמט מיט ביידע נאָזלעכער — ביידע לשונות. אין דער לידער אָפּטיילונג פון „רעגנבויגן" (פאַראַן אין בוך רייכע אָפּטיי־לונגען פון ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, בעסאַראַבער געשטאַלטן, מעשיות, רייזעס, ארץ־ישראל פאַרצייכענונגען, עסייען וועגן ליטעראַטור און באַזונדערע העב־רעאישע און אידישע שרייבער, געשטאַלט־צייכענונגען פון הערצלען, יוסף טרומפּעלדאָר און א. ד. גאָרדאָן) ווערן געגעבן פיכמאַנ׳ס עטלעכע לידער וואָס געפינען זיך אין באַסינ׳ס ערשטער אַנטאָלאָגיע, וואָס איז דערשינען אין 1917. ס׳איז אַ סברא אַז דער דיכטער האָט זיי געשריבן אין 1905־04. די לידער ווערן געגעבן אָן שום ענדערונגען און פון איינצלנע פערזן זעען מיר, אַז יעקב פיכמאַן האָט זיך פאַרנומען אויפריכטיק צו ווערן אַן עכטער און נאַטירלעכער אידי־שער פּאָעט, מיט דער שענסטער אויפמערקזאַמקייט צום לשון. —

כ׳האָב ליב דעם מערב־רוים אין רויטן בלוט\
און אין די בערג דעם קלאַנג פון מיינע טריט.\
דאָס ריינע ליד מיינס קלאָגט נישט און נישט עס שעלט,\
נאָר איינזאַם קלינגט דאָס קול זיינס אין אָוונט־פעלד.\
אַלץ רויטער בלאַנקט דער אָוונט. קילער ווערט.\
כ׳האָב אַלץ נאָך ליב די שיינע, ליבע ערד.\
כ׳האָב ליב דעם סטעפּ־טוי און דעם פרייען ווינט.\
פון זיי האָב איך מיין טרויער־גאָלד געשפּינט.

וויפיל אידישע דיכטער, האָבן אין יענע יאָרן געשריבן שענערע פערזן, מיט אַזויפיל געזיכערטן צוזאָג אויף נאָך העכערן אַרויפשטייג און גרעסערן דערגרייך ?

דוד אײנהאָרן

דוד אײנהאָרן געהערט צו די פּאָעטן, וואָס מ׳דאַרף זײ אַלײן אױפזוכן. זוכט מען זײ אױף, קומט מען צו זײ מיט אַזאַ לאַמטערן, אַז דאָס זוכערישע ליכט וואָס פֿאַלט אױף די געפֿונענע לידער, גיט זײ צו אַ באַזונדערן אינטערעס. דער תענוג פֿון אױפזוכן די לידער האָט קנאַפּ וואָס צו טאָן מיט די מעלות, וואָס די לידער אַלײן פֿאַרמאָגן. דער אױסגעפֿינער באַלײכט זײ מיט אַ ליכט, וואָס באַטריפֿט זײ מיט אַלערלײ זכרונות און ער נעמט זײ אינגאַנצן אַרױס פֿון דעם קינסטלעריש־ענגען תחום, וואו מען געטרויט נישט די ווערטער, אײדער מען הערט זיך נישט אײן זײ גוט אײן. די ווערטער אין אַזעלכע אױפגעזוכטע לידער קומען מיט דעם רעכט פֿון אַן אײגן־געוואונענער אױפריכטיקײט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט שױן פֿריער אַלײן לעגיטימירט און אױף זײ געגעבן אַ חתימה, נאָכדעם ווי די דיכטערישע רײד האָבן זיך אַרײנגעשוואױרן, מיט זײער אמת׳דיקײט פֿון געפֿיל, אין דעם באַוואוסטזײן פֿון אַ גאַנצן דור.

אַנדערש איז ווען אַזאַ פּאָעט אַלײן פֿאַרבעט צו זיך אױף אַן אױסשטעלונג פֿון די אײגענע לידער. די פּערספּעקטיוון זײַנען זײַנע, די אַקצענטן זײַנען זײַנע, און דער טראָפּ וואָס ער וויל, אַז ער זאָל פֿאַלן אױף זײַן אײגענער אַנטוויקלונג איז זײַנער. בײַ אַזאַ אױסשטעלונג און צעשטעלונג פֿון לידער, גילט שױן נישט דער נאַציאָנאַלער אָדער נאָסטאַלגיש־סענטימענטאַלער קוק פֿון דעם אױפזוכער. ער מוז בעל־כּרחו אַרײַנדרײען זײַן לאַמטערנע, ער מוז אַפֿילו אײנשטילן דעם וויגנדיקן ניגון, וואָס מיט אים פֿרעפֿלט ער געוויינלעך אַזעלכע לידער. ער קומט אױף אַ קינסטלערישן יום־טוב און דער פּאָעט אַלײן, וואָס האָט אים פֿאַרבעטן, צווינגט אים צו זען די לידער, נישט אין צאַנק פֿון אַ גאַנצער אָפּגעמעקטער פֿאַרגאַנגענהײט, נאָר אין אַ ליכט פֿון אַ פּאָעטישער אַנטוויקלונג און וואוקס פֿון אַ קינסטלערישער פּערזענלעכקײט.

דוד אײנהאָרן איז אָבער מזלדיק דערמיט, וואָס אונזער דור אָפּשאַצערס קומט אױף זײַן שמחה אױך, מיט אַ גרײטן ניגון. אַזױ גיך ווי מיר טרעטן אַריבער די שוועל פֿון זײַנע „געזאַמלטע לידער״, וואָס דער פֿאַרלאַג „אַרבעטער־רינג״ האָט אַרױסגעגעבן, און גלײַך ווי אונזער אױג פֿאַלט אױף אַזעלכע ווילנערישע לידער, ווי — „מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול״, אָדער — „גע־

שטאַרבן דער אַלטער בעל־תפילה״, װאָס זײַנען באַרימט געװאָרן אין 1910, הערן מיר אויף צו זײַן קריטישע באַטראַכטערס, װײַל ס׳זינגט גלײַך אויף אין אונז דער ניגון פון דער אַמאָליקער װילנערישקייט. מיר װערן דורכגענומען מיט דעם טרויער, װאָס דער דיכטער האָט דעמאָלט אַרויסגעװאָרפן אויף אַ לעבע־דיקער יוגנט, פאַר װעמען די נאַציאָנאַלע ליריק איז נישט נאָר געװען פּאָעזיע, נאָר װעג־װײַזערישקייט, שאַרפע זעלבסט־קריטיק און אַ פּאָעטישער היתר אויף אַ רעליגיעזן מאַרקסיזם, בלויז עטלעכע יאָר נאָכדעם װי די זעלביקע יונגע לײַט, אין העמדלעך, האָבן פון שול־באַלעמערס געלעסטערט דעם אי־דישן גאָט און באַפוילן זיך נישט צו פאַרלאָזן אויף זײַנע ניסים.

נישט פאַראַן אין גאַנצן בוך פון די אַמאָליקע געזאַנגען קיין איין ליד, װאָס זאָל דערמאָנען אין דעם שאַרפן, פייער־מוסרדיקן און כעס׳דיקן פּוב־ליציסט אײנהאָרן. די געציילטע שטראָפערישע שורות אין יענע לידער זײַנע זײַנען אויך זעלבסטשטראָפעריש. דער װיגנדיקער, געצערטלטער טאָן זייערער, װאָס אײנהאָרן האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע, האָט גורם געװען, אַז די װערטער זאָלן נישט פאַלן װי האַמערקלעפּ.

47 יאָר פון דוד אײנהאָרנ׳ס שעפערישקייט װערן אויסגעשטעלט אין זײַנע „געזאַמלטע לידער״. דער פּאָעט האָט באַװוסטזיניק געװאָלט פאַרװישן דעם בהדרגה׳דיקן ביאָגראַפישן קלעטער זײַנעם, װײַל ער האָט צעװאָרפן זײַנע לידער נישט לויט די יאָרן — הגם די דאַטעס װערן געגעבן כמעט אונטער אַלע לידער — נאָר לויט דער פּאָעטישער אינהאַלטלעכקייט, אין די אײנגע׳סדר׳טע זעקס סעריעס. לידער װאָס ער האָט געשריבן אין װאָלקאָװיסק, װען ער איז נאָך געװען אַן אַכצניאָריקער, אָדער אַ 20יאָריקער יונגערמאַן, האָט ער גע־שטעלט לעבן די לידער זײַנע, װאָס ער האָט געשריבן אין די רײַפערע יאָרן — אין פּאַריז, בערלין און ניו־יאָרק. דער פּאָעט האָט דערמיט געװאָלט שפּיגלען איין ליד אין אַנדערן, די פריערדיקע יאָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן און װײַזן, אַז זיי, די ערשטע לידער פון װאָלקאָװיסק און װילנע, האָבן שוין פאַראויסגעזאָגט דעם רײַפערן פּאָעט פון שפּעטערדיקע יאָרן.

און אפילו אין דעם קונציקן צוזאַמענשטעל און אויסמיש פון אַלערליי לידער, גלוסט זיך אַלץ אויסצוקלײַבן די סאַמע ערשטע לידער אײנהאָרנ׳ס, װי ראָזשינקעס פון גאַנצן בוך. די שפּעטערדיקע פאַרזוכן זײַנע זײַנען אָן ספק שאַפונגען פון אַ מער אַנטװיקלטן מענטש, פון אַ מענטש מיט אַ ברייטער ערו־דיציע װאָס זײַנען הן אין ריטם און הן אין אימפּעט אַװעקגעפאַרן פון דעם פּאָעט, װאָס האָט אין 1907, אין זײַן באַרימט־געװאָרן ליד — „ליטע״, געזונגען די באַקאַנטע שורות:

עס האָט מיך געפֿאַנגען דער אומעט וואָס שוועבט אויף
די טונקעלע פעלדער
און רוט אויף די איינזאַמעביימלעך וואָס שטייען צעוואָרפֿן
אויף זיי;
דער בלויער פֿאַרטרויערטער הימל וואָס קוקט אַ פֿאַרוויינטער
אַרונטער
דורך ווייסלעכע, זיידענע נעפּלען און פול מיט אַ צערטלעכן וויי.

אין דער זעלביקער סעריע, נישט ווייט, שטייט אַ ליד, וואָס איז שוין גע־שריבן געוואָרן נישט אין וואָלקאָוויסק, נאָר אין בערלין, מיט גאַנצע 15 יאָר שפּעטער:

קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג.
טאַנצט מיין ווייס ציגעלע הינטער דעם נעפּל?
פֿאַלט פון די ביימער דאָרט גאָלדענע עפּל?
איז פון מיין ליבע דער ל'עצטער געזאַנג?
קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג,
גיי איך און גיי און טו קיינעם ניט פרעגן,
ליכטיקע נעפּלען פֿאַרשטעלן די וועגן,
ווערט מיר אין האַרץ אַזוי ליכטיק און באַנג.
קלינג־קלאַנג,
קלינג־קלאַנג,
אַזוי קלינגט עס מיר שטיל אויף מיין גאַנג.

כ'האָב בכיוון געגעבן אַ גרעסערן אויסצוג פון דעם בערלינער ליד, כדי צו ווייזן, אַז נישט נאָר איז דער פּאָעט איינהאָרן אַוועקגעפֿאָרן פון זיין וואָלקאָ־ווויסקער פֿאַרדבקה'טער און פֿאַרוויגנדיקער מוזיקאַלישקייט, פון געמאָסטענע און געציילטע רייד, פון דער וואַרעמער צוזאַמענהאַלטעוודיקייט זייערער, נאָר אַז דאָס יונגע ליד פון וואָלקאָוויסק איז אים קיינמאָל נישט נאָכגעפֿאָרן, און אַלע גוטע מעלות, וואָס איינהאָרנ'ס פריע לידער האָבן אַמאָל געהאַט זיינען געבליבן אין דער אַלטער היים און די שפּעטערדיקע לידער האָבן זיי מער נישט געקענט צוריקרופן.

בלויז טעמאַטיש און אינהאַלטלעך איז איינהאָרן געבליבן דער זעלביקער. זיין סימבאָלישע בענקשאַפט נאָכן פּרוכת, זיין געוויין אויף דער אויסגעליי־

דיקטער שול, זיין דערהערן דעם זיפץ פון דער אוממעכטיקער נאַציאָנאַלער שכינה, דאָס אַלץ איז פאַראַן אויך ביים פּאָעט אין פּאַריז און אין ניו יאָרק. אָבער אין די יונגע און ערשטע לידער זיינע, ווען דוד איינהאָרן האָט געזונגען פון זיין צייט, האָט ער די צייט געזען אויך אין שטח, דערזען אויך דאָס גע־שטאַלט פון זיין צייט און געכאַפּט דאָס פאַרבענקטע און אַנטוישטע קול פון זיין צייט.

לגבי די לידער פון יענער צייט זענען די שפּעטערדיקע לידער פון דעם אויסגעוואָקסענעם איינהאָרן, נישט מער ווי צייטווייליקע לידער. די אַמאָליקע לידער זענען געווען שלמות׳דיק, ווייל די תמימות זייערע איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ גאַנצער נשמה, ביי דער גאַנצער צעבראָכנקייט פון דעם אידישן אינטעליגענט, וואָס האָט פאַרלאָזן דאָס בית המדרש; ביי זיין גאַנצער זוכעניש זיינען זיינע לידער געווען אַ געפינס פאַר זיין דור. זיין דור האָט אין איינהאָרנ׳ען געפונען דעם פאַרבענקטן זינגער, וואָס האָט אים מוציא געווען, ווען דער דיכטער האָט געשיקט זיין עלנדע תפילה צום בעריאָזקעלע:

רואיק, רואיק שאָקלט איר געלאָקטעס, גרינעס קעפּל,
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תפילה.
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר.

אָבער אין דער זעלביקער אָפּטיילונג, 21 יאָר שפּעטער, אין פּאַריז, האָט איינהאָרן שוין אָנגעוואוירן דעם דאָזיקן שלימות׳דיקן און שליח־צבור׳דיקן טאָן זיינעם. ער האָט קיינעם מער נישט מוציא געווען, און ס׳איז אים שווער געווען זיך אַליין אויסצוזינגען אין אַזעלכע לייכטע פערזן —

די נאַכט־פייגל שוועבן,
ווי שאָטן פון זעגל;
עס זילבערט די בלייכע
לבנה איר שטעגל.
ווי שאָטנס פון זעגל
די נאַכט־פייגל שוועבן,
אין בלוילעכע נעפּלען,
פאַרהילט זיך דאָס לעבן.

דוד איינהאָרן האָט געשריבן אַ סך בלאַנקן פערז, ווען ער איז געווען זייער יונג, אָבער אַפילו אין זיין ווייסן, נישט געגראַמטן פערז, איז די שורה זיינע געווען שווער ווי האָניק. כ׳זאָג עס, מוזיקאַליש — לשבח. דאָס געזאָגטע און געזונגענע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. די פּראָזע פון זיין ליריש ליד (ווייל

אַפילו די לירישסטע לידער מוזן פאַרמאָגן די נויטיקע פּראָזע, וואָס האַרטעוועט דאָס גאָלד פון פּאָעזיע) איז נישט אָפּגעשטאַנען פון דער פּאָעזיע.

איך וויל, אַז מיין ליבע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַן ענגעס אַ יידישעס געסל,
וואו ס'שטייען די הייזלעך געדריקט, ווי אַ סטאַדע
פון שעפּסן, ווען ס'שרעקן זיי וועלפישע ציינער.

אַ חוץ די דערמאָנונג פון „ענגעס" און „יידישעס", וואָס איינהאָרן האַלט זיך ביי זיי נאָך עד היום, אין זיינע מייסטע לידער, איז די פּאָעטישע עברי פון ליד איינס מיט דעם זאָגעוודיקן אינהאַלט. דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין וואָלקאָוויסק אין 1905. איינהאָרן איז דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָר און ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער פינאַל פון ליד איז אַ בונדיסטישער, ווייל איינהאָרן איז געווען און געבליבן אַ אידישער סאָציאַליסט. אָבער אַפילו דער סאָציאַליסטישער פינאַל איז די קרוינונג פון דעם וואַרעמען ליד:

געאָרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטער
אַוועקגיין צום ליידנדן פאָלק און אים שענקען
די אייביקע, הייליקע ליבע.

מיט דער קאָלעקטיווער און נאַציאָנאַלער ליבע איז דער פּאָעט געוואָרן דער זינגער פון זיין יוגנט. זיין אייגענע ליבע איז געוואָרן אַלעמענס שיר השירים, מיט כמעט ביבלישע אַלעגאָריעס; נאָר דער עיקר איז, וואָס דער זאָגעוודיקער טייל פון דעם ווייס־פּערזיקן ליד איז געווען צוזאַמענגעפלאָכטן מיט געזאַנג פון ליד. אָבער אַ סך שפּעטער, אין אַ ליד — „צו וולאַדעק'ס טויט", ווען דער דיכטער וויל אונז עפּעס זאָגן, אויך אין אַ פרייערן פערז, טיילן זיך שוין זיינע ווערטער אָפּ פון ליד גופא און ער רעדט צו אונז אַזוי:

דיין ווערק אַ גאָט, איז קלאָגנדיק און שלעכט.
צו וואָס דאָס גלויבן, חלומען און שטרעבן
אַז יעדער פרידן ברענגט אַ נייעם קריג
און יעדער אויפשטאַנד ברענגט אַ נייע נויט!
עס איז אַ וועלט פון צאָרן, האַס און טרערן.

דוד איינהאָרן פון וואָלקאָוויסק, ווילנע — און פון די ערשטע יאָרן אין בערן איז געווען אַ דיכטער, וואָס די צייט האָט אים אַרויסגערוקט און אויפגע־רופן. זיינע דעמאָלטיקע לידער וועלן פאַרבלייבן אין דער אידישער פּאָעזיע, ווייל זיי זיינען געווען די אויטאָביאָגראַפיע פון אַ פאַרלוירענעם און אַן אַנ־טוישטן דור — פון דער באַוואוסטזיניקער יוגנט, וואָס האָט אין איינהאָרנען געפונען איר זינגער. אַ סך פון יענע לידער, ווען מען אַנאַליזירט זיי איצט, זיינען אָרים אין שפּראַך, אָרים אין בילד, אָבער זיי פאַרמאָגן אַ זעלטענע גאַנצ־

קייט און פייערלעכקייט. אויב מ׳וויל, איז איינהאָרנען דעמאָלט געלונגען אויך מוזיקאַליש אויסצודריקן זיין דור. אויב מיר זוכן היינט דעם וועג צו אידישער מוזיק דורך טראָפּ, איז אין איינהאָרנ׳ס יוגנט־ליד שוין פאַראַן דער לערנענ־דיקער בית המדרש טרויער — דינער און אומדירעקטער ווי אין רייזענס — „מאי קא משמע לן״. אָט די גאַנצקייט, אין דיכטערישער דורכפירונג, פעלט כמעט אינגאַנצן אין איינהאָרנ׳ס שפּעטערדיקע לידער. די 150 צוזאַמענגענו־מענע לידער זענען מאַטעריאַל פאַר אַן ערנסטער שטודיע, וואָס בלויז אַ שריי־בער, וואָס שטייט נאָענט צו איינהאָרנ׳ען און קען גוט זיין גאַנצן לעבנס־וועג, וואָלט געקענט ריכטיק דורכפירן. ער וואָלט באַדאַרפט ענטפערן אויף עטלעכע זייער וויכטיקע און האַרבע קשיות. ער וואָלט געמוזט פאַרענטפערן, פאַרוואָס אַ פּאָעט מיט אַזויפיל צוזאָג האָט אונז געגעבן אַזוי ווייניק גוטע לידער; פאַר־וואָס איז ער געוואָרן אַזוי אומפּראָדוקטיוו און אומשעפעריש, אַפילו אין זיין קליינער פּראָדוקטיוויטעט, צווישן 1912 און 1920, אין די אַכט יאָר נאָך זיין גרויסן טריאומף.

זאָל עס זיין אַז די אומפּרוכטבאַרע יאָרן זענען זיך צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ דראַמאַטישן אויפשוואונג פון דער אידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע? דאָ ביי אונז האָט מען שאַרף קריטיקירט איינהאָרנ׳ס פאַרגליווערטקייט. דער פּאָעט וואָס האָט מיט זיין ליריש־נאַציאָנאַל ליד נישט נאָר געעפנט אַ נייַ בלעטל אין דער אידישער פּאָעזיע, נאָר מיט זיין ניי־געעפנט בלעטל האָט ער אויך גע־שלאָסן אַן עפּאָכע, האָט זיך פאַרלוירן, און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז די אומ־פּרוכטבאַרע יאָרן זענען געווען יאָרן פון שווערער זעלבסט־קריטיק.

נאָך אָט די מאָגערע יאָרן, איז איינהאָרן געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער פּאָעט. ס׳איז אים נאָך געלונגען צו שרייבן עטלעכע גוטע און גאַנצע לידער ווי „פרידן״, „זינג דו״, „טשאַרלסטאָן״, אָבער בדרך כלל האָבן זיינע לידער פאַר־לוירן זייער אַמאָליקע חשיבות. זיין יוגנט־מוזיק האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון ליד, און אָן מוזיק האָט איינהאָרן קיינמאָל נישט געקענט באַשיצן זיין נאַ־קעטע פּראָזע, וואָס ער האָט געשריבן אונטערן איינפלוס פון די דייטשע עקס־פּרעסיאָניסטן, ווי, למשל, אין ליד „דערוואָרגענע פאַרלאַנגען״, פון פּאַריז, 1929.

און הינטער יעדן פענצטער
שטייט אַ מענש...
און ווערגט פאַרקלעמט
פאַראיינזאַמט און פאַרבלענדט.
פאַרשעמט,...
פאַרפרעמדט,

מיט ביידע הענט
די אייגענע פארלאַנגען.
עס איז אַ שרעקלעכעס געווערג,
אַז גאָט דערבאַרעם זיך!
קרבנות פאַלן יעדן טאָג מיליאָנען,
זיי וואַלגערן זיך
אויף יעדן ראָג
און פוילן אָפן פאַרן טאָג
און סמ׳ען אָפּ די לופט.
און יעדער פלאָנטערט זיך אין גאַס, געפאַנגען
אין טויזנטער דערוואָרגענע פאַרלאַנגען.

די אידישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ גרויסן היזק, וואָס איינהאָרן איז זיך געגאַנגען אַ ברוגז׳ער, פאַר זיך, און זיך נישט מתיחד געווען מיט דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט. אַ געמיש פון אומנויטיקער גדלות, עקשנות און באַליידיקטן שטאָלץ האָט דעם דיכטער אַרויפגעפירט אויף וועגן פון איינזאַמקייט.

אויב ער האָט אין דער יחידות געזוכט צו געפינען דעם פאָדעם צווישן דעם איצטיקן איינהאָרן מיט דעם זינגער פון — „געשטאָרבן דער אַלטער בעל תפילה״, איז עס אים זייער זעלטן געלונגען. זיין שאַרפקייט און האַרבקייט האָט אים מבלבל געווען די רעיונות, אויף זיין איינזאַמען דיכטערישן וועג.

ערשט אין 1938, ווען איינהאָרן האָט זייענדיק אין פאַריז, דערשפּירט דעם אָנקום פון שווערע טעג, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע גוטע לידער, ווי „די קרעטשמע פון ניט־געבעטענע געסט״, „אין קיינעמס לאַנד״, „אַ באַלאַדע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט״. אין די דריי לידער האָט זיך דער דיכטער צוריק אַרויפגעשלאָגן אויף דעם שליאַך פון זינגעוודיקער זאָגעוודיקייט. און ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין ניו־יאָרק, אונטער דעם שווערן איינדרוק פון די שוידער־געשעענישן, איז איינהאָרנען געלונגען צוריקצורופן דעם בצבור׳דיקן לירישן טאָן, וואָס איז געווען זיין גרעסטער פאַרמאָג, ווען ער איז געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור, אין די יאָרן פון 1904 ביז 1912. ער האָט אונז אין ניו יאָרק געגעבן אַ נייע, טרויעריקע ווערסיע פון זיין „שבת חזון״ פון וואָלקאָוויסק, אין 1910, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די דאָזיקע שורות —

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פריינט,
און גיי אַרויס מקבל זיין

די מלכה שבת מיט דיין צער
אין שטילן ראָזן נעילה־שיין.

אין ניו יאָרק האָט דער „שבת חזון 1942" אַזוי צוריקגערופן דעם אַמאָליקן הייליקן ציטער, מיט אַ צעבראָכן געמיט, נישט פון בענקשאַפט, נאָר פון יאוש און חורבן:

נעמט אַראָפּ דעם פּרוכת פון ארון
און לאָזט אים אַ נאַקעטן שטיין;
ווי יאָרצייטן ברענען די ליכטלעך
פון שבת אין שטילן געוויין,
ניט באַגעגנט די מלכה פון שבת
מיט רו און מיט ליכט, און מיט גליק,
פאַרוויקלט אייך אַלע אין שוואַרצן,
לאָזט אַראָפּ אייער טרויעריקן בליק.

זיין „תשעה באב 1941", „דער טויטער שיפער", וואָס טראָגט די שפּעטע דאַטע, 1944, ניו יאָרק, — דאָס זענען אַלץ לידער, וואָס אין זיי האָט זיך איינהאָרנען איינגעגעבן זיך צו דערהויבן איבער זיין פאַרעקשנטער און אומפּרוכטבאַרער איינזאַמקייט, וואָס האָט אים צו־אָפּט געשטערט, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, צו דערהערן און צו לייטערן זיין אייגן קול. אין אַזעלכע מאָמענטן פון זעלבסט־דערהויבונג איז אים אַפילו פון קורצע, אימפּולסיווע שורות, אָן אָנשטרענגונג געלונגען אַרויסצוקריגן אַ געזאַנגיקייט, וואָס פאַר־מאָגט אויך אמת׳ע פּאָעטישקייט.

פון זיין האַלב־צעשטערטער כאַטע
איז אַרויס אַ פויער
און האָט מיר שטיל דערלאַנגט
אַ קאַלטן וואַסער־טרונק.
איך האָב ביי אים אין בליק
דערזען אַ גרויען טרויער,
און אינם טרויער האָט
געגליט אַ רויטער פונק.
דאָס איז געווען דער אָפּשיין
פון אַ ווייטער שרפה;
מיין היים האָט הינטער מיר
געברענט אין פלאַמען רויט.
און רונד אַרום די פלאַמען
געטאַנצט האָט די מגפה

און אויף אַ פּייפּל האָט
איר צוגעפּייפּט דער טויט.

די גראַמען זענען אַלץ אָרימע און דאָס לשון איז אָן פאַרב, אָבער די שורות פאַרמאָגן עפּעס פון דעם אַמאָליקן איינהאָרן, וואָס האָט, אַ 23 יאָריקער בחור, געזונגען מיט גרויס צוזאָג קורצע תפילה׳דיקע שורות:

אַ שטילע נאַכט
אַ שטערן פאַלט,
פון הימל טיף
און ווערט נישט באַלד.
איך הייב מיין אויג
און נייג מיין קאָפּ,
מיין היטער וואַכט
און היט מיך אָפּ.
מיין היטער וואַכט
מיין היטער וואַכט
און שיקט זיין גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

ה. לייוויק

דאָס נייסטע לידער־בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים" איז אַ בוך פון קנאַפּע 400 זייטן, וואָס ה. לייוויק האָט אָפּגעקליבן פון זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן דורך די אַכט יאָר, פון 1946 ביז 1954. אַן אָפּקלייב הייסט, אַז די לידער־שפּע זיינע איז אין דער אמת'ן געווען נאָך אַ גרעסערע, אָבער דער פּאָעט האָט אויסגעקליבן דאָס בעסטע פאַר זיין בוך. דאָס זיינען די וועכנטלעכע לידער וואָס ה. לייוויק פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג. כ'בין זיך משער אַז דער דיכטער האָט אָפּגעקליבן בלויז די לידער, וואָס מ'קען אין זיי נישט געפינען קיין שפּור פון וועכנטלעכקייט, אָדער פון גע־שאַפנקייט אונטער דראַנג און צוואַנג פון באַשטעלונג; אָדער ווען דער צוואַנג זיי צוצושטעלן איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דעם אינערלעכן דראַנג זיי צו שרייבן. אין משך פון די אַכט יאָר האָט לייוויק נישט נאָר געשריבן זיינע וועכנטלעכע לידער, נאָר ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט זיין רייזע באַשרייבונג „מיט דער שארית הפליטה", דריי דראַמעס און הונדערטער אַרטיקלען. מ'רעדט געוועגלעך פון — לייוויקן צו לענגערע יאָר — י. י. סיגאַל'ס גוואַלטיקער שאַפונג־רייכקייט און מען שטעלט דערויף אַ קרומלעכן טראָפּ, ווי ס'וואָלט שוין פאַר זיך אַליין געווען אַ שלעכטער סימן. אָבער אָט איז לייוויק'ס קאָלאָסאַלע פּרוכטבאַרקייט און דאָך זעען מיר כמעט נישט אין לייוויק'ס נייסטן בוך קיין סימן פון יענער באַשטעלטער אָדער זיך אַליין געמוטשעטער שאַפונג־מידקייט, וואָס זאָל אונז ווייזן, אַז לייוויק איז חלילה אַרונטער פון זיין אייגענעם סטאַנדאַרט; אפילו די שוואַכערע לידער זיינען נישט אַרויסגעקינצלט, נאָר זיינען אַלע אין זיין באַקאַנטן פּאָעטישן נוסח, אפילו ווען זיי טראָגן אין זיך שפּורן פון ניט־דערקלעטערטקייט אויף דעם אייגענעם משופּע, וואָס אויף אים קלעטערט שוין אַזוי לייוויק באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט.

מען מעג דערפאַר שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק אַז גרויסע פּאָעטן זיינען גרויס, סיי ווען זיי זיינען קאַרג אויפן וואָרט, סיי ווען זיי זיינען ניט שפּאָרעוודיק און זיי ריזיקירן מיט איבערפלוס, ווייל ס'גייט דאָך אייגנטלעך אין דעם דערגרייכטן רעזולטאַט, וואָס דער פּאָעט טראָגט אויף זיינע פּלייצעס. ווי שווער ס'איז די פּאָעטישע משא — איז דעם פּאָעט'ס אייגענע דאגה,

דער עיקר איז וואָס שטעלט מיט זיך די משא פאַר, און נישט וויפיל מאָל ער איז געקומען צום אייגענעם קוואַל אָנשעפּן.

לייוויק׳ס גרעסטע מעלה איז זיין איינגעבוירענע קענטשאַפט צו קאָנען אוניווערסאַליזירן זיינע לירישע רייד. ס׳איז נישטאָ קיין צווייטער דיכטער צו אים אין אונזער פּאָעזיע, וואָס וואָלט אונז געקענט אַזוי איינשמועסן זיינע דיאַלאָגן מיט זיך, ווי ה. לייוויק טוט עס אין די מייסטע לידער זיינע. אַן אַנדער פּאָעט וואָלט זיך אַזוי ניט דערוועגט, אין דעם דורכשמועס מיט זיך, צו נוצן די גאַנצע ניט־היינטיקע און כ׳וואָלט געזאָגט ניט־היימלעכע דעקאָראַציעס פאַר דעם אויסשפּיל פון זיינע לידער. פאַר אַ ביישפּיל קאָן מען נעמען די סעריע פון צען לידער, וואָס לייוויק רופט טאַקע „דיאַלאָגן אין חלום" אין דער לעצטער אָפּטיילונג פון בוך. דאָס צווייטע קול וואָס טענה׳ט זיך אויס מיטן דיכטער אין חלום, וואָס באַפעלט אים אויפצושטיין אין ערשטן ליד, און דערפירט אים צום גן עדן אין לעצטן ליד — איז אַ קול וואָס וואָלט ביי אַן אַנדער דיכטער געקלונגען פאַלש און אָנשטעלעריש, און קיין לייענער וואָלט זיך ניט געלאָזט איינגלויבן אַזעלכע חלום־רייד. אָבער די פּאָעטישע דערציאונג וואָס מיר אַלע האָבן געקראָגן, פון לייוויק׳ס ערשטע לידער אָן, דורך דעם גאַנצן וויזיאָנערישן מהלך זיינעם, גיט אונז די מעגלעכקייט צוטרויעריש מיטצוחלום׳ען דעם גלייך־אויף־גלייך דיאַלאָג־חלום, דעם שמועס ערב־טויט צווישן פאַרגאַנג, איבערגאַנג און אייביק. אפילו די אומפאַרשטענדלעכקייט וואָס מ׳וואָלט אַן אַנדער פּאָעט נישט מוחל געווען, ווערט ביי לייוויק׳ס לייענער די אומפאַרשטענדלעכקייט, וואָס איר גאַנצער צויבער ליגט ערשט אין דעם ניט־דערקלאָרטן און אין דער מורא צו דערגיין צו בלענדיקער קלאָרקייט.

פאַר וואָס האָסטו פאַר מיר צעעפנט אַלע טירן ?
— „ווייל כ׳וויל דו זאָלסט דורך זיי אַריינקומען צו מיר".
אַז כ׳וועל אַריינקומען וועל איך נאָך מער פאַרלירן,
שוין בעסער צוריק פאַרהאַק זיי טיר נאָך טיר.
„כ׳האָב טירן שוין אַזויפיל מאָל געטאָן פאַרהאַקן,
און דעמאָלט גראָד האָסטו אין זיי געקלאַפּט מיטביידע הענט".
— צי מיינט עס אַז אין קנייטשן־תהום פון מיינע באַקן
האָסטו דאָס מאָל אַן אַנדער אָנקלאַפּער דערקענט ?

אָט דאָס סודות׳דיקע אויסטענה׳ן זיך אין חלום־דיאַלאָג, וואָס דער דיכטער אַליין רופט אין דריטן פערז פון זעלביקן ליד „סודות׳דיקע וואונקען", וואָלט ביי אַן אַנדער פּאָעט געקלונגען העכסטנס ווי אַ געקינצלטע טעמע, פאַר אַ ליד, אָבער ביי לייוויק׳ן איז עס דער שמועס וואָס ער פירט שוין מיט זיך

צענדליקער יאָרן, אין האַלב פאַרחלומט׳קייט, אָדער אויף דער וואָך, און וואָס ער פאַרקלאָרט אים פאַר אונז אַקוראַט אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ס׳איז נויטיק פאַר זיין ליד. ווי אַזוי ער דערגרייכט עס איז אפשר זיין סוד, אָבער די איבערצייגנדיקייט פון סוד, דעם בונד וואָס אַט די גע׳חלומטע וועלט האָט שוין לאַנג געשלאָסן מיט טויזנטער אידישע לייענערס, אויף דער גאַנצער וועלט, איז אַ פועל יוצא פון אַ גרויסער שעפערישער און עקשנותדיקער אויסגעהאַלטנקייט.

„ניט האָב קיין מורא, קלעטער! כ׳האַלט דיר ביי דער האַנט״.
מיר קלעטערן דאָך אויף דעם באַרג שוין יאָרן.
„ס׳איז ניט קיין באַרג און ניט קיין אויסבויג פון אַ לאַנד,
ס׳איז נאָר אַ שטויבל וואָס גאָטס פינגער האָט פאַרלאָרן״.

שוין יאָרן ווי לייוויק קלעטערט, און דער כסדרדיקער געקלעטער האָט געשאַפן די איבערצייגונג, אַז אים „קליידט״ דאָס קלעטערן, ווייל ער ווייסט ווי אַזוי מיט אַ מאַך פון אַ שורה צו אוניווערסאַליזירן דעם אַרויפשטייג און אים געבן דעם טייטש, וואָס גיט די אַסקעטישע פרייד פון התבטלות; אַז דער גאַנצער קלעטער מ׳שטיינס געזאָגט, די גאַנצע ברייטע און פאַנאָראַמישע באַרג־געאָגראַפיע איז ניט מער ווי אַ „שטויבל וואָס גאָטס פינגער האָט פאַרלאָרן״.

אָבער אַחוץ אוניווערסאַליזירן זיין אייגענע חלום־וועלט קאָן אויך דער דער פּאָעט ה. לייוויק דראַמאַטיזירן דאָס מינדסטע ליד זיינס. יעדער צונויפפאָר פון שורות, ווערט אין זיינע הענט אַ קליינע דראַמע. ס׳איז אָט דער זין פאַר דראַמע, וואָס גיט זיינע לידער די דימענסיע וואָס די לידער האָבן פאַר זיך געשאַפן. לייוויק דער דיכטער פון דראַמעס איז כסדר אויף דער וואָך אין די קלענסטע לידער. ער שפּילט־אויף זיינע לידער און ער שאַפט פאַר זיי דראַמאַטישע לופט און אפילו קאָנפליקט. ווען אין זיינע לידער געשעט גאָרניט, איז די לופט פון דער ניט־געשעענקייט אויך געשפּאַנט מיט דער דראַמע פון רייד, אָדער פון שורות־צוזאַמענשטוייג אויף דעם שטייגער פון טשעכאָוו׳שן דראַמאַטישן געמיט, ווען דאָס ניט־געשעענע פאַרמאָגט אין זיך אַ געפּרעסטע דערוואַרטונג. דער דאָזיקער חוש פאַר דראַמאַטישקייט גיט לייוויק׳ן דעם כוח צו פאַרוואַנדלען אַ סך קינסטלערישן שפּיל אין גרויסער דערהויבנקייט און פייערלעכקייט.

אין דער ערשטער סעריע פון דעם נייסטן בוך, וואָס איז, ווי דער דיכטער אַליין זאָגט אונז אונטער, אַ המשך פון זיין פאַריקן בוך „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען״, איז כמעט יעדער ליד אַ קליינע דראַמע, אין אינהאַלט און קאָנפליקט. ער קאָן אין אַ קליין ליד פון צוואַנציק שורות דורכפירן אַ

דראַמע, וואו גאָט אַליין זאָל זיין דער טראַגיקער, דער פּאַרשפּעטיקער, וואָס קומט אָן אויף איין מינוט צו־שפּעט אין אַ בונקער, וואו אַלץ האָט געלעבט „מיט איין מינוט פריער".

אויך ער קען נישט ברענגען צוריק די מינוט
ווען קינד צו אַ מוטערשן נאָפּל פאַלט־צו.
און ווען שוין נ אָ כ אַ ל מ ע ן פרעגט זיך: וואָס טוט
אין נאַכט פון נ אָ כ אַ ל ע מ ע ן גאָט־ברוך־הוא?

אָבער ניט נאָר אַזאַ חשבון־מאָנענדיק ליד, נאָר אפילו די שטילערע לידער אין דער אָפּטיילונג זיינען אַלע דראַמאַטיש. אין יעדער קליין ווערק הערט מען ווי ס'קלאַפּט אַ דראַמאַטיש געוועבק, וואָס דער דיכטער האָט אויסגעמייסטערט.

כ'בין היינט, ווי די ערשטע לוחות, צעשאָטן,
און כ'זע נישט זאָלסט קומען צוזאַמען־מיך־קלייבן;
צי ווילסטו נישט מער דיינע פייער־געבאָטן
אויף מיר, אויף מיין לייב, זיי נאָך אַמאָל שרייבן?

דער צעמורשטער קרבן ליגט אַ פאַרלאָזענער. אין דעם ניט אויפקלייבן אים ליגט שוין די דראַמע. די צעשאָטענע אידישע לוחות וואַרטן אומזיסט. די פייער־געבאָטן, איינגעברענט אין אידישן לייב, זיינען פאַרלאָשן. דער קרבן לעסטערט —

עס ווערן צונישט אַלע הימלען און הויכן,
אויב איך בין ניט מערער צו זיי קיין דערפליער.

די ביידע עלעמענטן לייוויק'ס קומען דאָ צום בולטן אויסדרוק: זיין דראַמאַטישקייט און זיין אוניווערסאַלער זאָג, וואָס פאַרוואַנדלען תמיד זיין ליד אין איבערצייגנדיקייט. אין דעם בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים" האָט לייוויק דערגרייכט ניט נאָר אינהאַלטלעכע איבערצייגנדיקייט, נאָר אויך וואָרט־איבערקלייבערישקייט וואָס האָט געפעלט אין טייל פריערדיקע לידער זיינע. האָט ער אויפגעבויט זיין קליינע דראַמע פון ליד און עס גוט אויס־געשטאַט, איז ער אָפּטמאָל געגאַנגען צום ציל דורך ווערטער־שטעכלקעס. אָבער אין די נייסטע לידער זיינע איז פאַראַן אַ קלאָרקייט פון וואָרט, וואָס פאָלגט דעם דיכטער געטריי, אַפילו ווען ער יאָגט זיך צום העכערן קלעטער. דאָס וואָרט שטייט ניט אָפּ, און די מיט־שליחות פון די גראַמען איז אויך פול און דערגרייכט אין דער גרעסטער צאָל לידער. די ווערטער, אַפילו די געפּאָרטע ווי „הוידע־וועלט" און אַפילו די קולטיווירטע, ווי „געשליידערס", זיינען ניט קיין בעל־כרחו־ווערטער צו דינען דער מינוט. נאָר זיי קלינגען ווי געשאַפענע פון ריינסטן אידישן קוואַל.

די שענסטע לידער אין בוך געפינט מען אין די צוויי אָפּטיילונגען — „דער ווייסער ניגון״ און „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״. די לידער פון דער צווייטער און דריטער אָפּטיילונג ווייזן אונז דעם דיכטער אין זיין שענסטער הויך — אויף דער נידער. די דערמאָנונגען פון היים, מאַמע און טאַטע, וואָס צו זיי קומט לייוויק צוריק, ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, אין זיינע לידער, און די קלאָרע עפּל־ווייניקע נאַטור־לידער וואָס זיינען אייניציק אין דער אידישער פּאָעזיע, זיינען מיר נאָענט, ווייל די דראַמאַטישקייט זייערע איז שטוביק און איז אַרומגערינגלט מיט די דריי דראַמאַטישע ווענט פון לעבן, אָדער מיט דעם באַשערטן אויג־שטח פון אַן ערדישן דרויסן, אָן דעם גע־שטערטן אַריינמיש פון איבערערדישע דיאַלאָגן. דער הימל איז הימל צו גאָט — און דאָס קליינע שטיקל ערד וואָס לייוויק דראַמאַטיזירט מיט זיין גרויסן כוח, גיט אונז ערשט דאָס געפיל, אַז אויף אונזער אייגענער פלאַך דרייען זיך אויך אַרום גאָט׳ס ריזן. אפילו אויף דעם פּשוטן שפּאַציר אַנטפּלעקן זיך וואונדערס.

ווֹאָלקנס נידערן אַרונטער
אין גאָלדבלוי און ווערן צעשוואומען,
בערג־שפּיצן נויגן זייערע קעפּ
צו אַלע אַרומען,
די לויטערע נאַכט איז געקומען.

די גרויסע מאַמע־און־טאַטע־לידער אין דער אָפּטיילונג און דאָס געדע־כעניש־קינד וואָס טויכט עס אַלץ אַרויס, מיט גרויס וואונדער, פון זכרון, פאַר־מאָגן באַשרייב־ווערטער פאַר דעם מינדסטן אויפריר פון געדענקשאַפט. איינס פון די שענסטע לידער פון דעם מין איז „די בעקערין״.

דער טייג אין מולטער הייבט זיך הויך און העכער,
דער הייוון שטראָמט אין אים, ווי אין אַ לייב דאָס בלוט,
דער טייג נעמט אָטעמען דורך אויפגעיוירטע לעכער.
פאַרטאָג. די מאַמע היט די ריכטיקסטע מינוט.

דאָס קורצע ליד עפנט זיך סימפאָניש, און דעם דיכטער׳ס זכרון פאַר־יונגט ניט נאָר זיך, נאָר די מאַמע ווערט איינגער און פרוילעכער —

די מאַמע טוט אַריין אין טייג די ווייסע פינגער,
די אָפּגעדעקטע אַקסלען אירע נייגן זיך אַראָפּ;
ווי יונג זי איז, ווערט איר פאַרטאָג־געשטאַלט נאָך אינגער,
ווען דער באַגינען נעמט אַרומשטראַלן איר קאָפּ.

די מאַמע נעמט אַרויס צעווירטע שטיקער
צעוואַרעמטע, און פלעכט זיי אויף אַ ווייסער ברעט,
די ווערט פון ווייניק־זיסן טייג גערוך ווי שיכור
און פאַלט אַ רגע צו צום ווענטל פון איר בעט.

אין אַזאַ ליד איז אפילו די פּראָזע־שילדערונג פון די „צעווירטע שטיקער" דראַמאַטיזירט און געשפּאַנט. דאָס פאַרטאָג־געשטאַלט פון מאַמע־פרוי ווערט דערהויבן צו גאָט, פון דער ליבער מענטשלעכער נידער, מיט אַזוי ווייניק טעאָלאָגישער האַרבקייט, וויפיל ס׳קאָן אַרויף אויף מוטערלעכע ליפּן.

אין אָט דער רגע גיט איר גאַנצער גוף אַ ציטער,
און אירע באַקן ווערן שעמעוודיק, אָט בלאַס, אָט רויט,
ווען אירע ליפּן מורמלען: גאָט, באַשיצער און באַהיטער,
כ׳טו תפילה, אַז געראָטן זאָל זיין מיין ברויט.

דער דיכטער נעמט־אויף איר תחינה׳דיק געבעט און ער שילדערט פאַר אונז ווייטער די דלת אמות פון דער בעקערינס וועלט מיט אַ זעלטענער וואָרט־געטריישאַפט —

איר תפילה ווערט דערהערט. אין אויפברויז פונעם הייוון
די ברויטן שפּאַרן צו דער קיילעכדיקסטער הויך,
און אָט איז שוין געצונדן און צעפלאַמט דער אויוון
אין ריינער פלאַקערדיקייט אַן געמיש פון רויך.

אין דעם ליד זעט זיך די פולסטע דערגרייכטקייט פון דעם נאָענטן און אינטימען לייוויק, וואָס אַלע זיינע בעסטע מעלות, וואָס מען געפינט אין זיינע דערווייטערטע אָדער דערהויכטע לידער — די דראַמאַטישע אינטענ־סיווקייט און דעם אוניווערסאַלן אָטעם — געפינט מען ערשט אין דער ריינסטער מאָס אין זיינע פשטות׳דיקע לידער, וואָס מאַכן דעם דיכטער, אויף דער נידער, נענטער און ליבער, ווי אין זיינע קלעטערדיקע לידער. כ׳וואָלט געזאָגט מיט דער נאַר־וואָס ציטירטער שורה, אַז די דאָזיקע דער־גרייכטקייט איז תמיד — „אין ריינער פלאַקערדיקייט אָן געמיש פון רויך". דער לעצטער פערז פון ליד ווייזט אונז, ווי נאַטירלעך ער קאָן אויפהויבן דאָס ליד פון אויוון־ליכט צום פייער פון אַ גרויס געזאַנג.

אַ גוטער סימן אַז אַ שפּע־טאָג וועט קומען,
אַ טאָג פון מזל אויפן אויסגעחלומטן יריד;
און אפשר אויך אַ צייכן, אַז דאָס שטעטעלע איהומען
וועט אויפגיין ווען, ווי פייער אין אַן אוונט־ליד.

כ׳האָב ליב ווען דער פּאָעט לייוויק באַזעצט זיין „אויסגעחלומטן יריד" מיט פשוטע מענטשן, און ער שענקט זיי די אַלע מעלות, וואָס ער פאַרווענדט

אויף זיין אויסגעפייניקטן שמועס, וואָס ער פירט מיט זיך. מיר ווערט וואָרימער ווען גאָט׳ס אָטעם פלאַטערט אַרום פשוטע בענטש־ליכט —

צוויי מעשענע לייכטער אויף ביידע זייט שאַנק,
צוויי צייכנס ירושה אין אַלטקייט געבויגן,
די רינגען, געטאָקטע, מיט געל־בלענד באַצויגן,
זיך וויקלען אין חלום פון שבת־ליכט צאַנק.
אַ חלום אַ זיסער ווי קידוש־געטראַנק:
צען מאַמעשע פינגער אַריבער די אויגן,
אין פלאַטער פון טאַנציקע פלעמלעך, זיך נייגן
צו גאָט פון אברהם אין ליב און אין דאַנק.

פון די דאָזיקע דערגרייכטע שורות, פון אָט די „טאַנציקע פלעמלעך" שעפּ איך צוטרוילעכקייט וואָס איך שענק דעם פּאָעט, אַפילו ווען ער קלעטערט אַוועק פון אונז און צינדט פאַר גאָט — מזבחות.

און די זעלביקע טיפע פיזישע באַשטימטקייט שפירט מען אין אַלע זיינע „עפּלדיקע" לידער פון דער דריטער אָפּטיילונג. לייוויק גענעראַליזירט ניט אין זיי, נאָר ער ווייזט אַרויס גרויס מייסטערשאַפט אין דער דעטאַלירונג. ער איז ניט קיין פריקרע נאַטור־באַזינגער און נאַטור־באַשרייבער, וואָס טראַכט אויס פאַרגלייכן, נאָר ער געפינט די אומגעצוואונגענע פאַרגלייכן דירעקט אין דער וואַלדיקייט, אין דעם בוים, אין דעם ווערטער־אַריינבייס אין עפּל גופא, כמעט אין אַלע זיינע נאַטור־לידער —

אַ דריבנער רעגן זיפּט זיך פון באַגינען
און זיפּט זיך אין דער טיף פון וואַלד אַריין;
קאָנסט שטענדיק עפּעס אין דער וואַלדיקייט געפינען
וואָס זאָל פאַר דיר אַ וואונדער־צייכן זיין.

ער האָט ניט קיין מורא צו באַשרייבן די שיינקייט גופא מיט אירע אייגענע מיטלען, ווי אין זיין ליד אַ „זונרויז" —

אויף אַ בייט פון ברעקלעך בלומען
וואַקסט אַ זונרויז הויך און דין.
ציכטיק־געל איר קרוין צענומען
אויף אַן אונטערהויט פון גרין.

דער דיכטער קומט נאָענט צו באַטראַכטן די בלום באָטאַניש און ער זוכט אויס אפילו איר „אונטערהויט", ווייל ער האָט געוואוסט אַז ער וועט די זונרויז אַ באַוועג טאָן און זי דראַמאַטיזירן און אַפילו געפינען פאַר איר אוניווערסאַלע קוים־טייטשעוודיקע סימבאָלישע רייד —

אין די טעג פון שפעטן זומער
בייגט די זונרויז איין איר קאָפּ
שווער און שווערער, קרום און קרומער,
מיט דער גאַנצער קרוין אַראָפּ.
נידערט, זינקט דער געלער עיגול
אינעם גאָלד פון אָוונט־שײַן,
און די שטאָם־בלעטער, ווי פליגל,
זינקען־מיט אין נאַכט אַריין.

אין דער זעלבער עפּלדיקער אָפּטײלונג איז פאַראַן אַ ליד פון פערציק שורות — „דאָס יום־טוב־בלימל". דער פּאָעט דערציילט אונז אַ דערמאָנונג, וואָס ער האָט געזען, ווען ער, אַ קליין אינגל, איז פאַרקראָכן אין אַ פאַר־וואָרלאָזט וואַלד־הויז —

און זע נאָך מער — אין אַל־קאָלירטע צונגען
צעפלאַקערט שטייט דער וואַלד אַריבער אַלע שטאַמען;
עס נעמט קיין קלענסטע רגע ניט, און כ'וועל פאַרשלונגען
אין טיפעניש פון אויסטערלישע ביימער־פלאַמען.

אין דעם איינזאַמען וואַלד־שטיבל אין מיטן „אַ געבערגל־שטיינער" ליגן פאַר זיינע אויגן אויסגעלייגט פרישע בלומען.

אַ יעדעס בלעטל אָטעמט נאָך פאַר זיך, אין זיך, באַזונדער,
ווי ס'וואָלט אָט ערשט די זאַפטן פון דער ערד פאַרנומען.

אין דעם נייסטן בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס אין פאַרלאַג „קיום", געפינט מען צענדליקער וואונדער־לעכע לידער, וואָס זיינען אַ גרויסע פּיזישע דערפרייאונג, ווייל זיי זיינען יונג מיט דערמאָנונג־וואונדער און רייף אין וואָרט און בילד; און יעדע שורה „אָטעמט נאָך פאַר זיך, אין זיך, באַזונדער, ווי ס'וואָלט אָט ערשט די זאַפטן פון דער ערד פאַרנומען".

מיט רייפקייט, דורכגעציטערט און דורכגעוויטאָקט מיט קינדישן וואונ־דער, איז לייוויק געקומען מיט זיין גרויסן עול צום אידישן ליד.

א. לעיעלעס

וועגן דעם בוך „פאַניע" וואָס איז דערשינען צום יאָרצייט נאָך פאַניע גלאַנץ, די פרוי פון א. לעיעלעס־גלאַנץ, האָט מען געקענט און אפשר באַדאַרפט שרייבן, נישט באַרירנדיק דירעקט און באַזונדער דעם מאַטעריאַל, וואָס איז צונויפגעזאַמלט אין דעם קליינעם טרויעריקן בוך, וואָס איז נאָך טרויעריקער געוואָרן דערמיט, ווייל איינער פון די מספּידים — יוסף אָפּאַטאָשו איז אויך, עטלעכע חדשים נאָכן יאָרצייט, אַוועק פון אונז. פאַר מיר, וואָס שטייט שוין איבער דרייצענדליק יאָר אַ נאָענטער עדות פון דער דאָזיקער גורל־דיקער פאַרקניפּונג פון דריי משפּחות, איז דאָס בוך — „פאַניע" באַזונדער טראַגיש. די נאָענטע אונזערע וואָס זיינען טיף איינגעגראָבן אין זכרון שטאַרבן אויך אַוועק אונזער לעבן, ווען זיי שיידן זיך פון אונז אויף אייביק, ווייל זיי נעמען־מיט אונזערע יאָרן פון צוזאַמענגעוועבטער געדענקעניש.

וואָלט מען געקאָנט שרייבן וועגן דער פערזענלעכקייט „פאַניע", וועגן דער פרוי וואָס טראָגט שטום און ליב איר אייגענע ניט־דערפילונג פון גרויסע יוגנט חלומות, וואָס האָט זיך אַמאָל איינגעביסן אין לעבן מיט שאַרפע ציין און זיי אָפּגעלאָזט —

אויב ווינציקער, ווי ס'העכסטע — ליבערשט שטרויכל.

דאָס איז אַ ציטאַט פון א. לעיעלעסעס פּאָעמע „פון דרימל ביז דרימל", דאָס קלאָג־ליד וואָס איז דער תוכן פון דעם בוך „פאַניע". אָט די איינציקע שורה איז אַ צוגאַנג צו דעם פּאַרמעסט און צום אונטערגעשריבענעם שלום מיטן לעבן, אין כסדר'דיקן געראַנגל און אין קלוגן אונטערגעבן זיך. מען האָט נאָך ביי אונז נישט גענוג געשריבן וועגן דער אידישער פרוי, וואָס איז אַרויס, צוזאַמען מיטן מאַן קעמפן אויף די באַריקאַדן פון לעבן און מיט גוטע איבערצייגנדיקע רעכט אויף גלייכע רעכט — דער קאָפּ, דאָס האַרץ, דער שוואונג, דער אָנגעצייכנטער פלאַן פון אַ באַזונדערער אויסטיילעוודיקער ראָלע, אָבער אַלץ ווערט ביסלעכוויז אונטערטעניק דער פרייד פון מו־טערשאַפט —

אָ, טאַטע ליבער, איך האָב אויסגעטראָגן
דריי קינדער אייגענע מיט פרייד פון פרילינג.

צווישן די שורות פון א. לעיעלעסעס פּאָעמע קלאָגט אויך דאָס טיפע וואָכן איבער אַן אייגענעם מענטשן, מיט אַ באַזונדערן חלום, וואָס האָט געפונען דעם באַשייד אין דעם גרויסצוגיקן חלום פון מאַן. אָבער דער מאַן קען זיך נישט אויסצאָלן פון שווערן חוב, וואָס ער איז געוואָרן דער שפּיגל פון אַ רעזיגנירטער ביאָגראַפיע.

וואָלט מען אויך געמעגט און געדאַרפט זיך לענגער אָפּשטעלן אויף דער משפּחה׳שאַפט פון דריי גרויסע ליטעראַרישע הייזער און אויף דער גרויזאַמער איראָניע, פון יוסף אָפּאַטאָשו׳ס בכיוונדיק־געדעמפטער פאַרצייכענונג, מיטן ריטם פון זייגער־טיק, די שווערע שעה׳ן פון נוטה־למות, בעת איבער אים אַליין איז שוין געשטאַנען דער אומגעזעענער און געמאָסטן די צוגעשפּאַרטע וואָכן. אָפּאַטאָשו האָט נישט געוואוסט אַז ער פאַרצייכנט קורץ דעם סטאַקאַטאָ פון פאַניע גלאַנצ׳ס שורות, פון אַ ליד וואָס זי האָט געשריבן מיט אַ 17 יאָר צוריק —

איך קום,
איך קום
אַהין,
וואו דו.

די צוגעבונדענע געדענקשאַפט וואָס רינגלט אַרום דעם טויט פון פאַניע גלאַנץ, ווי ס׳קומט צום אויסדרוק אין דעם בוך „פאַניע״, געהערט צו אַ געביט וואָס איז, אין איצטיקן מאָמענט, באמת איבער מיינע כוחות. מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון איבער דער מאָס טרייסט, וואָס אַזאַ טיפער משפּחה׳דיקער טרויער טראָגט אין זיך. וויפיל צערטלעכקייט איז פאַראַן אין אַזעלכע צוויי שורות פון לייוויק׳ס הספד־ליד, וואָס איז איינגעשלאָסן אין דעם משפּחה־דיקן בוך:

טו אַריין מנוחה אין די נאָכגעלאָזטע פינגער,
בענטש זיי און באַשיץ זיי אויפן ווייסן בעט.

באַשיץ זיי, ביז צו דער לעצטער רגע, ווען זיי ווערן אַנגעבלייאיקט מיט אייביקער מנוחה.

מיט אָט די אַנגעוואָרפענע שורות פאַרלאָז איך די טרויער־מאָמענטן פון בוך, „פאַניע״, אויף וויפל זיי האָבן אַ שייכות מיט דעם אונטערגעצייכנטן סך־הכל פון אַ לעבן, און איך טרעט צו צו צוויי פּאָעמעס פון א. לעיעלעס, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין דעם איינציקאַרטיקן געדענק בוך. די פּאָעמע „וואודפערן פאַרם״, וואָס באַשטייט פון 29 עלף שורה׳דיקע לידער, און די פּאָע־מעמע — „פון דרימל ביז דרימל״, וואָס איז געטיילט אין עלף קאַפּיטלעך און איז געשריבן אין פיר שורה׳דיקע פערזן. די גראַמען־סכעמע איז איןביידע פּאָ־

עמעס די זעלביקע — די ערשטע שורה געגראַמט מיט דער דריטער, און די צווייטע מיט דער פערטער. אין דער פּאָעמע „וואודפערן פּאַרם״, מחמת דער עלף שורה׳דיקער לענג, ווערן די לעצטע צוויי שורות געגראַמט צווישן זיך און די עלפטע שורה איז אַן אָריגינעלער, עלעגישער נאָכקלאַנג, מיט דעם זעלביקן וואָרט „מיר״, וואָס איז דער סוף־פּסוק פון יעדער פון די 29 עלף שורה׳דיקע לידער.

אָט די ניין און צוואַנציק מאָל — „מיר״ גיבן יעדער באַזונדער עלף־שורה׳דיק ליד אַ טראַגישן פינאַל, וואָס איז ניט קיין פינאַל, נאָר אַן עכאָ. מאָריס ראָזענפעלד האָט עס אַמאָל געפּרואווט אין זיינס אַ ווייס־פּערזיק ליד — „ביים ברעג וואַסער״. יעדער פינפטע שורה פון אַ פיר פערזיק ליד ענדיקט זיך מיטן וואָרט „איך״, און דער איינדרוק איז אויך פון אַ ציטערדיקן פּאָעטישן עכאָ — „עס קוקט דער מאָנד און איך״, „עס קוועלט דער מאָנד און איך״, „עס הערט דער מאָנד און איך״, „עס שוויגט דער מאָנד און איך״. אָט די פיר וואַריאַציעס אויף „איך״ זיינען געווען ראָזענפעלד׳ס אַקאָמפּאַנירונג, וואָס האָט איינגעוויגט יעדער באַזונדערן פערז.

א. לעיעלעס וויגט ניט איין זיינע עלף שורה׳דיקע לידער, מיט די ניין־און־צוואַנציק מאָל מיר. אי ער פאַרקניפּט זיי מיטן מוזיקאַלישן אינהאַלט פון ליד, אי ער לאָזט יעדער עלפטע שורה אַ ציטער טאָן אין דער לופט, אין דער־וואַרטונג פון דעם פערז וואָס קומט.

„וואודפערן פּאַרם״ איז אַ פּאָעמע, וואָס איז אַן אַרויפשטייג אין דער דיכ־טערישער קאַריערע פון דעם מייסטער־פּאָעט א. לעיעלעס, וואָס האָט זיך ליב אַרומצורינגלען מיט מורא׳דיקע דיכטערישע נסיונות, כדי צו זען ווי ער וועט פון זיי אַרויס. דער נסיון איז נאָך גרעסער, וואָס אין דער פּאָעמע איז דער אינ־האַלט אַ טיף־מעדיטאַטיווער, און אויף דער קאַנווע פון מעדיטאַציע, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, שפּילט דער דיכטער אויס זיין ברייטע אומגעהייערע פערז־קענטשאַפט. די גאַנצע פּאָעמע איז אַ זיג, ווייל א. לעיעלעס האָט מיל־טאָניש באַוויזן דאָס וואָס איז שווער פאַר אַ דיכטער צו באַווייזן — אָנצו־שרייבן דאָס מוזיקאַליש־פילאָזאָפישע ליד, זינגענדיקע געדאַנקען, וואָס האַלטן אויס עמערסאָנ׳ס מאָס — זיי זאָגן נישט אויס אַלץ, זיי טראַכטן בלויז אָן אַ טאָן, זיי לאָזן איבער דעם פלאַטער פון ניט־דערזאָגטן.

און די פּאָעמע האָט צו טאָן מיט „שווערע״ פּראָבלעמען — גאָט, מענטש, זין פון לעבן, יסורים, פרייד, וועלט־שחיטות, אומברענג, טראַפּנס לעבן.

דו האָסט פאַרטראַכט אַ טרייסט — געמאַכט אַ פורעם
פון זיך און אים באַטיטלט מאַכטיק־גאָט.

העננסט קונציק אַן אויף אים אַ ים יסורים,
אַמאָל אַ טראָפּן פרייד, אויב דיר געראָט.

אין אַ צווייט ליד פון דעם זעלביקן ציקל —

איך טראָג אין זיך אַ פונק פון פייער אויבן,
און דריי זיך אין אַן אייביקן געדריי.
איך בין אַ שטויב, נאָר איינציקער פון שטויבן,
וואו ס'וואונדיקט מיטלייד, און וואָס מאָנט אין וויי.

די פּאָעמע „פון דרימל ביז דרימל" איז געשריבן מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער, ווי די „וואודפערן פאָרם". דער טאָן איז נאָך מער געלייטערט, פאַרטיפט און דערהויבן. די מוזיק איז נאָך שטאַרקער פאַרקניפּט מיט די ווערטער. שווער צו קלאַסיפיצירן די פּאָעמע, וואָס איז אַ. לעיעלעסעס קרוין־ווערק, און וואָס איז איינע פון די וואונדערלעכסטע פּאָעטישע דאָקומענטן אין אונזער פּאָעזיע. דער עלעגישער טאָן קוועלט נאַטירלעך פון אינהאַלט, ווי אין גרעי'ס „עלעגיע", אויף אַ דאָרפישן בית־עולם, אָדער אין מילטאָנ'ס „ליסידאַס", אַ קלאָג־ליד אויף זיין פריינטס טויט.ביידע פּאָעמעס ווערן באַטראַכט פאַר קלאַסישע עלעגיעס: מילטאָנס פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק און גרעי'ס „עלעגיע" מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק. לעיעלעסעס עלעגיע — „פון דרימל ביז דרימל" שטייט נישט אָפּ אין גרויסקייט און אין טיפקייט פון די צוויי קלאַסישע טרויער־געזאַנגען, און איז אונז נענטער מיט שורות פון עכטן מענטשלעכן צער, מיט דער מוזיק, מייסטערישער דערפינדערישקייט, וואָס איז אינטואיטיוו און בליציק און וואָס פירט ניט איבער דעם אמת פון טראַגישער דורכגעלעבטקייט.

די פּאָעמע איז אַ וווּרדיקער מיטגליד אין דער קלאַסישער משפחה, דערמיט וואָס זי ווערט קיינמאָל נישט סענטימענטאַל־פּערזענלעך און אָריגינעליש קלאָגעריש, נאָר דערהויבן, אוניווערסאַל און אַלעמענס טרויער־ליד. דערביי האָט די פּאָעמע נאָך אַ צוגאָב פון אַ נאַטירלעכן נאַראַטיוון שטראָם, וואָס זיין דערציילערישער פלוס פינקלט תמיד מיט ליכטער פון שניידיקע בילדער.

אין דעם ערשטן טייל שטייט דער דיכטער ביים קראַנקן בעט פון דער שטאַרבנדיקער פרוי, וואָס ווערט פאַרוויגט דורך דעם ביבל־לייענען פון דער שוואַרצער קראַנקן־שוועסטער. אין דעם צווייטן קאַפּיטל ווערט די קראַנקע אַריבערגעטראָגן אין הויז פון איר קינדהייט, זי זעט דעם טאַטן אירן, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין זיין עלטסטער טאָכטער —

באַשער עס זאָל מיין ציטערדיקע בענקשאַפט,
וואָס האָט געפלאַמט אין יעדער שעה פאַריאַכטער,

דורך טעג און נעכט פון יאוש, נויט און ענגשאַפט
אַ תיקון קריגן אין מיין עלטסטער טאָכטער.

ווי מענטשלעך די שורות זיינען, זענען זיי אויך טראַגיש־עכט פאַר דעם לעצטן סך־הכל פון אַ קראַנקער פרוי, וואָס איר באַוואוסטזיין שטייט איבער איר צוקאָפּנס. אין דעם דאָזיקן ליד דעקט אויף דער באַוואוסטזיין — וואונד נאָך וואונד, פיזישע און גייסטיקע —

דורך מיר גייט אַ געוועבק פון שווערע רעדער,
און פלאַטשיקט אויס מיר שטענדיק און מעת־לעתיק.
ס׳מעג מיין זכרון זיין איצט גרינגסטע פעדער —
אויף דיר קיין שליטה האָט איצט נישט די פאַרגעסונג.

ס׳דערמאָנט אין אַ שוּבערט־קוואַרטעט, וואָס הייסט — „דער טויט און דאָס מיידל”. דער טויט קומט בייקומען דאָס מיידל, ביז ער באַזיגט זי. אין דעם דריטן קאַפּיטל שפּאַנט אַריין אָט דער „גלייכגילטיקסטער האַר” און ער הויבט אָן זיין לאַנגזאַמע באַזיגונג. דאָס פערטע קאַפּיטל איז אַ געזאַנג צום שטילן בעט, צו דער ערב־טויט־שטילקייט, וואָס נעמט אַרום די „קישנס, קאָלדרעס, אָנשפּאַר, ליילעך”. דער איבערגאַנג צום פינפטן קאַפּיטל איז אויך אין די ראַמען פון פאַרכטיקן דערציילן. ס׳ווערט באַזונגען די שיינקייט פון דעם געהיימען ליכט, וואָס באַלייכט אַמאָל אַ פאַרזיגלט פּנים. א. לעיעלעס ווייזט דאָ אַרויס צוריק־געהאַלטנקייט, וואָס איז דיכטערישער וואונדער. יעדער שורה איז פּערזענלע־כער קלאָג, און דאָך ווערט די מוזיק פון וואָרט אַ שייד פאַר דעם עמאָציאָנעלן, וואָס רייסט זיך פון דיסציפּלינירטער געפאַנגענשאַפט. אָבער נאָך בולט׳ער דערשפּירט מען אָט די געצאַמטקייט אין דעם זעקסטן טייל, וואו „דער קבר ליגט אַ גרייטער, אַ צעפּראַלטער”.

די צייט יאָגט ווייטער, ווייטער — אומפאַרשטענדלעך.
מען וואַרפט שוין אויף דעם אָרון זאַמד און שטיינער.
מען הייבט אָן גיין, און אומעטיק אָנענדלעך.
צום קבר אויף צוריק קוקט יעדער איינער.

„צום קבר אויף צוריק” איז דער שליסל צו דער גרויסער פּאָעמע, וואָס א. לעיעלעס האָט געשריבן אויפן טויט פון זיין פרוי. אַוועק פון קבר, אָבער דער בליק איז געשמידט אויף צוריק. מען זעט דעם דאָזיקן צוריקבליק אין די אַלע איבעריקע טיילן פון דער פּאָעמע —

דער מענטש — אַ בלעטל אויף א ריטל קליינעס,
און ס׳ריטל אויף אַ צווייגל צווישן צווייגן.
די בלעטער, צווייגן מיט דעם טויט אינאיינעם
באַטרעפן בוים — אין רוישן און אין שווייגן.

דער געוואַלטיקער צעוויקל פון דער אייביקער טעמע, אויף דעם הינטער־גרונט פון פערזענלעכע יסורים, אין אַ „צעראַבירט״ הויז, וואו ס'ליגט אַ פּאַר־לאַזענער, פּאַריתומ'טער קאַם, מיט „אַ צוויי־דריי דינע פעדים שוואַרצקייט, ווייסקייט״, ענדיקט זיך מיט דער טיפער עלעגישער באַטראַכטונג פון אַ „ניט־דערשריבן בוך״, און די שורות זיינען באַמייסטערט געוויק, שורה נאָך שורה:

> נישט קיינעמס ווייב און אויך נישט קיינעמס מוטער —
> עס שפּילט די מילדע קיניגן פון טרויער.

נישט קיינעמס, אָבער אויף אַ „קיינעמס לאַנד״ פון אַלעמענס געוויין איז די פּאָעמע איינגעקריצט ווי אַ מאַסן־מצבה. דאָס אַוועקגעגאַנגענע געשטאַלט ווערט, ווי לעיעלעס באַזינגט עס — באמת „אַ מילדע קיניגן פון טרויער״. די פּאָעמע לעשט זיך מיט האַרבסטיקע טענער און פאַרגייט אין קאָלירן פון „פאַרטרוילעכן״ אונטערגאַנג —

> דאָס רויט ווערט פּאַסנוויז שוין טונקל־בלווילעך,
> און צאַרטע גרינען מישן זיך מיט געלקייט.
> דער דעמער צאַנקט אי פאַרכטיק, אי פאַרטרוילעך,
> דער הימל — פערלמוטער אין פאַרוועלקטקייט.

אפילו די פאַרוועלקטקייט איז פאַרביק, און דער מענטש שטייט געפּלעפּט פאַר דער פאָרכטיקער פאַרביקייט און בויגט פאַרטרוילעך דעם קאָפּ. א. לע־יעלעסעס עלעגיש געזאַנג צו דער פאָרכטיקייט פון דער מענטשלעכער פאַר־טרוילעכקייט, איז אַ געזאַנג צו דער אייביקייט, געשפּונען פון אייביקע מאָטיוון.

1954

א. לוצקי

ווען אַ דיכטער איז יונג האָט ער טאַלאַנט צו גוטע לידער און טאַלאַנט צו שלעכטע לידער. ער האָט אַזויפיל קראַפט אַז ס׳קלעקט אים צו באַהערשן אי זיינע גוטע, אי זיינע שלעכטע לידער. דערפאַר באַליידיקן נישט די שלעכטע לידער פון אַ יונגן דיכטער, ווייל ער באַצירט זיי מיט חן פון יוגנטלעכקייט. זיי קענען קיינמאָל נישט זיין אַזוי שלעכט ווי שלעכטע לידער פון אַן עלטערן דיכטער. אַן עלטערער און רייפערער פּאָעט גיט זיך בלויז אָפּ מיט זיינע גוטע לידער, אָבער פאַר די שלעכטע האָט ער פשוט נישט קיין כוח. ער קען זיי נישט מדריך זיין און זיי שפּילן אים אָפּ אַ צו׳להכעיס. זיי זיינען שרייענדיק שלעכט, ווייל די שלעכטע לידער גייען אַרויס לתרבות רעה און דער עלטערער דיכטער האָט נישט קיין געדולד זיי צו צאַמען.

דערפאַר דאַרף זיך אַ דיכטער עלטערן בלויז מיט גוטע לידער. פאַר זיי, פאַר די רייפע גוטע לידער, האָט ער נאָך געמיט, האָט ער נאָך כוח. זיי האָבן זיך געעלטערט אין אים און צוזאַמען מיט אים, און ווי שווער זיי קומען אים נישט אָן, זיינען זיי זיינע נאַטירלעכע און דערוואַקסענע קינדער. די שלעכטע לידער דאַרף מען קענען אָרנאַמענטירן און צופּוצן אַזוי, אַז זיי זאָלן אויך אויסזען ווי עפּעס רעכטס, אָבער דערצו דאַרף מען שוין האָבן יונגע כוחות און אַ פּאַספּאָרט פון אַ דיכטער, וואָס שטעלט אויס אַ וועקסל אויף להבא.

אין לוצקי׳ס בוך — „אַ בוך צום לעבן״ זיינען פאַראַן גאָר אַ סך פון לוצקי׳ס בעסטע לידער, בעסער אפילו ווי די גוט־באַקאַנטע פון זיין „אומעטיק און פריילעך״ און „בראשית אינמיטן״. אין דעם נייעם בוך געפינען מיר ווידער וואַריאַנטן פון לוצקי׳ס מאָטיוון, אָבער דאָ זיינען זיי אי דערהויבן, אי פאַרטיפט געוואָרן. אַפילו שפּראַכלעך האָט דער פּאָעט אַ סך געוואונען. לוצקי׳ס שפּראַכלעכע חידושים זיינען אַלעמאָל געווען אַ שטורעם אין אַ קליין שפּראַךטעפּעלע. זיין ווערטער־אוצר איז געווען אַ באַגרעניצטער און דער טעמפּ פון זיין שורה איז געווען אַ מידער און אַ געוויינלעכער. זיינע ווערטער האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע עכאָס, און ביז ער האָט זיי נישט אָנגעטראָטן אויף די היגער־אויגן, האָבן זיי נישט געהאַט קיין אייגענעם, נאַטירלעכן געשריי. אין דעם איצטיקן בוך איז זיין לשון אָן אַן ערך רייפער און זאָגיקער און דאָס וואָס ער זאָגט איז גוטע מוזיקאַלישע עברי. אַלץ וואָס איז אין די פריערדיקע

ביכער געווען בלויז האַלב אָדער דריי פערטל און וואָס האָט זיך דערפאַר געגוויטיקט אין לוצקי׳ס אייגענער רעזשי און אין זיין אויסטייטשערישער צוגאָב־דעקלאַמאַציע, איז אין דעם בוך אויף אייגענע קעסט. די רעזשי־סירטע ביימער, בלומען, פליגן, מוראַשקעס און העלפאַנטן שפּילן שוין אַליין און נויטיקן זיך נישט, אַז דער דיכטער זאָל מיט אַ באַוועג פון דער האַנט זיי מסביר זיין. לוצקי׳ס פאַרקנייטשטער שטערן האָט זיינע חנ׳עוודיקע און יוגנטלעכע משלים געגעבן דעם אָפּדאַכט פון פאַרטיפטע חכמות, זיינע רייפע לידער אין זיין נייסטן בוך זיינען טאַקע אויף אַן אמת פאַרטיפטערע לידער, וואָס האָבן אין זיך סיי ווי אַלע לוצקיס אַמאָליקע חנ׳ען.

די צרה אָבער מיט דעם בוך איז, וואָס לוצקי האָט זיך אויך פאַרגונען צו שרייבן אַ סך שלעכטע לידער און פאַר דעם האָט ער שוין מער נישט די יונגע כוחות. דאָס וואָלט ער געמעגט איבערלאָזן פאַר אינגערע מענטשן. אַ דיכטער קען נישט שרייבן אי די גוטע, אי די שלעכטע לידער פון זיין דור. אין דעם נייעם בוך זיינען פאַראַן זיינע בעסטע און זיינע הימל־שרייענדיק ערגסטע לידער, וואָס ער האָט ווען עס איז געשריבן. און עס איז נישט קיין וואונדער, ווייל די גאַנצע פּאָעטישע ענערגיע האָט לוצקי פאַר־שווענדט אויף זיינע אויסגעצייכנטע לידער און די שלעכטע לידער האָט ער אַרויסגעלאָזט ווי ער האָט זיי באַשאַפן. די גוטע לידער זיינע האָט ער גע־געבן אַלץ און די שלעכטע לידער — גאָרנישט. אַן עוולה, כ׳לעבן, וואָס ער האָט זיי אינגאַנצן געשריבן און נאָך אַ גרעסערע עוולה, וואָס ער האָט זיי נישט פאַרדעקט מיט אַביסל טאַלאַנט.

לוצקי האָט שטאַרק ליב די וואַריאַציעס פון זיין אייגענעם גראָטעסק, וואָס זיינען אָפּט איינטאָניק. ער שרייבט איבער זיינע אייגענע טעפּ, זיינע אייגענע פליענדיקע בערד אין ווינט, זיין חסידים־אָרקעסטער, און חתונה־קאַפּעליע. אָבער ער איז גאַנץ אָפּט דערפינדעריש. ער קריגט אַרויס אַ נייעם קנייטש פון זיינס אַן אויפּסנײ איבערגעשריבן ליד.

גאָרנישט טרעפט מיט מיר,
נאָר דווקא אין דעם גאָרנישט
לעב איך דורך אַ גרויס געטרעפעניש.

ער דראַמאַטיזירט אויסגעצייכנט דעם גאָרנישט און ער שלאָגט פון דעם שטיין צומאָל אַרויס מחיה׳דיק און קוועלנדיק וואַסער.

און אין די ראַמען פון דעם דראַמאַטיזירטן גאָרנישט־געשען איז לוצקי אַן אויסגעצייכנטער פאַבל־שרייבער (ווי אין זיין ליד — „זעקס נאַטור פאַר־

שער״), אַ וואונדערלעכער שרייבער פאַר קינדער, וואָס וואָלטן ממש פאַרצוקערט אַזאַ לעבעדיק ליד, ווי — „אַ היימישע פליג״, וואָס לוצקי שפּייזט ביי זיך אין הויז. דאָס ליד ענדיקט זיך מיט דער געמאַכטער תמימות פון „בלאָכאַ״:

איך רעכן די טעג —
וועל איך אָפּרייסן אַ טאָג,
און אָפּוועגן די פליג,
צי סע קומט איר צו וואָג.

אין די ראַמען פון זיין פאַרענגטער קונסט איז ער אַ זאָגער, אַ דרשן, אַ פּריידיקער, אַן אויסטרומייטערער פון לעבן.

מענטשן! גיט מיר אָפּ מזל־טוב
היינט ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ בלעטעלע.
וואָס זאָג איך „בלעטעלע״ —
צוויי בלעטעלעך!
ווייסט איר וואו?
אין אַ טעפּעלע.
אַ קליין, קליין טעפּעלע,
אַ שיינטשיק, חנ׳טשיק טעפּעלע.

לוצקי איז נישט קיין מזג טוב. ער האָט פיינט גאָר אַ סך זאַכן און גאָר אַ סך מענטשן, און ווען ער זאָגט די זאַכן וואָס ער האָט פיינט, איז ער נישט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי ווען ער זינגט וועגן די זאַכן וואָס ער האָט ליב. זיין בייזקייט איז נישט באַקלערנדיק ווי זיין גוטסקייט איז באַלערנדיק. און נאָך עפּעס — זיינע מאַן־וויבּ לידער זיינען דאָס סאַמע ערגסטע אין בוך. ער קען בעסער ליב האָבן (דיכטעריש ליב האָבן) גרעזלעך, ווי ער קען ליב האָבן — די ליבע.

לוצקי ווענדט אָן אַלע סענסאַציאָנעלע מעטאָדן צו פאַרקויפן זיך אין זיין בוך און נישט אַלעמאָל קלייבט ער אויס די געשמאַקסטע מיטלען. זיינע זעלבסט־קריטיקן און זיין אַריינשרייבן זיך אין ספר פון „ביי אונז״ —

ביי אונז זאָגט דער תלמוד.
ביי אונז ווייזט דער רמב״ם,
ביי אונז זינגט „אָז ישיר״,
ביי אונז דערפרייט לוצקי.

פירן איבער די נאַטירלעכע פריילעכקייט פון בוך, ווייל זעלבסט־לויב מאַכט אַ טרויעריקן איינדרוק. אָט די נישט־איבערקלייבערישקייט האָט אויך צו טאָן מיט דעם נישט איבערקלייבערישן טאָן פון גאַנצן בוך, וואו די שלעכטע לידער זיינען נישט נאָר שלעכט, נאָר געשמאַקלאָז.

אָבער מ׳דאַרף בפירוש לוצקי׳ן מוחל זיין גאָר אַ סך, ווייל ער איז ביי אונז אַן אָריגינאַל און וויפיל אָריגינאַלן פאַרמאָגט עס אַ ליטעראַטור ?

נ. ב. מינקאָוו

באַך איידער מען באַנעמט דעם טייטש פון נ. ב. מינקאָוו'ס לידער, אין דעם נייסטן בוך זיינעם — „אַ שטערן בליט", דערשפּירט מען גלייך אַז זיי זיינען געשריבן פאַרן מויל צו זאָגן און פאַר אַן אויער צו הערן. נ. ב. מינקאָוו איז אַן אויסגעצייכנטער זאָגער פון לידער. זיין דיקציע איז אַ פּרעכטיקע. ער באַטאָנט יעדער אידיש וואָרט זילבנווייז. מיר איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו הערן דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם ענגלישן פּאָעט דילאַן טאָמאָס פאַר־לייענען לידער. מען זאָגט, אַז ער האָט סיי פרעמדע און סיי אייגענע לידער אויפגעשפּילט, און ס'איז געווען אַ זעלטענע דערפאַרונג אים צו הערן אָפּגעבן וואָרט־קאָנצערט. מינקאָוו האָט אויך אַ מוזיקאַלישן צוגאַנג צו דער קלאַנג־פולקייט פון אידישן וואָרט, און זיין מעביר זיין די שורות פון אַ ליד איז באמת אַ מחיה פאַרן אויער.

אָט דעם וואָרט־קאָנצערט גיט אונז מינקאָוו אין זיינע לידער. ער זאַמלט צונויף די שורות, ער רעדט און זינגט זיי צוזאַמען, אַז די זילבן אַליין זאָלן גלעטן דאָס געהער און צוגעבן אַ טאָנאַלע חשיבות צום אידישן לשון.

די ביימער זילבערנע ביים טייך —
ווי פּאַרכטיק שטיל איז איצט דער דעמער
אין מערב — האַרט אַרום דעם בראַנד
שלאָפן רואיק אָוונטלעכע לעמער.

נאָך איידער מען זעט די שקיעה, הערט מען די שטילע, פאַרסוד'עטע רייד, וואָס שאָטענען אָן די וואָרט־שטימונג פאַר די בילדער. מען דערהערט דעם שטילן צוזאַמענפלעסק פון וואָרט מיט וואָרט און דאָס אויער נעמט אויף דעם צונויפרוף פון די שורות.

מיר האָבן דאָ געוואַרט, אין ליכט געוואַרט, אין פינצטערניש געוואַרט,

דער טייך איז שוין ניטאָ, שוין אויסגעטרוקנט לאַנג,
דער וואַלד פאַרלענדט — די וואוינער זיינען לאַנג פאַרשוואונדן.
געבליבן איז בלויז ווילדגראָז, חרובער געצוויג, געבליבן
עקדיש, שלאַנג.

דריימאָל ווערט דאָס וואָרט „גענוואָרט" איבערגע׳חזר׳ט, און יעדער מאָל קריגט עס אַן אַנדער טראָפּ. מינקאָוו׳ס לידער גלוסט זיך צו לייענען אויפן קול, ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן, פאַר דער הנאה פון מויל און אויער. גע־ווינלעך איז די מוזיק פון לידער אַריינגעבויט אין ליד, אַז דווקא ווען די מוזיק ווערט געמאַכט פאַרן עיקר, ווערט עס דער תפל. אין מינקאָוו׳ס לידער רעדט צו אונז כסדר דאָס מוזיקאַלישע אידישע וואָרט, ווי עס ווערט קלאַנג־פול געפּאָרט מיט אַנדערע שטימונג־ווערטער.

ערשט שפּעטער ווען מען ווערט דורכגענומען מיט דער פאָלקערניקייט פון אידישן וואָרט, הויבט מען אָן דערזען מינקאָוו׳ס אינערלעכע וועלט, זיינע זע־אונגען, זיין אַפּאָקאַליפּטישן טאָל, די חורבן־שטימונגען, וואָס זיינען אַלע גע־בויט אויף חזיונות און וואָס האָבן אַ דירעקטן נביא׳ישן ווידערקול.

ס׳איז נישט שייך צו קומען אָפּפרעגן כלומרשטע אומפאַרשטענדלעכ־קייטן, ווייל פאַרשטענדלעכע חזיונות וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַבסורד. מינקאָוו ראַנגלט זיך אין זיינע לידער, מאָנט דין וחשבון פון באַ־שאַפער קלאָגט אים אָן, קלאָגט אָן די וועלט, זעט דאָס אייביקע פּנים פון טויט און באַשטראַלט דעם מזרח מיט פונקען האָפענונג.

דאָס אַלץ בליצט אַדורך די חשכות פון זיינע זעאונג־לידער, וואָס האָבן אַ קלאָרן תנ״כ׳ישן פונדאַמענט. אויף אַזויפיל זענען מינקאָוו׳ס לידער אַ באַזונ־דערער צוגאָב צו דער חורבן־ליטעראַטור אונזערער.

האַרבסטיק, טרויעריק דיין טראָט, דיין בייגן זיך, דיין שווייגן.
און זע — ס׳ווערט בראַנדיק־גאָלד, ס׳ווערט ליכטיק און עס
בליט גאָר ווידער אַלץ אונטער דיינע הענט.

אַלץ בליט ווידער אין דער האַרבסטיקער טרויעריקייט. דאָס אויג פון גריבלער, פאַרשער און עטיקער וויל נישט שלום מאַכן מיט דעם גרויסן אומ־ענדלעכן און אומזיניקן חורבן —

דאָס ספר ליגט נאָך אַלץ דאָ אָפן.
דורך שייטערס, און אויוונס, און בלוטיקע סופן.

„אַ שטערן בליט", דאָס פינפטע לידער־בוך פון נ. ב. מינקאָוו, איז אַ דירעקטער נאָכפאָלג פון די פריערדיקע לידער־ביכער, אָבער בעת די מייסטע לידער זיינען געווען זעעריש־אימאַזשיסטיש, זיינען די לידער פון נייסטן בוך דערגאַנגען צו תנ״כ׳ישקייט, אויסניצנדיק אַלע דערוואָרבענע מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן, וואָס צו זיי האָט זיך מינקאָוו דערגרונטעוועט, אין זיין אינער־לעכן קאַמף, פאַר דער חשיבות פון אידישן וואָרט.

האָט אים געפרעגט דאָס געטלעכע געשטאַלט:

„וואָס טוסטו אינם קעלטער? איך וויל דיר אויפשטעלן אַ
נייעם היכל".

האָט ער געענטפערט: איך וויל ניט מער קיין שום היכלות,
אָט איז מיין האַרץ, אָט איז מיין מויל.

און דער ברענענדיקער שטעקן האָט אים אָנגערירט. און
פון ביידע איז פאַרשוואונדן יעדער זכר.

כ'האָב אויבן דערמאָנט מינקאָוו'ס אינערלעכן קאַמף. באַדאַרפט האָב איך זאָגן — מעטאַדישן קאַמף. אין דעם דאָזיקן דיכטער, וואָס איז געווען איינער פון די גרינדערס פון דער אינזיכיסטישער באַוועגונג, איז תמיד וואַך געווען אַן אַחריות געפיל פאַר ליטעראַטור — מיט אָבות, ראשונים און באַוואוסטזיניקע פיאָנערן, אַקערערס, זייערס, בויערס.

פאַראַן אַ טיפע טראַגיק אין דעם, וואָס ס'האָט גראַד אָט דעם מאָדערניסטישן פּאָעט געטריבן אויפצוגראָבן און דערהויבן אונזערע קלענערע זינגערס און ווייזן זיי, ניט אין אַ ליכט פון אומבאַהאָלפנקייט, נאָר פון באַוואוסטזיניקער פּיאָנערשאַפט. מינקאָוו האָט זיך אַרומגעבויט מיט אַ בענקשאַפט נאָך גאַנצקייט און אַרומגעפעסטיקט אונזער ליטעראַטור. מען מוז צוגעבן, אַז צו־געגאַנגען איז ער צו די ראשונים אונזערע מיט טיף־עטישע מאָסן, מכל־שכן צו די אידישע קלאַסיקער־פּאָעטן, געפינענדיק חשובע ערטער פאַר אונזערע דיכטערס, אין פאַנטעאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

מינקאָוו'ס אוניווערסיטעט־לעקציעס וועגן אידיש און אידישער ליטעראַטור זיינען געוואָרן טערמינאָלאָגיש איבערצייגנדיק, אַ דאַנק זיין כוח פון גלויביקן אויפבוי. ער אַליין שמייכלט אָפט פון זיין פּראָפעסאָר־טיטל, אָבער ער האָט די פּראָפעסור כשר פאַרדינט, ווייל ער האָט באַוויזן אויסצוגלייכן אונזער ליטעראַטור־געשיכטע, מיט די בעסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור, דערציענדיק זיך אויף דעם אידישן וואָרט און אויפציענדיק דאָס אידישע וואָרט, צו דער ווערדע פון אַ רייך לשון מיט אַ רייכער ליטעראַטור.

אַ חוץ זיין לידער־בוך זיינען לעצטנס דערשינען זיינע נאָך צוויי אַנדערע ביכער: אַ לענגערע אַרבעט וועגן — „אליהו בחור און זיין בבא בוך" און אַ בוך וועגן דער מערקווירדיקער אידענע גליקל האַמעל. אין די ביידע ביכער ווייזט מינקאָוו אַרויס אַ סך בקיאות. אין זיין בוך וועגן אליהו בחור איז אַריינגעלייגט געוואָרן פלייסיקע אַרבעט. מינקאָוו גיט אונז אויסצוגן פון בבא־בוך, אין אַ מאָדערנעם אידיש, אויפן שטייגער פון די מאָדערנע ענגלישע איבערזעצונגען פון טשאָסער.

אינטערעסאַנט איז, אַז מינקאָוו הויבט גלייך אָן זיין אַריינפיר מיט דעם

„אַקסיאָמאַטישן״ זאָג, אַז אליהו בחור איז געווען אַ גרויסער פּאָעט. ער מוז האָבן די פּאַראויסיקע הנחה, אַז זיין אַרבעט איז נישט קיין אַפּאָלאָגעטישע, אַז ער אַרבעט נישט ביי אַ וועדליג־ליטעראַטור, וואָס בלויז אין פאַרגלייך מיט אייגענער אָרעמקייט, געווינט זי אין איכות.

נייך, ווען מען ווערט פּאַרטיק מיט דער געביידע, וואָס מינקאָוו שטעלט אויף, וועקט זיך ביי אונז דער חשד, אַז אפשר איז טאָקע אליהו בחור געווען אַ גרויסער פּאָעט. מינקאָוו אַנאַליזירט זיין גראַם־עשירות, זיין שילדערונג־קראַפט, זיין אויסשעפּן די מעגלעכקייט פון דער עמבריאָנישער אידישער שפּראַך. ווען איר ווערט פאַרטיק, דערשפירט איר אַז איר זענט געווען אין דער געזעלשאַפט פון עכטער קינסטלערישקייט. פאַר אונז, היינטצייטיקע אי־דיש־שרייבערס, דאַרף זיין אַן אמת׳ער נחת־רוח צו וויסן, אַז אליהו בחור האָט זיך באַוואוסטזיניק אָפּגעגעבן מיט די גראַם־מעגלעכקייטן פון אידיש, ווען דאָס לשון איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך. אפילו דעמאָלט האָט ער זיך, ווי מינ־קאָוו ווייזט אונז אָן, געשפּילט מיט אַליטעראַציעס, מיט „שינען״ און „סאַמעכן״.

ווען ס׳קומט צו דער וואונדערלעכער אידישער מעמואַריסטקע גליקל האַמעל, שטודירט מינקאָוו זי אויך פון שטאַנדפּונקט פון אַ לעבעדיקער לי־טעראַטור. ער ווייזט אָן אויף דער אינסטינקטיווער דערציילערין און אויף דעם לירישן שטראָם פון איר נאַראַטיווער קראַפט.

ער צעטיילט איר צוגאַנג צו באַוואוסטזיניקער שילדערונג פון אידישן לעבן, אויף ריינעם מוסר־עלעמענט און אויף דעם תפילה׳דיקן עלעמענט פון דער תחינה, וואָס האָט צו יענער צייט אָנגעהויבן צו פורעמען אונזער מאַמע־לשון, בעת דאָס טאַטע־לשון האָט נאָך געשפּילט אַ ברוגז מיט אידיש.

אַז אידיש איז נישט בלויז אַ שפּראַך, נאָר אַ שטיק ציוויליזאַציע, ווייזט אונז מינקאָוו, אויפן גרונט פון די גליקל האַמעל מעמוארן. נישט געקוקט דערויף וואָס די זכרונות האָבן ליטעראַרישע קוואַליטעטן, איז די זכרונות־שרייבערין נישט געווען פּאַרטאָן אין איר ביאָגראַפיע, נאָר אין שילדערן כלל־לעבן; זי איז געווען גענוג תחינה־מעסיק נישט צו לאָזן זיך וואוילגיין מיט שרייבערישע מאַניערן. זאָגט אונז טאָקע מינקאָוו זייער ריכטיק אַז „אירע זכרונות זיינען פאַר אונז אַ סך וויכטיקער, ווי די ווערק פון לומדים אָדער פּראָפעסיאָנעלע שרייבער״.

דער עיקר איז, וואָס אין ביידע ווערק זעט מען נישט אין מינקאָוון קיין סימן פון אַפּאָלאָגעטיק. פאַרקערט, ער שפּאַצירט מיט רחבות׳דיקע טריט און גיט דעם איינדרוק פון ליטעראַרישער נגידות. און ער שאַפט דעם איינדרוק אויך ביי אונז, מיטן כוח פון זיין ליטעראַריש־טערמינאָלאָגישן צוגאַנג, אַז מיר שטייען נישט אָפּ פון די פעלקער.

מינקאָוו האָט די „אידיש־פּראָפּעסור״ זיינע אויסגעקעמפט, אויסגעראַנגלט און געוואונען דעם קאַמף פאַר זיך. פאַראַן טראַגישע עקשנות און אַ סך עטיק אין דעם עסטעטישן דערהויבן פון זיינע פאַרשעמטע און קבורת־חמור־באַ־גראָבענע פּיאָנערן פון אידישן ליד. ער בויט אַ פּאַלאַץ, וואו ס׳זאָל דעם מאָ־דערנעם אידישן שרייבער נישט זיין ענג, און ער פאַרווערדיקט און פאַרוועך־טיקט זיין ליטעראַטור געשיכטע.

און מינקאָוו טוט זיין אַרבעט מיט אַ זעלטענער התמדה און מיט אַ שטיל־קייט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם ציטער פון מוזיק. ער בויט אויף מיט גרויס־פאַרשטענדיקייט אַ וויסנטשאַפטלעכן טעמפּל פאַר אונזער ליטעראַטור, כדי ער זאָל קענען אַריינקומען, אָנלענען דעם קאָפּ, דורכשפּאַצירן זיך אין גאָרטן פון דער ליטעראַטור און שרייבן זיינע דורכגעשוויגענע לידער:

די בלויע קאָרנבלימלעך, די גאָלדנדיקע פּוטערקעפּלעך,
אַנטפּלעקן זיך, און אָט באַהאַלטן זיי זיך ווידער.
און דאָ און דאָרטן וויגט אַ פלאַטערל זיך אויפן שפּיץ פון זאַנג
און ס׳וויגט זיך אַלץ אין מילדן רויש פון בליענדיקע לידער.
דער הימל־קלאָר. עס רוען דאָרט לויטערע מנורות, לוחות,
אַ זילבער־בוים, אַ סטאַדע בלויע שעפּסעלעך, אַן ערשט־
געבוירן לאַם.

און וייט, גאָר וייט ביים הימל־ראַנד — אַ דינע שורה
ביימער קרוינען
אין אַ גאָלדיק־בלויען פלאַם.

איציק מאַנגער

די געזאַמלטע לידער פון איציק מאַנגער, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט אָפּ־געקליבן פון אַלע זיינע לידער־זאַמלונגען ווי אַן אייגענע אַנטאָלאָגיע, האָט ער אָנגערופן — „ליד און באַלאַדע". די באַזונדערע זאַמלונגען האָבן געהאַט אויסטערלישע נעמען, ווי „שטערן אויפן דאַך", „לאַמטערן אין ווינט", „וואָלקנס איבערן דאַך". אָבער דעם פּאָעט איז געגאַנגען אין כאַראַק־טעריזירן דעם תמצית פון זיין פּאָעטישער שפע און ער האָט געוואָלט אָנ־ווייזן אויף דער פּשטות פון זיין שעפערישקייט. ליד איז אַנדערש ווי — לי־דער, ס'ווערט אונטערגעשטראָכן מיט דעם לשון יחיד די געזאַנגיקייט פון די ווערטער ; און באַלאַדע איז אוודאי אַ פּשוט געזאַנג, מיט אַ צענטראַלער טעמע, וואָס האָט אין די אַלטע צייטן תמיד געהאַט צו טאָן מיט נגינה און אפילו מיט טאַנץ.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם פּאָעט'ס אייגענעם צוגאַנג צו זיינע לידער, כ'מיין די אָנווייזונג אַז ער האָט געזוכט געזאַנג און פּשטות, איז דער שליסל צו זיינע אַלע לידער נישט אַזאַ פּשוט'ער. מאַנגער האָט דעם לייענער אין סאַמע אָנהויב פון זיין דערשיינען געגעבן אַ סך האַרטע און דער עיקר פרעמדע ניס צו קייען. דאָס פאָלק האָט אים אָבער פרי געשאָנקען די האַרציקסטע אָנער־קענונג, פאַראויסלויפנדיק דעם וואוקס פון פּאָעט מיט שיינע עטלעכע יאָר. מאַנגער האָט זיך נישט באַדאַרפט אַנטוויקלען, ווייל ער איז גלייך געקומען אַ ראַפינירטער און אַנטוויקלטער פּאָעט. ער האָט זיך בלויז באַדאַרפט אָפּוויקלען, ער האָט באַדאַרפט פּטור ווערן פון אַ סך שאָלעכצער, וואָס האָבן אַרומגע־וויקלט זיין ליד און געשטערט די פּשטות. ער איז געקומען מיט אַ פרעמדער, און כ'וואָלט געזאָגט פּריקרער ראָמאַנטיק, וואָס האָט געוואָרגן זיין אידיש ליד און עס נישט געלאָזט זינגען מיט אַ אידיש קול. אָבער ס'האָט זיך פאָרט עפּעס דורכגעזונגען און נישט נאָר מבינים, נאָר דאָס פאָלק אַליין האָט גלייך דער־זען און דערהערט, אַז דער יונגער פּאָעט האָט צו פאַרקויפן אייגענע סחורה, וואָס ס'לוינט זיך דערויף צו וואַרטן. דער אָפּקלייב פון מאַנגער'ס לידער איז כמעט ווי אַ פּאָעטישע ביאָגראַפיע, אָבער ס'וואָלט געווען ביז גאָר אינטערע־סאַנט צו האָבן פאַר זיך אַן אמת'ע ביאָגראַפיע פון פּאָעט, כדי צו וויסן פאַר־וואָס איז דער שפּעטערדיק־אויסגעקלאָרטער אידישער פּאָעט געקומען מיט

אַזאַ באַלאַדישער באַלאַדנקייט; און פאַרוואָס זיין ליד האָט געטראָגן אויף זיך אַזאַ פאַרבלומטע ראָמאַנטישקייט פון דייטשע יאָרהונדערטער.

מאַנגער איז דער באַליבטסטער אידישער דיכטער און דאָס איז נישט קיין איבערטרייבונג, ווייל אויב ס׳זיינען פאַראַן נאָך אידישע פאָעטן וואָס קריגן גרויס ליבשאַפט ביים אידישן לייענער, איז די ליבשאַפט נישט אינגאַנצן קיין גינגאָלדענע, ווייל זי איז געמישט מיט אַזעלכע זאַכן ווי אַכטונג, שעצונג און קריטיק. דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס קילן אַביסל אָפּ די ליבשאַפט. מיט קריטיק מיין איך דעם קריטיקער וואָס שטייט צווישן דעם דיכטערס ליד און דעם לייענערס הנאה, און איידער דער לייענער מאַכט אַ ברכה אויף דעם ליד, שטייט דער קריטיקער ביים לייענערס רעכטער האַנט און עצהט אים, אָפטמאָל צווינגט ער אים הנאה צו האָבן.

אַז ס׳קומט צו מאַנגערס ליד איז די ליבשאַפט וואָס דער לייענער שענקט אים בפירוש „וואָרע״ און געשוואוירענע ליבע, ווייל דער לייענער איז נישט מחויב צו אַכטן און אַכפּערן דעם פּאָעט, ער וואַרט אויך נישט אויף די אויס־טייטשונגען פון קריטיקער און אויף זיין עצה צו מאַכן אַ ברכה. ער האָט קודם כל הנאה און ער באַפעלט דער קריטיק אויך הנאה צו האָבן. אין פאַל פון מאַנגערן איז דאָס איי געקומען פאַר דער קריטישער הון. מיט אַנדערע גרויסע דיכטערס מוז קומען די קריטישע הון פריער און לייגן אַ סך אייער, ביז ס׳בויט זיך אויף דעם דיכטערס רעפּוטאַציע. מיט מאַנגערן איז געקומען זיין ליד און דער לייענער האָט מיט דעם דיכטערס לידער אַליין, אָן שום דרויסנדיקער הילף, אויפגעבויט זיין אייגענעם דיכטער מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַז דער קריטיקער איז שפּעטער געקומען און געזאָגט אָמן — אַ ברירה האָט ער געהאַט. דער לייענער איז געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר זיין פּאָעט, נאָך איידער קריטיקערס זיינען אונטערגעקומען. ס׳פאָלק האָט נישט געוואַרט אויף קיין הכשר, אַקוראַט ווי ס׳וואַרט נישט דעם פאָלקס מויל אויף מבינות און דערלויבעניש צו זינגען אַ גוט פאָלקס־ליד. ווייל פונקט ווי ס׳פאָלקס ליד איז אייגענער פאָלקס־האָניק, עפּעס אַזוינס וואָס קומט אַרויס פון פאָלקישן אינגעווייד, אַזוי איז מאַנגער פאָלקס אייגנטום, וואָס האָט נישט באַדאַרפט אַריינ־זינגען אין פאָלק, נאָר וואָס האָט פון פאָלק אַרויסגעזונגען.

זאָג איך נישט אַז דאָס איז דער איינציקער פּראָצעס און אויך נישט דער סאַמע העכסטער פּראָצעס וואָס שאַפט פּאָעזיע און פּאָעטן, אָבער דאָס איז אַב־סאָלוט דער איינציקער פּראָצעס, וואָס שאַפט ביים פאָלק אַן אומגעקינצלטע ליבשאַפט צו זיין פּאָעט.

און זאָל מען מיך נישט שלעכט פאַרשטיין, אַז מאַנגער איז אַ פאָלקס־פּאָעט. ער איז גיכער דעם פאָלקס פּאָעט, וואָס איז נישט געבליבן צוגעשמידט

צו די ערשטע שטאַפּלען פון פּאָלקס שאַפונגען, נאָר ער איז אַ געוואָגטער שטאַפּלער, וואָס האָט געמאַכט די שענסטע און עלעגאַנטסטע קונצן קלעטערנ־דיק העכער און העכער מיט דעם ליד פון פּאָלק. ער האָט זיך גליך איינגע־קויפט אין ליבשאַפט ביים לייענער און ער האָט געוואונען זיין צוטרוי, ווייל ער האָט אים אַרויסגעפירט פון געביט פון מבינות און קנייטשן דעם שטערן און אים אַריינגעפירט אין לאַנד פון הומאָר און געזאַנג.

מאַנגער האָט געבראַכט געלעכטער אין זיין געזאַנג. ער האָט געפונען די פעדעם וואָס האַלטן צוזאַמען הומאָר מיט וואָרט אין ליד, און דאָס האָט ביי אים קיינמאָל נישט פאַרלאָשן די מוזיקאַלישקייט פון זיין זינגען. ער האָט זיך גע־שפּילט מיט אַ סך געוואָגטקייטן און געוואוסט אַז אים וועט מען מוחל זיין, ווייל ער וועט דאָס אַלץ אַריינאַיידלען אין ליד.

אים איז געלונגען צו קריגן פאַר זיין ליד יענע שעה פון רחמים, ווען אַ סך מענטשן פון פאַרשידענע געשמאַקן קענען זיך אַוועקשטעלן און פּרעפּ־לען צוזאַמען, אפילו ווען זיי זאָלן זיך שפּעטער צעגיין ווי פרעמדע. ער איז דער אויסגלייכער, ער איז אַ ליריש שטיבל, וואו אַלערליי מענטשן קענען זיך אַריינכאַפּן אָפּזאָגן אַ לירישן אומצערעמאָניעלן קדיש, און נאָך פאַרענדיקן מיט אַ פייף און מיט קאַטאָוועס אויף דעם גאַנצן איינשטעל, וואָס צווינגט צו הייליקן דעם נאָמען פון באַשעפער, וואָס האָט אויך באַשאַפן דעם טויט.

ניט לאַנג צוריק איז דערשינען מאַנגערס בוך לידער — „דער שניי־דער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט". איך האָב שוין דעמאָלט „געכאַפּט", אַז מאַנגער געפינט זיך אויפן שוועל פון פּופּציק און כ'האָב זיך גענומען שטעלן צווישן אים און זיין לייענער, צווישן מאַנגערן און זיין ליד. כ'האָב גע־געבן מאַנגערן „דירעקטיוון" פאַר אַ חשבון־הנפש. כ'האָב זיך דעמאָלט ניט געכאַפּט, אַז חשבון־הנפש איז דעם רייפן דיכטערס אייגענע דאגה, און וואָס בין איך „משה מחויב" אונטערצואיילן יענעמס חשבון־הנפש? אַ צוגעשטעלטער חשבון הנפש איז געווינלעך אַ קאַלטע רעכענונג, וואָס ווייזט דעם שטעל און מעק, טרעף און פעל, און וואָס צווינגט נאָך דעם מיט־גוואַלט־באַחשבונטן־דיכטער זיך אונטערצושרייבן אויף דעם ריכטיקן אָרט, נאָך דעם קאַלטן ווערדיקט.

אַזעלכע דיכטערס ווי מאַנגער דאַרפן פּריווויליק מאַכן זייער אייגענעם חשבון הנפש. זיי דאַרפן געטריבן ווערן דורך אַן אינערלעכן דראַנג. אָבער פאַר אונז די הנאה־האָבערס בלייבט איבער הנאה צו האָבן פון דעם וואָס דער דיכטער פאַרמאָגט, פון די רייכטימערס וואָס ער האָט אונז געגעבן, פון דעם האָב־און־גוטס וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט. צודרינגלעכע טענות צו אַזעלכע פּאָעטן ווי מאַנגער זיינען גאַנץ אָפט אַרויסגעוואָרפן, ווייל זיי פאַלן אויף דעם שטאַרק־

באַשיצטן פּאָעט, ווי אַן אומפּריינטלעכער רעגן, וואָס פּאַרנעצט אים אַפּילו נישט. ער איז גליך געקומען צו דער אידישער פּאָעזיע מיט אַן אייגענעם רעגנשירם.

מ'קען זאָגן, אַז איציק מאַנגער איז אין זיין ליד געגאַנגען אויף די שפּורן פון דער עוואָלוציע פון אידישן לשון גופא. מאַנגער האָט זיך דערגראָבן צו זיין אידיש ליד דורך שווערע און פּאַרטונקלטע וועגן. די מייסטע אידישע פּאָעטן האָבן געבראַכט זייער אידיש פון חדר און בית מדרש, אָדער זיי האָבן גלייך גענומען אויף זיך דעם עול פון אַ אידיש־אידישקייט, אָבער מאַנגער איז געקומען צו אידיש אָן אַלטע וואָרצלען און אָן אַלט־טראַדיציאָנעלער גע־טריישאַפט. מאַנגער איז אַזוי פרום איבערגעגעבן צום אידישן פאָלקס־ליד און צום אידישן טעאַטער־ליד, אַז זיין אַפּיקורסות לגבי דעם אַלטן און מיט תורה אָנגעלאָגלטן אידישן לשון שטייט אים נישט אין וועג. ער קען זייער לייכט טעאַטראַליזירן דאָס גאַנצע חומש'ל, וואָס איז אַפּילו לגבי טייטש־חומש אַ זינד, אָבער דערפאַר איז עס פרומער אידישער טעאַטער־טעקסט פון די מכירת יוסף שפּילן.

מאַנגער האָט מיט זיין ליד דעם אידישן לייענער געבראַכט אַ געוויסע באַפרייאונג, ווייל ער איז געקומען אַ ניט־באַהויקערטער, סיי אין דעם שענסטן און סיי אין צו־פרייען זין פון וואָרט. זיין אידיש ליד איז געקומען אָן קדושה און אָן דעם באַוואוסטזיין, אַז ער זינדיקט קעגן דער קדושה פון אַן אין־אידישקייט־איינגעטונקט־לשון. זיין טראַדיציע פון אידישן לשון האָט אין אַפּיקורסות געזען שפּילעוודיקייט. דאָס פאָלק האָט אין מאַנגערן אַפּלאָדירט דעם דיכטער פון אידישן ליד, וואָס איז נישט שולדיק געווען קיין חובות דער פאַרגאַנגענהייט, אַפּילו נישט דער מאַמעס צאינה וראינה, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויסגעוואָקסן פון פאָלק און האָט פריי געזונגען.

אָבער איידער מאַנגער איז דערגאַנגען דערצו איז ער געקומען דורך ראָמאַנטישע מאָנאַכן און קרייצן, וואָס זיינען געווען אַ ווילד־וואוקס אויף זיין אומפאַרוואָרצלט ליד. די פרעמדע טראַדיציע אין זיין ליד האָט געשטאָכן ווי דערנער, אָבער דאָס פאָלק האָט פאָרט געזען, אַז ס'וואַקסט אַ אידישע כלי אַפּילו אין אַזעלכע פרעמדלעכע שורות —

כ'בין דער אָונט אויפן קרייץ — לעסטער!
ניט קני פאַר מיר, דו מענטש פון וועג.
דו האָסט גענוג פאַר וואָס צו קניען
אין דיינע נעכט, אין דיינע טעג.
שפּילט דאָס בלוט פון זונפאַרגאַנג
אויף מיינע ווייט־געקרייצטע הענט.

האָסט דערקענט דעם זונפאַרגאַנג,
האָסט מיין נאָמען אויך דערקענט.

— — — — — — — — — — —

לעסטער, מענטש פון וועגן, לעסטער
מיין צלם אין זיין לעצטער שעה.
ס'איז דיין לעסטערונג אַ צייכן,
אַז ער איז דאָ, אַז איך בין דאָ.

מ'דאַרף זאָגן, אַז דאָס פאָלק וואָס איז צוגעפאַלן צו מאַנגער'ס ליד האָט געמוזט פאַרמאָגן גאַנץ גוט אַנטוויקלטע מבינות, אויב עס האָט דורך אַזעלכע שורות דערשפירט דעם אַנקום פון אידישן פּאָעט מיט אַ נאָמען. דער עיקר וועמען האָט עס געקענט איינפאַלן, אַז דער פּאָעט וואָס איז שפּעטער געקומען מיט אַ חנ'עוודיקער הפקר'דיקייט און ניט־צוגעבונדנקייט צו אידישער טראַדיציע, וועט ווען עס איז פּטור ווערן פון דער קריסטלעכער טראַדיציע, וואָס האָט אַרומגעדאַרנט זיין ליד, ווי אין זיין „עקדת יצחק" פון זיין ערשטער לידער־זאַמלונג — „שטערן אויפן דאַך".

וואָס זעסטו איצטער, מיין קינד אין קרבן?
איך זע: איבערן ליכטיקן הימל־בלאָ
ציט אויס די פליגל אַ שווערע טיפע שעה
און אויף אַ צלם הענגט אַ מענטש געשטאָרבן.
וואָס שטייסטו, פאָטער, אַזוי בלייך און שטום,
און ס'גליטשט דיין מעסער זיך אַראָפּ צו דר'ערד?
דיין שיינער טויט איז אַן אַנדערן באַשערט,
טו אָן דיין טרויער, מיין קינד, און קום.

אין דעם סאָנעט וואָס איך פאַרענדיק נישט, זאָגט יצחק צום טאַטן אברהם, אַז דער וואָס האָט זיין קרבן צוגענומען דאַרף זיין אויסטערליש שיין. דער פאָטער אברהם פון אונזערע אָבות, אָדער אפילו פון מאַנגער'ס שפּעטערדיקע אָבות פון זיין טעאַטער טייטש־חומש זאָגט, אַז יענער „גליקלעכער" אויפן צלם דאַרף ערשט קומען.

ווער האָט זיך עס דעמאָלט געקענט ריכטן, אַז פון דעם יונגן און גאַנץ אַנטוויקלטן דיכטער, ווי ס'זאָגן עדות אַזעלכע שורות — „טו אָן דיין טרויער מיין קינד, און קום", אָדער — „ציט אויס די פליגל אַ שווערע טיפע שעה", וועט אָפּגעוויקלט ווערן די מאָנאַכישע, באַלאַדיש־געצלמ'טע און אָנגעבאַרגטע פרעמדקייט, און דער דיכטער וועט דערגיין צו זיין שפּעטערדיקן עקידת יצחק פון זיין טעאַטראַליזירט חומש'ל וואָס איז מיר פרעמד און נישט צום

האַרצן, אָבער וואָס איז דעם דיכטער׳ס אייגנאַרטיקער וועג אין דער אידישער פּאָעזיע —

אברהם טראָגט אויף זײַנע הענט
זיין בן־זקונים אַרויס,
אַ פרומער בלאָער שטערן בליצט
איבער דעם אַלטן הויז.
„היידאַ אליעזר!״ דאָס בייטשל קנאַלט
און אַט זילבערט זיך דער שליאַך.
(טרויעריק און שיין, זאָגט דער פּאָעט
זענען די וועגן פון תנ״ך).
די גראָע ווערבעס פּאַזע וועג
אַנטלויפן אויף צוריק,
אַ קוק טון, צי די מאַמע וויינט
איבער דער פוסטער וויג.

דאָס פאָלק האָט דערשפּירט, אַז פון דער אָנגעקוויטקעטער פּרעמדקייט רייסט זיך אַ פּאָעט צום יונגן מקור פון אידיש לשון, צו זיין פרייד און צו זיין בינע־לעמפּלדיקן רייץ. שוין אין דער ערשטער זאַמלונג פון מאַנגער׳ס לידער זיינען פאַראַן די פלענער פאַר זיין שפּעטערדיקן שאַפן — אין אַזעלכע לידער ווי „גאָלדפאָדעניאַדע״ און „זבאַרזשעריאַנע״. אָבער אין די לידער איז בלויז דאָ די בלוישריפט פאַר זיין שפּעטערדיקער „אָפּוויקלונג״ פון די באַלאַדעס פון דעם „אַלטן גלח, קראַנקער מאַרי און שוואַרצן תהילימל״, הגם אין דער ערשטער זאַמלונג זיינען אויך דאָ אַזעלכע ליכטיקע שורות ווי —

אַ שטומער וואַסער־טרעגער טראָגט
אַן עמער וואַסער מיד און שווער,
אין וואַסער ציטערט די לבנה —
אַ גרוס פון גאָט, אַ ווייסע טרער.
פון צלם גייט דער גען אַראָפּ:
באַפריי מיך, גרויסער מענטש פון וועג.
די טויזנט וואונדן אויף מיין גוף,
די דערנער־קרוין איז מיין פּאַרמעג.
לייקן איך דעם צלם אָפּ,
טו אויס דעם אָרעאָל פון לייד.
דערקען דעם שטויב, דערקען דעם מענטש —
די בריק צו גאָט, די בריק צו פרייד.

אָט דער חסידישער שמועס וועגן מענטשלעכער חדוה, אַנטקעגן דעם דערנער־קרוין, איז דער דורכרייס, אָדער דער דורכלויטער וואָס האָט אָנ־געוויזן, אַז דעם גערעַנגל מיט פרעמדקייט האַלטביים געווינען אַן אייגנאַר־טיקער אידישער פּאָעט. אַפּילו זיינע באַלאַדעס האָבן שפּעטער געקראָגן אי־דישן אינהאַלט, ווי „די באַלאַדע פון דעם איד, וואָס איז געפאָרן אויפן יאַריד״, אָדער „די כעלמער באַלאַדע״, צי „די באַלאַדע פון דעם פּאָדלאָיער רב״, אָדער גאָר די באַלאַדע פון „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״.

זיין אייגענעם אַרויפשטייג האָט מאַנגער דערגרייכט מיט זיינע חומש־לידער, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי אַ סך לייענערס, שוין אפילו מיט דער פאָלקישער אַפּיקורסות (אָדער אפשר טאַקע אַ דאַנק דער פאָלקישער „ביבל קריטיק״) פון הגר׳ן, ווען זי באַווייגט ישמעאליקן —

וויין נישט, ישמעאליקל טאַטע,
אַזוי איז אונז שוין באַשערט,
אַט אַזוי פירן זיך די אָבות
מיט די לאַנגע פרומע בערד.

די העכסטע אַנטוויקלונג אין מאַנגער׳ס פּאָעטישער קאַריערע איז זיין דיכטערישע אידענטיפיצירונג מיט וועלוול זבאַרזשער און מיט זיין ליבע־בריוונשטעלער צו מלכה׳לע דער שיינער. דאָ איז פאַראַן דער גאַנצער מאַנגער, דער מאָדערנער זינגער פון דעם אידישן פאָלקס־ליד.

ס׳איז אפשר אמת, מלכה׳לע,
און אפשר גאָר אַ טרוים —
דעם דאָזיקן בריוו דיקטירט מיר
דער אַלטער קאַרשנבוים.
באַנאַכט דורכן אָפענעם פענסטער
רוישט ער צו מיר אַריין
און ס׳ציטערט איבערן שרייב־פּאַפּיר
אַ פּאַסמע לבנה־שיין.

אָדער אין זיין שפּעטערדיקן איבערזינג פון די פאָלקס־מאָטיוון, אין אַזאַ פּאָפּולער געוואָרן ליד —

אויפן וועג שטייט אַ בוים
שטייט ער איינגעבויגן,
אַלע פייגל פונעם בוים
זענען זיך צעפלויגן.
דריי קיין מזרח, דריי קיין מערב,
און דער רעשט קיין דרום,

און דעם בוים געלאָזט אַליין,
הפקר פאַרן שטורעם.
זאָג איך צו דער מאַמע: הער,
זאָלסט מיר נאָר נישט שטערן,
וועל איך, מאַמע, איינס און צוויי
באַלד אַ פויגל ווערן.

אָבער דער מאַמעס ליבע קען אַמאָל באַשווערן דעם פויגל־פּלי, מיט אירע אַרויפגעצוואונגענע קאַלאָשן און מיט דעם שאַליקל —

כ׳הויב די פליגל. ס׳איז מיר שווער
צו פיל, צו פיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעטאָן,
דעם פייגעלע דעם שוואַכן.
קוק איך טרויעריק מיר אַריין
אין דער מאַמע׳ס אויגן:
ס׳האָט איר ליבשאַפט נישט געלאָזט,
ווערן מיר אַ פויגל.

אין דער נייסטער זאַמלונג זיינען פאַראַן קורצע לידער און עטלעכע סאָנעטן וואָס זיינען אַן אָנזאָג אויף אַ נאָך־געלייטערטערן מאַנגער, אַן אַרויסגעלייטערטער און אָפּגעוויקלטער אפילו פון זיין אייגענעם גאָלדיקן פאָלקס־ליד. —

די אַלטע שרה בת טובים
בענטשט דעם זונפאַרגאַנג,
ווי אַמאָל די הייליקע שבת ליכט
און שעפּטשעט שטיל און לאַנג.
די אַלטע בראָש פון פאַרצייטנס,
אויף איר סאַמעטן קלייד,
איז דאָס איינציקע שטיק זילבער
אין אַ וועלט וואָס פאַרגייט.

אין דער פאַרגייענדיקער וועלט בעט זיך מאַנגער ביים בראַצלאַווער ער זאָל דערציילן די מעשה פון זיבעטן בעטלער.

זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט, דו שוויגסט,
און די וואָלקנס ווערן שווערער —
מיר וואַרטן, דערצייל, טאָמער ווערט צו שפּעט,
ווער וועלן זיין די הערער?

אָט דער טרויער־אַקאָרד איז ניט בלויז דער טרויער־צוזינג פון מאַנגער׳ס פאַרפּיילעכטן פאָלקס־טאָן, נאָר אַן אייגענער, אַ מעממקים׳דיקער, אַ טרויער

וואָס צווינגט די גרויסע גאַליציאַנער רביים מורד זיין. ווייל איך פאַרענ־דיקן מיט מאַנגער׳ס אַ פּרעכטיקן סאָנעט, וואָס איז פאַר מיר אַן אָדערויף אויף אַ נייעם מאַנגער; אין דעם סאָנעט זיינען אויך דאָ מאַדאָנעס, אָבער זיי זיצן אין אַ טרויעריקער און שיינער אידישער וועלט.

סיעסטאַ

זומער־נאָכמיטאָג, די זיצערקעס אין מאַרק
דרימלען איבער פולע קוישן עפּל, פלוימען, באַרן.
אידישע מאַדאָנאַ׳ס געלייטערטע אין צער׳ן,
ווייסע וואָלקנס דרימלען אויפן קאָפּ פון קלויסטער־באַרג.

די זון וואַרפט גאָלדענע קוקורוזע־זערנעס פאַר
די קוואָטשקעס וואָס לערנען זייערע הינדלעך חיונה שאַרן —
איבער די פולע קוישן עפּל, פלוימען, באַרן,
זשומען גרויסע בלאָע פליגן אין מיט־זומערדיקן זשאַר.
די זיצערקעס אין מאַרק דרימלען, וויגן זיך אַהער, אַהין.
אונטער צוגעמאַכטע אויגן זעען זיי די ווייטע זין,
וואָס שרייבן בריוו און שיקן דאָלאַרס פון דער פרעמד, —
קליינע ווייסע וואָלקנס דרימלען אויפן קאָפּ פון קלויסטער־באַרג
די מידקייט גייט אַן אָפּגעלאָזטע שפּאַצירן איבערן מאַרק,
באָרוועס און צעשפּיליעט דאָס גאָלד־געשטיקטע העמד.

1953

רחל ה. קאָרן

רחל ה. קאָרן איז אַן אינטערעסאַנטע דערציילערין און אירע ערשטע לידער האָט געשפּונען די זיכערע האַנט פון אַ פּראָזע־קינסטלערין. אירע לידער האָבן זיך געלאָזט איבערדערציילן און מ׳האָט אפילו נישט באַדאַרפט אָנקומען צו די אָריגינאַלן. אויב מ׳האָט פאַרמאָגט אַ גוטן זכרון האָט מען געקענט איבערזאָגן דעם אינהאַלט פון אירע לידער — דערציילן ווי דער טאַטע האָט געשריבן אַ צוואה, ווען ר׳האָט דערזען פּנים אל פּנים דעם טויט; איבערזאָגן דאָס ליד וועגן דער אַכציק יאָריקער קינדער־אָפּנעמערין; געבן דעם תמצית, מיט אייגענע ווערטער, פון ליד וועגן דער שוואַנגערדיקער דינסט־מויד, וואָס קומט אַהיים און פאַרשעמטע טאַטע־מאַמע וואַרפן זי אַרויס. די פריערדיקע לידער אירע האָבן כמעט אַלע פאַרמאָגט באַזונדערע צענטראַלע טעמעס, וואָס זיינען געווען דער זאַפט פון ליד, וואָס האָט געפלאָסן אין די שורות. די שפּעטערדיקע לידער וואָס רחל ה. קאָרן האָט געשריבן זיינען אייגנטלעך וואַריאַנטן אויף איין טעמע, נאָר אַז מ׳וויל זיי איבערדערציילן מוז מען שוין אָנקומען צו די אָריגינאַלן, מ׳האָט מורא אַז מ׳זאָל נישט פאַרגיסן קיין איין וואָרט, מ׳ציטערט איבער זיי און ס׳פאַלט קיינעם נישט איין צו פאַראַפראַזירן, ווייל מ׳ווייסט אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַזאַ אינהאַלט, וואָס לאָזט זיך איבערדערציילן, בלויז מיט דעם לשון פון דעם פּאָעט׳ס אָפּגעשפּאָרטער און צייטיקער טרויעריקייט.

אין דעם בוך „היים און היימלאָזיקייט״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן אין אַרגענטינע״, גיט אונז די דיכטערין אַ געלעגנהייט צו לייענען אירע פריערדיקע דערציילטע לידער און לידער־בילדער פון איר היים, צוזאַמען מיט די וואַריאַנטן אויף איר היימלאָזיקייט, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן צווישן 1939 און 1947. די פריערדיקע לידער אין בוך געהערן צו די יאָרן צווישן 1928 און 1939. דאָס זיינען געווען יאָרן פון איינגעוואָרצלטקייט, פון אייגענע ביימער, אייגענע הייזער, אייגענע סעדער, אייגענע טאַטע־מאַמע און אייגענע ברידער. נאָך 1939, אין די יאָרן פון איר אויסגעוואָרצלטקייט, האָט זי אָנגעוואוירן אַלץ וואָס איז איר געווען אייגן. אפילו די מאַמע, איר קינד און איר קליידל זיינען שוין מער נישט געווען איר אייגנס נאָר זיינען געוואָרן נאַציאָנאַלע סימבאָלן, אַ טייל

פון דעם גרויסן אידישן אומגליק, וואָס מ׳קען אים גאָרנישט איבערדערציילן.
רחל ה. קאָרן האָט זיך אין אירע לידער שוין מער נישט געקענט סומך זיין אויף דער גוטער דערציילערין, כדי איבערצוגעבן דאָס וואָס לאָזט זיך נישט דערציילן און כדי צו פאַראייגענען דעם גורל וואָס איז אַלעמענס, האָט זי דערפאַר אָפט געמוזט לאָזן דורכשווייגן דורך איר געמיט ווערטער און שורות גאַנצע, וואָס זיינען ווי די שוויג־הפסקות צווישן איוב׳ס געוויין און די טרייסט־רייד פון זיינע גוטע פריינט.

אירע ערשטע לידער זיינען געווען ראַזעווע מיט זייער דאָרפישקייט. אירע בילדער און פאַרגלייכן זיינען געווען ערדישע. זי האָט געבראַכט צום אידישן ליד די לאָגיק פון איר דערציילערישער פּראַסטקייט. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיך אַ סך פון אירע לידער געלייענט ווי דער זינגענדיקער עודף פון איר פּראָזע. זי אַליין האָט אויסדערציילט אירע לידער מיט גוט לשון, קלוגע און צו־געטראָפענע ווערטער, און אויסדערציילענדיק האָט זי דאָס גאַנצע ליד אויס־געשעפּט. איצט וועט מען דער דיכטערין דאַנקבאַר זיין פאַר דעם אופן ווי זי האָט פאַרגליווערט איר היים און די הייליקע אידישע פּויערישקייט לדור דורות. מ׳מעג אויך דער דיכטערין באַדאַנקען דערפאַר, וואָס זי איז געווען געטריי צו איר דעמאָלטיקער פאַרפלאַנצטער פרייד, וואָס איז אין איר געווען שטאַמיק. אויב זי האָט מקריב געווען שטיקער פון איר ליד, איז זי אַלעמאָל געבליבן געטריי צו זיך אַליין, בעת זי האָט זיך אַרומדערציילט מיט אַן אייגענער וועלט, וואָס בליט איצט אַזוי בית־הקברות׳דיק אין דעם ערשטן טייל פון איר בוך לידער.

די ערלעכקייט איז געווען די שוועל, וואָס האָט זי דערפירט צו אַן אייגן געוויין און אַן אייגענער טרער, ווען זי האָט זיך געפונען אויף די וועגן, טיילנ־דיק דעם גורל פון אַ פאָלק.

איך ווייס שוין, אַז פון אַלע רייזעס צו דעם גליק
דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו ערשטער קינדערטרער,
ווי צו אַן אייגענער שוועל, דאָרט ערגעץ צווישן חורבות,
וואָס וואַרט נאָך אַלץ געטריי, ווען ס׳וואַרט שוין קיינער מער.

די פיר שורות זיינען פון רחל ה. קאָרנ׳ס ליד צו איר מאַמען, וואָס איז אומגעקומען דורך די טמאים. ווען די דיכטערין וואָלט מער נישט אָנגעשריבן ווי דאָס איינציקע ליד, וואָלט מען אַן איר נישט געטאָרט צוזאַמענשטעלן קיין דיכטערישן מנין, בפרט ווען רחל ה. קאָרן האָט אין איר בוך אַ צענדליק אַזעלכע לידער, וואָס ווייזן, אַז אירע צרות זיינען נישט געגאַנגען לאיבוד, אַז דער גורל האָט נישט געמאַכט קיין טעות, וואָס ער האָט אויך זי אויסגעקליבן פאַר אַ קרבן.

ווען זי איז נאָך אין אירע לידער געווען די דערציילערין, האָט זי זיך גע־קענט פאַרגינען אַ פאַרביקע און אַגרעסיווע באַריידעוודיקייט, ווייל זי האָט כמעט אַלעמאָל זיך פאַרלאָזט אויף דער צענטראַלער טעמע. זי האָט אַטאַקירט איר טעמע מיט רייד און שיינע פאַרגלייכן.

ווען דאַוונט דען, מ׳שטיינס געזאָגט, דער דאָרפסמאַן, ווי אַ איד ?
עס גייען אויף דער פאַשע פון האַלב־צעפליקטע אַלטע סידור׳לעך,
מחשבות, ווי די הונגעריקע קי,
און צעקייען יעדעס אות אויף סיטשקע.

די קלוגע בילדער האָבן פאַרמאָגט אין זיך די לאָגיק פון דער טעמע.

וויקלען איין רצוונות מעכלס הענט, ווי לייצן,
שפּאַנען אים אין וואָגן פון אַן אַרבעטס־טאָג אַ שווערן.

אָט די אַנדערע צוויי שורות פון זעלביקן ליד זיינען אויך די סוגעס־טירטע בילדער פון דעם וואָס די דיכטערין האָט אונז געוואָלט דערציילן. אין אירע שפּעטערדיקע לידער האָט זי שוין מורא פאַר איבעריקע רייד און זי ציטערט פאַר קלוגע בילדער. זי האָט מורא אַז זי וועט צו בולט און צו קלאָר דערציילן דאָס, וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט דערציילן. זי האַלט צוזאַמען די שורות, כדי זיי זאָלן אין איר נישט ווידערשפּעניקן און נישט קריגן קיין באַזונדערע דערציילעוודיקע עקזיסטענץ, נאָר זיי זאָלן ווערן דער עסענץ פון דער אַמאָליקער פרייד אירער, וואָס איז איצט פאַרווינט געוואָרן. פאַראַן אין אירע שורות אַ סך פון איר אַמאָליקער שאַפונג־פרייד, וואָס איז איצט איבער־געצויגן געוואָרן מיט אַ זיכערן אייז. קענסט זיך דורכפאָרן דערויף און וויסן אַז אונטער דעם קוואַלט נאָך אַ יוגנט, וואָס איז אָבער איצט אינגאַנצן פאַר־ווינטערט און פאַרפרוירן.

אין אירע לעצטע לידער איז רחל ה. קאָרן דורכאויס די דיכטערין. מערק־ווירדיק, ווי די טאַלאַנטירטע דערציילערין האָט זיך אינגאַנצן געלאָזט באַ־צווינגען, ווי זי האָט אָפּגעטראָטן דעם וועג דער דיכטערין און ווי זי איז אויס־געוואָקסן; ווי איר פיינער טאַלאַנט איז אויף קיין איין טריט נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַלע צרות וואָס זי האָט אַריינגעכאַפּט. דאָס וואָרט לייטערונג איז אָפּט מאָל מער נישט ווי אַ פראַזע, אָבער אירע לידער, וואָס זי האָט געשריבן אין די פערציקער יאָרן, זיינען אַ פאַרצייכענונג פון אַ לייטערונג. ס׳איז די מאַפּע פון אַ נשמה, וואָס האָט אָפּגעציטערט אַלע ראַנגלענישן. די אַלע לידער זיינען איין דאָקומענט פון דערהויבונג און אַז מ׳לייענט זיי איז מען זיכער, אַז די לידער האָבן איבערגעלאָזט זייערע טיפע צייכנס אויף דער דיכטערין אַליין. די לידער האָבן זיך געלייטערט דורך רייסן פאַסן פון רחל ה. קאָרן, דורך איינשניידן זיך אין איר לייב און לעבן. נישט אַלע דיכטער זיינען ווערט

זייערע אייגענע לידער, וואָס זיינען אָפט נישט מער ווי מאָמענטן פון דערהויבונג און אויסשטראַלונג. רחל קאָרנ׳ס לידער זיינען אַ פּראָדוקט פון אַ גלייכמעסיקער אַנטוויקלונג. קיין איין ליד אירס איז נישט געוואָרן גרויס אויף איר חשבון, נאָר זיי זיינען געוואַקסן מיט איר, זיינען טרויעריק געוואָרן צוזאַמען מיט איר. זיי זיינען נישט קיין מאָמענטן, נאָר עטאַפּן.

אין אירע ערשטע לידער איז רחל ה. קאָרן געשטאַנען נאָענט צו דער נאַטור, זי האָט געזען, געהערט, פאַרצייכנט, אָבער זי האָט אויך געהאַט אַ לעבן וואָס איז געווען פּריוואַטער פון אירע לידער, וואָס איז פון אונז געבליבן פאַרבאָרגן. אירע לידער זיינען געווען אירע שטיקער קענטשאַפט, צייכנס פון איר פרייד, אָבער נישט די פרייד אַליין, וואָס האָט פון זיך אויסגעטיילט אירע בילדער. אָבער אירע לעצטע געזאַנגען זיינען אינגאַנצן דאָס גייסטיקע בילד פון דער דיכטערין, אָן פאַרהוילענישן און פאַרבאָרגענישן. זיי זיינען נישט קיין טיילן פון איר טרויער, נאָר איר טרויער אַליין; נישט די ווערטער־רעפּרעזענטאַציע פון אַ צייטווייליק געמיט, נאָר פון אַ מעת־לעת׳יק לעבן. אירע אַמאָליקע לידער זיינען געווען אַ טייל פון איר יוגנטלעכקייט, נאָר די לידער, וואָס רחל ה. קאָרן האָט געשריבן אין די פערציקער יאָרן, זיינען דער גאַנצער טרויער אירער און דערפאַר איר גאַנץ לעבן. דעריבער גייען זיי אין זייער וואוקס און באַרג־אַרויף צוזאַמען מיט דעם וואוקס און באַרג־אַרויף פון אַ פיינער פּערזענלעכקייט. זיי זיינען נישט קיין עקסקורסיעס אין פּאָעזיע, נאָר אַלץ וואָס ס׳איז איר געבליבן אין לעבן.

די אידישע ליטעראַטור וואָלט געווען אָרעמער, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט אַ צאָל פון די פיינע סקולפּטורעסקע בילדער, וואָס רחל ה. קאָרן האָט געשאַפן, פון אירע היימישע געשטאַלטן.

ווען ס׳איז דער עלפטער לעפל צוגעקומען צו דער שיסל
און גראָד אין יענער צייט, ווען ס׳בליט אין פעלד דאָס קאָרן,
האָט אַ בייזן קוק געגעבן דער טאַטע אויף דאָס ניי־געבוירענע.

אָדער, ווען די דינסטמויד קומט אַהיים פון דינען אין דער פרעמד —
ס׳האָבן שוועסטערלעך געגלעט די בלומען פון דער שאַל,
און די ברידערלעך מיט פינגער באַטאַפּט דאָס נייע לעדער
פון די נייע שיך,

נאָר דער מאַמע׳ס שטרענגער בליק האָט אַלץ באַקוקט
דעם שאַרץ אויף איר,

ביז זי האָט דערזען זיך עפּעס הייבן,
ווי אַ בערגל קרעטאָווינע אינם גאָרטן

רחל ה. קאָרנ׳ס לידער האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איר, אפילו נאָכדעם ווי זי האָט זיי באַשאָנקען מיט די צוגעטראָפנסטע און וואַרעמסטע אַדיעקטיוון.

ס׳באַווייזט זיך פּלוצים אויף אַ שוועל אַ יונגע שיקסע,
שטרעקט אויס אַנטקעגן טאָג איר נאַכטיש־אויסגעוואַרעמט לייב,
און קוקט זיך אום, צי ס׳קומט ניט אָן מיט זיינע גניאַדע פערד
דעם שכנ׳ס זון —
טוט אָן אויף אירע ווייכע אַקסלען הארטע קאַראַמעסלעס
און גייט דעם ערשטן, פרומען גאַנג צום ברונעם.

דאָס „נאַכטיש־אויסגעוואַרעמט לייב״, באַלאַנסירט דעם „פרומען גאַנג״ צום ברונעם און גיט עס אַ ביבלישן הויך. אירע ערשטע לידער האָבן געוויזן אַן אומגעהייערע קענטשאַפט צו געבן אַ ליד דעם חן פון רעאַלע בילדער און קאָנקרעטע פאַרגלייכן, וואָס זיינען ביי איר קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען רויִק און צעשוואומען. אָבער די שפּעטערדיקע לידער אירע, וואָס האָבן זיך געמוזט אויסוואָרצלען פון דער ערד, זיינען צוגעוואָרצלט געוואָרן צו איר אַליין און זיינען געוואָרן לירישער, טרויעריקער, דערהויבענער.

אָ, ערד, אַז איך וועל מוזן גיין פון דיר אין גלות,
וועט דורכלויפן אַ ריס דורך דיין און מיין אַ יעדן גליד
און ס׳וועלן בלוטיקן צוגלייך, אָ, ערד, מיין הייס געליבטע ערד,
דו און איך און מיין ליד.

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין פּשעמישל, אין יאַנואַר 1939, מיט איבער אַ האַלב יאָר פריער, איידער די פינסטערע נבואה איז מקוים געוואָרן. דאָס איז געווען דער טראַגישער איבערברוך אין רחל ה. קאָרנ׳ס דערציילעריש ליד. נאָכדעם האָט זי שוין נישט געהאַט וואָס צו דערציילן, ווייל די געשיכטע האָט איבערגענומען און גענומען דערציילן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אַלץ וואָס איז איר געבליבן, איז צו פאַרצייכענען דעם וואַנדער דורך אַ וועלט, וואָס האָט זיך אַליין אויפגעריסן ביז צו די גערערים. די אַמאָליקע שילדערנדיקע שרייב־פרייד פאַרשווינדט און אין 1941 זינגט שוין רחל ה. קאָרן:

מיין שאָטן,
ווי אַ שלייער
אויסגעוועבט פון דינסטן טרויער
נעמט שוין פון מיין געשטאַלט
די מאָס
און פאַרשוועסטערט מיך
מיט וואַרטנדיקער ערד,
מיט פייכטן גראָז —

די וואַרטנדיקע ערד איז שוין נישט קיין ערד פון פּראַצע, נאָר אַ חרוב'ע און די דיכטעריין דערשפּירט, אַז פון איצט אָן און ווייטער, ווען אַלץ אַרום איז פּאַרוויסט, איז זי ערשט אָפּהענגיק אין איר ליד.

און ס'זאָלן ווערן צו שטויב און ס'זאָל ווערן צו אַש
די אַרבעט, די מי פון אַלע מיינע יאָרן,
און כ'זאָל ווערן מיט יעדן ליד, ווי דו, מיין גאָט,
מיט יעדן נייעם פרילינג, ניי געבוירן,

רחל קאָרן פּאַרוואַרפט כמעט אינגאַנצן אירע פעטע לאָקאַליזמען און איר שפּראַך ווערט אוניווערסאַלער אידיש; אירע שורות ווערן ענגער, צוזאַ־מענגעפּרעסטער, זי זוכט גראַמען, כדי צו דיסציפּלינירן איר אַמאָליקן צו־פרייען, פרייען פערז, די קעגנוואַרט ווערט אַ דערמאָנענדיקע, אַ סימבאָלישע, זי פּאַרטרייסט זיך אַליין דעם טרויעריקן וואַנדער מיט אייביקע צייכנס. אַזש אין אופאַ — טאַשקענט, שרייבט זי אַזעלכע שורות:

אַזוי בין איך אַליין געריטן שוין אַמאָל,
אויפן ראַנד פון קינדערישן שלאָף,
פּאָלגנדיק אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן רוף,
צו די געלע בלעטער פון תנ"ך
און באַפּלאַנצט דעם מדבר מיט מיין אייגענעם גוף.

איר לשון ווערט רייכער, פּאַרטיפטער, אייגענער, אויסדרוקפולער, ביז די שטילסטע טענער קריגן רעזאָנאַנץ. זי קריגט צו אַ תפילה'דיקן טאָן, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט. אין דער ווייטער רוסלאַנד דערמאָנט זי זיך, אַז איר מאַמע מוז איצט דאַוונען. און זי בעט:

אָ, ענטפער איר, מיין האַר,
איר איינזאַמקייט, איר אַלטקייט, נישט פּאַרשעם,
ענטפער איר דורך גראָז, דורך בוים, דורך שטערן,
בעת ס'פירן אירע אויסגע'צער'טע ליפּן
די אותיות, ווי טונקעלע, שטילע שעפּסן,
צום קוואַל פון אירע טרערן.

רחל ה. קאָרנ'ס לידער האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער דערציילערישער פלאַך און זיינען פּאַרטיפט געוואָרן. די זיכערקייט אין דעם קאַמפּאַס פון איר ליד קומט פון דעם הייליקן גלויבן, אַז זי איז אַ פּאַרצייכנערין פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן איר פאָלק.

כ'בין דאָ — און הינטער מיר מיין ברענענדיקע וועלט —
מיט פלאַקערדיקן דאָרן גייט דאָ אויף מיין וואָרט,

און וועט זיך נענען גאָט — איז מיט פאַרהוילטן פּנים,
און באָרוועס,
ווייל געהייליקט איז דער אָרט.

אין דער לעצטער אָפּטיילונג „היימלאָזיקייט" זיינען פאַראַן אינטימע לי־דער, ווי „צוויי צוואות", דאָס פריער דערמאָנטע ליד „מיין מאַמע" און צו „מיין מאַן", וואָס זיינען אַנטפּלעקנדיק אין זייער אינטימיטעט:

עס האָט מיין פאָטער זיין צוואה געשריבן,
ווען ס'האָט געבליט דער אַלטער עפּלבוים אין סאָד,
און ס'האָט געפּרואווט די צייטיקייט פון לופט
דער פלי פון בין, ווי זון־צעגליטער דראָט.

דאָס איז אייגנטלעך אַן אבערגעשריבענער מאָטיוו, ווייל דאָס ערשטע ליד וואָס עפנט דאָס בוך און וואָס געהערט צו אירע אַמאָליקע לידער דערציילט אויך וועגן דעם טאַטנ'ס צוואה, אָבער דאָרט זיינען נישט געווען אַזעלכע שורות —

און ווי אַ גוטער באַלעבאָס, וואָס טרייבט פאַרנאַכט צונויף
און באַוואָרנט הינטער שלאָס די עופות און די רינדער,
האָט ער אין טונקעלע, דריבנע אותיות פאַרמאַכט
די ליבשאַפט און די זאָרג פאַר וויב זיינעם און קינדער.

ס'זיינען פאַראַן אין דעם בוך לידער, וואָס מ'וועט צו זיי צוריקקומען, יאָר איין, יאָר אויס. צו אַזעלכע לידער געהערט דאָס קורצע ליד „ביי די טויערן פון גאַז־קאַמערס". דאָס איז די טיפסטע פאַרדאַמונג פון די טמאים, וואָס האָבן פאַרשעמט די הייליקע אינטימיטעט פון גוף, דאָס איז אַ געזאַנג וועגן דער גבורה פון די אידישע קינדער, וואָס האָבן „פאַרטויזנטפאַכיקט זייערע יאָרן ביז איבער ראַנד פון טויט".

מען געפינט אויך אין דער אָפּטיילונג לידער, וואָס די ווערטער דאַוו־נען זיך פון זיך אַליין:

עס האָבן ווינשל בליענדע דעם הימל אויפגעשלאָסן
פאַר מיין מאַמעס ווערטער באָרוועסע און שטילע,
נאָר ס'האָט ביים עירוב פון מיין ערשטער טרער
זיך אָפּגעשטעלט דער ניגון פון איר תפילה.

כ'האָב זיך פאַרשעמט, ווי כ'וואָלט אַליין געשטאַנען דאָרט
אין גליענדיקער היץ פון יעקב'ס יונגע אויגן,
און ווי ס'וואָלט צו דעם ברונעם אונטער שווערן שטיין
מיין אייגן גורל די פאַרשמאַכטע ליפּן צוגעבויגן.

אַזעלכע לידער קען מען נישט איבערדערציילן, נאָר מען מוז זיי זאָגן אין אָריגינאַל, מיט די ווערטער, ווי זיי האָבן זיך אַרויסגעזונגען:

נאָר ס׳זיינען שוין פאַר׳חתמ׳עט יעקב׳ס וואַרטנדיקע יאָרן
דורך געלע, שאַרכנדיקע בלעטער פון דער תחינה,
און ס׳קענען זיי נישט אויסלעשן די זיבן הייסע טרערן,
און רחל׳ס טרויער קענען נישט פאַרשטעלן לאַנקעס גרינע.

פון דער פריילעכער באַריידעוודיקייט פון אירע פריערדיקע לידער איז רחל ה. קאָרן דערגאַנגען צום תפילה׳דיקן וואָרט און צו דער דינער שפּאָ־רעוודיקייט פון געבעט.

מיין האַר, ביסט אפשר היינט געוואָרן אַזוי נע־ונד, ווי איך,
ווייל ס׳האָט אַ מענטשלעך האַרץ זיך אָפּגעזאָגט פון דיר,
און גייסט, ווי איך, דער איינזאַמקייט אַנטקעגן
פון גרעניץ ביז צו גרעניץ און פון טיר צו טיר?

רחל ה. קאָרנ׳ס ליד האָט זיך דערהויבן צו דער מדרגה, אַז ס׳זינגט מיט אַ רירנדיקער זעלבסט־באַגלויבטקייט:

איך בין שוין אַזוי צייטיק דורך לייד און דורך צער,
אַז אפילו גאָט אַליין
קען זיך אָנפאַרטרויען מיין האַנט —
איך וועל אים זיכער ברענגען
אַהין אין יענעם לאַנד.

מיין בענקשאַפט האָט שוין אויספאַרריכט דאָרט אַלע וועגן,
מיין האַרץ האָט אויפגעשטעלט צוריק
אַ יעדע חורב׳ע, פאַרברענטע בריק.
עס וועלן נישט פאַרבלאָנדזשען מער
מיין טרער,
מיין טראָט,
נישט דו, מיין גאָט.

פאַראַן אין דער פעלזן־פעסטקייט פון אַזאַ פונדאַמענטאַלן טרויער נישט נאָר געזאַנג, נאָר דער טראָט פון אַ מענטשן, וואָס באַגלייט זיין אייגן געזאַנג.

אליעזר גרינבערג

שוין אין זיין בוך לידער „די לאַנגע נאַכט״, וואָס אליעזר גרינבערג האָט אַרויסגעגעבן מיט אַ זיבן יאָר צוריק, האָט דער דיכטער בפירוש געוויזן, אַז זיין געזאַנג ווערט ריידעוודיקער, אַז די הנאה וואָס מען קריגט פון זיין ליד איז נישט דאָס מאָמענטאַנע געפיל, וואָס מען הערט גוט־קאָמבינירטע ווערטער, נאָר פון דערשפּירן, אַז די קאָמבינירטע ווערטער האָבן זיך אויך דערטראַכט צו געדענקלעכע זאַצן; אַז די צוזאַמענשטעלונגען זיינען נישט נאָר קלאַנגלעכע נאָר געדאַנקלעכע, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער צמצום.

„די לאַנגע נאַכט״ איז פאַר דעם דיכטער געווען אַן אויספּרואוו פון זיין אייגענעם כוח, אין יענע יאָרן, ווען אַזויפיל פּאָעטן האָבן זיך צוזאַמענגע־זונגען אין איין מאוימ׳דיקן ווערטער־קנויל. ס׳איז געווען אין 1946, ווען ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן וויפל מאָס פּאָעזיע מען דאַרף אַריינגיסן אין איין קלאָג־ליד, אַז ס׳זאָל נישט פאַרוואָסערט ווערן מיט צופיל שיינקייט.

אָבער גרינבערג האָט שוין דעמאָלט געפונען גאַנצע, טרויעריקע, גע־זאָגטע זאַצן, וואָס האָבן געטראָגן דעם חותם פון אַ באַזונדערן, אויסגעטיילטן דיכטער, וואָס האָט געוויזן, אַז אין דעם בציבורדיקן אומגליק האָט ער דאָס כלל׳עוודיקע דורכגעטראַכט און דורכגעטראָגן אַליין און געפונען פאַר דעם אייגענע שורות, וואָס מ׳האָט זיי נישט געקאָנט אַרויסלאָזן פון אונזער חורבן־אַנטאָלאָגיע.

> ווייט־ווייט רויכערט זיך די ערד אַ צעאַשטע.
> און איןביידלעך קאַמופלאַזשטע
> רוען יונגע פּילאָטן אין אָפּגעטראָגענע מונדירן,
> מיט פאַרוואָקסענע פנימ׳ער, מיט צעשראָקענע אויגן,
> און שווייגן מיט אַ שווייגעניש אין זיך אַריינגעצויגן.

אָט דאָס בילדלעכע „מלחמה־לאַנדשאַפט״, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דאָס לשון פון צייטונג און וואָס דערגליט צו דער שאַרף פון פּאָעזיע, האָט אליעזר גרינבערג געגעבן אין אַ סך פון זיינע לידער און אונז כמעט תמיד געוויזן, אַז „דאָס שווייגן מיט אַ שווייגעניש אין זיך אַריינגעצויגן״ האָט געהאַט אַ פעולה, ווייל דאָס דאָזיקע שווייגעניש האָט געבוירן ווערטער, וואָס זיינען טאַ־קע אויסגעשוויגן געוואָרן אין יחידות. זיין שווייגן האָט זיך פּאָעטיש געלוינט.

שוין אין דעם ליד וועגן די פּילאָטן פּאַרמאָגט דער דיכטער פּשוט׳ע, אָבער קערנדיקע גראַמען, ווי „עראָדראָם" מיט „סדום", און ער דערערדט זיך צו אַזעלכע פיר איבערצייגנדיקע שורות, וואָס ענדיקן דאָס מלחמה־ליד —

און יונגע פּילאָטן נעמען אומרואיקע שפּאַנען,
נענטער און נענטער צו זייערע געפליגלטע גורל־חברים,
און טראַכטן געזעגן־בריוו צו מאַמעס, צו חברים, צו כלות,
וואָס זיי שיקן קיינמאָל נישט אַוועק.

כ׳האָב געבראַכט די דאָזיקע שורות פון דעם פריערדיקן בוך זיינעם, כדי צו ווייזן אַז ס׳איז דאָ אַ נאַטירלעכער המשך צווישן יענע לידער פון „די לאַנגע נאַכט", און זיין ניי בוך — „ביינאַכטיקער דיאַלאָג". דער וואָס האָט אַליין אויסגעשוויגן אין זיך אַזעלכע לידער אין 1946, האָט זיי אין זיך אויך אַזוי איינגעביסן, אַז ער שפּינט ווייטער זיינע געזאַנגיקע געדאַנקען אונטער זייער איינפלוס. די נאַכט פון לאַנגן מעסער — און וואָס ווייטער? איז פאַראַן אַ ווייטער? ביים דיכטער זיינען פאַרפאַלן געוואָרן שיינע עטלעכע יאָר, וואָס זיינען ווי ביי די פּילאָטן איינגעשוויגן געוואָרן „מיט אַ שווייגעניש אין זיך אַריינגעצויגן". אָבער אויב אין יענע לידער איז דאָס שווייגעניש איבערגעריסן געוואָרן מיט גוטע, געדענקלעכע ווערטער, איז דאָס נייע בוך אַ בוך פון אַרויס־רעדן אַלץ וואָס דער דיכטער האָט אַ לאַנגע צייט אָנגעזאַמלט און געוואָלט זאָגן. ס׳איז אַ ווערטערדיק בוך, אומטעום אויף שריט און טריט הערט מען דעם „ביינאַכטיקן דיאַלאָג" פון פּאָעט וואָס זעט — מיט דעם פּאָעט וואָס באַ־נוגנט זיך נישט מיט זען, נאָר וואָס וויל אַרומרעדן דאָס געזעענע. ער האָט שוין דאָ קיין מורא נישט פאַר בציבור׳דיקע באַטראַכטונגען. ער ווייסט אַז ער האָט אָנגעזאַמלט אַן אַפאָריזמישע וויזהייט און אַז ער האָט פּונקט די מאָס פאַר זיינע שאַרפיקע איינפאַלן. ער זאָגט זיי נישט אַריבער, נאָר ער גיט אַקוראַט די פולע וואָג פון זיינע רייד אין צוזאַמענגעפּרעסטע שורות. שוין גלייך אין דעם ערשטן ליד עפנט ער דאָס מויל, ווי אַן איבערראַשטער פון אייגענער דערגרייכטער קלאָרקייט —

דאָס ליד פון לידער איז נאָך אַלץ דאָס ליד פון טרויער.
דאָס ליד פון פרייד איז בלויז דער צאַרטער שניט פון וואָרט.

ער האָט פון זיין שוויגיקייט זיך אויסגעלערנט צו געבן אַ חלפ׳דיקן און צאַרטן שניט איבערן וואָרט, און דורך דער פרייד פון וואוילקענעוודיקייט ערשט דערגיין צום ליד פון טרויער.

ער האָט אַ סך געלערנט פון זיינע אייגענע לידער. ער האָט אויסגעפונען ווי זיך צו באַגיין מיט זיי, אַז ווען ער זאָגט זאָל ער עס קענען זאָגן בילדלעך, אפילו ווען ער וויל אויסדריקן אַ געדאַנק.

כ׳וועט דורכגעשטרייפט פון קאָפּ ביז פיס
מיט לויטערער, מיט דאַנקבאַרער געדענקשאַפט.

מען האָט אַ סך מאָל געפירט דיסקוסיעס וועגן דער געפאַר פון קומען אין ליד צו נאָענט צו פּראָבלעמען. שרעקעוודיקע און אידעלע פּאָעטן און שרעקעוודיקע ליבהאָבערס פון פּאָעזיע האָבן מורא געהאַט, אַז דער פּאָעט וועט זיך איינסאַזשעון די ריינע פליגל. אָט די דיסקוסיע איז שוין לאַנג אַ פּרוכטלאָזע. מיר ווייסן שוין איצט, אַז אַ פּאָעט דאַרף זיין אויף אַלע געפאַר־פראָנטן און אַז זיין פּאָעזיע ווערט טאַקע געמאָסטן, נישט מיט דעם אַנטלויף פון סכנות, נאָר פון בלייבן אומעטום, וואו מענטשן צאַפּלען זיך. דווקא אין דער אומעטומיקייט פון פּאָעט דערזעט מען זיין גרויסע דיכטערישע סבלנות.

אליעזר גרינבערג שטייט שוין שיינע עטלעכע יאָר זייער נאָענט צום שלאַכט־פעלד פון אידישע און וועלטלעכע פּראָבלעמען. ער זעט זיי פון דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען נאָך דער שטומער חומר פון כראָניק, ביז זיי ווערן אויסגעהאַמערט אין מיינונג, שטעלונג און ווידערשטאַנד.

אָבער נישט נאָר האָט אים די נאָענטשאַפט נישט געשאַדט, נאָר זיין דיכטעריש וואָרט איז געוואָרן אויטאָריטעטישער. ער קען אין צוועלף שורות אָנשרייבן אַן „אָפּהאַנדלונג" וועגן דער וועלט וואָס איז געווען און וועגן דער וועלט וואָס איז געוואָרן.

איך געדענק נאָך: די טויערן פון דער וועלט זיינען געשטאַנען
צעפּראַלטע,
לענדער האָבן פאַרבעטן יעדן פאַרשטויסענעם צו זיך אויף גאַסט.
איך געדענק נאָך: שיפן האָבן איבער פרייע ים׳ען צעשטראַלטע
געזעגלט, און מיט האָפענונג געפלאַטערט האָבן פאָנען
שטאָלץ אויף מאַסט.

דאָס ליד הייסט „לעגענדע". אָט די לעגענדע פון פרייער עמיגראַציע און אימיגראַציע געדענקט נאָך דער פּאָעט און ער פאַרצייכנט דעם דאָזיקן „פּובליציסטישן" געדאַנק. ער האָט נישט קיין מורא פאַר אים, ווייל ער ווייסט אַז די קלאָרקייט פון דערזען און אָפּשאַצן פּראָבלעמען האָט נישט איבערגעפירט זיין ליד, נאָר פאַרקערט עס רייכער און ברייטער געמאַכט.

אפילו אין די ערשטע טריט פון דעם דיכטער אליעזר גרינבערג איז קענטיק געווען אַ גרויסשטאָטישקייט, נישט נאָר אין דעם באַזינגען די גרויסע שטאָט, נאָר אין דעם גאַנצן צוגאַנג, אין דעם באַהאַלטענעם וויסיקן שמייכל פון דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין זיין קליינעם געסל און תמיד געפירט מיט זיך אַ גרויסשטעטישן וויכוח וועגן „באַרייזן די וועלט". אויב ער האָט נישט באַרייזט די וועלט, האָט ער אָבער באַרייזט אַמעריקע, אויף אַן אייגנאַרטיקן

אופן, איינגעזאַפּט אין זיך דאָס לאַנד פון וואָלט וויטמאַן, ראַלף וואַלדאָ עמער־סאָן און הערמאַן מעלוויל.

צום גרויסשטעטישן באַהאַלטענעם שמייכל איז אין זיין נייעם בוך צוגע־קומען אָפּענער הומאָר. ער קען נישט נאָר לאַכן, נאָר אפילו אָפּלאַכן. זיינע עקס־פּערימענטן מיט אַפאָריזמישער גענישטשאַפט, מיט דעם צאַרטן שניט פון וואָרט האָבן אים דערפירט אפילו צו הומאָר, נישט צום קנאַלנדיקן געלעכטער, נאָר צום מוזיקאַלישן הומאָר, ווי ער האָט עס באַוויזן אין זיין קאָמפּאָזיציע פון אַכצן „פיר־פּיסיקע לידער״. דאָס זיינען קורצע פאַבלען, שוין מיט אַלעגאָריעס, מיט דעם משל און נמשל אין פיר שורות. די סאַטירע איז נישט קיין מוסר־השכל׳דיקע, נאָר אַ רעזיגנאַטאָרישע. אַזוי איז עס — און וואָס קען מען אָפּ־לערנען פון דעם וואָס מוז אַזוי זיין? דערפאַר איז זיין סאַטירע — הומאָר, אַ נייער צוגאָב און אַ נייע אויסניצונג פון גרינבערג׳ס פּאָעטישע מעגלעכ־קייטן.

דער פּאַפּוגיי רעדט און רעדט, און רעדט נישט אויס קיין
איינציק אייגן וואָרט.

ווען שטומערהייט באַרייזט דער פיש די גאַנצע וואַסער־
וועלט — דעם ים.

דער טיגער איז נעוראָטיש. ער איז תמיד אויפגערעגט
און גרייט אויף מאָרד.

דאָס אייזל איז אַ האָרעפּאַשניק — נאָר אַ תם.

האָבן מיר דאָ אַ מוסטער פון די „פיר פּיסיקע לידער״. אין פיר שורות האָבן מיר גלייך עסענצן פון עטלעכע פאַבלען. די חיות און די פיש זיינען צוזאַמענגעוואָרפן אין אַ כאַאָטישער תיבה. דער נעוראָטישער טיגער בעט זיך אַז מען זאָל אים פאַרשרייבן פּסיכאָאַנאַליז. דער האָרעפּאַשניק, דער תם, איז כמעט אַ גאַנצער סאָציאַלער קאָמענטאַר. דער פּאַפּוגיי איז שוין באַלד לי־טעראַטור־קריטיק און דער פיש איז אַ שטילער רייזנדער, וואָס שרייבט נישט קיין איינדרוקן.

די גאַנצע סעריע איז אַ סען־סענישער חיות־קאַרניוואַל, וואָס שפּילט זיך צוזאַמען, אין דעם גאַנצן געבריל און גערעוו. און אין אַלע חיות איז פאַראַן אַ „מענטשלעכער״ אָדער, דער עיקר אין דער אַף.

אדמס נאָענטער קרוב איז דער בר־שכל פון אַלע חיות — די אַף.
זי מאַכט קונצן און העוויות אַלערליי. אַט שמייכלט זי, און אַט
איז אין איר אויג אַ טרער.

זי איז כמעט אַזוי דערפינדעריש ווי דער מענטש, גאָטס
אויסדערווײלט באַשאַף,

און אויך אומגליקלעך פונקט ווי ער.

אין דער לעצטער שורה איז פאַראַן אַן אומאיבערראַשנדיקע איבערראַ־שונג. מען האָט עס דערוואַרט און נישט דערוואַרט. די פערטע שורה אין אַלע „פיר פיסיקע" לידער איז אַ קורצע און טראָגט תמיד דעם אומדערוואַרט־דער־וואַרטן פינאַל פון אליעזר גרינבערגס געוואוינענער און אויסגעברייטער קלאָר־קייט.

גרינבערג קען אויך ווערן פּאַטעטיש, ווען מען דאַרף. אין זיין געזאַנג „צו אַ אידישער שרייב־מאַשין", וואָס פון איר ציט ער חיונה, זיינען דאָ ווײ־נענדיקע שורות. זיי דריקן אויס דעם שרעק פון אונטערגאַנג, וואָס מיר זוכן אַלע צו פאַררעדן, צו פאַרזינגען און צו פאַרהאָפן.

אַ, שרייב־מאַשין, דו אידישע, דו איינציקער גר אַרומגערינגלט
מיט אַזויפיל שוועסטער, אויף אַ ווייט און פרעמד דיר לשון,
מיר זיינען ביידע עלנד דאָ און איבריק — זאַנגען
אויף אַ האַרבסטיק פעלד, שוין לאַנג צעהאַגלט און צעדראָשן.

דאָס זיינען, ווי געזאָגט, פּאַטעטישע שורות, אָבער דער ווייטיק אין זיי איז אַן עכטער, און די זאַנגען אויפן האַרבסטיקן פעלד זיינען אונזערע אָפּ־געציטערטע זאַנגען. מען דאַרף האָבן אַ כוח מיט דער זעלביקער חיונה־מאַשין נאָך צו שרייבן אידישע לידער. אָבער אליעזר גרינבערג באַווייזט עס און גע־פינט טרייסט אין דער מאַשין —

פאַר די פאַרשעמטע אותיות איינגעפּאַסט אין דיינע
בויגעוודיקע גלידער.

די שאַרף־געשניטענע קלאָרקייט פון אליעזר גרינבערגס נייע לידער פאַרמאָגט אַ סך קרובה'שאַפט מיט דעם סקעפּטיציזם פון דעם ענגלישן פּאָעט א. ע. האוסמאַן. ער עקספּערימענטירט אפילו מיט האוסמאַנס with rue my heart is laden.

אָבער גרינבערג נעמט אַזאַ שורה ווי „מיין האַרץ איז שווער מיט ווײ באַלאָדן" און שפּאַנט אַוועק פון האוסמאַנס בענקשאַפט „נאָך דעם ראָזליפּיקן מיידל און לייכטפוסיקן אינגל". ביי אים ווערט דער ווייטיק אַ קאָסמישער.

כ'הער, ווי אין הימלס בלויער טראַכט —
אַ שטום געוויין דורך פייער רינט.

אָט דאָס צוועלף־שורהדיקע ליד, אויף זייט זעכציק פון זיין „ביינאַכטיקן דיאַלאָג", פאַרמאָגט אַלע צוגעוואוינענע מעלות פון דעם פּאָעט אליעזר גרינ־בערג. דאָס ליד שליסט זיך מיט די צוויי לירישע שורות —

כ׳האָב גליק און אומגליק אָפּגעוואויגן —
דאָס גליק וועגט איבער מיט אַ טרער.

דאָס איז אַ פּאָעטישער פּאַראַדאָקס. דאָס גליק ווערט גאָר שווערער אויף דער וואָג און באַזיגערישער, ווייל דווקא דאָס גליק פאַרמאָגט אַן איבערוועגנ־דיקע טרער.

ווען מען זאָל מעסטן דאָס נייע בוך לידער — „ביינאַכטיקער דיאַלאָג" מיט זיינע פריערדיקע פיר לידער־ביכער, וואָלט מען אויך געקאָנט זאָגן, אַז דאָס נייסטע בוך וועגט איבער מיט אַ טרער; סיי ווען די טרער קומט פון באַוויינען די אידישע שרייב־מאַשין, סיי ווען זי קומט ווי אַ רעזולטאַט פון דורכטראַכטונג און פּאָעטישער פאַרשטענדלעכקייט, ווי למשל, אין זיין קאַר־ניוואַל פון חיות. —

ס׳פלעמל פון אַ פייער־פליג אַן איינציקער לויכט מערער מיט
גערהיימניש פון גאָט
ווי אַלע פייערן אין שטאָט, וואָס קריכן אין די הימלען דורך
די נעכט און שרייען.
פאַר אַן איינציק צווייגל אַ פאַרשניטנס נעמט צאָרענען אַ וואַלד
מיט יושר פון גאָט׳ס געבאָט
און יאָמערט: לא תרצח! קין!

וואו זשע ליגט דאָס איבערוועגנדיקע און פאַרטרערטע גליק? דאָס גליק איז פאַראַן אין דערשפּירן, אַז מען איז אויפן וועג צום „שלימותדיקן ליד", וואָס פון אים זינגט אליעזר גרינבערג —

גזלניש רייסטו מיטן וואָרצל אויס דאָס מינדסטע שורה׳לע
פון שטות,
נאָר קינדיש־צאַרט טראָגסטו אין דיינע אָרעמס די חכמה —
אין דער אייביקייט.

ל. פיינבערג

דער אידישער שפּראַך האָט זיך קיינמאָל נישט געחלומ׳ט, אַז זי פאַרמאָגט אַזויפיל גראַמען, און אַז מען מען קאָן פון איר אויסשלאָגן אַזאַ שלל מיט אַסאָנאַנסן, כמו־גראַמען, און אַז מען קאָן זיי אַלע צוזאַמענברענגען אין אַ געזעמל פון אַרום דרייצן טויזנט שורות, וואָס זאָלן אין סך־הכל צוזאַמענשטעלן אַ ראָמאַן אין פערזן. צווישן די געשטאַלטן פון אונזערע פּאָטערס, וואָס פיינבערג רופט צוריק אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן אין פערזן, און מיט וועמען ער האָט אַ לאַנגע דיסקוסיע אויף רוסיש (אויך אין פערזן) זעען מיר שמעון פרוג׳ן וואָס האָט זיך אָפּט באַקלאָגט אויף דעם גערודף פון דעם לשון „פון די דינאַבורגער יאַטקעס״. ווען ער, וואָס איז אויך געווען אַ בריה, אַ גראַמען־מייסטער, אויף זיין שטייגער, וואָלט איצטער געקאָנט לייענען פיינבערג׳ס בוך, וואָלט ער זיין „פאַרמשפּט״ לשון נישט דערקאָנט. ס׳וואָלטן אויף אים פון אַלע זייטן אָנגעפלויגן הונדערטער גראַמען און אים געוויזן, וואָס פאַראַ לייט ס׳איז פון לשון געוואָרן. מען דאַרף בלויז צוגיין מיט ליבשאַפט, ווי פיינבערג איז צוגעגאַנגען, הגם ער האָט אויך אַמאָל געשריבן רוסישע לידער, און ער וואָלט זיי נאָך היינט געקאָנט שרייבן, ווי ס׳באַווייזן אַ סך קלינגענדיקע רוסישע פערזן, וואָס מען געפינט אין בוך, דער עיקר אין דעם אָדעסער טייל.

פיינבערג׳ס בוך וואָס ער האָט אַזוי עקשנות׳דיק געשריבן אין משך פון אַ קנאַפּע פערטל יאָרהונדערט — געשריבן, איבערגעשריבן און צוגעשריבן — הייסט „דער פאַרמשפּטער דור״. די אַלע וואָס קאָנען דעם דיכטער פיינבערג׳ן, זיינען נוטה צו רופן דעם ראָמאַן אין פערזן, אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן; אָבער לויט די יאָרן, וואָס אין זיי איז דער ראָמאַן געשריבן געוואָרן, פון 1931 אָן, וואָלט מען עס אפשר אויך געמעגט באַצייכענען ווי אַ טאָג־בוך, ווייל אַ סך געשעענישן זיינען אָנגעוואָקסן אויף דעם דיכטער אין משך פון שרייבן, און ער האָט זיי, ביזן יאָר 1941, אויפגעכאַפּט און פאַרקערפּערט אין זיין בוך. נאָך 1941 האָט דער דיכטער געלאָזט די געשעענישן צו זייער אייגענעם גורל און זייער אייגענער פאַרמשפּטקייט און לייזונגען.

פיינבערג האָט קיינמאָל פון זיך נישט אויסגעוועפּט און ניט אָפּגעמעקט פון זכרון דעם רוסישן פערז — און ביי אים מוז עס געזאָגט ווערן לשבח — פון פּושקינען ביז בלאָקן. ער האָט אידיש באַמייסטערט, ווי ס׳זאָגט עדות

די רייכקייט פון זיינע גראַמען, און דאָס וואַרפן זיך מיט דעם פאַרמעגן; ווי ער באַנוצט זיך מיט פּראָווינציאַליזמען, לאָקאַליזמען און אפילו ווי ער אייגנט צו אַלע ווערטער און שפּאַנט זיי איין אין נייע נוצן. אָבער אין דער מייסטער־שאַפט — דער „אָבער" איז ווידער נישט לגנאי — דערקאָנט מען נאָך און מען דערהערט דעם קלאַנג פון רוסישן פּאָעט און דער ספּעציפישער רוסישער געקלאַפּטער זינגעוודיקייט.

אַט דעם טעם שפּירט מען אויך אין דעם גרעסטן טייל פון דער סאָוועטישער אידישער פּאָעזיע — אין פעפערן, פינינבערגן, כאַריקן און אַנדערע.

פיינבערג שטייט דערפאַר ערגעץ, צווישן דער סאָוועטיש־אידישער דיכטונג און דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע, וואָס ער האָט באַרייכערט מיט זיין גרויסער פערז־קענטשאַפט. ס'האָט אים גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז ער האָט די פערז־קענטשאַפט פאַרפלאַנצט אין אידיש און געגעבן דער פרעמדער רוסישער מוזיק — וואָס האָט סייווי געהאַט געוויסע רעכט און געוויסע תביעות אויף דער אידישער פּאָעזיע — אַ היימישע, פאַר'גר'טע שטייגערישקייט. אויך מאַני לייב און זישא לאַנדוי, און פריער פון זיי ליעסין און אברהם רייזען, און נאָך פריער פרוג, האָבן געשריבן אידישע לידער און געדענקט די רוסישע ריטמען, אָבער ביי זיי אַלע איז די געדענקשאַפט איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַן אַראַמאַט. פיינבערג האָט דירעקט דורכגעפירט אַ שידוך, צווישן דער רוסישער מעטריק, און דער עיקר קלאַנגפולקייט פון פולן רוסישן וואָרט, מיט אידיש לשון, וואָס האָט זיך תחילת געשראָקן פאַר דער מעסאַליאַנץ, אָבער וואָס האָט שפּעטער, אַ דאַנק פיינבערג'ס אייגענעם אַנטוויקלטן טאַקט, זיך אונטערגעגעבן.

דערפאַר האָט מען אין די סאַמע ערשטע אידישע לידער זיינע געשפּירט די קרובה'שאַפט מיט די לידער, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען פון סאָוועט־רוסלאַנד. ווען ל. פיינבערג האָט זיך נאָך געפונען אין זיין צושטאַנד פון צופרידענער, אָדער אינטעגרירטער פאַרמשפּטקייט, האָבן זיינע פּראָ־סאָוועטישע לידער געקלונגען פונקט אַזוי איבערצייגנדיק — און מען קען עס טייטשן ווי מען וויל — ווי די איבערצייגנדיקסטע אידישע פּראָ־סטאַליניסטישע לידער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא.

ס'פאַלט דערפאַר איין, אַז זיין איצטיקע ברייט־פאַרנעמיקע פּאָעמע, וואָס ענדיקט זיך מיט דער ביטערער פאַראַפראַזירונג פון דוד'ס (דוד עדעלשטאַט'ס!!) צוואָה —

אַ, גוטע פריינט ווען איך וועל שטאַרבן;
נ י ש ט טראָגט צו מיין קבר די רויטע פאָן,

צעטראָטן אין מיסט, צװישן בײנער און שאַרבנס,
זי ליגט אַ פאַרשװעכטע פון קאָט און שפּיאָן.

— איז אױך מוציא די סאָװעטישע אידישע פּאָעטן, די װאָס זײנען טאַקע אױף אָן אמת פאַרמשפּט געװאָרן צו אײביקער פאַרשטומונג. װען זײ װאָלטן געקאָנט אָפּמעקן דעם אױבערפלאַך פון זײערע שורות, די פאַרליגנערטע, אַרױפגעצװאונגענע און פאַלש־פּרײװיליקע, װאָלטן זײערע רײד געקלונגען נישט אַנדערש, װי אַ סך שטעלן אין פײנבערג׳ס — „דער פאַרמשפּטער דור״.

אין זײן אױטאָביאָגראַפיש װערק בױט אױף דער דיכטער אַ קינדהײט און אַ יוגנט (אגב, זײנען דאָס די בעסטע קאַפּיטלעך אין בוך), װאָס פאַרנאַטירלעכן די פאַרמשפּטקײט פון דעם העלד, אױב נישט פון גאַנצן דור. די פּאַרטײ־דיס־קוסיעס אין פּערז זײנען נישט ערגער פון די דיסקוסיעס אין קעסטלער׳ס באַרימטן ראָמאַן, און זײ פאַרמאָגן אין זיך די געשפּאַנטקײט פון דער באַזונדערער לאָגיק, װאָס סאָװעטן־פאַרבאַנד האָט אױסגעשמידט. אָבער אַ סך פון דער מאַזאָכיסטישער פּײניקונג, װאָס דער העלד דוד בלאַנק פירט דורך אױף זיך, װאָלט אונז אױסגעקומען אומהײמלעך, װען פײנבערג װאָלט אונז נישט געגעבן דעם דיכטערס דערציאונג, זײן צעריסנקײט, זײן װאַרפן זיך צװישן „בעל שם און ספּאַס״, זײן אָדעסער פּעריאָדע.

כ׳גלויב קוים צי מען דאַרף צוגײן צו פײנבערג׳ס ראָמאַן מיט די זעלביקע טענות, װי מ׳גײט צו צו אַ פּראָזע־ראָמאַן. צוזאַמען מיט דער קאָלאָסאַלער פּערז־משא, װאָס דער דיכטער האָט געטראָגן אױף די פּלײצעס, איז ער אָבער אױך באַפרײט געװאָרן פון אַ סך חומרא׳ס װאָס די פּראָזע־קונסט װאַרפט אַרױף אױף אירע פּראַקטיקאַנטן. מען דאַרף נישט פרעגן די זעלביקע קשיות און קומען מיט די זעלביקע טענות װעגן כאַראַקטער־אַנטװיקלונג, אָדער װאָרשײנלעכקײט. פּושקינ׳ס „יעװגעני אָניעגין״ און בײראָנס „טשײלד האַראָלד״ װאָלטן אױך נישט געקענט פאַרענטפערן די זעלביקע קשיות.

„דער פאַרמשפּטער דור״, אָפּגעזען פון דעם געפּלאָנטער און געראַנגל, און אפילו פון דער גאַנצער אײנהײטלעכקײט, אָפּטמאָל מעלאָדראַמאַטישער, דאַרף דערפאַר קודם־כל געמשפּט װערן װי אַ פּאָעטיש װערק און נישט לױט די כללים פון אַ פּראָזע־ראָמאַן. דער דיכטער האָט אױף אַ געװאַגטן אופן געשטעלט צום משפּט דעם גאַנצן אָנזאַמל פון דער פּערזן־קונסט פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע און געװאָלט באַװײזן, אַז זי איז נאָך מסוגל צו געבן אױסדרוק צו ביטערע הײנטצײטיקע פּראָבלעמען.

אױף װיפל דאָס איז אים געלונגען, און ס׳איז אים געלונגען אױף אַ גוטער העלפט פון בוך — װײניקער אין די טײלן װאו עס רעדט זיך װעגן די צוזאַמענ־

שטויסן אין דער קאָמוניסטישער „פרייהייט" — דאַרף פיינבערג שטאַרק גע־לויבט ווערן פאַר זיין אויפטו און דערגרייכונגען אין דער פערזן־קונסט.

די פּאָעמע איז אַ ווידוי פון אַ אידישן פּאָעט, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט רוסישע לידער און איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דורכגעגאַנגען אַלע מדורי גן־עדן און גיהנום פון אויפברויז און יאוש, ביז ער דערהרגעט אין זיך דעם קאָמוניסט און ראַטעוועט זייער פאַר־זיכטיק דעם פּאָעט. פאַראַן אין בוך אַ סךליידנשאַפטלעכקייט, ליבע, שנאה, טויט, לעבן, צעריסנקייט — אַלץ איז אַריבערגעשריגן; און שטעלנוויז מאַכט די שטאַרקע ליידנשאַפטלעכקייט דעם איינדרוק פון ניט־אידישער ליטעראַטור. ביי אונדז נעמט מען די אַלע שווערע זאַכן אויך מער בנעימותדיק, און אפילו ווען מ'מוסר'ט זיך די זינדיקע אברים, דערגייט מען זיך ניט אַזוי די יאָרן און מען פירט זיך אַליין נישט צום טויט. אָבער מען דאַרף ווידער נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ פּאָעמע, און די אַלע איבערטרייבונגען און איבער־שרייאונגען ווערן פאַרזונגען; אפילו די ליבעס מיט די געגראַמטע ליבע־בריוו מוז מען אָננעמען — אין די ראַמען פון ווערק.

דער דריטער טייל פון פיינבערגס פּאָעמע הייסט „עקדה". מיר פאַרגעסן אָפּט, אַז צו דער עקדה איז יצחק געגאַנגען מיט קינדישע קשיות, אָבער פאַרט געגאַנגען. ביי אונז פאַלט לעצטנס דער גאַנצער טראָפּ אויף דער עקדה, ווי אויף קרבן, מיר פאַרגעסן אויך, אַז אַפילו דער קרבן איז נישט צושטאַנד געקומען. גאָט האָט געטריבן קאַטאָוועס.

אין פיינבערגס ווערק, אויב מ'זאָל שוין קומען מיט פּראָזאַאישע פּרעטענ־זיעס צו אַ דיכטעריש ווערק, איז נישט גענוג אַרויסגעבראַכט געוואָרן דאָס פריוויליקע גיין צו דער סאָוועטישער עקדה, אין פרייע לענדער, וואו מען האָט זיך מאַזאָכיסטיש פאַרמשפּט צו אַ וויזיע פון צוואַנג, וואָס האָט נישט עקזיס־טירט. דער פרייער אויסוואַל פון אַ מיאוסן פּאָליטישן הויקער ווערט ניט אויפ־געקלערט אין דער פּאָעמע, אָבער מען דאַרף אים נישט האַרב משפּטן דערפאַר, ווייל ווי אַ פּאָעטיש ווערק, פאַרמאָגט עס גאַר אַ סך מעלות.

גלייך אין ערשטן ליד „סענדער נגיד" געפינען מיר אַזאַ בליציקע דיכטע־רישע שורה ווי —

אַ פּלייצע — ווי אַ שפּאַן, אַ גוף — אַ פּולער לאָגל.

דאָס ווערק איז פול מיט אַזעלכע פאַרביקע בילדלעכע שורות, מיט גרויס־אַרטיקע, און איינפאַלערישע גראַמען, ווי דאַנציק־באַן־צוג, און מיט אַזעלכע טרעפלעכע אידישע אַלוזיעס, ווי „הייליק־צעדוכנטע הענט". פאַראַן גאַנצע לידער, וואָס מ'קען לייענען מער ווי איינמאָל. ס'איז אַ ווערק וואָס מ'קען בלע־

טערן און אָפט געפינען אַן אָפּרו פאַרן אויג, אַפילו ווען דער אָפּרו ווערט אויפ־געברויזט פון אַ דיסקוסיע, אָדער פון מייסטערישער רוסישער און אידישער צוזאַמענגעגראַמטקייט.

דאָס ווערק איז אַ דערגרייכונג אין אידיש, אפילו ווען מען ווייזט צוריק אַזעלכע אומהיימלעכע שורות ווי —

איז געקומען די פינצטערע בשורה
וועגן שחיטות אין חברון און צפת —
און עס האָט זיך צעקייקלט אַ שטורעם
פון צאָרן אויף דער אידישער גאַס.

האָט די „פרייהייט" צוערשט גענומען
אַ שטעלונג: פּאָגראָם איז פּאָגראָם.
צי עס הרגעט דער צאַר אונזער אומה,
צי דער מופטי — מיט האַק און מיט לאָם.

נאָר אויף מאָרגן האָט אַלץ זיך געביטן,
ס'איז די „פרייהייט" אַרויס מיט שפּראַך:
— ס'איז אין חברון געווען נישט קיין שחיטה,
נאָר אַ בונט קעגן דער ענגלישער מאַכט.

דאָס איז בפירוש אמת, אָבער די שורות האָבן נישט דעם נויטיקן פראָ־זאַאישן קלאַנג, וואָס אַזאַ פּראָזע דאַרף האָבן אין ליד. אָבער דערפאַר זיינען דאָ אין דעם ווערק הונדערטער שורות און באַזונדערע לידער, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער צעזונגענער קענטשאַפט. —

אין פליגלדיקער פּעלערינע,
מיט פּנים אָפענעם צום ווינט,
שוועבט פּושקין איבער כוואַליעס גרינע —
אַ ווייסער זעגל — שלאַנק און גרינג.

מיט בלאַנדן קאָפּ, מיט קוטשעראַוועז,
מיט לאַנג־געקרויזטע באַקן־בערד,
ער שפּאַנט אַ ליכטיקער, אַ זשוואַווער,
אויף גריוועס פון צעשוימטע פערד.

ער שפּאַנט — אין ברעגלאָזער סטיכיע:
דער ים און ווינט אין בלויע שוים
פאַר אים מיט פרייד און ערפּרוכט קניען
און לעקן פון זיין קלייד די זוים.

און בלאַנק — אַ זעכצן־יאָריק אינגל —
פֿאַרכישופט שטייט ביים שוואַרצן ים,
און הערט, ווי ווינט און כוואַליעס זינגען
הייסן פושקינישן יאַמב.

אַט די וויזיע האָט דוד בלאַנק (ל. פיינבערג) קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. נאָך אַזוי פיל טראגישע גלגולים הערט זיך נאָך אַלץ דער „הייסער פושקינישער יאַמב״ אין זיין אידיש ליד. און ל. פיינבערג פֿאַרדינט אָנערקענונג, ווייל אים געלינגט אַ סך מאָל צוזאַמענשמעלצן די הייסקייט פון פושקינישן יאַמב, מיט דער קיל־מיושב׳דיקער אידישער שורה.

רייזל זשיכלינסקי

רייזל זשיכלינסקי׳ס לידער „צו רויטע ברעגן״, וואָס איז דערשינען אין לאָדזש, איז אַ בוך פון אַ דיכטערין וואָס שעמט זיך נישט צו זיין אַ פרוי אין דער פּאָעזיע. אַ סך פרויען־דיכטערינס מיינען אַז זיי ווערן פרוילעך, ווען זיי רייסן פון זיך די קליידער, אָבער מענערשע פּאָעזיע איז אַ פאַרשייטע קונסט וואָס נעמט עס אָן אָן שום אינערלעכער אויפרעגונג. רייזל זשיכלינסקי דער־מאָנט זייער זעלטן איר פרויענשאַפט, נאָר איר געלינגט אויסגעצייכנט צו גע־פינען ווערטער און גאַנצע זאַצן וואָס לאָזן הערן איר קול, און מוזיק פון ווערטער, וואָס לאָזן הערן דעם ציטער פון איר קול. זי פאַרמאָגט אַ חנ׳עוודיקע אומוויסנקייט (נישט צו פאַרמישן מיט אומוויסנהייט!) זי ווייסט מיט אַ קליין ביסל ווייניקער ווי אַ מאַן, און זי טרעט קיינמאָל נישט אַריבער די גרעניץ, וואו ס׳הויבט זיך אָן מאַנסבילישע קלוגשאַפט. אירע לידער פאַרמאָגן אפילו, ווען מ׳דאַרף, אַ קאָקעטישע נאַרישקייט, וואָס איז אייגנטלעך פרויען־סטראַ־טעגיק. אירע ווערטער זיינען קלאָרע אידישע ווערטער, אָבער זיי זיינען קעציש, און זי ווייסט אַלעמאָל ווי אַזוי נישט צו פאַרענדיקן אַ ליד, כדי ס׳זאָל ווערן דעקאָראַטיוו און פלאַטערן אין ווינט. מיט איר בוך לידער אין האַנט קען מען אפילו מט פאַרמאַכטע אויגן הערן, ווי אַ פרוי רעדט. איר געזאַנג איז ריינער פרויען־גערייד און אירע ווערטער זיינען פון שוואַכערן געשלעכט; די שטאַרקערע ווערטער מיידט זי אויס, ווייל זי ווייסט אַז די מענער האָבן עס שוין געזאָגט, אָדער זיי וועלן עס זאָגן.

רייזל זשיכלינסקי איז געבוירן געוואָרן אין גאָמבין, פּוילן. אין 1936 איז דערשינען איר ערשטע לידער־זאַמלונג אונטערן פשוט׳ן נאָמען — „לידער״. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אידישן פ. ע. נ.־קלוב אין וואַרשע, מיט אַ פאָררעדע פון איציק מאַנגער. מאַנגער האָט זיכער געשריבן די פאָררעדע דערפאַר, ווייל אים האָט שטאַרק פאַראינטריגירט דער אַבסאָלוטער היפוך פון זיינע לידער. מאַנגער האָט אָבער דערפילט די עכטקייט פון זשיכ־לינסקי׳ס אַנדערשדיק ליד און ער האָט זי זייער שטאַרק געלויבט, הגם ער האָט געוואָרנט קעגן דער געפאַר פון „מאַנירירטקייט״. איר מאַניער איז אָבער געווען די נאַטירלעכקייט פון איר אינערלעך קול, און וואָס מער זי האָט געזונגען אַלץ מער האָט מען זיך געוואוינט אייננהערן אין איר אייגנאַרטיק ליד.

מיר דאָ, אין אַמעריקע, זיינען איבערראַשט געווען פון רייזל זשיכלינסקי׳ס מוזיקאַלישן פרייען פערז און פון איר אָריגינעלער, שניידיקער בילדלעכקייט. איר ליד האָט זיך געשוועסטערט מיט דעם מאָדערנעם ליד פון דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע און ס׳איז געווען אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי דאָס גאָמבינער מיידל האָט שוין דעמאָלט געקענט אַזוי גענייט אַריבערטאַנצן אַלע באַנאַליטעטן און געבן אַ חנ׳עווודיקן פינקל מיט די אויגן.

אין 1937 האָט זי זיך באַטייליקט מיט צוויי לידער אין „אינזיך". איין ליד פון די צוויי — „דער נביא און דער רעגן", וואָס איז אַגב איבערגעדרוקט אין איר נייסטער לידער־זאַמלונג, האָט געוואונען דעם צווייטן פּרייז פון דעם „אינזיך" לידער־קאָנטעסט אויף ראובן לודוויג׳ס נאָמען (דעם ערשטן פּרייז האָט געוואונען דער פּאָעט טוביה בוים, פון סאָסנאָוויץ, וואָס איז אומגעקומען דורך היטלער׳ס טויט־שליחים). דאָס ביבלישע ליד איז געווען אַזוי אַנדערשדיק אויפגעפּאַסט, אַז מיר האָבן זיך בפירוש געפרייט, ווען מיר האָבן געלייענט ווי זי איז צוגעקומען צו איר ביסל תנ״ך פון דער זייט און אַזוי געשריבן:

בײם פוס פון באַרג כרמל
האָבן קעמלען געוואַרט
מיט לאַנגע דאַרשטיקע העלזער.
בײם פוס פון באַרג
האָט דאָס פאָלק געוואַרט
מיט ליידיקע בעכער
און ליידיקע אויגן.
און דער מלך?
דער מלך האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן
געגאַרט אויפן געריוש פון אַ רעגן.

אין זעלביקן יאָר האָט די דיכטערין אָפּגעדרוקט צוויי לידער אין „אינזיך" און ווידער איז זי געקומען מיט אירע איבערראַשנדיקע רייד.

פאַרנאַכט, צווישן זיבן און אַכט,
קומען גנבים אין גרויסע שטעט
צו טונקעלע טירן.

גנבים איז אַ שאַרף וואָרט, אָבער רייזל זשיכלינסקי בעט זיי אונטער דיוואַנעס, אַז זיי זאָלן קענען טרעטן מיט ווייכע טריט, ווייל אירע גנבים

צערייסן מיט בלייכע פינגער
דאָס שפינוועבס.

מיר האָבן אויך דעמאָלט געלייענט ווי זי האָט אויסגעדריקט איר ליבשאַפט צום ליד — מיט אַ ליד וועגן „ליד". אין ליד דערציילט די דיכטערין,

אַז ווען זי שרייבט אַן איר ליד ווייסט נישט פון איר ליד נישט די קאַץ, נישט די מויז, נאָר זי אַליין ווערט ממש משוגע פון גליק.

אָבער דאָס וואַסער וואָס איך טרינק אין גלאָז,
איז דעמאָלט זיס
און גרין ווי גראָז.
איך הויב עס הויך,
העכער פון מיין קאָפּ —
און לאָז זיך אויף די קני
דריי מאָל אַראָפּ,
און קוש דעם טיש
און קוש דאָס הויז,
און זוך אין אַלע ווינקעלעך
די קליינע מויז.

אַ קלייניקייט! זי האָט אָנגעשריבן אַ ליד און ס'איז עפּעס צוגעקומען, ס'איז רייכער געוואָרן איר פאַרמעגן און זי קען טאַנצן ווי אַ ציג און מאַכן קאָזשעלקעס. זי האָט איר פרייד געגעבן ווערטער און זי האָט אירע קלוגע ווערטער פאַרנאַרישט און זיי געגעבן די באָרוועסקייט פון קינדישע פיסלעך.

אַ סך אומגליקן האָבן דורכגעשטורעמט זינט יענע טעג, ווען רייזל זשיכלינסקי האָט געשיקט אירע לידער צום „אינזיך". ווען מ'האָט שוין אָנגעהויבן צו קריגן לעבעדיקע גרוסן, איז געווען אַ פרייד צו הערן אַז רייזל זשיכלינסקי האָט זיך געראַטעוועט. איצט קומט איר ניי בוך פון לאָדזש און ס'איז ערשט אַן אמת'ע פרייד, וואָס אירע לידער, דורכגעזאַפּטע מיט אומגליק, רעדן נאָך אַלץ מיט איר קול און זיינען נישט צאַרט מיט נעגליזשע־צאַרטקייט, נאָר זיי האָבן נאָך אַלץ דעם אומפעלבאַרן חוש צו כאַפּן די מוזיקאַלישקייט פון אַ דיכטערין, צווישן אַזויפיל מענער־פּאָעטן. איר קלאָג־ליד טיילט זיך אויס פון אַלע לידער מיט איר באַזונדער וואָרט, וואָס גיט אַ ציטער, אַ צוק און גיט אַ שניט מיט שווייגן, אפילו ווען דאָס ליד ענדיקט זיך נישט און וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.

די דיכטערין וואַנדלט צווישן טויט און לעבן.

האָב איך דען געברענגט אַט דעם בלומענטאָפּ אַהיים
און וואַרט,
עס זאָל זיך אויפמאַכן די בלום?
מיך האָט מען דאָך באַגראָבן לעבעדיקערהייט,
דאָס קבר האָב איך געגראָבן מיר אַליין,
די ערד איז געווען האַרט

און געפּרוירן,
דאָס קבר האָב איך געמוזט
מיט בלויזע הענט אויסגראָבן אַליין,
נאָר מיין קאָפּ שטעקט פון קבר אַרויס,
אַ פאַרשאָלטן געוויקס, וואָס קען נישט שטאַרבן.
מיינע אידישע אויגן,
טרינקען אַלע פאַרבן.
מיינע אידישע אויגן,
אָפענע,
קוקן פון די קברים אַרויס
און ווילן נישט שטאַרבן.

געשטאָרבן איז נישט דער אידישער קאָפּ און ס'זיינען אויך נישט טויט די אידישע אויגן, אָבער די סאָמבנאַמבולע וועלט טראָגט זיך פאַרביי דער טויט-פאַר'חלומ'טער דיכטערין און זי זינגט אירע גרויל-לידער, ווי זי וואָלט זיי איינגעוויגט די גאַנצע צייט, אַז זיי זאָלן נישט שרייען צו-הויך, אַז זיי זאָלן שלאָפן ווי קינדער און חלומ'ען ווי קינדער.

קינד, דאָס בלוט אין דיינע אָדערן איז ריינער זאַפט
פון טרויער און פיין.
ער האָט זיך געלייטערט ביי די טייכן פון בבל
און ביי די ברעגעס פון ניל —
האָט מיין מאַמע אין אַ שטעטל פון פוילן
געדאַוונט און געוויינט
אין אַ שול.
די שול איז געווען פון האָלץ
און געשמעקט מיט 600 יאָר.
די ביינער פון די זיידעס אין די קברים
האָבן דערנעבן געלויכטן אין טאָל.

וואָס פאַר אַ ציכטיק-איינגעהאַלטענער געוויין. ס'טראָגט זיך אַן אתרוגימ־דיקער אַראָמאַט פון דער שול און פון דעם וואַרעמען טייטש פון טראַדיציע — פון די זיידע-ביינער וואָס לויכטן אין טאָל.

זשיכלינסקי'ס טויטן זיינען בכלל אַלעמאָל באַלויכטענע, מאַגיש-געצונ־דענע. איר באַקלאָגן דעם טויט איז פול מיט פיעטעט, אָבער אָן מורא.

מיר טרינקען די דעמערונג מיט גרויסע טונקעלע אויגן
און ריידן שטומע רייד צו קליינע גרויע פייגל.

דער טויט ווערט אויך אַ ליכטיק מעשה'לע פון דער פאַרטיזאַנקע טאַניע.

אַרומגעוויקלט אין קאַלטע ווינטן,
איינגעהילט אין צעשטערנטע נעכט,
איינגעטוליעט אין ווייסע פרעסט,
שלאָפט טאַניע אונטער אַ בערגל ליכט.

אַלץ צו וואָס ס׳רירן זיך צו רייזל זשיכלינסקי׳ס פינגער, ווערט פאַר־דרימלט אונטער אַ בערגל ליכט.

ס׳איז גוט וואָס רייזל זשיכלינסקי דרוקט איבער אין איר בוך אַ סך פון אירע פריערדיקע לידער, ווייל זיי ווייזן אויף דער גרויסער פּאָעטישער שייכות פון די אַלע לידער, אויף דער איינגעבוירענער אויסקלייבערישקייט פון דער דיכטערין. ווען עשו לויפט קריגן יצחק׳ס ברכה, פּאַרשפּעטיקט ער, ווייל דער אַלטער פאָטער יצחק איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

זיין זילבערנע באָרד האָט געפינקלט
אויפן טיש.
צו שפּעט — האָט געזשומעט די פליג,
וואָס האָט געלעקט די לעצטע שטיקלעך ברכה פון דעם טעלער:
צו שפּעט.
עשו האָט געוויינט.
פון יענער זייט טיר
איז יעקב אַוועק
מיט דער ברכה —
און באַזאַלצן די ערד מיט זיינע טריט.

די ברכה האָט טרערן און די טרערן זיינען אים אַריין אין דעם נע־ונד זיינעם און ער שפּאַנט איבער דער וועלט מיט דער איראָנישער ברכה, וואָס עשו האָט כלומרשט פאַרשפּעטיקט. אָבער דאָס איז אפשר אַ צו קלוגער אַריינ־טייטש אין אַ ליד, וואָס זשומעט אַריין אַ פליג אין אַ שטיקל חומש, וואו שטיק־לעך ברכה וואַלגערן זיך אין אַ טעלער, און די אידישע דיכטערין ווערט אַליין אויך אַנטשלאָפן, ווי יצחק׳ס באָרד אויפן טיש און זי פאַרענדיקט, ווי פון שלאָף, מיט דעם פינקלענדיקן פינאַל —

און באַזאַלצן די ערד מיט זיינע טריט.

אַ שטילע, באַהאַלטענע עראָטיק חלום׳ט אין אירע לידער און אפילו ווען זי איז דירעקט, ווערט זי קיינמאָל נישט שרייענדיק —

איך וועל אַ לאַנגע נאַכט
טרינקען פון דיין האַלז
די פרייד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טרערן.

אָבער די עראָטיק איז סיווי דאָ אין דעם קול פון איר ליד, אַלעמאָל גע־וועג אפילו אין אירע ערשטע, שעמעוודיקע רייד, ווען זי האָט פאַרבייגעשליכט מיט אירע יונגע לידער —

פאַרנאַכט וואָלט יעדער בלאַט
געוואָלט אַ פויגל זיין,
גיי איך אַרום מיט אַ קרוג אין דער האַנט
און קלייב זייערע טרערן אַריין.

פון דעם פאַרנאַכטיקן טונקל איז געוואָרן — אימה, און פון דעם ליד, וואָס אין אים האָבן זיך די „הינט צעבילט און אויפגעשניטן דאָס שווייגן מיט לאַנגע מעסערס ביז צום הימל" זיינען אַ סך בלוט־טייכן אָפּגעפלאָסן, אָבער רייזל זשיכלינסקי'ס קול און איר אידל וואָרט זיינען געבליבן אומפאַרענדערט דורך דער „נאַכט פון לאַנגן מעסער".

איר טויטע מאַמע רעדט צו איר פון אַ וואָלקן.

פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע
מיט פאַרבלוטיקטע אויגן —
טאָכטער פאַרבינד מיר די וואונדן.
איר גרויער קאָפּ איז געבויגן.

זי איז מקבל אויף זיך די ליבע אימה פון דער טויטער מאַמען, וואָס פרעגט זיך נאָך אויף אַן אומגעקומענער טאָכטער:

מיין שוועסטער ווינט צווישן די בלעטער
פון אַלע גרינע ביימער,
מיין מיידעלע, מיין טאָכטער, וואו איז?
רייזל, קלייב צונויף אירע ביינער.

זי איז מקבל אויף זיך דעם משפחה'דיקן פחד און זי אַליין פאַרוויגט איר קינד אַן מורא פאַר אַלערליי אידישע צוקונפטן.

איך קען דיך נישט פאַרהיטן, מיין קינד,
פון שלעכטע חלומות.
צי טאָר איך דען פאַרשטעלן דעם וועג
פאַר דורות,
וואָס ווינען אַריין אין דיין חלום?
דיין בעטל — אַ הילצערן שיפל
אויף שוואַרצע כוואַליעס פון האַס —
איך ריר אָן מיט די ליפּן דיין קעפּל,
ס'איז דוכט זיך שטיל אינדרויסן די גאַס?
נאָר ניין!

געשפּאָלטן האָט זיך די שטילקייט —
אונזער בלוט שרייט ווי דער ים
יאָרטויזנטער ברענען מיר — דער דאָרן —
און ווערן נישט פאַרצערט פון דעם פלאַם.

דאָס ליד הייסט — „געשפּאָלטן האָט זיך די שטילקייט״, אָבער די דיכ־טערין שפּאַנט אין דער שטילקייט, ווי אויף כוואַליעס און זינגט איר איינגע־האַלטן ליד. זי קען איר קינד נישט באַשיצן פון שלעכטע חלומות. „צי טאָר איך דען פאַרשטעלן דעם וועג פאַר דורות, וואָס ווייִנען אַריין אין דיין חלום״ — איז איינער פון די קליגסטע אויסרופן אין גאַנצן בוך לידער, ווייל אויג אויף אויג מיטן קינד און מיט איר מוטערלעכער הילפלאָזיקייט האָט די דיכטערין נישט קיין מורא צו זיין קלוג און רונד, באַטייטונגפול און פאַרענדיקט. אָבער אַזוי־אָ, אין דעם קאַראַוואַן פון אונזערע אַלעמענס לידער, שפּאַנען אירע מידע פיס און ס׳הערט זיך דער פלאַטער פון אַ קול.

דאָס רויטע טיכל אויפן טיף־געבויגענעם פרויען־קאָפּ,
ברענט, ברענט.
און ווייסע באַרוועסע פרויען־פיס
טראָגן זיך אין דער נאַכט אַוועק
די לעצטע שטיקער זון . . .

ס׳איז חושך, אָבער אין דער פינסטער לייכטן די ווערטער פון רייזל זשיכ־לינסקי, ס׳הערן זיך די טריט פון „ווייסע באַרוועסע פרויען־פיס״, אפילו ווען „די פרוי טשלאָפּעט אין גרויסע מענערשע שיך״. און ס׳איז גוט צו וויסן, אַז זי איז צמצומדיק מיט אירע רייד, אַז זי לאָזט די מאַנסלייט זיך אויסשרייען און טאָמער וואַרפט זי יאָ אַריין אַ וואָרט, שווייגן אַלע לאַנג, ווייל מ׳מיינט אַז זי וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר רייזל זשיכלינסקי זאָגט גאָרנישט, אויב זי האָט מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

1949

יונג ווילנע

ווען יונג־ווילנע האָט אַריינמאַרשירט אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי זלמן רייזען האָט טריאומפאַל באַצייכנט די דאַטע מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, איז אַלט־ווילנע אויך געווען יונג־ווילנע, און דער אַריינמאַרש איז דערפאַר פאָרגעקומען אָן אינצידענטן פון ווידערשטאַנד — פאַרקערט, די יונגע שרייבער אַרמיי איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס. אין קיין אידישער שטאָט האָבן אידעאָלאָגיעס נישט געהויערט צווישן זיך אַזוי בשלום, ווי אין ווילנע. אפילו די וואָלף־אידעאָלאָגיעס זיינען דאָרט געוואָרן ווי שעפעלעך. די יונג־ווילנער האָבן זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין אַ שטאָט, וואָס איז סיי ווי געווען אַן עקספּערימענט אין אידיש־געשיכטלעכער יונגשאַפט. דאָס טראַדיציאָנעלע אַלט־ווילנע איז קיינמאָל נישט געווען פאַר־גליווערט, נאָר באַ׳חנ׳ט מיט איצטיקייט.

ווילנע איז געווען מער ווי אַ אידישע שטאָט — אַ גאַנצע אידישע ציוויליזאַציע. ס׳איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז אויף איר שויס זאָלן דער־צויגן און אויסגעשטאַלטיקט ווערן קינסטלער־פאָרשטייערס פון דער דאָזיקער נייער אידישער ציוויליזאַציע. אין ערגעץ, אין קיין אַנדער אידישער שטאָט, האָט זיך אידיש אַזוי נישט אָנגענומען ווי אין ווילנע. וואָס פאַראַ גלגולים דאָס אידישע לשון האָט נישט דורכגעמאַכט, צי ס׳איז געקומען פון קוילער־געסל, צי פון בית־מדרש, אָדער פון לערער־סעמינאַר, פון די תלמוד־תורה׳ס, פון דער אידישער גימנאַזיע — ס׳האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין אַלגעמיינעם שטראָם און געוואָרן דאָס איבערצייגטע און נאַטירלעכע לשון פון אידישע מענטשן.

אָבער לשון אַליין מיינט נאָך נישט קיין ציוויליזאַציע. דער נייער איד, כ׳האָב שיר נישט געזאָגט דער נעאָ־איד, דער וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט נביאישע אידישקייט, האָט אין זיין גאַנצן מהות געמוזט דערגיין צו אַ שלימות׳־דיקער אידישער עטיק. דעם אידן, וואָס האָט, באין ברירה, זיך געקליבן צו לעבן צווישן פעלקער, און געווינען דעם אידישן וועלט־פּאַספּאָרט, נישט גע־קוקט אויף זיין געוואַגטער, אָפענער און כמעט אַרויסרופנדיקער אידישקייט — האָט מען געקאָנט געפינען אין ווילנע, מער ווי אין אַן אַנדער שטאָט.

ס׳האָט זיך דערפאַר געשיקט אַז אין אַזאַ שטאָט זאָל אויפשטראַלן מיט־

אַמאָל אַ גאַנצע גרופּע פּאָעטן און פּראָזע־קינסטלערס, וואָס זאָל זיך אינטים פאַרבינדן מיט דער שטאָט, וואָס אַ אידיש ווילנערטום פון דורות האָט אויס־קריסטאַליזירט. די גרופּע יונג־ווילנע איז געווען פונקט אַזאַ נס אין ווילנע, ווי ס'איז געווען דער אויפשיין פון אַזאַ דריישטערנדיקייט ווי בייראָן, שעלי און קיטס, אין איין יאָרצענדליק; מענדעלי, שלום עליכם, פּרץ, רייזען, אַש — אין איין מסיבה; אָדער אַזאַ מוזיקאַלישע קאָנסטעלאַציע, ווי היידן, מאָצאַרט, בעט־האָווען, און גלייך נאָך זיי אַ שוּבערט, מענדעלסאָן, שומאַן, שאָפּען — אין איין תקופה; אָדער די גאַנצע גרופּע אימפּרעסיאָניסטישע מאָלערס אין פראַנקרייך, וואָס איז אויפגעקומען אין איין צייט.

ס'איז געווען אַ נס, אָבער אַ נאַטירלעכער נס. די גרופּע איז נישט באַ־שטאַנען פון יחידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געקומען עפּעס אומוואָרפן, אָבער ווי אַ גאַנצע גרופּע איז זי פאַרט געווען רעוואָלוציאָנער — אין איר אָפּיר־מאָציע; אין דעם וואָס די גרופּע האָט מיט פרייד גענומען אויף אירע פּלייצעס דעם עול פון א גרויסער אידישער שטאָט, מיט אַלע התחייבותן. אָט דער בשותפות'דיקער עול, די אונטערגעבערישקייט, איז, ווי פּאַראַדאָקסאַל ס'זאָל נישט קלינגען, געווען אַ קינסטלערישע רעוואָלוציע. די גרופּע איז געווען נישט מער ווי די פאַרשטייערשאַפט פון אַן הערלעכער, שטאַרק אַרטיקולירטער אידי־שער יוגנט, וואָס האָט געזאַמלט און אָנגעזאַמלט אַן עשירות ביז זי איז אַרויס־געקומען מיט אַ גרויסן קינסטלערישן מאָטיוו.

אין וואָס איז דער מאָטיוו באַשטאַנען? די גרופּע האָט, מיט איר גבורה'־דיקער אַנטשטייאונג, געגעבן דער אידישער ליטעראַטור די וויזיע פון אַ אי־דיש־לאַנד. די יניקה וואָס די שטאָט האָט געצויגן פון דער גרויסער זכיה, וואָס זי האָט געקראָגן, געקרוינט צו ווערן ווי אַ גלות'דיקע ירושלים, האָט געבוירן דעם קינסטלערישן געדאַנק, וואָס האָט דער ליטווישער קרוין־שטאָט געגעבן דעם שטח פון אַן אויטאָנאָם אידיש־לאַנד. פּוילן איז נישט געווען קיין אידיש־לאַנד און אפילו נישט קיין איינהייטלעך אידיש פּוילן, נאָר אַ סך פּוילנס. וואַר־שע איז, אמת, געווען אַ אידישע קרוין־שטאָט, אויך לעמבערג איז עס געווען. אָבער די פּאָעטן וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דיביידע שטעט האָט מען נישט געקאָנט רופן — וואַרשאַווער גרופּע, אָדער — לעמבערגער גרופּע, אפילו נישט — פּוילישע גרופּע. ראַוויטש איז געלאָפן קיין וואַרשע, אָבער אָן גאַ־ליציאַנער טראַדיציע און וואַרצלען; באַמזע איז געקומען קיין וואַרשע ווי אַ יונגער פּאָעט זוכן ברייטערע אנערקענונג; אויב קעניגסבערג איז געבליבן זיצן אויף אָן אָרט, האָט אויך פון אים נישט געזונגען דאָס אידישע גאַליציענ־טום פון זיין צייט. קיינער פון זיי האָט נישט פאַרמאָגט קיין אידיש־לאַנד. אַלע קינסטלערישע אויפטוען זייערע זיינען געווען וועלטלעך־קינסטלערישע, וואָס

האָבן גלייך אין דער אידישער איבערטייטשונג, געטראָגן אין זיך די זאָמען פון ספיקות.

מיר רעדן איצטער, לאָמיר נישט פאַרגעסן, פון יאָר 1929, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. דער סם פון אַסימילאַציע האָט שוין גענומען פרעסן אויך דעם פויליש־אידישן קולטור קערפּער. דער אידישער פּאָעט האָט אויפגעהערט צו קומען פון די מאַסן, נאָר ער האָט, אַ פאַרלוירענער און אָפט אַ פאַר־צווייפלטער, געזוכט אַ וועג צו די מאַסן. ביי אונז אין אַמעריקע האָבן די אינ־זיכיסטן אוודאי נישט פאַרמאָגט קיין זיכערע אידישע ערד אונטער די פיס. אַלע זייערע רעוואָלוציעס זיינען געווען — אַן אַ זייט פון אידישן לעבן, ווען אפילו אויפן באָדן פון אידישן קינסטלערישן וואָרט.

די רעוואָלוציע פון דער גרופּע יונג־ווילנע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געבראַכט דער אידישער וואָרט־קינסטלערישער וועלט אַ שטאָט, וואָס איז אילוזאָריש געווען לאַנד, באָדן. מחמת דער אידישער מענטש וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין ווילנע, איז געווען אַ שטאָלצער, ניישער איד, און זיין אידיש מויל, פאַרפאַנצערט און געבענשט מיט וואונדערלעכע טרעפלעכע העב־רעאיזמען, איז געווען אַ זיכער מויל, וואָס האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער גאַס. זיינע אידישע מעשים, די אידישע טאָג־טעגלעכע טועוודיקייט זיינע, איז געווען אַן אומדערשראָקן, פעלזן־פעסט, מצווה׳דיק אידישקייט; אַ פּראָדוקט פון דור־דורות אידישער ווידערשפעניקייט, אָבער תמיד אין די ראַמען פון טראַדיציע, וואָס יעדער ווילנער האָט געטראָגן ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ.

ס׳איז דערפאַר געווען נישט מער ווי רעכט, אַז אַזאַ שטאָט־לאַנד זאָל אַריינשפּאַנען אין דער אידישער ליטעראַטור טריאומפאַל, יוגנטלעך, שעפע־ריש־רייף; אַז די געבוירענע גרופּע זאָל אַרויסגעבן פון זיך, אַרויסזינגען, אַרויסזאָגן אַלץ וואָס ווילנע האָט אין איר אַריינגעזאָגט און אריינגעזונגען.

יונג־ווילנע איז, ווי מיר זעען, נישט אַזוי געווען אַ גרופּע פון באַזונדערע פּאָעטן, מיט ערשט־טריטיקע לידער, אָנהויבערישע דערציילונגען, עסייען, פאָלק־מאָטיוון און משלים, נאָר קודם־כל אַ גרויסע קאָלעקטיווע אידישע וואָרט־שאַפונג, וואָס האָט שטאָלץ פאַרטראָטן אַ שטאָט, וואָס האָט דעם נעאָ־איד געגעבן די אילוזיע פון לאַנד, פון באָדן.

ווילנע האָט אויך געהאַט אַ גרויסע העברעאישע באַזע וואָס האָט געצויגן איר ממשות פון הערצל׳ס דערשיינען אין דער אַלט־נייער אידישער שטאָט, ווי אַן אָנזאָגער פון אַ לעגענדע, וואָס מוז פאַרוואָרט ווערן. די באַזע האָט שוין געהאַט פעסטע פּאָליטישע אַספּיראַציעס און האָט שוין פאַרמאָגט אירע איי־גענע יונגע פאַרשטייערס פון קינסטלערישן וואָרט; און אַ סך פון זיי האָבן זוכה געווען צו באַטרעטן אַ מער פונדאַמענטאַלן באָדן, נאָך אַזויפיל חורבן און

פאַרוויסטונג. אויך אין זיי, אין די העברעאישע יונגע שעפערס, איז קיינמאָל נישט פאַרלאָשן געוואָרן די ליבשאַפט צום אידישן לשון, וואָס האָט דער־גרייכט אַזאַ ממשות׳דיקע אַנטוויקלונג אין דעם אידיש־לאַנד פון זייער געבוירן. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער העברעאישער פּאָעט משה בסוק, אַ ווילנער וואָס איז איצטער אַ תושב אין מדינת ישראל און וואָס זעצט איבער פון צייט צו צייט, מיט קינסטלערישער פאַרבענקטקייט לידער פון אידישע פּאָעטן. זיינס אַ מי־ניאַטור־אַנטאָלאָגיע פון פרעכטיק־איבערזעצטע אידישע לידער געפינט מען אין דעם נאָוועמבער נומער — „מבפנים״, אַ ליטעראַרישע שריפט פון הקיבוץ המאוחד. ס׳דאַרף ערשט אויסגעפאָרשט ווערן דאָס קאַפּיטל ווילנעריש יונג־העברעאיש, וואָס שליסט אויך איין אַזאַ אָריגינעלן פּאָעט ווי אַבא קאָוונער, וועמענס אָריגינאַליטעט איז פּונקט אַזוי איבערראַשנדיק ווי דער סורעאַליזם פון זיין בן־עיר, דעם ווילנער מיטגליד פון דער יונג־ישראל אידיש־גרופּע — רינצלער. ווען דאָס קאַפּיטל וועט אויסגעפאָרשט ווערן, וועט מען אפשר זען, אַז אין ברייטערן זין זיינען זיי אַלע — די יונגע אידישע וואָרט־קינסטלער פון ווילנע און די יונגע העברעאישע שעפערס, געווען ברידער פון איין יונג־ווילנע; קינדער פון אַ גרויסער אידישער שטאָט, וואָס האָט שטאָלץ גערעדט אידיש, ווי עס וואָלט געווען אַן אַלטער, איינגעפונדעוועטער העברעאיש, און גערעדט אַ העברעאיש, ווי עס וואָלט געווען אַ מאָדערנער ניי־געבוירענער אי־דיש. פאַר ביידע איז ירושלים דליטא געווען מער ווי אַ צונאָמען, נאָר אַ שטיק רעאַליטעט, אפילו ווען דער טראָפּ איז ביי אַ טייל געווען אויף — ירושלים, און ביי אַנדערע אויף — ליטאָ.

דאָ רעדן מיר פון דער גרופּע יונג־ווילנע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אידישער ליטעראַטור, מיט אַ 25־26 יאָר צוריק און וואָס האָט אונז גע־געבן אַזעלכע נעמען, ווי חיים גראַדע, סוצקעווער, אלחנן וואָגלער, לייזער וואָלף, פּרץ מיראַנסקי, אַזעלכע באַגלייטערס ווי הירש גליק, שמערקע קאַ־טשערגינסקי, און צענדליקער אַנדערע יונג־שעפערס. זיי אַלע זיינען געווען אַ גרויסע אויסשטעלונג פון אידישע גאונות, וואָס האָט געצויגן יניקה פון בית־מדרש, ישיבה, יתומים הויז, און דער אידיש־רעדעוודיקער גאַס. ס׳איז געווען אַ גרויסער צוריקצאָל צו דעם שטאָט־לאַנד, וואָס האָט זיי אויפגעהאָ־דעוועט און אויפגעצויגן.

וואו נאָך, אין וואָסער שטאָט, האָט דער יונגער פּאָעט זיך געקאָנט חבר׳ן, אויף אידיש, מיט דעם יונגן מיידל, וואָס האָט אָפּגעשאַצט און געקאָנט פון אויסנווייניק דעם פּאָעט׳ס פערזן — ווי אין ווילנע? וואו האָט אידיש געקלונ־גען ווי אַן אייביק לשון, וואָס שאַפט זיך און באַנייט זיך טאָג־טעגלעך, אויפן מאַרק און אין דער קינדער שולע, און וואָס קריגט האַפּט פון אַ גאַנץ אידיש

לעבן, וואָס לעבט לויט דער הלכה פון אַ ברייטער, זאַרגעוודיקער טאָג־טעג־לעכער אידישער טועוודיקייט — ווי אין ווילנע?

דער גרויסער אויפבלי איז דערפאַר געווען נישט נאָר אַן אויפבלי פון טאַלאַנט, נאָר ערשטע, רייפע יונגע פרוכט פון מאָדערנעם אידישקייט, וואָס האָט אויך אַן אייגנאַרטיקן אופן האַרמאָניזירט דאָס אַלטע מיט דעם נייעם.

אין דעם איז באַשטאַנען די רעוואָלוציע. ווען די הענט האָבן זיך שעפע־ריש גענומען אַראָפּלאָזן אין אידישע ישובים אין איראָפּע, און ס'האָבן פינסטער אויפגעזאָרגט פאַרשידענע ספיקות, איז חיים גראַדע געקומען מיט זיין — „יאָ". די גאַנצע גרופּע איז גלייך פון אָנהויב אַן געווען אַ זינגענדיקער, קאָלעקטי־ווער יאָ פון גרויסער איבערצייגנדיקער פרוכטבאַרקייט; דער קרן מיט דעם פּראָצענט פון אַ נוסח־ווילנע. ווען די יונגע גרופּע איז דערשינען, האָבן די אינ־זיכיסטן זיי די ערשטע באַגריסט און מקרב געווען, אויף דער זייט ים. אָבער אויך זיי, וואָס האָבן באַגריסט די יונגע וואָרט־קינסטלערס, ווי ערשט־צוגע־קומענע, האָבן אין זייער קאָלעקטיוון דערשיינען גלייך געזען אַן אָנשפּאַר, און צוגעקראָגן נייע האָפנונג און גלויבן, אין דעם המשך פון אידישן וואָרט.

אַ ליטעראַטור־געשיכטע טיילט מען געווינלעך, פאַר באַקוועמלעכקייט וועגן, אין קאַפּיטלען — דאָס קאַפּיטל יונג־ווילנע איז מער ווי אַ קאַפּיטל, ס'האָט גלייך באַטייט — יוגנט־אויפגאַנג אין אידיש־לאַנד. אוודאי האָבן יחידים געהאַט אייגענע און אפילו באַזונדערע קינסטלערישע אַמביציעס. אוודאי האָבן די פאַרבליבענע און על־פּי־נס געראַטעוועטע געוויזן אַז זייער צוזאַמענדיק קומען איז אויך געווען אַן אָנזאָג אויף גרויסע קינסטלערישע פּער־זענלעכקייטן, אָבער צוזאַמען זיינען זיי פּאַרט געווען מער ווי אַ קאַפּיטל — אַ מיילשטיין פון אידישער ווייטער־און־צוריק־גייענדיקער שעפערישקייט, און פון ניסים'דיקער און אין־ברירה'דיקער צופאַסיקייט צו אַ לופט־לעבן, וואָס ווילנע האָט מער פון אַלע אידישע שטעט פאַרבאַדנט און געמאַכט דערפון קולטור־רעלע שוואַרץ־ערד אונטער די פיס.

די יונג־ווילנער פּאָעטן זיינען דערפאַר געגאַנגען אין דער וועלט אַריין מיט זיכערע טריט, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אידישער ערד. ווייל געבוירן האָט זיי די גאונישע צופאַסיקייט פון אידישן פאָלק, זיין פּיקחות'דיקער מוח, זיין אָפּגעפוצטע אָרעמקייט, זיין טייער מויל מיט די קוואַליקע און מחיה'דיקע ווערטער און זיין טרויעריק האַרץ, וואָס האָט געלעבט מיט דעם נחת פון קינדער.

אַזאַ באַשערטער נחת איז געווען יונג־ווילנע, אַ נחת וואָס איז געקומען מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, באַלייכטנדיק דעם אידישן הימל, וואָס האָט זיך שוין גענומען וואָלקענען מיט פּחד.

בלויז צען יאָר נאָך דעם אויפשטייג פון יונג־ווילנע, זיינען אירע בעסטע קינדער געלאָפן דערשראָקענע, אַ סך פון זיי אין די אָרעמס פון טויט, אַנדערע אין די אָרעמס פון הונגער, קראַנקהייט און גייסטיקער, אויפטרייסלנדיקער אַנטוישונג. אָבער די גערעַטעוועטע זין אירע פון גרויסן חורבן זיינען נאָך היינט צווישן די איבערצייגנדיקסטע אידיש־זינגערס. אין ניו־יאָרק — חיים גראַדע, אין פּאַריז — אלחנן וואָגלער, אין קאַנאַדע — פרץ מיראַנסקי, אין מדינת ישראל אברהם סוצקעווער. נאָך היינט זיינען זיי אַ באַוויז, אַז זיי קו־מען זאָגן — יאָ, און דאָס גרויסע טרייסט־וואָרט פון אַ יונג־ווילנער, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען פון סאַמע טויט־שאָטן — מיר זיינען דאָ!

1955

חיים גראַדע

אין זיין בוך לידער — „דער מאַמעס צוואה" האָט דער דיכטער חיים גראַדע אויסגעהאַלטן די פּראָבע און נישט אַריינגעפאַלן אין קיין באַנאַליטעטן מיט זיינע מאַמע־לידער, וואָס זיינען געוואָרן איינציק אין דער אידישער ליטעראַטור. ס'איז נישט קיין איבעררעשונג, וואָס אַ דיכטער פון אַזאַ מדרגה, האָט באַוויזן צו ראַטעווען די ריזיקאַלישע טעמע, נאָכדעם ווי זי איז שוין לאַנג געוואָרן אַ געפאַר־סיגנאַל און אַ שטרויכלונג. קיין קלענערער דיכטער וואָלט זיך אַזוי פריי נישט צוגערירט צו איר, אויב ער וואָלט פאַרמאָגט די מינדסטע זעלבסט־באַשיצונג פעאיקייטן. ער וואָלט זיך פשוט נישט דערוועגט צוצוקומען אַזוי נאָענט צו אַזאַ טעמע, ווייל ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די האַרציקע, תמימות'דיקע מאַמע וועט אים אַרויסגעבן. אַ קלענערער דיכטער וואָלט נעבעך געליטן ריסוק־איברים. אַ קלענערער טאַלאַנט ווערט נאָך קינדישער און מינערער, אין די וואַרעמע אָרעמס פון מאַמעשקייט. צוויי געפאַרן לויערן אויף אים — טעאַטראַלישקייט — אין זין פון דער עברי און מוזיק פון אידישן טעאַטער — און די בדחנישע פאַלקישקייט פון „אַ בריוועלע דער מאַמען".

גראַדע איז נישט געקומען צו דער מאַמע־טעמע אַז זי זאָל אים פאַרוויגן, נאָר ער האָט באַהערשט די טעמע, ער האָט זי גענומען אין זיינע פעסטע דיכטערישע אָרעמס און זי איינגעוויגט.

> אַ, מאַמעלע, טייבעלע גרויע,
> מיט אויגן פול שרעק און הכנעה,
> אין ווינט און אין פינצטערניש ליג איך.
> און דיך ווי אַן עופה'לע וויג איך.

דאָס איז גראַדע'ס אַ פריערדיק ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן צוריק, אָבער ער האָט זייער גלייך געטאָן, וואָס ער האָט דאָס ליד אַריינגענומען אין זיין נייעם לידער בוך. ס'ווייזט אויף דעם דערוואַקסענעם צוגאַנג צו דער אוראַלטער טעמע, וואָס איז באַנייט געוואָרן אין זיינע פאַרוויגנדיקע הענט. ס'ברענגט אַרויס זיין דיכטערישע ציל־באַוואוסטזיניקייט. דערפאַר איז נישט קיין איבעררעשונג, וואָס שוין דאָס ערשטע ליד אין בוך הויבט זיך אָן מיט דעם זעלביקן מאָטיוו.

קום, מאַמע, ווי אַ קינד אויף מיינע הענט,
איך וועל דיך איינשטילן, און דו — דו וועסט מיך טרייסטן.

מען קען אויף דעם אַוודאי פאַרשוועכן אַ שלל פּרוידיאַנישע חכמות, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ס׳וואָלט לחלוטין נישט געווען פּאַסיק אַריינצולאָזן דעם ווינער דאָקטאָר אין דער אַטמאָספער פון דער ווילנערישער אָרעמשאַפט. ס׳וואָלט פּשוט געווען אומדראַמאַטיש צו דערלויבן אַזאַ אויפטריט. פרויד וואָלט געגן זיין אייגענעם ווילן געוואָרן דער קאָמיקער, פון אַזאַ געשפּאַנטער און מיט טיפן ערנסט־באַלאַדענער ווילנער דראַמע. אין דעם פאַל טוט נישט חיים גראַדע די שליחות פון זיין אייגענער קינדהייט. ער גייט נישט צוריק צו איר, נאָר ער שלעפּט די קינדהייט זיינע צו זיין דערוואַקסנקייט און ער שאַצט זי נישט אין טערמינען פון אייגענער ענגער און בלינדער ביאָגראַפישקייט, נאָר ער פאַרוואַנדלט די מאַמע־טעמע אין אַן אמת׳ן אידישן אַלעגאָרישן שיר־השירים, וואו ס׳איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פרוידיאַנישער עראָטיק, ווי ס׳איז נישטאָ קיין אָרט אין דעם פאַרוואַנדלטן, אַנטגופ׳טן און פאַר׳חדר׳טן שיר־השירים, פאַר אָריענטאַלישער נאַקעטקייט.

אַן אַנדייט אויף ענלעכע מאַמע־מאָטיוון האָט אונז געגעבן ביאַליק מיט דער איינגעקנאָטענער מאַמע־טרער, וואָס ווערט דער היוון פון צער. אויך אין יענעם גוט־באַקאַנטן אויטאָביאָגראַפישן ליד איז די מאַמע שיר נישט די כנסת־ישראל. דאָס מיינט נישט, אַז גראַדע האָט אָוועקגענומען פון זיין מאַמען די פּערזענלעכע צערטלעכקייט. ניין, זיין מאַמע איז בלוט און פליייש אָבער זי איז אַרומגעשטראַלט מיט אידישער אַל־מוטערלעכקייט, וואָס ווערט גלייך אַ סימבאָל. ביי גראַדען זעען מיר די מוטער, קודם כל, אין איר אייגן אָוועקגיין פון דער וועלט, ווי אַ צער פאַר זיך אַליין, ווי זי איז פאַרשניטן גע־וואָרן און אָפּגעריסן געוואָרן פון איר אייגענער בענקשאַפט; ווי זי אַליין איז דורך איר פּריצייטיקן, טראַגישן טויט אָוועקגענומען געוואָרן מיט גוואַלט פון איר קינד. זי איז נישט בלויז אַ טייל פון איר זון׳ס אומגליק, נאָר אויך אַ שטיק באַזונדערע מוטערלעכע פאַר׳יתום׳טקייט. ווער איז געווען די מוטער, ווי אַ געשטאַלט פאַר זיך אַליין, וואָס פאַר אַן עול האָט זי געטראָגן אויף זיך? גראַדע דערציילט עס אונז אין פאָלקסטימלעכע שורות:

און לויפט אין שטוב, אויף גיך פאַרשפּרייט אַ טישטעך,
זי רייסט זיך אָפּ פון וואָך ווי אַ פּיאַווקע,
געיאָגט אַ וואָך אַ גאַנצע — און פאַרזאַמט.
דער שווייס פון פּנים ניט אַרומגעווישט זיך,
די ליפּן בלייך, די באַקן רויט פאַרפלאַמט.
זי רוקט אַראָפּ דאָס שייטל אויפן שטערן,

דורך אירע פינגער קאַפּעט אויף די ליכט,
איר שוויס וואָס מישט זיך אויס מיט אירע טרערן.
ס׳האָט גאָט איר שבת אויך ניט אויפגעריכט.

חיים גראַדע איז אַ רעליגיעזער פּאָעט, אָבער דער גאָט פון זיינע נאָענטע און אינטימע לידער איז נישט קיין געזעצטער. זיין משפּט ווערט נישט באַ־רעכטיקט אויף אַ לייכטן, כ׳וואָלט געזאָגט, אויף אַ לייכטזיניקן אופן, ווי ביי אַנדערע פּאָעטן, וואָס שפּילן זיך מיט גאָט־טעמעס, ווי מיט געטשקעס. גראַדע׳ס גאָט איז נאָך אַלץ אַזוי אומפאַרשטענדלעך ווי אין די ווייטע ביבלישע צייטן. דערפאַר אפשר ציט גראַדע׳ן אַזוי שטאַרק צו ביבלישע טעמעס, ווייל אין זיי זוכט ער דעם שליסל צום קליינעם מעסטל גוטס, וואָס קומט אונז אָן און צו די וויסטע צוגעוואָרפענע שיריים, וואָס פאַלן אויף דער געבויגענער, פאַרחושכ׳טער, פאַרגעסלטער און געבוקטער אָרעמקייט.

גראַדע האָט מיט זיינע לידער נישט געזוכט צו דערטרינקען אין רחמנות צו זיך זיינע געוויינען צו דער מאַמען, נאָר צו געבן איר אַליין אַ תיקון, איר אַליין ווי אַ קינד פאַר זיך אַליין, איינגעוויגט אין די אָרעמס פון דיכטער.

אַז דו זאָלסט ניט אומוואָגלען שטום ווי אַ שאָטן,
האָב איך דיך אין לידער געבראַכט צו דער קבורה.

אָבער איידער ער האָט זי געבראַכט צו קבורה, האָט ער אויפן וועג צום קבר געגעבן אַ סך מאָמענטן פון איר פאַרפינסטערט לעבן. די מאָמענטן זיינען באַלד געוואָרן איינגעקריצטע עפּיזאָדן פון אידישער אָרעמקייט, וואָס איז אַזוי באַקאַנט אין דער אידישער פּראָזע, אָבער וואָס גראַדע גיט אונז מיט אַ פולער מאָס אין זיינע מוטער־לידער. זיין מאַמע איז די מוטער פון אידישער אָרעמקייט.

מיין מאַמע שלעפּט זיך ביי דער נאַכט אין רעגן,
דער ווינט שיט נאָדלען אין איר האַלז און נאַקן
לאַמטערנעס שאָקלען זיך איר בלינד אַנטקעגן.
די טראָפּנס ווערן אייז אויף אירע באַקן.

אָבער דאָס בוך הייסט — „דער מאַמע׳ס צוואה". די לידער צו דער מאַמען זיינען נישט נאָר פון אייגענעם פיזישן דראַנג זיך צו באַפרייען פון אַ געשטאַלט, אָדער אויפשטעלן אַ געשטאַלט, וואָס ווערט אַמאָל פאַרבלייכט.

ס׳דערווייטערט זיך מאַמע, פון מיר דיין געשטאַלט
און ווערט ווי פאַרטאָג די לבנה אַלץ בלאַסער.

נישט נאָר כדי צו געבן האַפטיקייט צום געשטאַלט וואָס דער דיכטער שטרענגט זיך אָן צו באַלעבן —

מיין אייגענעם קערפּער וואָלט איך אויסגעטאָן
און דיך צו באַלעבן מיט לייב אָנגעטאָן אים.

ניין, דאָס בוך האָט נאָך אַ צוואה אויך; און די צוואה, קאָן מען געפינען שורות׳ווייז צעוואָרפן איבער אַ סך לידער וואָס זיינען באַזונדערע „פונקטן״ פון דער צוואה. זיי דערגרייכן אַ הויכן מאָמענט אין דעם ליד — „דער שליאַך״, וואו די מוטערלעכע צוואה ווערט באַרייכערט מיט אַ צוגאָב פון פּערזענלעכן טאָן און ווערט די צוואה פאַר אונזער דור.

פאַרמיש זיך מיט אונז, מען זאָל דיך ניט דערקענען,
וועט דאַן אונזער ליכט אויף ד י י ן פּנים ברענען.

דאָס ליד איז דער אָנהייב פון אַ ריי לידער, וואו די צוואה ווערט קלאָר אויסגעדריקט, און שורה צו שורה קלייבן זיי זיך צוזאַמען אין אַ גאַנצן מוסר־ספר און ווערן פּסוקים, וואָס מעגן געזאָגט ווערן פון אַ דור, וואָס האָט דער־לעבט דעם שוידער; בפרט ווען די דערלעבטע זיינען אייגנטלעך געראַטע־וועטע — אי פון טויט, אי פון קידוש השם. קידוש השם איז פאַר אונזער דור נישט געווען קיין כראָניק, קיין פאַרוויקלטע פאַרמעטענע קינה, נאָר טויט־דערפאַרונג. די געראַטעוועטע האָבן זיך אויסגעדרייט אויך פון דער דערפאַרונג און זיינען געבליבן מיט אַ צוואה.

ווער האָט עס דיין האַרץ מיט שקר פאַרדאָרבן,
צו מאָנען ירושה און וועלן בלויז אַרבן
די קבורה פון העלד, ניט דעם צער פון קרבן?

פאַרמישט זיך מיט אונז — איז די צוואה פון בוך. דער דיכטער פאָלגט בלויז אויף אַזויפיל אויס די צוואה, אויף וויפל ער ווערט נישט אָן אין דער פאַרמישעניש זיין קול. אויב מ׳דערקענט אַמאָל נישט זיין פּנים, ווייל אים ציט צום אַלגעמיינעם נביאישן סטיל, וואָס איז געוואָרן אַזאַ שם דבר אין דער אידי־שער פּאָעזיע, ביי ביאַליקן, ביי ליעסינען, ביי יהואָש׳ן, טיילווייז אויך ביי לייוויקן, י. י. שוואַרצ׳ן און ביי לעיעלעסן, פאַרבלייבט אָבער זיין קול, ווען ער איז מעביר די נביאישע רייד מיט דעם טראַפּ פון היינטצייטיקייט.

מיין זון, איך פיר דיך אַצינד צווישן הויכע בערג,
פאַר׳מרה־שחורה׳ט גליווערדיק זיי שטומען,
ווי דער באַשאַפער וואָלט זיין ניט־פאַרענדיקט ווערק
פון בראשית צייט געלאָזט דאָ אָן תקומה.
דאָ האָט ניט משה זיין נשמה אויסגעהויכט,
און גאָט האָט דאָ זיין תורה ניט געגעבן.
דאָס זיינען מענטשן! און ניט לאַנג האָט נאָך געטויכט
אין זייערע שוואַרצאַפּלען ליכט פון לעבן.

דאָס איז דער נייער צלמות, דער טויט־שאָטן, וואָס דורך אים ווערט דער דיכטער געפירט.

פינף אַנדערע אָפּטיילונגען אין דעם בוך — „דער מאַמע׳ס צוואה״ גיבן דעם דיכטער אַ סך פון זיינע שווערסטע נסיונות. אין דער אָפּטיילונג — „טרעפּ״ זינגט ער פון ליבע —

איך וועל פון דיין אָטעם פאַרשיכור׳ט,
אַזוי ווי פון ריחות אין וואַלד —

גראַדע באַפאַלט אַמאָל אַן עקשנות און אַ קאַפּריז נישט אויסצומיידן באַ־נאַליטעטן, נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער ווייס אַז ער קען זיי פאַרוואַנדלען אין נייע מאָטיוון, נאָר אויך ווייל ער שפּירט אַז זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער פאָלקסטימלעכקייט אין אים, וואָס אַן איר קען ער זיך נישט באַגיין און וואָס אַן דעם וואָלט זיין קרעפטיק לשון געוואָרן אויסגעמאָגערט און אָנעמיש. אַ סך פון זיינע באַנאַליטעטן זיינען אפשר טאַקע די „טרעפּ״ פון זיין אייגענער אָפּטיילונג, וואָס אויף זיי איז אים זיכערער צו קלעטערן, ווי אויף סאָלידע שטאַפּלען. ער לענט זיך אָן אין פאָלקס־לשון, כדי דורך אים צו קענען דערקלע־טערן צום אייגענעם וואָרט.

און יאָמערלעך־פּוסט איז געבליבן דיין אָרט אין מיין ברוסט,
און וואו דיך צו זוכן האָב איך אין דער נאַכט ניט געוואוסט.

דאָס איז כמעט דער טאָן פון פאָלקס־ליד אין פשטות, אָבער די דאָזיקע פשטות גיט אים זייער אָפט די געלעגנהייט צו זאָגן אומגעריכט, פונקט אַזוי פאָלקיש, אָבער מיט אַן אייגענעם קנייטש אַזעלכע שורות —

איך בין אַ מידער גייער,
און וואו איך קום פאַרבלייב איך פרעמד,
מיין פּנים איז אַ שלייער,
מיין גוף איז אַ געשאָנקן העמד.

אין די לידער צו דער מאַמען האָט חיים גראַדע דערגרייכט אַ הויכע מדרגה, ווייל ער האָט אין זיי נישט אַנגעוואוירן זיין אינטימען טאָן. און דער־גרייכט האָט עס דורך אַ פּיעטעט צו דער צערטלעכער טעמע.

אָבער אויך זינגנדיק צום ים מעג אַ פּאָעט ווי חיים גראַדע זיך פאַרגינען צו זיין אינטים און קליין און שטיל. גראַדע פאַרמאָגט אַ ים מיט קרעפטיקע ווערטער, אָבער גראָד די קראַפט פאַרמאַטערט אַמאָל דעם דיכטער און דעם לייענער.

דער ים... זיץ איך ניט אויף דיין ברעג שוין אַ יאָרטויזנט?
איך הער דיך שטורעמען אין די געזאַנגען פון יהודה בן הלוי.

גראַדע קומט צום ים אין באַגלייטונג פון פּאָעטן און גוט באַוואַכט. זיינע נאַטור־לידער זיינען צו־מעכטיק און צו תהילימדיק. זיי דערטרינקען אינגאַנצן זיין שטיל וואָרט, און זיי כוואַליען אַביסל צופיל. אָט דאָס נביאישע געשטאַלט פון דיכטער, וואָס קומט זיך נישט גלאַט אַוועקזעצן ביים ים, נאָר וואָס ווייסט אַז אויך דער ים דינט אים ווי אַ „שטאַפל״, פּאַלט שווער אויף דעם געמיט פון לייענער, וואָס וויל זיצן אין נאָענטשאַפט מיט זיין דיכטער.

פון זאַמד־ברעג ביז צום האָריזאָנט פון ים ליגט
אויסגעוועלבט אַ בריק אַ זוניקע
אַז איך זאָל קענען גיין אויף איר ווי דורך דעם מדבר־זאַמד
אַ נביא צו זיין גאָט.

אָדער אַזעלכע תהילימדיקע שורות, וואָס פאַרשטעלן אונז גראַדע׳ס קול.

דו כאַפּסט דעם ברעג און ווילסט אים אין דעם תהום .
אַרונטערשלעפּן.
דו גריזשעסט די יבשה ווי אַן אָפּגעהאַקטן שטאָם וואָס פוילט
אין זיינע וואָרצלען.

גראַדע׳ס ביבלישע לידער ליידן פון צופיל... ביבלישקייט, זיי זיינען טויט־ערנסט ווי ליעסיב׳ס און זיי זיינען ווי לכתחילה געשניצט פאַר כרעס־טאָמאַטיעס. אַוודאי קען חיים גראַדע אויסגעצייכנט סטיליזירן אין אידיש אַ ביבליש לשון, אָבער אַז מען לייענט די ביבלישע לידער זיינע פאַרלירט מען דעם פאַדים און מ׳פרעגט זיך, אויף וואָס אייגנטלעך דאַרף גראַדע איבער־חזר׳ן אַזעלכע שורות

און גאָט אויף אליהו׳ן האָט געצערנט
און האָט גערעדט צום נביא האַרבע רייד:
האָסט מיין פאָלק מיין לערע דען געלערנט,
צו דינען מיר אין ליבשאַפט און אין פרייד?

גראַדע איז צוגעקומען צו די ביבלישע מאָטיוון מיט אַלעמענס גרייטער ביבלישקייט און ער האָט זיי נישט פאַרמענטשלעכט און פאַרהיינטיקט און פאַראינטימיזירט.

גייען מיר צוריק צו חיים גראַדע׳ס מאַמע־שורות:

זי איז קליין, זי איז דאַר
און גרייכט קוים צו מיין אַקסל,
נאָר זי איז אין איר צער
אַלע אַריבערוואַקסן.

אָט די קליינקייט, דאַרקייט, גרויקייט און אָרעמקייט קען גראַדע דער־הויבן מיט דעם לעבעדיקן און וויינענדיקן לשון פון צער. וואָס ווערט אַן אייגענער, נייער תהילים. זיינע שטילע רייד קענען ווערן די פסוקים פון אונזער דור. אָבער ווען ער קומט זאָגן געזאָגטע פסוקים אין זיינע ביבלישע מאָטיוון, אָדער ווען ער קומט צום ים אים פאַרלייענען גרויסע, מעכטיקע מאָנאָלאָגן, ווערט זיין אייגענע גרויסקייט פאַרטונקלט און זיין קול ווערט אַוועקגעטראָגן אויף די כוואַליעס.

און חיים גראַדע איז איינער פון די געציילטע פאָעטן, וועמענס אייגן קול ס׳ווילט זיך אַלעמאָל הערן.

מרדכי יאָפּע

די גרויסע אַרמיי העברעאישע פּאָעטן, וואָס מרדכי יאָפּע האָט מאָבילי־זירט פאַר אידיש, מיט אַזויפיל געטריישאַפט און ליבשאַפט, וועט שוין פאַרבלייבן אַ גוטער בעטער, אַז אידיש זאָל נישט אונטערגיין. מיר דאַכט זיך, אַז מרדכי יאָפּע האָט באַוויזן, אַז קיין איין לשון איז אַזוי נישט מסוגל איינ־צוזאַפּן אין זיך דעם חן פון אַ העברעאיש ליד, ווי אידיש.

אידיש איז ווי דער ערשטער אָפּשטראַל בנוגע דעם אָריגינאַל — העב־רעאיש. אַזוי האָט באַוויזן מרדכי יאָפּע, און ווען מען בלעטערט זיינע צוויי בענד פון דער אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע קריגט מען דעם איינדרוק, אַז אַלע העברעאישע לידער וואָלטן ערב אַן איבערזעצונג באַ־דאַרפט איבערגעגאָסן ווערן אין אידיש, כדי צו זען ווי אַזוי דער אָריגינאַל קלינגט, ווען ער האָט געמאַכט די ערשטע עטלעכע טריט פון דער היים.

דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם דערעסענעם שפּראַך־ויכוח, ווייל יאָפּע'ס איבערזעצונג איז נישט קיין ליידיקע דיסקוסיע. לשם דיסקוסיע נעמט נישט אַ מענטש און זעצט זיך אַוועק האָרעווען, ווי יאָפּע האָט זיך איינגעשפּאַנט אין זיין אַרבעט. די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע אין ביידע בענד איז נישט קיין דעבאַטע, נאָר דער גרעסטער באַוויז, אַז אידיש איז מסוגל אויפצוהיטן אַלע ניואַנסן פון העברעאישן אָריגינאַל, ווייל דאָס יונגע לשון האָט זיך טויזנט יאָר געווייקט אין העברעאיש. סיווי איז אידיש געוואָרן אַ מין קיצור־העברעאיש וואָס האָט כסדר געטייטשט, אין אַנדערע ווערטער, איבערגעזעצט העברעאיש. וואָס איז עברי־טייטש אויב נישט אַן איבערזעצונג, לויט די סאַמע נייסטע קינסטלערישע באַגריפן: צו ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אָריגינאַל, צו גיין דורך אַ צווייט לשון צום מקור. אידיש איז געוואָרן אַליין מקור, ווען זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך העברעאיש און עס אָרקעסטרירט, אַריינשטעלנדיק אַ העברעאיש וואָרט צווישן די העב־רעאיזירטע ווערטער, אויסשלאָגנדיק דערפון אַ סך שפּראַכלעכע חיונה און שפּראַכלעכע חיות און באַוויזן אַז ס'איז אַ מחיה, ווען אַ העברעאיש וואָרט קומט אַהיים און קריגט אַזאַ טייערן קבלת פּנים.

אָט די סודות האָט מרדכי יאָפּע גאָרנישט באַדאַרפט אויספאָרשן, ווייל ער איז אַליין אין זיך, אַ אידישע איבערזעצונג פון העברעאיש. אָנהויבנדיק

פון זיין נאָמען האָט ער אין זיך פאַרצווייליגנט דיביידע לשונות. ער האָט געטראַכט אויף ביידע לשונות און זיי צוזאַמענגעטראַכט, ער האָט זיי פאַר־הימישט און אין זיך אַליין דורכגעמאַכט אַלע כישוף־פּראָצעסן פון דער אַנט־שטייאונג פון אידיש, בעת זי האָט זיך געקלאַמערט אין העברעאיש און מורא געהאַט זיך צו געטרויען אַ צו־ווייטן אַוועקטריט פון דער היים. ערשט אין יאָפּע׳ס איבערזעצונג דערזעט מען די דאָזיקע געוואַלטיקע קרובה׳שאַפט, ווייל יאָפּע האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט, ער האָט בלויז צוזאַמענגעטראַכט און אָנגעוויזן אויף דער התקרבות, אויף דער שטאַרקער בענקשאַפט און אויף דעם תּיקון, וואָס עס ליגט אין אַן איבערגעזעצט אידיש ליד. אַ באַזונ־דערער, אייגנאַרטיקער תיקון, וואָס איז נישט מתקן דאָס ליד אַליין, נאָר וואָס שאַפט איבער דעם מעשי־בראשית פון אונזער לשון, ווען העברעאיש האָט אַריינגעבליצט אין אידיש און אים אָנגעליכטיקט מיט פּיקחות.

פאַראַן ביי מרדכי יאָפּע׳ן שורות גאַנצע וואָס אין זיי ווערט נישט דער־מאָנט קיין איין העברעאיש וואָרט, אָבער מען דאַרף בלויז לייענען די שורות אינדערהויך און מען דערשפּירט אין דער צוזאַמענקייטלונג פון די ווערטער, אַ העברעאישן טעם.

און ווען עס לעשט זיך אויס דער האָריזאָנט און ס׳ליגט
שוואַרצרוקנדיק די ערד,
ווי אַן אָדלער וואָס האָט מיד אַראָפּגעגליטשט זיך —
נעמט דער שטורעם פליען מיט זיין גאָרער קראַפט,
ער מאַכט די סאָסנעס שפּרינגען באַרג־אַראָפּ, ער טרייסלט־אויף
דעם עקאַליפּט אין טאָל.
און טרייבט אַריין די בידנע איילבערט־ביימער אין אַן אָפענער און
מורא׳דיקער פּוסטקייט.
עס שלאָגט זיך אויפן האָרץ די וועלט. אַ שטיין אין וואַנט אַפילו איז
ניט זיכער.
און ס׳איז נישטאָ קיין איין באַשעפעניש וואָס זאָל ניט ציטערן פאַר
דעם געדונער פון די טרויער־פויקן.

כ׳האָב בכיוון אויסגעזוכט די עטלעכע שורות פון יהושע ראַבינאָוו. אין די לאַנגע שורות איז פאַראַן אַן איינציק וואָרט אַפילו און אַ צווייט פאַראידישט וואָרט מורא׳דיקער, וואָס דער איבערזעצער וואָלט זיי אפשר באַדאַרפט אָפּ־שטעקן, ווען מ׳וואָלט געקומען צו אים אויפמאָנען אָריגינאַל. אַלע אַנדערע ווערטער זיינען נישט קיין העברעאישע, אָבער מוזיקאַליש זיינען די שורות העברעאישער אָריגינאַל. אין זיי איז פאַראַן די איבערציייגונג פון אַ תהילים־דיקן ניגון. מיר דערמאָנט זיך אַז סאַמערסעט מאָהעם שרייבט ערגעץ, אַז

דער ערגסטער איינפלוס אויף ענגליש איז געווען דער ביבלישער, ווייל דער גאַנצער אָריענטאַליזם פּאַסט זיך נישט פאַר דער ענגלישער שפּראַך און אַז דער גאַנצער אָריענטאַלישער חן איז אַן אָנגעהויקערטקייט אויף דעם ענג־לישן לשון.

ווייל איך דאָ נישט אַנאַליזירן וויפיל טראַציקייט, פּאַראַדאָקסאַלישקייט, אָדער אפשר גאָר וויפיל אַנטיסעמיטישער פּעפער ס׳איז פאַראַן אין אַזאַ אַנ־גלאָ־זאַקסישן ווידערשטאַנד צו דער איבערזעצונג פון תנ״ך, וואָס האָט אויפּס־ניי אַנטדעקט ענגליש. אָבער ווען מיר קומען צו אונזער אייגן לשון זעען מיר ווי נאַטירלעך דאָס לשון אונזערס שפּילט אויף אַ העברעאישן ניגון. ס׳איז אַ מזל־זאַך וואָס אין דעם ליד איז פאַראַן אַזאַ פאַרהיימישונג פון העברעאיש ווי מוראַ׳דיקער, אַזאַ צוזאַמענהעפּט, ווייל אין שליסל פון דעם צוזאַמענגלי איז אידיש געשאַפן געוואָרן, איז געשאַפן געוואָרן די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אין די הענט פון דעם יוצר. אין מרדכי יאָפּע׳ס הענט איז אַ העברעאיש וואָרט אַריינגעפאַלן אין אַ שעפערישער איבערגיסונג, וואָס ליכטיקט מיט חנ׳ען פון אָריגינאַל.

האָלטן מיר אייגנטלעך צוריק ביים סאַמע אָנהויב, אַז יאָפּע האָט מאָבילי־זירט, אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן, אַ גרויסע אַרמיי פון העברעאישע פּאָעטן און זיי געשיקט מלחמה האַלטן פאַר אידיש, אפשר גאָר קעגן זייער ווילן און קעגן זייער איבערצייגונג. אָבער אין יאָפּע׳ס מאָנומענטאַל ווערק זיינען זיי אַלע מוטיקע קעמפערס, וואָס שטעלן זיך איין פאַר דער לעבעדיקייט פון יעדער וואָרט. אויב ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע העברעאישע פּאָעטן, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען בלויז איבערזעצט געוואָרן, זיינען זיי זיך שטאַרק טועה. זיי זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין אַ גרויסער, אין אַ קאָלאָסאַלער אַרבייט. פון דעם שטאַנדפּונקט קען מען זאָגן, אַז יאָפּע׳ס אַנטאָלאָגיע איז אַ דיסערטאַ־ציע וועגן דער לעבעדיקייט פון אידיש, וועגן איר העברעאישער מוזיקאַליש־קייט, וועגן איר מסוגל׳דיקייט צוריקצורופן די פילאָלאָגישע שרעקעוודיקע טריט פון אונזער שפּראַך, וואָס אויב זי איז אַפילו אַוועק פון דערהיים, האָט זי נאָך אַלץ געהערט אין איר תחינה׳דיקייט דעם שטאַרקן נביאישן רוף פון טאַטן, וואָס וואָרנט — ניט צו ווייט אַוועק פון דערהיים, ווייל טיגריסן און לייבן און וועלף קענען נאָך פאַרצוקן דאָס אידישע שעפעלע. אָט דאָס האָט אַלץ באַוויזן מרדכי יאָפּע אין זיין אויפטוערישער אַרבעט, אָט דאָס איז אים געגאַנגען צו באַווייזן; אָבער דער אמתער אויפטו פון דער אַנטאָלאָגיע איז אין דעם וואָס ער האָט גערופן צו הילף העברעאישע פּאָעטן, אַז זיי זאָלן פירן דעם ויכוח פאַר אים.

אַן די פיר אָפּטיילונגען פון צווייטן באַנד וואָלט יאָפּע׳ס אַרבעט באמת

געווען אַ נישט־פֿאַרענדיקטע. כ׳בין נישט צו־זיכער מיט דער אָפּטיילונג — „הומאָר און שאַרפֿזין", אָבער נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אומנויטיקע דיקדוקי עניות, קען מען פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס יאָפּע האָט אַזוי געשפּאָלטן די הימלען, נישט גערוט און נישט געלאָזט רוען, ביז זיין אַרבעט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן.

מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן אויף קיין מינוט, אַז יאָפּע האָט אונז געגעבן אַ טאָפּלטע אַנטאָלאָגיע פֿון ליד און אָפּהאַנדלונג. זיינע אָפּהאַנדלונגען זיינען באַזינגערישע און זיי פּאַסן זיך גוט אַריין אין אַזאַ אַנטאָלאָגיע. ס׳איז ווי יאָפּע וואָלט זיך באַנוצט מיט דעם רוי־שטאָף פֿון די לידער וואָס ער האָט איבער־געזעצט און פֿון זיי געשאַפֿן זיינע פּאָעטישע עסייען.

אַ סך מאָל זיינען זיינע עסייען אַ שטויבעלע, אַ האַרעלע איבערגעזונגען. אָבער ס׳מאַכט נישט אויס. אין אַזאַ אַרבעט איז וואָס מער ליבשאַפֿט — הרי זה משובח. פֿאַראַן אין יאָפּע׳ס אַנטאָלאָגיע אַזויפֿיל ליבשאַפֿט אַז ס׳וואָלט בפירוש געקלעקט פֿאַר ששים רבוא פּאָעטן. די איבער הונדערט פּאָעטן קענען זיך חלילה נישט באַקלאָגן, אַז דער עסייאיסטישער אַנטאָלאָגיסט האָט זיי געקאַרגט אָנערקענונג. ער האָט שטענדיק אויסגעזוכט די באַזונדערע מאָס ליב, וואָס פּאַסט אַ באַזונדערן פּאָעט. ער האָט גענומען אַ מאָס און אים אויפֿ־גענייט אַן עסייאיסטישן בגד. און אַפֿילו ווען דער רעזולטאַט איז אָפֿט מאָל נישט מער ווי אַ ליד אָדער צוויי, און ס׳זעט אויס אויבנאויף, אַז דער טלית פֿון ליב דעקט אינגאַנצן צו אַ קליין אינגעלע; אַז וועגן אַ חומש־אָנהויבער האַלט מען פּילפּוליסטישע דרשות, מיט פּשטלעך און רמזים, אָבער צוזאַמען — ליד און עסיי, באַקומט זיך אַ געוועב וואָס איז אָריגינעל. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין אָפּזאָץ צווישן יאָפּע׳ס אַריינפֿיר־עסיי און דעם איבערגעזעצטן ליד אָדער צוויי.

איך קען אָבער אַלץ נישט מושווה ווערן מיט יאָפּע׳ס פֿאַרטיילונג פֿון אומשטערבלעכקייט. וויפֿיל אַליבּיס ער זאָל נישט אָנגעבן פֿאַר עמיצן צוטיילן צען לידער און אַן אַנדערן פֿאַרטיילן, דורך פֿאַרדעקן אים מיט אַ ליד אָדער צוויי, קען איך דאָס נישט באַרעכטיקן. אויבנאויף זעט אַזאַ שלעכטע פֿאַרטיילונג אויס צו זיין עטיש, ווייל עס ווישט אָפּ די גרעניצן פֿון צאָל ווי אַ מאָס פֿון גרויסקייט אָדער גרעסערקייט. אָבער מיר דאַכט זיך אַז גראָד די אָנגענומענע קאָנווענציע איז אַ הכרח, ווייל יעדער אַנדערע פֿאַרטיילונג גיט נישט קיין ריכטיק בילד פֿון די אינדיווידועלע פּאָעטן און זייער חלק צו דער פּאָעזיע. דער עיקר, דאַכט זיך מיר, איז עס נויטיק אין אַזאַ אַנטאָלאָגיע ווי יאָפּע׳ס, וואו די קריטיק ווערט התפּעלות׳דיק פֿאַרצערטלט און פֿאַרזונגען.

כ׳וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין קאַלטער קריטיק צו ווייזן, וויפֿיל דיכטערישער מאַטעריאַל אין דער אַנטאָלאָגיע איז אין איבערצייגנדיקן הסכם

מיט דעם כמעט אַפּאָסטאָלישן טאָן פון דעם עסייאיסט־באַזינגער. יעדער קריטיק לגבי אַזאַ ווערק וואָלט, שפּיר איך, געווען אַ שטיק וואָכעדיקייט, שיר נישט פאַרשוועכונג פון יאָפּע׳ס פייערלעכן טאָן. מ׳קען זאָגן אַז יעדע פאַר־שוואַכונג פון יאָפּע׳ס באַזינגערישן טאָן וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פאַרשוועכונג, אַ חילול.

כ׳וואָלט געוואָלט האַלטן די קריטיק פון דעם ריזיקן ווערק אין די ראַמען פון דער פייערלעכקייט, וואָס מיט איר האָט יאָפּע געהאַט כח צו טאָן זיין אַרבעט. פאַר מיר איז אַ ממשותדיקע פרייד צו האַלטן אַזאַ בוך אין דער האַנט און עס בלעטערן; און פון שטאַנדפּונקט פון אַ פּאָעט נישט נאָר דערזען די קרובה׳שאַפט פון די ביידע לשונות, נאָר אויך זוכן די פּאָעטן וואָס אין דער איבערזעצונג זעט מען זיי אויך אין דער גרויסער משפחה פון וועלט־פּאָעטן, סיי ווען זיי באַזינגען דאָס ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפט און סיי ווען זיי שרייען אויס פון זיך דאָס גאַנצע לאַנדשאַפט פון גלות׳דיקן ווייטיק.

כ׳לייען לידער און וויל אַמאָל דוקא פאַרגעסן די אָריגינאַלן און כ׳וויל זען די אַריינגלידערונג פון וואָרט אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון וועלט־וואָרט און אויך דערשפּירן, וויפיל צוזאַמענגעזאַנג ס׳איז פאַראַן אין איין דור. דאָס איז אָבער בפירוש אַ שטודיע פאַר זיך אַליין. די צייט גיט אַ ביס אַ גאַנצע פּלעיאַדע דיכטער אויף איין שטייגער, פאַרוואונדיקט זיי און לאָזט זיי אויס־שרייען אין הונדערטער לשונות, וואָס אַז מען זעצט עס איבער, ווערט עס אַיין פאַרשטענדלעכער און אָריגינעלער ממעמקים׳דיקער קרעכץ.

פאַראַן ביי יאָפּע׳ן אַן אויסגעצייכנטער נאָמען פאַר אַ קאַפּיטל אין זיין מייסטערישער עסיי וועגן שלאָנסקי׳ן — פון פאָרעם ביז תכלית. יאָפּע׳ן איז באמת געלונגען אַרומצונעמען אין זיין אַנטאָלאָגיע דעם גאַנצן שפּאַן, דעם פיינלעכן וועג אין דער העברעאישער פּאָעזיע — פון פאָרעם צו תכלית. ס׳קומט אים גרויס אָנערקענונג פאַר זיין מי. ער אַליין האָט געטאָן פּונקט די אַרבעט, וואָס אַ אידישער דיכטער איז מחויב צו טראָגן אויף די פּלייצעס, שפּאַנען פון פאָרעם און דערגיין צו תכלית.

און דער תכלית פון דער גאַנצער אַנטאָלאָגיע? דאַרף מען באמת זוכן אַ טיפערן תכלית? ס׳איז פון די ווערק, וואָס אונזער לעבעדיקער שאַץ־קאַמער עפנט ברייט טיר און טויער און זאָגט: געבענטשט זאָל זיין אַזאַ אַרבעט, מיט אַלע אירע גרויסע מעלות און קליינע חסרונות, ברוך הבא!

א. סוצקעווער

דער געוואַגטער פּאָעט אברהם סוצקעווער איז נישט נאָר צוריק געגאַנ־גען צו זיין קינדהייט — דאָס טוען אַלע פּאָעטן — נאָר ער האָט נאָך אַלע זיינע גרויסע דערגרייכונגען און דערפאַרונגען פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם אַ פּאָעמע, וואָס געהערט צו די יאָרן פון זיין אָנהויבערישקייט אין דער אידי־שער פּאָעזיע. דאָס איז די פּאָעמע — „סיביר", וואָס באַשטייט פון אַ ריי פרישע געזאַנגען, אימפּרעסיעס פון דעם פּאָעט׳ס קינדהייט, וואָס האָבן זיך איינ־געזונגען אין סוצקעווער׳ס געביין, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ קליין אידעלע אין ווילנע. דער קראַנץ לידער איז דער צוריקרוף פון דער ערשטער געזען־און־געהערט באַטעמטקייט, וואָס האָט דעם יונגען דיכטער געשאַרפט זיינע חושים און אים צוגעגרייט פאַר זיין צוקונפטיקער מוזיקאַלישער עבודה.

שוין אין זיינע ערשטע לידער איז סוצקעווער געווען אַ בליציקער זעער און אַ גרויסער מנגן. ער האָט אונז, מיט זיינע אָנהויבערישע לידער, געלאָזט זען און הערן זיינע פּאָעטישע איינדרוקן און ס׳איז שוין דעמאָלט געווען קענ־טיק, אַז ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ נייער נאָמען אין דער אידישער פּאָעזיע. ס׳איז נאָך דעמאָלט נישט קלאָר געווען, צי דער פּאָעט סוצקעווער וועט זיך אויך קענען איינהערן און ער וועט נישט נאָר קענען זען, נאָר אויך דערזען.

די פּאָעמע „סיביר", ווערט געזאָגט אויפן שער־בלאַט, איז געשריבן גע־וואָרן אין ווילנע אין יאָר תרצ״ו, אָבער אַרויסגעגעבן איז זי אין יאָר תשי״ב אין ירושלים. די געזאַנגען זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש דורך דעם פּאָעט ש. שלום. דאָס בוך איז דערשינען אין מוסד ביאַליק, נאָך איידער די אָריגינעלע אידישע פּאָעמע איז דערשינען אין דעם גרויסן און צעזונגענעם פאָרמאַט, מיט צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל, וואָס ווייזן אַז דער אידישער דיכטער האָט אויף אַן אמת אינספּירירט דעם באַרימטן מאָלער. אַלע אַנדערע באַצירונגען און באַצייכענונגען, וואָס מאַרק שאַגאַל האָט געמאַכט פאַר אידישע אויסגאַבן, מאַכן דעם איינדרוק פון צוגעוואָרפענע קרישקעס פאַר אָרעמע קרובים, גביריש גע׳חתמ׳עט פון מאַרק שאַגאַל, אָבער קינסטלעריש זייער אָרעם. די צייכענונגען וואָס דער מאָלער האָט געמאַכט פאַר סוצקעווער׳ס סי־בירער געזאַנגען זיינען טאַקע אויטענטישע קינסטלערישע שותפות. מען

זעט גלייך, אַז דער מאָלער האָט אָנערקענט דעם אידישן פּאָעט, אָדער לכל הפחות די איינגעשטעלטע רעפּוטאַציע פון דעם יונגן פּאָעט.

די לידער וועגן דעם פּאָעט'ס קינדהייט האָבן אַ לאַנגע צייט געלעבט אין סוצקעווער'ס באַוואוסטזיין און געמאָנט אַ תיקון. נאָך אין אָקטאָבער 1935, ווען דער דיכטער איז קוים אַלט געווען 22 יאָר איז ער געקומען צום זשור־נאַל „אינזיך" מיט אַ ליד, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן — „לעבנס־פראַג־מענט". און שוין דאָרט געפינען מיר די ערשטע דערמאָנונגען פון סיביר, די פראַסטיקע וועלט פון „אַ קינד פון זיבן יאָר". אַ סך שורות וואָס מיר געפינען אין דעם אַריינפיר ליד, האָט דער דיכטער אַריינגעקנאָטן אין זיינע באַזונדערע לידער פון סיביר.

ווידער —
ווי אַ דימענט פון אַ יאַמיק־טיפן דנאָ,
בליצט אויף אין מיר
מיין זינגענדיקע קינדהייט.
אָט־די,
וואָס כ'האָב אויף וויאָרסטן פון סיביר —
(מיין היים — שוין לאַנג ניטאָ)
צעריסן און צעווינטיקט.

שוין אין דעם אור־בילד פאַר דעם גרעסערן לידער־קראַנץ זעט מען דעם אָנקום פון אַ פּאָעט, וואָס איז אַליין זיכער און וואָס איבערצייגט אונז, אַז ס'בליצט אויף אין אים „זינגענדיקע קינדהייט". גלייך דאָ זעט מען אַז ער איז געקומען צעווינטיקן און — וואָלט איך געזאָגט — צעפּאַרביקן און צעברויזן דאָס אידישע וואָרט. דער סיבירער כוטער פון זיין שפּעטערדיקן פאַרענדיקטן לידער־ציקל קריגט שוין אין דעם ליד זיין תיקון —

בלאַנקער שניי,
אַ כוטער ביים אירטיש.
געבלענד פון פעלדער.
און אין געדריי
פון שניי,
און טייגע־היימען,
בלי איך,
גיי איך אויף
צום בלויען הימל.

נאָך דעם דאָזיקן אימפּולסיוון און קורץ־שורה'דיקן אָנלויף, קומען פיר שורות פון ריינעם אויפזינג —

וי פייערלעך פון וועלף
אין ווייטן צאַנק,
זע איך ווי עס ציען זיך די שפּורן
פון מיין העל סיבירישן געזאַנג.

„פייערלעך פון וועלף אין ווייטן צאַנק" — אין דעם בילד איז שוין כמעט גרייט דער צוקונפטיקער סוצקעווער. דאָס קינד, האָט מען דאָך אַמאָל זייער קלוג געזאָגט, איז דער פאָטער פון דעם מאַן. אין אַזעלכע שורות זעט מען גלייך דעם פאָטער פון דעם צוקונפטיקן פּאָעט, דעם מוזיקאַלישן זעער, וואָס איז פון קאַלטן צפון געקומען און הייס צוגעפאַלן צום אידישן וואָרט, הגם ער באַקלאָגט זיך, אַז ליטע איז נישט זיין היים.

נאָר וואו בין איך ?
ווער האָט מיך דאָ פאַרטראָגן ?
ס'איז ליטע ניט מיין היים.
כאַטש אויף איר שוועל
ליג איך ווי אַ הונט אין רויע פלאָגן.

און באַלד קומען דריי שורות, וואָס ווייזן אַז דער יונגער פּאָעט האָט געמוזט ווען עס איז אַרויסזינגען פון זיך דאָס „העל־סיבירישע געזאַנג" —

מיך רייצט די וועלט
וואו כ'האָב צום ערשטן מאָל
געפיבערט אין וואונדערלעכן טאָגן.

דאָס איז געווען נישקשה פון אַן אַדערויף אויף די שפּעטערדיקע פאַרענדיקטע סיבירער געזאַנגען, וואָס דער 22־יאָריקער דיכטער האָט אונז געגעבן. אָט די שורות זיינען ווערטערלעך נישטאָ אין דעם גאַנצן לידער־קראַנץ, אָבער זייער אָטעם און אפילו גאַנצע אויסדרוקן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די לידער און אין די צווישנשורות.

אין מערץ 1936 איז אין „אינזיך" פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס ליד „אין אַ סיבירער וואַלד". אין דעם ליד געפינען מיר אויך שטיקער געזאַנגען פון דער פּאָעמע „סיביר", אָבער אַ סך שורות האָט דער פּאָעט שפּעטער איבערגעשריבן, איבערגעגאָסן און איבערגעזונגען. אַנדערע האָט ער אינגאַנצן אויסגעמעקט. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט דער שורה —

מאָרגנזון איז אייביק נייגעבאָרן.

אין דער פאַרגאַנצטער פּאָעמע געפינען מיר די שורה אין אַ ניי געשטאַלט —

יונגע זון, וואָס אייביקט ניי געבאָרן.

מיר געפּעלט די שורה, ווי זי איז געקומען אָריגינעל צום דיכטער, ווייל זי ליכטיקט און פילאָזאָפירט נישט מיט אַזאַ וואָרט ווי „איבּיקט". בדרך כלל איז דאָס געזאַנג רייכער און דער שטח פון אויג רחבות׳דיקער, אין דער איבערגעשריבענער און אויסגעוואַקסענער פּאָעמע. ס׳זיינען אין איר אָבער פאַראַן אויך שורות וואָס דערמאָנען שוין דעם שפּעטערדיקן דיכטער וואָס האָט זיך גענומען פלאָנטערן אין קלינגלדיקער מליצה, וואָס קומט אָפט ביי אים במקום טיפקייט. אין דעם אָריגינעל־געשריבענעם ליד — „אין אַ סיבּי־רער וואַלד" געפינען מיר אַזאַ פּשטות׳דיקן פערז:

וואַלד. דאָס בלויע בליציקייט פון צווייגן
אָטעמט דאָ מיט וועלפּישן געוואָי. —
ס׳בלאָנדזשענדיקע שיינקייט פון די טייגן
הויכט אין מיר אַריין דעם גאַנצן בלוי.
אָנהויב וואונדער טירקלט מיינע גלידער,
ס׳לערנט מיך דער וואַלד אַרוס — פאַרשטיין.
ס׳זאַפּט אין זיך אַריין דעם ערשטן ציטער
פון דער שווייגעניש. נאָר כ׳זע שוין גיין
דעם טאַטן, אין די יוכטענע שטיוואַלעס,
מיט דאָס האַלץ פאַרבונדן אויף אַ שטריק.
כ׳לויף צו, דער טאַטע לאַכט. די צווייגן־כוואַליעס
שיטן אָפּ אונז ביידן מיט — מוזיק.

פון די ערשטע פיר שורות ווערט אין דער אויסגעוואַקסענער און צע־זונגענער פּאָעמע אַן אַנדער פיר־שורה׳דיקער אַריינפיר. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאָעט איז באַלעבאָס אויף זיינע אייגענע שורות און ער קען מעקן און צושטעלן לויט זיין אייגענעם געשמאַק. אָבער מיר קומט אויס, אַז א. סוצקעווער האָט אין זיין אייגענער רעדאַקציע אָוועקגעשניטן צוזאַמען מיט ווילדפלייש אויך אַ היפש ביסל בלוט און פלייש. די איבערגעמאַכטע פיר שורות פאַרמאָגן נישט די „בליציקייט" פון אָריגינאַל.

וואַלד. אַ פרישע בליציקייט אויף צווייגן,
אָטעמט אויס דעם וואָלפישן געהייל.
אָנגעגליטער עכאָ פון שווייגן —
שיסט אין מיר אַריין אַ הייסע פייל.

„שיסט אין מיר אַריין אַ הייסע פייל" איז נישט אַזוי זעעוודיק און אַפילו נישט אַזוי שפּראַכלעך־שפּירעוודיק ווי „הויכט אין מיר אַריין דעם גאַנצן בלוי".

אַ סך וואונדערלעכע שורות פון דעם אָריגינאַל־ליד זיינען אינגאַנצן אויסגעמעקט פון פאַרענדיקטן לידער־ציקל. גאָר אַ סך פּשטות ווערט אומ־

נויטיק פאַרקונציקט מיט צוגעטראַכטער פסעוודאָ-תמימות׳דיקער בילדלעכ־קייט. די פּאָעמע אין אָריגינאַל ענדיקט זיך פשוט און דערציילעריש —

ווייס און ווייט. איך הער דעם טאַטנ׳ס קול:
קינד מיינס, איצטער שפּרינג אַראָפּ פון שליטן
ווייל מיר זיינען אינדערהיים אין טאָל.

די נסיעה איז פאַרענדיקט. צוריקגעקומען אַ היים און געבראַכט האָלץ פון וואַלד. אין דער באַנייטער פּאָעמע פאַרענדיקט דער דיכטער דאָס ליד —

דעמאָלט וועקט מיך אויף דעם טאַטנס קול.
זע איך: די לבנה איז אין שליטן
מיטגעפאָרן צו מיין היים אין טאָל.

אין די לידער „טשאַנגורי״, וועגן דעם חבר׳ל סוצקעווער׳ס אין סיביר, זיינען אויך אויסגעמעקט געוואָרן אַ סך שורות פון דעם פּרעכטיקן און אַנזאָגנ־דיקן אָריגינאַל, וואָס איז דערשינען אין אויגוסט 1936, אין זשורנאַל „איג־זיך״. מיר טוט באַנג אויף די פאַרשניטענע שורות און הגם — ווידעראַמאָל דער דיכטער איז דער באַלעבאָס אויף זיין אייגן ליד, פאַרדריסט מיך אָבער וואָס איך טרעף נישט אין דער איבערגעשריבענער פּאָעמע אַזעלכע יוגנט־לעכע און פשוט׳ע שורות־גרוסן —

שטיל. געזאַנג פון פאַרבן איבער ביימער.
און דער קעמל קניט אין אָונט שיין.
ביידע שפּרינגען מיר אַראָפּ געהיימע,
גראָזן פייפלען ערגעץ. ס׳דעקט זיך איין
דער געוועלב אין דימענטענער קאָרע,
זילבער בלויקייט גיסט זיך פון אַ קוואַל.
אויף די באַרגשפּיצן די קלאָרע,
בלענדיקט שוין דער אָונט — אַ קינזשאַל.
ס׳ציטערן די וויען... ווי אַ בראָנע
שניידט זיך דער ווינט. די נאַכט קומט אָן.

בלויז עטלעכע שורות פון ערשטן וואַריאַנט זיינען אַריבערגעטראָגן גע־וואָרן אין דעם איבערגעשריבענעם ליד, נאָר זיי זיינען אַביסל צוגעדישעט. פון קעמל וואָס קניט פשוט אין אָונטשיין — ווערט — „אין אַ גראָזן־חלוב קניט דער קעמל״. דאָס גאַנצע שפּיגל־בילד פון אָריגינאַל פעלט אין דעם רעדאַקטירטן ליד.

די דאָזיקע פאַרגלייכן מיט די אָריגינעל־געשריבענע לידער זיינען פאַר מיר געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט. איך בין אַריין אין דער לאַבאָראַטאָריע פון פּאָעט סוצקעווער און כ׳האָב געזען זיין צוריקבליק אויף זיך, געזען ווי

ער מייסטערט און מייסטערוועט זיינע לידער, ווי ער רעדאַקטירט און בעסערט אויס.

די פּאָעמע „סיביר" אין איר גאַנצקייט איז סיי ווי אַ גרויסע אַנט־פּלעקונג, אפילו ווען זי אַנטפּלעקט וואָס איז שוין סיווי געווען. זי ווייזט אונז דעם דיכטער, ווי ער איז געקומען אַ פאַרטיק־געבוירענער מיט זיינע גרויסאַרטיקע געזאַנגען, נאָך איידער די אומליקלעכסטע אידישע תקופה האָט דווקא אים, דעם שפּיגלדיקן און שפּילעוודיקן, אויסגעקליבן צו זינגען פון טאָל פון טויט. ווען מען לייענט די לידער פון „סיביר" לעבט מען אויפסניי איבער דעם תענוג פון אַ יונגן געקומענעם נייעם פּאָעט. דאָס איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן, וואָס אַ ליטעראַטור טאָר אַזוי גיך ניט פאַרגעסן און וואָס דער שפּעטערדיקער דיכטער אַליין מעג אויך געדענקען, כדי ס'זאָל אים דינען ווי אַ קאָמפּאַס אויף זיינע געדרייטע און זיגזאַגישע באַרגאַרויפן. ס'איז כדאי צו ציטירן אַ גאַנץ ליד וואָס פאַרמאָגט, אָן שום איבערטרייבונג, אמת'ע פּושקינשע מוזיקאַלישקייט.

אין כוטער

זונפאַרגאַנג אויף אייזיק בלאָע וועגן,
זיסע דרעמלפאַרבן אין געמיט.
ס'לייכט פון טאָל אַ שטיבעלע אַנטקעגן
מיט אַ שניי פון זונפאַרגאַנג באַשיט.
וואונדערוועלדער הוידן זיך אויף שויבן,
צויבערשליטנס קלינגען אין אַ קרייז.
אויפן פּיצל בוידעם וואָרקען טויבן,
וואָרקען אויס מיין פּנים. אונטער אייז
דורכגעשטרייפט מיט בליציקע קרישטאָלן
צאַפּלט דער אירטיש אין האַלבער וואָר.
אונטער אויסגעשוויגענע קופּאָלן
בליט אַ וועלט — אַ קינד פון זיבן יאָר.

יעקב פרידמאַן

יעקב פרידמאַן איז געווען אַ צוגעקומענער נאָמען אויף צו פאַרצייכענען אין זכרון, נאָך איידער דער דיכטער איז געקומען קיין מדינת ישראל, וואו ס'איז דערשינען זיין בוך — „פאַסטעכער אין ישראל". ווען מען האָט באַזונדערוויז געלייענט זיינע לידער, אין רומעניש־אידישע אויסגאַבן וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונז, אין די ערשטע פערציקער יאָרן, האָבן מיר גלייך געזען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פּאָעט, וואָס רייסט זיך עניוות'דיק צום אויבנאָן פון דער אידישער דיכטונג. ס'האָט אונז צוגעצויגן זיין לשון, זיין געמיט, זיינע גראַמען, זיין וואַרהאַפטיקער אידיש. ס'האָט אונז אפילו גענומען ווי ער האָט אַמאָל מעביר געווען, מיט אַן אייגן קול, אַלע באַנאַליזמען פון דער אידישער פּאָעזיע. דאָס איז אויך אַן אויפטו. יעדער פּאָעזיע קולטיווירט מיט דער צייט אייגענע באַנאַליטעטן וואָס זיינען שטרויכלשטיינער פאַר דעם פּאָעט. זיי גיבן אים אַ סך גרייטע שורות, אָבער דעם אמת'ן פּאָעט דערקענט מען אין דעם וואָס ער שרייבט אַרום דער גרייטקייט. ס'זיינען פאַראַן אַ סך נאַציאָנאַלע באַנאַליטעטן, וואָס דיכטער מיינען, אַז מען מוז זיי נעמען אויף זיך, אָבער דער עיקר איז ווי אַזוי דער פּאָעט באַהערשט אַלץ וואָס איז פאַר אים צוגעגרייט.

יעקב פרידמאַן, אַ רבינ'ס אַ זון, איז אוודאי מער ווי איינמאָל געווען אין סכנה אויסצושטרעקן די האַנט צום אָנגענומענעם נוסח און אים באַשטריימלען און אַרומזינגען. אָבער אין דעם אויטענטישן אופן ווי ער האָט זיך צוגערירט צו דעם מאַטעריאַל און אין דער אייגנאַרטיקער ראַם וואָס ער האָט געגעבן אפילו דעם נוסח, וואָס איז אין אים געווען אַריינגעאייגנט, האָט מען דערקענט אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דיכטער, וואָס זיין דרך הישר באַשטייט אין דעם כסדר'דיקן אַרונטערבלאָנדזשען פון וועג, כדי צו שטעלן זיין ליד פאַר שווערע און נאָך שווערערע אויפגאַבן, און כדי צו ווייזן ווי דער רבי'שער זון האָט נישט קיין מורא, אַז דער גרייטער שטיגער וועט אים באַזיגן.

יעקב פרידמאַנ'ס בוך לידער איז ווי זיינע פריערדיקע און באַזונדערע לידער אַ כסדר'דיקער געפעכט מיט גרייטע זאַכן; וואָס קען זיין איינגעאַרבעטער און אָפּגעטראָגענער, ווי דער נאָמען פון בוך סוגעסטירט גלייך? פאַסטעכער אין ישראל, — תנ"ך, — טשערעדעס. אפילו ווען די פאַסטעכער זיינען אין נײַ־ישראל זיינען זיי אויך גרייטע פערסאָנאַזשן, וואָס האָבן שוין

אַזויפיל מאָל געזונגען צו אונז, אַז ס'איז שווער אויסצושלאָגן דערפון אַ ניי וואָרט. וואָס קען זיין נאָך איינגעאַרבעטער, ווי רבי'שער הויף, רבי'שע תורה און פאַרשידענע טיש־יושבים? מיר האָבן זיי שוין גענוג אָנגעגעגנט אין אונזער פּאָעזיע און פּראָזע. אָבער יעקב פרידמאַן גייט מוטיק, הגם, ווי געזאָגט, ענִיוות'דיק, אַנטקעגן די אַלע אויסגעשריבענע טעמעס און ער ברענגט אונז דאָס קול פון איינעם פון די אייגנאַרטיקסטע אינגערע פּאָעטן אין דער אידי־שער פּאָעזיע בכלל, און אין דער קליינער אידיש־טעריטאָריע אין מדינת ישראל בפרט.

אָנהויבן הויבט זיך אָן דאָס בוך מיט אַזעלכע וואויל־באַקאַנטע פערזן, וואָס יעדער אידישער דיכטערישער פּאַסטעך קען זיי שוין אויספייפן אויף זיין פייפל.

זײ גוט צו מיר, גאָט,
כ'בעט נישט קיין סך:
איך וויל פילן דיין ליבשאַפט
רוט אויף מיין דאַך.
און פאַר דער שוועל פון מיין הויז
ווען איך עפן די טיר,
זאָל די זון און דער רעגן
דערציילן פון דיר.
און ס'זאָל אַ קוואַל אין אַ פעלד
און א טשערעדע פי
מיר זאָגן „גוטמאָרגן"
יעדן אינדערפרי.

דאָס זיינען שורות פון באַקאַנטער סאַכאַרינדיקער תמימות און פון בוקאָ־לישער (פּאַסטאָראַלער) גלויביקייט. אַזאַ קלאַפּ אין שטענדער ביים עפענען אַן אייגן בוך איז נישט דער בעסטער אַריינפיר. דאָרט פעלן נישט די אבות און ס'איז אפילו דאָ אונזער וואוילער מלמד זכות'ניק, מיט זיין אומעטום דאָ און דו־דו־דו־דו. אָבער דאָס ליד איז בלויז אַ דורכוואונק מיט אונזער באַנאַ־ליזירטער פשטות, אַזוי ווי דער יונגער פּאָעט וואָלט געמיינט, אַז מען נייט אים פון קהל אָפּצוזאָגן די תפילה, ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון דער אידישער פּאָעזיע אין מדינת ישראל.

אָבער אַז מען לייענט ווייטער זעט מען, אַז יעקב פרידמאַן מעג זיך אַמאָל פאַרגינען צו זיין אַזוי נוסח'דיק פשוט, ווייל ביי אים איז עס ווי אַן אָפּלויף פון אַן עראָפּלאַן, איידער ער גיט זיך אַ הויב אויף און זאָגט אַ זיי־געזונט צו די

אַלע וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, לשבת אָדער לגנאי, אַז דער יונגער דיכטער לאָזט זיך לייכט קאַטאַלאָגירן.

ניין, ער לאָזט זיך נישט. שוין אין צווייטן ליד פון בוך, אויך אַ פּאַס־טעך־ליד, גיט ער זיך אַזאַ צעשפּיל מיט אונזער לשון, אַזאַ צעפלי מיט זיינע מעגלעכקייטן און אַזאַ צעזינג מיט זיינע ריטמען, אַז ער שרייבט אָן איינע פון די שענסטע און שפּילעוודיקסטע ליבע־לידער, וואָס זיינען ווייט ווי מערב פון מזרח, פון דעם אָנגענומענעם און אויסגעטראָטענעם פּאַסטעך־סטיל:

די פּאַסטעכקע די רויטהאָריקע רוף איך חוה.
אדם, ענטפערט זי און צעלאַכט זיך אין די בערג.
טייערע, זאָג איך, ס'איז דער ערשטער טאָג. .
דער ערשטער טאָג פון דעם ווערק.
זי קוקט מיך אָן, עפנט גרויס די אויגן:
ביסט אַ דולער, זאָגט זי. נאָר איך האָב דיך האָלט.
זע, טייער איך, אַ שוואַלב איז דורכגעפלויגן,
און ס'קושט דער טאָג זי מיטן ערשטן טראָפּן גאָלד.
דולער, לאַכט זי, איך האָב ליב דיין דולקייט,
ס'איז שבת אין מיטן פון דער וואָך.
זע, זאָג איך, ווי ס'טוט די שטילקייט
מיט מאַמעהענט אויס אונז פונעם יאָך.
יאָך פון דור, פון אָרט, פון צייטן,
מיר זיינען פון ערגעץ ניט, פון קיינמאָל ניט, נאָר טרוים.
ווילסטו, קאָנען מיר קיין ירושלים רייטן,
אָדער ווערן צוויי מאַלפּעס אויף אַ בוים.

יונג־ישראל האָט בכלל מזל צו ליבע־לידער. ווייזט אויס, אַז די אווירא דארץ איז עלעקטריש מיט ליבע, וואָס געפינט וואונדערלעכן, וויברירנדיקן אויסדרוק אין דער אידישער שפּראַך, ווי מיר זעען עס אויך אין אַ צאָל לידער פון דעם ארץ־ישראל דיכטער שמרי. ליבע־לידער זיינען עלול צו פאַר־יונגען אַ ליטעראַטור און ס'איז גוט וואָס צוזאַמען מיט דעם איינגעזעסענעם, תושב'דיקן און איינגעוויינטן מאַטעריאַל, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער אידישער ליטעראַטור, במשך פון די לעצטע חורבן, טרויער און קלאָג־יאָרן, קריגן מיר אויך אַ נייעם אויפלעב פון ליבע־לידער, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהערט אין אונזער ליטעראַטור. זיי הויבן אָן אויפסניי דעם ציקל פון לעבן, אין אַ ליטעראַטור פון אומקום.

דורך די אַלע זיבן לידער פון „דער פּאַסטעך אויפן כרמל“ טראָגן זיך אומגעריכטע טענער פון אַ גרויסן זינגער און גרויסן זאָגער. דאָס געזונגענע

ווינטלט נישט פאַרביי דעם אויער מיט דעם גלעט פון קלאַנג, נאָר אויך מיט ווערטער וואָס לאָזן זיך געדענקען.

עמעץ קלעטערט פון מיר דורך איר ליכטיקייט פאַרבאָרגן,
איך מאַך די אויגן צו און בענטש אים, בענטש.
טייערע, רוף איך, מיר עפענען דעם קרייז צום מאָרגן.
מיר פליסן אַריין אין מאָרגנדיקן מענטש.

אָט האָט איר אַ שוין מיליאָן מאָל איבערגעזאָגט זאָגעכץ, אָבער זעט ווי שיין, צניעות׳דיק און גרויס־המשכ׳דיק עס ווערט אויסגעדריקט. די ווייטער־דיקע פערזן מאַכן עס נאָך קלערער, אָבער נישט אויף אַזוי פיל קלאָר, אַז ס׳זאָל ווערן דערפון באַשיידונג, וואָס לאָזט גאָר נישט איבער פון רעטעניש:

מיר ווערן איינס, אַריינגעוואַקסן
גליד אין גליד, איין וואונדערלעכער פלאַנץ
און כאַטש ס׳זיינען נאָך צוגעמאַכט די קנאָספּן —
פיל איך שוין אין טונקלעניש דעם גלאַנץ
פון עפּעס, וואָס האָט נאָך קיין געשטאַלט ניט, קיין מראה.
טייערע, רוף איך, לאָמיר געבן אים געזיכט.
זע, עס כוואַליעט די מאָרגנדיקע דורות
פון טיפע ברינעמער מיט ליכט.

לאַנד־ליבשאַפט און לאַנדשאַפט־ליבשאַפט איז פאַראַן איבערגעגנוג אין דעם אָריגינעלן בוך. אין לענגערע סעריעס לידער זעט מען, ווי יעקב פריד־מאַנ׳ס חדר־אידיש צעגעמט איין פסוק נאָכן אַנדערן, ווי ער ציט אים אַרויס פון זכרון און וואָס ער צעצטוט מיט אים; ווי ער פלאַנצט אים איין מיט אָפּגעצי־טערטקייט אין נייעם לאַנד, אַז ס׳זאָל אויפגיין אַן אַראָמאַט פון אַ אידיש־מלכותדיקן הויף, מיט דער גאַנצער אַריסטאָקראַטיע פון דורכטראַכטן, דורכ־מענטשן און נאָך מער פאַראידישן דעם תוכן פון אַלטע, פאַרצייטישע רייד. אַז מען לייענט דעם דיכטער׳ס רבישע איבערפינזלונג פון די רבישע גע־שטאַלטן, זעט מען, אַז נישט נאָר זיינען זיי טאַקע און קודם־כל אויטענטיש, נאָר אַז זיי זיינען פאַרגעדענקט געוואָרן אין מוח פון אַ קליין אידיש אינגל, וואָס האָט עס אַלץ אַריינגענומען אין זיך, צוזאַמען מיט די ווערטער פון די אויפ־געלעבטע פרינצן פון שיינקייט, חכמה, פרומקייט און פאָלקישקייט; מיט דעם נוסח פון די רייד וואָס זיינען געווען מעשים. דער אומר דבר בשם אומרו האָט אויך פון זיך צוגעלייגט אַן אייגענעם קנייטש, כדי ער זאָל ראוי זיין איבער־צוזאָגן גרויסע ווערטער און ווערן אַ מיטשאַפער צום זאָגער; ווערן זיין קינסט־לערישער אויספורעמער, איידער די דאָזיקע געדעכענישן ווערן אַריינגעלייגט אין נאַציאָנאַלן אַרכיוו. דער סאַסאָווער גייט מיט הקפות און ער דערזעט אַן

אָרים קינד, וואָס „שטייט, אָפּגעשליסן, פאַרשעמט אין ווינקל". ער נעמט אַן עפּל, טוט אים אַרויף אויף אַ פּאָן.

דאָס אינגל טוט אַ ציטער און לאָזט זיך דערפרייט מיטן פענדל.
און סע שעפּטשעט דער סאַסאָוער:
מיר זאָל זיין פאַר דיין פאַרשמאָדערטן סטענדל!
ווי איז מיר פאַר אים...
ער האָט אויף יום טוב אפילו קיין שטיקל קאַפּאָטע.
און ער זעט: סע זיצט ביים כיור דעם אינגעלעס טאַטע,
אַ איד אַ לאַטוטניק, פאַרנורעט אין ווינקל.
דערלאַנגט דער רבי אים די הקפה,
און אַליין נעמט ער דאָס אינגל.
„ילד־שעשועים", זיין פּנים טוט גלאַנצן,
און ער הייבט מיטן אינגל ווי מיט אַ תורה אַן טאַנצן.

אָט דעם סאַסאָוער׳ס מעשים זיינען אין דירעקטן ווידערשפּרוך צו דעם פּאָעט׳ס אייגענעם, און לויט מיין מיינונג, נישט געראָטענעם זעלבסט־אַנאַליז:

דעם בן אדם וועט עמיץ אַנדערש שוין פאַרזאָרגן.
(איך בין ניט קיין וועלט־פאַרזאָרגער און טויג זיך ניט דערצו)
כאָטש מיין האַרץ וויינט פאַר רחמים נאָר פאַרבאָרגן.
מוז מיין אומרו וואוינען אין דער רו...

דער אַנטלויף צו דער רו און פון וועלט־פאַרזאָרגעריי איז נישט כאַראַק־טעריסטיש פאַר יעקב פרידמאַנ׳ס חסידישע לידער, וואָס זיינען ביז גאָר וועלט־און־מענש־פאַרזאָרגעריש. בכלל זינגען־אויף אין דעם פּאָעט פון צייט צו צייט רעזיגנאַטאָרישע טענער, וואָס זיינען דיסאָנאַנטיש צום גאַנצן לעבעדיקן, אויפפרישנדיקן און דערפרישנדיקן מאַטעריאַל. אַזאַ אויפגעבעריש ליד איז דאָס וויינענדיקע וויג־ליד צום אייגענעם צאַבראַ־קינד. —

אידישע גראַמען, מיין אוצר!
(וועסט זיי נישט פאַרשטיין שוין מסתם)
סע פלעגט דיין טאַטע, מיין ליכטיקער אוצר
אויך גראַמען אויף אידיש זיין גראַם.

און צום סוף פון ליד בעט זיך דער דיכטער ביים צאַברעלע, —

וועסט אויסוואַקסן, מיין זונעלע, אַ גרויסער,
פאַרשעם נישט דיין טאַטנ׳ס געזאַנג.

ס׳איז אַ דערדריקנדיק ליד מכּמה וכמה טעמים, און ס׳איז נישט נויטיק מ׳זאָל צעלייגן אויף טעלערלעך די אַלע טעמים, אָבער מ׳טאָר נישט זייען

אויפן ווינט אַזעלכע וואונדערלעכע לידער, וואָס זיינען אַזוי געקניפּט און גע־בונדן מיטן לשון; מ׳טאָר זיי נישט אַזוי תחנונים׳דיק אַוועקוויגן און זיך איינ־בעטן ביי די קומענדיקע דורות.

אָבער דאָס איז בלויז אַ זייטיקע באַמערקונג, אַפּראָפּאָ די רעזיגנאַציע־שורות וואָס וואַרפן זיך דורך אין דעם באמת קרעפטיק־שיינעם, אידיש־אידישן און העברעאיש־דורכגעלויכטענעם בוך לידער. מ׳דערקענט אין בוך אַ סך איינפלוסן. מיר כאַפּן איינפלוסן פון מאַני לייבן, זישאַ לאַנדוין, מאַנגערן, סוצקעווערן, אויערבאַכן, און מיט פרייד פאַרצייכן איך, אַז כ׳שפּיר אין פריד־מאַנ׳ס לידער אויך אַ שטאַרקע קרובה׳שאַפט מיט מיר. די איינפלוסן זיינען אַלע לעגיטים־דיכטערישע און זיי זיינען תמיד באַשטראַלט מיט אַ סך אייגנס. אַפילו די אויסקלייבערישע נטיה צו נאָכקלאַנגען פון באַקאַנטע טענער אין דער אי־דישער פּאָעזיע, ווייזט אויף וואונדערלעכער פּאָעטישער בחירה צו אַמאַלגאַמירן דאָס שענסטע, עס אויסמישן מיט זיך און עס דורכקרעפטיקן מיט דער אייגע־נער, אָן ספק׳דיקער אָריגינאַליטעט, מיט דעם ווילן צו ברענגען צום אויסדרוק, ווי דער דיכטער זאָגט, „דעם מענטשנס אחריות׳דיקע טרויעריקייט", אין לשון פון דער גוט־צוזאַמענגעקנאָטענער אידישער העברעאישדיקייט, אויפן לשון פון דער פרומקייט וואָס זיידעס האָבן איבערגעגעבן צום אייניק (אייניקל).

זיי זשע מוחל מיר, האַר, פאַרן זערנעלע טועכץ
וואָס איז געגעבן מיר צו טאָן אויף אַ קרישקעלע וועלט.
אפילו צו דער מילב האָסטו די ליכטיקייט
פון דער זון אַרויסגעשטעלט.

אָט דער דיכטער פון „קרישקעלע וועלט", וואָס זאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַ אידישער פּאָעט, אַ בעל־שירה און באַליידיקט אומנויטיקערהייט און אומגערעכטערהייט זיך און אונז אַלעמען מיט דעם רחמנות־הענטל, אַז „וואָס איז שפּל׳דיקער אין דער וועלט נאָך פאַראַן?", דערהייבט אַליין אָט די כלומרשטע שפל׳דיקייט צו הייכן פון אַזאַ אַלט־ביי געזאַנג:

ביים ירדן דער יונג פון פוילן
שטייט מיט דער ליכטיקער האַרף,
די כוואַליעס זינגען פאַרהוילן
אין לשון פון אַלטן תנ"ך.

ס׳שמעקט מיט חומש און דורות
און ער האָרכט אין ריח זיך איין.
מזבחות דעמפּן קטורת
און ס׳אָטעמט פון כרמל דער וויין.

פאַרמאַכט ער, דער יונג, זיינע אויגן.
סאַראַ מנחה׳דיקע בלויקייט אַרום.
וואָס־זשע איז פּלוצעם דורכגעפלויגן
מיט וואַכעדיק היימיש געזשום ?

ער הויבט די אויגן פאַר׳חידוש׳ט
איבער פרדסים אין פורפור־צעבלי,
און ער הערט : סע כליפּעט אויף אידיש
די גאָלדענע פּאַווע אין פלי.

אומזיסט שרעקט זיך יעקב פרידמאַן פאַר מענטש־פאַרזאָרגעריי. אָט דאָס ליד איז אויך מענטש פאַרזאָרגעריי. „דער יונג פון פוילן" נייטיקט זיך, אַ חוץ אין עקאָנאָמישער רו, אויך אין אַ דיכטערישן תיקון, וואָס יעקב פרידמאַן גיט אים, ווען ער זינגט פאַר אים אויף דעם חומש און די דורות אין געוויין פון אידישן פאָלקס ליד.

אריה שמרי

גרויס איז די ליבשאַפט פון דעם דיכטער אריה שמרי צום לאַנד, וואו ער וואוינט שוין יאָרן, און גרויס איז דער אוצר פון אידישע ווערטער וואָס מיט זיי דריקט ער אויס זיין געטריישאַפט צו גרעזל, בוים, געפליגל, בהמות און צום גאַנצן לאַנדשאַפט, וואָס איז אויסגעוואָקסן פאַר זיינע אויגן. דאָס בוך — „אין וואָכיקן ליכט״, וואָס איז דערשינען אין מדינת ישראל, איז אַ געזאַנג צו די יאָרן, וואָס האָבן אין דעם פּאָעט איינגעפלאַנצט דאָס געפיל פון פאַראייגענען יעדער שפאַן ערד.

דאָס נייע בוך לידער פון דעם מדינת ישראל דיכטער, וואָס האָט זיך פּאַ־עטיש דערזונגען צו אַ מדינה, נאָך אידער זי איז פּאָליטיש פּראָקלאַמירט גע־וואָרן, קאָן געלייענט ווערן פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן; און אויף יעדער מדרגה, וואָס די זאַמלונג לידער וועט געלייענט ווערן קען מען דערפון אויס־שלאָגן אַ סך איבערראַשונג.

קודם־כל, דאָס לשון איז אָפּגעהיט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. די ראָם איז פּשטות, אָבער איינגערעמט אין דער פּשטות׳דיקייט איז דער גאַנצער אויפ־געצויגענער אידיש, ווי מיר קענען אים אומעטום, וואו אידיש איז געוואָקסן און געצערטלט געוואָרן. נישט איינמאָל האָט שמרי צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אַנטוויקלונג און פאַרפיינערונג פון אידישן וואָרט, דורך צוגעבן אַן אייגענעם קנייטש, אַן אייגענעם ניואַנס, אַן אייגענעם איבערשטעל פון אַ זילב.

אָט דאָס צו קענען טאָן, ווייט פון די ערטער, וואו אידיש־שאַפן האָט געפירט אַ מער־וויניקער בציבור׳דיקע עקזיסטענץ און וואו דאָס לשון איז אויפגעגאַנגען, ווי פּאַראַדאָקסיש ס׳זאָל נישט קלינגען, אין פיינלעכן אונטער־גאַנג, — איז אַ גרויסער אויפטו.

נאָך אַ וואונדער איז דער בונד צווישן דעם העברעאיש־תנ״כ׳ישן געמיט אין די אידישע ווערטער —

פריליכט, סטרונע איבער ברונעם,
דער פאַסטעך שווייגט, פול דער לאָגל.
סטאַדעס גייען, סטאַדעס קומען
חסד פלייצט אַרויס פון טאָגן.

דער לעצטער פערז פון דעם זעלביקן ליד — „אין הויכן גראָז" ענדיקט זיך מיט אַ לויב צום באַשעפער, וואָס קלינגט כמעט ווי אַ פּסוק —

פול מיט זען זיך שליסן ברעמען —
בלינדערהייט — אַ לויב באַגינען:
נאָמען דו פון אַלע נעמען,
ווי גרינג דיך איצטער צו געפינען.

און אַ וואונדער איז דער אָפּטימיזם וואָס שלאָגט פון יעדער שורה. מיר איז שווער צו לייענען נאַטור־לידער, ווען זיי ווערן נאַטור־דינערייי און אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון מענטשן, אָבער ביי אריה שמרי'ן זיינען זיינע לידער קודם־כל געקניפּט און געבונדן מיט אַן אייגענער פרייד און זיי אָטעמען מיט אַ זעלבסט־דערלייזונג, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ הויך פון נאַציאָנאַלער דערלייזונג. ער מאַכט אַ ברכה איבערן באַגינען, איבער אַן אינדיק, איבער אַ קראַנק קעמל, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ צוריק דערזעהן נישט נאָר פאַר זיך נאָר פאַרן כלל.

און דערפון איז שוין געדרונגען דאָס וואונדער פון אַ אידיש־דאָרפישן אָפּטימיזם, וואָס איז אויך ניי אין דער אידיש־אידישער פּאָעזיע —

שפּאָר אָפּ פון דיין בייזקייט אַ ביסל האָניק
און זאָג אַלעמען אַ גוטן אָוונט
מיט געזאַנג.

אין שמרי'ס לידער איז באמת פאַראַן אַ געזאַנג פון איינעם צו אַלעמען און אַ פרייד פון אַלעמען, וואָס נעמט דורך דעם באַזונדערן דיכטער, וואָס באַהעפט זיך מיטן כלל.

מיט שטאָלבלאָע ליכטער, מיט לאָמפּן נעאָנער
האָסטו היינט אָוונט גע'יומטוב'ט, מיין דאָרף.
מיט דיין ליכט דערשראָקן דעם האָן און דעם גאָנער,
און ביי דער ציג האָט געציטערט די באָרד.

דאָס זיינען די וואונדערס וואָס רעדן צו אונז פיל־פּנימדיק, ווען מיר לייענען מיט התמדה שמרי'ס לידער און מיר נעמען זיי אויף, ווי דער דיכטער האָט זיי געזונגען פיל־געמיטיק, אָבער מיט אַ גאַנץ קלאָרן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

נישט סתם אַ ווינטיקער מיט הפקר אויף די פּאַלעס,
נישט סתם אַ בלאָנדזשלינג, אויף איין נאַכט אַן אורח.
דיין זון — מיין בלוט,
דיין ערד — מיין עול איז,
פון דיינע ליימען יויר איך.

אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער דעקלאַראַציע, וואָס איז מוציא פיל שטור־מע לעפצן אין די דערפער, איז פאַראַן אַ סך אויפטוערישקייט אין פרט פון אַנטוויקלען אידיש. מיר האָבן אַזאַ חנ׳עווידיק וואָרט ווי „בלאָנדזשלינג״, וואָס „פאַרבלאָנדזשלט״ צווישן די פשוטע אידישע ווערטער און שטעקט נישט אַרויס ווי אַ בייז וואונדער, נאָר ווערט גלייך אַן אייגענער. מיר הערן אויך אַזאַ ניי־געשאַפענעם גראַם ווי „פאַלעס״ און „מיין עול איז״, און מיר כאַפּן אויך דעם נאָכקלאַנג פון אַזאַ אויסגעקונציקטן גראַם ווי — „אורח״ און „יויר איך״. דאָס איז אַ טייל פון דעם וואונדער פון שמרי׳ס פּאָעטישן טאַלאַנט, וואָס די אַלע נייקייטן וואָס ער האָט אי געלערנט, אי אַליין אַנטוויקלט, זיינען גאַנץ היימיש מיט דעם פשטות׳דיקן מאַטעריאַל און זיי פאַרגראָטעסקעווען נישט די שורות. אַפילו ווען ער רעדט פון פשוטן פאָלק האַלט ער זיך נישט צוריק פון ניצן אַ האַלב־גראַם, אַן אַסאָנאַנס, ווי ״וואַרשע״ מיט „מאַרשן״ און אויך דאָס קלעפּט זיך צום אינהאַלט.

אָט איז דאָס פּראָסטע פאָלק, אין תכלת פון שחר.
מנינים פון תימן, פון בבל, פון וואַרשע.
אין אויגן — די טייכן, אויף קני — די שליאַכן,
די פאַלעס צעריסן פון בלוטיקע מאַרשן.

פאַראַן אַן אמת קאָלעקטיוויסטיש (קיבוץ׳ידיק) געפיל אין שמרי׳ס ליד —

די זעלבע טרער, אַנדערשדיק, אין יעדן פענצטער גליט,
די זעלבע זון, אַנדערשדיק, אויף יעדן פענצטער בליט.
און צווישן אַלע פענצטער גייט אַרום אַ ליד
צו אייניקן און קניפּן
מיט זון און טרערן אויף די ליפּן.

„צו אייניקן און קניפּן״ — אָט דאָס געפיל זינגט דורך מייסטע לידער פון דעם ארץ־ישראלדיקן דיכטער. דאָס ליד וואָס פון אים האָב איך גענומען די אויבנגעבראַכטע שורות ענדיקט זיך מיט אַזאַ אויסרוף:

צו אייך מיין ברידערשאַפט, מיין לידערשאַפט
האָט דעם וועג שוין לאַנג געפונען.

פאַראַן אין בוך אַ גאַנצע פּאָעמע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַל־באַרימטער בלינד און טויב־שטומער העלען קעלער. דאָס איז די איינציקע פּאָעמע וואָס גייט אַוועק פון דעם היימיש־אויסגעכאָוועטן לאַנדשאַפט. העלען קעלער האָט באַזוכט מדינת ישראל און דער דיכטער איז אינספּירירט געוואָרן צו באַזינגען איר בלינד־שטומע קינדהייט און איר ניסים׳דיקן אויפשטייג.

כ׳האָב קיינעם נישט געהאַט חוץ די נאַכט אין מיינע אויגן,
דער פיבער איז אַוועק און דאָס שענסטע מיטגענומען

און דאָך — איך פּיל אויף מיינע ברעמען דעם רעגנבויגן
אַ סימן — אַז דאָס ליכט איז צוריק צו מיר געקומען.

אַ סך מער ווי די צוזאַמענגעמייסטרעוועטע פּאָעמע געפעלן מיר די עט־לעכע ליבע־לידער אין בוך, וואָס פאַרמאָגן אָריגינאַליטעט, און אפילו פאַר־טיפונג וואָס פעלט אין טייל לידער, אפשר מחמת זייער אַריבערשוימענדיקן אָפּטימיזם. דאָס אַליין איז אַ טעמע פאַר זיך, ס׳איז מעגלעך, אַז אָפּטימיזם דאַרף גוט אַריינוואַקסן אין דער ערד, כדי ס׳זאָל אַרויסשפּראָצן מיט דעם וואונדער, וואָס באַהעפט זון און טרויער; פון דעם קליינעם זיסן וואָרעם וואָס ליגט אין דעם שענסטן פּאָעטישן עפּל.

אָבער נישט באַרירנדיק איצטער די דאָזיקע ברייטערע טעמע פון פרייד און טראַגיק אין קונסט, וויל איך זאָגן אַז גראָד אין די ליבע לידער פון אריה שמרי איז פאַראַן אַ סך צוזאָג אויף ווייטערע און פאַרטיפטערע לידער.

איך וואָס קען דיך אַזויפיל יאָרן —
קום ווידער דיר דערקענען:
אויף ס׳ניי באַטרוימען און באַוואָרן
די אַלע פּנימ׳ער און נעמען,
וואָס כ׳האָב געזען אויף דיין פּנים,
מיט וועלכע כ׳האָב דיך אויפגערופן;
צוריק ביי מיר און דיר צו מאָנען
די נשמות און אויך די גופים
פון אַלע שעה׳ן און מינוטן,
וואָס לאַנג פאַרגעסן און פאַרזונקען;
אַלע שמייכלען און אַלע גוטסן,
אַלע סודות און אַלע וואונקען.

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט אַ „קוש פון חכמה און טרויער", וואָס איז אפשר די קורצסטע דעפיניציע פון פּאָעזיע. אָבער אין די עטלעכע פער־זענלעכע לידער זעען מיר דעם דאָזיקן צוזאַמענמיש, אין דער בעסטער און געראָטנסטער אַלכעמיע. די פרוי ווערט עלטער און זי עלטערט זיך נישט אי־דיליש־אומפערזענלעך, נאָר אונטער דער זאָרגעוודיקער וואַכפולקייט פון אַן אויג וואָס זעט עס צו און בענטשט עס.

און נישט ווי אין טעג אַמאָליקע
דיך צו ליבן — אַ הירשין מוזטו זיין.
אַ, טעג גאָר אַנדערע, טיפזומערדיקע, עוליקע,
די ליידן — אונזער וויין.

און נייע בעכערס פאַר אַ ליבשאַפט
פראַסטע זיינען די.
נסיון, זאָרגן, געניטשאַפט.
די ליבשאַפט פון טרויעריקע צוויי.
און ס׳רופט מיך היינט צו דיר —
נישט אַ פערל צום געטויך,
און נישט אַ שטערן אין דער הויך,
נאָר דו אַליין.
אַ ברכה אויף דיין צייטיקייט —
די מוטערשאַפט איז שיין.

איך קען נישט זאָגן אַקוראַט וויפיל מאָל דאָס וואָרט „טרויעריק״ ווערט דערמאָנט אין בוך, אָבער זיכער נישט אין אַזאַ דיכטערישער וואָרזאָגעריי — „די ליבשאַפט פון טרויעריקע צוויי״.

דערפאַר וועל איך שליסן מיט דעם סאַמע לעצטן ליד פון בוך, וואָס איז אפשר דאָס שלימות׳דיקסטע ליד אין בוך און וואָס פאַרמאָגט אַ חוץ קענט־שאַפט, בריה׳שאַפט, וואָרט־אויסקלייבערישקייט, וואַכע דיכטערישע חושים, לייכטע מוזיקאַלישקייט — אויך דעם זעקסטן חוש פון פאַרטרויעריקטער און פאַרטיפטער מוזיק, וואָס איז אפשר דער בעסטער סימן פון פאָעזיע.

אַ, גאַנצע טעג די ווינטן שלאָגן
אי מיך, אי דיך, מיט הייסע שטויבן.
אייל איך אָונט אַ קרוג דערטראָגן,
אַ טרונק פון ליבשאַפט און פון גלויבן.
אין ווינקלען טונקלט, נאָר ליכט אויף שויבן,
די טויבן קומען און זיי ברומען.
גייט אויף דער טרויער אין אַ לויבן
ווי יונגע פרייד צוריקגעקומען,
דער טיש פון ברויט און זאַלץ ווערט ברייטער,
און ס׳גאַנצע פעלד איז אונזער היים.
רוף איך: קום אַ דערפרייטע
טרינקען וויין פון פראָסטן ליים.

משה יונגמאַן

די קלוגשאַפט פון לשון וואָס מען געפינט אין די לידער פון דעם דיכטער משה יונגמאַן, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען קיין מדינת ישראל און האָט דאָרט אויפגעשלאָגן זיין געזאַנג, איז אין לשער. דאָס אַליין איז אַזאַ געשוגנדיקע איבעררשונג, אַז מען מעג אים נאָכגיין און זיך אײנהערן, ווי ער זינגט אידיש אין דעם געאַרבטן לאַנד. אָבער ס׳איז נאָך אַ גרעסער וואונדער, וואָס דאָס לשון איז פול מיט מיין און פיקחות, און וואָס די בילדער, וואָס ער צייכנט מיטן וואָרט, זיינען בילדער נישט פון פּאָעטישן שולחן־ערוך אַרויס, נאָר בילדער געבוירן פון אַן אייגן־געזעענער אינהאַלטלעכקייט. אָט די זעלטענע קאָמבינאַציע פאַרמאָגט דער יונגער מיטגליד פון דער גרופּע „יונג־ישראל״, וועמענס בוך — „אין שאָטן פון מולד״ איז דערשינען אין פּאַריז. דעם תוכן פון זיינע לידער דערזעט מען נאָך איידער מען דערטראַכט זיי; נאָך איי־דער זיי דערגייען צום קאָפּ, האָט מען שוין הנאה פון זיי, ווייל דאָס אויג איז זיי גלייך טועם.

ס׳איז שוין צייט צוצוגעבן, אַז אין מדינת ישראל האָט דאָס אידיש־ליד דערגרייכט אַזעלכע באַטייטנדיקע הויכן, אַז מען מעג די ישראלדיקע אידישע פּאָעזיע באַטראַכטן ווי אַ גרויסע דעראָבערונג, און ווי אַ פריידיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אידישן וואָרט. דאָס אידיש־ליד איז געווען מזל׳דיק, וואָס עס האָט אין ארץ ישראל געקראָגן אי זינגער און אי געטרייע באַזינגער פון גאָר גרויסן פאַרנעם. דער עיקר וואָס דאָס אידישע ליד האָט געקראָגן איבערצייגנ־דיקע וואָוינרעכט, דורך באַזינגען יעדער שטיין און יעדער שפּאַן. ,

דער דיכטער משה יונגמאַן איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם. ער האָט גלייך זיין לשון געטונקען אין דעם פּייזאַש פון לאַנד און עס אַזוי אַנגעזעט־טיקט, ווי אידיש וואָלט שוין לאַנג געוואָרט אויף דעם וואונדער צו קומען אַהיים, צו דער מנוחה פון דערגרייכטער פּערפעקציע, וואָס עפנט אויף נייע האָרי־זאָנטן פאַר דעם אידישן שפּעטרישן וואָרט.

„אין שאָטן פון מולד״ איז אַזוי ארץ־ישראל׳דיק, אַז ס׳פּאַרדריסט אַזש, וואָס אַזאַ בוך לידער איז געדרוקט געוואָרן אין פּאַריז. הגם, דער פאַרלאַג טראָגט אַזאַ פאָלקסלידערישן נאָמען ווי „די גאָלדענע פּאַווע״. דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט אַ ליד „באַנטשע שוויג״ — איז עס סימבאָליש, ווי די

גרויסאַרטיקע גאַלעריע פון אונזערע אַלע ליטעראַרישע שאַטנס וואָלט דער־גרייכט דאָס לאַנד און דאָרטן געקראָגן אַ נייע איבערצייגונג און נייע טייטשן.

יונגמאַנ׳ס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נייקייט, וואָס ווערט גע־בוירן, און פאַר די נייע זכות׳ן וואָס די יונג ישראל׳דיקע דיכטער געווינען פאַר דעם לשון, אין שאָטן און אין דער פייערדיקער אָבער לייטזעליקער באַ׳חנ׳ונג פון העברעאיש.

מיר דאָ האָבן זיך יאָרן געראַנגלט, און ס׳איז אונז, ביים גרעסטן וואונדער פון אויסגעשלאָגענער און אויפגעפרישטער שפּראַך־חיונה, נישט געלונגען צו באַהעפטן די ווערטער אונזערע מיט ערד און הימל. אפילו ווען מיר האָבן גע־זונגען פון היים, איז דאָס ליד געוואָרן — פּאָעזיע. אין דער שפּראַך פון „יונג־ישראל״ באַמערקט זיך אַ צוריקגאַנג, מיט אַלע געוואונענע פּאָזיציעס, און אַלע קאָמפּליצירטע אויפטוען — צו אַ נייער, האַפטיקער פּאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז אַ שעפּערישער בראשית. אונזער לשון איז נאָך קיינמאָל אַזוי נאָענט נישט געקומען צו אַ היימישן, אייגענעם דרויסן, ווי אין די לידער פון „יונג־ישראל״ — און מיט דעם טערמין מיין איך נישט נאָר די אָרגאַניזירטע באַשטימטע גרו־פּירונג, נאָר אַ סך פריערגעקומענע דיכטערס, וואָס זיינען רייף געוואָרן אין לאַנד, אָדער וואָס זיינען נישט לאַנג געקומען שוין־רייפע פון אַנדערע לענדער. זיי אַלע זיינען ביי מיר „יונג ישראל״, און זיי טיילן בשותפות די איבער־טייטשונג און דערפילונג פון אידישן וואָרט.

ס׳איז נאָך קיינמאָל דאָס אידישע לשון אַזוי נאָענט ניט צוגעקומען צום שמעלצנדיקן פייער פון העברעאיש. ס׳איז אַן אינטערעסאַנטער עקספּערימענט, ס׳איז אַזוי צוזאָגן, די פייער־פּראָבע פאַרן אידישן לשון, וואָס זוכט נאָך גרעסערע קרובה׳שאַפט מיט העברעאישן קלאַנג און מיט העברעאישן אינהאַלט, ווי ווען עס איז פריער אין דער געשיכטע פון אידישער ליטעראַטור. מיר דאַכט זיך אַז אידיש האַלט אויס די פייערדיקע פּראָבע און שמעלצט זיך איבער אויפדאָסניי, גרייט פאַר אַ באַנייטן אָנהויב.

און פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען צוגיין צו די נייע אידישע לידער, וואָס דיכטערס זינגען אין מדינת ישראל. יעדער אידיש וואָרט ווערט איבער־געציילט און איבערדערציילט און ס׳קריגט אַ נייע באַוואָרעניש אויף להבא, ניט נאָר אַ באַפעסטיקונג פון וואָרט אַליין, נאָר אַ גרונט־באַפעסטיקונג פון אינ־האַלט, אַ נייער פאָלקסטימלעכער אינהאַלט, וואָס זינגט אין יונגמאַנס מיט־גענומענעם און געראַטעוועטן באַנטשע שווייג —

קאָן זיין, אַז פון די באַכן שטומע טרערן,
וואָס איך האָב קיינמאָל ניט דערוויינט,

וועט אויפגיין פריידן,
וועט אויפבליען דער צוויט פון שטאָלצע דורות.

קאָן זיין — דאָס איז די נייע פּראָבע. דער דיכטער רעדט דאָס אפשר אין נאָמען פון דעם טוצן אידישע דיכטער, וואָס זיי איז באַשערט צו פאַרריכטן די איבערגעריסענע קייט —

זוען עס רייסט זיך איבער אין מיטן די קייט,
פאַלן כורעים דערשראָקענע רינגעלעך
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך.

מ׳קאָן, אויב מען וויל נאָר, זוכן דעם דאָזיקן מאָטיוו פון דער נייער אידיש־דיכטונג, שפּראַכלעך און תוכנ׳דיק, ליד נאָך ליד אין משה יונגמאַנ׳ס בוך „אין שאָטן פון מולד״. ס׳איז אַ זעלטענע פּראָבע פון געוואָגטער איבער־שאַצונג, בעת דאָס אידישע לשון ווערט געבראַכט נאָענט צו אַ פייערדיקן מקור. דאָס איז פאַר אידיש נאָך אַ גרעסערע סכנה ווי דער צעשמעלץ פון אַסימי־לאַציע, ווייל ס׳איז גיכער מקוים־געוואָרענער אויפלייז. דער עקספּערימענט ווערט אָבער דורכגעפירט מיט דער ציטערדיקער האָפנונג, אַז דער מקור אַליין, אויב מ׳וועט נאָר צוקומען צו אים מיט נאָענטשאַפט, וועט פון זיין שמעלץ־טיגל אַרויסקומען אַ ניי־באַוואָרנט לעבן פאַר דעם אידישן לשון.

נאָר ווען רינגלען וועלן ווי ליפּן פון גאָלד .
גענענען מיט אָפּשיי צום ווייטיק וואָס תהומ׳ט,
וועט אַ פייער פון ליבשאַפט צעצינגלען זיך,
און די קייט פון דאָסניי וועט צעזינגען זיך.

ווען מען וועט טייטש־חומש׳דיק גענענען מיט אָפּשיי, וועט דאָס וואָרט תהום קריגן אַ אידיש גראַמאַטיקאַלישע צורה, און דאָס פייער וועט דורך דעם גענענען, ווערן אַ פייער פון ליבשאַפט און די צוזאַמענגעשמאָלצענע קייט וועט פון דאָס ניי צעזינגען זיך.

דאָס איז נישט קיין אַריינגעטייטשטער פּירוש המילות, נאָר די אַרויסטייט־שונג פון יעדער וואָרט, וואָס דער שליסל סיי צום וואָרט, סיי צום אינהאַלט איז — פון דאָס ניי. משה יונגמאַן קומט מיט די נאַאיוויטעטן פון אידישן פאָלקס־ליד און די איבערגעשפּיצטקייטן פון דער אידישער פערז־קונסט, אין איר שענסטן אַרויפקלעטער, און ער שאַצט אַלץ איבער — פון דאָס ניי. יעדער געוואוינטע באַגריפלעכקייט ווערט אויפסניי באַלויכטן מיט דעם ליכט פון לאַנד, און אַלע אַמאָליקע אידישע פּראָבלעמען, די דאגות הגוף, ווי די דאגות הרוח, ווערן רעווידירט, אין ליכט פון אַ נייער אידישער באַוואוינטקייט, וואָס איז פעסט אפילו, ווען די פעסטקייט איז אַזוי לופטיק און סוכה׳דיק, ווי אַ כאַטע.

הוי ! לאַמעד־וואָווישע כאַטעס
צוגעטוליעט צו דעם וואָרעמען בויך פון דער נאַכט
און אַריינגעזייגטע מיט אַלע איברים
אין זיין שטילקייט.
תפילות פאַלן כורעים צו זייערע פיס
און דאַווענען זיך היינט אַליין,
דעכער צינדן זיך אָן צו קידוש־לבנה.

לאַמעד־וואָוו ווערט, אין דער געזעגענונג מיט דער נייער היים־אינהאַלט־לעכקייט, נישט נאָר אַ טיפע גימטריה פון צאָל, נאָר אַ פול־אויסגעלייגט וואָרט, וואָס איז ניי־בילדלעך. די פרומקייט קריגט אַ נייעם בילדלעכן אויסזען און אַ „זינלעכן" זין, ווען די דאָזיקע פרומקייט ווערט צוגעטוליעט „צום וואָרעמען בויך פון דער נאַכט". נישט נאָר „באַנטשע שוויג" דערוועגט זיך צו קומען נענטער, צו געזעגענען צום פייערדיקן מקור און אַריין אין שמעלץ־טיגל, כדי אַרויס־צוקומען פון דאָרטן, געלייטערט און געחתמ׳עט מיטן זיגל (צום גראַם) פון אַ נייער באַוואָרעניש, נאָר ס׳קומט אויך טביה דער מילכיקער, וואָס ציילט זיינע קי און „מילך־לבנה אין אַן אָפענעם עמער", און ס׳קומט אויך דער אַלטער פאַר׳דאגה׳טער מנחם מענדל, וואָס אין תוך זוכט ער, מיט אַלע זיינע מאַכינאַ־ציעס און ספעקולאַציעס — ברויט פאַר זיינע בני בית. די אַלע אידישע גע־שטאַלטן קומען צו חלום דעם דיכטער, כדי צו קריגן אַ נייע וואָרהאַפטיקייט און פתרון.

שווערע, מיט ריזיקע שאָטנס אויף אַקסלען,
טראָגן מיר מנחות אַנטקעגן דער נאַכט, ווי כהנים.
פון שוויס און בהמישן מיסט — עס סקריפּן די עמער.
הוי ! ניט מער קיין כעלעמער ווייסע לבנות ווי רענדלעך
מיר האָבן בסתר געכאַפּט און פאַרדעקט מיט קאַפּאָטעס
און אויך ניט מיט ציצית און שטריק זיי צום דנאָ צוגעבונדן.

טביה דער מילכיקער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ כהן, וואָס טראָגט מנחות אַנטקעגן דער נאַכט. יונגמאַן האָט נישט קיין מורא, אַז די דאָזיקע בילדלעכ־קייט וועט אינגאַנצן פאַרטושן דאָס אַלטע פנים פון דער אידישער געשטאַלטי־קייט, ער האָט אַפילו נישט קיין מורא צו ברענגען אויף די ליפּן אַזאַ מקור׳דיק וואָרט ווי בסתר. אַלץ איז דאָ אַנגעוואונקען מיט גרויס טאַקט און דער צוזאַמענ־שמעלץ איז אַ נאַטירלעכער, דער צוזאַמענשמעלץ פון ליבשאַפט — „צינגל זיך פייער, צינגל זיך".

משה יונגמאַן ווייסט אויסגעצייכנט ווי אַזוי צו „געזעגענען" מיט דער מנחה פון זיין וואָרט, אַז דער שטאַל, די קו, דאָס פריש־געבאַקן ברויט זאָל באַהיי־

ליקט ווערן מיט ניי־געוואונענער קדושה, מיט דעם שעפּטש פון אַן אונטי־קער תפילה —

דאָס איז די תפילה צו שטאָלן אין אונטן בלויע,
די תפילה וואָס האָט אין מיין האַרץ יאָרן לאַנג זיך געציטערט,
די תפילה פון שפע און ליכט און בהמישער נאָנטקייט.

דאָס איז די תפילה, דער רעזולטאַט פון אַ גרויסן, נייעם עקספּערימענט, אפשר דעם לעצטן, אָבער געוואַגטסטן עקספּערימענט מיט דעם אידישן דיכ־טערישן וואָרט, וואָס זינגט — „צו שטאָלן אין אונטן בלויע". דאָס אורבאַניס־טישע אידיש ליד ווערט איבערגעזונגען, און דער מאָדערניזם פון סאָפיסטיקאַ־ציע און אַלע שבע חכמות און הונדערטער ידיעות, פון רמב"ם ביז פרוידן — אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט און איבערגעסוד'עט אין אַ שטילער תפילה —

זאָל זי דערוועקן די בענקשאַפט מיט קלינגען פון עמער
מיט שנירעלעך ליכטן, וואָס פּערלען אַרויס פון די אייטערס,
מיט שטילקייט פון שטאָל און מיט סאַמעט פון בהמישער
בלענדקייט.

אָט דאָס האָב איך געמיינט, ווען איך האָב פריער געזאָגט — אייגן־געז־זעענע אינהאַלטלעכקייט. דער דיכטער ווייסט וואויל ווען צו שאַפן אַ נייעם לשון רבים פון „ליכטן", און ווען צו ווייזן די דאַזיקע „ליכטן" אין זייער אויס־שטראַלונג, און ווי צו שעפּן נייעם פירוש פאַר דעם נייעם טביהן פון דער „בהמישער בלענדקייט".

די פּאַרטיפּטע געזעענקייט גיט זיך איבער דעם לייענער, גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, מיט צענדליקער שורות אין דער סעריע — „געזאַנג וועגן ל"ו קי" —

אַרויסטרייבן כ'וועל מיינע קי פון די נאַכטיקע שטאַלן.
הוי, מיינע ל"ו קי מיט די זילבערנע שטערנס,
גענוג שוין געדאַווענט אין שלאָף און אין זון מעלה־גרה'ט

און הערט זיך אין ווי דער דיכטער ווערט עקסטאַטיש —

גוט איז אַביימל צו זיין איינגע'גדר'ט אין ליבשאַפט,
גוט איז אַ בלימל צו זיין איינגעזשומשעט פון בינען,
גוט איז אַ לענדל צו זיין וואָס הייבט ערשט אָן צו גרינען.
פינקלט קאַיאַריק דאָס פעלד מיט רובין־אַנעמאָנעס,
שמייכלען אַנטקעגן פאַרשעמטע, פאַרליבטע נאַרציסן:
זיי זיינען צו קליין נאָך די גרויסקייט פון וועלט צו באַגריסן.

דאָס אידישע לשון ווערט מיט אַזעלכע לידער אויך „איינגע׳גדר׳ט אין ליבשאַפט״, „איינגעזשושעט פון בינען״, און אויב דער עקספּערימענט פון „איינ׳גדר׳ונג״, פון אידיש־העברעאישן טעלעסקאָפּירטן פּירוש, איז נאָך ביי און יונג, גרינען שוין אָבער אין דער „איינגעזשושעטער״ ליבשאַפט אַזעלכע גרויסע שורה׳דיקע צוזאָגן אויף להבא —

דאָס ליכט פון אַן אַנדערער וועלט איך האָב איצטער פאַרבאָרגן,
אין בייכיקע קאַנען צעטיילט און געבראַכט אייך צו פירן,
מיט אייזל און גלעקל און זון, צו געזונט איר זאָלט טרינקען.

אָדער אַזעלכע ליכטיקע שורות פון זיין סעריע — „צער גידול ברויט״ —

מיין לאַבן ברויט, .
דער קליינער לאַבן ברויט —
דער תמצית פון אַ קיילעכדיקן טאָג
פון האָרעוואַניע —
דיך פּיקן קינדער ווי די פייגל
פון מיינע הענט,
דיך שמייכלען מאַמעס שטיל אַריין אין בוזעם.
ווען ס׳פאַלט צו די נאַכט.

און אָט איז דער איבערטייטש פון די עלטסטע פון אַלע טעמעס — הונגער און ברויט —

און פון מידן צעאַקערטן טאָג,
דעם מיט דלות פאַרבויטן,
פליק איך אָפּ אַ פּאָר סנאָפּעס מיט פרייד
און פאַרהייליק זיי —
ברויטן.

די פּאָר סנאָפּעס פרייד קריגן ביי יונגמאַנען אַ נייעם תיקון און אַ נייעם וואָרהאַפטיקן פּירוש.

4

דוד פּינסקי

שלום אַש

יואל ענטין

ש. מיללער

ב. דעמבלין

בנימין רעסלער

שמואל איזבאַן

י. מעצקער

ב. אַלקוויט

ח. איאַלטי

ישעיהו שפּיגעל

מרדכי שטריגלער

שלמה ביקל

אפרים אויערבאַך

דוד פּינסקי

צו זיין באַזעצן זיך אין מדינת ישראל

די קליין ארץ־ישראל איז געווען, אפילו ווען ס'איז געווען בלויז אַ בענק־שאַפט און די ממשות פון אַ פינטעלע, איז דער ציל שטענדיק געווען אַ גרויסער, אַזוי גרויס ווי דער אידישער גלות. וואָס גרעסער און אָנ־זעעוודיקער ס'לאַנד איז געוואָרן, אַלץ אויסגעשפּרייטער איז עס געוואָרן. דאָס האָט מען משמעות געמיינט מיט דעם זאָג, אַז ארץ־ישראל וועט זיך אויסשפּרייטן, ווייל וואָס נענטער מיר זיינען געקומען צום לאַנד, אַלץ נענטער איז ס'לאַנד געקומען צו אונז און ס'איז געוואָרן איינס. עס זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין גרענעצן אַריבערצוגיין, אָדער אַריבערצושמוגלען, מ'האָט אפילו נישט געדאַרפט די אָנשטרענגונג פון קפיצת הדרך. אין איין אויגנבליק איז מען געווען דאָרט — מיט אַ תפילה, מיט אַ שטעלן זיך שמונה עשרה, מיט ציוניסטישער אַרבעט. מ'האָט ס'לאַנד געבויט אומעטום, פון אַלע זייטן, אַרומגעוויקלט דאָס גאַנצע אידישע לעבן מיט ארץ־ישראל. דאָרטן זיינען גע־ווען חלוצים און אין דעם חוץ־לארצ'דיקן ארץ־ישראל זיינען אויך געווען פלאַם־פייערדיקע חלוצים, וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד.

דוד פּינסקי איז געווען איינער פון די איבערגעבנסטע בויערס פון חוץ לארצ'דיקן ארץ־ישראל. ער האָט געהאָלפן פּאַרפעסטיקן די אידעאישע אויס־שפּרייטונג פון לאַנד. איצט אַז זיין אַרבעט איז מער־ווייניקער פאַרענדיקט, פאָרט ער קיין מדינת ישראל. ער פאָרט נישט צום גרייטן, ווייל ער אַליין האָט אַריינגעלייגט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרבעט אין דעם אויפבוי פון לאַנד אומעטום. אַצינדערט זעט מען ערשט, ווי נייטיק ס'איז געווען דאָס רי־זיקע גרויס־ארץ ישראל — פאַר מדינת ישראל. אַזוי גיך ווי דאָרט האָבן געגנו־מען געשען ניסים, האָט דאָס גאַנצע וועלט־אידנטום אָפּגעענטפערט אויף דעם נס. אָט די גייסטיקע אויסשפּרייטונג איז געווען די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון הונדערטער טויזנטער גלויביקע אידן און פון גרויסע גלויביקע יחידים. איינער פון די גאָר וויכטיקע בויערס און פאַרפעסטיקערס פון דעם געדאַנק פון אויסלייזונג, איז געווען דוד פינסקי, וואָס פאָרט איצט פאַרזעצן זיין ליטע־ראַרישע אַרבעט אין דריטן פּעריאָד פון זיין לעבן. דוד פינסקי האָט אָנגע־שריבן, ווי מען האָט ערשט איבערגעציילט, עטלעכע און פופציק דראַמען,

אָבער פּינסקי האָט אויך געשריבן הונדערטער דערציילונגען, אַ צענדליק אָדער מער נאָוועלן, טויזנטער אַרטיקלען און אויך אַ צאָל לידער. דאָס האָט ער גע־שריבן, בעת ער איז כמעט יעדער טאָג אין וואָך געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פון גרויסן פאַרנעם און גרויס אחריות. ווי אַזוי האָט פּינסקי באַוויזן איינצושפּאַנען יעדער רגע לעבן און זי פאַרנוצלעכן און זי אַרומלעבן פון אַלע זייטן און זי אויסלעבן מיט אַ ברכה?

אין זיין ערשטן פּעריאָד אין רוסלאַנד און אין פּוילן, איז ער שוין געווען דער אַקטיווער און איינגעשפּאַנטער טוער. ער האָט גלייך געזען, נאָך אין זיינע סטודענטישע יאָרן, אַז ביי אונדז מוז מען אַליין האַקן ס׳האָלץ און שעפּן דאָס וואַסער. אָט די שוואַרצע אַרבעט פאַר אונזער ליטעראַטור האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו טאָן ביזן היינטיקן טאָג.

פונדעסטוועגן איז ער שוין צו אונדז קיין אַמעריקע געקומען מיט אַ גרויסן באַגאַזש און אַ גרויסן נאָמען. דאָ אין אַמעריקע האָט ער געבויט דאָס גרויס־ארץ ישראל מיט אַ געוואַלטיקער ענערגיע און מיט אַ געזונטן אָפּטימיזם און געטאָן אַלץ וואָס גוט־אידישקייט האָט פון אים פאַרלאַנגט און אויף אים אַרויפּ־געוואָרפן. ער האָט דאָ ביי אונדז אָפּגעלעבט „צייטווייליק" אַרום אַ האַלבן יאָר־הונדערט — און וואָס איז ביי פּינסקין פינף צענדליק יאָר? ביי אים איז עס אַ קינדער־שפּיל אַזאַ אין עלטערן זיך. דאָ האָט ער ווידער אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעגן און ער פאָרט איצט אָנהויבן זיין דריטע לעבנס־עפּאָכע אין מדינת ישראל. דאָרט, אָן דעם יאָך פון חוץ־לאָרצ׳דיקן ארץ ישראל אויף זיינע פּלייצעס, וועט ער זיך ערשט געשמאַק אָפּרוען — ביי דער אַרבעט. און ער פאַרדינט די רו צו קענען אַרבעטן, ווייל פּינסקי ווייסט גאָרנישט פון קיין אַנדער פאַריוונגונג ווי אַרבעט. אין דעם דריטן פּעריאָד זיינעם, ביי זיך אין דער היים, וועט ער זיך דערפילן נאָך היימישער און ער וועט זיך זעצן צום שרייב־טיש און ווידער אָנזאַמלען אַ פאַרמעגן לעבן און אַ פאַרמעגן אַרבעט.

כ׳דערמאָן זיך ווי אידישע שרייבער זיינען נישט לאַנג צוריק, געזעסן ביי אַן אסיפה און געזוכט זיך אַליין אָנצושטעקן מיט גלויבן אין דער אייגענער אַרבעט. מ׳האָט מיט אַ זיפץ גערעדט וועגן די גליקלעכע זאַטע יאָרן פון דער גאָלדענער פּרץ־עפּאָכע און געזוכט עפּעס אַ שטיקל טרייסט פאַר אונזער צו־קונפט. האָט זיך אויפגעשטעלט פּינסקי און ער האָט אויף אַ יוגנטלעכן רע־אַליסטישן אופן געטריי געשילדערט די כלומרשטע גליקן פון דער פּרץ־עפּאָכע און געוויזן, אַז דעמאָלט ווי היינט איז די אידישע ליטעראַטור געווען אַן עניין פון געציילטע און פאַר געציילטע. און ווער נאָך ווי פּינסקי ווייסט עס, ווייל ער האָט דאָך מיט פּרצ׳ן צוזאַמען געאַרבעט אויפצולעבן אַן אינטערעס אין אי־דיש און אין דער אידישער ליטעראַטור! פּינסקי האָט מיט אַזאַ פלאַמיקער

אמת׳דיקייט גערעדט וועגן די הרים וגבועות פון יענע לעגענדעס, אַז די קעגנוואַרט פון אידיש און דער אידישער ליטעראַטור איז שוין אויסגעקומען ווי אַ גרויסער פּאַראויסשפּאַן, לגבי יענע אַמאָליקע צייטן, ווען פּינסקי איז געפּאָרן זוכן זיין לייענער.

זיין איבערגאַנג פון חוץ־לארצ׳דיקן ארץ־ישראל צום ישראל׳דיקן ארץ־ישראל איז נישט קיין איבערברוך אין זיין לעבן, נאָר אַ געזונטע פּאָרזעצונג און דערהויפּט אַ ווייטערדיקע לעבנס־אַנטוויקלונג. מיט אַ פערטל יאָרהונ־דערט צוריק האָט זיך אונז איינגערע שרייבער געדאַכט, אַז פּינסקי האָט שוין זיינס אָפּגעזונגען און אָפּגעטאָן. ער איז שוין ביי אונז געווען אַן ענין פאַר כרעסטאָמאַטיעס און אַנטאָלאָגיעס, אָבער מיר האָבן זיך מיט אים פאַרט באַ־געגנט, אויף אַ לעבעדיקן וועג. ער האָט זיך כסדר מיט אונז געיונגט און מיר האָבן זיך מיט אים געעלטערט. ער האָט אונז אויסגעלערנט קוקן אויף אונזער ליטעראַטור מיט אידישע אויגן, און מיר האָבן אין אים געזען דעם הדרת פּנים פון אַ אידישן אידעאַליסט אויף אַלע געביטן, אויך אויף דעם געביט פון דער ליטעראַטור. דאָס איז ער ביי אונז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. ער האָט שטענדיק געזוכט צו אַנטפּלעקן אידישע קדושה, צו אַנטפּלעקן דעם חזיון פון אידישער דערלייזונג. אַלע זיינע ווערק זיינען אין אַ געוויסן זין איין ווערק — דאָס ווערק פון דער היינטצייטיקער גוט־אידישקייט.

אַמאָל כאַפּט מיך אָן אַ רחמנות אויף אונזער ליטעראַטור, וואָס מיר זיינען אַזוי נשמה׳דיק און כמעט אינגאַנצן גופלאָז, וואָס די צייט רירט זיך אפילו נישט צו צו אונז און מאַכט ביי אונז גאָר נישט קאַליע, שימלט נישט אונזערע ביכער. די מייזלעך וואָס צייגדלען אויס שטיקער ביי אַנדערע ליטעראַטורן, רירן זיך צו אונז אפילו נישט צו. דורך די לעצטע 75 יאָר אידישע ליטעראַטור, פעלט ביי אונז קיינער נישט. אַלע וואָס זיינען געווען זיינען דאָ, אַלע ביכער טראָגט אונזער ליטעראַטור, פון סאַמע אָנהויב אָן — ס׳פעלט נישט קיין איין חיבור. מיר זיינען אַ הייליקע געמיינדע, מיר זיינען אַ מומיפיצירטע ליטעראַטור און די צייט וויל גאָר נישט האָבן איבער אונז קיין שליטה. זי וויל אונז נישט פאַר־וויאַנען, זי גייט אונז גלייכגילטיק פאַרביי. מוזן מיר קומען צום טרייסטנדיקן אויספיר, אַז מיר זיינען אַ ליטעראַטור פון סאַמע גייסט און גייסט ווערט נישט פאַרשימלט. אָבער דאָס קלינגט אַביסל צו אתה בחרתנו׳דיק; דווקא אין די אָרעמס פון אַזאַ טרייסט בענקט זיך נאָך אַביסל גוף און ס׳ווילט זיך זען אין אונזער ליטעראַטור, אַ יונגע לעבעדיקע טראַציקע אַפּיקורסות. ווען מיר קומען צוזאַמען און מיר ריידן, יונג און אַלט, פרום און בוימלדיק וועגן אונזער גאַנ־צער ליטעראַטור, ווערט אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ווען אַ ליטעראַטור מוז אויף אירע פּלייצעס טראָגן אַלע ביכער פון אַלע שרייבער, פון מעשי

בראשית ביזן היינטיקן טאָג, אַרבעט אַזאַ ליטעראַטור נעבעך עבודת פּרך, און זי איזאָלירט זיך אַליין פון לעבן. ס׳וואָלט געווען אַ סך געזינטער ווען מיר האָבן דאָס געמיט אָפּצוקלייבן, אויסקלייבן און ראַטעווען ווערטפולע זאַכן פון פאַרגעסנקייט. ס׳וואָלט געווען געזינטער פאַר די פּיאָנערן אַליין צו וויסן, אַז זיי זיינען סיי ווי דאָ אין זייער גאַנצקייט; אַז אַלע זייערע ווערק זיינען זייערע ליבע קינדער, אָבער אַז די צייט האָט אויך אַ באַציאונג צו זיי און באַהאַנדלט זיי אָן באַרמהערציקע הענטשקעס און דערפאַר קלייבט זי אָפּ לעבעדיקע זאַכן פאַר דויערנדיקער אייביקייט.

אין פּינסקי׳ן האָב איך שטענדיק באַוואונדערט דאָס לעבעדיקע אין אים וואָס קען טריאומפירן איבער דער צייט. ער, דער פּיאָנער פון אידישן וואָרט, גייט נאָך מיט אונז, און ס׳איז נאָך דאָ אין אים גענוג וואָס צו ראַטעווען פאַר דער אייביקייט. דאָס וואונדער איז, וואָס מ׳קען נאָך ביי אים אין זיינע ביכער געפינען זאַכן, וואָס האָבן נישט אָנגעוואוירן זייער פרישקייט. פון דעם פרוכטבאַרן פּינסקי׳ן קען מען נאָך אויסקלייבן אַ היפּשן קיצור־פּינסקי, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אונזער צייט און זאָל זיין באַוואָרנט מיט נאָך אַ סך לעבן. אַ לעבעדיקע און נישט איבערגעטריבן־פּיעטעטישע מאָנאָגראַפיע וואָלט געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דעם שריפטשטעלער פּינסקי און פאַר די אַלע וואָס גלויבן אמת׳דיק אין דעם המשך פון אונזער ליטעראַטור.

מיר שיקן דורך אים קיין מדינת ישראל איינעם פון די שענסטע און לעבעדיקסטע פאָרשטייער פון זעכציק יאָר אידיש שאַפן. ער סימבאָליזירט מיט זיך די נישט־אָפּגעשטעלטע ענערגיע פון אידיש, און דווקא ער וועט זיין אַ לעבעדיקע דערמאָנונג, אַז אי עם ישראל לעבט אי אידיש לעבט און מ׳קען עס נישט מפצה זיין מיט איבערזעצונגען. אפילו ווען מ׳וועט פּינסקי׳ן איבערזעצן, וועלן זעכציק יאָר אידישע ליטעראַטור מאָנען דורך אים אַ לעבעדיקע באַציאונג צום לעבעדיקן לשון אונזערן.

מיר דאַרפן פּינסקי׳ן דאָרט לאַנג האָבן, ווי מיר האָבן אים דאָ לאַנג באַדאַרפט האָבן. געווען אַמאָל אַ צייט ווען גוטע אידן זיינען אַוועק אָפּריכטן גלות, ער פאָרט איצט אַהיים, אָבער זיינע חלומות פון אַ גרויסער און געזונטער אידישער ליטעראַטור פאָרן מיט אים אָפּריכטן גלות אין ארץ ישראל. מיר וואַרפן אויף אים נישט אַרויף קיין מיסיע, אָבער מיר זיינען זיכער, אַז אין זיין פּערזענלעכקייט וועלן די חלומות פון קינסטלערישן און המשכ׳דיקן אידישן וואָרט אַרויסרופן אָפּשיי און באַציאונג.

1949

שלום אַש

א.

„מרים"

אין „די בשורה לויט מתיא" ווייסט מען נישט אַקוראַט פאַרוואָס די מוטער מרים איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר איר געטלעכער בתולה׳שאַפט. עס ווערט וועגן דעם אַזוי דערציילט מיט קנאַפּע ווערטער:

„און די געבורט פון ישוע־המשיח איז אַזוי געווען: בעת זיין מוטער מרים איז געווען פאַר׳קנס׳ט צו יוספן, און איידער נאָך זיי זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען, איז זי געפונען געוואָרן מעוברת פון דעם רוח הקודש":

איר חתן יוסף בן דוד וויל אַפּלאָזן דעם שידוך, נאָר אַ מלאך פון גאָט לאָזט אים וויסן אין חלום, אַז „דאָס וואָס איז אין איר באַשאַפן, איז פון דעם רוח הקודש". יוסף גלויבט אין דעם חלום און ער האָט חתונה מיט מרימען, הגם ער „דערקענט זי נישט" ביז זי געבערט אַ זון און מען רופט זיין נאָמען ישוע.

דער מלאך פון גאָט באַווייזט זיך שפּעטער ווידער צו יוספן אין חלום און הייסט אים אַנטרינען קיין מצרים, כדי הורדוס זאָל דאָס קינד נישט אומ־ברענגען.

דער געלייטזעליקטער, לויט מתיא׳ן, איז, הייסט עס, יוסף, ווייל ער שטאַמט דירעקט פון דוד׳ן. צו אים באַווייזט זיך דער מלאך און מרים זיין כלה, קומט אויס, ווערט אויסגעקליבן פאַר איר געטלעכער מוטערשאַפט בלויז אַ דאַנק יוסף׳ס קעניגלעכן אַפּשטאַם. די מוטער אַליין איז אַן אומגעוויטיקער צו־גאָב צו דער הייליקער דרייאיינקייט.

אין „די בשורה לויט לוקאַס" קריגט שוין מרים יאָ אַ דירעקטע ראָלע אין איר אייגענעם גורל. אַ מלאך ווערט געשיקט צו דער יונגפרוי, „וואָס איז געווען פאַר׳קנסט צו אַ מאַן מיטן נאָמען יוסף, פון בית־דוד". דער מלאך באַהאַלט זיך נישט אין חלום, ווייל לוקאַס האָט נישט קיין מורא אַנצולייגן איין נס אויפן אַנדערן. דער מלאך איז אונזער וואויל־באַקאַנטער מלאך גבריאל. ער קומט אַריין, עפנט דאָס מויל און זאָגט: „שלום דיר, דו לייטזעליקע, גאָט איז מיט

דיר". ער זאָגט איר אָן די בשורה, אַז זי וועט מעוברת ווערן און געווינען אַ זון. מרים נעמט זיך אויסטענהן מיטן מלאך און פרעגט אים די מענטשלעכע קשיה: „ווי אַזוי וועט דאָס זיין, אַז איך קען נישט קיין מאַן?" אָבער דער מלאך ענט־פערט איר, אַז „דער רוח הקודש וועט קומען אויף דיר און די קראַפט פון דעם אייבערשטן וועט דיך באַשאָטענען". מרימען באַפרידיקט דער ענטפער און זי זאָגט: „זע, דאָס דינסטמיידל פון גאָט, זאָל מיט מיר געשען לויט דיין וואָרט."

די בשורה פון די מלאכים צו דער מוטער שרה סימבאָליזירט כאָטש דעם נאַטירלעכן מענטשלעכן דראַנג נאָך אייביקער יוגנט. אָבער די אינגערע און שפּעטערע רעליגיע, וואָס פאַראָדירט דעם ביבלישן נס, האָט באַזירט איר גאַנצע אמונה אויף אַן איבערנאַטירלעכן און אַנטי־מענטשלעכן, געצנדינערישן איינפאַל צו געבוירן אַ זון אָן אַ מאַנס באַריר. דאָס אָרימע לשון פון דער לוקאַס עוואַנגעליע איז נאָך דערצו גראָב־רעאַליסטיש. ער נוצט אפילו דאָס גע־שלעכטלעכע בילד, אַז דער הייליקער גייסט וועט קומען אויף דעם ריינעם מיידל. ס'איז אינגאַנצן נישט קלאָר דער מיין פון דער פאַרזיכערונג, אַז „די קראַפט פון דעם אייבערשטן וועט דיך באַשאָטענען". הגם „באַשאָטענען" איז אַן איידעלע באַרירונג, איז אָבער דאָס וואָרט „קראַפט" (אין ענגלישן טעקסט „פּאוער") אַ גאַנץ קרעפטיק וואָרט און איז אויך אַ דעטאַל, וואָס זוכט אַפּנים צו מאַכן מענטשלעכער דעם נס מיטן הייליקן גייסט. דער נס ווערט אָבער דורך דער געשלעכטלעכער בילדלעכקייט אַ סך אומפאַרשטענדלעכער אין זיין גשמיות'דיקייט.

דאָס איז געוואָרן דער יסוד פון אָרטאָדאָקסישן קריסטנטום און דערפאַר האָבן זיך זייער וויניק קריסטלעכע קינסטלער געוואָלט צורירן צו דער טעמע. נישט געקוקט אויף דעם גאַנץ פּראָסטן עוואַנגעלישן נוסח, פון דעם הייליקן גייסט'ס קומען אויף דעם מיידל, איז מיר נישט באַקאַנט קיין הייליק בילד פון די צייטן ווען געבורט און קרייציקונג זיינען געווען די הויפּט־טעמעס, אַז אַ קינסטלער זאָל זיך דערוועגן מאָלן די באַפרוכפּערונג און דאָס פאַרגיין אין טראָגן פון דער הייליקער בתולה. מ'האָט עס אָנגענומען פאַר אַ יסוד און נישט גערעדט דערפון, ווייל מ'האָט געוואָלט אויסמיידן די מענטש־לעכע פאַרלעגנהייט פון דאָזיקן איבערנאַטירלעכן אָפּשטאַם פון גאָט־מענטש.

באַמערקט, אַז מתיא איז שעמעוודיקער אין דעם פּרט. ער זאָגט אַז „מרים איז געפונען געוואָרן מעוברת פון רוח הקודש" — און פּטור. ער לאָזט זיך נישט אַריין אין קיין פיזישע איינצלהייטן. און טאָמער דאַרף מתיא אָנ־קומען צו אַ מלאך, דערשיינט ער אין חלום. אָבער לוקאַס מאַכט עס האַמעטנע, ווייל ער, לוקאַס, איז דער אַפּאָסטאַל, וואָס גיט מרים'ען אַן ערשטע ראָלע און

נישט בלויז די צווייטע, די צופעליק אויסגעקליבענע, אין זכות פון איר חתן יוסף'ן.

שלום אַש, דער אידישער שריפטשטעלער, אַ מענטש פון אונזער צייט, רירט זיך יאָ צו צום געבורט פון ישוע, אין זיין קריסטלעכן ווערק. ער פאַר־בינדט ביידע נוסחאות, פון מתיא און פון לוקאַס'ן. אָבער מתיא'ן באַהאַלט ער ערשט אויף שפּעטער, ווען ער דאַרף באַרואיקן יוסף'ן אויף אַלע זיינע ספקות. אַז עס קומט צום געבורט פון געטלעכן קינד באַנוצט זיך אַש מיט דעם פולן טעקסט פון לוקאַס. דער מלאך קומט דירעקט צו מרימען: „מיידל און מלאך זיינען געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע. זייערע בליקן האָבן זיך באַ־געגנט", דערציילט אונז אַש ערנסט און גיט נישט קיין פּינטל מיט אַן אויג.

שפּעטער נעמט אַש אַלץ פון גרייטן. ער נעמט דירעקט די ווערטער פון לוקאַס'ן מיט דער גאַנצער בשורה פון געבורט און ער חזרט פרום איבער, אָן אַן אייגענעם קנייטש, אָן אַ מאָדערנעם טראַפּ אפילו. אונזער שלום אַש'ן איז נישט גענוג מתיא'ס קורצער קאָמפּאַקטער נוסח, אַז מ'האָט זי אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן געפונען מעוברת פון הייליקן גייסט, נאָר ער גיט אונז דעם פולן, נישט פאַרקירצטן לוקאַס־טעקסט, „אַז דער הייליקער גייסט וועט קומען אויף דיר און די קראַפט פון דעם אייבערשטן וועט דיך באַשאָ־טענען". זי ענטפערט אים, אַלץ מיט די ווערטער פון לוקאַס, אַז זי איז דאָס דינסטמיידל פון גאָט.

דאָס קאַפּיטל אין לוקאַס ענדיקט זיך קורץ און שאַרף מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט, אַז דער מלאך איז פון איר אַוועק. שלום אַש מאַכט דאָ יאָ אַ קליינע ענדערונג, אַז דער מלאך איז נישט גלאַט פון איר אַוועק, נאָר אַז מרים האָט טאַקע געזען ווי דער מלאך איז פון איר אַוועק.

די פראַגע פאַרוואָס שלום אַש האָט פון ביידע טעקסטן אויסגעקליבן דעם אומנאַטירלעכן און דעם אַנטי־קינסטלערישן, דעם פּרימיטיוון, דעם וואָס דערלאָזט נישט די מעגלעכקייט פון קיין צווייפלדיטיקן גלויבן, נאָר וואָס ציט אויס די עצמות פון גאַנצן „רוח הקודש" אינצידענט, קען פרעגן נישט נאָר אַ איד, נאָר אויך אַ הייַנטצייַטיקער קריסט. נאָכאַלעמען איז דאָך די ברירה געווען ביי אַש'ן. פאַרוואָס האָט ער, אַ הייַנטצייַטיקער שרייבער, געקענט אָננעמען אַן שום קינסטלערישן קאָמענטאַר און רעזערוואַציעס אָדער אָן אַ מורמל פון קינסטלערישן פּראָטעסט, דעם דאָזיקן נוסח פון מרים'ס פאַרגיין אין טראָגן ?

ווען אַש וואָלט מיט זיין בוך געוואַרט אַביסל לענגער, וואָלט ער אפשר געמוזט אויך איינשליסן די נייע דאָגמע, וואָס די קאַטוילישע קירך האָט אַרויסגעגעבן, ווי אַ חוב פאַר קאַטאָליקן פון אונזער דור, אַז די הייליקע

בתולה געפינט זיך אין הימל נישט נאָר אין גייסט, נאָר ממש אויך אין גוף אַקוראַט ווי יעזוס. אַ דאָגמע איז אַן עיקר, און אויב מ׳גלויבט נישט אין דעם איז מען אַן אַפּיקורס. דער פּויפּסט האָט איינגעזען, אַז אונזער צייט איז רייף פאַר אַזאַ גלויבן, פאַר אַזאַ נייער קאַטוילישער חומרא. אַש האָט איינגעזען אַז אונזער דור אידן איז מסוגל צו הערן די מעשה פון יעזוס׳עס געבורט און דווקא מיט אַלע פּיטשעווקעס, לויט לוקאַס׳ן.

ווייל מיר וויסן דאָך און מיר האָבן שוין געהערט נישט איינמאָל, אַז אַש האָט געשריבן זיינע קריסטלעכע ביכער פאַר אידן און קריסטן, כדי צו שאַפן יענע פּאַפּירענע בריק פון פרידן צווישןביידע גלויבנס. מיר דאַכט זיך, אַז אויך אַ היינטיקער קריסט דאַרף רויט ווערן פון כעס, וואָס מ׳איז מטריח די בוכשטעבלעכע אַנטשטייאונג פון יעזוס׳ן, לויט לוקאַס׳ן, און מ׳גיסט עס איבער אין אַ בוך. אָבער וואָס זאָל נאָך טאָן אַ איד, וואָס אַש אליין האָט אים נישט צוגעגרייט פאַר דעם רעליגיעזן שלום? ווייל ער, שלום אַש, האָט דאָך דעם אידישן לייענער אין משך פון דרייסיק יאָר, נישט געהאָלפן גיין אויף דעם דרך, אַז ער זאָל אין זיך קענען קולטיווירן די גלייכגילטיקייט איבערצולייענען אַ מעשה, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן אונזער פאַר־שטאַנד און זייער גלויבן, צווישן אונזער גאַנצן אוצר פון רייכער איבערנאַ־טירלעכער אָבער טיף־מענטשלעכער לעגענדאַרישקייט, און זייער אומנאַ־טירלעכן, אָדער אַנטי־נאַטירלעכן גלויבן?

מ׳קען אויך אין דער פאַרבינדונג אָפּפרעגן דעם קינסטלערישן מוז פון דער טרילאָגיע, וואָס אַש האָט אָנגעשריבן. וואו איז געלעגן דער צוואַנג צו פאַרענדיקן זיין טרילאָגיע מיט מרים׳ן, ווען אַש האָט מיט זיין נייסטן קריסט־לעכן בוך זיין טרילאָגיע פאַקטיש אָנגעהויבן? אין זיין „מאַן פון נצרת" הויבט ער גלייך אָן פון אַ רייפן רבי יהושע, אין זיין „אַפּאָסטאָל" רעדט ער שוין וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער קריסטלעכער אמונה. צו וואָס איז נויטיק געווען, אַז אַש זאָל פאַרענדיקן זיין טרילאָגיע מיטן אָנהויב, מיטן געבורט פון העלד, כדי ער זאָל אים נאָכאַמאָל קענען ווייזן אַ געקרייציקטן?

דאָס גאַנצע בוך „מרים" מאַכט דעם איינדרוק ווי איבערבלייבעכץ, שיריים פון אַ מחבר׳ס אָנגעזאַמלטע און נישט אויסגענוצטע נאָטיצן פאַר אַ ווערק; אַן אַריבערשוים, וואָס איז נישט פאַרטאָן געוואָרן. איז אַש׳ן אַ שאָד געווען אויך דער אומנויטיקער שטאָף און ער האָט דערפאַר באַשלאָסן, אַז ער מוז נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערקייען זיין אייגענעם מאַטעריאַל, כדי די וועלט זאָל הערן וועגן דעם הייליקן גייסט, וואָס איז געקומען אויף מרים׳ען?

אין אַש׳ס נייסטן ווערק געפינען מיר נישט קיין צענטראַלע טעמע. קיין איין קינסטלערישן אָנהאַלט, סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז דאָס וואָס די מוטער

רחל זאָגט מרים׳ען צום סוף פון בוך, אַז אויך זי האָט נישט געוואָלט זיין מער פון אַ מאַמע, נאָר זי איז פונדעסטוועגן געוואָרן די מאַמע פון אַלע קינדער פון ישראל, איז די הויפּט טעמע פון בוך.

אָבער די טעמע איז קודם כל נישט נאָר אַ פּאַראַדיסטישע, נאָר פּאַר אונז אידן אַ פאַרשוועכרישע. די מוטער רחל, ווי אַ שטענדיקע באַגלייטערין פון דער מאַמע מרים איז עפּעס אַזוינס, אויף וואָס אַ אידישער קינסטלער האָט זיך געמוזט גוט אָנטאָן אַ כח. אין מתיא געפינען מיר דעם בלאָסן אָנדייט אויף דער מוטער רחל און דאָס בלויז אין שייכות דערמיט, אַז הורדוס זאָל האָבן אויסגעהרגעט אַלע אינגלעך „פון צוויי יאָר אַלט און ווייניקער״. דעמאָלט ציטירט מתיא דעם פּסוק אין ירמיה אַז „אַ קול איז געהערט געוואָרן אין רמה, געוויין און גרויס יאָמער, רחל וויינט אויף אירע קינדער״.

אָט די דערמאָנעכץ איז גענוג פאַר אַש׳ן, אַז ער זאָל אָנשטעלן די מוטער רחל אין דינסט ביי מרים׳ען, יעדער מאָל ווען זיין מעשה ווערט אינהאַלטלאָז און זי פאַלט אַרונטער אין די אָפּגרונטן פון פוסטער פאַנטאַזיע־שפּינעכץ, אָדער פון בלויזער אויסשטאַטונג.

די ריין־טעסטאַמענטישע זאָגעכצער ווערן ביי אַש׳ן נישט איבערגעאַנדערשט, נאָר געגעבן „ווי אין פּסוק שטייט״. אָבער ס׳זיינען פאַראַן צענדליקער זייטן אין בוך, וואָס מ׳וואָלט אויך באַדאַרפט ציטירן גראָד דערפאַר, ווייל זיי געהערן נישט צו שעפערישקייט, נאָר זיי זיינען אינגאַנצן שייך צום געביט פון אויסשטאַטונג. זיי שטעלן מיט זיך פאָר פאַרדייעטע און אומפאַרדייעטע אינפאָרמאַציע וואָס אַש האָט געשלונגען און געזאַמלט. אַש דערציילט איבער אַלץ מיט וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט. ער גיט אונז די עסנס, וואָס מ׳האָט געגעסן, די מלבושים וואָס מ׳האָט געטראָגן, דעם כיבוד וואָס מ׳האָט געגעבן, די מנהגים און זיטן פון יענער צייט. דאָס איז נישט בלויז אָנגעלייענטער מאַטעריאַל, ס׳איז אָפּט גרייטער, אַריבערגעטראָגענער שטאָף, ווייל מ׳קען עס אַלץ נישט געדענקען אויפן קאָפּ. דאָס זיינען די צוגעגרייטע נאָטיצן, אַראַנזשירט און אויפגעבלאָזן. דאָס איז די דעקאָראַציע, וואָס אויב מ׳זאָל זי אַרונטעררעכענען פון בוך, מיט די שטיקלעך אָריגינאַלן פון די פאַרשיידענע עוואַנגעליעס צוזאַמען מיט גרייטע קוואַלן פון אונזערע אַלטע מדרשים, וואָס אַש „שענקט״ אַוועק די קריסטן, בעת ער דערציילט פאַר זיי די מעשה פון יעזוס׳עס געבורט, וואָלטן פאַרבליבן עטלעכע פאַרבלאָזע אויסטראַכטענישן, אַ סך פון זיי שענדלעכע, ווי דער נייער ממזר בלבול אויף אידן, אַז דער קליינער יעזוס האָט געראַטעוועט אַ ממזר פון „אונזערע״ הענט (טאָמער האָבן געפעלט בלבולים אויף אידן!).

דער אויטאָרישער אויפטו אין דעם ווערק „מרים״ איז אַן אָרימער.

כ׳זאָג אויטאָרישער, ווייל אין גאַנצן בוך פעלט דער מינדסטער שפור פון אַ קינסטלערישן אָטעם. ווען אַש פאַלט אַריין אין טאָן פון אַ לאַקריצדיקער אומ־גלויבלעכקייט, מאַכט עס דעם איינדרוק, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש וואָלט זיך נאַריש געמאַכט און געוואָלט, איבערגעוואָלט, אַנדערע מאַכן צו נאַר.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די העלדן — מוטער און זון — ווערן אויף קיין מאָמענט נישט קיין לעבדיקע מענטשן, אַז זיי אַנטוויקלען זיך נישט, אַז אַש האָט זיי נישט „איבערגעלעבט" אין זיך. זיין גאַנצער אויפגאַב איז זיי צו פאַרגעטלעכן, ער האָט פאַר זיי נישט געשאַפן קיין איין מענטשלעכן קאָנפליקט. זייערע אַלע יסורים זיינען פּאַפּירענע דעקאָראַציעס. זיי האָבן נישט צו טאָן מיט די טיפע, ביזן ביין איינגעשניטענע יסורים פון בלוט און פליש. די טע־אָלאָגישע ליידן זייערע פּרעפּלט שלום אַש ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, ווי ער וואָלט שוין לאַנג נישט געזען קיין מענטשלעכע ליידן.

אויך אין די ראַמען פון דער באַגרעניצטער און קינדישער אָרימקייט, וואָס אַש ווייזט אַרויס אין זיין נייעם ווערק, האָט אפילו אַ דורכשניטלעכער שרייבער געקענט זיין אַ האַרעלע שעפערישער און דערפינדערישער. ער האָט געקענט די מאָגערע טעקסטן קאָנטראָלירן און זיי שענקען אַביסל וואָרשיינ־לעכקייט. ווען טאָמאַס מאַן האָט פאַר זיין לעבנס־ווערק אויסגעקליבן יוספן אין מצרים, האָט ער אין די ביבלישע סיטואַציעס אַריינגעקנאָטן הײנטצייטיקע קאָנפליקטן, אָבער שלום אַש האָט דווקא געמוזט פאַרענדיקן זיין לעבנס־ווערק מיט דעם געררוך פון קירכן־ווייערעך, מיט דעם לעצטן צוריקקום פון ישו׳ן — אַ ווייסער, מיט דורכגעשטאָכענע הענט, וואָס זיינען אויסגעשפרייט אין אַן „ענדלאָזן אַרומנעם", און ער לאָזט אונז, דעם פאַרפייניקטסטן דור פון אַלע דורות אויף גאָט׳ס ערד, הערן „זיין" קול און זיינע ווערטער — „שלום עליכם!"

אין שלום אַש׳ס נייעם ווערק איז נישט צו געפינען דעם מינדסטן שאָטן פון באַרעכטיקונג אַז אַ קינסטלער זאָל אונז, קינדער פון דער הײנטיקער צייט, לאָזן זען ישו׳ס ווייסע, דורכגעשטאָכענע הענט און לאָזן הערן זיין שלום עליכם, ווי אַ טרייסט.

איך רייד דאָ נאָך אַלץ נישט וועגן פּערזענלעכן גלויבן, אָבער ס׳איז נישטאָ אין דעם ווערק קיין טראָפּן קינסטלערישער גלויבן. נישט פאַראַן אין די אַלע פּאַפּירענע ווערטער קיין לעבעדיקער אָטעם, קיין איין מענטשלעך פּראָבלעם. ווי אַזוי קען אַ קינסטלער אויף דער עלטער פועלן ביי זיך אַזוי גע־טרייסט צו ווערן, דורך אַזאַ אומקינסטלערישן „שלום עליכם"? ווי אַזוי האָט ער זיך געקענט דערלויבן אויסצופּאַקן, אין אונזער שווער־געטראָפענער צייט, אַזאַ אָרימען און אומשעפערישן מאַטעריאַל? ווי אַזוי האָט ער, אַש, זיך דער־

וועגט, אין אונזער אומגליקלעכער, פּײנלעכער צײט, נישט אָפּצופרעגן, נישט צו רעוווידירן, נישט צו קריטיקירן, נישט צו אַנאַליזירן, נישט צו טאָן דאָס, וואָס הונדערטער גלויביקע קריסטן האָבן יאָ געטאָן אין זייערע ביכער? דווקא איצטער איז ער צו אונז געקומען מיט אַ געטרייער איבערדערציילעניש, וואָס צלמ׳ט זיך איבער יעדער מאָמענט ווען זי הויבט אָן צאַנקען ביים שרייבער אונטער די הענט.

דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן דער קינסטלעריש־מאָראַלישער קוואַליטעט פון ווערק, אַ קינסטלעריש ווערק דאַרף דאָך שאַפן זיין אייגענעם מאָראַלישן קלימאַט, אַזוי צו זאָגן, ס׳דאַרף אויסוואַרעמען דעם פונדאַמענט, דעם באָדן וואָס אויף אים איז דאָס ווערק געבויט.

אַ ווערק מוז דאָך קומען אין צייט און שאַפן אַן אַבסאָלוטע און אומפאַר־מיידלעכע באַדערפטיקייט. ווער האָט אויף דעם ווערק געוואַרט און ווער האָט זיך איצט געגויטיקט אין אַזאַ בוכשטעבלעכער קריסטלעכקייט? ווי ביי זיינען יעזוס׳עס און מרים׳ס פּראָבלעמען, אויף וויפיל זיינען זיי אויך אונזערע פּראָ־בלעמען? און צי האָט אַש אויסגעגראָבן אין דעם מעשה׳לע — פון הייליקן גייסט ביז דער גאָלגאָטע — כאָטש איין נייעם שטריך, וואָס זאָל עפּעס פאַר־ענטפערן אַ מענטשלעכע זאָרג, אַ מענטשלעכע פראַגע, אָדער וואָס זאָל זיין בכוח אָפּצואווישן איין ממשות׳דיקע מענטשלעכע טרער?

דאָס ווערק איז צוגעפּאַסט צום היפּאָקריטישן, טעמפּן, זעלבסט־צופרי־דענעם בירגער פון אונזער צייט, פאַר דעם וואָס שטעלט נישט קיין קשיות, זוכט נישט קיין תירוצים, וואָס האָט גאָרנישט געליטן, אפילו נישט מיטגע־ליטן — פאַר אים איז דאָס ווערק ווי אָנגעמאָסטן. ס׳איז אויף אַזוי פיל אַן אַקטיוו ווערק, אויף וויפל ס׳איז אַ שטיק אַקטיווע רעאַקציע, ווי אַש וואָלט אָנגעגורט די לענדן און אַרויס אין קאַמף קעגן אונזער לעבן און אונזער פאַר־שטאַנד.

און אַז מ׳קומט צו דער פראַגע פון אמונה, פון פּריוואַטער אמונה, וואָס מיר טאָרן דאָך נישט, ווי ציוויליזירטע מענטשן, בודק זיין איינער ביים אַנדערן, מעגן מיר דאָך אָבער אָפּפרעגן די אַלע געפּרעפּלטע אני מאמינס ביי דעם „העלד" שלום אַש, נישט ביים מענטש שלום אַש, נאָר ביי דעם אַש׳ן, וואָס מיר אַליין קענען שוין באַלד פופציק יאָר. ווי קומט צו אים, אַז ער זאָל געשלאָגן ווערן מיט אַזאַ שעדלעכער נאַאיוויטעט? ווי קומט צום קינסטלער אַש, ווי ער האָט זיך אַרויפגעצוואונגען אויף דער אידיש־לייענערשער פאַנ־טאַזיע, אַז ער זאָל מיט זיין פען קענען אָנשרייבן, אָדער איבערשרייבן, אַז יעזוס האָט געמאַכט אַ ברכה אויף דער מילך פון זיין מוטער׳ס ברוסט?

אַש אַליין צווינגט אונז איבערצושילדערן דאָס געשטאַלט אַש, וואָס דער

שריפטשטעלער האָט געהאַלפן שאַפן מיט יעדער ווערק זיינס פון זיין „אידי־שער“ פעריאָדע, דערוויל איז פאַר אונז דאָס געשטאַלט אומגלויבלעך און אַ רעכט ביסל שונדיסטיש, און מיר קענען בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט דעם דאַזיקן ביטערן און הפקרדיקן להכעיס, וואָס ליגט אין זיינע ווערק פאַר אונז. נישט קיין פאַרשטענדיקונג ברענגט ער אונז, נאָר גראָבן, מגושמדיקן אויסלאַך.

ווי האָט אַש זיך דערוועגט צוצורירן צום קלאַסיש־מיסיאָנערישן פסוק, אַז „די יונגפרוי וועט טראָגנדיק ווערן און געווינען אַ זון“? דער פאַקט, וואָס ער האָט געקענט מיט אַזאַ לייכט געוויסן אויסוואָרצלען ביי זיך דעם אידישן ווידערווילן צו דער מיסיאָנערישער ראיה, איז אַ באַוויז אויף אַ טראַגישן, אפשר גאָר טראַגי־קאָמישן, צוזאַמענברוך אין דעם אידישן געשטאַלט פון דעם שרייבער אַש, ווי ער האָט אים פאַר אונז אַליין געשילדערט, עטלעכע און דרייסיק יאָר ביז זיין יעזוס־עפּאָכע. אויב זיינע פריערדיקע צוויי ווערק זיינען זיך שאַרף נוקם אין אונזערע געפילן, איז זיין „מרים“ נאָך נידעריקער גע־זונקען, ווייל דאָ האָט ער זיך דערלויבט דעם וואָוילטאָג צו נידערן צו דער לוקאַס־מדרגה און דערציילן אונז, אָן אַ שמייכל, וועגן דער געטלעכער באַ־פרוכפּערונג. דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבן צום ריטם פון דעם אַלטן עם־הארציש־אויסגעטייטשטן פסוק וועגן דער „עלמה“, וואָס מיסיאָנערן פלעגן אָפּשטעקן מיט אַ געוויסן געפּיל פון בושה, וואָס זיי זיינען נעבעך גע־צוואונגען אויסצושלאָגן חיונה פון אַזאַ אומשולדיקן פסוק. שלום אַש האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם איינציקן מאָגערן אָנשפּאַר אויף דעם אַלטן טעסטאַ־מענט. יעדער מינדסטן פסוק, וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם נייעם טעסטאַ־מענט האָט ער אויסגענוצט און עקספּלואַטירט און נאָך געבראַקט אייגענע פסוקים. ס'איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן זיך און אונז אָפּצוטאָן ביזן ביין. ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן אויפצוהויבן אַ האַק, נישט אויף תרח'ס אָפּ־געטער, נאָר אויף זיך אַליין, ווי מיר האָבן אים געזען — פון זיין „שטעטל“, ביז זיין „קדוש השם“.

פאַראַן איין ענטפער אויף די אַלע קשיות, וואָס אַ אידישער מענטש שטעלט זיך, אויב ער פאַרטראַכט זיך איבער אַש'ס אָוועקגיין פון אונז. אַש האָט אַמאָל פאַרמאָגט רויע קראַפט און אַ פּראָדוקטיוויטעט, וואָס איז ביי אונז אידן אַ זעלטנקייט. ער האָט נישט געהאַט די כוחות צו שילדערן מענטשן, ער האָט נישט געקענט אַרומנעמען קריטיש אָן עפּאָכע, ער האָט פאַרמאָגט אַביסל זינגעוודיקייט, וואָס האָט זיין פּראָזע געגעבן דעם אָנזען פון איינ־ספּירירטער דערציילערישקייט. ער האָט געקענט נעמען אַלטע לעגענדעס און זיי דעקלאַמירן אויפן קול, מיטן טראָפּ. ער איז אַלעמאָל געווען עלעמענטאַר,

כמעט קינדיש אין זיינע שילדערונגען. זיין וואוילגעלערנטקייט האָט תמיד געמאַכט דעם איינדרוק פון איבעראַשטער ערשט־אַנטדעקטקייט.

אַ סך פון די מעלות זיינע האָט ער פאַרלוירן, אַ סך פון זיינע חסרונות זיינען געוואָרן אַנזעעוודיקער, בולטער. ער האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון אידישע געשעענישן. ער האָט געלעבט אין אַ צו־פעטן קינסטלערישן וואוילטאָג. ער האָט אַליין דערשפירט די פוסטקייט, די הוילקייט זיינע. ער האָט אָבער אונז אינגאַנצן פאַרלוירן פון אויג. זיין גאַנצע ערודיציע, וואָס ער האָט אַריינגעזופּט, איז געווען אַ קינדיש־אויבנאויפיקע. ער איז קיינמאָל נישט געווען צו שטאַרק אין עקאָנאָמיע און פּאָליטיק, אין מענטשן־באַציאונגען, זיין אויסטייטש פון געשיכטע איז געווען אַ ניסימדיקער. אונזער צייט האָט אים אַ פּאַטש געטאָן און דער שבת׳דיקער איד זיינער איז אומגעקומען. ס׳האָט זיך אים געבענקט נאָך יענער רו, וואָס מיר אידן גיבן נישט אונזערע קינסטלער. מיר האָבן נישט קיין קלויסטערס, מיר האָבן נישט קיין מאָנאַכן. זיינע קריסטלעכע ווערק זיינען געווען אַ פסיכישער איינפאַל פאַר זיין אייגענער צערודערטקייט, פאַר זיין הילפלאָזיקייט און פאַר זיין פאַרטונקלטן טאַלאַנט.

ער האָט פלוצלונג דערזען אַ גאַנצן קלויסטער מיט טעמעס, וואָס מ׳דאַרף זיי נישט אויסטייטשן, איבערלעבן, מ׳דאַרף זיי נאָר זאָגן — קרעאָ! כ׳גלויב, זאָגט ער, אונזער אַמאָליקער שלום אַש, מיט זיין אַמאָליקן קול פון מעביר זיין די סדרה. אונז איז עס פריקרע, אָבער פאַר די קריסטן איז דער טאָן פון אידישן טראָפּ אַ שטיקל נייס, אַן איבעראַשונג.

אינטעליגענטע קריסטן האָבן מורא אויסצודריקן צווייפלען, נאַאיווע קריסטן פרעגן צי איז נישט אַש אַ צייכן אַז די אידן הויבן אָן קומען „צו אונז". צווישן פּחדנות׳דיקער סקעפּטיק פון אינטעליגענטן קריסט און דער איינגעוואָרצלטער מיסיאָנערישער גלויביקייט פון אַ נאַאיוון קריסט — געפינט אַש דערוויל זיין באַגערטע רו פון אַ שרייבער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין קינסטלערישע נשמה. ער איז אין אַ קלויסטער, וואו מ׳דאַרף נישט אַנאַליזירן, וואו די איינציקע ליידן זיינען יעזוס׳עס אויפן קרייץ — מיט באַלד צוויי טויזנט יאָר צוריק.

1949

ב.

„משה"

שלום אש׳ס „משה" פאַרנעמט אַרום פינף הונדערט געדיכטע זייטן און מ׳קען זיך קוים פאַרשטעלן, וויפל זעלבסטדיסציפלין אַזאַ ווערק האָט געפאָדערט פון מחבר. דאָס האָט פשוט געמיינט טאָג־טעגלעכע פאַרשקלאַפונג, אָן אָפּרו, ווייל ער האָט נאָר וואָס אָפּגעפאַרטיקט אַרום צוויי טויזנט זייטן פון זיין קריסטלעכער טרילאָגיע; און אַ ווערק „איסט ריווער" האָט ער אויך אריינגעוואָרפן אינמיטן ווי אַ באַזונדערן צולאָג.

דאָס איז אומגעהייערע פּראָדוקציע, וואָס צווינגט אַ שרייבער צו לעבן מיט זיין אַרבייט פאַקטיש דעם גאַנצן מעת־לעת, אין שווערער דירעקטער זיך־אַרבעט און אין נאָך־שווערער נאַכטראַכטערישער אַרבייט, דאָס וואָס מען רופט כסדר לעבן מיט די העלדן, ביז מען באַפרייט זיך פון זיי דורך אָנשרייבן תם ונשלם. אַז מ׳נעמט נאָך אין באַטראַכט שלום אַש׳ס עלטער, מוז מען באַוואונדערן דעם מענטש וואָס בויט שוין ליטעראַרישע פּיתום ורעמסס קנאַפּע פופציק יאָר און ווערט נאָך אַלץ נישט מיד.

אַש׳ס פּראָדוקטיוויטעט האָט ווייט אַריבערגעשפּאַנט מענדעלי׳ס, פּרצ׳ס, שלום עליכם׳ס און די פּרוכטבאַרקייט זיינע איז נאָך אַלץ, אַ גראַד נידעריקער אָדער אַ גראַד העכער, אין די ראַמען פון די סטאַנדאַרטן וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין אָנגעצייכנט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. אפילו זיינע ערגערע ווערק זיינען נישט אויף אַזויפיל שלעכט, אַז זיי זאָלן פאַרשעמען דעם מחבר פאַר זיך אַליין, אַז ס׳זאָל אים אַליין אָנטאָן חרפות־בושות.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז שלום אַש איינציק־אַרטיק שוין צוליב זיין איבעררראַשנדיקער פיזיש־שרייבערישער ענערגיע. ער איז אַ שרייבער וואָס אַ מאָדערנער בוך־פאַרלעגער קען זיך אויף אים אָנלענען, מיט אים שרייבן קאָנטראַקטן, און זיין זיכער אַז מער־ווייניקער צו דער באַשטימטער דאַטע וועט צוגעשטעלט ווערן אַ ווערק פון אַ דריי־פיר הונדערט טויזנט ווערטער, וואָס וועלן פאַרמאָגן די גרעסטע ענלעכקייט צו גרויס־ליטעראַטור, ווי מ׳האָט עס פאַרשטאַנען אין ניינצטן יאָרהונדערט און ווי מען פאַרשטייט עס נאָך

איצטער, ווען מ׳וויל לעבן אויף דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס יענער יאָר־הונדערט האָט אונז איבערגעלאָזט.

שלום אַש איז קודם כל אַ פּלייסיקער צוגרייטער פון זיינע אייגענע ווערק. לאָמיר נעמען פאַר אַ משל אַזאַ זאַך:

„די דערציאונג פון דער אַקאַדעמיע איז געווען זייער אַ שטרענגע. דער קאַדעט וואָס האָט געקריגן דעם טיטול „קאַפּיטאַן פון שטאָל״ האָט געמוזט אָנהייבן דעם טאָג זייער פרי און איז געהאַלטן געוואָרן אין דער שול ביז נאָך האַלבן טאָג. דער צווייטער האַלבער טאָג איז אויסגענוצט געוואָרן אויף ספּאָרט און אַטלעטישער מושטירונג. פאַר דעם קלענסטן אָפּנייג אין לערנען און אין דער איינגעשטעלטער דיסציפּלין איז דער סטודענט באַשטראָפט געוואָרן מיט שמיץ. די עגיפּטער האָבן געהאַט אַ וואָרט: דאָס אינגל האָט די אויערן פון הינטן; דורך דעם קאָן ער נאָר הערן דורך דעם הינטן״.

מ׳לייענט מיט אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז דאָס אַלץ האָט זיך דער מחבר גענומען די מי גוט אויסצופאָרשן און אַז די עגיפּטישע אינפאָרמאַציע, איז אַ גאַנץ ראַיעלע און איז באַזירט אויף אַ סך צוגרייטונג. ער האָט אַלץ דורכגע־לייענט פריער, גוט קאַטאַלאָגירט, אַרכיטעקטיש געוואוסט פאַראויס וואו אים װעט אויסקומען אַריינצובויען די געזאַמלטע און נאָכגעפאָרשטע אינפאָרמאַציע. זייט אויך זיכער, אַז אפילו דאָס ווערטל וועגן דעם אינגל מיט די אויערן איז נישט אויסגעזויגן פון פינגער, נאָר ראַיעלע סחורה, וואָס אַן עגיפּטאָלאָג האָט פאַרצייכנט און וואָס אַש האָט נאָכגעקוקט און עס אַריינגערוקט דאָרט וואו ער האָט געזען אַ נויטווענדיקייט דערפאַר.

דאָס איז די פּלייסיקע לאַבאָראַטאָריע פון דעם שרייבער מיט אַ פאַרנעם און איר קענט מיר גלויבן אויפן וואָרט, אַז ס׳איז באמת קאַטאָרזשנע אַרבייט.

ווען מען זאָל אַרונטערעכענען די צוגעגרייטע און אויסגעזוכטע אינפאָר־מאַציע, צוזאַמענגעשלעפּטע ערודיציע, און מ׳זאָל נאָך דערצו קענען אויס־קוועטשן פון אַש׳ס „משה״ די חומש־פסוקים וואָס ווערן אויסגעניצט און מ׳זאָל נאָך אַרויסנעמען די אַלע אגדתא׳ס וואָס באַשיינען דאָס ווערק, וואָלטן געבליבן זייער ווייניק שעפערישע זייטן אין גאַנצן בוך. אָבער די גיגאַנטישע אַרבעט פון צוזאַמענטראָגן, אויפבויען און אַרויפבויען, אַריינבויען און אַרומ־בויען, איז ממש צו באַוואונדערן, נישט ווייניקער צו באַוואונדערן, ווי אין אַ סך ווערק פון דעם פאַרנעם, וואָס ווייזן אונז בפירוש, אַז שרייבעריי איז קודם כל שווערע אַרבייט, וואָס פאָדערט אַ סך אָנשטרענגונג.

„מיר ווייסן דערפון — ענטפערט אהרן — און דאָס איז אונזער באַווייז, אַז די פאַרשקלאַפונג פון אונזערע שבטים איז קיינמאָל ניט לעגאַליזירט געוואָרן דורך די עגיפּטישע געזעצן״.

מוחל וואָס אהרן רעדט ווי אַ קאָנגרעסמאַן און באַנוצט זיך מיט אַזאַ וואָרט ווי „לעגאַליזירט", אָבער מיר קענען זיין זיכער אַז די פאַרשקלאַפונג פון די אידישע שבטים, איז בפירוש נישט דערמאָנט געוואָרן אין די עגיפּטישע געזעצן. שלום אַש האָט גוט דורכגעאַקערט דעם גאַנצן עגיפּטישן מאַטעריאַל פאַר זיין „משה", שוין אַריינרעכענענדיק אויך זיגמונד פרויד'ס ווערק, און אונז געגעבן די פאַרלאָזלעכסטע רעזולטאַטן פון זיין פלייסיקער אַרבייט.

און דאַרף מוז געזאָגט ווערן, אַז אין דעם מאָגערן בוך פון אַש'ס אָנהויב, אין זיין „שטעטל", איז ביי דער גאַנצער אָנפאַנגערישער נאַאיוויטעט, געווען מער קראַפטיק־אייגנס, ווי אין די אַלע הונדערטער זייטן פון „משה", וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט לויט גוט־באַקאַנטע מוסטערן.

כ'ווייס און כ'גיב זיך אָפּ אַ פולן רעכענונג, אַז אַ סך פון מיינע חברים האָבן ממש געלעקט די פינגער פון עטלעכע קאַפּיטלעך „משה", וואָס זיינען, ווי אַן אַדרויף אויפן פעטן בוך, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַלן, און כ'ווייס אויך, אַז ס'איז נישט כדאי צו קעמפן קעגן אַזויפיל באַוואונדערונג. אָבער כ'גלויב מיטן גאַנצן האַרצן אין דער אייביקייט פון אידישער שאַפונג; און אין וואָס פאַר אַ לשון דער אידישער שרייבער זאָל נישט זאָגן זיין שמע, וואָלט איך נישט געוואָלט, אַז שפּעפערישער פרימיטיוויזם זאָל ווערן אַ מוסטער, זיך איינבירגערן און ווערן אַ שטער פאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

כ'רעד שוין נישט וועגן מענטשן־שילדערונג, פון דעם איז אין בוך „משה" נישטאָ קיין שפור אפילו, אָבער דאָס ווערק איז אַזוי פרימיטיוו אויפגעפּאַסט, אַז ס'איז דאָס קינדישסטע בוך וואָס אַש האָט אונז געגעבן. שלום אַש האָט אין דער יוגנט ליב געהאַט צו שרייבן — אָדער איבערשרייבן לעגענדעס. זיינע פינף הונדערט זייטן „משה" זיינען אַזאַ יוגנטלעכע איבערשרייבעכץ, וואָס איז אַ סטיל־געמיש פון ליטעראַטור פאַר אַ קינדער זשורנאַל, דורכגעאַקערטע עגיפּטישע מיטאָלאָגיע, און האַמעטנע עסייען וועגן גאָטהייט, כשרות־געזעצן, קרבנות־פרעסעריי פון כהנים — אין קאָלירטן פילם, מיט דער גאַנצער פאַנטאַזיע־שפע פון אַ מואווי־דירעקטאָר, וואָס ווערט, לא עלינו, פאָעטיש.

„ווען משה איז אַרויסגעשוואומען פון דעם טאָל פון טויט, האָט ער זיך געפונען אין אַ אומענדלעך ברייטן ווייס־ליכטיקן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגעלט איבער בלאָע טויאיקע פעלדער צו די פיס פון אַ באַרג. דער שפּיץ פון באַרג איז געשטיגן אין הימל און איז געוואָרן איינס מיט דעם הערלעך שיינענדיקן הימל דורך אַ פלאַקערדיקן חשמל־פייער, וואָס האָט הימל און ערד צוזאַמענגעגאָסן אין איין יחוד. אַרום און אַרום האָט געהערשט שטילקייט, מנוחה. משה איז געווען דער איינציקער באַוועגלעכער חי אין דער גאַנצער יצירה.

די ליכטיקייט פון חשמל־פייער האָט זיך נאָר געזען פון דעם שפּיץ־באַרג, אָבער דער באַרג אַליין איז פאַרהילט געווען אין אַ בלאָען אויסטערלישן וואָלקן־ליכט, וואָס האָט דאָ פאַרשטעלט, דאָ אויפגעדעקט גרין־בלאָלעך באַלויכטענע פעלדער״.

איבער דעם גאַנצן בילד פון משה׳ס טויט ליגט אויסגעגאָסן די פאַר־שווינדערישע פילם־פאַנטאַזיע פון אַ דירעקטאָר, וואָס זשאַלעוועט נישט קיין הימלישע פאַרבן. דאָס איז שוין נישט קיין צוגעגרייטע ערודיטישע אינפאָר־מאַציע, נאָר „אויסדיכטונג״ און „שאַפונג״. דאָס איז דאָס ביסל אייגנס, וואָס איז דאָ אין דעם אויפגעשוואָלענעם חומש.

אַלץ וואָס אין חומש קלינגט גלויבלעך, אַלע ניסים, אַלע געטלעכע וואונ־דער און צייכנס, קלינגט אין אַש׳ס „משה״ שקר וכזב.

ווען אַ שרייבער שלעפּט צוזאַמען די גאַנצע עגיפּטאָלאָגיע, טענה׳ט זיך אויס היינטצייטיק וועגן די כשרות־געזעצן, וואָס זיינען געווען „גוט פאַר זייער צייט״, וואַרפט זיך אַרויף מיט אויפגעקלערטע שטראָף־רייד אויף די כוהנים, וואָס האָבן אויסגעטראַכט די פּאַראַזיטישע קרבנות — ווען אַזאַ שריי־בער בויגט פלוצים פרום אַראָפּ דעם קאָפּ און ער לאָזט אונז הערן אינטימע שמועסן צווישן גאָט און משה׳ן, גלויבן מיר נישט קיין וואָרט.

„משה האָט אָנגעהויבן רופן צום באַרג אַרויף... און אַ קול האָט זיך גע־הערט פון באַרג אַרונטער... משה! משה!״

אין חומש קלינגט עס אויטענטיש. לעבן די אַנדערע ראַציאָנאַליזאַציעס פון מחבר, מאַכט עס דעם איינדרוק פון רעליגיעזן אָנשטעל, ווי דער מחבר וואָלט זיך פלוצים אינמיטן שרייבן אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע.

און אין סאַמע מיטן פון שפּיל אין נאַאיוויזאַציע גייט אַש אַרויס פון זיין ראָלע ווי אַ דערציילער און ער לאָזט אונז הערן אַזעלכע אַנאַכראָניסטישע צייטונג ווערטער:

„אָבער אויך פאַר דעם פרעמדן שקלאַף האָט ער באַשאַפן אַ ריי מענטש־לעכע געזעצן, וואָס ניט נאָר לויט דעם מעמד פון שקלאַפן אין יענער צייט, נאָר אפילו לויט דעם שקלאַפן־שטאַנד פון טויזנטער יאָרן שפּעטער קאָנען זיי באַטראַכט ווערן פאַר רעפאָרמען פון אַ סאַמע רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.. געוויס האָט משה ווי יעדער שטאַרבלעכער בן אדם, געהאַט די השגה פון יושר, וואָס האָט געהערשט אין זיין צייט, און דערפאַר האָט ער אויסגערופן: אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן. ערשט די שפּעטערדיקע אויסטייטשער וועלן דאָס געזעץ קאָרעגירן און טייטשן, אַז עס ווערט דאָ נישט געמיינט אַ צאָן אָדער אַן אויג בפועל ממש, נאָר שאָדן־געלט וואָס דער שולדיקער זאָל

באַצאָלן. דערפאַר אָבער האָט משה צוגלייך געשאַפן אַ ריי געזעצן פון ציווילן כאַראַקטער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער יושרדיקייט".

אַזעלכע טשוועקעוואַטע ווערטער שטעלט אַש אַריין אין זיין ווערק, ווען ער פאַרלירט דאָס געדולד און ער לאָזט דעם מחבר אריינרעדן אין זיין פאַרצייטיש ווערק אַריין.

אָבער נישט אַלעמאָל איז אַש געדולדיק מיט משה'ס געזעצן. אַז ס'קומט צו כשרות גיט אונז דער מחבר אַזוי צו פאַרשטיין:

„מיר גלויבן אַז די געזעצן פון דיעטע און ריינהאַלטונג, וואָס משה האָט ארויסגעגעבן זיינען געווען פאַראָרדענונגען, וואָס זייער כוונה איז געווען דאָס פאַרהאַלטן די בני ישראל פון פאַרניכטונג דורך נישט פאַסיקע שפייזן... די אַלע געזעצן זיינען געווען דערוויילִיקע פאַראָרדענונגען, פאַראָרדענונגען פאַר דער צייט, וואָס זיי וועלן זיך געפינען אין מדבר".

אָט מיט דער איידעלער שפּראַך פון „פאַראָרדענונגען" פאַלט אַש אַריין משה'ן אין די רייד אַריין, ווען ער פאַרלירט זיין אָנגעשטעלט קינסטלעריש געדולד און ער ווערט אַ פּרעדיקער.

נישט אַלעמאָל לאָזט אַש צוימען זיין אומגעדולד דורך רעדן ראַציאָנאַ־ ליסטיש. אַמאָל ווערט ער פּשוט אויפגערעגט און ער דערלאַנגט משה'ן אַ פּאַר־ ציע שאַרפע קריטיק.

„קיינער, קיינער וועט ניט פאַרענטפערן, אָדער, חלילה, באַרעכטיקן משה'ס האַנדלען בנוגע די מדינים. נאָר אָן באַרעכטיקונג און אָן פאַרענטפערונג מעג דערלויבט זיין צו דערקלערן משה'ס פאַרטיליקונג־קריג, וואָס ער האָט גע־ פירט קעגן די פרויען און די קינדער פון מדין, אין דעם ליכט פון זיין אייגענעם מאָראַלישן איינשטעל".

ביי ווענען אַש זוכט דערלויבעניש פאַר זיינע רייד איז נישט קלאָר, אָבער אַזוי רעדט אַש, ווען ביי אים פּלאַצן אַלע סטיליסטישע געדולדן און דער גאַנ־ צער אָנשטעל פון עגיפּטאָלאָגיע, אַלט־סעמיטיזם און בעלעטריסטיק.

אָפּטמאָל מישט אַש דאָס זאַגערישע לשון זיינס מיט דעם נאַאיוון טעקסט, וואָס מאַכט אַ קינדישן איינדרוק:

„אַ גרויסע איבעראַנדערשונג איז פאָרגעקומען בנוגע דעם צערעמאָניאַל פון דער עבודה צווישן דער צייט פאַר דעם עגל און נאָך דעם עגל — ביי גאָט און ביי משה'ן. גאָט און משה זיינען געווען שווה־בדעה און וואָס משה האָט געוואָלט, האָט עס אים גאָט נאָכגעגעבן, מער נאָך נאָכן עגל, ווי פאַר דעם. עס האָט אויסגעזען ווי משה וואָלט באַהערשט די דעה, חלילה פון כביכול, און ער האָט אים אויך נאָכגעגעבן אין דעם ענין פון צערעמאָניאַל".

משה׳ס קאָלאָסאַלער איינפלוס אויף גאָט איז אומגעהייער. אָבער כדי דער איינפלוס זאָל זיין אַ פּערמאַנענטער זיינען נייטיק געווען אַ סך אינטימע דורכשמועסן און דיסקוסיעס. אַ שאָד וואָס אַש האָט אונז נישט צוגעלאָזט בענטער צום קוואַל פון די דיסקוסיעס, ווען משה און גאָט האָבן היציק דיסקוטירט די פאַרשידענע „פאַראָרדענונגען״.

איך האָב אַדורכגעלאָזט די גאַנצע מחלוקה מיט אַש׳ס פאַרקריסטלעכונג, אפילו מיט דער באַוואוסטזיניקער פרימיטיוויזאַציע פון אַלטן, האַרטן טעסטאַמענט, ווי אַן אַנטקעגנשטעל צו די נייע, ווייכע תורות, וואָס פון זיי האָט אַש אונז דערציילט אין זיין קריסטלעכער טרילאָגיע. איך האָב עס אַלץ בכיוון דורכגעלאָזט, כדי נישט אַריינצופאַלן אין אַ דיסקוסיע, וואָס רייצט אויף אונזערע „פרייע גייסטער״ און מאָביליזירט זיי גלייך צו ווערן די לייב־גוואַרדיע פון אַש׳ס קינסטלערישער פרייהייט.

„משה״, אַש׳ס פערט קריסטאָלאָגיש ווערק, אַנטבלויזט חסרונות, וואָס ווערן נאָך אַלץ אָנגענומען ווי גרויסע קינסטלערישע מעלות, דורך ביין און נײנציק פראָצענט אידישע קריטיקער. דער קאַמף קעגן דער מאַיאָריטעט מבינות איז אַרויסגעוואָרפן. אָבער די ליטעראַטור אַליין וועט סוף כל סוף געווינען דעם קאַמף קעגן פאַראַדיע, אָנשטעל, מעלאָדראַמע און פלאַכקייט און אָנווייזן אויף דעם אונטערשייד צווישן פלייסיקער, אומגעלומפּערטער באַלמעלאָכעשאַפט, און דעם וואונדערלעכן סוד פון שעפערישקייט, וואָס אין יעדער באַזונדערער צייט לייכט זי מיט דער חכמה פון אַלע צייטן.

1952

יואל ענטין

יואל ענטין האָט פּונקט מיט זעכציק יאָר צוריק אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַ ליד, און דווקא מיט אַן ענגליש ליד, וועגן ערשטן מאַי. מיר איז דאָס ליד קיינמאָל נישט געלונגען אויפצוזוכן, ווייס איך דערפאַר נישט ווי פעסט דער יונגער אימיגראַנט איז געשטאַנען אויף דעם פעלז פון דער ענגלישער פּאָעזיע. אָבער ס׳איז געווען אַ מזלדיקע זאַך פאַר דער אידישער ליטעראַטור און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם באַוואוסטזיניקן אידישן געדאַנק אין אַמעריקע, וואָס דאָס ענגלישע ליד וועגן אַן ערשטער מאַי פּראָצעסיע, איז פאַרבליבן נישט מער ווי אַן ערשטע, אויסטערלישע דאַטע אין ענטינ׳ס ליטעראַרישער קאַריערע. אין יאָר 1896, אַקוראַט מיט זעכציק יאָר צוריק, האָט ענטין, קורץ נאָך זיין ענגליש ליד, אָפּגעדרוקט אין אידיש אַן איבערזעצונג פון אַן ענגלישן מחבר — אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „פּרימיטיווער קולטור״.

זאָל נישט גרינגעשעצט ווערן אַזאַ אומדירעקטער אַריינטריט אין גבול פון אידיש, ווייל דאָס האָט געעפנט איין קאַפּיטל פון ענטינ׳ס רייכער קאַריערע. יואל ענטין דער איבערזעצער איז אייגנטלעך געווען ענטין דער לערער און וועגווייזער. די אידישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט געוואַרט אויף אַזעלכע יונגעלייט ווי ענטין, אַז זיי זאָלן עפענען טויערן און באַקענען דעם נייעם אידישן לייענער מיט דער וועלט־ליטעראַטור. ענטינ׳ס ערשטע איבערזעצונג איז נישט געווען קיין צייטווייליקער ליטעראַרישער פּאַספּאַרט, נאָר די ערשטע טריט פון אַן איבערזעצער וואָס האָט באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט אַ סך איבערגעזעצטע דערציילונגען, דראַמען און אפילו סאָציאַליסטישע בראָשורן, פון באַרימטע וועלט־שרייבערס.

אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער איז שוין ענטין אַריין מיטן רעכטן פוס אין דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט גלייך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן טעאַטער און אפילו אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן בעלעטריסטישע און האַלב־בעלעטריסטישע עסייען אין „פאָרווערטס״. ער האָט מער נישט געשריבן קיין לידער, אָבער געזאַנג האָט געציטערט אין אַלע זיינע אָריגינעלע שאַפונגען, אין זיינע בעלעטריסטישע זאַכן, ווי אין זיינע טעאַטער און שפּעטערדיקע ליטע־

ראַטור־קריטיקן. דער זינגענדיקער טאָן האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, דורך די זעכציק יאָר פון זיין רייכער טועוודיקייט.

דער וואַרימער ניגון פון זיין פערזענלעכן שמועס פלאָטערט תמיד אין זיינע געשריבענע רייד. נישט אומזיסט האָט ער אַ סך געשריבן — און מיט טיפער בענקשאַפט — וועגן אידישע ימים טובים. יעדער אַרטיקל זיינס, אפילו אַ פובליציסטיש, פאַרמאָגט אין זיך אַ גוט־יום־טוב אויסרוף. יעדער עסיי זיינע קאָן לייכט כאַראַקטעריזירט ווערן ווי — אַ זאָל זיין יום טוב אידן! ער האָט אומעטום אָנגעצונדן אַ סך אידישע לייכטער און ס׳איז געוואָרן ליכטיקער אין היגן אידישן לעבן.

מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ס׳איז אויף ענטינ׳ס פלייצעס געפאַלן דער עול צו באַווייזן, ווי נאָענט נאַציאָנאַל־ראַדיקאַליזם קאָן זיין צו אַלט־אידישקייט. ער איז אויך מיט דעם געווען דער איבערזעצער וואָס האָט געמוזט איבער־זעצן אַלטע, איינגעפונדעוועטע אידישע מצוות אויף נייע, וואָס זאָלן אויך זיין שווער־באַוואָרנט און פונקט אַזאַ חיוב־אידישקייט, ווי ס׳איז געווען דער שולחן־ערוך. ער האָט עס פרי באַוויזן מיט דער אידישער דיסציפלין וואָס ער האָט אויסגעשמידט אין זיך. קיינער האָט אַזוי נישט־געזינדיקט מיט דער פען און מיט דעם רעדנערישן מויל, ווי ער, ווען אַ סך גערעדטע ווערטער און געשריבענע רייד זיינען געווען וואָלוול און זיי האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות מיט קאָפּ און האַרץ.

ענטין איז אַריין אין יעדער ווינקל פון היגן אידישן לעבן און אומעטום געטאָן פיאָנערישע אַרבעט, ממש שוואַרצע אַרבעט. אַליין געווען האָלץ־העקער און וואַסער־שעפּער אומעטום, וואו דאָס אידישע לעבן האָט באַדאַרפט מען זאָל פאָלגן אַ גאַנג און פאַרקאַשערן די אַרבל. ער איז געקומען צו דער אי־דישער שולע ווי אַ טוער, אַ לערער, דירעקטאָר, אַ טעקסט־בוך מחבר; ער איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער חובב־אידיש אין אַמעריקע און ס׳איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אָנצוקינדיקן דעם סוף. ער איז געקומען צום היגן אידישן טעאַטער ווי אַן אָרגאַניזירער, קעמפער, איניציאַטאָר, דערציער, נאָך אידער ער איז געוואָרן דער קריטיקער און אַפּאָלאָגעט פון בעסערן אידישן טעאַטער; ער איז געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור ווי אַן אויסטייטשער און אָפּשאַצער, נאָך אַ סך פריער פון בעל מחשבות׳ן, מיט אַן אייגענער קינסט־לערישער קריטעריע, וואָס איז געווען וועלט־אידיש. ער איז אַריין טיף אין דער באַוועגונג פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק און מקבל געווען סיי די שטרענגע פּאַרטיי אויפגאַבן, סיי די פּאָלקסטימלעכע טואונגען. אָט די אַלע נייע און נויטיקע אידישע מצוות, נייטיק פאַר דער אויספורעמונג פון דער נייער אידישער פערזענלעכקייט, האָט יואל ענטין קודם כל גענומען אויף זיך

און איז געוואָרן דער שטרענגער טרעגער פון די אַלע אידישע עול׳ן. ער איז געווען דער גרויסער אָרטאָדאָקס פון די אַלע ניי־געוואונענע אידישע מעשים טובים, און אומעטום וואו ער איז געקומען האָט ער גלייך אָנגעצונדן די ליכט און אויסגערופן — זאָל זיין יום טוב, אידן!

ענטין ווי אַ לערער און מורה־דרך האָט, אין דער צייט פון דער גרעסטער אידיש־אַמעריקאַנער בלאָנדזשעניש און פאַרלוירעניש, געהאָלפן אָפּראַטעווען אַ אידישע אינטעליגענץ, ווייל ער אַליין איז געווען דער ביישפיל פון אַ רייכער מאַנטאַש־אידישקייט, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע חנ׳ען פון אונזער המשך. אַ גרויסער לערער, האָט ער פריער געשאַפן די ליכטיקייט פון די מעשים און שפּעטער די לאָגיק פאַר זיי, פריער אַריינגעטריבן אין אידישן לעבן די פיל חיוב׳דיקייט אויף אַלערליי געביטן, און שפּעטער געשאַפן די „גראַמאַטיק״ דערפאַר.

ס׳איז בפירוש נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז מיט ענטינ׳ס אַריינקום אין אידישן לעבן, האָט אידיש ביי אונז אין לאַנד געוואונען נישט נאָר אַ פּאָזיציע, נאָר אַ פעסטונג. ער איז גלייך געוואָרן איינס מיט זיין לשון. פאַר זיין צייט איז עס געווען נישט קיין קליינער אויפטו. אידיש איז בלויז געווען אַ באַדינונג־מיטל, מען האָט זיך דערמיט געשאַפט, אָבער מען איז געווען גרייט אָפּצושאַפן דאָס לשון, יעדער איינער אויפן וועג צו זיינע באַזונדערע אוטאָפּיעס. דאָס פאָלק האָט דעמאָלט נישט געקראָגן קיין לעקציעס, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אידיש, האָט אונזער לשון געכאַפּט קלעפּ פון אַלע זייטן און איז געווען אין גרויס סכנה פאַרווילדעוועט צו ווערן.

מיט זיין פרוכטבאַרער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט און מיט זיין טיפן גלויבן אין דעם גוטס וואָס ער האָט געטאָן, האָט יואל ענטין ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַזאַ גראָבן און וואולגאַרן צוגאַנג צו אונזער לשון. ער האָט אַ קורצע צייט גאָרנישט פאַרדעכטיקט, אַז ס׳איז נייטיק צו קעמפן פאַר אידיש, בעת מען שרייבט, מען רעדט און מען טוט אידיש. אָבער ווען ער האָט געגומען איינזען ווי מען לאָקערט אויף אידיש פון אַלע ווינקעלעך, און ווי מען נוצט אויס די שפּראַך ציניש, מען פאַרדינט געלט און כבוד און מען מאַכט זיך אַ נאָמען אויפן חשבון פון אַן אָנגעצייכנטן אונטערגאַנג, איז ער געוואָרן דער גרויסער קעמפער פאַר אונזער אידיש לשון ביי אונז אין אַמעריקע.

די אידישע שול־באַוועגונג, וואָס ער האָט געהאָלפן אָנהויבן און געשטאַלטן מיט 45 יאָר צוריק, האָט אים צו פאַרדאַנקען פאַר אירע ערשטע גליקלעכע טריט. אויב מיר האָבן נאָך ביים היינטיקן טאָג אַ שטיקל ירושה פון יענעם בראשית, זיינען מיר שולדיק אַ חוב יואל ענטינען, וואָס זיין גלויבן איז געווען אַזוי תמימותדיק און פול־קערנדיק, אַז נאָך היינט לעבט מען אויף דעם

איבערבלייבעכץ; ווי טרויעריק ס׳זאָל דעם רבין אַליין ניט ווערן, וואָס ער דאַרף אפשר שוין אַליין ניצן פּאַרגרעסער־ברילן, כדי צו דערקענען אין דעם ביסל אַש די ענלעכקייט צום אַמאָליקן פייער וואָס ער האָט אויפגעבלאָזן.

דאָס אידישע טעאַטער אין אַמעריקע, פון זיין גאָלדענער עפּאָכע ביז די טעג פון זיין טראַגישן הינערפּלעט, איז פאַרבונדן מיטן נאָמען יואל ענטין. דאָס טעאַטער פון יעקב גאָרדאָן און שפּעטער פון לעאָן קאָברין, האָט אין ענטינען ניט נאָר געהאַט איר גרויסן און פאַרנעמיקן קריטיקער, וואָס האָט געלערנט דעם עולם הנאה צו האָבן פון טעאַטער, מיט קלאָרע אויגן און מיט אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר דעם צאַפּל פון דראַמע, נאָר אויך איר פייערדיקן קעמפער און דערציער פון נייע גרויסע בינע־טאַלאַנטן. ער האָט דער ערשטער דערקענט דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן כוח פון גאָרדינען פאַרן אידישן טעאַטער. ער האָט דערשפּירט אַז ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ שטאַרקער שונא פון שונד; און הגם ער איז געווען אַ מבין אויף גאָרדינס אַלע חסרונות און ניט־דערגאַנגענקייטן, האָט ער אָבער ניט פאַרפעלט צו זען די מעלות זיינע פאַר דער געזונטער און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון אידישן טעאַטער. ער האָט דערזען די בריק וואָס גאָרדין האָט געבויט, פון דער בינע צו אַ נייעם ענטור־זיאַסטישן טעאַטער־עולם, און די מעגלעכקייטן וואָס ער האָט געשאַפן פאַר דער אויסשולונג פון אַקטיאָרן.

ענטינ׳ס ערנסטע טעאַטער־קריטיק איז אפשר געווען צופיל משא פאַר גאָרדינס ניט צו־זיכערער דראַמאַטורגיע, אָבער גראָד די משא וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן בעסערן אידישן טעאַטער, האָט געהאָלפן אָנהאַלטן די חשיבות און אויפהאַלטן דעם ניוואָ פון דער גאָרדין־עפּאָכע.

די טראַגעדיע פון אידישן טעאטער איז ענטינ׳ס טיפע פערזענלעכע טראַגעדיע. אין משך פון די לעצטע יאָרן פלעגט ער ניט איינמאָל זיך באַווייזן מיט זיינע גרינטלעכע רעצענזיעס, אָבער דאָס אידישע טעאַטער פון היינט האָט שוין מער ניט קיין כח אויסצוהאַלטן די שווערע משא פון זיין מאָנונג אָדער לויב. ניט איינמאָל איז ער געקומען מיט זיין טיפן ערנסט און מיט זיינע אַמאָליקע כוונות אָנצוצינדן די לייכטער און שרייען גוט יום טוב אידן — אָבער דער יום טוב האָט פאַרלאָזן דאָס אידישע טעאַטער. די טאַנדעטנע סצענישע בנינים האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרערנסטן און זיי זיינען איינגעפאַלן, נאָך איידער יואל ענטין האָט זיי געקאָנט אונטערכאַפּן.

אָבער דאָס גרויסע וואונדער איז ענטינ׳ס ליטעראַטור־קריטיק. דער מאַן פון דער גאָרדין־עפּאָכע און פון דער צייט ווען ס׳האָט נאָך געשריבן דער יונגער ראָזנפעלד און דער מיטליאָריקער ווינטשעווסקי; דער קריטיקער וואָס האָט נאָך אויפגענומען דעם יונגן דיכטער י. אַדלער, איז אויך געווען

דער אויפנעמער, פאַרשטייער און גרויסצוגיקער פאַרטייטשער פון דער יונגער אידישער ליטעראַטור. אין ענטינ׳ס ליטעראַטור־קריטיק, מער ווי אין אַלע זיינע פובליציסטישע און אַנדערע אַרבעטן, דערשפירט מען באַ־שיינפערלעך די הנאה וואָס ענטין האָט געהאַט בעת׳ן שרייבן.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ווען די „יונגע" זיינען אַנגעקומען, האָבן זיי שוין אין יואל ענטינ׳ען געטראָפן אַ פאַראויסלויפער, פאָפולאַריזאַטאָר, אויסטייטשער און רעדאַקטאָר פון די ערשטע יונגע, ווען זיי זיינען נאָך ניט געווען „אָרגאַניזירט". דער זשורנאַל „די יוגנט", וואָס איז דערשינען אין 1907 און וואָס האָט אַרום זיך גרופירט אַ סך פון די שפעטערדיקע „יונגע", האָט אַרויסגערופן אַ סך הייס בלוט. ווער איז געקומען צו הילף אונזערע ערשטע מאָדערניסטן? יואל ענטין מיט זיין אַפּאָלאָגעטישער קריטיק, וואָס האָט פאַרמאָגט איבערצייגנדיקייט און וואָס האָט גלייך געהאָלפן איינבירגערן דאָס נייע אידישע וואָרט, סיי אין פּאָעזיע און סיי אין פּראָזע.

ענטין האָט בכלל פאַרמאָגט אַ טיפן זין און אַן אָפּשאַצערישע פאַרשטענ־דיקייט פאַר די אַמעריקאַנישע פּרוכטן, וואָס דאָס אידישע וואָרט האָט אונז געבראַכט. קיינער האָט אַזוי נישט אויפגענומען און דערשפירט די אידיש־אַמעריקאַנישקייט פון דער היגער ליטעראַטור ווי ער — פון קאָברינען און ליבינען, ביז ברוך גלאַזמאַנען און דעם נאָך אינגערן ש. מיללער. זיינע לענגערע געטרייע און וואַרעם־אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן גלאַזמאַנען און ש. מיללערן, ווייזן אַ רירנדיקע וואַכזאַמקייט איבער דעם אייגנס, וואָס אַמעריקע האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער פּראָזע.

דעם זעלביקן חוש האָט ער תמיד אַרויסגעוויזן, ווען ער איז געקומען צו די לידער פון די „יונגע" און בעיקר צו מאַני לייב׳ן. אויך אין זיי האָט ער דערקענט די באַזונדערע ברכות פון אידישן פּאָעטישן וואָרט אין אַמעריקע. טראָץ די השפעות פון אַלט־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן איז דאָס אידישע פּאָע־טישע וואָרט פון די „יונגע" פאַרט געווען אַן אייגנאַרטיקער אַמעריקאַנישער צושטייער צו דער אידישער פּאָעזיע.

אָפּגערעדט דערפון וואָס ענטין האָט די אידישע קריטיק אין אַמעריקע געפונען אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד און ער האָט זי אַ הויב געטאָן, ממש פון דער קעלערדיקער און פאַרוואָרלאָזטער נידער, צו אַ הויך פון אַחריות פאַרן אייגענעם וואָרט און אַחריות צום אידישן שעפער וועמענס ווערק ער האָט קריטיקירט — דאָס איז איינגעקריצט און פאַרצייכנט אין די אַנאַלן פון אונזער ליטעראַטור־געשיכטע. ער איז דער ערשטער געקומען מיט אַ קריטישער טער־מינאָלאָגיע, וואָס ער האָט אַנגעווענדט אויף אידיש־שעפערישע ווערטן, ווען קריטיק איז נאָך געשטאַנען מיט אַ קרום שמייכעלע איבער דעם ווערק, און

איז אין עצם געלעגן זיין קלאָפּטער אונטער דעם קריטיקירטן ווערק. ענטין האָט דער ערשטער פאַר׳חשוב׳ט דעם שעפער, דערמיט וואָס ער איז צוגעטראָטן מיט דרך ארץ צום אידישן געשריבענעם וואָרט.

זיין נייסטע ברייטע אַרבעט וועגן מאַני לייב׳ן האָט ניט נאָר אַרויסגעבראַכט די מייסטערישקייט פון מאַני לייב׳ס פערזן, נאָר ביי די ראַנדן פון דער פאַרטיפטער אָפּשאַצונג, האָט יואל ענטין אַליין אויך געמייסטערט זיין אידיש, פאַרבילדלעכט זיינע אויסדרוקן, אָפּגעהיט דעם ריטם פון שרייבן און אַריינגעטאָן אין זיין קריטישער הסברה אַ סך שרייב־פרייד ווי ער וואָלט פאַר יעדער זאַץ געזאָגט — אַ מחיה בנאמנות צו שרייבן אידיש!

און געקייטלט און פאַרבונדן איז אַלץ וואָס ער שרייבט נאָך — מיט זיין אָנהויב, מיט זיין ריטמישער פּראָזע, מיט זיין לירישער בעלעטריסטיק, מיט זיין נאָסטאַלגיע פאַר אידישער יום־טוב׳דיקייט און מיט זיין פרייד צו זיין דער אָנצינדער פון יום טוב אין אידישן לעבן. זיין ליטעראַרישע קריטיק איז אויך געוואָרן אַ טייל פון דער מצוהדיקער טועוודיקייט, וואָס דער גאַנצער איד האָט כסדר געטראָגן אויף זיך און ניט נאָר וועגן דעם געשריבן און גערעדט, נאָר אויך מקיים געווען.

ש. מיללער

פאַר זיין ראָמאַן „דור הפלגה״ האָט ש. מיללער געקראָגן די לאַמעד־פּרע־מיע פאַר דעם יאָר 1946 און ער האָט עס כשר פאַרדינט. ביז דעם ראָמאַן האָט מיללער אַרויסגעגעבן זעקס ביכער מיט קורצע און לענגערע דערציילונגען. „דור הפלגה״ איז זיין ערשטער ראָמאַן, אָבער די מייסטע דערציילונגען זיינען געווען אַ מין צוגרייטונג פאַר דער איינציקער סימפאָניע וואָס ער האָט ביז איצט אָנגעשריבן.

סימפאָניע ווערט דאָ באַנוצט באַוואוסטזיניק, ווייל מיללער׳ס דערציילונגען זיינען מוזיקאַליש אויפגעבויט. זיין לשון און זיין אויפבוי פון אַ דערציילונג האָבן אַ סאָלידן מוזיקאַלישן פונדאַמענט. ווי אַ מוזיקער פון פּראָזע, איז ער נישט קיין גרויסער שעפער פון מעלאָדיע. ער איז גיכער געניגט צו פּאָליפאָנישער מוזיק, און בכלל האָט ער זיך געווידמעט צו דער אַרבעט פון שאַפן טערפּקע מוזיק.

ש. מיללער האָט אַמאָל געשריבן לידער, אָבער פון זיין פּראָזע האָט ער פאַרטריבן יעדער סימן פון זינגעוודיקער פּאָעטישקייט. זיין טאָן איז אַ וואָכעדיקער און פון דער וואָכעדיקייט האָט ער זיך פאַר׳עקשנ׳ט צו שאַפן אַן אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישקייט. זיין פּראָזע איז דער אַבסאָלוטער היפוך פון פּאָעזיע, אָבער מוזיקאַליש איז זי דורך און דורך און יעדער דערציילונג איז געבויט אויף מוזיקאַלישער מאַטעמאַטיק.

אָפּטמאָל איז די מאַטעמאַטיק אַ מאָנאָטאָנע, אָבער געטריי איז ער צום געדאַנק, אַז ער איז מחויב צו געבן די טאָנאַליטעט פון אונזער אידיש־אַמעריקאַנער לעבן. ער האָט נישט שטאַרק ליב דאָס לעבן און ער זעט נישט זיין יום־טוב׳דיקייט. די וואָך פון כולו וואָך זוכט ש. מיללער צו פאַנגען און דערפאַר דערלויבט ער נישט אַז זיינע ווערטער זאָלן זיך צעזינגען, כדי נישט צו שטערן די „האַרמאָניע״ פון דעם אידיש־אַמעריקאַנישן דיסאָנאַנס. פאַרקערט, ער פאַרהייזעריקט זיינע ווערטער אָפּטמאָל באַוואוסטזיניק, און ער האָט הנאה צו זען וואָס פאַר אַ פּראָזע־ריטמען ער קריגט אַרויס פון דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער אַרבעט. אין זיין טעכניק איז ער אויסערלעך נאָענט צו די נייע אַמעריקאַנער פּראָזע־קינסטלער. אויף אים האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה העמינגוועי מיט זיין וואָכעדיקן דיאַלאָג, דאָס פּאַסאָס מיט

זיין אורבאַניסטישער מאָס און מיט זיינע גרויס־צוגיקע איבערראַשונגען. אָבער ש. מיללער האָט אויך געלערנט פון דזשאָיסן, אין זיין „יוליסעס" פּעריאָדע, מיט זיין „שטראָם פון באַוואוסטזיין", מיט זיינע סטאַקאַטאָ־מחשבות, וואָס פּויקן ערגעץ אויף אַן אומהיימלעכער פּויק, בעת דער העלד האַנדלט.

און שוין דערפאַר אַליין, וואָס ש. מיללער איז אַ דורכאויס אַמעריקאַנישער שרייבער און מיט אַ קינסטלערישן באַוואוסטזיין, האָט ער פאַרדינט אַ סך אָנערקענונג. אין אַ געוויסן זין איז ער אַמעריקאַנישער פון ברוך גלאַזמאַנ׳ען. ברוך גלאַזמאַן האָט צופיל געוואָרצלט אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור, און אַז ער האָט געמאַכט אַ טריט־צוויי אַרויס, האָט ער גלייך געמאַכט אַ צוריק־טריט. אָבער ש. מיללער האָט זיך געשטעלט דעם אויפגאַב צו שילדערן די אידישע אַמעריקע, און ווי אומדאַנקבאַר דאָס זאָל נישט זיין פאַר אַ יונגן שרייבער, וואָס רעדט צו אַן עולם וואָס שעפּט זיין באַגייסטערונג פון אַ נישט־געשטילטער היים־בענקשאַפט, איז ער פונדעסטוועגן געגאַנגען זיין וועג און ער האָט דאָך געקראָגן אַ צאָל גוטע און געטרייע לייענערס.

ער האָט נישט געלערנט נישט פון ליבינ׳ען און נישט פון קאָברינ׳ען, וואָס זיינען אין תוך געווען ראָמאַנטיקער און וואָס האָבן זיך נישט געשטעלט קיין אַנאַליטישע אויפגאַבן. מיללער האָט, ווי כ׳האָב פריער געזאָגט, גיכער געלערנט פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען זיינע לערערס געווען ל. שאַפּיראָ און י. אָפּאַטאָשו, מיט זייער שניידיקער דעקאָראַטיווקייט. זיין שווערסטער אויפגאַב איז אָבער געווען דאָס לשון, ווייל זיין אויער האָט אים דיקטירט אַז ער מוז זוכן צו אַמעריקאַניזירן זיין אידיש נישט פון דרויסן, דורך פאַרווילדעוועטע און קאָמישע „טייבל־טשער" לאַטעס, נאָר פון אינווייניק, דורך דעם נייעם טעם און דער מוזיק פון ענגליש אַרום אונזער אידיש; דורך די ריטמען פון דער ענגלישער שפּראַך, ווי זיי גיבן זיך איבער אַ אידיש אויער.

דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע אַרבעט, אָבער ש. מיללער האָט עס כסדר געזוכט צו טאָן, הגם נישט אַלעמאָל מיט דעם זעלביקן דערפאָלג. אָבער שוין זיין פאַרמעסט איז געווען אינטערעסאַנט. מ׳דאַרף בלויז דורכלייענען אַ צוויי־דריי בלעטלעך פון זיינס אַ דערציילונג און זען, אַז ער זוכט אַריינצוגיסן אין אידיש די מוזיק פון ענגליש, אַז ער זוכט צו סטיליזירן דעם באַרבאַרישן אידיש־אַמעריקאַנישן דיאַלאָג; און אַז אפילו אין דעם זאָגן און אין דערציילן, נישט נאָר אין רעדן, פאַרמאָגט זיין אידיש די חנ׳ען (און די אומחנ׳ען) פון נייעם לאַנד און די שוועריקייטן פון אונזער צופאַסיקייט.

איך האָב אַמאָל אין אַ קורצער נאָטיץ געזאָגט, אַז מיך אינטערעסירן נישט ש. מיללער׳ס מענטשן און כ׳האָב אים דורך דעם געטאָן אַן עוולה,

ווייל כ׳האָב אין די ראָמען פון דער קורצער באַמערקונג זיך נישט געקענט אָפּשטעלן אויף ש. מיללער׳ס קינסטלערישע פאַרדינסטן. מיין אויסזעצונג איז ניט געווען קיין יושר׳דיקע, ווייל זי האָט נישט געגעבן די בויטיקע אויפקלערונג, אַז ש. מיללער זוכט באַוואוסטזיניק אויס „צווייטגראַדיקע״ אָדער „דריטגראַדיקע״ מענטשן, ווייל בלויז אין זייער צוזאַמענשפּיל זעט ער די וואָכעדיקייט פון אונזער אידישער אַמעריקע און די מעגלעכקייט פאַר זיין וואָכעדיקער מוזיק. דאָס איז אויך קענטיק אין „דור הפלגה״.

אין זיין ראָמאַן „דור הפלגה״ איז נישטאָ קיין צענטראַלער העלד און ס׳איז נישטאָ קיין סיפור המעשה. גיכער איז עס אַ פאַמיליע־כראָניק און אַ געשיכטע פון איבערפלאַנצונג. דוד כאַזאַנאָוויטש, וואָס קומט פון כושטיוועקע קיין קליוולאַנד מיט זיין פרוי אסתר, קומט שוין אין די מיטעלע יאָרן. זיין עלטסטער זון חיים איז אַ יאָר זיבעצן, אָבער זיין אינגסטער זון, מלך, כאַפּט גלייך דעם שניט, אַז מלך כאַזאַנאָוויטש קלינגט שענער, ווען מען זעצט עס איבער אויף לעראָי טשעיס און ער הויבט גלייך אָן פון אונטן אַרויף צו אַמע־ריקאַניזירן זיין משפחה.

חיים, דער עלטערער, ווערט אַ פּשוטער באַלמעלאָכע און ער איז נאָך אַ שטיקל בריק צווישן דער אַלטער און דער נייער היים. בערנאַרד ווערט פון אַ פּיפּיקן סעילסמאַן אַ פּיפּיקער געשעפטסמאַן, וואָס קעמפט קעגן דער יוניאָן; שלום, דער דריטער, איז דער טרוימער און דער בחור וואָס גיט אַ שמעק צו גריניטש ווילעדזש און דער אינגערער, לעראָי, וואָס ווערט גלייך פּטור פון מלך כאַזאַנאָוויטש, ווערט אַ האַרטער און אכזריות׳דיקער אַדוואָקאַט, וואָס האָט פיינט תכלית שנאה זיין ברודער שלום. ער טרעט אפילו אַרויס קעגן אים אין אַ פּראָצעס און איז אים גרייט דורס צו זיין און איינזעצן אין תפיסה. פון קינדוויז אָן האָבן זיך די צוויי קינדער מורא׳דיק פיינט און ש. מיללער שילדערט זייער שנאה ווי די בלוטיקע שנאה פון צוויי קאָנטראַסטן.

אין ראָמאַן „דור הפלגה״ געשעט כמעט גאָרנישט, אַחוץ דאָס נאַטירלעכע לעבן און אויסלעבן פון אַ פאַמיליע. דוד כאַזאַנאָוויטש ווערט אַ פּעדלער. שפּעטער עפנט ער אַ קרעמל, שטאַרבט פון קענסער און לאָזט איבער אַן אַלטע אלמנה. זיין עלטערער זון בלייבט אַ פּייפּער־הענגער, בערנאַרד — אַן אייגנטימער פון אַ ניט־יוניאָן שאַפּ פון קליידלעך, שלום — אַ שלימזל, אַ דורכגעפאַלענער צייטונג־רעפּאָרטער, וואָס זוכט אַ „טעריטאָריע״ צו פאַרקויפן צייטונגען, און דער יונגער לעראָי — אַ לאָיער, וואָס מיט זיין גאַנצער אומטאַקטישער פּראַקטישקייט, ווער ער, ווייזט אויס, וועט נישט דערגיין.

איז דאָס די גאַנצע געשיכטע פון דעם ראָמאַן, אָבער אינווייניק איז ער

אַנגעפּיקעוועט מיט אידיש־אַמעריקאַנישער מיליע און אויפגעבויט מיט אַ פּינקטלעכער אויסרעכענונג, אַז אין אים זאָלן דורכשטורעמען אַלע גרויסע שטורעמס פון די ערשטע דרייסיק יאָר פון אונזער יאָרהונדערט. ס׳הערט זיך דער ווייטער קנאַל פון דער מלחמה, ס׳שניידט זיך אַריין דעבס מיט זיין פּאַסיפיזם, ס׳שפּאַנט דער מאָנסטער פון אַמעריקאַנער שאָוויניזם, ס׳זעט זיך דער מעכטיקער פּאַרמעסט פון קלאַסן־קאַמף, מ׳הערט שוין דאָס וואָרט קאָמוניזם אויף דער אידישער גאַס.

אַרום דער משפּחה־כּראָניק פון הויז כּאַזאַנאָוויטש זעען אויס די אַלע געשעענישן ווי אויפגעבויטע, מורא׳דיקע... דעקאָראַציעס פון גרויסע וואָלקן־קראַצערס. פאַראַן אין די אַלע עפּיזאָדן אַ טעאַטראַלישע לופט, אַ פּינקטלעכע אַריינשרייבונג אין אַ חלל.

אין זיין אַלעגאָריע — „נביא, כּהן און בדחן״, וואָס ש. מיללער האָט אָפּגעדרוקט אין „צוקונפט״, יאַנואַר 1948, שרייט אויס דער אַלעגאָרישער שרייבער צום נביא: „איך בין ניט פון די שרייבער וואָס פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויפן רוח הקודש, איך שרייב מיט קאָפּ״.

איז דאָס אַבסאָלוט אמת וועגן ש. מיללער׳ס שטייגער שרייבן. אין דעם ראָמאַן „דור הפלגה״ זעט זיך בפירוש דער שרייבנדיקער קאָפּ ווי ער טראַכט צוזאַמען אין קאַפּיטל מיטן אַנדערן, ווי ער טראַכט פאַנאַנדער יעדער קאַפּיטל באַזונדער. אָבער דער שרייבנדיקער קאָפּ מיללער׳ס איז אַביסל צו אַסקעטיש־שטרענג צו זיין רוח הקודש. ער לאָזט אים זייער זעלטן אַ רעד טאָן אַ וואָרט, אויס מורא אַז ער וועט אַריינפאַלן אין סענטימענטאַליטעט.

מ׳מוז בפירוש באַוואונדערן מיללער׳ס אומעטומיקייט און עקספּערטישקייט. ער איז אומעטום אַ היימישער מענטש. רעדט ער וועגן פּייפּער־הענגעריי איז ער אַ גרינטלעכער פּייפּער־הענגער, רעדט ער וועגן קליידלעך איז ער אַ מאַדים אַ קליידער־פאַרקויפער. ער איז היימיש ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן קאָרפּאָראַציעס, ער קען דעם קאַלעדזש־קאַמפּוס, אים איז נישט פרעמד דער אינווייניק פון אַ געריכט־הויז, ער קען איינשטעלן אַ געשעפט מיט פּאָליצעס, ער ווייסט ווי עס רעדט אַן אַלטער שיכּור׳ער ציטונגס־מאַן, ער האָט געהערט פון דעם אַמאַליקן גריניטש־ווילעדזש, מיט די באַליוולקעטע אינגלעך און נישט־געזעטיקטע מיידלעך.

אָט די פּראָפעסיאָנעלע היימישקייט איז אין אַ גרויסער מאָס דאָ אין דעם ראָמאַן — „דור הפלגה״. אָבער זי פּלאַטערט, די שרייבערישע און פּאַכמענישע געניטקייט, אַרום אומאינטערעסאַנטע מענטשן. די אַלע עפּיזאָדן זיינען צוזאַמענגעקייטלט אַזוי, אַז ס׳זאָל זיך באַקומען די מוזיק פון דער בייער ערד, וואָס אויף איר היימישט זיך איין אַ אידישע משפּחה פון כּושטיוועקע.

מיללער פאַרגעסט אפילו נישט דעם פסח׳דיקן סדר און די לוויה, מיט דעם געשעפטלעכן אויטאָמאָביל־פּייף. (דאָס לוויה־קאַפּיטל, דאָס לעצטע קאַפּיטל פון בוך, איז אגב דאָס קינסטלערישסטע אין גאַנצן ראָמאַן).

אָבער די הויפּט־העלדן, שוין מיט זייערע ווייבער, זיינען נישט קיין אינ־טערעסאַנטע מענטשן. מיללער האָט דאָ, אין זיין עקשנות צו שאַפן מוזיק פון וואָכעדיקייט, געהאַט אַ קאַרדינאַלן טעות. אוודאי היט זיך יעדער גוטער נאָוועליסט פון פייערלעכע העלדן, פייערלעכע טעמעס און פייערלעכע רייד. ער האָט מורא פאַר זייער גרייטקייט און שאַבלאָניזמען און ער ווייסט גאַנץ גוט אַז זיי וועלן אים פירן צו באַנאַליטעט. אָבער מיללער שפּאַנט באַוואוסט־זיניק צום צווייטן עקסטרעם. דוד כּאַזאַנאָוויטש, וואָס קומט פון כושטיווקע — ווער איז ער דער דוד? אַ פלאַטשיק מענטשל און, אין תוך, אויך אַ גרייט מענטשל, וואָס איז געקומען פון אַלע כושטיווקעס און געוואָרן דער באַקאַנ־טער אידישער פעדלער אין אַמעריקע, וואָס האָט געשקלאַפט פאַר זיינע אומ־דאַנקבאַרע קינדער. און ווער זיינען זיינע זין? ווילן זיי עפּעס אָדער זיינען זיי אינטערעסאַנט אין זייער פאַרחלומ׳טער פאַסיוויטעט? זיינען זיי כאָטש אינטערעסאַנט אין דער גיכער אָפּפרעמדונג, אין דעם אַוועקשפּאַנען פון טאַטע־מאַמע, מיט וועמען זיי האָבן גאָר קיין פאַרבינדונג נישט?

די מורא׳דיקע וואָך פון אידיש־אַמעריקאַנער לעבן, וואָס ש. מיללער האָט פיינט, האָט דעם שרייבער פאַרפירט, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען אונז צו געבן אַ הויך פון אָט דער אומדראַמאַטישער און אומגעשעענער גלייכ־גילטיקער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס קינסטלעריש רעכנט זי זיך נישט. ש. מיל־לער האָט נאָך אין אונזער היגן לעבן נישט דערזען דעם אינטערעסאַנטן אידישן מענטש, און אפילו נישט די אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון שטאַרקן ווידערשטאַנד, נאָר די בלאַסע טעג און וואָכן, וואָס פירן פון כושטיווקע — ביז צו דער לוויה.

די אַריינגעשריבענע עפּיזאָדן דינען ווי אויסגעבאַרגטע דעקאָראַציעס, כדי צו פאַרגרעסערן אַ בילד, וואָס איז אין עצם קליין און אומבאַטייטנדיק. די דעקאָראַציעס אַליין זיינען אינטערעסאַנט, אָבער די מענטשעלעך אַנט־קעגן די דעקאָראַציעס זעען אויס, ווי זיי וואָלטן גאָר געווען דער הינטער־גרונט, שטאָט ס׳זאָל זיין פאַרקערט.

נישטאָ אין „דור הפלגה״ קיין אינטערעסאַנטע פרוי, וואָס זאָל באַ־לייכטן אַביסל די גרויקייט. פאַראַן אַ וואוילע פרוי, עטל, אָבער זי איז נישט און האָט נישט געקענט זיין די העלדין פון אַ ראָמאַן. די עראָטישע סצענקעס זיינען צופיל אינגל־מיידלדיק און זיי זיינען נישט וואַרעם און טיף און באַ־טייטנדיק, נאָר זיי האָבן אַ בכיוונ׳דיקע מאַנאָטאָניע, ווי מיללער וואָלט דאָ

געוואַלט אונטערשטרייכן די איבערחזרונג פון „נאַרישן שפּיל" און פון דעם הכל הבל.

דאָס איז מיללער׳ס ערנסטער טעות. ער איז געווען צו פאַראינטערעסירט איבערצוגעבן די מוזיק פון אונזער וואָך־איין־וואָך־אויס און ער האָט פאַרגעסן אַז ער מוז עס אָנהענגען אויף וויכטיקע מענטשן און אויף זייערע וויכטיקע קאַמפן. איז דאָס דער זין פון אונזער קומען קיין אַמעריקע? כ׳מיין דער מעטאַפיזישער זין, וואָס מוז אפילו קענען דינען די טרוקנסטע רעאַליסטן, פאַר וויכטיקן בוי־שטאָף און אַ ריכט־שנור?

וואָס איז דער סימבאָלישער זין פון דור הפלגה? מענטשן האָבן זיך געריסן צו די הימלען, האָט דער הימל אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ צעטומלעניש און מענטש האָט אויפגעהערט פאַרשטיין זיין ברודער. דור הפלגה מיינט דער רעזולטאַט פון רייסן זיך צו די הימלען און דור הפלגה מיינט אויך די טיפע טראַגעדיע פון דער גרויסער שפּראַכן־צעטיילונג, וואָס שאַפט פונדעסטוועגן נייע לעבנס מיט נייע ברייטע שליאַכן, אין דער גרויסער, וויסטער אַפּפרעמדונג און אין דער שרעקלעכער שנאה.

אין מיללער׳ס „דור הפלגה" רייסט זיך קיינער נישט צו די שטערן און קיינער פאַלט דאָ נישט אַרונטער, אינמיטן געוואַגטן קלעטערן צו די הימלען.

דערפאַר קלינגען אָפּט די גרויסע און ברייט־לייוונטיקע דעקאָראַציעס ווי מעטאַל און צופּיל ווי אַ שרייבן אָן יענעם מינימום רוח־הקודש, וואָס איז אַ מוז אפילו פאַר קאָפּ־שרייבערײַ. גאַנץ אָפּט קלינגען זיי ווי פאַרטיקע גרויסע לייוונטן, וואָס זיינען נישט דורכגעגאַנגען קיין קינסטלערישע שמעלץ־פּראָצעסן. מיללער׳ס גריניטש ווילעדזש, מיט די מיידלעך און אינגלעך, איז אַ קינסטלעכער; זיין דייטש־אידישער ריכטער מיט זיין „זעליקן פאָטער", דאָס טעכטערל, דער שיכור׳ער צייטונג־מאַן מיט זיין ציניזם, דעבס׳ רעדע, בערנאַרד דער סעילסמאַן מיט זיין קאָמיוואָיאַזשאָרישער עראָטיק — דאָס אַלץ זיינען ווי אַריינגעזעצטע פאַרטיקע אויסשניטן, ווייל זיי זיינען נישט דורכגעגליט געוואָרן אין פּראָצעס פון שרייבן.

פאַראַן וויניק מאָמענטן פון גרויס דערהויבונג, אָדער פון דעם וואָס מ׳האָט אַמאָל אין די גוטע צייטן גערופן אינספּיראַציע. אָבער אין גאַנצן בוך איז דאָ די מוזיק פון אַ נייער אידישער פּראָזע, וואָס אויף איר האָט זיך דער מחבר קאָנצענטרירט און וואָס איז אים טיילווייז געלונגען. אפילו ווען דאָס לשון קלינגט גרוי, איז די גרויקייט דער ריטם פון גרוי און דער דיאַלאָג איז אַ פּרואוו, און אַ גאַנץ־געלונגענער פּרואוו, צו געבן דעם דיאַלאָג פון אונזער

שפּראַכלעכער אַסימילאַציע און אפילו די מוזיק פון אונזערע שפּראַכלעך־צעטומלטע מחשבות.

און מיט אַלע חסרונות פאַרמאָגט דער ראָמאַן אַן אויסערלעכע גרויסצו־גיקייט. די שטאָט קליוולאַנד איז שטאָט, די געשעפטן זיינען געשעפטן אויף אַ האַנדל־פונדאַמענט, די מאַסן־סצענעס זיינען פּינקטלעכע און אָפּט גאַנץ דראַמאַטישע, ווי דער קאַמף פון פּאָליציי מיט דעמאָנסטראַנטן. אָבער ווי אַ אידישער ראָמאַן איז „דור הפלגה" נישט דערהויבן, ווייל ס'פעלט אין אים כאָטש איין אינטערעסאַנטער איד, וואָס אויב נישט די דערוואַקסענע קינדער, וואָלטן פון אים כאָטש די אונטערוואַקסנדיקע אייניקלעך, אין רעטראָספּעקט, געקענט ציען גייסטיקע יניקה.

1948

ב. דעמבלין

ב דעמבלין איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ 35 יאָר צוריק, אָבער דאָס נייעסטע בוך זיינס, „ערב נאַכט", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב, איז אַ דערמאָנונג פון שטעטל. פאַר די אַלע וואָס קאָנען נאָך האָבן חשק אָפּצופרישן אַן אַלטע דעבאַטע, צי מעגן אידישע שרייבערס זיין אַזוי צוגענאָפּלט צום שטעטל, האָט ב. דעמבלין זיך באַזאָרגט מיט אַ געשריבע־נער דערלויבעניש — זיין בוך וואָס איז דערשינען אין 1938, אונטערן נאָמען „וועסט סאַיד", און וואָס איז נאָך אַמעריקאַנישער אפילו ווי דער נאָמען פון בוך סוגעסטירט. ס'איז אַ ווערק וואָס האָט אונז געוויזן אַ שרייבער, וואָס קוקט נישט מיט אימיגראַנטישע אויגן, נאָר וואָס האָט דורכגענומען די נייע היים פון אינעווייניק. דעמאָלט האָבן מיר דאָס בוך „וועסט סאַיד" אויפגענומען ווי אַן אַנזאָג, אַז אונזערע יונגע שרייבערס היימישן זיך איין און אַז ס'ווערט צוגעשריבן נאָך אַ קאַפּיטל צו דער נייער אידישער ליטע־ראַטור, וואָס ב. גלאַזמאַן און שפּעטער ש. מיללער האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן — אַן דעם גראָטעסק און זיסלעכן פּאַטאָס פון ז. ליבין און לעאָן קאָברין, נאָר מיט אויגן פון בעלעטריסטישע קריטיקערס און קינסטלערישע דעה־זאָגערס.

ס'איז כדאי זיך אַביסל אָפּצושטעלן דאָ־אַ און דערקלערן, אַז מיר האָבן נישט געשענקט אונזערע היגע אויפגייענדיקע שרייבערס די זעלביקע דער־מונטערנדיקע אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען האָט געגעבן די ערשטע אָנגע־קומענע שרייבערס אויף יענער זייט ים. די ליטעראַטור אונזערע, אין איר אָנהויב, איז נאָך געווען אַ קליינע, און די קריטיק האָט כמעט קיין צוויי נישט געקענט ציילן. אפשר איז עס אַביסל אַ גוזמה, אָבער מער ווי צוויי־דריי נעמען האָט די קריטיק קיין חשק נישט געהאַט צו געדענקען. די אָפּ־געציילטע נעמען האָבן אונזערע ערשטע קריטיקערס אַזוי געציילט און איינ־געחזר'ט, אַז זיי זיינען איינגעקריצט געוואָרן אין דער ליטעראַטור מיט אַ גאָלדענער גראַווירטקייט. דער קריטיקער איז כסדר צוריקגעקומען צו זיי און נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל זיי דערמאָנט, געטייטשט און פאַרלויבט, אַז באַין ברירה זיינען זיי געוואָרן — ליטעראַטור. אַזוי איז געצערטלט גע־וואָרן שלום אַש, ווייסענבערג, און שפּעטער בערגלסאָן. מען האָט זיי ממש

געבלאָזן די טריט און זיי כסדר געהאַלטן אונטער וואַכזאַמער אויפמערק־זאַמקייט; מ׳האָט זיי נישט פאַרלוירן פון אויג און זיך תמיד געביישפּילט מיט זיי.

די היגע יונגע אַמעריקאַנישע שרייבערס האָבן זייערע לויב־געזאַנגען געקראָגן „ראַטעסווייז״; זיי זיינען דערמאָנט געוואָרן בלויז ווען זיי זיינען געקומען מיט אַ ווערק, און זיינען גלייך אָפּגעלאָזן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן נישט געווען קיין פּערמאַנענטע תושבים אין המשכ׳דיקער ליטעראַטור, נאָר צופעליקע אורחים אירע און פאַרבייגייערס. מען האָט די היגע יונגע שריי־בערס נישט פאַרבונדן טאָג־טעגלעך, אָדער כאָטש שבת׳דיק, מיט דער לי־טעראַטור, נאָר זיי האָבן געמוזט קומען מיט ווערק, אַז מען זאָל זיי אויפ־רופן, כדי שפּעטער ווידער צו פאַרגעסן. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן ביי אונז געשאַפן אַ שטימונג פון ליטעראַרישער צופעליקייט. אַ יונגער שרייבער איז קיינמאָל נישט זיכער געווען צי ער איז טאַקע אָנגעקומען. ער האָט דערפאַר אָן אומזיכערער געבענקט אַהיים, אַהין וואו דעם קריטיקערס אויג האָט אויך געבענקט.

דאָס וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן פאַרבייגייענדיק, פאַרענטפערט נישט אַ סך גרונטאָוונע קשיות, און כ׳האָב נישט בדעה געהאַט צו פאַרענטפערן, ווייל ביי מיר איז היים־בענקשאַפט פאַר זיך אַליין נישט קיין קינסטלערישע עוולה. כ׳האָב נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף דעם קאַלטן דרויסן, וואָס היגע אידישע שרייבערס האָבן אָנגעטראָפן, איידער זיי האָבן באַוויזן צוצוקומען צו זייערע אייגענע לייענערס, כדי פון זיי צו שעפּן די סטימולירנדיקע פרייד פון דעם פולן קרייז, וואָס יעדער לעבעדיקער שרייבער שפּירט, אין אַ לי־טעראַטור וואָס נעמט אים אויף. ב. דעמבלין איז גלייך אָנגעקומען מיט קרעפטיקע טריט — פון זיין ערשטן בוך אָן וואָס איז דערשינען אין 1933. דער איינדרוק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען ער האָט אונז געוויזן אַז ער האָט אַ שאַרף אויג פאַר סאָציאַלע ענדערונגען אין דער גרויסער אַמעריקע. פון זיין שטייגער שרייבן איז געווען קאָנטיק אַז ער בייטיקט זיך אין אַ סך צייט, אַז ער איז דער פאַרזיכטיקער גייער, דער וואָס האַלט יעדער זאַץ זיינעם אונטער שטרענגער השגחה. ער איז נישט דער פליסיקער און פלייצנדיקער שרייבער, אָבער אויך ער וואָלט געווען אַ סך פּראָדוקטיווער, ווען מען וואָלט אים אָנגעוויזן אַ פּערמאַנענט אָרט אין דער ליטעראַטור און אים דאָרט טייער געהאַלטן.

פון זיין בוך „צווי און אַ דריטער״, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „מתנות״ אין ניו יאָרק, אין 1943, זיינען אַוועק עלף יאָר ביז ב. דעמבלין איז געקומען מיט זיין ניי ווערק „ערב נאַכט״, וואָס האָט גאָר געמוזט דער־

שײנען אויף אידיש אין תל־אביב, אין אַ פֿאַרלאַג „דעת“, וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעלאָזט מיט אַזויפֿיל גרײַזן, אַז מען וואָלט זיי געקענט פֿאַר־טײלן צווישן אַ טוצן ביכער.

דאָס בוך איז דערשינען אָן שום דערקלערונגען, אָבער מען קאָן זיך משער זײַן אַז ס׳איז אַ רעכט ביסל אויטאָ־ביאָגראַפֿיש. ווען דאָס בוך ענדיקט זיך, איז נאָך דער העלד נתן חיים אפֿילו נישט קיין בר־מצוה בחור, הגם ער אַנטלויפֿט שוין פֿון זײַן שטעטל מאָדזשיץ. אין „ערב־נאַכט“ — מסתמא אַ סימבאָלישער נאָמען וואָס דאַרף אָנקינדיקן דעם פּולן חורבן פֿון אידישן שטעטל אין פּוילן — ווערט דער העלד געבוירן אָן אײַנגעבעטענער בײַ זײַן טאַטן, וואָס וויל דווקא אַ מיידל, און ער בידעוועט אָפּ זײַנע צוועלף יאָר אין כסדרדיקן קאַמף מיטן טאַטן יערמע דוד, דעם בהמה־טרײַבער.

„ערב־נאַכט“ איז געשריבן אין סטיל פֿון די פֿאַרנעמיקע פֿאַמיליע סאַגאַס, די עקספּאַנסיווע באַשרײַבונגען, וואָס נויטיקן זיך אין אַ ציקל ביכער, כדי מתקן צו זײַן דעם העלד און זײַן משפּחה. מען מעג דערפֿאַר אָננעמען אַז דעמבלין האָט ערשט בדעה ווײַטער צו וויקלען דאָס לעבן פֿון דעם צענ־טראַלן העלד און אים דערפֿירן ערגעץ — אַ רײַפֿן, אָן אויסגעוואַקסענעם.

כ׳האָב זיך די גאַנצע צײַט געהיט אָנצורופֿן דאָס בוך — ראָמאַן, אָדער מיט דעם אַלטמאָדישן וואָרט נאָוועלע; אויפֿן שער־בלאַט געפֿינען מיר אויך נישט קיין שום באַצייכענונג. אין בוך איז פֿאַראַן קנאַפּ סיפּור־המעשה, נישטאָ אפֿילו קיין אײן פֿאַרקניפּטע ליבע. אַ חוץ נתן חיים׳ס מאַמע, חנה לאה, איז בכלל נישטאָ קיין באַזונדער פֿרויען־געשטאַלט, נאָר דאָס בוך דערציילט פֿון אַ מענערשער וועלט. פֿאַראַן אין ווערק עטלעכע „קאָלעקטי־ווע“ פֿרויען: שכנות, די הייבאַם, אַ גביר׳טע, אַ שוסטערקע; דעמבלינ׳ס מאָדזשיץ, טאַקע נישט ווײַט פֿון דעמבלין (דעם מחבר׳ס אמת׳ער נאָמען איז טײַטעלבוים; די שטאָט זײַנע איז געוואָרן זײַן פּסעוודאָנים), געוועזענער רוסישער איוואַנגאָראָד, איז באַזעצט מיט מענער, אָבער אויך די מענער ווערן נישט בעלעטריסטיש אַנטוויקלט. די זעקס און דרײַסיק קאַפּיטלעך אין בוך זײַנען גיכער באַזונדערע „טאַבלאָס“, דערמאָנונגען פֿון דער אַלטער היים, ערב און נאָך דעם יאַפּאַנעזישן קריג. אפֿילו די אַקציע, דער קלאַסן־קאַמף אין שטעטל און דער קאַמף קעגן די „שקאָלעס“ זײַנען אויך סטאַטיש, ווי דער מחבר וואָלט זיי צוריקגערופֿן און סצעניש פֿאַרגליווערט, זיי זאָלן שטיין פֿאַר די אויגן אַ לענגערע צײַט.

אַ סך באַזונדערע קאַפּיטלען אין בוך זײַנען באַזונדערע מײַסטערווערק. דאָס שווערע „האָבן“, דער בהמות־טרײַבער ביים מאָדזשיצער רבי׳ן, די לי־ציטאַציע, דער אָרעמער, צוזאַמענגעבעטלטער ברית, די רײַכע סעודה פֿון

שרייבן אַ ספר — דאָס זיינען קאַפּיטלען וואָס מען קאָן און מען דאַרף איבער־לייענען מער ווי איינמאָל. ב. דעמבלין האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן באַהאַלטן אין זכרון דעם פּוילישן אידיש, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן צו ווערן. זיין שמועס פאַרמאָגט דעם ריטם פון געפּרעגטע און געענטפערטע היימישע רייד. און יעדער קאַפּיטל פאַר זיך, מיט דעם אויסנאַם אפשר פון די בלאַסערע קלאַסן־קאַמף עפּיזאָדן, איז געשריבן מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, נישט נאָר צו דער שורה, נאָר ממש צו יעדער וואָרט. יעדער גוט־געשריבן קאַפּיטל אין בוך פאַרמאָגט דעם חן און דעם טרויער פון אַ פאַרקינסטלערישטן פּנקס. צוזאַמען איז דאָס ווערק אַ געזאַנג צום שטעטל, געזען דורך די קינדישע אויגן פון דעם קליינעם העלד נתן חיים.

דאָס בוך איז פול מיט אַ סך אָריגינעלע שטריכן: דער רבי איז נישט קיין זייל פון פינצטערניש; דאָס חדר איז אויך נישט כולו חושך; דער רבי איז נישט אַלעמאָל דער גזלן; דאָס קריסטלעך אינגעלע איז נישט דאָס געוויינלעכע שייגעצל, נאָר טאַקע אַן אמת חבר׳ל; דער הונט איז נישט קיין אידישער ראַבטשיק, נאָר אַ „טיף־הינטישער"; דער געשלאָגענער גביר איז פול מיט חרטה אויף זיינע נישט־שיינע מעשים; דאָס אידישע הויז איז אָרעם און דער פּויער איז רייך; און ס׳איז נישטאָ אין בוך קיין שפּור פון פאַרסמטן אַנטיסעמיטיזם.

דאָס זיינען אַלץ זאַכן וואָס מען דאַרף פאַרצייכענען. די אַלע אָריגינעלע פונקן העלפן נאָך מער דערהויבן דאָס געזאַנג צום שטעטל מאָדזשיץ, וואָס איז די שטאָט פון אַ מוזיקאַלישער רבישער דינאַסטיע.

דעמבלין איז אַליין אַ פּאַרטיי־ און באַוועגונג־מענטש, און איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען אַן אַרבעטער־פירער, אָבער אין זיין בוך געפינט מען ניט קיין איין קרום וואָרט, אויפן חשבון פון דער איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישער אידישקייט, וואָס איז אונז פאַרטיליקט געוואָרן. ער האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט נישט פּסול געמאַכט די פעדים פון מאָדזשיצער געזאַנג.

אָבער דאָס אָריגינעלסטע אין בוך איז דער קינדער־העלד נתן חיים. מיר האָבן וויניק אידישע ביכער מיט קינדער־העלדן, וואָס דער מחבר זאָל נישט מורא האָבן זיי צו באַגלייטן פוס־טריט, און אויפמערקזאַם שילדערן, יאָר־איין יאָר־אויס, דעם פיינלעכן וואוקס פון קינד, אין קאַמף מיט אַ וועלט פון גרויסע.

קיינער „וואַקסט" נישט אין בוך, נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע, נישט די שכנים, נישט אפילו די באַזונדער־געלונגענע קלענערע עפּיזאָדישע כאַראַקטערן, ווי אייזיק דער חסיד. פאַראַן קנאַפּע אַנטוויקלונג־פאַרבינדונג

צווישן די קאַפּיטלעך אין בוך. וואַקסן וואַקסט בלויז דער קלײנער העלד פון בוך און זיין קלײנער קריסטלעכער חבר באַלעק. דער מחבר לאָזט נישט אָפּ נתן חיימ׳ען. ער פאַרשטייט אים אויסגעצייכנט, ער באַגלייט אים אויף טריט און שריט, אויף אַן אומצודרינגלעכן אופן, מיט אַ מייסטערישער פאַרשטענדיקייט.

דעמבלין זעט און שפּירט אַלע זיינע אַנטוישונגען, זיינע צאַפּלען, זיין שטרעקן די הענטלעך צום לעבן. פאַראַן רירנדיקע מאָמענטן אין בוך, ווי נתן חיימ׳ס אַנטוישונג אין די קלאַסן־קעמפערס פון שטעטל, ווען זיי העלפן אים נישט ראַטעווען זיין הינטל פון הינט־שלעגערס הענט. די „רעוואָלוציע" ווערט ביי אים אומגערעכט, אויב זי קאָן נישט געפינען קיין גערעכטיקייט אויך פאַר אונטערדריקטע חיות. די סצענע, ווען ער, אַ גרויס גמרא בחור׳ל, ווערט פאַרשעמט און געפירט צו אַ קלײנעם דרדקי מלמד, ווייל דער טאַטע גלויבט אים נישט, אַז ער קאָן אפילו עברי, איז אַ קאַפּיטל וואָס נעמט דורך.

ס׳איז אַ בוך וועגן אַ אידיש קינד, וואָס קוקט אַריבער דעם פרעמדן פאַרקן, אָבער ס׳איז געשריבן מיט מאָס און טאַקט; ס׳איז נישט קיין קינדער־בוך — דער מחבר מאַכט זיך נישט קינדעריש, נאָר ער גייט מיט זיכערע שרייבערישע טריט און געפינט תמיד די מיטלען צו האַלטן דאָס ווערק אויף אַ קינסטלערישער הויך.

כ׳וואָלט באַדאַרפט ברענגען מוסטערן פון דעם גוטן לשון, און דער עיקר פון די דורכגעשפּרענקלטע טרעפלעכע פויליש־אידישע אויסדרוקן, אָבער זיי זיינען דאָ אויף יעדער בלעטל. דער דיאַלאָג קלאַפּט ווי אַ גוטער, פּינקטלעכער זייגער. אַן ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט צו באַזונדערע כאַראַקטערן, און אַן צוגעטראַכטער דערציילערישקייט, געלינגט דעמבלינען צוריקצובויען אַ גאַנץ שטעטל מיט אידן, די מאַסן־סצענעס, אַזוי־צו־זאָגן, זיינען גוט „רעזשיסירט". אידן טומלען, ריידן, קינדלען, דאַווענען, מאַכן שמחות, קעמפן קעגן און פאַר פּראָגרעס. און אין דעם גאַנצן האַרמידער וואַקסט אַ קינד מיט אַ גוט קעפּל, אַ גוטן זכרון און ער זאַפּט אַלץ איין — דער עיקר דאָס לשון וואָס בליט אין אים און צעבליט זיך; אַ קינד מיט שאַרפע, געדענקנדיקע אויגן און אַ ריין־אידיש האַרץ, וואָס קאָן פון אַלץ טראַכטן מיט ליבשאַפט, אפילו פון דעם וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג און פאַרשטעלט און פאַרטונקלט דאָס ליכט צו אַ ברייטערן און פריידיקן דרויסן.

ווי כ׳האָב שוין אָנגעוויזן, געפינט מען זייער ווייניק פּרוילעכקייט אין דער מענערישער, מאָדזשיצער וועלט, וואו די קלײנע, אַלטע „הייוון" טוט איר פליכט און נעמט־אָפּ די קינדער, וואָס קומען אויך פליכטמעסיק אויף דער וועלט. די ליבע איז בלויז בנמצא צווישן קינדער וואָס שפּילן זיך אין

טאַטע־מאַמע. אָבער דער דערוואַקסענער טאַטע און מאַנצביל שעמט זיך צו זאָגן אַ ווייך וואָרט דעם ווייב. ווען דער קריסטלעכער דאָקטאָר באַמערקט די פרי־פאַרוועלקטקייט פון דער געווינערין און ער דערזעט אַז זי האָט געמוזט זיין אַ שיינע, גייט אויף אין איר די פאַרטאַיעטע פרוי, וואָס דער מאַן איז צו טרוד צו באַמערקן.

„ערב נאַכט" איז געשריבן מיט טיפער וואַרעמקייט. אפילו די בייזע מענטשן זיינען גוט, נישט שונדיסטיש גוט, נאָר טיף־אינערלעך ריזלט אין זיי אַ גוטסקייט. דער בייזער קריסטלעכער דאָקטאָר סאָכאַצקי איז בלויז אַ שרייער, אָבער ער איז אַ דימענטענער מענטש. ער איז סימבאָליש פאַר אַלעמען אין דעם בוך „ערב־נאַכט", ווייל אפילו די וואָס בייזערן זיך און שרייען זיינען אויך פאַרפלאָנטערט אין אַ געוועב פון גוטסקייט. דעמבלין האָט זיך דערמאָנט אין זיין שטעטל און עס אַרויסגעזונגען פון זיך און נישט געלאָזט דערויף פאַלן קיין שפּרענקעלע. ער האָט געזונגען אַ ליד פון חורבן, מיט דעם לעבעדיקן אָטעם פון קינד, וואָס איז געוואָקסן אין דער שטאָט מאָדזשיץ, וואו דאָס פרומע אידישע לעבן האָט אַמאָל געזונגען טרייסט־ניגונים. דאָס אידישע קינד נתן חיים האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום קריסטלעכן קינד באָלעק, וואָס האָט געזאָלט זיין דער אָנזאָג פון אַ נייעם וועלט־סדר, אָבער ס'איז שוין דעמאָלט געווען „ערב־נאַכט", הגם קיינער האָט נאָך נישט דערשפּירט די אימה פון דער אכזריותדיקער פינצטערניש, וואָס האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן אויף די הייזער פון אידישע שטעט און שטעטלעך, מיט דער פאַרוויסטונג פון צוויי מלחמות.

בנימין רעסלער

בנימין רעסלער, דער מחבר פון עטלעכע ראָמאַנען, צענדליקער דערציילונגען און אַ צאָל דראַמעס, איז זייער יונג באַקאַנט געוואָרן ווי אַ שרייבער מיט אַ סך צוזאָג. קיינער האָט זיך נישט גענומען די מי צו אַנאַליזירן, אויב ער האָט טאַקע דורכגעפירט אַלע זיינע צוזאָגן און וואָס אייגנטלעך ער האָט געבראַכט דער אידישער ליטעראַטור. אין משך פון די דרייסיק יאָר, וואָס רעסלער שרייבט אידיש און העברעאיש, האָט מען אים כסדר געגעבן אויף באָרג און גאָרנישט ביי אים אויפגעמאָנט. אָט די כלומר׳שטע פריווילעגיע האָט דעם יונגן שרייבער געטאָן זייער אַ סך שאָדן. די באַציאונג צו אים איז געווען ווי צו אַ מענטשן, וואָס מ׳האָט אייגנטלעך אויפן אויג און אָט־אָט וועט מען קומען צו אים און מאַכן חשבון, אָבער דערווייל האָט מען אים געלאָזט עוסק זיין אין זיינע שרייבערייען און בלויז אָפּגענומען אַ גרוס פון צייט צו צייט, אַז מ׳האָט פון אים הנאָה.

מיט זיין נייעם ראָמאַן — „דער וועג צו ישראל״, וואָס איז באַצייכנט ווי אַן ערשטער פון אַ טרילאָגיע, ווערט דער שרייבער ערנסט און צודרינגלעך. ער צווינגט מ׳זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט אים זיך צערעכענען און אים אַרויסנעמען פון דער קאַטעגאָריע פון גוטע בעלי חובות, וואָס באַלד וועלן זיי קומען סילוקן דעם חוב וואָס זיי זיינען שולדיק דער אידישער ליטעראַטור.

דאָס נייע בוך איז אַ באַווייז, אַז בנימין רעסלער איז אַן ערלעכער אָפּגעבער. די אידישע ליטעראַטור איז גאָר אים שולדיק אַ גרויסן חוב, ווייל אין איר כלומר׳שטער גוטסקייט צו אים איז געלעגן אַ גאַנץ היפשער חלק רשעות. די האַלבע אָדער די דרייפערטל אָנערקענונג, וואָס איז אים צוגעקאַרגט געוואָרן, האָט רעסלער׳ן אונטערגעשטעלט אַ פיסל. אים האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז ער איז רק געצוואונגען זיך צו שטעלן צום עקזאַמען מיט יעדער בוך זיינעם, אָדער דערציילונג. אין זיינע קינסטלערישע פּרואוון איז תמיד געווען אַן איבערפלוס, אַ צו־פילקייט. ער זשאַלעוועט נישט און שאַנעוועט נישט די כוחות און מ׳הערט ממש פון יעדער בלעטל אַרויסשרייען: נו, אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען? די ספּעציעלע, פּאַסיווע גוטסקייט, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן, האָט גורם געווען, אַז רעסלער זאָל זיך כסדר פלייסן צו דערלאַנגען מיט אַ ווערך, מיט אַן עודף.

אויך אין דעם נייעם קינסטלערישן ווערק זיינעם איז פֿאַראַן אַ סך זעלבסט־זיכיקייט, אַ סך פֿון דעם געפֿיל, אַז דער שרייבער שטעלט זיך נאָך אַלץ צום עקזאַמען; בעסער געזאָגט, אַז ער גיט אָפּ קאָנצערט. אָבער אין דער צו־פֿיל־קייט איז שוין פֿאַראַן גענוג עכטקייט צו באַווייזן, אַז בנימין רעסלער איז איינער פֿון אונזערע בעסערע נאָוועליסטן, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט אָפּגע־שפּאָרט. די ליטעראַטור אונזערע, מעג זיך בפֿירוש אויפֿהערן גוידערן לגבי אים, פֿון זיין טובֿה וועגן און פֿאַר איר טובֿה וועגן. רעסלער איז אַ קינסטלער, וואָס נויטיקט זיך נישט אין דער כיטרער און אַוועקמאַכנדיקער גוטסקייט, נאָר אין מאָנענדיקער האַרבקייט, ווייל ער איז איינער פֿון אונזערע בעסטע שרייב־באַלמעלאָכעס וואָס מיר האָבן. אָט די אויסגעצייכנטע באַלמעלאָכעשאַפֿט, וואָס ער האָט געבראַכט אונזער ליטעראַטור, איז נישט קיין קלייניקייט און זי האָט שוין לאַנג באַדאַרפֿט אָנערקענט ווערן, כדי די גרויסע געניטשאַפֿט זיינע זאָל ווערן געצאָמט, געלייטערט און דערהויבן.

אין רעסלער׳ס — „דער וועג צו ישראל״ זיינען דאָ אַ סך מייסטע־רישע בלעטלעך, וואָס זיינען אַזוי שיין ווי די שענסטע בלעטער אין אונזער ליטעראַטור. נישט זיין שולד, וואָס עס זיינען אויך דאָ אַ סך זייטן וואָס ווייזן, אַז רעסלער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון דער השגחה, וואָס אַ ליטעראַ־טור האָט געוויינלעך אויף אירע בעסערע קינסטלערס. ווייל די פֿולע מאָס אָנער־קענונג קומט מיט גרויסע פֿאָדערונגען, און רעסלערן איז שוין לאַנג געקומען אָט די אָנערקענונג, כדי זיין קענטשאַפֿט זאָל נישט אַזוי באַשווערן זיינע פּליי־צעס; כדי ער זאָל זי קענען פֿאַרטיפֿן, מיט דער געזיכערטקייט, אַז די יוגנט־וועקסלען האָט ער שוין לאַנג באַצאָלט און אַז ער איז שוין דערפֿאַר מחויבֿ צו צאָלן די קינסטלערישע חובֿות, ווי איינער פֿון אַ גרופּע שריפֿטשטעלערס, וואָס אויף זיי לענט זיך אָן אַ ליטעראַטור.

בנימין רעסלער פֿאַרמאָגט שרייבערישע וואַרעמקייט, אַ וואַרעמקייט וואָס גיסט זיך איבער צום לייענער און וואָס דערמאָנט אין די טייערסטע מאָמענטן פֿון אונזער פֿאָלקס־ליטעראַטור. ס׳איז אים פּשוט גוט צו לייענען, ווי ס׳איז אַמאָל די ערשטע געטרייע אידישע לייענערס געווען גוט צו לייענען דינע־זאָנען, ספּעקטאָרן, שלום עליכם׳ן. מ׳זעט ממש, אַז דער דערציילער האָט ליב דעם מענטשן וועמען ער כאַפּט אָן ביים לאַץ און לאָזט אים נישט אָפּ ביזן לעצטן בלעטל. דאָס איז אַ גרויסע מעלה. אָבער די גרעסטע מעלה רעסלער׳ס איז זיין לשון, זיין אויסטערליש מוזיקאַליש געהער פֿאַר די ניואַנסן פֿון אונזער רייכער שפּראַך. אין דעם נייעם ראָמאַן געפֿינט מען אַן אוצר פֿון גאַליציאַנישן פֿאָלקלאָר, וואָס איז ממש נישט אָפּצושאַצן — גלייכווערטלעך, לומדישע רייד, קללות, אויסגעלייטערטער דייטשמערישער אידיש, טאָג־טעגלעכע ווערטער

וואָס זיינען שוין באַלד פאַרגעסן געוואָרן. אין זיין ווירטואָזיטעט איז פאַראַן עפּעס פון אַן אַמביציע צו ווייזן, אַז אַ נייער לעבעדיקער שלום עליכם קען נאָך עפּענען גאַליציאַנער מיילער און זיי זאָלן זינגען מיט דער זעלביקער פרישקייט, ווי ס׳האָט געזונגען דאָס אידישע מויל, אין דעם אויפּבלי פון דער אידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, אוקראַאינע און אין פּוילן. אָט די עשירות און שפּראַך־ווירטואָזיטעט פירט אַמאָל רעסלערן אַראָפּ פון וועג. ער איז אַזוי פול מיט געזאַנגיקן לשון, אַז אין זיינע מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן טיילט ער זיינע מענטשן גרויסע שטיקער לעקעך. זיינע העלדן רעדן אַזוי וואונדערלעך, אַז זיי פאַררעדן זיך און ווערן אָפט ענלעך איינער צום אַנדערן.

„דער וועג צו ישראל" איז אַ ראָמאַן פון אונזער אָקאָרשטיקער פאַר־גאַנגענהייט. ער שילדערט די עטלעכע ערב יאָרן פון היטלער׳ס ליקוי־עולם. אין שטעטל יאַנעוווקע, נישט ווייט פון לעמבערג, הויבט מען שוין אָן צו דער־שפּירן, אַז ס׳רוקט זיך אָן אַ כמאַרע אויף דער וועלט. די יוגנט אין געשטאַלט פון לוי ברוידעס, דאָס אייניקל פון דעם רייכן גוט־באַזיצער, חלומט פון ארץ ישראל. קלאַראַ ווינאָקור, דעם אַרויפגעאַרבעטן שוסטער׳ס טאָכטער, חלומט פון סאָוועטן פאַרבאַנד. היטלער׳ס כסדר׳דיקע נצחונות ווערן אויפגעכאַפּט מיט פרייד דורך דער פּוילישער יוגנט, וואָס וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען מ׳וועט זיך קענען נעמען צו אידן מיט מער כוח און אַנטשלאָסנקייט. די אַלטע איינגע־זעסענע אידן, די וואָס ציען זייער גייסטיקע יניקה פון טשאָרטקאָווער רבין, זיי־נען נאָך אַלץ נישט זיכער, צי מ׳מעג דוחה זיין דעם קץ און טאַקע שוין כאַפּן האַק און פּאַק און פאָרן קיין ארץ ישראל. די אידישע אַסימילאַציע פּרעדיקט נאָך אַלץ אידישע „אויסאיידלונג" און אַ גרעסערע איינבירגערונג, ווי אַ רפואה צו אַנטיסעמיטיזם. ווען דאָס בוך ענדיקט זיך, האָט שוין היטלער געקראָגן די מאַכט, אָבער לוי ברוידעס פאָרט שוין אויף אַ שיף קיין ארץ ישראל, צוזאַמען מיט אַ סך דייטשע, רומענישע און גאַליציאַנער יונגעלייט.

דער ראָמאַן איז זייער אַן אַמביציעזער, אָבער לשם גאַנצקייט פון דער טע־מע האָט רעסלער גענומען אַ שטעטל יאַנעוווקע, וואו די דרייסיקער יאָרן זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געווען די סאַמע ערשטע יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט. מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ האָט דאָרט פאַרשפּעטיקט. ר׳ מרדכי לייב ראַפּאָפּאָרט, דער גוט־באַזיצער, זעט אויס ווי אַ אידישער פּריץ פון 1910, די אידישע יוגנט איז אַ פאַרשפּעטיקטע. קלאַראַ ווינאָקור איז גיכער אַ סאָציאַליסטקע פון 1905 ווי אַ אידישע קאָמוניסטקע פון 1930; און אפילו דער טשאָרטקאָווער רבי, איז אויך אַ בכיוונדיקע שטיק פאַרשפּעטיקטקייט, כדי רעסלער זאָל אים און זיין הויף קענען געבן קינסטלערישן תיקון. דאָס גאַנצע אידישע גאַליציאַנער שטעטל, איז ווי אַרויסגענומען פון שייד פון רעסלערס זכרון.

רעסלער טרייבט אַ סך אומפּאַרדינטע איראָניע אויפֿן חשבון פֿון זיינע העלדן. ער האָט בכלל אַ טבע אַרויסצואווייזן אָפּענע אַנטיפּאַטיע צו די סיי־ווי־סייאיקע אַנטיפּאַטישע העלדן. דער אַנטיסעמיט מוז ביי אים האָבן פּלעקן פֿון אויסגעהיילטע „פֿראַנצן", גלייך זיין אַנטיסעמיטיזם אַליין וואָלט נישט געווען גענוג „פֿראַנצעוואַטע".

רעסלער וויצלט זיך אויפֿן חשבון פֿון עקאָנאָמישע פּראָצעסן, אָבער די פּראָצעסן וואָס צייכענען אָן דעם גאַנג פֿון לעבן און די גורלות פֿון צענדליקער טויזנטער מענטשן, זיינען דערוויַיל איבער זיינע כוחות. דער הינטערגרונט פֿון דעם ראָמאַן, דער גרויסער וואולקאַן, וואָס וועט עפּענען דעם פּיסק און שפּייען פֿייער און פֿאַרוויסטונג, איז דאָס סאַמע שוואַכסטע אין דעם ראָמאַן.

נאָך עפּעס: ס'איז אַ טיף קינסטלערישע פּראָבלעם און יעדער אינדיווידו־עלער קינסטלער דאַרף עס פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיך אַליין, אָבער דער אופֿן ווי רעסלער פֿאַרענטפֿערט עס איז נישט אינגאַנצן צופֿרידנשטעלנדיק. ער גיט אונז איבער די פּראָזע פֿון די דיסקוסיעס — וועגן ציוניזם ווערסוס וועלט־דער־לייזונג — און אַלץ איז אַקוראַט און ראַיעל. אַזוי האָט מען טאַקע גערעדט, אַזוי האָט מען דיסקוטירט, אַזוי האָבן יונגעלייט זיך געקאָכט און געהיצט, אָבער די ראַיעלקייט אַליין פֿון די שמועסן און דיסקוסיעס דערהויבט נישט דעם ענין איבער דעם געוויינלעכן און מידן פּאַרטיי־זשאַרגאָן. אוודאי האָט רעס־לער זיך באַמיט געטריי איבערצוגעבן דעם דאָזיקן פּאַרטיי־זשאַרגאָן און דאָס האָט ער דערגרייכט, אָבער דערמיט האָט ער, דער פּינקלענדיקער און בליצי־קער שרייבער, אויך געשריבן אַ סך געוויינלעכע, קאַלירלאָזע און אַפּילו אומ־אינטערעסאַנטע זייטן. וואָס דאַרף אַ קינסטלער טאָן, אין אַזאַ גראַנגל צווישן דעם אמת און דער באַנאַליטעט, וואָס דער אמת פּלאָדיעט אַמאָל אָן? יעדער קינסטלער דאַרף דאָס, משמעות, לייזן פֿאַר זיך. אָט זיינען דאָך אידישע קללות אויך באַנאַל, אָבער ביי רעסלערן פֿאַלן זיי ממש ווי פּערל.

די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן מאַכן אויך, אין רעסלערס ראָמאַן, דעם איינ־דרוק פֿון טעאַטראַליש־אַריינגעשטופּטע אינצידענטן. רעסלער איז בכלל צו אָפּט טעאַטראַליש. זיין באַנקעט פֿאַר דעם אַמעריקאַנער טשאַרלי־כאַצקל ווי־נאָקור, אין רומעניש וויין־קעלער אויף עלדרידזש סטריט, איז גוט אידיש טע־אַטער, אָבער צו־בורלעסקיש פֿאַר דער ווערדע פֿון גאַנצן ראָמאַן. ס'איז זיכער נישט פֿאַר דער קינסטלערישער ווערדע פֿון ראָמאַן, וואָס רעסלער האָט גע־כאַפּט אַ טשאַרלי ווינאָקור און דווקא אים אַנטקעגנגעשטעלט דוד ראַפּאָפּאָרטן, דעם ארץ ישראלדיקן פֿויער פֿון גבעוניה. רעסלער האָט געמעגט קריגן אַ שטאַרקערן פּאַראַלעל, און ער וואָלט סיי ווי זייער לייכט געוואונען זיינע אַלע טענות פֿאַר ארץ ישראל.

אָט די אַלע חסרונות זיינען צום גרויסן טייל אַ פּועל יוצא פון דעם פּאַסיוון אינטערעס, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט ארויסגעוויזן צו אַזאַ קינסטלער ווי בנימין רעסלער, וואָס פאַרמאָגט אמת׳ע כוחות פון אַ ראָמאַניסט, אָבער וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געקראָגן דעם רוף צו דער ברודערשאַפט פון געציילטע אַחריות׳דיקע קינסטלער, וואָס אַ ליטעראַטור פאַרלאַנגט פון זיי גרויסע מעשים, נאָכדעם ווי זיי ווערן אויפגערופן ששי.

אַ סך קאַפּיטלען אין זיין ראָמאַן — „דער וועג צו ישראל" לייענען זיך מיט פרייד, ווייל זיי זיינען סימפּאַנישע דערגרייכונגען. רעסלער איז אַ קרעפטיקער דערציילער; און דאָס איז ווי גוטע צייכנונג לגבי מאָלעריי. זיין סיפור־המעשה לאָזט זיך לייענען, ווייל מ׳שפּירט אַז ס׳דערציילט אַ וואַרעמער מענטש, וואָס האָט ליב מענטשן. אַפילו דעמאָלט ווען זיין ראָמאַן ווערט אָן אַביסל קינסטלע־רישע חשיבות און דערגייט צו די געפאַר־גרעניצן פון צייטונג־ראָמאַן, לייענט זיך נאָך דער ראָמאַן אַלץ אויף אַ העכערער מדרגה.

דער ראַפינירטער און וואוילגעלערנטער רעסלער פאַרמאָגט אַ פאָלקס־נאַאיוויטעט, אַ כשר׳ן אידישן טאָן פון יענע צייטן ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן אַ „סטעמפּעניו" אָדער אַ „שלמה רב חיימס". די ליבעס וואָס זיין העלד פירט, אַפילו ווען ער פאַלט ווי אַ גיבור, וואָס האָט נעבעך געוואָלט כובש זיין דעם יצר, זיינען פאָלקסטימלעך־ליב, הגם זיי קלינגען אַ קאַפּיטשקע אַנאַכראָניס־טיש אפילו פאַר אַזאַ כרך ווי יאַנעווקע, אין יאָר 1932.

אָבער איבער אַלץ איז רעסלער אַ געבענטשטער שפּראַך־מייסטער, מיט אַ זעלטענעם מוזיקאַלישן זכרון, וואָס זיינס גלייכן פאַרמאָגן מיר ווייניק אין דער אידישער ליטעראַטור. ס׳איז שוין צייט מ׳זאָל בנימין רעסלערן זאָגן מיטן פולן מויל, אַז ער איז אַ וויכטיקער אידישער בעלעטריסט, אַז ער האָט שוין לאַנג געהאַלטן זיינע אַלע יוגנטלעכע צוזאָגן, אַז די אידישע ליטעראַטור וואַרט מיט אינטערעס אויף די צוויי וויטערדיקע טיילן פון זיין טרילאָגיע; אַז ווייל ער שטייט מער נישט צום עקזאַמען, טאָר ער מער נישט אַריבערשפּילן זיין קענטשאַפט און קאָקעטירן מיט צופיל טעאַטראַלישן דיאַלאָג; אַז מהיום והלאה האָט ער הויכע קינסטלערישע פליכטן צו זיך. די אידישע ליטעראַטור וואַרט אויף דער פאַרטיפונג און דערהויבונג פון זיין וואָרט און אויף דער אַנטוויקלונג פון די גרויסע כוחות, וואָס אַנטפּלעקן זיך צו אונז אין דעם ראָמאַן — „דער וועג צו ישראל".

שמואל איזבאַן

פון צייט צו צייט שווימט אויף ביי אונז אויף די באַקאַנטע דעבאַטע, צי ליטעראַטור, דער עיקר די דערציילערישע, דאַרף פאַרווײלן, אין אַנדערע ווערטער אויב דער שרייבער דאַרף קודם־כל זוכן צו אַמוזירן זיין לייענער. אַזאַ קרעפטיקער שרייבער ווי י. י. זינגער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז די הויפּט־עובדה פון בעלעטריסטיק — זי מוז אונטערהאַלטן דעם לייענער. ס'איז נישט צו־קלאָר וואָס ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג מיינט, הפּנים מען מיינט דערמיט צו קענען האַלטן דעם לייענערס אינטערעס.

ש. איזבאַן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אידישער ליטעראַטור מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, און איז שוין ביים היינטיקן טאָג באַלאָדן מיט צען ביכער, ראָמאַנען און דערציילונגען, האָט גלייך פון אָנהויב אָן באַוויזן אַז ער קען האַלטן דעם לייענער. ער האָט באַלד מיט זיינע ערשטע דערציילונגען באַוויזן אַ קענעוודיקייט, אויף אַ גאָר אַ סך געביטן פון דער דערצייל־קונסט, אָבער בעיקר איז ער טאַקע געקומען מיט דער איבערצייגנדיקייט, אַז ער קאָן אויסשפּינען אַ מעשה און זי אויסברייטן; און פון וואָסער ווינקל ער האָט זיין דערציילונג נישט אָנגעהויבן, האָט ער זיך אויף אַ געשיקטן אופן גע־ספּראָוועט מיט איר און פון איר געמאַכט אַ לייט.

דערמיט איז ער גיכער ענלעך געווען אויף אַ סך איראָפּעאישע דער־ציילערס ווי אויף זיינע אידישע קאָלעגן, וואָס זיי איז קודם־כל געגאַנגען אין אַ אידישער געקייטלטער טראַדיציע, אין אַ נאַציאָנאַלער אידייע — יעדער איינעם אויף זיין שטייגער. איזבאַן איז געקומען מיט זעעוודיקע אויגן און שטאַרקע באַשרייב־פּעאיקייטן, וואָס מען געפינט אין די גרעסערע ליטע־ראַטורן, מיט די צענדליקער טויזנטער לייענערס, וואָס לייענען נישט אַזוי דעם שרייבער, ווי זיינע ביכער. איזבאַן איז נישט געקומען צו די אידישע לייענערס, כדי זיי צו געבן אַ חלק אין זיין וועלט, נאָר ער האָט זיי געוואָלט געבן אַלעמענס ברייטע וועלט, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן און וואָס ער האָט זי אַביסל צוגעטראַכט און צוגעווירצט, אַז דער לייענער זאָל נישט זען וואָס ער זעט תמיד סיוויי, נאָר די ווינקעלעך וואָס אויף זיי וואָלט דער לייענער זיך נישט אומגעקוקט.

ווען מען זאָל וועלן פאַרגלייכן איזבאַנ'ען מיט גוט־באַקאַנטע אייראָ־

פּעאישע שרייבערס, וואָלט מען אפשר געמעגט דערמאָנען דעם באַ־רימטן ענגלענדער סאָמערסעט מאָהם, דעם מייסטער פון דער דערציילונג וואָס איז דער עיקר קונסטפולע אויסטראַכטונג, און וואָס ווערט דערציילט פּאַר דער הנאה פון דעם הערער אָדער לייענער, כדי ער זאָל אָנגעצויגן ווערן און שוין דערמיט אַליין פאַרווײַלט ווערן. איזבאַן האָט געשריבן ראָמאַנען; אויך זיין פאַרכאַפּנדיקע כראָניק פון דער „פאַמיליע קאַרפּ״, וואָס שילדערט דעם ערב און די צוגרייטונגען צו דער גרויסער אָנטשטייאונג פון מדינת ישראל, פאַרמאָגט אַ צענטראַלע אידייע און אַ פאַרזוך צו געבן מענטשן אין קאַמף. דער ראָמאַן איז פּאַנאָראַמיש און גרויסצוגיק, אָבער אויך דאָרט קריגט די אויבערהאַנט דער דערציילער פון באַזונדערע עפּיזאָדן. טראָץ דער צוגע־שמידטקייט פון מחבר צו אַ געוויסער דערציילטער אמת׳דיקייט, באַפרייט זיך אָבער איזבאַן מער ווי איינמאָל פון די רעאַליסטישע פענטעס און ער אונטער־האַלט דעם לייענער מיט זיינע פעאיקייטן צו דערציילן דעם לויף פון דער מעשה גופא.

ס׳איז נישט קיין סוד, אַז ש. איזבאַן איז אַן אויסגעצייכנטער צייטונג־מאַן. דער בעלעטריסטישער כוח דינט אים גאַר שטאַרק, ווען ער ווערט געשיקט צו באַשרייבן. איזבאַנ׳ען דעם רעפּאָרטער קומט צו הילף איזבאַן דער „ראַקאָנטער״ — און זיין בוך „אומלעגאַלע אידן שפּאַלטן ימ׳ען״ האָט געוויזן וואָס אַזאַ שותפות קען ברענגען, דער עיקר ווען דער רעפּאָרטער איז נישט קיין פליכט־געשיקטער, נאָר ער שיקט זיך אַליין און שפּאַנט זיך אין אין אַ וויכטיקער שליחות. איזבאַן איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט די „אומלעגאַלע״ אידישע ים־שפּאַלטערס, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער ענג־לישער פּלאַטע, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען — אַ בוך פון אַ גרויסער מדרגה, ווי מען זאָל דאָס בוך נישט קלאַסיפיצירן.

דאָס נייסטע בוך זיינס, „די שטאָט פון צאָרן״, באַשטייט פון ניין דער־ציילונגען, און אויב כ׳האָב שוין פריער דערמאָנט דעם נאָמען פון אַן ענג־לישן דערציילער, וועל איך, אין שייכות מיט די ניין דערציילונגען, אויך דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער אָ. הענרי, וואָס איז געשטאָרבן אין 1910. אָ. הענרי האָט געוואָלט פאַנגען די מאַגיק פון דער גרויסער ניו־יאָרק, וואָס האָט אין זיין צייט געציילט בלויז פיר מיליאָן נפשות. זיין באַרימטע זאַמלונג פון קורצע דערציילונגען „די פאָר מיליאָן״ איז דערשינען פונקט מיט 50 יאָר צוריק. די דערציילונגען זיינען נישט געווען דער רעאַליזם פון דער גרויסער שטאָט, נאָר דער סאַמע היפּוך — דער גאַנצער טומלדיקער רעאַליזם פון דער גרויסער שטאָט, מיט אַלע אירע תענוגים און אומגליקן איז צעוויקלט געוואָרן, ווי די שטאָט וואָלט

פאַר זיך אַליין געווען אַ גראַנדיעזע צוויבער־מעשה, וואָס טאָג־טעגלעך שפּינט זי אירע וואונדערס.

אַ. הענרי׳ס רעפּוטאַציע האָט שטאַרק געליטן ווען די אַמעריקאַנער לי־טעראַטור האָט זיך דרייסט אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג פון געזונטן און ניט־אַזוי־געזונטן רעאַליזם. אָבער לעצטנס האָט ווידער אויפגעשיינט אַ. הענרי׳ס שטערן און די אַמעריקאַנער ליטעראַטור יחוס׳ט זיך שטאַרק מיט דעם פאַרביקן אויסטראַכטער און לעגענדאַריזירער פון גרויסשטאָטישקייט.

אין די ניין דערציילונגען, וואָס איזבאַן האָט געשריבן צווישן 1943 און 1947, האָט ער זיך אויך פאַרמאָסטן צו געבן די מאַגישע פּאַנאָראַמע פון דער גרויסשטאָט. ער איז נישט געקומען זוכן די אידישע אַמעריקע, הגם אין דערציילונג, וואָס אויף איר נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן דאָס גאַנצע בוך — „די שטאָט פון צאָרן" — פאַרנעמט זיך מיט אידישער פּראָבלעמאַ־טיק; ער איז גיכער געקומען אונז ווייזן דעם קאַלײדעסקאָפּ פון דער שטאָט, איר פאַרביקן און עקזאָטישן צוזאַמענשטעל און באַזונדערשפּיל.

איזבאַן האָט אַ שאַרפע נייגער פאַר עקזאָטיק. ער האָט עס באַוויזן אין זיינע ארץ־ישראל־מעשיות, מיט זיינע בוכאַרער, תימנ׳ער, מאַראָקאַני־שע און קאַווקאַזישע אידן. ער איז בלויז געווען עטלעכע יאָר אין לאַנד, אָבער זיין אויג איז גלייך געפאַלן אויף די אויסטערלישע אידן און ער האָט זיי גע־נומען נאָכרעדן און נאָכגיין, ביז ס׳איז אים געלונגען פאַר אונז צו ווייזן אַ וועלט פון אידישער פאַנטאַסטיק און משונה׳דיקער היינטצייטיקער פאַרציי־טישקייט.

אין זיינע ניין דערציילונגען פון ניו יאָרק האָט פאַר אונז איזבאַן אויפ־געדעקט פאַרשידענע ניו־יאָרקער ווינקעלעך. ער האָט איינגעשפּאַנט זיינע רעפּאָרטערישע אויגן, זיין איינגעבוירענע נייגעריקייט, זיין פעאיקייט צו מי־מיזירן, זיין טאַלאַנט צו דערציילן אויף אַן אַנציעוודיקן אופן, זיין כוח צו וויקלען אַן אינטערעסאַנטע מעשה, כדי דער לייענער זאָל נישט קענען זיך באַקלאָגן, אַז מען האָט אומזיסט מטריח געווען זיין אויער, אָדער בעסער געזאָגט, זיין אויג.

און פּונקט ווי דער אַמעריקאַנער אָ. הענרי איז געווען דער מייסטער פון סורפּריז, פון דעם אומגעוויינלעכן, וואָס ער האָט אויף אַן אומדערוואַרטן אופן אויסגעשלאָגן פון דעם סאַמע גרויען און געוויינלעכן, אַזוי גיט אונז ש. איזבאַן, נישט נאָר ווינקלדיקע עקזאָטיק אין זיינע ניו יאָרקער דערציי־לונגען, נאָר אומעטום שפּיצט אַרויס אַ סורפּריז, אַ המצאה; אפילו ווען די המצאה זאָל אַמאָל קלינגען צוגעטראַכט און סצענאַריש.

אָבער אין יעדער דערציילונג מוז מען באַוואונדערן איזבאַנ׳ס ברייטע,

כמעט ניט־אידישע דערציי־פּעיאיקייטן, און זיינע מעגלעכקייטן זיך צו פאַר־שטעלן פאַר זיינע העלדן און צו געבן דעם איינדרוק אַז ער רעדט מיט זייער קול.

געווען אַמאָל אַ באַרימטע איטאַליענישע אַקטריסע מימי אגוליאַ — האָט מען זי אַנאָנסירט, ווי „די פרוי פון טויזנט פּנימער”. איזבאַן איז אויך בעלעטריסטיש פיל־פּנימדיק. אין זיין דערציילונג פון כינעזישן ווינקל אין ניו־יאָרק — „זעכצן יורשים”, רעדט ער „כינעזיש” אויף אידיש. ער גע־ווירצט זיין דערציילונג מיט „מאמרי חז״ל” פון קאָנפוציוס, און דער כינע־זישער קוואַרטל ברענט ווי אַ לאַמטערנע. אגב די מעשה ענדיקט זיך מיט דעם סורפּריז, אַז דער העלד וויל אונטערצינדן אַ הויז, כדי זיך נוקם צו זיין אין די יורשים, וואָס ווילן נישט מקיים זיין אַ צוואה, און ער פאַלט אַריין אין אַ משוגעים־אַמבולאַנס.

ווער ס׳וויל אויף זיך נעמען די אומדאַנקבאַרע אַרבעט צו קאָנטראָלירן, וויפל אמתע כינעזישקייט ס׳ליגט אין איזבאַנ׳ס דערציילונג, איז ווילקאָמען, אָבער מיר דאַכט זיך אַז ס׳איז נישט כדאי, ווייל דער עיקר איז די מימיזיר־קראַפט פון דערציילער צו געבן אונז — זאָל זיין די אויבנאויפיקע וואָר־שיינלעכקייט, אַז מיר האָבן באַזוכט דעם כינעזישן קוואַרטל.

און תוך כדי דיבור וויזט אונז איזבאַן דעם איטאַליענישן קוואַרטל. ער קאָן זיך שעלטן געשמאַק אויף איטאַליעניש. ער ווייסט אַקוראַט ווי מען קוועטשט וויין. די ניט־געזעטיקטע נייגעריקייט זיינע איז אין לשער. ער ווייסט אפילו ווי צו האָדעווען קאַטשקעס; און אויב אַ איד, אַ שוחט, דאַרף דעם איטאַליענער אַרויסהעלפן און אים געבן דעם דעטעקטיוויש־מעדיצי־נישן דיאַגנאָז פון בלוט־רויטע פליגל, ווערט דאָס ערשט דער סורפּריז פון דער מעשה.

און פונקט אַזוי היימיש וואַקסט אויס דער אידישער דערציילער צווישן צוויי איירישע, וואָס איינער פון זיי ברענגט, עטלעכע שעה פאַר ניי־יאָר, אַ כשוף־פּאַרוק, אָדער אַ שייטל אויף איינצורעמען ווי אַ קונסט־בילד. דאָס שייטל האָט אַ פאַרגאַנגענהייט, און איזבאַן וויזט אַז אויב מען דאַרף זיין באַהאַוונט אין אַמעריקאַנער געשיכטע, איז ער אויך „אינדערהיים”. די מעשה איז אַביסל „מאָווינג־פּיקטשוריש”. אַ ווינט פאַרטראָגט דאָס שייטל, וואָס איז אַ מיסטישער געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס, און זעצט עס אַרויף גלייך אויפן קאָפּ פון אַ רייטנדיקן קאַו־באָי. די „געשיכטע פון אַ האָר־פּאַרוק” נייטיקט זיך נישט אין קיין סורפּריזן, ווייל די דערציילונג איז סיווי פול מיט איבעראַשונגען.

דער „דאָקטאָר פון ווילי‌אַמסבורג” איז אויך אַן אַ. הענרי מעשה. ער

איז נישט קיין געוויינלעכער ניו־יאָרקער דאָקטאָר, נאָר אַ טשודאַק, אַ טער־קישער איד, וואָס זיין טערקישקייט און אידישקייט איז שוין לאַנג פון אים אויסגעוועפּט געוואָרן. ער האָט פיינט גבירים און ער היילט בלויז אָרעמע לייט, צעטראָטענע און דערשטיקטע. ער איז דער רופא פון נעגערס, און ווען ס׳פאַרבלאָנדזשעט צו אים אַן עושר, פאַרצאַפּט ער אים דאָס בלוט און וואַרפט אויף אים אַן אַן אימה. אין דער מעשה רעדט איזבאַן ווי אַן אמתער דאָקטאָר. דער כוח פון מימיק און פון בעלעטריסטישן פאַרשטעלן זיך דינט אים גוט, און דערציילעריש איז ער אין דאָקטאָרס קאַבינעט, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן.

אין „לינקאָלנס ביינער" איז איזבאַן „היימיש" צווישן רויבערס, געלט־פעלשערס, באַנדיטן, דעטעקטיווס. ס׳איז אַ מעשה וואָס שפּילט צוריק די יאָרן פון אַן עטלעכע און אַכציק יאָריקער זקנה, וואָס איז אין איר יוגנט געווען די געליבטע פון אַ ריזיקאַנט אַ געלט־פעלשער. די מעשה איז די אומ־נאַטירלעכסטע פון גאַנצן בוך, אָבער אויך דאָ קומט צום אויסדרוק איזבאַנ׳ס קענעוודיקייט און בריה׳שאַפט. אין די ראַמען פון דער גאַנצער צוגעקינצלט־קייט, נוצט איזבאַן אַלע נייטיקע מכשירים כדי צו האַלטן דעם לייענער גע־שפּאַנט.

דערפאַר איז די אידישע מעשה „די שטאָט פון צאָרן" אויך געוואָרן אַ טייל פון דער ניו יאָרקער עקזאָטיק. דער אַרויפגעאַרבעטער אידישער אַר־כיטעקט, וואָס זעט די מאָנענדיקע שרעק־חלומות פון זיינע צעאַשטע לאַנדס־לייט, און וואָס רעדט אין שול פאַר אַ גרויסער הילף־אסיפה, איז אויך נישט גענומען טיף, נאָר גיכער ווי אַ טייל פון ניו־יאָרקער ווינקלדיקייט. אויך די מעשה קריגט אַ צוגעשפּיצטן שלוס. די אסיפה באַשליסט צו מאָנען הילף פאַר היטלער׳ס קרבנות, פון אַ גוי, אַ שטעטלדיקן שונא ישראל, וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע. אויף זיינע פּלייצעס וואַרפט מען עס אַרויף דעם חוב צו העלפן די לעבן־געבליבענע 107 לאַנדסלייט פון דער שטאָט קויאַוועק, אין פּוילן.

איזבאַן פאַרמאָגט לשון. ער פאַרמאָגט ווערטער פאַר זיין פיל־נייגערי־קייט און פאַר זיין דערציילערישער מימיק. אָפטמאָל איז אים זיין גוט לשון אַ שטער, דער עיקר אין דיאַלאָג, וואָס קומט ביי אים אַרויס צו־לאַנג, צו־טעאַרעטיש, און וואָס באַגייט זיך נישט אָן די אַרויסהעלפערישע ווערטער פון מחבר, וואָס דאַרפן ווייזן זיין גענייטשאַפט. די פאַרברענטע נשמות פון דעם אַרכיטעקטס לאַנדסלייט רעדן אַ צו־פּערפעקטע און גוט־אויסגעשטעלטע חלום־שפּראַך, וואָס דער מחבר האָט זיי געשענקט:

„מיר ווילן צוריק־קריגן דעם כוח החיים, ווייל דער אָטעם פון לעבן

איז פון אונז אַרויסגעבלאָזן געוואָרן. מיר ווילן צוריק־קריגן די מענטשן־צורה, וואָס דער תליון האָט פון אונז צוגענומען. פלייש און בלוט זאָל באַ־דעקן אונזערע ביינער און דאָס פייער פון גבורה זאָל צוריק אָנצינדן אונ־זערע אויסגעלאָשענע לעבנס. דער געפּייניקטער איוב האָט איבערגעטראָגן די יסורים, ווייל מען האָט אים געטרייסט. דאָ רעדן צו דיר הונדערט און זיבן ביט־געטרייסטע איובס... פּונקט ווי יעקב, שטייענדיק פאַר זיין שטיי־נער־געלעגער אין בית־אל, האָט געבעטן „לחם לאכול ובגד ללבוש" און אַ. וו..."

דערפאַר אָבער ווען ס'קומט צו שילדערן דאָס געזעענע, פאַרזעט נישט איזבאַן קיין איין שפּרענקעלע און קיין איין קנייטש:

„ווען מר. ווינטער האָט צעוויקלט די לענגלעכע, גרויע בויגנס, ווי אַ טרויער־מגילה, האָט דאָס ווייב זיך געזעצט צום שפּיגל. זי האָט זאָרגפעל־טיק און פלייסיק אָנגעהויבן איר פרימאָרגן־קאַמף מיט דער עלטער. זי האָט לויז צעקנעפּלט דעם געבלימלטן שטוב־כאַלאַט, צעשאָטן די קלעמבעס האָר וואָס האָבן געמינעט צווישן די קאָלירן פון שאַרלאַך־רויט און קאַשטאַן־ברוין. די קלעמבעס האָר זיינען געפאַלן איבערן אויסגעבעטן נאַקן, גרייט פאַר דער באַהאַנדלונג פון קאַם, פון נאַדלען און קלאַמערס. זי האָט אַרויס־געלייגט פאַרן שפּיגל שערעלעך, צווענגעלעך, אַ פיילער, אַ צוויקער — מיט אַזאַ גענויטקייט, ווי אַ דענטיסט לייגט אַרויס זיינע אינסטרומענטן. אין אַ טיף קרעם־שיסעלע האָט זי געטונקען אירע פינגער און זיי געפירט איבערן פנים. דער קרעם ווי אַ כשוף־זאַלב, האָט אויפגעטאָן וואונדער, גע־טריבן די שפּור פון עלטער. צוערשט זיינען די פינגער־מאַנעווורעס געווען אַ לאַנגזאַם רייבעניש איבער די באַקן, שלייפן און שטערן, דערנאָך זיינען זיי איבערגעגאַנגען אין אַ פלינק פּויקעריי, שפּעטער אין אַן אומדערבאַרעמ־דיק טענצל איבער די אָנגעבריטע מוסקולן, אַז ס'האָט איר אַזש אָטעם פאַר־פעלט."

ש. איזבאַן פאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט צווישן אידישע דערציילערס. ער איז אפשר דער אָפּטימיסטישסטער פון זיי אַלעמען. ער שרייבט ווי מ'שרייבט געוויינלעך פאַר הונדערטער טויזנטער לייענערס פון פאַרשידענע מענטאַליטעטן; און נישט ווי מען שרייבט אין אידיש פאַר דעם געאָנטן און געקליבענעם לייענער, וואָס מען איז אים מצרף צו אידישע צרות, און וואָס מען זעט אים כסדר פאַר די אויגן מיט זיינע פּראָבלעמען און דערמאָנונגען. איזבאַן שווימט און לייגט קלאָפּטער. ער זעט נישט זיין לייענער און אים אַרט נישט אַז זיין לייענער זעט אים נישט. ער האָט הנאה צו דערציילן אַ מעשה און ער דערציילט זי נישט פאַר אידישע פנימער און פאַרן אידישן

געמיט. אויב מען וויל קען מען אים אפשר דערפאַר אַ סך קריטיקירן, אָבער ער פאַרמאָגט אַזויפיל גוטע ריין־שרייבערישע מעלות, אַז מען מוז אים מוחל זיין דאָס וואָס ער איז נישט, ווייל ער האָט עס מסתמא קיינמאָל נישט גע־וואָלט — אפשר נישט געקאָנט — זיין. ווען מיר וואָלטן געהאַט אידישע טעלעוויזיע וואָלט ער געווען איינער פון אירע באַרימטסטע שרייבערס. ס׳איז אַ וואונדער וואָס איזבאַן האָט ביזן היינטיקן טאָג נישט אָנגעשריבן קיין דראַמע, ווייל ער פאַרמאָגט גאָר אַ סך דראַמאַטישן אָטעם, הגם זיין כוח ליגט נישט אין דיאַלאָג. זיין דערצייל־קונסט לאָזט אפשר נישט איבער קיין עכאָ און קיין נאָכטראַכטונג, אָבער מען מוז באַוואונדערן זיין פאַרנעם און די „ניט־אידישע" גבורה פון צוטראַכטן און אויסטראַכטן; און זיין איינהיי־מישן זיך אין פאַרשידענע ווינקעלעך, וואו אַ אידישער בעלעטריסטישער פוס טרעט געוויינלעך דערשראָקן און אומזיכער.

י. מעצקער

י. מעצקער האָט אַ לענגערע צייט געשריבן מעשות פאַר קינדער. זיין ערשט בוך, וואָס דער פאַרלאַג „מתנות" האָט אַרויסגעגעבן אין 1936, איז געווען אַ קינדער־ראָמאַן — „טאָלי און טאָבי". אַ יאָר שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך דערציילונגען — „ערד און זון". די דערציילונגען, צוזאַמען מיט זיינע קינדער־מעשות, האָבן געוויזן אַז ס'איז צוגעקומען אַ קרעפטיקער טאַלאַנט מיט אַ מאַלערישן כוח. דער קלאַסישער טאָן פון זיינע דערציילונגען פאַר קינדער און די געזונטע שילדערונג־קראַפט פון די דערציילונגען פאַר דערוואַקסענע האָבן אונז איבערצייגט, אַז מען קען פון אים דערוואַרטן גאָר אַ סך. י. מעצקער האָט געלאָזט אויף זיך וואַרטן אַ לאַנגע צייט, גאַנצע זיבעצן יאָר, זייט ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך, אָבער זעלטן ווען האָט אַ שרייבער אַזוי וואונדערלעך אויסגענוצט זיין קינסטלערי־שע התבודדות; ער האָט דורך דער גאַנצער צייט געזאַמלט געמיט און פרישע כוחות. די טראַגישע יאָרן, טראַגיש פאַר דער וועלט און אימה'דיק פאַר אידן, האָבן אין מעצקערן אַרויסגערופן די אחריות פון אַ קינסטלערישן כראָ־ניקער, וואָס דאַרף פאַרצייכענען פאַר די דורות אַלץ וואָס די אויגן האָבן געזען, וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט און וואָס דער זכרון האָט אָפּגע־שפּאַרט. אמת, די היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט ער נישט דורכגעלעבט, אָבער די גרויסע פאַרטיליקונג האָט אין אים אַרויסגערופן אַ ריי יוגנט־דערמאָנונ־גען, וואָס הגם זיי שטעלן זיך אָפּ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען זיי שוין, אין אַ קלענערן פאַרמאַט, די יאָרן פון אידישער דערשראָקענער איינגעפונדעוועטקייט צווישן גויים און דער פאַרגיי פון אַ גאַנצן לעבנס־שטייגער.

דאָס נייע אַנטפּלעקנדיקע בוך פון קנאַפּע פינף הונדערט זייטן — „אויפן זיידנס פעלדער", וואָס איז דער פרוכטבאַרער רעזולטאַט פון מעצקער'ס לי־טעראַרישער יחידות, ענדיקט זיך מיט לייב'ס עקשנות'דיקן בלייבן אין דאָרף. צוויי ווייבער האָט ער שוין איבערגעלעבט און ער קלייבט זיך חתונה האָבן צום דריטן מאָל. דער איינגעשפּאַרטער דאָרף־איד בלייבט אויף זיין ירושה־דיקער נחלה, אָבער ער איז שוין איינזאַם. כמעט אַלע דאָרפישע קינדער האָבן שוין פאַרלאָזט דאָס דאָרף און זיינען אַוועק קיין אַמעריקע, אָדער קיין

ארץ ישראל. אויב אפילו לייב האָט נאָך אַלטע אידישע שכנים, איז ער שוין אָבער דער לעצטער בוים פון אַ גרויסער איינגעוואָרצלטקייט.

„אויפן זיידנס פעלדער" איז אַ געזאַנג. דאָס איז דאָס איבערראַשנדיקע אין דעם וואונדערלעכן בוך. קיינער האָט נישט פאַרדעכטיקט, אַז מעצקער פאַרמאָגט אַזאַ גרויס און גאַנץ געזאַנג. די מעלה פון דעם בוך איז טאַקע די גאַנצקייט. מען האָט דאָס געפיל אַז ביי דער פולער טראַדיציאָנעלקייט פון ווערק — און דאָס איז אַ טיף־טראַדיציאָנעל ווערק, אין גייסט פון אונזערע קלאַסיקערס — האָט מעצקער פונדעסטוועגן געמאַכט שבת פאַר זיך. ער האָט אויפגעבויט אַ דאָרף מיט אידן און גוים און געגאַנגען פון שטוב צו שטיבל, פון בוים צו בוים, פון פעלד צו פעלד, פון פויגל צו פויגל, פון יום טוב צו יום טוב, און אַלץ באַזונגען. אַמאָל איז דאָס געזאַנג אַ ליד פון פרייד, אַמאָל איז עס טיפער טרויער, אָבער אַ טרויעריקייט וואָס איז אַ טייל פון אַ שלימות־דיק לעבן.

ס'איז אַ גאַנצער קינסטלערישער שולחן־ערוך: מנהגים, מידות, פירונ־גען, שפּריכווערטער, רעדעכצער, קיין איין זאַך האָט מעצקער נישט דורכ־געלאָזט. „אויפן זיידנס פעלדער" איז נישט נאָר אין דער טראַדיציע פון דער אידישער ליטעראַטור, ס'איז וועלט־שרייבעריי, אָבער אָן אַ סימן פון אַ שעטנז־פּעדימל. פאַראַן אַ כשר'ער טאָן אין דעם גאַנצן בוך. משמעות, אַז דער וואָס דערציילט עס אַלץ האָט זיך איינגעהערט אין דעם פּלאַטער פון זיין זכרון, מיט אַ געפיל פון אידישער פּיעטעט.

ס'איז נישט קיין ראָמאַן. ס'זיינען נישטאָ אין אים קיין העלדן, סיידן אפשר ריווע לייב'ס ערשט ווייב, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון פאַרהאָרע־וועטער אידישער מוטערלעכקייט, וואָס גיט אַוועק אירע הענט און איר האַרץ און גייט אַוועק פון דער וועלט ווי אַ שטילע טויב. די קאַפּיטלעך פון ריווע'ס שלאַף־ווערן און איר צוגרייטונג צום טויט זיינען אַ דערהויבונג פאַר אונזער ליטעראַטור. ריווע ווייסט אַז זי ווערט פרי פאַרשניטן, אָבער זי האָט נישט קיין תרעומות. זי איז מוחל דעם רבונו של עולם, ווייל זי ווייסט אַז ער האָט „מער נישט קיין יאָרן" פאַר איר. בעט זי בלויז פאַר די אַכט קינדער אירע אַז זיי זאָלן „באַוועריט" ווערן צום גוטן. זי איז נישט מתרעם, ווייל זי איז בטוח, „אַז עפּעס מוז דאָך זיין דערביי, וואָס כ'דאַרף גיין פון דער וועלט און איבערלאָזן מיינע קינדער, ווען זיי זיינען נאָך אַזוי קליין".

ס'איז נישט קיין ראָמאַן, אָבער ס'איז אַ סך מער — ס'איז אַ גרויסע מערת המכפלה, מיט אַ סך אָבות און אמהות. די דורות קייטלען זיך, מען לעבט, מען שטאַרבט און אינצווישן טאַנצט מען אויף חתונות און מען גייט צו לויות. אָבער די מאָנאָטאָניע איז אַזאַ וואָס קרעפּטיקט דאָס האַרץ, ווייל

די טעג און נעכט וואָס גייען אויף איבער דער מאַנאָטאָניע פון לעבן און טויט, שמעקן מיט די אַראָמאַטן פון אייביקייט.

דאַכט זיך, אַז ש. ניגער האָט, שרייבנדיק וועגן מעצקער׳ס דאָרפישקייט, דערמאָנט ראַבאָיען, אַ קינסטלער, וואָס ווערט צו־זעלטן דערמאָנט, אָבער אין שייכות מיט מעצקערן וואָלט מען נאָך אויך געמעגט דערמאָנען פּרץ הירש־ביינען, וואָס האָט פאַרנשמה׳ט זיינע ערד־אידן. מעצקער איז נאָך דערצו אַ גרויסער מנגן. ער קען באַזינגען דאָס מינדסטע גרעזל און דאָס פלאַטערל וואָס זשומעט איבער אים, און דער איינדרוק זאָל זיין, אַז דאָס איז נישט קיין ווייכע פּאָעטיזירנדיקע פראַזע, נאָר פעסטע באַרוועסע טריט אויף האַרטער ערד, וואָס מעצקער איז אַ מבין אויף איר יעדער שפּאַן.

אין דעם דאָרף יאַנאָוויץ, ערגעץ אין מזרח־גאַליציע, פליסט שטיל דער טייך ניטשלאָווע. די אידישע גאָט־פאַרכטיקע דאָרפסלייט פירן זיך אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווי זיי האָבן זיך נוהג געווען אין די צייטן, ווען דער בעל־שם האָט זיך מתיחד געווען מיט גראָז און בוים און אומעטום געזען דעם דאָרנבוש און געהערט גאָטס רופנדיק און פריידיק קול. דער בעל־שם האָט דאָס דאָזיקע חדווה׳דיקע אידישקייט געפונען אומע־טום און די דאָרף־אידן האָבן עס איינגעזאַפּט אין זייער געמיט. מעצקער האָט דעם בלאָנדזשענדיקן טאָן פון דער דאָזיקער ירושה אויפגעכאַפּט מיט אַ זעל־טענער געטריישאַפט.

מ׳קען קומען צום בוך „אויפן זיידנס פעלדער" בלויז כדי זיך אָפּצופרישן מיט אידיש לשון. דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבן אין שליסל פון תחינה־אידיש, אַראַנזשירט אויף אַ מוזיקאַלישן אופן. ס׳איז אַ מאָדערנע קאָמפּאָזי־ציע אויף דעם הינטערגרונט פון אונזער אידיש לשון, ווען ס׳האָט עס גאָר־נישט געפעלט, ווען אַלץ וואָס דאָס אידישע אויג האָט געזען, האָט דאָס מויל אָנגערופן. אָט דעם תמימות׳דיקן אידישן דאָרף־סטיל האָבן מיר דאָ און דאָרט אין אונזער ליטעראַטור, אָבער ביי קיינעם איז עס ניט אַזוי פול און גאַנץ ווי ביי מעצקערן. מען קען אויף יעדער זייט פון בוך פאַרצייכענען צוויי אָדער דריי ווערטער, אָדער גאַנצע אויסדרוקן, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון פאַרגעסנקייט און עס מוזיקאַליש צוגעפּאַסט אויף זיין אייגענעם שטייגער.

מען וואָלט אַזאַ בוך געמעגט איבערזעצן אויף פאַרשידענע לשונות, כדי מען זאָל זען ווי תמימות׳דיק אונזערע אידן האָבן גערעדט און ווי כשר זיי האָבן געטראַכט, אפילו בעת זיי האָבן זיך געראַנגלט מיטן יצר הרע. דער דיאַלאָג איז דורכאויס אידיש. די אַנדערשקייט, וואָס אַזאַ ווערק וואָלט אַנט־פּלעקט פאַר פרעמדע, וואָלט געווען איבערראַשנדיק. מיר דוכט זיך אַז מ׳וואָלט זיך געעקנט איינהערן אין די שמועסן און אויפכאַפּן דאָס ניי־ביבלי־

שע וואָס מיר האָבן געשאַפן אין גלות. און דווקא די דאָרף־אידן זיינען איבער־צייגנדיק, ווייל זיי האָבן נישט נאָר געהאַט אַ בשותפות׳דיקע „מעזשע״ מיט דעם גויעשן שכן, אַ שמאָלן פאַס ערד, וואָס האָט קוים אָפּגעטיילט אַ אידיש פעלד פון דעם גוי׳ס נחלה, נאָר די מעזשע פון קרובה׳שאַפט מיטן דאָרף־גוי איז געווען אויך אַ גופיקע. ביידע, איד און גוי, זיינען געווען דעם פעלד׳ס קרובים. אָבער מעצקער ווייזט אונז דאָס ביסעלע גייסטיקייט, וואָס האָט דעם אידישן דאָרף־גוי אָפּגעטיילט פון זיין קריסטלעכן שכן: זיינע חלומות, זיינע געדאַנקען, זיינע דאגות און זיין פאַרקניפּונג מיט דער אייביקייט. מעצקער געדענקט גוט דאָס לשון פון דעם דאָרף־איד׳ס תפילה׳דיקער טאָג־טעגלעכ־קייט, וואָס מאַכט אים פאַר אַ איד און מאַכט אים פונדעסטוועגן נישט פאַר אויס קרוב פון יעדער גוטן און בייזן קריסטלעכן שכן. דער קינסטלער מעצ־קער ווייזט דערמיט אַרויס אַ סך מאָס און טאַקט, קיין איין מאָל פאַלט ער נישט אַריין אין די רייד, ער לאָזט זיינע העלדן זיך אויסשפּילן.

אין אָט דער אויסשפּילונג ליגט די גאַנצקייט, מחמת דאָס ווערק איז פול; מען דערשפּירט דעם טעם פון אַ אידיש לעבן, אין זיין גרויסן און נאַטירלעכן המשך. אין דער טאָנאַליטעט פון ווערק איז אויף דער קאַנווע פון בלויזע ענדערונגען פון סעזאָנען — און מעצקער קען אונז ברענגען יעדער מיניענדיקן ציטער פון די בלי־און־וועלק־זמנים — פאַראַן אַ סך דראַ־מאַטישע שפּאַנונג. דער איד לעבט טראַדיציאָנעל, אָבער ער שאַפט אין דער זעלביקער צייט שטיקער פעלדער פאַר זיך, לעבנס־אויסשפּרייטונג; און אין דער רחבות, אָדער דלות׳דיקער צוגעשפּאַרטקייט, איז אין טאָן פון דאָרפיש־אידישן לעבן אַליין פאַראַן די גרויסע היסטאָרישע קרובה׳שאַפט מיטן גאַנצן אידישן פאָלק; אויך די טאָג־טעגלעכע צוגעשאָפענע אַנדערשקייט פון לעבע־דיקן איד, אין אַ באַפרייטן גלות, מיט גאַטס דרויסן און מיט פול געזונט לשון צו באַוואונדערן גאָטס דרויסן.

ווען מען זאָל וועלן דערציילן דעם אינהאַלט פון מעצקערס ראָמאַן, וואָלט מען עס געקאָנט טאָן אויף איין זייטל, אָבער בעת מען לייענט איז דער איינדרוק, אַז יעדער טאָג פון די עטלעכע פערציק יאָר, וואָס „אויפן זיידנס פעלדער״ וויקלט אויף פאַר אונז, איז אַ ראָמאַן פאַר זיך. מעצקער ווייסט ווי אַזוי צו פאַראינהאַלטלעכן אַ טאָג אין יאַנאָוויץ. ער ווייסט וואָס מען טראַכט, ווי אַזוי מען שוויגט, ווי אַזוי מען רעדט, וואָס מ׳עסט, וואָס מען דאגה׳ט; מיט וואָס מען פרייט זיך — און ס׳ווערט טאָג און ס׳ווערט נאַכט און מען האָט דאָס געפיל אַז דער פולער מעת לעת איז קינסטלעריש געשען.

אַלץ וואָס אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשער פון לעבן פון אונזער גאַליציאַ־נער דאָרף־איד וואָלט זיך געוואונטשן, נאָכדעם ווי ער וואָלט גוט דורכגע־

אַקערט ווער ווייסט וויפיל שטיקלעך און ברעקלעך ניט־שטאַרק פאַרלאָזלעכע אינפאָרמאַציע — איז פאַראַן אין מעצקערס בוך. אָבער אַלץ איז צוזאַמענגע־זונגען אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. ווען דער מחבר וואָלט זיך געווען געשטעלט דעם אויפגאַב צו סיסטעמאַטיזירן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן דאָס לעבן פון די אידישע מאַנסלייט און ווייבער, זיידעס, באָבעס, טאַטעס, טעכטער און זין; ווען ער זאָל אונז וועלן מעטאָדיש געבן דעם פרימאָרגן און דעם פאַרנאַכט, די וואָך מיט דעם שבת און יום טוב, די חתונה מיט דער לויה; דעם דאָרף־מנין און די אויפגעבויטע שול, דעם שייכות פון דאָרף־איד צום שטאָט־איד, איד און גוי; קינדער דערציאונג, חלומות, ריינע גלויבנס, זאַבאַבאָנעס, תפילות, אָפּשפּרעכצער, נייע מאָדערנע ווינטלעך אין דאָרף, מלחמה־פּאַניק; פייגל, פערד, קי, הינער און הענער, און איבער אַלץ דאָס לשון פון אידישן טרויער און אידישער פרייד; די טרייסט־רייד פון דעם קליינעם אידישן רבי־לע, אַ ניצוץ פון בעל־שם, וואָס מונטערט מיט בטחון; ווען מעצקער וואָלט דאָס אונז אַלץ געוואָלט געבן מיט וויסנשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָלט ער עס אונז נישט געקענט געבן מעטאָדישער ווי ער האָט עס מיט אַ פולער האַנט געוויזן אין זיין בוך — קינסטלעריש צוזאַמענגעקנאָטן ווי בלאַנדזשענדיקע מעלאָדיעס, וואָס זיינען אַ טייל פון דעם ניגון פון גאַנצן ווערק.

פאַראַן אַ סך באַזונדערע נאַאיווע זייטלעך, וואָס דערמאָנען אין מענדעלי׳ן, ספּעקטאָרן און אפילו דינעזאָנען, אָבער זיי פּאַסן זיך אַריין אויסגעצייכנט אין דעם ריטם פון ווערק, וואָס איז אַ בוך פון אַן אויפגעוואַכטן גרויסן קינסט־לערישן זכרון.

מען וואָלט באַדאַרפט אַ סך ציטירן פון דעם בוך, אָבער מען וואָלט נישט געוואוסט וואו זיך אָפּצושטעלן. איך וועל זיך באַנוגענען מיט צוויי ציטאַטן. יאַנקל וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון שמד, ווערט, בהסכם מיט דער גאַנצער משפּחה, פאַרשיקט קיין אַמעריקע:

> די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע. דער געדאַנק אַז ער פאָרט פאַרטאָג אַוועק פון דער היים האָט יאַנקלען נישט געלאָזט איינ־שלאָפן, ער האָט — — — — שטומערהייט זיך ווי געזעגנט מיטן גאָרטן, מיטן אַלטן באַרנבוים, מיט די פעלדער, מיט די אַרומיקע בערג און מיט אַלץ וואָס זיין אויג האָט געקאָנט כאַפּן. זיין בליק איז געפאַלן אויף אַביימל, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון זיין געלעגער באַ־לאָדן מיט רייפע פלוימען. די פלוימען האָבן אָפּגעדעקטע מיט נאַכטיקן בלויען הויך זיך געטוליעט איינע צו ס׳אַנדערע און געדרימלט. פּלוצ־לינג האָט איין פלוים זיך אָפּגעריסן פון ביימל און זיך אַראָפּגעלאָזט אין גראָז אַריין. די פלוימען אַרום דעם ליידיק געבליבענעם אָרט האָבן

ווי אויפגעוואַכט. זיי האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי זיי וואָלטן זיך אויך וועלן אָפּרייסן פון די שטענגלעך און באַלד רואיקע זיך צוריק איינ־געטוליעט אין זייער נעסט.

דער מחבר רעדט נישט קיין איין איבעריק וואָרט. ער האָט אפשר נישט געהאַט די כוונה צו געבן דעם דאָזיקן „משל". אָבער מיט אמת קינסטלערי־שער אינטואיציע האָט ער געוויזן, ווי פון פלוימען־בוים רייסט זיך אויך אָפּ אַ „יאַנקל" און פאַלט אַוועק, און ווי דערשראָקענע פלוימען פאַרלייגן דאָס ליידיקע אָרט מיט טוליענדיקער וואַרעמקייט.

און אָט איז אַ צווייטער מאָמענט, ווען די צוויי אַלטע מומעס קומען אָפּ־רייסן יאַנקלען פון זיין שיקסע און אים ראַטעווען פון די נעגל פון שמד. זיי ברענגען אים אַהיים מיט דעם כוח פון יאַנקל'ס טויטער מאַמע. דער ווידער־שפּעניקער זון גלעט דעם הונט, מיטאַמאָל וואַשט ער זיך די הענט, דאַוונט מנחה און מעריב, און פלוצים ברעכט ער אויס ביים דאַווענען אין ווילדע געוויינען. זיין מומע דבורה, די פירזאָגערין וויסט אויך, ביי דער געלעגנ־הייט, וואָס „פירצוזאָגן":

„נו, שאַ, שאַ, אויב דו קאָנסט נאָך דאַווענען מיט אַזאַ צעבראָכן האַרץ, איז זיך נישטאָ וואָס צו זאָרגן. ר' וועלוועלע זאָל זיך מיען, פלעגט זאָגן, אַז מיט אַ צעבראָכן געמיט קען מען אויפהאַקן אַלע שלע־סער פון הימל. נו, גענוג שוין. דאַרפסט נישט וויינען, אַבי ביסט צוריק אין דער היים. ס'אַ גרויסע כמאַרע מיט אַ קליינעם רעגן".

ס'איז אַ קרעפּטיק בוך און ס'איז דערפאַר אַ וואָגיקער צושטייער צו דער דעבאַטע — צי די אידישע ליטעראַטור גייט אונטער. ס'איז אַ „וואָרט" אין דער דעבאַטע, אויף קנאַפּע פינף הונדערט קינסטלערישע זייטן.

ב. אַלקוויט

ב. אַלקוויט האָט שוין פאַרעפנטלעכט הונדערטער דערציילונגען, און ווען אפילו מ׳וואָלט אַ גוטע העלפט פון זיי געוואָרפן אין וואַסער אַריין און אַ העלפט פון די געבליבענע אויפסניי בראַקירט, וואָלט מען נאָך ביי אים געקאָנט אָפקלייבן גענוג קינסטלערישע דערציילונגען, וואָס מען וואָלט פון זיי געקאָנט צוזאַמענשטעלן עטלעכע גרעסערע ביכער. אָבער ביז איצטער איז ב. אַלקוויט באַליבט געוואָרן פאַר זיינע דאָ־און־דאָרט צעוואָרפענע דערציילונגען מיט געציילטע קאַרג־צוגעוואָרפענע, אָדער אגב־אורחא׳דיקע פאַראַגראַפן. ביי אונז באַשטראָפט מען אַזאַ דערציילער ווי ב. אַלקוויט אין צווייען: ערשטנס, גיט מען אים נישט די מעגלעכקייט ביי אונזערע טרויעריקע באַדינגונגען, אַרויסצוגעבן אַ בוך, און צווייטנס, קוקט מען זיך אויף אים נישט אום, ווייל ער האָט נאָך דאָס בוך נישט אַרויסגעגעבן.

אָבער מען מעג, פונדעסטוועגן, אין אַלקוויט׳ס פאַל אַביסל פאַרטיידיקן דעם קריטיקער, ווייל וועגן אים איז שווער צו שרייבן. אַן אָפּשאַצונג וועגן ב. אַלקוויטן וואָלט פאַקטיש געמוזט זיין אַ קליינע אַנטאָלאָגיע פון זיינע אייגענע געמייסטערטע זאַצן. מ׳וואָלט געמוזט האַלטן אין איין ציטירן, ווייל דער כוח אַלקוויט׳ס ווי אַ קינסטלערישער דעטאַלירער איז גרויס אָבער פאַרבאָרגן; מען מוז עס זען, כדי מען זאָל אויף דעם קאָנען אָנווייזן און עס אַנטפּלעקן פאַר זיך און פאַרן לייענער. אין דעם איז תמיד געווען די גרויסע שוועריקייט צו דערזען זיין גאַנג אין דער אידישער קינסטלערישער פראָזע, ווייל האָט מען אים נישט גענומען ווי אַן איבערצייגנדיקן ביישפּיל פאַר דעם וואָס מען האָט געוואָלט אויפווייזן, האָט מען אים גענומען צו־לייכט. ער האָט ממש געצוואונגען, אַז בעת מען לייענט אים און מען רעדט פון אים זאָל מען אים נישט אָפּלאָזן פון אויג, נאָר כסדר אָנווייזן אויף די באַזונדערע פאַראַגראַפן, וואָס ער האָט זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער, פאַר׳עקשנטערהייט, געשריבן מיט אַזאַ געוואָרנטער פאָרזיכטיקייט, ווי יעדער פאַראַגראַף, יעדער זאַץ באַזונדער וואָלט געווען אויף אויסשטעלונג.

מיט זיין איינציקן בוך לידער, וועגן „צוויי און אַנדערע", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן פונקט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט ב. אַלקוויט גלייך געוויזן אַז די אינספּיראַציע פון גאַנצן ליד מוז בלאָנדזשען אין יעדער

שורה. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַהאַלטן הינטער דעם ערשטן דיכטערישן איינפאַל און דערפון אויסגעשלאָגן חיונה, נאָר זיינע לידער האָבן געמוזט אויסהאַלטן שורות׳ווייז די פּראָבע, אַז די באַגייסטערונג האָט זיך פון זיי נישט אויסגעוועפּט און נישט אָפּגעטאָן; און אַז דאָס פאַרגעניגן פון דיכטער איז געווען אומגעהויער ביי דער צוזאַמענליישונג פון וואָרט מיט וואָרט, און האָט נישט געשלאָגן קאַפּיטאַל פון דער ערשטער היץ פון פּאָעטישן איינפאַל.

ב. אַלקוויט האָט וויטער געשריבן אַ צאָל לידער, וואָס ער האָט ביז איצטער נאָך נישט געזאַמלט אין בוך־פאָרם, אָבער זיינע ברייטערע לידער האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו שרייבן, ווייל ער האָט פון זיי און מיט זיי געשריבן זיינע דערציילונגען. ער איז ביי אונז דער דיכטער־דער־ציילער פּאַר־עקסעלאַנס, נישט נאָר אין דעם אַלגעמיינעם זין, נאָר אין סאַמע ענגסטן טייטש פון וואָרט. ער האָט זיינע טעמעס אויפגעפּאַסט ווי אַ פּאָעט. ער האָט זיי געשריבן, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אינספּיראַטיוו. ער האָט יעדער טעמע־איינפאַל באַטראַכט ווי פּאָעטישע אינספּיראַציע און גענו־מען דערמיט אימפּראָוויזירן. די האַרטסטע טעמע איז אין זיינע הענט אַרומ־געחלומט געוואָרן מיט פּאַרזיכטיקער באַדינונג פון יעדער אָפּגעציילטער שורה. יעדער דערציילונג איז ביי אים געוואָרן ווי אַ מיניאַטור־אַקוואַריום, מיט באַזונדערע פּיל־קאָלירטע פישעלעך, וואָס האָבן אומאויפהערלעך גע־לעבט און שעמערירט, אפילו ווען זיי האָבן גערוט.

ער האָט זיינע רעאַליסטישע טעמעס מרחיק געווען פון אַלץ וואָס די טעמע האָט געפּאָדערט, אפילו אין פרט פון אָנגענומענער בעלעטריסטישער לאָגיק, לויט אַלע כללים, און ער האָט אין איר אַריינגעשריבן וואָס ס׳האָט אים אַ ברי געטאָן אין דער מינוט, בעת ער האָט געהאַלטן אין אַנטוויקלען אַ זאַץ; ווייל געשריבן האָט ער נאָך זיינע דערציילונגען ווי עקסטענסיווע לידער, מיט זיין ספּעציעלער שרייב־פרייד, אַז מען מוז הנאה האָבן פון יעדער וואָרט, פון יעדער בינטל דיאַלאָג.

דאָס האָט געשאַפן אַ דילעמע, ווייל אים איז נישט געלונגען אַרויפצו־פירן אויפן דרך המלך פון דערצייל־קונסט, אַ צוזאַמענשפּאַן פון אַ בעלע־טריסטישער גאַנצקייט. ס׳איז שווער געווען צו וויסן וואוהין פירט דער דאָ־זיקער פּאָעט־דערציילער, וואוהין פירט ער זיך און דעם לייענער. ווייל דער עיקר איז ביי אַלקוויטן געווען די אינספּיראַציע, וואָס האָט אים געגעבן דעם דיכטערישן אָנשטויס צו דער באַזונדערער וועלט פון זיין פּראָזע. אַ דערציילונג איז ביי אים געוואָרן אַ שעפערישע אויספאָרשונג און אַ שעפע־רישע דערפאַרונג. אים האָט נישט געאַרט וואָס פאַראַ פּאַסאַזשירן פון זיינע דערציילונגען ער האָט מיטגעשלעפּט אויף זיינע פּאָעטישע עקסקורסיעס —

גענגסטערס, פּאָליסלייט, סקעבס, גוטע יוניאָן־לייט, מיטאָלאָגישע פּענצטער־וואַשערס, אפילו דערבליצטע צייטונג־כראָניק (ווי איז זיין „גאָגאָל׳ס רינג״). ער האָט פון אַלעמען געמאַכט אַ לייט. אַזוי גיך ווי זיי זיינען אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט, זענען זיי געוואָרן געקנופּט און גע־בונדן מיטן שרייבער, און מיט זיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס אַ פּאָעט קאָן פון זיי האָבן, וואָס פּאַרא ווערטער קאָן ער פון זיי געווינען — ווי אַזוי זאָלן זיי רעדן, אַז זיי זאָלן אים געבן אַ געלעגנהייט אויפצושפּילן זיין אייגענעם אַרומרייד. ער האָט זיינע טעמעס מורא׳דיק עקספּלואַטירט און זיי איינגעשפּאַנט אין שווערער אַרבעט. ביי קיין פּראָזע־שרייבער ביי אונז האָבן די טעמעס אַזוי נישט געהאָרעוועט ווי ביי ב. אַלקוויטן. ביי אַנדערע שריי־בערס האָבן העלדן און טעמעס געהאַט אַ לייכטער לעבן. ביי אַלקוויטן האָבן זיי געמוזט זינגען און זאָגן.

אויב מ׳האָט פאַרזען די שרייב־עשירות וואָס ב. אַלקוויט האָט אויס־געשלאָגן פון זיינע אומצאָליקע דערציילונגען; אויב מען איז פאַרבייגעגאַנגען די באַזונדערע זייטיקע אַלייען וואָס אַלקוויט האָט אויסגעפּלאַסטערט און אויס־געלייגט מיט אַלערליי שטיינדלעך; זיין גראָטעסק, זיין שטילן מוזיקאַלישן הומאָר, זיין איידעלע דורכגעווייטיקטע סאַטירע, זיין גוט־געכאָוועט וואָרט, — אויב מ׳האָט עס פאַרזען, בשוגג אָדער במזיד, אָדער גאָר ווייל אַזויפיל איבערלאָדונג האָט זיך צוגעגעסן, ווי אַ סך זיסע חלה מיט זאַפראַן, ראָזשינ־קעס און צוקער — האָט מען פאַרזען ב. אַלקוויטן אויפן וועג פון זיינע בע־לעטריסטישע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זיינען מיט זייערע אַלע עקסטראַוואַ־גאַנצן געווען אַ בולטער צושטייער צו דער מאָדערנער אידישער פּראָזע־קונסט.

אָבער אַלקוויט איז אַזוי אומבאַמערקטערהייט ביסלעכווייז אַרויס פון זיין אַרומגעצירקלטן אימפּראָוויזאַציע־גבול און איז, מיט אַלע זיינע געוואוינטע מעלות, מיט זיין גאַנצן פּאָעטישן באַגאַזש, אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון בעלעטריסטיק. אַלקוויט האָט אין משך פון די לעצטע זיבן־אַכט יאָר געפונען דעם מיטלוועג צווישן זיין אייגענעם באַצווינגנדיקן שרייב־אופן, און דער אויטאָנאָמיע פון דער טעמע גופא און פון די בעלעטריסטישע רעכט פון געשילדערטן העלד.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך גענומען אַזויפיל קינסטלערישע פּריווילעגיעס און אַ סך געלערנט דערפון, האָט ער די דערציילונגען זיינע אָנגעהויבן צו געבן אייגענע עקזיסטענץ־רעכט. ער האָט נישט אָנגעווירן קיין איין מעלה, פאַרקערט, אַלע אימפּראָוויזאַציעס זיינען אים גוט צונוץ געקומען, אָבער ער פאַרלירט זיך מער נישט אין זיי. זיין פּאָרזיכטיקע באַהאַנדלונג פון אַ שורה פינקלט נאָך שענער אין זיינע רייפערע דערציילונגען, אָבער זיי דערדריקן

נישט מיט זייער אייגענער שיינקייט, נאָר זיי זיינען פאַרבונדן מיט דער תוכיקער פראָזע פון דער דערציילונג, נישט נאָר מיט דעם וואָס דער שרייבער לאָזט אונז הערן, נאָר דערמיט וואָס די דערציילונג אַליין וויל אונז לאָזן הערן.

ס'איז שוין איצטער קלאָר, אַז מיט ב. אַלקוויטן איז צוגעקומען אַ קינסט־לער מיט אַ שאַרף אויג פאַר דער אַמעריקאַנער און אידיש־אַמעריקאַנערווירקלעכקייט. ער זעט די היגע אידישע פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמאַטיק און ער ווייזט זי אונז מיט דעם כּוח פון זיין אָפּגעהיט וואָרט. ער האָט אַן אמתן באַזאָרגטן אינטערעס אין היגן אידישן לעבן. ער קאָן אַריינקנעטן אַ פּובלי־ציסטישן פּאַטאָס אין די היגע גליקן פון אַ פּרץ־גאַס און אַרום די גראָטעסקע לויות פון אונזערע גדולים. אין אַלקוויט'ס „אויף איסט בראָדוויי" לעבן נאָך אַלץ די אַמאָליקע אידענעס און אידן פון אונזער ערשטן אַהערקום, אָבער ס'שטאַרבן שוין אָפּ אונזערע אייגענע צייכנס. די אידענעס האָבן אונז איבער־געלעבט. אַלקוויט באַשרייבט אַ לויה פון אַ גדול, מיט דעם וואָפן פון וויטיק אָנגעשטעלט אויף זיך אַליין, אויף אונז אַלעמען.

ער גייט אַרום און ער זוכט אויס זיינע מענטשן אין די באַרבער־שעפּער, אַרום די קרעמאַטאָריעס, אין די פּאָסט־אָפּיסעס וואו ס'זיינען פאַרלעגן גע־וואָרן ניט־דעשיפרירטע בריוו, אין די שעפּער, אין די נאָך פאַרבליבענע איסט סיידער טענעמענט הייזער. די טעמעס זיינע, ווי עקזאָטיש זיי זאָלן נישט קלינגען, ווערן זיי אין זיינע הענט פולע קינסטלערישע קאָמענטאַרן. ס'איז אַלקוויטן נישט לייכט צו לייענען, אָבער ס'איז אַ לוינעוודיקע נישט־לייכטקייט, ווייל אַז מען באַזיגט אין זיך דעם ווידערשטאַנד צו אַ נייעם אייגנ־אַרטיקן שרייבער, נעמט מען אים אָן און מען נעמט אים אויף און מען הערט זיך צו צו זיינע אינספּירירטע ווערטער, וואָס זיינען נאָך אַלץ אייגענע אַרומ־רעדונגען און אויסרעדונגען, אָבער מיט אַ טאַלק און מאָס און מיט דער בוימיקער דיסציפּלין.

דער גרויסשטאָטישער אַלקוויט האָט אונז געגעבן געזאַנג־דערציילונגען פון זיין כּעלמער היים און כּעלמער קינדהייט, וואָס זיינען באמת נעאָ־שלום עליכמ'דיקע קינדער מעשׂות. זיין „בעקערס טאָכטער", אָדער „ערשטע טריט", זיינען אַזוי שיין און רירנדיק ווי „בוזי"; און שפּראַכלעך באַצייכענען אַזעלכע דערציילונגען דעם אָפּלויף פון שלום עליכמ'ען ביז אונזער צייט. צום זעל־ביקן זשאַנער געהערט אויך דער „קוילעטש" און אַנדערע, ווי „דער אויפ־שטאַנד פון די לערנאינגלעך", וואָס גיבן אונז דעם טעם פון ערב קלאַסנ־קאַמף אין דער אַלטער וועלט.

אָט די מעשׂות בינדן זיך מיט זיינע היגע שאַפּ־דערציילונגען ווי „אַטאַ באַקאַרטאַנו". די לערן־אינגלעך זיינען דאָ אַנדערע, אָבער רב ברוך, וואָס

ציקלט אויס אַן אתה בחרתנו און אונטערהאַלט דעם שאַפּ, אידן און איטאַליע־נער, אין פריידן און אין ליידן, איז אַן אויסגעוואַקסן לערן־אינגל פון אַלקוויט׳ס היימישע מעשות, וואָס קיטלען זיך, ווי זיי וואָלטן געווען אַ גרויסע, גאַנצע אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע.

אַלקוויט געדענקט אויסגעצייכנט נישט נאָר די פאָלקסטימלעכקייט פון אידישן לשון, נאָר די גאַנצע פאָלקסטימלעכקייט פון אידישן געמיט, וואָס קריגט אַ ספּעציעלע עליה און תיקון אין דער מעשה מיטן שלימ׳מזלדיקן „גזלן אין כעלמער וואַלד" — אַ געפאַנגענער וואָס דער מילכיקער איז זיך מרחם אויף אים און דערלאַנגט אים אַ טאָפּ זויער־מילך. די קייטן אויף דעם גזלנ׳ס הענט זענען אויך קייטן פון אַ כעלמער מעשה׳לע, און דער גזלן איז אַ אידישער גזלן, וואָס זיינע גזלנישע השגות זיינען, ווייזט אויס, נישט געווען מי יודע ווי גרויס. דאָס גאַנצע מעשה׳לע איז אַ פּאָעמע, וואָס שמעקט מיט וואַלד, מיט מילכיקס, מיט דעם צעפלי פון אידישע ווערטער, פון די וואַרעמסטע היימישע נעסטן.

אָבער די העכסטע דערגרייכונג אַלקוויט׳ס איז זיין „רעיטשעל אין אַמע־ריקע", וואָס כ׳האָב געלייענט אין מאַנוסקריפּט. דער שרייבער מיטן טיפן אינטערעס אין דער היגער אידישער פּראָבלעמאַטיק, האָט געגעבן אין דער דערציילונג דעם ביטערן גראָטעסק פון אַ היימישער מאַמע, וואָס ווערט אַ „רעיטשעל" און זעצט זיך אַן מיט איר וואונדערלעכער און רירנדיקער עגאָ־צענטרישער ליבשאַפט אויף אירס אַ קינד, מיט אַ פלינק קעפל. ס׳הויבט זיך אַן דער טאַנץ פון דער אַמעריקאַנער מאַמען אַרום איר וואונדער־קינד, וואָס וואַקסט אַרויס פון זיינע וואונדערקינד־שיכלעך און ווערט, מחמת זיין שפּראַד־זויסן, אַן אַנגעשטעלטער אין אַ רייזע־ביוראָ; און דערצו טוט ער נאָך אָפּ דער מוטער „רעיטשעל" אויף טערקיש און האָט חתונה מיט אַן איטאַליע־נערין.

ב. אַלקוויט׳ס ריידעוודיקע אַריינמישונג איז דאָ דערהויבן און ראַ־פינירט. די שטעטלדיקייט פון דער מאַמע איז גוט צוזאַמענגעקנאַטן מיט דער היגער מוטער־קוואָקע, וואָס זיצט אויף איר קינד און זעט ממש נישט קיין אַנדערע קינדער אויף דער וועלט. די סאַטירע איז אַ לויטערע און דאָס לשון געשטעלט און געלייטערט, אין דעם שענסטן סינטעז. די דערציילונג איז אַ קלוגע, אָבער די קלוגשאַפט איז נישט קיין צודרינגלעכע, נאָר זי פלאַטערט ווי אַ ביטערער שמייכל איבער דער גאַנצער מעשה.

ס׳איז שוין באמת צייט צו פאַרצייכענען אַן שום וואַקלענישן, אַז ב. אַלקוויט ציילט זיך אַנזעעוודיק צווישן אונזערע פּראָזע־קינסטלערס.

ח. אַיאַלטי

ח. אַיאַלטי׳ס בוך מיט קורצע און לענגערע מעשות, וואָס איז דערשי־נען אין אורוגווײַ, איז אַרויס אויף דער וועלט מיט אַ מאָדנעם נאָמען — „דער טשעק און די אייביקייט״. מיר געפעלט נישט דער נאָמען פון בוך און כ׳ווייס נישט וואָס דער יונגער נאָוועליסט האָט דערמיט געוואָלט לאָזן הערן. איין דערציילונג פון די צען מעשות אין בוך, הייסט — „דער טשעק און די אייביקע קוואַלן״. איז דער נאָמען פון גאַנצן בוך אַנטליען פון דער לענגערער דערציילונג, אָדער איז עס סימבאָליש פאַר דער לעבנס־עק־זיסטענץ פון אַ שרייבער בכלל, וואָס צאַפּלט זיך ערגעץ צווישן טשעק און איי־ביקייט ? צי מיינט דער מחבר צו זאָגן אַז די גאַנצע וועלט איז אַזאַ צווישן־הימל־און־ערדישע און דער נאָמען פון בוך איז דערפאַר סימבאָליש פאַר אונזער לעבן, וואָס לייטערט אַרויף צום הימל און טרעט דערווייל אָפּ אין באַנק איינצוקאַסירן דעם טשעק ?

אָדער אפשר איז דער נאָמען צו גאָרנישט מחייב — נישט דעם שריי־בער און נישט דעם לייענער, נאָר גלאַט אַ נאָמען, אַ צוגעטראַכטער, כדי צו ווייזן, אַז אַ נאָמען באַטייט אייגנטלעך גאָרנישט, אַז אַ נאָמען דאַרף גאָר זיין אַזעלכער, וואָס זאָל נישט אַרויסלאָזן די קאַץ פון זאַק, וואָס זאָל נישט אויס־דערציילן דעם אינהאַלט פון אַלע מעשות, נאָר זאָל ווערן אַ פּרוזדור, וואָס דאַרף דינען ווי אַ דורכגאַנג צו די מעשות, וואָס קערן זיך מיטן נאָמען קנאַפּ אָן ?

אַז כ׳האָב דורכגעלייענט די מעשות אין בוך, האָב איך געזען, אַז נישט אומזיסט האָט מיך דער נאָמען פון דער גאַנצער זאַמלונג נאָוועלן פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג, ווייל ס׳איז אין אַלע מעשות פאַראַן עפּעס אַ שפּיל אַזאַ צווישן דער אולטראַ־וואָכעדיקייט, וואָס אונזער ציוויליזאַציע רופט אָן — טשעק, און דעם אולטראַ־קודש, וואָס די ציוויליזאַציע האָט נישט דערפאַר קיין קלאָ־רערן נאָמען, ווי אייביקייט. און מאָדנע, די צוויי ווערטער צוזאַמען זעען אויס ווי אַ שמייכל, נישט קיין צו־אָריגינעלער שמייכל און נישט קיין שמייכל, וואָס קומט פון צופיל זיך אַריינטראַכטן אין גאָטס וועלטל, נאָר ס׳איז אַ שמייכל, וואָס איז ווי אַן איבערגעחזר׳טע באַמערקונג, אין שמועס מיט מענטשן. דאָס איז די תורה און דאָס איז איר שכר — קינדערלעך, ס׳איז ווערט אַ זעץ אין דר׳ערד !

די צען דערציילונגען מאַכן דעם איינדרוק פון גוט־דערציילטע שמועסן, פלינקע, אויפגעכאַפּטע און אויף גיך־אַרייַנגעזאָגטע ווערטלעך. אין אַ שמועס איז דער עיקר דאָס מויל פון מענטשן וואָס רעדט, די באַוועגונגען, דאָס מאַכן מיט די הענט און ווי דער שמועסער שניידט זיך אַריין אין אַלגעמיינעם גע־רייד, מיט זיין אייגענעם מעטאָד פון רעדן, מיט זיינע זשעסטן און זשעסטי־קולאַציעס. אַיאַלטי קען ווערן דער צענטער פון אַ שמועס און זיך דערדינען צו דעם, אַז מ׳זאָל אים אויפמערקזאַם אויסהערן, ווייל ער האָט לשון און ער פאַרמאָגט אַריינזאָגעכצער, וואָס באַגלייטן אַלץ וואָס ער דערציילט, מיט זייַ־טיקע חכמות און חכמה׳לעך. מ׳גייט אַוועק פון אַזאַ שמועס מיטן געפיל, אַז מ׳האָט גוט פאַרבראַכט, אַז מ׳האָט געהערט אַ גוטן שמועסער. אַלץ איז אָנגע־צויגן, אָנגעשפּיצט, אָנגעצילט ווי אַ גוט־געלאָדענע ביקס, און אַלץ שיסט אויס ווען מ׳דאַרף און ראַשט אויף.

אָבער דער איינדרוק איז כסדר — שמועס און נישט דערציילונג. די דערציילונגען זיינען דערפאַר פון דעם מין, וואָס לאָזן זיך פאַרלייענען און וואָס מ׳וויל הערן פון יענעם, איידער לייענען אַליין פאַר זיך און מיט זיך. ס׳איז פשוט — דער שרייבער ח. אַיאַלטי לאָזט נישט דעם לייענער זיין אַליין, נאָר ער גייט אים נאָך און שמועסט אים זייער עלעגאַנט איין זיין מעשה מיט אַ זעלטענער דעקלאַמאַטאָרישער הנאה, וואָס גיט דעם לייענער אויך די הנאה פון איינהערן זיך, ביי אַ פאַרלייענונג. יעדער מעשה איז אַ דעקלאַמאַציע און איז אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט צום טאָן פון דעקלאַמאַציע, ווייל ס׳זיינען אַרויס־געלאָזט געוואָרן די מאָמענטן, וואָס דאַרפן געבן דעם לייענער אַן אינטימע מינוט. אַז מען לייענט אַיאַלטי׳ס אַ דערציילונג, דאַכט זיך דערפאַר, אַז מ׳זיצט און מ׳לייענט נישט, נאָר מ׳הערט זי פאַרלייענען און נישט ווי אַן איינציקער צוהערער, נאָר מ׳הערט די מעשה בציבור.

אַיאַלטי איז דער מחבר פון צוויי ראָמאַנען, וואָס איינער פון זיי — „טאַטע און זון" — האָט געקראָגן דעם לאַמעד פּרייז, ווען אַיאַלטי איז נאָך געווען אין מאָנטעווידעאָ. כ׳מיין טאַקע צו באַטאָנען, אַז דער שריפטשטעלער איז גאַנץ יונג באַמערקט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער נאָמען איז געווען אַ פרעמדער און וואָס דער שרייבער איז געווען פאַרוואָגלט ערגעץ ווייט פון צענטער, וואו שרייבערס האָבן די געלעגנהייט צו קומען און מאָנען.

דער יונגער ח. אַיאַלטי האָט נישט באַדאַרפט מאָנען, ווייל מ׳האָט אים באַלד באַמערקט. און ס׳איז געווען וואָס צו באַמערקן. אַיאַלטי פאַרמאָגט אַן אורבאַניסטישן טאָן, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער אידיש־קערנדיק און אפילו פאָלקסטימלעך. זיין דיאַלאָג איז אָפט אפילו שלום עליכם׳דיק. זיינע זייטיקע באַמערקונגען כאַפּן אַמאָל דעם שניידיקן בליץ פון משה נאַדירן.

וויגט ער זיך טאַקע צווישן דעם דיאַלאָג־הומאָר און דעם הומאָר פון קיילעכ־דיקע גלייכווערטלעך.

אַיאַלטי איז שאַרפּאויגיק, נאָר זיין צונג־שאַרפקייט שאַרזשירט אַלץ וואָס ער זעט. אָבער די גוטע מעלות פון דעם יונגן שרייבער זיינען בפירוש געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט זיך נישט געקענט דערלויבן זיך צו וואַרפן מיט זיי. מיר האָבן דעם יונגן שרייבער לייכטער געמאַכט דעם וועג צו קומען נענטער און לאָזן הערן זיין קול.

באַמערקט האָט מען גלייך, אַז אַיאַלטי איז פּובליציסטיש־באַשרייבעוו־דיק און ער האָט אַ שאַרפן צוגאַנג צו פּראָבלעמען. זיינע מיינונגען ווערן פאַנאַנדערגעטיילט אין רייד און אַריינגעגעבן זיינע העלדן אין מויל אַריין. רעדן דערפאַר אַ סך פון זיינע העלדן, מיט דער קורצער שניידעוודיקייט פון ציטונג־קעפּלעך. און דאָס וואָס זיי זאָגן איז אַ כסדר׳דיקער גראַנגל צווישן די עקסטרעמען פון „טשעק און אייביקייט". אינצווישן איז אָבער פאַראַן אַ גאַנצער קינסטלערישער תחום שבת פון דערהויבונג, וואָס אַיאַלטי האָט נישט קיין קינסטלערישן געדולד דערפאַר. ער לויפט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו פון טשעק, מיט דער כוונה צו דערלויפן וואָס גיכער צו אייביקייט און דאָרט באַ־וויזן, אַז ס׳איז אייגנטלעך אַ קאַצנשפּרונג צווישן ביידע.

כ׳האָב אין בוך כסדר געפונען דעם דאָזיקן גראַנגל, נישט דערפאַר, ווייל כ׳האָב חלילה געוואָלט זיין פּעדאַנטיש און געלייגט די גאַנצע וואָג אויף דעם נאָמען פון בוך. שוין אין דער ערשטער מעשה, אַ מין שלום אַשישע ספר תורה אין אַ הייזל, שילדערט דער מחבר אַ מנין פּראָפעסיאָנעלע קדיש־זאָגערס און יאָרצייט פאַבריקאַנטן, וואָס שפּילן אָפּ אַ יאָרצייט פאַר אַ פאַרי־זער זונה אין אַ שענק, וואָס איז די בירזשע פאַר גאַסן־מיידלעך. די אידישע זונה גיט אָפּ דעם טאַטן אויף יענער וועלט וואָס אים קומט, און די קריסט־לעכע חבר׳טעס אירע האַלטן זיך ביי די באַמבלענדיקע צלמימלעך און זאָגן אַלע נאָך — אָמן.

דער פּראָפעסיאָנאַליזם פון די קדיש־מאַכערס און פון די גאַסן־מיידלעך איז אויך משמעות דער טשעק, וואָס האַנדלט מיט אייביקייט. די מעשה ווערט דערציילט אין אַ שלום עליכמ׳דיקן מאָנאָלאָג, און איז ריינער שמועס, וואָס ווערט שטעלנווייז אפילו פאַרוואַנדלט אין אַן אַנעקדאָט. די מעשה איז נישט פריילעך און נישט טרויעריק און דער מחבר האָט נישט קיין באַציאונג צו די מענטשן, נאָר ער פּוצט אַרום די רייד און ער זעט צו שאַפן אַ געוויסע שפּאַנונג.

די צווייטע מעשה, „אַ נאַכט באַנקעט אין מעקסיקאָ סיטי", איז האַרצ־לאָזער בורלעסק. פאַראַן מענטשן וואָס האָבן מסתמא הנאה פון אַזעלכע

מעשות, אָבער אויך בײַ זײ װעט דער שרײַבער פֿון אַזאַ מעשה נישט װערן דערהויבן. װען אײַלטי װאָלט די גאַנצע געשיכטע אויסבראַקירט פֿון זײַן בוך, װאָלט די זאַמלונג נאָװעלן דערפֿון נישט געליטן, פּונקט װי דאָס בוך װאָלט גאָרנישט פֿאַרלױרן, װען ס׳װאָלט אין בוך געפֿעלט די טיפּישע צײַטונג־סקיצע — „דער באָבעס בעסט סעלער״, װאָס איז פֿלאַכער אידישער אַמעריקאַניזם. דער טשװאָק פֿון דער מעשה, אַז אַ טײַטש־חומש איז אַ „בעסט סעלער״, װאָס לעבט איבער אַנדערע „בעסט סעלערס״ איז אויך נישט מער װי אַנעקדאָט.

די צװײ בעסטע מעשות אין בוך — „דער טשעק און די אײביקע קװאַלן״ און — „משיח׳ס אײזל״ באַװײַזן ערשט דעם מחבר׳ס גרונטאָװנע חסרונות, זײַן אויסברײטן אַ מעשה, זײַן דערצײלן אויפֿן קול, װי ער װאָלט געהאַט צוהערערס, זײַנע אַרײַנגעװאָרפֿענע גלײַכװערטלעך און זײַן װיגן זיך צװישן קודש און חול. אין „טשעק און די אײביקע קװאַלן״ זעט מען גלײַך דעם מחבר׳ס צענטראַלע פֿאַראינטערעסירטקײט, אַז ס׳האָט אים אַזש געדינט טײל־װײַז פֿאַר דעם נאָמען פֿון בוך; און אַװדאי דערקענט זיך אויך דער דאָזיקער שװאַרץ־און־װײס אין „משיח׳ס אײזל״. מ׳װאַרט אויף משיח׳ן (אײביקײט) און קומען קומט דאָס אײזל (טשעק).

בײדע מעשות זײַנען זײער פֿלינק געשריבן, אָבער, װי געזאָגט, זײ זײַנען אויפֿגעבױט װי גוטער שמועס, מיט דעם מחבר׳ס כסדר׳דיקן אַרײַנפֿאַל אין זײַנע אײגענע רײד. בײדע מעשות זײַנען זײער און זײער גרויסשטאָטיש. די בעלגישע שיקסע איז אַן אמת׳ע שיקסע און די ליבע אירע, מיטן אידישן יונגענמאַן איז ראַיעלע ליבע. אַלץ איז כדבעי. ס׳איז אפֿילו געלונגען דער אײַנפֿאַל, װאָס גראָד די שיקסע איז די ערשטע צו בלעטערן די אַנטאָלאָגיע פֿון אידישע װײַזהײטן, װאָס דער פֿעטער הערי גיט איר מאַן דעם פּליט במתנה. דאָס איז דער צוגאָב פֿון „אײביקײט״ צום טשעק פֿון 750 דאָלער, װאָס דער פֿעטער שענקט דעם פּלימעניק זײַנעם.

אַ סך מאָל קריגט מען דעם אײַנדרוק, אַז אײַלטי מאַכט חוזק פֿון זײַנע מענטשן, אָבער זײ רעכענען זיך אָפּ מיט אים און אַזױ גיך װי זײ כאַפּן אַז ער מאַכט פֿון זײ חוזק, הױכן זײ אויס דעם לעבעדיקן אָטעם.

נאָך קענטיקער איז דער חוזק אין „משיח׳ס אײזל״. די מעשה איז זײער הומאָריסטיש, אָבער דער חוזק־הומאָר רעכנט זיך שטאַרק אָפּ מיטן מחבר און גיט אונז נישט די װאַרעמקײט, װאָס מ׳דאַרף אויסשלאָגן פֿון שעפֿערישן הומאָר. װען מ׳זאָל פֿאַרלײענען די מעשה פֿון דעם קיבוץ און פֿון דעם שלימ־מזל אהרן, װאָס מ׳כאַפּט בײַ אים אויס די מײדלעך, װעט מען זיכער לאַכן אויפֿן קול. אָבער אַז מ׳לײענט די מעשה פֿאַר זיך, פֿאַרדריסט װאָס אײַלטי

קען אַזוי גוט אָפּלעצעווען פון זיינע מענטשן און וואָס ער שענקט זיי נישט קיין שפור וואַרעמקייט.

וואָס איז פון דעם אַלעם געדרונגען?

זאָל מען אויסדרעשן נאָכאַמאָל דעם אַלטן וויכוח? אויב ליטעראַטור איז טאַקע נישט מער ווי פאַרוויילונג, האָב איך זיך גאַנץ שיין פאַרוויילט לייענענ־דיק אַיאַלטי׳ס ניי בוך „דער טשעק און די אייביקייט". איז אָבער ליטעראַטור מער ווי אַ פאַרוויילונג און עס איז אפשר דער קיינעמ׳ס לאַנד, וואָס ליגט צווישן די צוויי אויסגעטראַכטע עקסטרעמען, חול און קודש, איז אַיאַלטי דעם קיינעמ׳ס לאַנד צו־פלינק דורכגעלאָפן. אַ שאָד! ער איז אַ שרייבער מיט אַ סך פיינע מעלות, וואָס די אידישע ליטעראַטור וואָלט פון אים געקענט האָבן מער נחת, ווען ער זאָל אַוועק פון בורלעסק און פאַרגעסן אין דעם שוואַרץ־ווייס קאַמף, צווישן אָרמוזד און אַכרימאַן — דעם טשעק און דער אייביקייט, און בעסער לאָזן זיינע העלדן אויסקעמפן פאַר זיך, אָן זיין אַריינ־מישונג און חוזק, דאָס רעכט צו לעבן און צו ליידן.

1951

ישעיהו שפּיגל

א.

„מלכות געטאָ״

אין זומער 1945, נאָך דער באַפרייאונג, איז אַ אידישער דיכטער צוריק־געקומען פון אָשוויענטשים און פון פאַרשידענע אַנדערע גיהנום׳ס, צום אָרט וואו עס איז אַמאָל געווען די לאָדזשער געטאָ. ער האָט דאָרט נישט גע־זוכט זיינע קרובים, אייגענע און פריינט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיי זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ.

אין אויגוסט, 1944, ווען די גאַנצע געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן, ווייל היטלער האָט די לאָדזשער אידן נישט פאַרגונען אפילו דעם „לעבנסרוים״ פון דער טויט־פאַסטקע, האָט דער דיכטער ישעיהו שפּיגל פאַרגראָבן אין אַ קעלער זיינע קורצע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן דורך די פיר יאָר, פון 1940 ביז 1944. ער האָט זיך זיכער אפילו נישט דערוועגט צו האָפן, אַז ער אַליין וועט זיי נאָך ווען עס איז אויסגראָבן. ער האָט זיי געשריבן צו דער פרייער וועלט, וואָס וועט אַמאָל זיך אָנשלאָגן אויף זיין אידיש וואָרט.

לאַנג האָט זיין וואָרט נישט געשימלט אין דער פייכטער פינסטערניש, ווייל אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער איז שוין דער פּאָעט געשטאַנען אין דעם ווילגאָטנעם קעלער און אַליין אויפגעגראָבן זיינע קורצע נאָוועלן, וואָס האָבן זיך אויף אים על פּי נס פּאָרט דערוואָרט. דער רעזולטאַט פון דער אויפגראָבונג איז אַ דין ביכל פון 96 זייטן וואָס איז דערשינען אין לאָדזש, אונטער דעם נאָמען „מלכות געטאָ״, וועגן דעם מלכות וואָס ס׳איז אידן באַשערט געווען — אַ מלכות וואו זיי זיינען אפילו דערנידעריקט געוואָרן מיט חוזק־געלט און מיט אַן אייגענערווירטשאַפט פון הונגער, מיט אַן אויטאָנאָמיע, מ׳שטיינס געזאָגט, ערב־טויט.

אָבער די קורצע דערציילונגען פאַרמאָגן אַ מלכות׳דיקן טאָן. פאַראַן אין די געמאָסטענע שורות אַן אַריסטאָקראַטישקייט, וואָס דערהויבט דעם נאָמען „מלכות געטאָ״, איבער דעם אויבנאויפיקן באַטייט פון דעם פאַרפּעס־טעטן שטיק ערד, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן ווי אַ טויט־שטח צו אַ גאַנץ

פאַלק. די ערד האָט אין דער געטאָ נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פון פּעטער און באַנייענדיקער פּרוכפּערקייט, נאָר זי איז אַליין געשטאָרבן און זיך געקרישלט ווי קבר־שטויב.

אין אַזאַ „מלכות" זיינען אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע אידן און געזוכט פּאַרפוילטע שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, אָנגעשימלטע און ווילגאַטנע רעפּטלעך ברויט, און אין אַזאַ „מלכות" איז אַרומגעגאַנגען אַ אידישער דיכטער און גע־שריבן און פאַר׳חשיבות׳ט זיין וואָרט, געאיידלט יעדער אויסדרוק און זיך איינגעהערט אין דעם וואוילקלאַנג פון יעדער זאַץ. די ערד אַליין האָט שוין געקוואָרט און געפוילט און די תוכחה האָט זיך געלייגט אויף די צעבראָכענע הילצערנע הייזער, קינדער האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט צו לאַכן, ווייל אויך זיי האָבן דערשפּירט דעם גערוך פון טויט. אָבער ישעיהו שפּיגל האָט גע־שריבן זיינע קורצע דערציילונגען, מיט דער געלייטערטקייט פון אַ יסורים־פּרינץ, ווען דער הונגער איז געשטיגן פון די סאַמע טיפענישן, פון דער וויל־גאַטנער פאַר׳מכשפה׳טער מאַמע־ערד. אָט די שטילע געמאָסטענע ווערטער, וואָס זיינען געלעגן אַ גאַנץ יאָר פאַרגראָבן אין אַ פאַרדומפּענעם קעלער, זיינען איצטער עדות, אַז ס׳איז פאָרט געווען אַזאַ קיניגרייך ווי מלכות־געטאָ און אַז דער איראָנישער קלאַנג איז אפשר נישט קיין איראָניע, נאָר טאַקע אַ גייס־טיקער זיג איבער די פאַרטיליקערס.

אין זיין לעצטער דערציילונג פון בוך, וואָס הייסט טאַקע „מלכות געטאָ" און איז פאַקטיש נישט קיין דערציילונג, נאָר אַ שילדערונג פון דעם הונגער־טויט, שליסט דער דיכטער שפּיגל איין, אין תחום פון דער געטאָ, ווי אַן אייגע־נעם, אויך דעם געקרייציקטן. אין געטאָ שטייט אַ קירכע און „דער געקריי־ציקטער אין האַרץ פון געטאָ ווערט אָנגעגאָסן מיט פלאַם. זיין דאַרער, פאַר־פּייניקטער אידישער גוף ליגט איינגעהילט אין אַ רויטקייט פון וואָרעם בלוט".

אַזוי פאַרענדיקט ישעיהו שפּיגל זיין דערציילונג, וואָס שליסט דאָס בוך. און מאָדנע, ווי פּריקרע מיר איז נישט דער שידוך מיט דעם געקרייציקטן, און ווי קינדיש מיר קומט נישט אויס די התפעלות פאַר דעם מאַרטירערטום פון אַ מענטשן, וואָס האָט געקראָגן אַ משפּט, זאָל זיין אַ פאַלשן משפּט, און איז פאַר׳משפּט געוואָרן ווי אַ רעבעל — ווען מען טראַכט פון די מיליאָ־נען געמאַטערטע נפשות, אָדער פון טויט פון צענדליקער טויזנטער פאַר־מוטשעטע קינדער — האָט מיך דאָס מאָל נישט געאַרט, וואָס ס׳האָבן זיך געשלאָסן די טויערן פון דער געטאָ און דער פאַרפּייניקטער יעזוס־גוף איז גע־בליבן מיט אונז. זאָל זיין נאָך אַ פאַרפּייניקטער אידישער גוף. צו קיין מנין דאַרף מען אים נישט, אָבער צום הונגער־טויט פון טויזנטער קען מען דעם גוף פון נאָך אַ אידן אויך מצרף זיין.

לעאָן בלואַ, דער פראַנצויזישער קאַטוילישער פילאָזאָף און גרויסער אוהב ישראל, האָט אין יעזוס׳ן געזען דעם פרינץ פון אָרעמקייט. להיפוך אַלע ציני־קער־אַנטיסעמיטן האָט בלואַ געזען דאָס אידישע פאָלק, ווי אַ פאָלק פון גרויס אָרעמקייט. די דערשלאָגנקייט, רעכטלאָזיקייט און דערנידעריקטקייט פון אידישן פאָלק, דאָס שטענדיקע לעבן ביי די ראַנדן פון לעבן און די וויינענדיקע אידישע קוואַרטאַלן אין אַלע לענדער האָבן מער רעפּרעזענטירט אידישקייט, ווי צופעליקע און אויסנאַמלעכע עשירות וואָס האָט זיך בכלל גיך אַסימילירט און גיכער אָנגעוואוירן איר אידישן פּרצוף.

בלואַ האָט זייער שטאַרק פאַרליבט מאָריס ראָזענפעלד׳ן ווייל ער האָט אים געזען ווי דעם אידישן פּאָעט פון אָרעמקייט, פון אַרבעטערשאָפּט און פון שוויץ־שאָפּ.

בלואַ וואָס האָט פאַרגעטערט אָרעמקייט איז געשטאָרבן מיט דרייסיק יאָר צוריק. ער האָט קיינמאָל נישט געקענט פאָראויסזען אַזאַ קיניגרייך פון אָרעמ־קייט, ווי ישעיהו שפּיגל האָט געזען. מאַכט דערפאַר נישט אויס וואָס אין דעם מלכות איז אויך אריינגעציילט געוואָרן נאָך אַ פרינץ פון בלואַס אידישער אָרעמקייט, דער געקרייציקטער, וואָס איז מיט גוואַלט אויך געשיקט געוואָרן אין געטאָ.

ווען מען זאָגט נויט, דחקות, הונגער און ווען מ׳זאָגט אפילו טויט, זיינען דאָס נאָך אַלץ לעבעדיקע באַגריפן, וואָס זיינען אַ טייל פון דעם וואָס מיר קע־נען ווי לעבן, אָבער דער הונגער פון מלכות־געטאָ, איז געווען אַ באַזונדערע באַשערטקייט. מ׳האָט גענומען אַ גאַנץ פאָלק און מ׳האָט אים צוגעטיילט אַזויפיל יסורים וואָס זיינען פשוט נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר מענטשן. ס׳איז געווען אַ גרויסע דייטשע עקספּערימענט־סטאַנציע פאַר אידישן מאַרטירערטום און אויסהאַלטעוודיקייט; און בעת ס׳איז געקומען צו דער ליקווידאַציע זיינען נאָך אַלץ געווען אידן ליקווידירט צו ווערן.

אָט דעם מלכות׳דיקן טאָן פון דעם ריזיקן טויט־שטח האָט ישעיהו שפּיגל געהערט און פאַרצייכנט, אויף יענער זייט פון יסורים, ווען יסורים רעכענען זיך שוין כמעט נישט, ווייל זיי זיינען שוין נישט קיין מאָס פאַר מענטשלע־כער סבלנות. יעדער איד, יעדער אידישע פרוי און איטלעך קינד איז געווען אַ בירגער פון אַ מלכות־געטאָ, וואָס איז דורך דעם לעגענדאַרישן אומגליק געוואָרן אַן אמתע מלכות־ישראל.

דער דיכטער ישעיהו שפּיגל האָט געשריבן ווי ער וואָלט געווען אַ קרוב למלכות, און ווי ס׳פּאַסט פאַר איינעם, וואָס קען זיין ציכטיק אין דעם ערגסטן קויט. נתן האַנאָווער׳ס פיל־ציטירטער זאָג, אַז ער וואָלט דערציילט די פּרטים פון דער ת״ח אויסראָטונג, נאָר ער וויל נישט פאַרשעמען דעם מין מענטש איז

חל אויף שפיגלען, וואָס האָט כסדר געדענקט, אַז ווען ער וועט פֿאַרגראָבן זיינע דערציילונגען און מען וועט זיי אויסגראָבן פֿון דעם קעלערדיקן שימל, זאָלן זיי זיך לייענען ווי כראָניקעס פֿון אַן אונטערגעגאַנגענעם קיניגרייך — מלכות־געטאָ.

פֿון געטאָס, לאַגערן און טויט־וואַרשטאַטן זיינען צו אונדז דערגאַנגען קינות, געשרייען, קללות, געזאַנגען, פּינקס־פֿאַרצייכענונגען, אָבער אין ישעיהו שפּיגל׳ס קורצע נאָוועלן איז דאָ אַ הויך פֿון אַ קינסטלערישן שטאָלץ, וואָס איז אייביק. פֿאַראַן אין זיינע זאַצן אַ געדיכטקייט, אַן אָוועגטיקייט, אַ געמאָס־טענע צוריקגעהאַלטנקייט און אַ ציכטיקייט. פֿאַראַן אויך אין זיינע נאָוועלן אַ גערולדיקע אויפגעבויטקייט, ווי די געטאָ־יאָרן וואָלטן אים נישט געשטאַנען אויפֿן קאַרק און אין אים נישט אַריינגעשניטן יעדער טאָג. אין די יאָרן פֿון 1940 ביז 1944, ווען ער האָט געשריבן זיינע נאָוועלן, האָט דאָך דער חושך פֿון דער געטאָ באַדאַרפֿט פֿאַרהונגערן יעדער שורה ביזן ביין און זיי טרייבן מיט אומגעדולד אין דר׳ערד אַריין. אָבער ניין, שפּיגל איז געזעסן ווי אַ תושב אין מלכות־געטאָ און געבויט דערציילונגען מיט מער געדולד ווי אונזערע אָבות האָבן געבויט פּיתום ורעמסס. מען זעט ממש, ווי ער בויט אויף יעדער זאַץ, הערט זיך אין אים איין מיט אַ גערולדיקער איינהערעוודיקייט. דער הונגער האָט אים נישט געמאַכט אומגעדולדיק צום מינדסטן פֿלאַטער פֿון אַ וואָרט.

וואונדערלעך איז די ערשטע דערציילונג, „ערד". די פּויערים נעמען לויפֿן פֿון די דערפֿער „דאָ וואַרשאַווי"! דאָבע און איר מאַן יאָסי־בער הערן דאָס געשריי, אָבער זיי זיינען געפּלעפּט. יאָסי־בער׳ס טאַטע און זיידע זיינען געווען אידישע פּויערים און זיינען געזעסן אויף דער ערד און זי ליב געקראָגן. אַלע ווערן אַרונטערגעטריבן פֿון דער ערד דורך די דייטשן, אָבער די ערד וועט וואַרטן אויף זיי, נאָר די אידן ווערן פֿאַרטריבן אויף אייביק.

מען גייט, דייטשן קומען אָן. „אי־דאָן, ניעמצי אידאָן" — הערן זיך די געשרייען פֿון די פּויערים, אָבער דאָס אידישע קינדערלאָזע פּאָרל בלייבט אַליין אין דאָרף. יאָסי־בער וויל נישט לויפֿן. דער דאָרפֿס־מענטש דערשפּירט, אַז אַ מענטש קען נישט אַנטלויפֿן פֿון זיין גורל. ער בלייבט ביז ס׳קומען אָן די פֿאָלק־דייטשן, די ערשטע פֿאָראויסלויפֿער פֿון דעם אומגליק און זיי פֿאַרפּייניקן יאָסי־בער׳ן צום טויט.

די דערציילונג הייסט „ערד" און זי איז ערדיש צו אַלע חושים, ביז צו דער פּייכטלעכער אלול־לופֿט, „וואָס האָט געהאַט דעם טעם פֿון וואַלד־צווייגן, וואָס מען לייגט אָפּ אויף ווינטער".

לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אויב ס׳איז מעגלעך, אַ יאָר אין די ניינצן פֿער־

ציקער אין דער לאָדזשער געטאָ, און לאָמיר לייענען אַ זאַך, ווי ר׳איז דעמאָלט אַרויסגעקומען פון ישעיהו שפיגל׳ס פעדער, און לאָמיר פּרואוון פאַרשטיין דעם כּוח פון דער זיכערער האַנט, וואָס האָט דאָס אַלץ געשילדערט.

„ס׳איז געווען פינצטער אין דאָרף. אַ פרי־האַרבסטיקע פייכטקייט איז אויפגעגאַנגען פון די נידעריקע גרעזער און קשאַקעס. פּלוצים האָט דער הימל אָנגעהויבן ברענען ביי די מערב־ראַנדן מיט פאַרצויגענע פאַסן פייער. אין די דערפער אַרום דער וואַרטע האָבן זיך די פּויערים אין בהלה׳שער שרעק אויפגעכאַפּט אינמיטן נאַכט, פאַרפּאַקט די בעבעכעס, אויפגעוועקט די שלאָפן־דיקע ווייבער מיט די קינדער און זיי געזעצט אויף די געשפּאַנטע וועגענער. זיי האָבן אַרויסגעפירט די קי פון די וואַרעמע שטאַלן און זיי צוגעבונדן צו די אָנגעלאָדענע וועגענער מיט שטריק און קייטן. די קי האָבן אין דער פינצ־טערניש מיט אַן אומהיימלעכן בענקעניש גערעוועט, זיך געלאָזט צובינדן מיט טרויעריקע אַראָפּגעלאָזענע קעפּ“.

ס׳איז זיך כּדאַי איינצוהערן אין דער שפּאָרעוודיקייט פון יעדער זאַך, כּדי צו דערשפּירן די קינסטלערישע געדולד און די האָפענונג, אַז די סקעלעטישע טעג אין מלכות־געטאָ וועלן נישט שטאַרבן, נאָר זיי וועלן דערלעבן אים צו לאָזן ווייטער שילדערן און שרייבן מיט אַ קינסטלערישן גלויבן.

פאַראַן אין שפּיגל׳ס דערציילונגען אַן אַריסטאָקראַטיש געוויין, ווי ער וואָלט אונז אַלעמען געוואָלט פאַרשפּאָרן די גרויסע, שענדלעכע איינצלהייטן; ווי ער וואָלט געוואָלט רייניקן דאָס דערציילערישע צו אַלץ וואָס לאָזט זיך דערציילן און קען ווערן אַן אויסגעאיידלטער און אייביקער סימבאָל.

די ערשטע דערציילונג אין בוך „ערד“ איז אַזאַ סימבאָל. אַ אידישער ישוב׳ניק בלייבט און לויפט נישט פון זיין ערד, וואָס האָט אים פאַרפּויערט.

די דערציילונג ענדיקט זיך מיט יאָסי־בער׳ס פאַרפייניקטן טאַנץ. די דייטשן שטעכן אים די פיס מיט באַיאָנעטן און ער טאַנצט. יאָסי־בער הערט שוין דאָס קול פון זיין טאַטן:

„יאָסי־בער... טאַנץ־טאַנץ! טאַנץ... טאַנץ, מיין זון, טאַנץ. און צוזאַמען מיטן טאַטנס ניגון גייט אויף אַ געזאַנג פון די ווייסע שטיינער, פון זאַמד, פון די טאָפּאָליעס, וואָס ציטערן אין דער לבֿנה, פון די שטאַלן און פלויטן, און עס טראָגט זיך דאָס געזאַנג אַהין צו די בלאָע וועלדער, וואָס האַלטן איינגע־רעמט דאָלנע יאַרי, ווי אַ גילדן וואַסער־שיסעלע“.

שפּיגל איז אַ פּאָעט, וואָס שרייבט איצט לידער, און וואָס האָט נאָך אין 1939 אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער. איר זעט ממש ווי דער פּאָעט צאַמט און צערטלט יעדער וואָרט און איר זעט אויך ווי דער פאַרשטענדיקער פּראָזע קינסטלער לאָזט דעם פּאָעט נישט צופיל שאַלטן און וואַלטן.

ישעיהו שפּיגל׳ס מלכות׳דיק קינסטלעריש געדולד, אין מלכות־געטאָ, איז דאָס סאַמע איבערראַשנדיקסטע אין זיינע דערציילונגען. זיין קענען מסביר זיין טיף געמיט און זיין געדולדיקער און רואיקער טאָן זיינען נישט נאָר אַ קינסטלערישער טריאומף, נאָר אַ גרויסער נצחון פון מענטש איבער דער גאַנצער חיה׳שקייט, וואָס האָט געבושעוועט אַרום אים. אין זיין דערציי־לונג „שניי״ שילדערט ער ווי אַ ברודער און שוועסטער אַנטלויפן צוזאַמען פון דער געטאָ. דאָס אַנטלויפן פון דער געטאָ איז אַליין אַ גרויסע דראַמע פון סכנות נפשות. דער קינסטלער פאַרגעסט נישט אויף קיין איין מאָמענט צו שפּילן די דראַמע אויף אַ הינטערגרונט פון שניי און שטורעם. אָבער ער פאַר־לירט קיינמאָל נישט די גלייכמאָס, ער פאַרשילדערט זיך נישט, נאָר די דער־ציילונג קומט אַרויס מיט טרוקענער ווערדיקייט.

די פּייערלעכסטע דערציילונג אין בוך איז — „אידן״. דייטשע אידן ווערן פאַרשיקט אין דער פּויליש־אידישער געטאָ. זיי באַזעצן זיך אויך אין דער חורבה, וואָס דער פרומער איטשע־בער און זיין ווייב שרה־לאה האָבן געפונען אין געטאָ, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער באַלעבאַטיש הויז.

פרעמדע וועלטן באַגעגענען זיך. די דייטשע אידן קומען אָן מיט זייער פרעמדער הלבשה, מיט זייערע יעגער־היטן, מיט די לעדערנע טעשלעך, רוק־זעקלעך אויף דער פּלייצע און הויכע געשנירלטע שיך.

ביי שרה־לאה׳ן זיינען דאָס גויים.

„אָסור צי דאָס קען אַ תמונת־אות... מיט וואָס זיינען זיי דאָס אידן, פרעג איך דיך?״

אַזוי שרייט שרה־לאה. זי גוואַלדעוועט און פרעגט נעבעך אַ אידישע קשיה: „אין אַזאַ הילוך גייט מען דאָס אין גלות אַריין?״

אָבער רעכט אין כעס ווערט זי ערשט, אַז איר איטשע־בער צעדאַוונט זיך און נעמט ממש ברענען ווי אַ שרף, אָבער פון חדר, וואו די „דייטשן״ האָבן זיך באַזעצט, הערט זיך אַ קירכלעך געזאַנג. זיי דאַוונען אויך, אָבער זיי רעכטן אָפּ אַ מין גאָטעסדינסט, ס׳הערן זיך געזאַנגען, ווי ס׳וואָלטן זיך געטראָגן ניגונים פון אַן אָרגל, „אַדורכגעפלאָכטן מיט פסוקים פון הייליקע, פרעמדע תפילות״.

שרה־לאה וויל זיי פשוט אַרויסוואַרפן, אָבער איטשע־בער, דער מאַנס־ביל, פאַרשטייט בעסער.

„שאַאַאַ — שרייט ער — אַביסל דרך ארץ פאַר אידן... זעסט נישט אַז אידן דאַוונען?״

ער באַפעלט שרה־לאה׳ן זיי אַריינצוברענגען קליינע טעפּעלעך מיט

וואַרעמער זופּ. די אויסגעהונגערטע דייטשע אידן כאַפּן זיך נישט צו צו דער זופּ, נאָר זיי נעמען פריער אַרויס די קליינע זיידענע נאָז־טיכלעך און זיי ווישן זיך די טרערן פון די אויגן.

„פון הינטער די זיידענע טיכלעך זיינען נאָר געפאַלן ווערטער ווייכע און וואַרעמע :

„לי—בער ברודער, לי—בע שוועס—טער... דאַנקע, דאַנקע... וויר זינד דאָך אַללע יו־דן, יו—דן, יו—דן — — — —"

„זייערע ווערטער זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע פאַרשעמטע און זיך צעפּיצלט ווי קליינע, קלינגנדיקע פּיצלעך גלאָז".

די פּאַטעטישע דערנענטערונג פון די אַלערליי „יו—דן" האָט ישעיהו שפּיגל אויפגעכאַפּט אין דער געטאָ. מ'האָט זיך געטיילט מיט די קליינע טע־פּעלעך מיתה־משונה זופּ און מ'האָט אפילו גענומען קריגן דרך ארץ איינער פאַר דעם אַנדערנס תפילות.

איז עס דאָך פאָרט געווען אַ שטיקל מלכות, אַט דאָס מלכות־געטאָ!

ישעיהו שפּיגל האָט באַוויזן איינצושטילן דעם געשוואָלענעם הונגער און ער האָט געשריבן ווי אַ בעלעטריסטישער פּרינץ. זיינע קורצע נאָוועלן וועלן פאַרבלייבן אין אוצר פון אונזער מלכות ישראל. כ'וויס נישט פון נאָך אַזאַ ביכל נאָוועלן, ביי אַן אומה ולשון וואָס איז געלעגן אונטער נאַצישן קנאַפּל — אַ ביכל וואָס זאָל אָטעמען מיט אַזויפיל קיניגלעכער ווערדע.

1947

ב.

„מענטשן אין תהום״

פאַראַן אַ זעלטן שרייבעריש געפיל, וואָס איז דער אויבּ־נישט־נאָך־העכער פון קנאת סופרים. דאָס דאָזיקע געפיל מערט אפשר נישט קיין חכמה, ווייל עס רופט נישט אַרויס קיין שרייבערישן פאַרמעסט, פאַרשאַרפט נישט די קאָנקורענץ און סטימולירט נישט קיין שרייבערישע איבערשטייגונגען און פען־דועלן. פאַרקערט, אַזאַ געפיל מערט עניוות, דערהויבט די ליטעראַטור צו דער מדרגה פון וואונדער און גיט איר צו די חשיבות, וואָס פאַרמעסטונג אַליין קען קיינמאָל נישט דערגרייכן. דאָס געפיל איז כמעט דער סאַמע היפך פון קנאת סופרים, ס'איז די ליבשאַפט צו יענעמס אַרבעט, די ליבשאַפט וואָס נעמט דיך אַזוי שטאַרק אַרום, אַז דו דערפילסט טיפע דאַנקבאַרקייט צום שרייבער און צו זיין ווערק. דו לייענסט און פאַרלירסט דעם חוש פון וואַרשטאַט־שפּירעוודיקייט און ווערסט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ לייע־נער, וואָס רינגלט זיך אין גאַנצן אַרום מיטן ווערק און מאַכט עס פאַר אַ טייל פון זיין לעבן. כ'האָב זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אין דעם דאָזיקן געפיל פון אהבת סופרים, אין אַן אינטימען שמועס מיט שמואל יעקב אימבער, עליו השלום, וואָס האָט אין אַמעריקע ביי אונז זייער ווייניק געשריבן און דעמאָלט אָוועקגעגעבן אַ סך צייט, פאַר זיין ענגלישער אַנטאָלאָגיע פון אי־דישע לידער.

ווער זאָגט אַז איך שרייב נישט? — האָט מיך אימבער געזוכט צו אי־בערצייגן מיט אמת'ן חסידישן ברען. — אַז איך לייען אַ גוטע זאַך ביי אַ אידישן שרייבער, איז עס ביי מיר אַזוי אָנגעלייגט, ווי איך אַליין וואָלט עס געשריבן, עס ווערט אינגאַנצן מיינס, איך מאַך עס פאַר מיינס, איך קריג עס אַזוי שטאַרק ליב, אַז עס ווערט מיין אייגנס. איך בין נישט מקנא, איך בין דאַנקבאַר, וואָס איר אַלע שרייבט. איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט ווערן אַ גדול, איך בין געקומען מאַכן די אידישע ליטעראַטור גרויס און שטאַרק, און ווער עס טוט דאָס, טוט עס אויך אין מיין נאָמען, געבענטשט זאָלן זיי זיין — די אַלע וואָס באַרייכערן די אידישע ליטעראַטור.

אָט די דערהויבענע ליבשאַפט, וואָס איז דאָס פאַרקערטע פון קומען אויפן

מאַרק און אויסשטעלן די אייגענע סחורה, מיט דעם אייגענעם געציקלטן נאָ־מען, האָט אין אימבער׳ס מויל געקלונגען זייער ערלעך און תמימות׳דיק. איך האָב די רייד זיינע קיינמאָל נישט פאַרגעסן און כ׳האָב אַלעמאָל געקלערט וואָס פאַר אַ הויכע מדרגה דאָס מוז זיין, אַ מדרגה וואָס דערהויבט זיך איבער דער דערלויבטער חכמה־פאַרמערענדיקער שרייבערישער קאָנקורענץ, איבער דעם יאַריד און ווערטער־מאַרק, וואו איין שרייבער וויל אַריבערשרייען דעם אַנדערן, פאַרשטעלן דעם אַנדערן און פאַרשרייען דעם אַנדערן. אויף דעם ביסל קרעמערישקייט, וואָס ברענגט מער פּראָדוקציע ווי חכמה, האָבן מיר טאַקע אַ בפירושן היתר, אָבער פאַראַן זעלטענע מאָמענטן, ווען אַ שרייבער פאַרגעסט אין די דאָזיקע מאַרק־טענדענצן, אַפילו אין דער חכמה־סטימולינ־דיקער קנאה, און ער בלייבט זיצן איבער אַ חבר׳ס ווערק, מיט אַ געפיל פון גרויס עניוות. ער שפּירט אַז דאָס ווערק פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו טאָן נישט אַזוי מיט אַ פּערזענלעכער חתימה, ווי מיט אייביקייט. ס׳איז צוגעקומען אַ ווערק, וואָס נעמט דיך גלייך אונטער זיין שוץ און וואָס וואַרפט אויף דיר אַרויף אַ חיוב עס ליב צו האָבן מיט אַ ליבשאַפט, ווי דו אַליין וואָלסט געהאַט אַ חלק אין דעם, ווייל דו האָסט טאַקע בפירוש אַ חלק אין דעם. ס׳איז צוגעקומען אַ כלל־זאַך און דו שטאָלצירסט דערמיט, ווייל די ליטעראַטור ציילט אַזעלכע ווערק, זי ציילט זיי, ווייל זיי זיינען לופט און וואַסער און ברויט פאַר יעדער ליטעראַטור. ס׳איז קיין שרייבער נישט איינ־געפאַלן מקנא צו זיין שלום עליכמ׳ען פאַר זיין טביה, אָדער פאַר מנחם מענדלען, פּרצ׳ן פאַר די פאָלקסטימלעכע מעשות, ביאַליקן פאַר אַ סך פון זיינע לידער. מען האָט עס ביי זיי צוגענומען ווי אַ געשאַנק און באַרייכערונג פאַר דער ליטעראַטור. אָן אַזעלכע ווערק וואָלט גאָרנישט מעגלעך געווען דער יאַריד פון סופרישער קנאה, אָדער ער וואָלט אינגאַנצן קיין האַפט נישט געהאַט. אָן אַזעלכע קרוין־ווערק וואָלט זיך נישט געלוינט דער יאַריד פון דער ליטעראַטור, מיט דעם גאַנצן שרייבערישן געפּילדער. אַ ליטעראַטור מוז האָבן אַזעלכע ווערק, כדי ס׳זאָל זיך זיין איבער וואָס צו שלאָגן.

אַזאַ געפיל פון אהבת סופרים האָב איך געהאַט, ווען איך האָב איבער־געלייענט י. י. סיגאַל׳ס בוך לידער — „ספר אידיש״. דעם דאָזיקן ציטער האָב איך אויך דערשפּירט אין זיך, ווען איך האָב געלייענט ישעיהו שפּיגל׳ס געטאָ־נאָוועלן, אין זיין ניי בוך — „מענטשן אין תהום״. אַז מען לייענט זיינע קורצע נאָוועלן פון דער געטאָ מוז מען דערשפּירן, אַז אין אַזעלכע ווערק האָבן מיר אַלע אַ גרויסן חלק, אַז זיי גייען אַרויס פון גדר פון קנאת סופרים, ווייל מען דאַרף פריער פון אַלץ מאַכן אַ וואַרע פאַר אַ גרויסער נאַציאָנאַל־

קינסטלערישער געשעעניש. ס'איז צוגעקומען אַ בוך, פון די ביכער, וואָס גיבן דעם שרייבערישן יאַריד אונזערן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

ווען ישעיהו שפיגל האָט געשריבן די מעשות אין דער געטאָ, איז ער געשטאַנען פנים אל פנים מיט אַזעלכע שוידער־סיטואַציעס, וואָס אויב ער וואָלט פאַר זיי געזוכט ליטעראַרישע שיידלעך, וואָלט ער זיי נישט געפונען אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. דער פּראָצעס פון שרייבן אַליין איז פאַר אים, קודם כל, געווען הונגער פון גוף נאָך גייסטיקן אָנהאַלט און אויס־דויער. דאָס אַליין איז שוין נישט געווען קיין נאָרמאַלע קינסטלערישע דער־פאַרונג. ס'איז געווען אַ משוגענע עקשנות צו נאָרמאַליזירן אומזין אין זיך און אַרום זיך.

מיט זיינע ערשטע צוויי זאַמלונגען פון געטאָ־נאָוועלן — „מלכות געטאָ" און „שטערן איבערן געטאָ", האָט זיך שפיגל באַוויזן ווי אַ גרויסער נאַציאָ־נאַלער קינסטלער, ווי אַ רייך געפינס, וואָס איז פאַר אונז אַלעמען אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרן פון דעם תהום פון אומגליק. מיט דעם נייעם בוך זיינעם — „מענטשן אין תהום" אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ גרויסער מענטש, אַ טיפער מענטש, און אַ נשמה'דיקער איד, אָט די נשמה'דיקייט וואָס איז ביי אונז גע־ווען דער איבערגאַנג פון אונזער אַלטער קדושה צו אונזער נייעם מאַרטי־רערטום.

מען וואָלט געקענט וועגן יעדער דערציילונג אָנשרייבן אַ באַזונדערע גרויסע אָפּהאַנדלונג, מען וואָלט למשל געקענט שרייבן און שרייבן וועגן דעם ריטם, וואָס גיט שפיגל'ס קורצע דערציילונגען די צייט־מעסטונג פון גרויסע ווערק, וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט יאָרן פון אומגליק. מען וואָלט געקענט שרייבן וועגן זיין לשון, וואָס איז אַ נייע דערשיינונג אין אונזער ליטע־ראַטור. אַלע חושים קריגן ביי אים אויסדרוק און איבער די חושים איז שטענ־דיק פאַראַן די העכערע אחריות, אַז ער שרייבט תמצית, אַז ער איז אַ געראַ־טעוועטער שליח־ציבור, וועמען ס'איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אַ גרויסע שליחות.

די דערשראָקענע און פינסטערע געטאָ־מויערן רעדן צו דער וועלט און האָבן געקראָגן לשון אין שפיגל'ס דערציילונגען. די דערדריקנדיקע פינסטער־ניש פון דער געטאָ קריגט ליכט אין שפיגל'ס דערציילונגען. די פּחדימקייט פון דער געטאָ, איר גסיסה און איר נישט־דערהערט געשריי קריגט מוזיק אין שפיגל'ס וואונדערלעכע און שטיל־געוויינטע פּאַראַגראַפן. יעדער ניסימ'־דיק גרעזל, יעדער שטיקל טויטע בליעכץ, יעדער מאַלינע וואָס וואַקסט אויפן בית עולם, וואָס ווערט פעט פון אידישע מתים און וואָס דערפרישט די קינ־דערשע מיילער, מיטן טערפּקען טויט־טעם פון לעבן, קריגט אַראָמאַט אין שפיגל'ס דערציילונגען.

די דערציילונגען זיינען, אין פלוג, וועגן באַזונדערע אידן, באַזונדערע געשעענישן און באַזונדערע סיטואַציעס, אָבער זיי זיינען גרויסע נאַציאָנאַלע קלאָג־לידער אויפן טויט פון צענדליקער טויזנטער. איין מיידעלע מיט אַ רויט סטענגעלע, וואָס די מאַמע פאַרפּוצט, ערב איבערגעבן צו די דייטשן, איז אַ גרויס נאַציאָנאַל געוויין אויף דעם טויט פון צענדליקער טויזנטער קינדער. איין צעדולטער שמש, וואָס ליגט מיט פאַרסאַרפּעטע הענט, נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט אַ שטיקל שטיינדל פון דער שול־שׂרפה, איז אַ גרויסער יאָמער אויף דעם אַוועקגיין פון אונזערע הייליקייטן מיטן פייער.

דעם באַזונדערן קליינעם איד, דעם באַזונדערן עלנדן מיידל, דעם פאַר־שעמטן בעל מום, גיט ער זיין תיקון, וויפיל ס'קומט אים ווי אַ יחיד; ער פאַרזעט נישט דעם פּרט, אָבער אונטער זיינע געבענטשטע הענט ווערן די באַזונדערע קליינע מענטשן געהייליקט און דערהויבן צו גרויסע פאָלקס־סימבאָלן.

אַנאַ יאַקאָוולעוונאַ טעמקין וואָס איז שוין לאַנג דערוויטערט פון אידן און איז איינע אַליין אויף דער וועלט, טיילט מיט הכנעה און פרייד דעם גורל פון אַלע אידן, „ווי עפּעס אַן אומזעבאַרער פאָדים וואָלט זי געהאַלטן די אַלע יאָרן פאַרבונדן מיטן פאָלק". זי האָט נישט קיין קינד פאַר וועמען זיך מקריב צו זיין, איז זי זיך מקריב פאַר איר הונט „ניקי" און זי גייט אַליין צום טויט צווישן אידישע הינט. שטומע באַשעפענישן וואָס זיינען אויך פאַרמשפּט, קריגן טרייסט פון איר אין זייערע לעצטע מינוטן.

„דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען דער דייטש האָט נאָכן אויפ־שטעלן דעם צוים גערופן די אידן אָפּצוגעבן זייערע הויז־חיות, די פערד, קי, ציגן און הינט. אין געטאָ האָבן בלויז געקענט בלייבן די צוויי אַלטע עגלה־פערד. די איינגעזעסענע אידן פון באַלוט האָבן זינט דורות געהאָדעוועט די הויז־חיות און פון זיי געצויגן די אָרעמע, מאָגערע חיונה. דראָזשקאַזשעס און פורמאַנעס, מילך־הענדלער און טאָרג־שטייער, קאַטעריניאַזשעס און שענק־אידן האָבן געמוזט אָפּפירן די באַשעפענישן, וואָס זיינען דאָס גאַנצע לעבן מיט זיי מיטגעוואָקסן אין די ענגע הויפלעך פון באַלוט, אין די קעמערלעך און אין די פינצטערע קי און פערד־שטאַלן. מ'האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, דאָס לעצטע מאָל אַרומגענומען זייערע וואַרעמע העלזער אין דעם טונקעלן שטאַל, אַרויסגעפירט די טרויעריקע אידישע קי און די דערשראָקענע ציגן".

מען פירט אויך אַוועק די אידישע הינט און די אַלטע אַריסטאָקראַטקע פירט שטאָלץ איר אַלטן הונט און גייט צום טויט מיט אים צוזאַמען.

„זי האָט געזען ווי די אלמנה איז אינדרינען געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע הינט און נאָך אַלץ געפירט ניקין ביים קייטעלע; אין איר

לינקער האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס שטעקעלע מיט דער זילבערנער גאַלקע און עס געטראָגן הויך איבער די הינטס קעפּ. זי איז אַזוי געשטאַנען מיטן אויפגעהויבענעם שטעקעלע און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר אין סאַמע מיטן פון די הינט, וואָס האָבן זיך געלייגט צו אירע פיס. זי האָט אויסגעזען אַנאַ יאַקאָוולעווונאַ ווי אַ פּאַסטוך אַרומגערינגלט מיט אַ סטאַדע״.

פון יעדער דערציילונג קען מען פשוט ציטירן און ציטירן אומפאַרגעס־לעכע שטעלן. די „גאָלדענע יויך״ איז אַ טיפער וידוי פון ווייבלעכער עלנד, קדושה, זינד, מאָרד, און ס׳טראָגט זיך איבער איר דער טעם פון אידישע געקעכצן. „מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי האָבן אידישע פרויען אַרויס־געכשופט פון פאַרפוילטע אַלטע ריבן און קאַרטאָפל־שאָלן עפּעס אַ כח, וואָס זאָל זיי העלפן איבערלעבן — דעם טעם פון די פאַרשוואונדענע אידישע מאכלים״.

די זעאונג פון דעם „רבי פון סאַמפּאָלנע״, וואָס איז אַ מין קליינער שבתי צבי וואָס פירט אידן גלייך אויפן בית עולם צו אויסלייזונג, איז עפּעס אַזוינס, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון, מיט אידישער האָפענונג אויפן סאַמע בית עולם. דער רבי פון סאַמפּאָלנע טראָגט אַ ספר תורה אין איין האַנט, אַ קינד אויף דער אַנדערער און ער פירט די עדה אידן אויפן בית עולם, מיט אַ טאַלנער ניגון.

אָבער די קרוין פון גאַנצן בוך איז די לענגערע דערציילונג — „אַ איד פון בית עולם״. דאָס וועט אַמאָל אָנערקענט ווערן פאַר איינער פון די טיפסטע קינסטלערישע זאַכן אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. אויף דעם הינטער־גרונט פון בית הקברות און פון דער גרינער און בליענדיקער „טויטער״ נאַ־טור וואַקסט אויס אַ קברן, אַ איד אַ קדוש, וואָס הויבט אָן פאַרנעמען דאָס געווייןן פון פאַרשעמטן אידישן טויט און ער נעמט זיך אין געהיים, צוזאַמען מיט זיינס אַ שוועסטער קינד, מטהר זיין די אידישע מתים. דאָס איז אַ אידישע גרויל־סימפּאָניע, וואָס מען קען הערן לייענענדיק, ווייל איטלעך וואָרט איז אָפּגעציטערט און איטלעכער זאַג איז דערהויבן צו אַ גרויסער און טיפער ממשות. ווען דער קברן שטייט אַנטקעגן דייטש, ראַנגלט זיך דער אידישער גאָט מיט דעם גאָט פון דער טומאה. אין דער מעשה ווערט דער טויט פון אידן פאַרשאָטן מיט אַזויפיל בליעכץ פון בית עולם און דער צוזאַמענשפּיל ווערט דורך דעם גרויסן דערציילער געהאַלטן אויף אַזאַ ניוואָ, אַז די מעשה פון עטלעכע און צוואַנציק זייטלעך ווערט איינע פון די גרעסטע מייסטער־ווערק פון אונזער אַלטער און נייער ליטעראַטור. פון אָנהויב ביזן סוף פאַר־מאָגט די דערציילונג אַן אַפּאָקריפישע תמימות און וואונדער. וויפיל מאָל איך האָב שוין געלייענט דעם פּאַראַגראַף וואָס אין אים ווערן צעבלאָזן די

ערשטע פונקען פון מרידה פון דעם הייליקן קברן, כיל, קען איך אים בשום אופן נישט אויסלייענען, ווייל אין אים איז אַריינגעטאָן אַזויפיל האָב און גוטס אונזערס, אַזויפיל אידישע אָנגעזאַמלטע גרויסקייט.

„אין דער דאָזיקער צייט האָבן אינעם פעטער כיל ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן זאַמלען מחשבות פון מרידה. ער האָט פאַרנומען דעם גרויסן חטא קעגן דעם אידישן גוף. מען ווייסט נישט ווי אַזוי ער איז אַנומלט פאַרקראָכן צווישן די גרינע פאַרשימלטע מצבה־שטיינער און לעבן די אוהל׳ס פון די הייליקע גוטע אידן, אָפּגעלעגן אויף זייער איינגעפאַלענער ערד עטלעכע טעג. ער איז געלעגן דעמאָלט מיט זיין בויך איינגעגראָבן אין דער ערד, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דער גאַנצקייט פון אַלטע, פאַרפוילטע און וואַרעמע בלעטער. אַ פאַרזונקענער אין דער פינצטערניש פון אוהל, וואו ס׳האָבן געגעכטיקט גרויע בית־עולם־פייגעלעך און ס׳האָבן געצויגן זייערע דינע, זילבערנע פעדים אַלטע, יענע וועלטיקע שפינען — פלעגט ער פון צייט צו צייט אויפהויבן זיין פנים צו די אַלט־אָפּגעריבענע אידישע אותיות, וואָס האָבן אַראָפּגעגלאַנצט מיט זייער אייביק איינגעקריצט גרין גאָלד אין דער טונקלקייט. דאָס גאָלד פון די אידישע אותיות אין די איינגעקריצטע תפילות איז שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן און פאַרזונקען אינעם שטיין דורך די רעגנס, שנייען און ווינטן. מיט די הענט האָט ער אַרומגענומען די רעשטלעך גרודעס ערד, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך די קבר־בערגלעך און עפּעס אַ תפילה, אַ כאָרכלעניש פון פראָסטע, אויפגייענדיקע אידישע ווערטער האָט אין דער אוהל־פינצטערניש צוריק לעבן געמאַכט דאָס גוטע, לויטערע ליכט פון די פאַרשטאָרבענע גוטע אידן. אויף אַזאַ אופן האָט דער פעטער כיל מתפלל געווען. ער האָט געבעטן צו די פאַלדן פון דער איינפאַלענדיקער ערד אונטער זיך און מיט זיינע ליפּן געזוכט פון דאָרט אַרויסצושיילן עפּעס אַ דערלייכטערונג, אַ נס קעגן דער גרויסער אידישער מגפה. ער האָט אַפילו געוויינט, אַ שטאַמלענדיק געוויין פון טרערן און תפילה צו די הייליקע שאָטנס, זיי זאָלן זיך מיען פאַרן באַשעפער. ער האָט געבעטן פאַר טהרה און פאַר אַ ביסל ווייסגעצייג פאַר די געשטאָרבענע אידן אויף יענער זייט געטאָ״.

אין דעם איינציקן פאַראַגראַף זיינען דאָ סימנים פון קינסטלערישער און מענטשלעכער גרויסקייט. זיי רופן אין אונז אַרויס אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום טראַגישן צופאַל, וואָס האָט פאַר אונז אָפּגעראַטעוועט אַזעלכע אידישע ווערטער, וואָס מ׳וועט זיי לייענען מיט אַ רעליגיעזן ציטער, אַזוי לאַנג ווי דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן.

1950

מרדכי שטריגלער

אין דעם לענגערן אַריינפיר צום היסטאָרישן ראָמאַן „געאָרעמט מיטן ווינט" פון מרדכי שטריגלער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוויי בענד, דורכן צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע אידן אין אַרגענטינע, גיט אונז דער מחבר אַן אינטערעסאַנטן אַריינבליק אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער פסעוודאָ־היסטאָרישקייט פון „יאָשע קאַלב דעם ערשטן", וואָס י. י. זינגער האָט, אויף זיין אייגענעם שטייגער, אויסגענוצט, אין פּראָזע און אין אַ דראַמע. פון דער הקדמה איז צו זען, אַז „געאָרעמט מיטן ווינט", געבויט אויף אַ געדעכעניש פון אַ יוגנטלעכן כתב־יד, וואָס שטריגלער האָט אָנגעשריבן ערב דער וועלט מלחמה, איז, ניט געקוקט אויף אַלע מחברישע פּריווילעגיעס, נענטער צו די אידישע מקורים אַרום דעם גע־היימען טאָפּל־געשטאַלט, ווי ס'איז דאָס מער אויספּאַנטאַזירטע געשטאַלט וואָס י. י. זינגער האָט געשאַפן. שטריגלער האָט זיך אַזוי אָנגעלייענט מיט די ספרים פון יענער עפּאָכע, וועגן „יאָשע קאַלב", אַז אים איז געלונגען אָנצו־האַלטן אַ שטאַרקן הינטערגרונט פון פאָלקישער פּרימיטיווקייט, וואָס שטערט לחלוטין נישט דעם גאַנג פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן. נאָר פאַרקערט, עס פאַרגיכט נאָך דעם לויף פון דער דערציילונג און גיט עס צו אַן אומגעקינצלטע געשפּאַנטקייט. דער מחבר איז יאָ דאָ און ניט דאָ — ער איז אַ מין רואה ואינו נראה, אָדער אַנדערש געזאָגט, אַ מספר ואינו מספר.

אַפילו אין די לענגערע שילדערונגען פון דעם צווייטן בענדיקן ווערק, אין אַ פאַרזוך צו פאַרמענטשלעכן דאָס מיסטישע געשטאַלט פון דעם טאָפּל־איד און אים געבן אַ הויך פון פאַרשטענדלעכער רעאַליטעט, וואָס דער מחבר לאָזט אגב איבער נאָך טיפער אַרומגערינגלט מיט אומפאַרשטענדלעכ־קייט, איז פאַראַן אַ נאַטירלעכער טאָן פון פאָלקס־דערציילונג, אָן שום סטילי־זאַציעס, נאָר אין אַן אינטערעסאַנטן צוריקרוף, ווי מרדכי שטריגלער וואָלט אָנגעהויבן זיין קינסטלערישע עקסקורסיע פון יענע צייטן, ווען די אידישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסוויקלען אין איר אָנטשטייך.

נאָך אין 1947, ווען ס'איז דערשינען שטריגלער'ס ערשט בוך, זיין זאַמלונג לידער „אין אַ פרעמדן דור", מיט פייערווערטער וואָס זיינען ווי אַרויס פון נאַציִשן קאַלך־אויוון, האָב איך אָנגעוויזן, אַז שטריגלער איז נישט

קיין געווינלעכער אָנפֿאַנגער נאָר אַן אָנהויבער, אַ שרייבער וואָס געטרויט ניט די הענט און דעם מוח פֿון „אַ פּרעמדן דור", נאָר ער הויבט בפּירוש אָן פֿון אָנהויב, ער וויל אַליין צוריקשטעלן די חרובע קינסטלערישע אותיות און זיי צוזאַמענשטעלן אויף זיין שטייגער.

און אין אַלע ווערק זיינע, וואָס ער האָט געשריבן, זינט ס'איז דערשינען זיין ערשט בוך לידער — אַ קיימא לן פֿון זיבן ביכער, דריי פֿון זיי צו צוויי בענד, — באַמערקט זיך נאָך אַלץ דאָס צוריקגיין צום אָנהויב, צו אַנטשטייאונג. ס'איז דערפֿאַר שווער אָנצואווייזן אויף די השפּעות, וואָס האָבן שטריגלערן געפּירט, ווייל אים געפינט מען תמיד ביים וויגעלע פֿון אַלע איינפֿלוסן, וואָס האָבן געשאַפֿן די אידישע ליטעראַטור. ער איז אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי אונזער דור שרייבערס. דער אינגערער, אפשר דער אינגסטער — ער איז אַלט 35 יאָר — איז גאָר דער עלטסטער פֿון אַלעמען. ער איז געגאַנגען צום קוואַל און איבערגעלערנט און איבערגעלייענט אַלץ, וואָס אַ אידישער שרייבער איז מחויב געווען צו לערנען און לייענען, ביים אָנהויב פֿון נייגצנטן יאָר־הונדערט, נאָך פֿאַר מענדעלען, ווען די אידישע קונסט איז נאָך געלעגן אין בית המדרש און אין אַלמער פֿון ספרים.

ס'איז זייער לייכט צו ווערן עמאָציאָנעל, ווען מען גיט אַ טראַכט וויפֿיל ס'איז אונז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, מיט שטריגלער'ס לעבעדיקן אַריינקום אין דער אידישער ליטעראַטור. אָט דער נאַציאָנאַל־ביאָגראַפֿישער פּרט איז אַ טעמע פֿאַר זיך. די ווערק שטריגלער'ס קאָנען שטיין אויף אייגענע פיס, אפילו ווען מען זאָל זיי נעמען אָן דעם הילפֿלאָזן קאָמענטאַר פֿון נס און אויף די אומפֿאַרשטענדלעכסטע דרכים פֿון טאָטאַלער פֿאַרטיליקונג און אָפּגעראַטע־ וועטער אויפֿהיטונג. האָט דאָך שטריגלער אַליין אין זיין „מאַידאַנעק", אין „די פֿאַבריקן פֿון טויט", אין „ווערק צע" און אין די „גורלות", געזוכט אויפֿצו־ קלערן דאָס אומדערקלערלעכע, צו פֿאַרמענטשלעכן גאָט'ס פינגער אין דער ערגסטער פּורגאַטאָריע. אָבער כ'וועל דערווייל איבערלאָזן אָן אַ זייט די „הפסקה" אין שטריגלער'ס ליטעראַרישער קאַריערע. איידער ער איז אַריין טיילן דעם גורל מיט די איבער זעקס מיליאָן אידן און מיליאָנען גויים, האָט ער שוין געשריבן אידיש און העברעאיש, און אַפילו, ווי מיר זעען פֿון זיין הקדמה צו דעם נאָר וואָס דערשינענעם היסטאָרישן ראָמאַן „געאַרעמט מיטן ווינט", געמאַכט אַ פֿאַרזוך אָנצושרייבן דעם ראָמאַן פֿון „ערשטן יאָשע קאַלב".

מיט שטריגלערן איז אונז צוגעקומען אַ שורש'דיקער אידישער שרייבער, אַ גאַנצער בוים מיט אַ סך וואָרצלען, וואָס די חיונה'דיקע ערד זיינע איז גאַנץ־אידישקייט פֿון אומעטום. ער איז געקומען, ווי געזאָגט, אָנהויבן מיט אימפּעט, ווי ער וואָלט געוואָלט ניט נאָר אָניאָגן זיין אייגענע קינסטלערישע

אַנטוויקלונג, נאָר ווי ער וואָלט געוואָלט מתקן זיין אַ סך פירונגען און איבער־פירונגען. דער דיאַפּאַזאָן פון זיין אינטערעס איז אַ אידיש־ענציקלאָפּעדישער. ער האָלט אַ פיל־פעדער אין דער האַנט, אַזוי צו זאָגן, ער מוז מיט איר רעדן, זאָגן, שרייבן, לערנען, אַריינזאָגן און זאָגן דעות; ער מוז ענערגיזירן זיין וואָרט ביז געשפּאַנטקייט, אָבער ס׳מוז זיין אָנגעלאָדן און אָנגעלאָגלט מיט ידיעות. ער פאַרמאָגט אַ אידיש־פּאָליטישע באַהאַוונטייט, וואָס איז אַקטיוו און וואָס איז אַ גאַנצע צענטראַלע פון געשעענישן. מיט שטריגלערן איז אונז צוגעקומען אַ גאַנצער אַרסענאַל פון אידיש־גייסטיקער באַוואָפנטקייט.

איז ער אַ אינגל, ממש אין די צוואַנציקער, געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער ציַטונג; איז ער איצטער דער רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער ציַטונג — אידישער קעמפער — און ער ווייזט אַרויס אַ סך אידיש־געזעל־שאַפטלעכן טאַקט, געזונטן קריטישן חוש, אַ זין פאַר קאָנסטרוקטיווקייט, און אַן אומגעהייערע שפּירעוודיקע באַלייכטונג־פעאיקייט פון אידישע געשע־ענישן וואָס האַלטן זיך נאָך אפילו אין אויספיקן.

מרדכי שטריגלער איז אין זיינע עקספּערימענטאַלע אָנהויבערישקייטן אַ רייפער, פילזייטיקער קינסטלער, וואָס זיין הייסע פּובליציסטישע פען גליט אויך אין זיינע אַלע בעלעטריסטישע ווערק, און גיט זיי צו דעם אָטעם פון דעם „פרעמדן דור״, וואָס אין אים האָט שטריגלער אַריינגעוואָרפן זיינע ערשטע גליענדיקע קוילן־לידער, און האָלט פון דעמאָלט אָן אין וואָרפן מיליאָנען ווערטער, זוכנדיק אויפקלאָרונג. ביי דער גאַנצער געבענטשטער פּראָדוקטיווקייט, פאַרמאָגט שטריגלער אַ גוואַלטיקע קלאָרקייט; אין דער גרעסטער היץ פון עמאָציאָנעלער אויסשרייאונג, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם דראַנג צו זוכן דעם פּירוש פון זאַכן און צו געבן די אויס־טייטשונג אויך פאַר אַנדערע.

ס׳איז ניט מיין אויפגאַב צו אַנאַליזירן אַלע אַכט ווערק, וואָס שטריגלער האָט ביז איצטער אַרויסגעגעבן. אין אַ קורצער עסיי איז אוממעגלעך אָנצואווייזן אויף דעם אייגנאַרטיקן אָרט וואָס זיינע נאָך־קאַטאַסטראָפע ווערק פאַרנעמען אין דער אידישער ליטעראַטור. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז פון די געליטענע שרייבערס, האָט ער זיך גענומען ניט אַזוי צו געשעענישן, ווי צו די מענטשן הינטער די געשעענישן. ער האָט אויך געזוכט אַרונטערצוואַרפן פון זיך אַלע ליטעראַרישע באַזינגענדיקע באַפוצונגען. סוצקעווער׳ס פּאָעטישער טאָן און שפּיגל׳ס פּראָזע־טאָן, זיינען געווען אייגענע טריאומפן, אָבער אין שטריגלער׳ס „מאַידאַנעק״, אָדער אין „ווערק צע״, צי אין זיינע „גורלות״, איז קאָנטיק די פאַרמעסטונג צו דערטיפן זיך צום סאַמע עיקר, אָן ליטעראַ־רישע הייטלעך. ווידער קומט דאָ אַריין דער גרינטלעכער פאָרשער און אַנ־

היבער, וואָס געטרויט נישט קיינעם, נאָר ער וויל עס אַלץ אַליין דערגרונטעווען און דערגיין.

אים איז געגאַנגען אין פרעגן און אפשר געפינען דעם ענטפער — וויאַזוי מענטשן זיינען אַזוי אַנטמענטשט געוואָרן און וויאַזוי דאָס פינטעלע מענטשלעכקייט האָט פאָרט געברענט, אַפילו דאָרט וואו ס'איז ממש קיין אָרט נישט געווען צו אָטעמען.

שווער צו קאַטאַלאָגירן די נאָך־מלחמה ווערק זיינע ווייל זיי זיינען לחלוטין ניי און ווייל זיי זיינען די צאַפּלדיקע געשיכטע פון אונזער צייט. דער מחבר ווערט ניט מיד צו גיין מיט דער לאַמטערנע און זוכן דעם מענטשן, אַפילו אין זיין צע'חיה'טער אוממענטשלעכקייט. זיינע קאָמענטאַרן זיינען דורכדרינגלעכע און די מענטשלעכע דאָקומענטן, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט און וואָס ער האָט דערזען, ווען ער אַליין איז געווען אַ שטיק בלינדער דאָקומענט, זיינען מאָנומענטן וואָס מען וועט נישט קאָנען פאַרבייגיין, ווייל זיי זיינען די געקריצטע געזעצן פון אַן אומגעזעצלעכע תקופה, די דברות פון אויפפירונג, ווען מענטשן האָבן זיך נישט אויפגעפירט, נאָר געטאָפּט און געשמעקט, און געשטאָרבן לעבנדיק.

יאָ, פאַראַן אַ געזעצמעסיקייט אין די אַלע דערציילטע עפּיזאָדן פון די „גורלות׳דיקע״ ווערק, וואָס שטריגלער האָט אַזוי פיבערהאַפטיק אַנגעשריבן, ווי ער וואָלט געווען אַ יונגער דאָסטאָיעווסקי, וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן צווישן די לעבעדיקע קברים. מרדכי שטריגלער׳ן האָט אינטערעסירט די רמב״מישע לעגענדע פון צעשניטענע מענטשלעכע איברים, וואָס האָבן זיך געעסיקט אין אַ ריזיקער לאַבאָראַטאָריע פון אַ גיגאַנטישן סדום. די איברים האָבן געהאַנדלט איברים־מעסיק, בלינד און חושימ׳דיק, אָבער ער האָט פון זיי געוואָלט צונויפשטעלן דעם גאַנצן מענטש אין זיין ערגסטער צעשניטנקייט.

אין זיין ערשטן פּראָזע ווערק „די ערשטע ליבע פון קאָפּל מאַטש״, וואָס איז דערשינען אין 1948, גלייך נאָך זיין לידער־זאַמלונג, איז פאַראַן אַ וואונדערלעכע שטעלע, ווי דער גולם־מענטש, דער איבערגעוואַקסענער גבר, מיטן אומגעלומפּערטן הילוך, קריגט אומדערוואַרט אַ מענטשלעכע צורה, ווען דער שערער שערט אים פּלוצים אַרום. קאָפּל האָט געקראָגן אַ מענטשלעכן אויסזען. דער שערער בייזערט זיך אויף אים, נאָכדעם ווי ער רייניקט פון זיך אָפּ די אָנגעפלויגענע ווייסע שופן פון דעם פּרא אדמ׳ס האָר. אָבער ער דערשפּירט פּלוצים, אַז ער האָט זיך נאָר־וואָס צעבייזערט אויף אַ מענטש.

די אונטערשטרייכונג פון מענטש איז דעם מחבר׳ס. דער מחבר זוכט כסדר דעם דאָזיקן אונטערגעשטראָכענעם מענטשן, וואָס מען זאָל אים קאָנען

אַרויסשיילן פון זיין ווילדן גייסטיקן הולך, פון זיין פּרא־אדמ׳דיקייט. אַט דעם־אַ גולם און ווילדן מענטשן, וואָס קאָן קוים אַרויסברענגען עטלעכע מענטשלעכע ווערטער, דערפירט דעם מחבר צום ראַנד פון געפאַרן, פון מענטשלעכע נסיונות, פון אַ כלומרשטער ליבע. און ווען דער ערשטער טייל פון ראָמאַן איז געענדיקט (דער צווייטער איז נאָך נישט דערשינען) זוכט דער וואַסער־טרעגער — אַ מין אומגעלומפּערט־צעוואָקסענער לעני פון סטיינבעק׳ס „און מייס ענד מען" — דעם מאַן וואָס האָט אים צוגענומען די „געליבטע" און ער שרייט נאָר אַז ער מוז אים דערהרגענען.

אַט דאָס שטיק פּרימיטיוו, דאָס באַשאַפענע ליים, מיט אַ קוים־קוים פינטעלע ליכט, האָט שטריגלער געפינען לרוב אין די לאַגערן. אויב מענטשן זיינען געווען אַנדערש באַשאַפן, זיינען זיי, אונטערן דרוק פון מענטשלעכער רשעות, קעגנזייטיק שלעכטס, און אויפגעפלאַמטע גוטסקייטן, פאַרליימיקט געוואָרן און שטריגלער האָט די שטיקער ליים שטודירט, אין צוריקטראַכט, און זיך געפרייט, ווען הינטער דעם פּרא אדם האָט זיך עפּעס אָפּגערייניקט, און ער האָט ווידער געקאָנט אונטערשטרייכן און אויסבולטן דעם מענטש.

און אין זיין לעצטן ראָמאַן, נישט געקוקט אויף דעם מקורות׳דיקן כאַראַקטער, גייט שטריגלערן אויך אין דעם דאָזיקן אויפזוך. ער צעשפּאַלט מענטשן אין צווייען און ער זוכט אין דער צעצווייטקייט די פונקען מענטשלעכקייט.

יאַקאָב, די העלפט פון אַ מענטשן, טראַכט ווי אַזוי ער וועט זיך נוקם זיין אין זיין מרימ׳ען, וואָס באַווייליקט אים „אַ שטיקל אָרט אין איר וואַרעם בעט". ער וואַרפט אָן אַ גאַנצע סכעמע פון נקמות, ווי ער וועט אָנשיקן אויף זיין ווייב כלעריליי בעטלערס, קאַליקעס, מדינה־גייערס, אורחי־פּרחי׳ניקעס און אַלץ כדי זי מבייש צו זיין. אָבער דער זעלביקער יאַקאָב — די צווייטע העלפט פון זיין אייגענער מענטשלעכע מטבע — ווערט געשילדערט אין צווייטן באַנד אין אַ מאָמענט, ווען דער ווילדער תם ווערט פּלוצים צעמענטשלעכט.

„קודם כל האָט ער געגאַפט אויף יאַקאָבס קול. קאָן דאָס זיין דער זעלבער? ער איז דער אייגענער וואָס נעכטן, נאָר זיין רעדן איז משונה׳דיק אַנדערש. מרדכי האָט עס אפילו פאַרשטאַנען. צווישן די מענטשן האָט ער זיך געפילט געפּענטעט, און דאָ, צווישן הימל און וואַלד, האָט ער ווידער פרייען אָטעם".

דער מענטש אין זיין געפּענטעטקייט און דער מענטש מיט זיין פרייען אָטעם! שטריגלער׳ן האָט גוט געדינט די לעגענדע פון דעם צוויאַיקן מענטשן — אַ לעגענדע וואָס איז אגב שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, פון אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט. ראָבערט לואיס

סטיווענסאָן האָט פּונקט מיט 70 יאָר צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט זיין אייגענעם „יאָשע קאַלב״ — די מעשה פֿון „דר. דזשעקל און מר. הייד״, אַ צווייאיקער פֿאַרשוין, וואָס איז גוט ווי אַ מלאך, אין איין געשטאַלט זיינעם, און פֿאַרענדערט־טייוולש אין זיין צווייטן געשטאַלט. די דאָזיקע צווייאיקייט פֿון מענטשן גייט אַזש צוריק ביז צו די אוראַלטע לעגענדעס פֿון דעם „ווערוואולף״, אַ מענטש וואָס קאָן זיך פֿאַרוואַנדלען, אָדער ווערט דורך אַ כישוף פֿאַרוואַנדלט אין אַ וואָלף, וואָס פֿאַרצוקט חיות. פֿאַראַן אַפֿילו אַ זעלטענע פּסיכישע קרענק פֿון אַ מענטש־חיה, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם גריכישן נאָמען ליקאַנטראָפּיע (מענטש־וואָלף). די דאָזיקע שוידער־מעשות האָבן זיך דער עיקר צעבליט אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד אין אַכצנטן יאָרהונדערט און געשאַפֿן די „גאָטישע״ שולע. ס׳איז דערפֿאַר גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, ווי אַזוי זיי זיינען צו אונז דער־גאַנגען אין אַ מער פֿאַרמענטשלעכטער פֿאָרם, שוין ווי ביי סטיווענסאָנען למשל — די מעשה פֿון אַ מענטשן וואָס וואַקסט אויס אין צוויי באַזונדערע ערטער, האָט אין ביידע ערטער באַזונדערע און פֿאַרשידענע לעבנס, און איז איין מענטש מיט קעגנזעצלעכע נטיות. אויב אין איין אָרט איז ער כולו גשמיות, איז ער אויפֿן צווייטן הוילע רוחניות. דער יצר טוב מיטן יצר הרע האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון איין גוף און געכאַפּט באַזונדערע שפּאַ־צירן און אַריינגעכאַפּט באַזונדערע אַוואַנטורעס, אין גייסטיקער צעקריגטקייט מיט זיך אַליין.

פֿאַר שטריגלערן איז דער דאָזיקער מאַטעריאַל פֿון ערשטן מקורות׳דיקן „יאָשע קאַלב״ געווען ווי געוואונשן. ער האָט גענומען אַריינבלאָזן לעבן אין דער אַלטער לעגענדע, איר אָנגעטאָן אין לבוש פֿון אַמאָליקן אידיש לשון, אַ שפּאַציר געטאָן רחבות׳דיקן דורכן גאַנצן לעבן פֿון אידישע שטעט און שטעט־לעך פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט, זיך געוויקעט אין די זיטן פֿון יענע צייטן, און איבער אַלץ נאָכגעגאַנגען שריט און טריט, דעם טאָפּל־גייער, געוויזן אים אין דעם אומקאָנטראָלירלעכן געראַנגל מיט זיך אַליין, אין ווייטאָג פֿון בענק־שאַפֿטן און ליידנשאַפֿטן.

מ׳קאָן, אויב מען וויל, זאָגן אַז שטריגלער האָט פֿאַרשווענדט צופֿיל גוטע אַרבעט אויף אַזאַ אַלטער מעשה. אָבער אין תוך, ווען מען אַרט עס וואָס פֿאַראַ ראַם אַ קינסטלער נעמט זיך כדי אויסצושפּילן זיינע מעגלעכקייטן. ווידעראַמאָל האָבן מיר דאָ אין „געאָרעמט מיטן ווינט״ שטריגלערן דעם אָנהויבער. ער איז בכיוון געגאַנגען צום אידישן אַכצנטן יאָרהונדערט, כדי ער זאָל זיין פֿריי פֿון אַלע מעגלעכע השפּעות פֿון דער אידישער ליטעראַטור און ער אַליין זאָל אָנקומען אויפֿן אָרט פֿונוואַנען די אידישע נאָוועלע האָט זיך

אויסגעפורעמט, הן אין לשון, הן אין אופן פון דערציילן אַ מעשה, מיט אמתע, נישט סטיליזירטע התנצלות׳ן פון מחבר, נאָך פון פּאַר מענדעלע׳ס און דיק׳ס צייטן.

מדרכי שטריגלער, דער אינגסטער פון אונז אַלעמען, האָט אַ סך כּוח, און אַ סך צייט פאַר קינסטלערישער אויספירונג. אַ שאָד וואָס זיין גע־בענטשטע אַלערליי־שרייבערישע נוצלעכקייט, לאָזט אים נישט איבער צופיל צייט, צו בלייבן מער און לענגער מיט זיך אַליין. די אידישע ליטעראַטור וואָלט באַדאַרפט אַסעקורירן זיין צייט, וואָס איז מיט גאָלד צוגלייך. אַזעלכע יונגע אידישע קינסטלערס, זיינען די בעסטע און געזונטסטע באַוואָרעניש קעגן אונטערגאַנג. אָבער שטריגלער האָט אַפילו גענוג צייט צו פאַרלירן, ווייל ער ווייסט פאָרט וויאַזוי צו פאַרנוצלעכן אַ מעת לעת. פון די ווערטיקע און וואָגיקע ווערק, וואָס מיט זיי האָט ער אויף אייביק באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור, איז קלאָר אַז אַפילו פאַרלוירענע צייט גייט ביי אים נישט לאיבוד. ער לערנט פון אַלץ וואָס ער טוט און ער קנעט עס אַריין, אויף אַן אָריגינעלן אופן, אין זיינע האַפטיקע עקספּערימענטאַל־קינסטלערישע ווערק. די אידישע ליטעראַטור מעג זיך בענטשן מיט אַזאַ ניסים׳דיקן געפינס, ווייל ס׳איז אונז מיט שטריגלער׳ן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ קול און אַ שאַרפער מוח פון עטלעכע דורות אידישקייט.

שלמה ביקל

אין דער עסיי איבער עסייאיסטן, אין זיין בוך — „דעטאַלן און סך־הכל׳ען״, זאָגט אונז שלמה ביקל, אַז דער ערשטער עסייאיסט אין אידיש איז געווען י. ל. פּרץ. כ׳ווייס נישט צי מיר וואָלט איינגעפאַלן צו קרוינען פּרצ׳ן פאַר דעם פאָטער פון דעם אידישן עסיי. ווען מען וואָלט עס נישט בעמען אַזוי בוכשטעבלעך, וואָלט איך איינגעשטעלט און געזאָגט, אַז די עסיי אין אידיש האָט אינגאַנצן קיין טאַטן נישט. ווער זאָגט עס, אַז יעדער ליטעראַרישער זשאַנער מוז האָבן אַן ערשטן — אַ פאָטער?

אָבער ערגעצוואו איז ביקל פאַרט גערעכט. ווען מ׳זאָל לייגן דעם טראָפּ נישט אויף דער עסיי, ווי אויף אידיש, וואָלט מען אפשר געקענט זאָגן, אַז פּרץ האָט די אידישע עסיי באַפרייט פון געטאָאיסטישער באַוואונדערונג פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור. ער, דער פאָטער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, איז אין עצם געווען מער רייפער אייראָפּעער, ווי אַ סך אַנדערע אידישע שרייבערס, וואָס האָבן קאָקעטירט מיט זייער אייראָפּעאישקייט, אויף אַ פּראָווינציעלן שטייגער. זיי האָבן דעמאָנסטראַטיוו געריסן פון זיך דעם טלית־קטן, אָדער זיי האָבן אָנגעטאָן דעם אייראָפּעער אויפן טלית־קטן. געוויינלעך איז דער אייראָפּעער באַשטאַנען פון אַ סטודענטישן אוניפאָרם, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט אויסגעטאָן. אַן אמת׳ער אייראָפּעער האָט אַמאָל געענדיקט זיין קורס אייראָפּעאישקייט און געקראָגן אָדער זיך אַליין אַרויסגעגעבן אַ דיפּלאָמע. אַ אידישער אייראָפּעער האָט קיינמאָל נישט געטרויט זיין אייגענער דיפּלאָמע, אפילו ווען ער האָט זי געקראָגן. ער איז בנוגע אייראָפּעאישקייט געווען דער אייביקער סטודענט. ער האָט זיך ממש גע׳טובל׳ט אין אייראָפּעאישקייט מיט אַזאַ דביקות, אַז ס׳האָט אָפּט געשלאָגן צום האַרצן. פון ישיבה און אַלץ וואָס ישיבה האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, זיינען זיי דאָך אַמאָל אַרויס און זיך באַטראַכט פאַר פאַרענדיקטע פּראָדוקטן פון אידישקייט. אין הלכות אידישקייט זיינען זיי גלייך געקומען פסק׳ענען שאלות מיט אַן אימפּעט, נאָך איידער זיי האָבן געקראָגן היתר הוראָה. אָבער מיט אייראָפּעאישקייט האָבן זיי זיך געשלאָגן מאַזאָכיסטישע מלקות. ס׳האָט גאָרנישט געהאַט קיין שיעור, מיט וויפל דאָרשט זיי זיינען צוגעפאַלן צום דאָזיקן קוואַל און געטרונקען ווי פאַר׳חלש׳טע. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט דערוועגט צו זאָגן אַן אויטענטישע מיינונג, אָפּגע־

רעדט פון פסק׳נען שאלות. פון זייער שטייגער אייראָפּעאישער בילדונג זיינען זיי קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דער לער.

פּרץ איז געווען דער אידישסטער שרייבער פון זיין דור, אָבער גראָד ער איז געווען אַ פאַרענדיקטער, נאַטירלעכער אייראָפּעער. ער איז אויך נישט איינמאָל געפאַלן אַ קרבן פון זיין דור און זיך צעשריגן וועגן אייראָפּעאישקייט, אָבער ביי אים האָט זיך זיין אידישקייט כעמיש געמישט מיט אַלץ, וואָס ער האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן איינגעזאַפּט אין זיך. ער איז נישט געקומען צו אייראָפּעאישקייט ווי צו אַן אויסטערלישער פרעמד, נאָר ווי אַ איד, וואָס אים קומט דאָס אַלץ, ווייל ער האָט אויך וואָס צו געבן. די אַנדערע, די סטודענטישע אייראָפּעער האָבן אַפילו אַנטוויקלט באַזונדערע שרייב־מאַניערן, בעת זיי האָבן אָפּגעריכט די עבודה פון זייער אייראָפּעאישקייט. אַז ס׳איז געקומען צו אידישע פּראָבלע־מען האָבן זיי זיך געלאָזט וואוילגייך, נישט געווען אַזוי פּאָרזיכטיק מיט גאָפּל־מעסער, געמאַכט מיט די הענט, געשריגן הויך. אָבער האָבן זיי אַרויסגערעדט דעם נאָמען — געטע, איז זיי באַפאַלן אַזאַ פאַר׳חלש׳טע תרדמה פון גליקזעלי־קייט און באַוואונדערונג, אַז זיי האָבן גע׳דוכנ׳ט מיט אַ היפּנאָטיש קול.

און אין דעם זין האָט י. ל. פּרץ יאָ אָנגעהויבן די ריין־אידישע עסיי, ווייל ער איז געווען דער ערשטער אידישער שרייבער, וואָס האָט אַרונטער־געוואָרפן פון זיך די ישיבה־בחור׳שע באַוואונדערונג פאַר דער אייראָפּעאיש־קייט, וואָס האָט ביי אים אפילו נישט געשעדיקט זיינע מאַניערן. ער האָט גלייך געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן מיט די הענט און ווי צו האַלטן דעם אייראָפּעאישן עסטעטישן גאָפּל, בעת ער האָט געשריבן עסייען וועגן היימישע פּראָבלעמען. צום באַדויערן איז ער נישט נאָר געווען דער ערשטער, נאָר ער איז אויך אַ לאַנגע צייט געווען דער איינציקער.

ס׳האָט עמיצער, כ׳געדענק שוין איצטער נישט ווער, געזאָגט אַז שלמה ביקל וויל דווקא ווערן אַ דר. קאָראַלניק. איך וואָלט געזאָגט, אַז שלמה ביקל האָט זיין גאַנץ לעבן בפירוש נישט געוואָלט ווערן קיין קאָראַלניק. זיינע פינף בענד, וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעלאָזט, פון 1936 ביז 1948, זיינען עדות, אַז ער האָט באַוואוסטזיניק נישט געוואָלט ווערן קיין קאָראַלניק, ווייל דער גאַנצער ספּעציפישער אוניפאָרם פון א אידישן אייראָפּעער איז אים פרעמד. אויף אַזוי פיל איז ביקל אין דער טראַדיציע פון פּרצ׳ן, און נישט אין דער טראַ־דיציע פון דוד פרישמאַן, אָדער שמריהו גאָרעליק; הגם דער לעצטער איז טיילוויז, דערהויפּט אין זיין עסיי וועגן מענדעלען, געווען אונטער דער השפּעה פון פּרצ׳ס אויסגערייפטן אידיש־אייראָפּעאישן וועלט־באַנעם. דער אוניפאָרם פון אַן אייראָפּעער איז געווען עפּעס אַ מין כבוד־לאַטע, וואָס אַ סך אידישע געלערנטע האָבן געטראָגן ווי אַ סימן פון „עמאַנציפּאַציע". דאָס אידישע

לעבן איז פאַר זיי געווען בלויז אַ קוואַל פון הומאָר און סאַטירע און פאָלקס־טימלעכקייט. אויף אַ העכערער מדרגה האָט זיך געפונען די אויבערשטע באַנק פון אייראָפּעאישער געלערנטקייט און וואויל־דערצויגנקייט, וואָס מיט זיי האָבן זיי זיך געשמאַק און מרחצ'דיק געבעזימט מיט קוויקעניש, אָבער מיט אויס־געאיידלטע מאַניערן.

שלמה ביקל'ס עסייען זײַנען אַ לעגיטימער טייל פון אידישער שאַפונג און אין נאַטירלעכן המשך פון דער אידישער ליטעראַטור. אין 1936, ווען מ'האָט זיך באַקענט מיט זיין — „אינזיך און אַרומזיך", האָט מען גלייך דער־שפּירט, אַז די אידישע עסיי האָט אין אים צוגעקראָגן אַ וויכטיקן כוח. אָבער נישט נאָר דאָס אַליין, נאָר אַז זיין עסיי איז מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, אַ טייל פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון דער אידישער פּראָזע און פּאָעזיע. מיר האָט זיך אין 1936, דווקא געוואָלט אַז ביקל, דער שאַר־פער פּאָלעמיסט, זאָל ווערן —דער קריגער פאַר דער נייער אידישער ליטעראַ־טור. אָבער שלמה ביקל איז נישט געקומען בלויז ווי אַ קריטיקער און מיט מכשירים פון אַ קריטיקער. זיין קריטיק איז געווען אַ קליינער טייל פון זיין אידישן און וועלטלעכן באַנעם, וואָס ער האָט, אויף אַ פּרצ'יאַנישן שטייגער, כעמיש אויסגעמישט, אָן שום איבערטרייבונג אָדער פון אויבן אַראָפּיקער אונטערשאַצונג.

עכטע עסייאיסטן מיינען אַז זיי דריקן בלויז אויס זייערע אייגענע מיינונגען, אַז זיי זיינען שטרענג איכיסטיש, אַז זיי גייען דורך זיך צו פּראָבלעמען, אַז זיי וואוינען אין אָן אייגן ווינקעלע, ווי פּרץ האָט געמיינט. דער אמת איז, אַז וואָס עכטער דער עסייאיסט איז, אַלץ מער דריקט ער אויס דאָס וואָס דריקט אים, און דריקן דריקט אים עפּעס פון דרויסן און ניט נאָר פון אינעווייניק. דער עכטער עסייאיסט איז אָן איקאָנאָקלאַסט ביז אַ מאָס, ער וועט קיינמאָל ניט אומ־וואַרפן דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט מיט דרך ארץ אָפּגעשפּאַרט. ער סטימולירט צו טראַכטן דורך דעם אופן ווי ער פאַרטראַכט זיך, אָבער ער טראַכט נישט אויס. ער קומט ערן דאָס וואָס איז אָנגעזאַמלט אין פאָלקס־שייער. ער קומט עס האַרמאָנירן מיט דעם וואָס איז דאָ אין אים. ער וויל ערנסט און אויפריכטיק ווערן אַ בירגער און טראָגן אַלע פליכטן פון אַ בירגער, אפילו ווען ער פאַר־לייקנט דעם ווערט פון בירגער־פּאַפּירן.

אַז מען לייענט שלמה ביקל'ס ביז איצט דערשינענע פינף בענד מיט די הונדערטער עסייען, זעט מען וואָס פאַר אַ שׂכל מיט פּראָבלעמען ער וואַרפט אָן און באַהאַנדלט, וואָס ער פאַרטשעפּעט און וואָס פאַרטשעפּעט אים; אָבער אין דער פאַרשידנקייט איז אויך פאַראַן אַ גאַנצקייט, וואָס גייט דורך ווי אַ

רויטער שנור, דורך אַלץ וואָס ער שרייבט, ווי ער וואָלט געשריבן אַן אויטאָ־ביאָגראַפיש ווערק פון איין שניט.

וואָס וויל אונז שלמה ביקל דערציילן? ער וויל אונז איבערגעבן די בהדרגה׳דיקע אַנטוויקלונג פון דעם נייעם איד פון אונדזער דור, וואָס איז אַזוי פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור.

אַז ס׳איז געקומען דער חורבן האָבן מיר זיך ערשט געכאַפּט, אַז אין די זעקס מיליאָן איז אונז אומגעקומען אויך אַ נייער סאָרט איד, וואָס אים האָבן אויסגעאיידלט די לעצטע עטלעכע דורות. אָט דער נייער איד, וואָס האָט אפשר ניט באַוויזן צו זאָגן וידוי, איידער ער איז אומגעקומען, איז געגאַנגען צו זיין אומקום דורך טיפן גלויבן אין אידישן המשך.

פון זיינע לירישע רעפּאָרטאַזשן, וואָס ביקל האָט געזאַמלט אין זיין בוך — „אידן דאָווענען״ זעען מיר אַז דעם שרייבער איז נישט פרעמד דער טעם פון אַריינכאַפּן זיך אין אַ שול אַריין, און אַז ער כאַפּט זיך שוין אַריין, איז ער נישט קיין צופעליק־אַריינגעפאַלענער, וואָס דאַרף אין זיך סטימולירן און אויפשפּילן, טעאַטראַליזירן אידישקייט. פון די געטרייע שילדערונגען פון ניו יאָרקער מתפללים, וואַקסט אַרויס אַ גרויסאַרטיק בילד אַרום דער בענקשאַפט פון אַ ניו יאָרקער איד נאָך זיין גאָט, ווי ער גייט אים אַמאָל זוכן באַוואוסטזיניק און ווי ער פאַרבלאָנדזשעט צו אים.

אָבער אין בוך קומט אויך צום אויסדרוק, אויף אַ גאַנץ־געשולטן, אָביעק־טיוו־פאַרצייכנערישן אופן, די בענקשאַפט פון נייעם איד צו זיין נאָך־נישט געבויטער שול. נאָר נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן לאַנגן און איינזאַמען וועג פון נייעם אידישן מענטש צו זיין נאָך־נישט געפונענער שול, האָט ער שוין באַוויזן אויפצונעמען אידישע פּראָבלעמען מיט דעם זעלביקן רעליגיעזן ציטער, וואָס מיט אים האָבן זיינע עלטער־זיידעס אויפגענומען די וואָרעם־אידי־שע פּראָבלעמען פון זייער צייט. די נשמה פון אָט דעם רעטעניִשדיקן נייעם איד איז נאָך נישט קלאָר געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור. מיר האָבן בע־לעטריסטיש נאָך נישט דעם שליסל צו אים. מיר ווייסן נישט, קינסטלעריש, ווי אַזוי ס׳האָט זיך געקייטלט און געקייטלט, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו אַ באַוואוסט־זיניק אידיש לעבן אין דער געטאָ דורך טעג פון ערגסטן גיהנום; ווי אַזוי ס׳איז אויפגעקומען אַזאַ קדוש ווי קאַלמאַנאָוויטש. מיר האָבן אַזאַ איד ביז איצטער אָנגערופן — וועלטלעכער איד, אָבער מיר פאַרשטייען נישט קינסט־לעריש ווי אַזוי איז ער ביי אונז אויסגעוואַקסן. מיר האָבן אים אין דער ליטע־ראַטור כמעט נישט באַגעגנט און אים נישט געהערט רעדן. מיר האָבן אים נאָך נישט געגעבן קיין ווערטער פאַר זיינע געדאַנקען. מיר זיינען צו אים קינסטלעריש נאָך נישט דערוואָקסן. יעדער מאָל ווען מיר האָבן זיך גענומען

שילדערן אַזאַ נייעם איד, זײַנען מיר, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, דורכגעפאַלן. הלואי וואָלטן מיר אַריינגעפאַלן אין עסייאיסטיק, נאָר מיר זײַנען גאָר אַריינגעפאַלן אין גרויער פובליציסטיק, וואָס האָט גאָר נישט געלייזט פאַר אונז און אַ סך פאַרפלאָנטערט.

שלמה ביקל דאַרף נישט אַריינפאַלן אין עסייאיסטיק. ער איז אַן עסייאיסט און אַז מען לייענט דורך זיינע אַלע ביז־אַהער־דערשינענע פינף ביכער עסייען, דערשפירט מען, אַז מ׳האָט אייגנטלעך געלייענט די עסייאיסטישע אויטאָביאָגראַפיע פון נייעם איד, שוין מיט דעם לשון פאַר זיינע געדאַנקען, מיט דעם צוגעגרייטן מאַטעריאַל. דאָס מאַכט אונז קלערער דעם גייסטיקן גאַנג פון אַזאַ מין איד, וואָס האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער אַנטוויקלט אַ טיפע אידישע עקשנות, וואָס איז פונקט אַזוי גאַנץ און אומבויגזאַם, ווי די עקזיסטענץ־עקשנות פון אונזערע עלטער־זיידעס.

דאָס איז די באַדייטונג פון אַזעלכע ביכער, ווי אַ „שטאָט מיט אידן״, אָדער „עסייען פון אידישן טרויער״, וואָס דאָ און דאָרט זיינען זיי אפילו בעלעטריסטישע עקסקורסיעס פון אַ מענטשן, וואָס זוכט אויך פיזיש, נישט נאָר גייסטיק, אויפצובויען זיין חרוב׳ע וועלט. אָבער איבער אַלץ זיינען אַלע זיינע ביכער פאַר מיר, ווי שוין געזאָגט, די גייסטיקע אויטאָביאָגראַפיע פון אַ אידן פון מיין דור, איבערצייגנדיקער שמועס, וואָס פאַרמאָגט דעם אַראָמאַט פון דעם תוכן פון אונזער ניי־אידישקייט.

„דער ,גוט־שבת׳ ווי אַזוי איך געדענק אים פון ,יענע יאָרן׳ אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט איז געווען גאָר אַנדערש אין טאָן און אין דער כוונה. ער איז געווען געזונט און זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי דער ,גאָט־העלף׳, וואָס שניטערס אין פעלד וואַרפן זיך איבער מיט פרייד ביי דער אַרבעט, ווי דער ,מזל־טוב׳, וואָס מחותנים גיבן זיך אָפּ ביי אַ חתונה. ס׳האָט געמיינט — ,דערלעבט שבת׳, וועלן מיר דערלעבן איה״ש ווייטערע שבתים, מיר און אונזערע קינדער נאָך אונז. מיינע קאָלאָמייער זיידעס זיינען געווען שומרי שבת, ווי זיי זיינען געווען שומרים פון אַלע איבריקע מצוות. די מתפללים פון ,אגודת־ישרים׳ האָב איך געהאַט ס׳געפיל — זיינען חובבי־שבת״.

אַזוי באַשרייבט ביקל אַ „דייטשע״ שול אין ניו יאָרק, און אַז מען לייענט ביקל׳ס הונדערטער עסייען איבער אידישע פראָבלעמען, הויבט מען אָן דערשפירן, וויפל כוח ס׳האָט זיך געפאָדערט צו בלייבן לעבן צווישן דעם אַלטן „גוט־שבת״ און דעם „חובב־שבת״ און דערפון אויסשמידן אַן אייגענע שטאַרקייט, אַן אייגענעם באַנייטן ווילן.

שלמה ביקל׳ס עסייען זיינען דערפאַר אַ מאָנאָלאָג פון דעם היינטצייטיקן נייעם איד, וואָס שטייט נאָך ביי אונז אין דער בעלעטריסטיק אָן לשון. אויף

אַזויפיל קומען ביקל׳ס עסייען נענטער צו דער אידישער פּאָעזיע, וואָס גיט אויך אַ שליסל צום איד פון אונזער דור. אין ביקל׳ס עסייען הערן מיר זיך צו צו דער „פּראָזע״ פון זיינע געדאַנקען און מיר ווערן איבערצייגט, אַז נישט נאָר רעדט ער פאַר זיך, נאָר ער העלפט אויך אויפקלערן דעם איד, וואָס איז אונז נאָך אַלץ אַ רעטעניש; וואָס איז אונז אונטערגעגאַנגען אין די צענדליקער טויזנטער, איידער מיר האָבן אים רעכט באַנומען. צום גליק איז ער אונז אויך געראַטעוועט געוואָרן און לעבן געבליבן אין די צענדליקער טויזנטער, און די עסייען זיינען דערפאַר נישט נאָר נוסח־ביקל, די קינסטלערישע פאַרצייכענונגען פון איין מענטשנס באַציאונג צו אידישע פּראָבלעמען, נאָר אויך דער לאַנגער מאָנאָלאָג פון אַ געפּרוואווטן דור, וואָס זוכט צו טאָן דאָס, וואָס דאַרף ערשט אין אונזער בעלעטריסטיק געטאָן ווערן.

שלמה ביקל איז אונזערער אַן עסייאיסט, אַ פּרצ׳יאַנישער, ווייל ער ליידט נישט פון דער מינדסטער זעלבסטזיניקייט, בעת ער גייט צו מיט אייראָפּעאי־שע מאָסן צום אידישן „פּראָזע־סטיל״. אַז ער רעדט וועגן לייוויק׳ן, אָפּאַטאָשו׳ן, משה אַלטמאַן אָדער אליעזער שטיינבאַרג, קריגט איר נישט דעם איינדרוק, אַז די אידישע ליטעראַטור־פּראָבלעמען זיינען ביי אים אָרעם־בחורים אויף איי־ראָפּעאישע קעסט, נאָר זיין אייראָפּעאישקייט ווערט אָנגענומען פאַר אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, ווי גראַמאַטיק, כפל און חילוק.

אין זיינע צוויי ביכער — „אַ שטאָט מיט אידן״ און — „עסייען פון אידישן טרויער״, איז אַ חוץ גייסטיקער אויטאָביאָגראַפיע אויך פאַראַן אַן אוצר פון ריין „פיזישער״ און וואָרצלדיקער אויטאָביאָגראַפיע. מיר ווערן געוואויר, אַז ביקל קען נישט נאָר שילדערן זיך אין דור, נאָר דעם דור אַליין דורך זיך. זיינע טשיקאַווע פאַרשוינען זיינען נישט קיין קוריאָזן, נאָר עסענצהאַפטיקע מענטשן. זיי זיינען אַלע נויטיק פאַר דער אויפקלערונג פון דעם גרויסן רעטע־ניש, וואָס אונזער דור אידן שטעלט מיט זיך פאָר. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז היינט נישטאָ קיין גרעסערער מומחה איבער די גייסטיקע און פיזישע וואָרצלען פון רומענישן אידנטום, ווי שלמה ביקל. ער קען אויך פאַר אונז אויפלעבן די סטודענטישע יאָרן פון דעם יונגן גאַליציאַנער איד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין דער וועלט מיט טרויעריקע און נייגעריקע אויגן. זיינע באַ־געגענישן מיט די בעלי־גוף, וואָס מ׳האָט נישט באַדאַרפט צו לאַנג זוכן ביי זיי שפּורן פון גייסט, די אָנטרעפעענישן מיט די גייסטיקע פירערס, וואָס האָבן נישט געהאַט געגנוג גייסט, ווערן ביי אים איינגעגלידערט אין דער דערפאַרונג פון אַ אידישן אינטעליגענט פון אונזער דור.

פאַראַן ביי ביקלען אַן עסיי וועגן דעם רב הכולל פון בעסאַראַביע, ר׳ יהודה לייב צירעלסאָן, און דעם מלבי״ם. דער פּאַראַלעל איז ביז גאָר כאַראַק־

טעריסטיש פאַר דעם פּאַראַלעליזם פון שלמה ביקל׳ס גייסטיקער זוכעניש אויף דער בריק פון דורות. צווישן מלבי״ם, וואָס איז געווען רב אין בוקאַרעסט מיט אַן ערך אַכציק יאָר צוריק, און הרב צירעלסאָן זיינען אַוועק שיינע עטלעכע יאָר. ביקל ווייזט אונז די אידישע עקשנות, וואָס האָט געלעבט אין זיי ביידע און וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין אידישקייט איז פאַראַן אַ תוך און אַ קערן, וואָס אים טאָר מען בשום אופן נישט רירן. ביידע זיינען באַזיגט געוואָרן. זייער פלאַם־פייערדיקע קנאות האָט געמוזט באַזיגט ווערן. „דער מלבי״ם און צירעל־סאָן זיינען געווען די לעצטע פון טראַגישער שיינקייט באַלויכטענע גרויסע קעמפער פאַר פרומער אידישקייט אין רומעניע״.

אָבער באַזיגטערהייט האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה — אַז ס׳איז פאַראַן אין אידישקייט עפּעס אַזוינס, וואָס יעדער דור מוז עס אַנטדעקן פאַר זיך אַליין און פאַר דעם תוך דאַרף מען זיך איינשטעלן, קעמפן מיט מוט קעגן אַלע ווידערשטאַנדן.

דאָס איז דער שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם נייעם איד, וואָס האָט אַלעמאָל, אויף זיין שטייגער, דערשפּירט דעם קערן פון אידישקייט.

אין דער בעלעטריסטיק פעלט אונז דער שליסל צו די געדאַנקען פון דעם אידישן אינטעליגענט, וואָס האָט אויף זיין שטייגער אויסגעקנאָטן אַ פורעם פאַר ניי־אידישקייט. אין ביקל׳ס עסייען הערן מיר ווי דער מאָדערנער איד גייט איבער דעם אויסגעצייטיקטן געדאַנקען־גאַנג פון די נייע קנאים פאַר אונזער אידישקייט, וואָס גייט אונז אין לעבן פונקט אַזוי שטאַרק ווי אונזערע זיידעס.

וואָס טראַכט אַזאַ איד און ווי אַזוי ווערן ביי אים תרי״ג׳יש זיינע עטלעכע **אָפּגעציטערטע און אָפּגעשפּאַרטע מצוות? דאָס דערציילט אונז שלמה ביקל** דורך די עסייען, וואָס זיינען געזאַמלט אין די פינף ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין משך פון אונזערע צוועלף טראַגישע יאָרן.

אפרים אויערבאַך

דאָס אידישע לשון וואָס קומט פאָדערן אַ באַרעכטיקט און חשוב אָרט, אין אַ פון־חורבן־אויפגעריכטער־אידישער וועלט, און אין אַ וועלט פון פאַר־שידענע אידישע ישובים, וואו עס וויל באַשווערן דעם חינוך מיט אַ דריישפּראַ־כיק פּעקל, איז אַ לשון וואָס אין אים איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ גרויס קאַ־פּיטאַל, נישט פון הוילע ווערטער, נאָר פון געדעקטע ווערטער, וואָס אויב מען זאָל זיי פאַרניוועצן, וועט פאַרטאַכלעוועט ווערן אַ גרויס נאַציאָנאַל פאַר־מעגן. ס׳וועט אונז אַ סך אָפּקומען, אויב מען זאָל מפקיר זיין דאָס דאָזיקע אָנ־געזאַמלטע פאַרמעגן, וואָס האָט אויסקריסטאַליזירט אַ פאָלקס־אַריסטאָקראַטיע, און וואָס איז געוואָרן אַקוראַט דאָס וואָס אידן האָבן באַדאַרפט האָבן — אַ קלוג מויל, אַ בליציקן מוח, אַ ריין האַרץ און אייזערנעם ווידערשטאַנד.

ווען מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ און אברהם רייזען, וואָלטן נישט אויפ־געטאָן מער ווי צווינגען אונז ליב און ליבער צו קריגן דאָס אייגענע וואָרט אין מויל, וואָלט זייער אויפטו שוין געווען אַ גרויסער. פון זיי הייבט זיך אָן די אידישע ליטעראַטור דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט נאָר געשריבן אידיש, נאָר זיי האָבן צום ערשטן מאָל אַריינגעשריבן אידיש לשון אין מיילער פון אידן, וואָס זיינען געווען אַלץ, וואָס אונזער אידיש האָט פון זיי געמאַכט און וואָס האָבן גע־מאַכט פון אידיש אַלץ וואָס זיי זיינען געווען.

ווען אפרים אויערבאַך רופט אָן זיין בוך עסייען, — „געטראַכט מיט עברי־טייטש", מיינט ער ווייטער צו שפּינען און נאָך מער צו באַרעכטיקן דעם גע־דאַנק, אַז אידיש איז געוואָרן אַ לשון מיט גרויסע זכיות, אַ טייל פון אונזער לעבעדיקער, פאַרפעסטיקטער אורייתא, וואָס איז נישט נאָר געווען וואָרט אין אידישע מיילער, נאָר פולע מעסלעסן לעבן. אידיש האָט זיך גלייך ביי איר אויפגאַנג געווענדט קעגן אונטערגאַנג, דורך ענציקלאָפּעדירן דאָס לשון, דורך פאַרמילגרוימען עס מיט אַ סך תוכן און דורך איינזאַפּן אין זיך אונזער אור־העברעאישע ירושה, אין באַהעפטונג מיט דער חכמה פון די שכנים, וואָס האָט געקראָגן תיקון אין אונזער טאָג־טעגלעכן שמועס.

דער בליק אויף אונזער לשון ווי אויף אַ נאַציאָנאַל פאַרמעגן, וואָס טראָגט אין זיך עלעמענטן פון קדושה, ווייל ס׳באַשטייט נישט פון קיין ליידיקע ווער־טער און ס׳איז נישט גלאַט אַ פאַפּירענע פעסטונג, וואָס פאַר איר שטעלן זיך

אין אַ הייפעלע עקשנים, איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן פאָלק גופאָ, אָבער נישט איינמאָל איז אָט דער באַלייכטונג־פירוש אויף אונזער לשון פאַרטונקלט געוואָרן. זשיטלאָווסקי׳ס טעות איז באַשטאַנען אין סעקולאַריזירן אידיש. ער האָט געלעבט אין אַן אייגענעם חלל און ס׳איז אים נישט קלאָר געווען, אַז אָן פונקען קדושה וועט זיך זיין הויל לשון נישט קענען שטעלן אַנטקעגן סכנות; און אידיש איז פאַר דער פרוי און פאַר דעם ניט־למדן געווען דער ערשטער שטאַפל צו אמונה. די יונגע אידישע ליטעראַטור, כ׳מיין די ליטעראַטור וואָס איז נאָך קיין פופציק יאָר נישט אַלט, האָט זיך גלייך געשטעלט אויפן באַזיס, אַז אידישע שרייבער וואָס שרייבן אידיש, טוען עס מיט פרומקייט נישט נאָר פאַרן אייגענעם וואויל־וואַקסן, נאָר אויך פאַר דער פאַרפרומונג פון לשון אַליין, וואָס האָט תמיד געהאַט און מוז ווייטער האָבן אַ קוואַזי־רעליגיעזן אָנהאַלט.

איינער פון די הייסע קעמפערס פאַר אידיש — מיט זיין יעדער וואָרט — איז תמיד געווען אפרים אויערבאַך, דער פאָעט פון „לויטערן אַלטן קוואַל“, וואָס האָט מיט יעדער ליד זיינס געוואָלט שענקען אונזער לשון — ווערטיקייט. ער האָט קיינמאָל נישט געשריבן קיין ציטווייליקן אידיש, נאָר אַ האַפטיקן, אַ פונדאַמענטאַלן; און ער האָט אַליין אַזוי שטאַרק זיך איינגעגלויבערט אין יעדער וואָרט, אַז ס׳האָט זיך געמוזט איבערגעבן צום לייענער. ער האָט געשריבן אויפגאַנג־אידיש, אַנטקעגן אַלע מלשינים פון אונטערגאַנג. איך רעד דאָ איצטער נישט פון פאָעטישע אָדער ליטעראַרישע דערגרייכונגען — אַלע ווייסן אַז אויערבאַך פאַרנעמט ביי אונז אַ חשוב אָרט, אין זכות פון זיינע דערגרייכונגען — איך רעד דאָ וועגן דעם אָנלאָגל פון זיינע לידער מיט אַזאַ אידישליבשאַפט, אַז ער ציילט זיך צווישן אונזערע גרויסע פאַרפעסטיקערס פון לשון.

געעבנטשט זיינען די וואָס זיינען קיינמאָל נישט אַרונטער פון גלייכן וועג, און וואָס קיין פאָליטיק האָט זיי אַזוי נישט צעלעכערט די קעשענעס, אַז אידיש איז זיי אַרויסגעפאַלן אונטערוועגנס און זיי האָבן זיך געפוילט עס אויפצוהייבן. אפרים אויערבאַך האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן פון אויג דעם קאָמפּאַס פון זיין אידישן וועג אין אידיש; אפילו ווען ער האָט געטאָן די בציבורדיקע אידישע אַרבעט, וואָס מען האָט געוויינלעך געשטעלט איבער שפּראַך. (אויף אַזוי ווייט איבער, אַז סאיז פון אונזער לשון געבליבן דער שטויב נאָך אַ גרויסן ויברח, בעת דער ויברח אַליין איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ שטיק ניי־אידעאַליזם, אין דער געשיכטע פון קאַליידאָסקאָפּישע אידישע אידעאַליזמען.)

אין די צוויי טוץ עסייען פון אפרים אויערבאַכ׳ס בוך ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצוראַטעווען דעם אידישן מענטש, וואָס וויל זיך

אַרויסראַטעווען פון דעם אַוואַלאַנש פון סתירות, וואָס די צייט האָט אויף אים אָנגעהויקערט. גלייך אין זיין אַריינפיר־עסיי, „וועגן טראַכטן מיט עברי־טייטש", גיט ער אונז די זכיות פון עברי טייטש, פון דעם געבענטשטן צוזאַמענמיש, וואָס די מיסטיק פון אונזער עקזיסטענץ האָט אויסקריסטאַליזירט, ווי אַ באַוואָרעניש דורך די סכנות׳דיקסטע יאָרן:

„האָט דער עברי־טייטש איד נישט געוואָלט אויסגעלייזט ווערן פון גלות? יאָ, ער האָט זיך געריסן צו גאולה נישט ווייניקער ווי דער לשון־קודש׳דיקער איד, נאָר איידער די גאולה קומט, איז דערווייל דער גלות ווי די נעסט פון אַ פויגל"...

אין דער הקדמה ווייזט אונז אויערבאַך קלאָר, אַז עברי־טייטש איז דאָס געמיט, וואָס איז אין אונז דורכגעליכטיקט מיט דער פּראָבלעמאַטיק, וואָס האָט געשטאַלטיקט די נייע אידישע פּערזענלעכקייט פון אונזער צייט — אַ פּערזענלעכקייט וואָס איז ראוי צו קומען, מיט דעם עברי־טייטש געמיט, און מאָנען אַן אַקטיווע ראָלע אין דער אויפריכטונג פון אידישן לעבן.

די פיר אָפּטיילונגען אין בוך זיינען פיר פאַרשידענע פאַזן פון עברי־טייטש געמיט, אָדער ווי אויערבאַך רופט עס — טראַכטן מיט עברי־טייטש. דאָס בוך עסייען איז אַ גוט בוך, ווייל ס׳איז איבער אַלץ אַ גאַנץ בוך — גאַנץ מיט דעם מחבר און מיט אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן. די טעזיסן אין די מייסטע עסייען זיינען די דיסטילירטע געדאַנקען פון אויערבאַכ׳ס לידער, זיי זיינען אינטערעסאַנט אויך דערמיט, וואָס זיי זיינען נישט קיין פּאַסיווע עסייען, נאָר ביז גאָר אידייאיש־רעוואָלוציאָנער. אין דער אָפּטיילונג „פאָלק און לאַנד", וואָס באַשטייט פון פיר עסייען, זיינען צעוואָרפן גאָר אַ סך אַרויסרופערישע זאַצן, וואָס מען וואָלט בפירוש באַדאַרפט פאַרגעדענקען, גראָד דערפאַר, ווייל די ראָלע פון ציוניזם אין באַנייטן לעבן ווערט אָפּגעפרעגט און עקספּערימענטאַל רעווידירט.

„די איינציקע פאַרענטפערונג פאַרן ציוניסט, וואָס באַזעצט זיך נישט אין ישראל, איז דער ציוניסטישער לעבנסוועג פאַר זיך אַליין — און פאַרן גאַנצן כלל. דעם פאָנד־ציוניזם קען דער ציוניסט נישט איבערלאָזן בירושה זיינע קינדער און בכלל פאַר די שפּעטערדיקע דורות".

אין דער עסיי „מעקסיקאַנער קויש" קומט אויערבאַך נאָך נענטער צום פּראָבלעם פון גלות, וואָס וויל טריאומפאַל שפּאַנען, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט ווערדע, נישט ביז צו די טויערן, נאָר אַריבער די טויערן פון לאַנד:

„דער געשיכטלעכער גאַנג פון אונזער פאָלק האָט געוואָלט אידיש. דער שעפערישער פאָלקס־גייסט אונזערער האָט געוואָלט אידיש. דער טרויער און די פרייד פון אונזער לעבן — זיי האָבן געוואָלט אידיש..."

דאָס קומט ביי אויערבאַכ׳ן ווי אַ מין נאָכדענק אויף בן־גוריונ׳ס קריגע־רישער קשיה: „איר ווילט נאָך אַלץ אידיש?"

אויערבאַך ענטפערט אים ווייטער:

„נאָר איין, טייערער ראש הממשלה, קומט אויס, אַז ביי מיר און אַזעלכע ווי איך, איז אידיש אַ קאַפּריז. מיר זיינען צעבאַלעוועטע גבירישע קינדער, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז רק זיי ווילן דאָס מאַרצעפּאַנדיקע מאכל אידיש. ס׳איז נישט וואָס איך וויל אידיש, נאָר וואָס אידיש וויל מיך, אָדער וואָס מיר ווילן זיך איינס דאָס אַנדערע... געבענטשט איז אידיש, וואָס האָט נישט קיין כוח צו צווינגען. געבענטשט דערמיט וואָס דער איינציקער כוח זיינער איז דער מאָראַליש־שעפערישער. אידיש וויל נישט צווינגען. אידיש ווערט באַצוואונגען, און טאָקע דערפון רעדט זיך עס דער עיקר. אין דער אידישער מדינה זאָל מען אידיש נישט באַצווינגען"...

אזעלכע אידן ווי אויערבאַך וואָלט אַ סך לייכטער געווען, ווען זיי וואָלטן וואָס גיכער שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זיי שרייבן שוין פאַר דער פאַר־מעקנדיקער איבערזעצלעכקייט. ס׳וואָלט פאַרשפּאָרט אַ סך סתירות, האַרצ־ווייטיק און מרידה, ווען ער וואָלט געקאָנט פועלן ביי זיך אָפּצושיידן דעם קודש פון זיין אַרבעט, פון דעם חול פון פּאָליטישע צוואַנג־קאָמפּראָמיסן. אָט די גאַנצקייט, ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז דאָס שענסטע אין בוך, ווייל ס׳ווייזט אַז דער עודף פון אפרים אויערבאַכ׳ס שעפעריש וואָרט, איז אויך געקניפּט און געבונדן מיט אידיש און פאַרקנסט צו עברי־טייטש געמיט.

„ס׳איז דערפאַר מעכאַניש דער צוגאַנג צו אידיש ווי נאָר צו אַ שפּראַך. אידיש איז כולל אַלצדינג וואָס די וויכטיקסטע טייל, די שאַפנדיקסטע פון אונ־זער פאָלק, האָט אַרויסגעבראַכט דורך די לעצטע יאָרהונדערטער. ס׳איז נישט ליטעראַטור, נישט מוזיק, נישט וויסנשאַפט, נישט אפילו אידייען, נאָר אַלץ אינאיינעם מיט נאָך עפּעס. דער נאָך עפּעס וואָס איז ער? איר קענט עס רופן קולטור, איר קענט עס רופן ציוויליזאַציע — ס׳איז פולסירנדיק לעבן, אידישע גייסטיקע ענערגיע, חלום פון אויסלייז... אין דער שאַפונג פון אידיש אַליין האָט דאָס פאָלק אַריינגעלייגט אַזויפיל גייסטיקע ענערגיע, אַז דאָס לשון איז געוואָרן אַ טואונג, ווערטער זיינען געוואָרן מעשים".

ס׳איז אַ נחת רוח צו לייענען אַזעלכע פּראָזע־שורות, ווייל זיי ווייזן אונז קלאָר מיט וואָס פאַראַ געמיט אפרים אויערבאַכ׳ס לידער זיינען געשריבן גע־וואָרן. זיי זיינען אויפגעפּאַסט געוואָרן אין דער טעמפּעראַטור פון אַ לשון, וואָס האָט זיך פאַרלאַנדיקט אין גלות, פאַרשאַנצט.

„די בכורה האָבן מיר אָפּגעגעבן צו העברעאיש, אָבער כדי העברעאיש זאָל האָבן די בכורה, האָבן מיר געדאַרפט האָבן אידיש. צווישן העברעאיש און

אידיש איז נישט געווען קיין סתירה. זיי האָבן זיך דערליכטיקט איינס דאָס אַנ־דערע... דער אָפּרייס פון אידיש איז נישט נאָר אָפּרייס פון שפּראַך, נאָר פון דעם גרויסן, גייסטיק־שאַפערישן קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע".

דאָרט וואו אפרים אויערבאַך שטייט אידייאיש — און שטייט שוין אַזוי מיט פעסטע פיס באַלד פופציק יאָר — הערט מען נישט צו־אָפּט אַזעלכע קרעפטיקע ווערטער, וועגן איינער פון אונזערע כלומר׳שטע סתירות, וואָס לאָזן זיך כלומר׳שט ניט אויסגלייכן. אַז אויערבאַך דערגאַנצט זיינע לידער מיט אַזעל־כע קלאָרע רייד, ווערן די רייד האַפּטיקער, ווייל זיי זיינען געדעקט מיט אַ קרן פון שעפערישקייט; און די לידער ווערן פאַרוואָרט, ווייל זיי זיינען נישט אָפּגעטיילט פון מענטשן, זיי זיינען נישט בלויז אויפבליצן פון אינספּיראַציע, נאָר זיי זיינען אַ דרך אין לעבן. דערפאַר איז דאָס בוך עסייען, אפילו ערטער־ווייז מיטן אַרגומענטאַטיוון פּובליציסטישן צומיש, אַ וויכטיקער צוגאָב צו אַלץ, וואָס דער דיכטער אויערבאַך האָט אונז ביז איצט געגעבן; און ס׳איז אויך אַ באַקרעפטיקונג פאַר דעם מענטש, וואָס איז נישט גלאָט אַ מעלאַנכאָלישער פּאַס־טעך, וואָס פייפט זיך אונטער אַ לידל, ווען די לעצטע שעפסן זיינען פאַרצוקט געוואָרן. די לידער זיינע זיינען לעבעדיק־באַוואָרט און באַוואָרנט געוואָרן אי־דייאיש, ווייל אויערבאַך האָט אונז געוויזן אַז זיינע לידער מוזן זיך ציילן נישט נאָר ווי דיכטערישע שטאַפּלען און איבונגען, נאָר ווי טיף־אידישע אויסשטראַ־לונגען פון אַ אידיש שעפעריש געמיט פון אונזער דור.

מיר געפעלן דערפאַר אויך די תנ״כ׳ישע געשטאַלטן, וואָס ווי אויערבאַך זאָגט אונז, זיינען געשריבן געוואָרן נישט פון שטאַנדפּונקט פון אַ תנ״ך־פאָרשער, נאָר פון אַ תנ״ך־איבערלעבער. אויערבאַך איז צו זיינע תנ״כ׳ישע געשטאַלטן צוגעקומען, ווי ער זאָגט אונז טרעפלעך — „ווי צו אייגענע טאַטע־מאַמע, וואָס קיין מפרשים דאַרף מען אויף זיי נישט האָבן".

דאָס בוך — „געטראַכט מיט עברי טייטש" איז אַ באַוויז, אויף ווי ווייט ס׳זיינען נישט פאַראַן קיין באַזונדערע אַרויסגעשפּרונגענע געלעגנהייט־גע־דאַנקען ביי אמת׳ע שרייבערס, וואָס שרייבן פון אַ טיפן קוואַל. די עסייען וואָס זיינען אַריין אין בוך זיינען געשריבן אין פאַרשידענע צייטן, און דאָך פאַר־בינדט זיי די גאַנצקייט פון דיכטערס גאַנג אין דער אידישער ליטעראַטור אין משך פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט. ווען איך וואָלט געוואָלט אַרויפלייגן די פינגער אויפן סאַמע פּולס פון בוך, וואָלט איך עס געפונען אין דעם פאַרלאַנג פון דיכטער אויסצוגלייכן אונזערע סתירות. שוין דער נאָמען אַליין פון בוך איז אַזאַ אויסגלייך פאַר אַ סתירה, וואָס דאָס אידישע לעבן האָט געפונען אין דעם אויסדרוק — „עברי טייטש". דאָס וואָרט טייטש מיינט אין דעם קאָנטעקסט מער ווי פירוש, ס׳איז אויך אַ רמז אויף דייטש, וואָס דער איד האָט פאַראידיש־

טייטשט און פאַר׳עברי־טייטשט, אָפּווישנדיק מיט גרויסער איראָניע דאָס „טייטשמערישע״ פּסולת.

ווייל איך פאַרענדיקן מיט אַן אויסצוג פון דער לעצטער אָפּטיילונג אין בוך — „אין אייגענעם גאָרטן״.

„ווערטער זיינען נישט קיין בראָדיאַגעס. זיי שלעפּן זיך נישט אַרום אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, אָן אַ שליחות און אָ זין. ווערטער וואַקסן אויך נישט אַרויס ווי ווילדע פלאַנצן, וואָס גיבן אַ שפּראָץ־אַרויס מיט ממזרישער גע־שיקטקייט. ווידער, ווערטער זיינען נישט קיין פּאַראַזיטן, וואָס אַליין האָבן זיי נישט קיין וואָרצלען, נאָר זיי נערן זיך אויף די וואָרצלען פון אַנדערע״.

דער בעסטער פּאַספּאָרט פאַר געשריבענע ווערטער איז אַן ערלעכע קינסט־לערישע דעקונג, וואָס שטראָמט אַרויס פון אַן אינערלעכער שלימות. די ווער־טער וואָס אויערבאַך האָט צוזאַמענגערופן אין זיין עסייען־בוך, און דער עיקר טאַקע אין די געשליפענערע עסייען, זיינען אַ פּירוש אויף זיינע לידער, וואָס וואָרהאַפטיקט זיי, נישט ווי פּליט־פייגעלעך, נאָר ווי תושבים אין דער עברי־טייטש רעפּובליק, וואָס אויערבאַך איז פון אירע אויפריכטיקסטע און איבער־צייגנדיקסטע מליצי־יושר.

אינהאַלט:

מענדעלע מוכר־ספרים 11
י. ל. פרץ 28
דוד עדעלשטאַט 35
א. ליעסין 42
אברהם רייזין 48
יהואש 64
פרץ הירשביין און לאַמעד שאַפּיראָ 70
בעל־מחשבות 92
שמריהו גאָרעליק 98
שמואל ניגער 103
מאַני לייב 113
משה לייב האַלפּערן 122
ז. סעגאַלאָוויטש 128
יוסף ראָלניק 136
יוסף אָפּאַטאָשו 145
ב. לאַפּין 157
דוד בערגעלסאָן 164
דוד איגנאַטאָוו 170
ראובן אייזלאַנד 177
י. י. סיגאַל 183
נחום באָמזע 213
שמחה פּיעטרושקא 220
חיים גרינבערג 231
ה. רויזענבלאַט 255
י. י. שוואַרץ 261
יעקב פּיכמאַן 267
דוד איינהאָרן 274
ה. לייוויק 283
א. לעיעלעס 291
א. לוצקי 297
נ. ב. מינקאָוו 301
איציק מאַנגער 306
רחל ה. קאָרן 315
אליעזר גרינבערג 323
ל. פיינבערג 329
רייזל זשיכלינסקי 335

יונג ווילנע ... 342
חיים גראַדע ... 348
מרדכי יאָפע ... 355
א. סוצקעווער ... 360
יעקב פרידמאַן ... 366
אריה שמרי ... 373
משה יונגמאַן ... 378
דוד פינסקי ... 387
שלום אַש ... 391
יואל ענטין ... 406
ש. מיללער ... 412
ב. דעמבלין ... 419
בנימין רעסלער ... 425
שמואל איזבאַן ... 430
י. מעצקער ... 437
ב. אַלקוויט ... 443
ח. אַיאַלטי ... 448
ישעיהו שפיגל ... 453
מרדכי שטריגלער ... 466
שלמה ביקל ... 473
אפרים אויערבאַך ... 480

נעמען פון יחידים וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן
דאָס בוך פון חבר יעקב גלאַטשטיין *

ש. בראָנשטיין ....ברוקלין, נ. י.
ה. סמעלאַנסקי ....ניו־הייווען, קאָנג.
ב. לייט ....טראָנטאָ, נ. דזש.
י. שרייבמאַן ....פילאַדעלפיא, פּא.
נ. לאַנדאו ....ניו־יאָרק, נ. י.
י. ערקעס ....פילאַדעלפיא, פּא.
ל. ליפשיץ ....ראָטשעסטער, נ. י.
טש. קאָהען ....ברוקליין, מאַסס.
סעם בוירק ....וועסט ניו־יאָרק, נ. דזש.
מ. גרינשטיין ....ס. אָזאָן פּאַרק, נ. דזש.
ה. באיסין ....דעטראָיט, מיש.
י. גינזבורג ....ניו־יאָרק, נ. י.
דר. ה. נעלקין.............................דזשאַמאַיקאַ, נ. י.
י. אָוערבאַך ....וויניפּעג, קאַנאַדאַ
א. מאַנדעל ....קעמדען, נ. דזש.
י. קאַהאַן ....לאָס אַנדזשעלעס, קאַל.
דר. ה. געמבערג...........................שיקאַגאָ, איל.
א. גוסאַק ....פלאָשינג, ל. א.
מ. בלוישטיין ....ריטשמאָנד הילס, נ. י.
ד. שטיין ....וואָטערבורי, קאָנג.
מ. שניידערמאַן ....ברוקלין, נ. י.
מאַקס בראַווערמאַן ....ברוקלין, נ. י.
י. וויינער ....יוסטאָן, טעקס.
ד. גענשאַפט ....מאַסילאָן, אָהייאָ
פּ. זאַלץ ....שיקאַגאָ, איל.
ש. ראָזען ....ברוקלין, נ. י.
א. ווילינגער ....שיקאַגאָ, איל.
יוסף פאַדהוירסט ....דזשוירזי סיטי, נ. דזש.
מ. לעפקאָוויץ ....ברוקליין, מאַסס.
דר. מ. קאַליש...............................פילאַדעלפיא, פּא.
מ. סאָלאָף ....מט. ווערנאָן, נ. י.
י. ראַבין ....נאַקסוויל, טענג.
ד. בלאַושטיין ....דזשוירזי סיטי, נ. דזש.
ע. לעסאַוואַדער ....מיאַמי ביטש, פלאָ.

---

* די ביישטייערן פון די חברים זיינען דערהאַלטן געוואָרן ביז דעם 16טן יולי, 1956.

ב. נאַסאַנטשוק .... ווינדזאָר, קאַנאַדאַ
מ. צאום .... ניו־יאָרק, נ. י.
מ. גארמיזע .... ברוקלין, נ. י.
טש. ווייסמאַן .... ווילקעס באַר, פּאַ.
טש. ראווינסקי .... ברוקלין, נ. י.
נ. איזראַעלאָף .... ברוקלין, נ. י.
דר. ס. אויסטין .... סט. לואיס, מאָ.
א. מאָלדאָוו .... ברוקליין, מאַסס.
מ. בינעל .... ברוקלין, נ. י.
וואָלטער ניובערגער .... לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.
דוד שיין .... ניו הייווען, קאָנג.
דר. ז. קליין .... לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.
ע. גאלאנבאָוו .... סאוט בענד, אינד.
וו. שניידער .... דעטראָיט, מיש.
א. בייטנער .... דעטראָיט, מיש.
ה. מאָנדרי .... דעטראָיט, מיש.
ה. ארקוש .... נאָרט בערגען, נ. דזש.
נ. ארלוק .... פּיטסבורג, פּאַ.
ברענטש 1 .... פּילאַדעלפּיא, פּאַ.
י. ברעטשניידער .... ניו־יאָרק, נ. י.
ה. קאַצמאַן .... בראָנקס, נ. י.
ווּמ. גיימאַן ע"ה .... דעטראָיט, מיש.
ה. א. אַבראַמסאָן .... ניו־יאָרק, נ. י.
ש. ראַסקין .... ניו־יאָרק, נ. י.
א. שוצמאַן ....ווילמינגטאָן, דעל.
ב. סאָליץ .... שיקאַגאָ, איל.
פ. ראָזענמאַן .... פּילאַדעלפּיא, פּאַ.
מ. מארגולים .... ניו־יאָרק׳ נ. י.
א. טראָי .... ווילקעס באַר, פּאַ.
ה. און דזש. באָרקין .... טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ
ה. פּרילוק .... ניו־יאָרק, נ. י.
נ. קאָרן .... דעטראָיט, מיש.
ב. יודין .... ניו־יאָרק, נ. י.
מ. שלייפמאַן .... קאָנגערס, נ. י.
מ. פּעדאָוויץ .... ברוקלין, נ. י.
ס. ברוקס .... דענווער, קאָל.